סאָוועטיש

6 1974

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר

דערשײַנט פֿון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

6 יון

1974

אינהאַלט

צום 175־טן געבורטסטאָג פון אלעקסאנדער סערגייעוויטש פושקין. דאָרף. — דער נאכט־זעפיר און אנד. לידער אין דער איבערזעצונג פון דאַוויד האָפּשטיין 3

יעכיעל פאַליקמאַן. פייער און אש (ראָמאַן. פאָרזעצונג). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 8

אַרן ווערגעליס. פונעם ליבע־ציקל (לידער). — מיר נעמען שוין אַזאַ מין פאַל... (פּאָעמע) 58

אַף די שפּורן פון געשעענעס. כאַסקל זיין. קאַפּיטאַן אלעקסאנדער מוק — נאַציאָנאַלער העלד פון טשעכאָסלאָוואַקיע; יאַקאָוו שוואַרצמאַן. דער מאָסקווער הימל און די מאָסקווער ערד; לעאָניד ווערטליב. ער איז געווען צווישן די ערשטע; יאַקאָוו קראָטשעק. „דאָס טייערסטע באַם מענטשן איז דאָס לעבן...“; ש. גרוזבערג. דער אומפאַרגעסלעכער סעאַנס . . 64

מאָטל גרוביאַן. באַוואונדער די וועלט (לידער) . . 76

הירש דאָבין. דער ערשטער פּרוּוו (דערציילונג) . . 80

אווראָם קאַצעוו. מיניאַטיורן (לידער) 107

טעוויע גען. לאַנג און קורץ, ווי דאָס לעבן (דערציילונג) 109

פּובליציסטיק

דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם — אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַרן ייִסראָעל־פאָלק און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע קרייזן (דאָקומענט, באַשטעטיקט פונעם 17־טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל) 142

ב. ריכטער. דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל 152

מענטשן — זייער צייט און זייער גורל. יעכיעל טשיטשעלניצקי. זיין ליכטיקער שפּור; יאַשע רוביאַן. מיין ברודער מאָטל גרוביאַן 155

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

יעשוע ליובאָמירסקי. דער פאָלקס־אַרטיסט בייניאָמין זוסקין 165

קורצע רעצענזיעס. יעכיעל פאַליקמאַן. דער קויעך פון עמעס; מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. דער אָריגינאַל און די איבערזעצונג. 174

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. די סאָוועטישע אַרמיי האָט געראַטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון פאַרניכטונג. — אַרום די געשעענישן אין טשילע. — אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטיין 177

אונדזערע מיטיילונגען. דאָוויד בעלקין. דער גרויסער הומאַניסט און פעלקער־פריינט 181

פאַרשיידנס 184

ביבליאָגראַפיע. אַבע פינקעלשטיין. אַ. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין ייִדיש 186

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 187

כראָניק 154, 164, 183, 189

לאָמיר זינגען נייע לידער. צי ווייניק כ׳וויל, צי כ׳וויל אַ סאַך. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו 188

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע,
מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

צום 175 = טן געבורטסטאָג
פון אלעקסאנדער סערגייעוויטש פושקין

קינסטלער א. פרוצקי (אווטאָ־ליטאָגראַפיע)

א. ס. פּושקין

דאָרף

כ׳באַגריס דיך,ווינקעלע פאַרוואָרפנס, שטילע היים,
ווו כ׳קאָן פון מי און פון באַגײַסטערונג געניסן;
א שטראָם פון מײַנע צאַרטע טעג דאָרט פליסט געהיים
אין שויס פון גליק און דרעמל זיסן!
כ׳בין דײַנער, כ׳האָב פון רייץ און זינד די שיינע וועלט,
די בעלער און די פוסטע פּראַכט פון הויף פון שטרענגן
פאַרביטן אויף דעם שטילן רויש פון וואַלד און פעלד,
אויף פרײַער לײדיקגייערשאַפט — דעם פרײַנט פון דענקען.
כ׳בין דײַנער: איך האָב ליב דעם טונקלען סאָד,
די פרישקײַט זײַנע, זײַנע בלומען,
די לאָנקע, ברייט מיט סטויגן דופטיקע פאַרנומען,
ווו טײַכלעך רוישן צווישן שטרויכיקן באַראָט;
פאַר מיר אין דעם ארום דאָ שוועבן שטילע בילדער:
פון אָזערעס פון צוויי כ׳זע פלאַכן בלויע, מילדע,
דעם פישערס ווײַסער זעגל ווײַזט זיך דאָרט אַמאָל,
נאָך זיי א ריי פון בערגלעך, פון געשטרײַפטע פעלדער.
דאָרט ווײַט צעוואָרפן כאַטעס עלנטע,
און טשערעדעס זיך פּאַשען דאָרט אין ווײַטן טאָל,
און ווינטמילן, און שײַערס רויכיקע ניט זעלטן;
אויף אַלץ א שפּור פון זעט, פון מי, פון שווערן אָל.
אָט דאָ, באַפרײַט פון טומלדיקע פּענטעס,
איך לערן זיך אין עמעס אויסגעפינען גליק
און שעצן דעם געזעץ מיט פרײַער זעל און בליק,
ניט אויסהערן די קלאָגעניש פון מענגע טעמפּער,
מיט מיטלײַד ענטפערן אויף שטיל געבעט און פּײַן
און קיינמאָל ניט מעקאַנע זײַן
דעם גאַנעוו און דעם נאַר אויף גרויסקײַט ניט־פאַרדינטער.
אָראַקולן פון דורעס, כ׳פרעג בא אײַך דאָס מאָל!
אין שטילער איינזאַמקײַט אַצינדער
איז קלאָרער אײַער מונטער קאָל;
עס טרײַבט די פוילקײַט און דעם טונקלען דרעמל,
געבירט אין מיר א ברען צו מי,
און אײַער שעפערישער ווילן
אין טיפקײַט רײַפט אין זעל בא מיר.

נאָר איין געדאַנק מאַכט שווער דאָס האַרץ דאָ אומגעהויער:
אין בלײַענדיקן שיינעם קאַנט
דער פרײַנט פון מענטשהײַט אומעטום באַמערקט מיט טרויער
פון ווילדן אומוויסן די אומגליקלעכע שאַנד.
אויף טרערן ניט געקוקט, ניט הערנדיק די קרעכצן,
דער ווילדער אַדל האָט מיט ריטער און מיט גוואַלדן
שוין צוגענומען אָן ראַכמאָנעס, אָן געזעצן

באם ארבעטער פון ערד זײַן מי, זײַן צײַט, זײַן אַלץ,
ווי ס'וואָלט דער גוירל אים פון מענטשן־פּײַן באַשאַפן.
דער פּאַרעץ גוואַלדטאַטן און אומרעכטן נאָר זייט,
און טרײַבט מיט בײַטשן נאָך דעם אַקער אַף זײַן בייט
די דאַרע נאָכגעביקע שקלאַפן.
אָן קיין שום האָפענונג, אָן קיין באַגער
דאָ טראָגן אַלע ביזן גרוב דעם יאָך, דעם שווערן;
דאָ בלײַען יונגע מיידלעך מער
פאַר טײַווע פון דעם אויסגעלאַסענעם פאַרברעכער.
דער ליבער אָנלען פון די טאַטעס אַף דער עלטער,
די יונגע זין, — אין האַרבער מי די טרײַע העלפער —
פון היים, פון שטיבל גייען זיי מיט זיך פאַרמערן
די צאָל פון קנעכט פאַרפּײַניקטע אין אַרבעט שווערער.
ווען הערצער אופרירן מײַן שטימע וואָלט געקענט!
פאַרוואָס אין האַרץ באַ מיר אָן פּרוכט א פײַער ברענט,
פון שטראָף־רייד גרויזאַמע קיין גאָב אין מײַנע הענט?
צי וועל איך, פרײַנט, דערזען דאָס פאָלק, באַפרייט פון קייטן,
דער יאָך פון קנעכטשאַפט פאַלט, עס פאַלט דער צאַר אין קריג,
און איבער פאָטערלאַנד וועט אופגיין און זיך שפּרייטן
די זון פון פרײַער בילדונג און פון הויכן גליק?

.1819

דער נאַכט = זעפיר

דער נאַכט־זעפיר,
ער שטראָמט עפיר.
עס רוישט,
עס ברויזט
גוואַדאַלקוויויר.

די לעוואָנע ווי פון גינגאָלד,
שטילער... שאַ... א צאַרטער טאָן...
אָט א שפּאַניערן א פלינקע
שפּאַרט זיך אָן אין דעם באַלקאָן.

דער נאַכט־זעפיר,
ער שטראָמט עפיר.
עס רוישט,
עס ברויזט
גוואַדאַלקוויויר.

וואַרף די שאַל, זיך וויַיז, געבענטשטע,
ווי די זון־שײַן, קום באַנײַס!
דורך טשוהונענע פאַרענטשעס
דײַן שיין פיסעלע באַווײַז!

דער נאַכט־זעפיר,
ער שטראָמט עפיר.
עס רוישט,
עס ברויזט
גוואַדאַלקוויויר.

.1824

נאַכט

פאַר דיר מײַן שטים איצט קלינגט, א בענקענדע, א צאַרטע,
פאַר דיר זי וועקט די נאַכט די שווײַגנדיק־פאַרטראַכטע.
א טרויעריקע ליכט באַ מײַן געלעגער ברענט;
דער שטראָם פון מײַנע פערזן פליסט און רוישט און בלענדט,
א קוואַל פון ליבע רוישט, מיט דיר איז פול איינגאַנצן.
אין פינצטערניש פאַר מיר די אויגן דײַנע גלאַנצן
און שמייכלען מיר, און קלאַנגען זיסע איך דערהער:
מײַן צאַרטער פרײַנט, איך האָב דיך ליב און דיר געהער...

.1823

באכוס=ליד

וואָס שוויַיגט עס פון פריידן דאָס קאָל?
געזאַנגען, ניט לאָזט אָף זיך וואַרטן!
זאָלן לעבן די מיידלעך די צאַרטע,
די פרויען, וואָס האָבן געליבט אונדז אַמאָל!
גיסט פולער די גלעזער,
נעמט טרינקען!
געדיכט אין דער ווײַן,
אין גלאָז וואַרפט אַרײַן
די טײַערע האַרציקע רינגען!
די גלעזער א הייב טאָן, א קלונג טאָן צוזאַמען!
זאָלן לעבן די מוזעס, דער סייכל זאָל פלאַמען!
דו, זון, דו אַלהייליקע, גליִ!
ווי בוימל־שײַן בלייכט און גייט אויסעט
פאַרן לויטערן אופגאַנג פון פרי,
אַזוי צאַנקט די קלוגשאַפט די פאַלשע און גויסעט
פאַרן סייכלס אומשטערבלעכער מאַכט.
זאָל לעבן די זון, זאָל פאַרזינקען די נאַכט!

.1825

א ווינטער=אָוונט

דער געוויטער הימלען כוישעכט,
שניי־וויכערס ער דרייט געשווינד;
ווי א כײַע, אָט ער רוישט דאָרט,
אָט צעוויינט זיך, ווי א קינד,
אָף דעם אַלטן דעכל וועט ער
באַלד די שטרוי א טרייסל טאָן,
ווי א דורכגייער א שפּעטער,
אונדז אין פענצטער קלאַפּט ער אָן.

אונדזער שטיבעלע דאָס אַלטע
איז אין טרויער אײַנגעהילט.
וואָס זשע זיצסטו דאָרט, מײַן אַלטע
בא דעם פענצטער אײַנגעשטילט?
צי דאָס ברומען פון געוויטער
האָט, מײַן פרײַנט, דיך אײַנגעמידט,
צי צום שלאָף דער שפּינראָד ציט דיך
מיט זײַן זשומען, מיט זײַן ליד?

לאָמיר טרינקען, פרײַנדן עכטע
פון מײַן אָרעמער יוגנט־פּײַן,
טרינק פון צאָרעס; ווו'ז דאָס קוועַרטל?
אָפן האַרץ וועט גרינגער זײַן.
זינג א ליד, ווי ס'לעבט א פויגל
פרײַ אין יאַמען־ווײַטן לאַנד;
זינג א ליד מיר, ווי א מיידל
איז צום ברונעם פרי געגאַן.

דער געוויטער הימלען כוישעכט,
שניי־וויכערס ער דרייט געשווינד;
ווי א כײַע, אָט ער רוישט דאָרט,
אָט צעוויינט זיך, ווי א קינד.
לאָמיר טרינקען, פרײַנדן עכטע
פון מײַן אָרעמער יוגנט־פּײַן,
טרינק פון צאָרעס; ווו'ז דאָס קוועַרטל?
אָפן האַרץ וועט גרינגער זײַן.

.1825

* * *

ניט זינג, דו שיינהײַט, נעבן מיר
פון גרוזיע די טרויער־לידער:
א ווײַטן ברעג זיי מאָלן מיר,
אַן אַנדער לעבן זע איך ווידער.

אָ, יאָ, איך זע עס, דאָס געזיכט
פון דעם פאַרלאָזטן ווײַטן מיידל,
און סטעפּ, און נאַכט, לעוואָנע־ליכט,
דײַן ליד דערמאָנט מיר אַלטע ליידן.

דאָס ליבע, פײַנפולע געשטאַלט
פאַרגעס איך, ווען כ'דערזע דײַן פּאָנעם;
נאָר אַז דו זינגסט, איך זע עס באַלד,
און אַלטע ליידן זיך דערמאָנען.

ניט זינג, דו שיינהײַט, נעבן מיר
פון גרוזיע די טרויער־לידער:
א ווײַטן ברעג זיי מאָלן מיר,
אַן אַנדער לעבן זע איך ווידער.

.1828

* * *

שוין בערגלעך גרוזישע מיט טונקלקייט פארשטעלט;
עס רוישט אראגווע אומגעהויער.
ס'איז אומעטיק און גרינג; עס איז מיַין טרויער העל;
מיט דיר איז ער דאָך פול, מיַין טרויער,
מיט דיר, מיט דיר אליין... מיַין איַינגעשטילטן צאר
טוט גאָרניט פּיַיניקן און ניט באטריבן,
און ס'פלאמט דאָס הארץ באניַיס, און ס'ליבט דערפאר,
וויַיל ס'קאָן ניט, קאָן שוין ניט-ניט ליבן.

.1829

וידערקאָל

צי הוילט א כיַיע טיף אין וואלד,
א האָרן שאלט, א דונער פּאלט,
א מיידל זינגט, — דו ענטפערסט באלד
אף יעדער קלאנג,
אף יעדער בויג, אף יעדער פאלד
אין לופט־געהאנג.

נעמסט אוף פון דונערן דעם קנאל,
דעם רויש פון הויכן וואסערפאל,
פון פריַיע פאסטעכער דעם שאל —
מיט קלאנג־גענוועט;
אליין אָן מיטקלאנג איבעראל...
ווי דו, פּאָעט.

.1831

לויט אראבישן

באָכער צארטער, באָכער ליבער,
שעם זיך ניט, געפעלסט דאָך מיר;
ביידע ברענגען מיט איין פיבער,
מיט איין לעבן לעבן מיר.
זאָל מען לאכן, ס'ארט מיך ווייניק —

זע, מיר זיַינען זאלבעצוויי,
פונקט צוויי ניסעלעך פארייניקט,
וואָס איין שאָלעכץ ווארעמט זיי.

.1835

איבערזעצונגען פון דאָוויד האָפשטיין

יעכיעל פאַליקמאַן

5

ווען סטעפּקע האָט אופגעשלאָסן די טיר און דערזען, אַז אין דער היים איז קיינער ניטאָ, האָט זי דערפרייט זיך, נאָר קימאַט איינצײַטיק איז זי אויך גע־וואָרן אומרויִק. וועגן דעם האָט זי אַפילע קיין טראַכט ניט געטאָן, אַז זי קאָן ניט טרעפן אָלגען און עס וועט פּאַשעט ניט זײַן וועמען צו רופן. אָבער וואָס הייסט דאָס — ניט נאַטאַשקע, ניט אָלגע? זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, וואָס בא דער פּליטע, און, טראָגנדיק עס אין ביידע הענט, זייער אופמערקזאַם באַקוקט די קיך און דאָס צימער. אַלץ איז געווען אָף אָן אָרט, אין פולער אָרדענונג. דאָס האָט זי א ביסל באַרויִקט. ווען א פּלוצעמדיקער איבערפאַל, אָן אונטערזוכונג — אַזוינס איז שוין אויך דורכגעלאָפן בא איר אין קאָפּ, הײַנט האָט מען בא־זונדערס געקאָנט דערוואַרטן אַלץ — וואָלט אין שטוב געווען האַרע־קאָרע, און מע וואָלט אוואַדע זי אויך, סטעפּקען, מאַטריִען געווען, אַפּילע באַם רודעי, אָדער מע וואָלט דאָ גע־וואַרט אָף איר.

אין קיך, אָפן דיל, שוין ווען זי האָט דאָס צווייטע מאָל באַקוקט די קיך, האָט זי באַמערקט עטלעכע שטיקלעך בלאָטע מיט סימאָנים פון אָפּצאַסן — גרעסערע, איידער פּרויִשע. דאָ איז געווען א מאַנצבל, אַפילע צוויי, נאָר ניט אין איינער און דער זעלבער צײַט. בא דער ניט געהייצטער פּליטע איז דאָס שטיקעלע בלאָטע מער צוגעטריקנט געווען, ווי יענע צוויי־דריי, וואָס זײַנען געבליבן בא דער טיר, און אַליין די אָפּצאַסן האָבן זיך אונטערשיידט: אינעם מער צוגעטריקנטן, מיט אָן אײַנגעקוועטשט שטרויעלע, האָט זיך פאַרהיט דער אָפּדרוק פון א פּאָדקעווע, ווי בא דאָרפסלײַט... אָט דאָס האָט סטעפּקע באַמערקט, און עס האָט זי נאָך מער באַרויִקט. איינער פון די מאַנצבלען האָט געקאָנט זײַן ליאָניע, ער טראָגט קיין פּאָדקע־וועס ניט, און דער צווייטער, אויב ער איז ווירקלעך פון א דאָרף, איז עפּשער ניטאָ וואָס איבערצוטראַכטן?

אויסגעשטעלט זיך אַלץ צום בעסטן, און כאָטש די אנגסט איז פאָרט געבליבן, האָט סטעפּקע געזוכט א טרייסט נאָך אין איין זאַך: מע וואָלט איר איבערגעלאָזט א צעטעלע, כאָטשבי א פאַרשטעלטס, ווען מע קלײַבט זיך ניט גיך קומען צוריק. נאָר אָט דאָס האָט זי א טראַכט געטאָן שוין גראָד אויך איבער עפּעס אנדערש: אָלגע וועט זיך אומקערן, און ווי, אויב דעם רודעי, אָדער יענעם צווייטן, דעם גענעראַל, ער איז גאָר אָן אײַנגעגעסענער, וועט

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 1974.

אײַנפּאַלן ווידער שיקן אהער זי, סטעפּקען, צי — און דאָס וועט זײַן נאָך ערגער — עמעצן, זאָל זײַן, דעם שאָפער?

שנעל אָפּגעזוכט א ריין שטיקל פּאַפּיר און א בלײַער, האָט סטעפּקע אָנגעשריבן:

„אַלינקע! איך בין דיך געקומען אײַנלאַדן צום שעף, ער האָט א גאַסט און מיר וואָלטן גוט פאַרבראַכט דעם אָוונט. נאָר איך האָב געטראָפן דײַן צעטעלע, אַז די צײַן טוען דיר ווײ, אַז דו ביסט ערגעץ אוועק זיך אויסרײַסענען, וואָס צו טאָן. כוץ אַלץ, וואָס מע וועט דיר אײַצען, טו אויך אַזוינס — בינד גוט אַרום די באַק".

דאָס מאָל האָט סטעפּקע אויסגעטאָן דעם מאַנטל באַ קרומפּײַלן אין קלײנינקן פּאָדער־צימער, אופגעהאַנגען אים באַנאַנד מיט די צוויי שינעלן — דעם שוואַרצן און דעם העל־גרויען, ביידע פון גוטן געוואַנט. זי האָט אויך צוגעקעמט זיך באַ דער שמאָלבלעכער טריומאָ, אָפּגעפּרישט די פאַרב אַף די ליפּן, לײַכט צוגעפּודערט דאָס פּאָנעם — עס זײַנען אַף דעם צעגאַנגען עטלעכע שנײעלעך. זי האָט בעקיוון צעצויגן די צײַט, אין צימער האָט גערעדט די ראַדיאָ. דער אופנעמער איז אײַנגעשלאָסן געווען ניט הויך, נאָר סטעפּקע האָט לויט דער אינטאָנאַציע דערקענט, — צוערשט לויט דער אינטאָנאַציע, און דאָס האָט זי געצווונגען פאַרטײַען דעם אָטעם, — דער דיקטאָר האָט גערעדט אַף רוסיש, און אַזוי, ווי נאָר די מאָסקווער דיקטאָרס ריידן...

סטעפּקע איז ניט זיכער געווען — מע האָט אין צימער געהערט, צי ניט געהערט, אַז זי האָט זיך אומגעקערט, דערפאַר האָט זי לאַנג פאַרהאַלטן זיך אין פּאָדערצימער ניט געטאָרט, און די טיר איז געווען א מאַסיווע, עס האָבן דורך איר זיך דערטראָגן אײנציקע ווערטער, לויט וועלכע מע האָט בלויז געקענט פאַרשטײן, — מע גיט איבער נײַס. כוץ דעם, האָבן די צוויי דײַטשן זיך איבערגעוואָרפן מיט רעפּליקעס, דאָס האָט אויך געשטערט הערן. איז אויסגעקומען אַרײַן אין צימער.

ווי סטעפּקע האָט דערוואַרט, איז באַם אופנעמער געזעסן פאָן גלייעוויץ. קרומפּײַל איז געשטאַנען לעבן פענצטער און דורכן עטוואָס פאַנאַנדערגערוקטן פאָרהאַנג געקוקט אין פינ־צטערן דרויסן. קלאָר, פאָן גלייעוויץ האָט איבערגעזעצט, און די נײַס זײַנען די דײַטשן ניט געפעלן — ביידע זײַנען, קענטיק, געווען צערודערט. ווען סטעפּקע איז אַרײַנגעקומען, האָט דער גענעראַל צוגעדרייט דעם אופנעמער, עס זאָל זיך דערטראָגן בלויז א שעפּטשען, נאָר ניט אויסגעשלאָסן אים.

— איך זע, איר זײַט געקומען אַליין, סטעפּאַ, — האָט ער געזאָגט אָן דער פריערדיקער אופגעלעבטקייט און אויך אָן יענעם אומגעדולד, מיט וועלכן ער האָט זי אַרויסבאַגלייט, — וואָס וועט איר אונדז דערקלערן?

סטעפּקע האָט געזאָגט, אַז איר שכײנע פילט זיך ניט גוט, די צײַן טוען ווײ. ערגעץ איז זי אוועק זוכן הילף.

— טריוויאַל, טריוויאַל, — פאָן גלייעוויץ האָט א קרומלעכן שמייכל געטאָן, — מײלע, איינס איז גוט — מיר זײַנען שוין אי הונגעריק, אי דאָרשטיק. איר אויך אוודאי, סטעפּאַ. גיט אהער די אוכאַ!

מע האָט, הייסט עס, געוואָלט, זי זאָל אוועק אין קיך. די דײַטשן האָבן ווידער העכער געמאַכט די ראַדיאָ, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט ניט וויסן, אַז עפּעס, אויב ניט אַלץ, וועט זי הערן. וואָס זשע האָט געצווונגען די דײַטשן א מאַך טאָן אַף דעם מיט דער האַנט און אײַנשליסן מאָסקווע? צו סטעפּקען האָט זיך דערטראָגן: טוניס. די ענגלענדער האָבן פאַרכאַפּט א וויכטיקן אַעראָדראָם, זיי זאַמלען דאָרט אָן דעסאַנטלער, וואָס ווערן אַריבערגעוואָרפן פון אַלזשיר, און שאַפן א נײַעם פראָנט. נאָך איין מיטײלונג: ליביע. די פאַרבינדעטע האָבן פאַר־נומען בענגאַזי און געפינען זיך דרײַסיק קילאָמעטער פון ביזערטע.

ווײַטער איז מיסטאָמע אוועק ווייניקער אינטערעסאַנטס, מע האָט דעם אופנעמער צו־געדרייט צי אויסגעשלאָסן. די דײַטשן האָבן ניט הויך זיך דורכגערעדט, סטעפּקע איז אַרײַן מיט צוויי דאַמפּיקע טעלער פיש־יויך אַף א טעצל, און ביז זי האָט זיי אוועקגעשטעלט אַף די פון פאָרויס צוגעגרייטע פליטקערע טעלער, און ביז זי איז ניט אוועק צוריק מיטן טעצל, קעדיי ברענגען די דריטע פּאָרציע (דערבײַ האָט זי פון דער ערשטער רעגע אָפּגעמערקט, אַז דאָס גרינע אייגל פונעם „טעלעפונקען" לויכט טאַקע ניט), האָבן פאָן גלייעוויץ און קרומפּײַל גאַנץ פאַרמאָרעשכוירעטע געשוויגן. נאָר אָט האָט זי זיך אומגעקערט (די דײַטשן זײַנען נאָכאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן). זי האָט אוועקגעשטעלט אויך איר טעלער אַפן טיש, א גלײַך געטאָן יעדנס געשיר און, גאַסטפרײַנטלעך־אופגערוימט, נאָר מיט יענעם ביסעלע זאָרג, וואָס בלײַבט שטענדיק באַ א פרוי, ווען זי גרייט עפּעס צו, א שמייכל געטאָן, אײַנ־געלאַדן צוטרעטן צו דער וועטשערע. אָט דעמלט, ווען מע האָט שוין אָנגעגאָסן ווײַן אין די

קעלישעקלעך, יעדערער האָט אוועקגעלייגט פאר זיך צובײַסעכץ, האָט פֿאָן גלייעוויץ צוגע־דעקט מיט א דלאָניע זײַן ניט גאָר פול קעלישעקל קאָניאַק, — מיסטאמע א הויך־אָפיצערישער זשעסט, ווער ווייסט, צי דער זשעסט פון א געוויינלעכן שיקער, וואָס צעציט די האנאָע? — און געזאָגט ווידער מיט אזא קרומלעכן שמייכל, ווי בייס סטעפּקע האָט זיך אומגעקערט פון אָלגען:

— אונדזער סטעפּאַ קער טראַכטן: וואָס עפּעס — מאָסקווע? וועלן מיר עס איר דערקלערן, רודי, ביז מיר זײַנען נאָך אלע ניכטער... שטארקע מענטשן, שטארקע מענער — בלויז מענער קעמפן דאָך אפּאנעמעסן — זיי מוזן קענען דענקען אָביעקטיוו. ניט נאָר מע מעג, מע דאַרף הערן, ווי דער פײַנט, אנטשולדיקט, מירן עס זאָגן אַנדערש — דער קעגנער, באַטראַכט די לויפּנדיקע געשעענישן. איך פרעג אים, רודאָלפן: האָסט אַן איבערזעצערן, אזא פײַנע רוסן, צי הערסטו כאָטש אמאָל מיט איר הילף, וואָס יענע, אירע, זאָגן? ניין, א דעמב, און גאָר! האָב איך אים אָט ערשט באַוויזן: די רוסן גיבן אָן די נײַס, אפילו אזעלכע, וואָס זײַנען אין געגעבענעם פאַל גאַנץ גינסטיק פאַר זיי, מער צוריקגעהאַלטן, איידער בערלין.

— אָ! — סטעפּקע האָט דאָס ארויסגעבראַכט פאַרכידעשט, און אזוי, פונקט זי זאָל שעצן דעם גענעראַלס אָפנהערציקײַט — די עטלעכע שטאָך זײַנע האָט זי, הייסט עס, ניט גענומען אין אכט. און גלײַך טאַקע, מיט א שמייכל, א קאָקעטישן, נאָר אויך עטוואָס א נעקאָמעדיקן, בייס אזא ווילמוטיקער פּיקיראָוועקע מעג מען, האָט זי באַמערקט: — נאָר עס באַקומט זיך, ליידער, הער גענעראַל, אז איר דערוויסט זיך גאָרניט פון דעם, וואָס איר הערט דעם קעג־נערס מיטיילונגען...

קרומפּײַלן איז, קענטיק, פריקרע געווען דער שמועס, עפּשער איז דאָ אפילו געגאַנגען ניט אין דעם, צי ניט נאָר אין דעם, וואָס פֿאָן גלייעוויץ האָט ווידער אים, דעם באַלעבאָס, ארויסגעשטעלט צום נאַר — „א דעמב", און סטעפּקע האָט, באַקומט זיך, כאָטש ניט דירעקט, נאָר אים פאַרטיידיקט; קרומפּײַל איז ניט מער כמורנע געווען, ווי בייס מע האָט זיך געזעצט צום טיש. פאַרזאָרגט א בליק געטאָן אף אלץ, וואָס דאָ איז אָנגעשטעלט, האָט ער אוואדע געמיינט פּאָשעט איבערבײַסן דעם געשפּרעך, נאָר ווײַל דער גאַסט האָט ניט באַמערקט, צי ניט געוויילט זיך באַמערקן אָט דעם בליק, און ווידער געעפנט דאָס מויל, קעדיי עפּעס זאָגן, האָט קרומפּײַל אים אָפּגעשטעלט:

— וואַרט, היינריך. זאָגסט — שטאַרקע מענטשן, שטאַרקע מענער... קעדיי דײַטשלאַנד זאָל זײַן שטאַרק, דאַרף עס האָבן שטאַרקע קעגנער. ערגעץ האָב איך עס געלייענט. אלזשיר, טוניס, ליביִע — עס איז אלץ נאָך ניט דאָס, אף וואָס די רוסן וואַרטן. עפּשער האָט גאַנץ צאָפן־אַפריקע שוין אָפּגעשפּילט איר ראָל. אָבער אָפן קאָנטינענט רוקן זיך ניט רוסלאַנדס פאַרבינדעטע, דאָס וועט געשען ניט שנעל... און די סיטואַציע, וועגן וועלכער דו ווייסט, איז עפּשער האָט זי זיך דיר טאַקע אויסגעוויזן א ביסל צו... צו ריזיקאַליש? הערסט דאָך: שלאַכטן אין ראַיאָן פון דער שטאָט, און אין זאַוואָדישן טייל — אין זאַוואָדישן, דאָס הייסט, אין שטאָט גופא, באַם טײַך — אָפּגעשלאָגן אטאַקעס פון קליינע דײַטשישע גרופּעס... דאָס זאָגן די רוסן אליין, הײַנט, און דאָס, וואָס אין אונדזער מיטיילונג ווערט דערמאָנט דער דאָן, יענער קאַ־לאַטש, איז עס א ברייטערער סטראַטעגישער קוק אף דער סיטואַציע.

— יאָ, רודי, יאָ, — פֿאָן גלייעוויץ האָט אָפּגעדעקט דאָס קעלישעקל און קוקנדיק אין א זײַט, אָפן דיל, געזאָגט ערנסט, כאָטש אן אומפאַרשטענדלעכער שמייכל האָט עטוואָס געצוקט זײַנע געל־בלאַסע ליפּן, — רעדסט, רודי, אזוי, ווי איך זאָל אָטאָ מיט סטעפּקעס הילף זיך קלײַבן ווידער ארויסשלעפּן בא דיר פון דער קעשענע דעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען. פאַר־שטיי, ליבער פרײַנט, אז דו האָסט אין דער שפּיל קאַפּיטאַל, וואָס מע האָט דיר בלויז צוגע־זאָגט, און איך האָב דאָ אייגנס... אזוי, אז — צום טײַוול! לאָמיר אויסטרינקען — ע, פאַר דער באַגעגעניש מעג איך! — און לאָמיר שוין אראָפּשלינגען דאָס, וואָס עס וואַרט דאָ אף אונדז!

מע האָט אויסגעטרונקען און געגעסן שטיל דאָס קאַלטע פאַרבײַסעכץ, דערנאָך די עט־וואָס אויסגעקילטע יויך. קרומפּײַל האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך א קעלישעקל, שטום, כמורנע איבערגעבליקט זיך מיטן גאַסט, ס'הייסט, ווי יענער וויל, ער קאָן זיך אויך אָנגיסן, און אויב ניט, איז ניט, פונקט אזוי שטום א בליק געטאָן אף סטעפּקען, פאַרקרימט זיך פונעם געטראַנק, וואָס ער האָט פלינק איבערגעקערט אין מויל, און געגעסן ווײַטער לאַנגזאַם, קאָנצענטרירט.

פֿאָן גלייעוויץ האָט געכאַפּט א קוק אָפן האַנטזייגער און געזאָגט:

— באַלד וועלן מיר הערן, וואָס די ענגלענדער שיקן אין עפיר אף דײַטש — עס איז פונקט די צײַט.

ער האָט אַף האַלב, צוזאַמען מיטן בענקל, זיך אויסגעדרייט צום אופֿנעמער, אײַנגעשלאָסן אים, געוואָלט דערלאַנגען דאָס זוך־רעדעלע, נאָר מיטן עלנבויגן פֿון דער צווייטער האַנט, וואָס איז ליגן געבליבן אויפֿן טיש, פֿאַרטשעפּעט זײַן קעלישעקל, ס'האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אַף די קני, פֿאַרגאָסן מיט עטלעכע טראָפּנס ווײַן, וואָס זײַנען דאָרט געבליבן, די גאַליפֿע. ביז דער גענעראַל האָט צוריק אוועקגעשטעלט דאָס קעלישעקל און אַ רײַב געטאָן מיטן נאָזטיכל דאָרט, וווּ ס'איז געווען פֿאַרשפּריצט, האָט דער אופֿנעמער זיך צעזשיפּעט, און באַלד האָט פֿון אים זיך דערטראָגן אַן אופּגעריסענע, מונטערע רוסישע שטים, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער:

— אַכטונג! עס אַרבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד!

— עפּעס ניט פֿראָסט, — האָט געזאָגט פֿאָן גלייַעוויץ, — ניט פֿראָסט...

עס האָבן שוין ברייט און פֿײַערלעך געקלונגען די מאָסקווער רוף־סיגנאַלן. סטעפּקע האָט מיט ביידע עלנבויגנס זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש, פֿאַרשטעלט מיט די דלאָניעס די באַקן, און אָט אַזוי, מיט צונויפֿגעפּרעסטע ליפּן, ס'איז ניט קלאָר געווען — זיי פֿאַרבאָרגן אַ שמייכל, צי טיפֿע שמערץ, מיט עטוואָס ברייטער צעעפֿנטע אויגן — ניט קיין גלײַכגילטיק־קאַלטע, ניין, אַזוינס וואָלט זײַן אומנאַטירלעך, — אָנגעשטרענגט־וואַרטנדיקע, נאָר פֿאַרנעפּלטע, ניט אופֿצוכאַפּן פֿון וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען, געפֿילן — שרעק, פּײַן, צי פֿרייד, — אָט אַזוי האָט זי געקוקט אַ רעגע — צוויי אַף קרומפּײַלן, וואָס איז געזעסן מיט אַ האַלב־אָפֿן מויל, אוועקגעלייגט ביידע פֿויסטן אויפֿן טיש, קימאַט ווי דרעמלט, ווען ס'איז אים עפּעס אָנגעזאָגט געוואָרן ניט קיין גוטס דורכן טעלעפֿאָן, פֿאַר דעם, ווי דער גענעראַל האָט אָנגעקלונגען. דערנאָך האָט זי עטוואָס לענגער געקוקט אַף פֿאָן גלייַעוויצן. ער האָט ווי באַמיט זיך, נאָר ניט געקענט קיין שמייכל טאָן. אָנגעשטעלט דעם בליק אין אַ ווינקל און אַראָפּגעלאָזט די וויִעס האָט סטעפּקע, ווען עס האָט זיך שוין דערהערט:

— מיר גיבן איבער די מיטיילונג פֿון טאַסס... דערפֿאָלגרײַכער אָנגריף פֿון אונדזער מיליטער אין ראַיאָן פֿון סטאַלינגראַד...

די מיטיילונג איז אויסגעהערט געוואָרן ביזן סאָף. פֿאָן גלייַעוויץ האָט, בײַס דער דיקטאָר האָט נאָך גערעדט, מיט צוויי־דריי קורצע רעפּליקעס דערקלערט קרומפּײַלן, אין וואָס עס האַנדלט זיך. בלויז ווען דער דיקטאָר האָט גענומען איבערכאַזערן די מיטיילונג, האָט פֿאָן גלייַעוויץ אויסגעשלאָסן דעם אופֿנעמער.

עטלעכע מינוט איז אין צימער געווען שטיל. קרומפּײַל האָט גאָרנישט ניט איבערגעפֿרעגט, ער איז געזעסן אַ פֿאַרגליווערטער, די באַקן זײַנען בײַ אים אײַנגעפֿאַלן, אַזוי האָט ער צונויפֿגעפּרעסט די ציין, און אַף די פֿויסטן, וועלכע ער האָט אַלץ געהאַלטן אויפֿן טיש, זײַנען די קנעכלען פֿון די פֿינגער געוואָרן ווײַס.

ענדלעך האָט פֿאָן גלייַעוויץ באַשטימט פֿאַנאַנדערלאָדן די אָנגעשטרענגטקײַט, ער האָט מיט זײַן קרומען שמייכל, איצט — אַ מאָרעשכוירעדיק־בייזלעכן, געזאָגט:

— זיי זײַנען ווילצלער, די רוסן. פֿאַראַן אַזאַ שטריך בײַ זיי... די אַרומרינגלונג איז פֿאַרענדיקט בײַ קאַלאַטש. דערקלערט, ביטע, סטעפּאַ, אײַער שעף, וואָס עס הייסט — קאַלאַטש. — און אַף רוסיש (סטעפּקע האָט אָפּגעמערקט: „ניט קיין שלעכטער רוסיש") האָט ער איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, וויִאַזוי איבערזעצן: — ווײַס ברויט, אויסגעבאַקן אין פֿאָרם פֿון אַ הענגענדיקן שלאָס, וואָס ווערט פֿאַרמאַכט מיט אַ האַלבן רייפֿעלע פֿון אויבן.

סטעפּקע האָט איבערגעזעצט, פֿאָן גלייַעוויץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז אַזוי איז עס. קרומפּײַל האָט געשוויגן, און דעם גענעראַל האָט אַרומגעכאַפּט עפּעס ווי אַ היסטערישע פֿריילעכקײַט.

— און דאָס ווייסטו, רודי? — האָט ער געפֿרעגט. — מיט די רוימישע לעגיאָנערן, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן לעבן קאַן — אַוודאי זײַנען ביז דעם אויך געווען קעסלען, נאָר די געשיכטע האָט יענעם קעסל, האַניבאַלס, פֿאַרצייכנט אַלס דעם ערשטן, — מיט די רוימער האָט אָנגעפֿירט דער קאָנסול עמילי פּאַוליוס. און בײַ אונדז איז אויך פּאַוליוס — פֿרידריך. אַן עמעסדיק שפּיצל פֿון דער געשיכטע! איז עפּשער האָט מען געדאַרפֿט זײַן, אויב ניט ווײַטזיכטיק, איז כאָטשבי אָבערגלויביק?..

קרומפּײַל האָט זיך ניט גערירט פֿונעם אָרט. ווי ער וואָלט ניט געהערט די רייד, האָט פֿאָן גלייַעוויץ זיך געווענדט צו סטעפּקען אַף רוסיש, אַפֿילע, ווי פֿאַרטרוילעך:

— איר לאַכט אין זיך, יאָ? די רוסן וועלן זיך איצט אַלע פֿרייען.

זי האָט געענטפֿערט ניט באַלד, אויך אַף רוסיש, אײַנגעקלערט און קלוימערשט מיט עמעסער שווערקײַט אויפֿן האַרצן:

— מיר פאַרשטייען מיט אײַך פאַרשיידן איינע און די זעלבע אומשטענדן, הער גענעראַל. וועגן די סיבעס איז ניטאָ וואָס צו ריידן. איר רופט זיך אָן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן — דאָס סאָציאַלע קלערט איר לייזן דורך ראַסן־קאַמף. און איך האַלט אויך איצט, אַז ניט אַלע רוסן וועלן זיך פרייען פון דעם, וואָס עס איז געשען בײַ סטאַלינגראַד, פונקט עפשער ווי ניט אַלע דײַטשן וועלן פאַרומערט זײַן.

פאָן גלייעוויץ, ווי ער האָט זיך עטוואָס איבערגעבויגן איבערן טיש, קעדיי אויסקומען מיטן פּאָנעם נעענטער צו סטעפּקען, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן, האָט זיך ניט אויסגעגלײַכט. זײַנע אויגן, פאַרגאָסענע מיט געלקײַט, אַזוי אַז די גרויע האָרן־הײַטלעך האָט מען קוים געקאָנט אונטערשיידן, האָבן געקוקט שטאַר, אָבער ס'האָט אין זיי געברענט יענץ טײַוועדיק פיבער־פלעמעלע, וואָס סטעפּקע האָט עס שוין עטלעכע מאָל באַמערקט. ער האָט קימאַט שעפּטשענדיק, מיט ווייכן פאָרוואָרף, וואָס האָט געדאַרפט אונטערשטרײַכן זײַן אַנציקונג, אַלץ אַף רוסיש געפרעגט:

— מע האָט אײַך קיינמאָל ניט גערופן „די בלאָנדע בעסטיע”?

— ניין, — סטעפּקע האָט אַ קרים געטאָן די ליפּן, — מע האָט מיך פּאָשעט גערופן „די ווײַסע”.

קרומפּײַל איז אופגעשטאַנען, מיט אַ ציטעריקער האַנט אָנגעגאָסן זיך ניט קיין קעלי־שעקל — אַ בעכער מיט ווײַן פון דער ערשטער באַליביקער פלאַש, ווײַסן באָרדאָ, און שווײַגנדיק אויסגעטרונקען. ער האָט אַ שטרענגן גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן אַף פאָן גלייעוויצן, אַף סטעפּקען, גאָרנישט ניט פאַרביסן און אָוועקגעזעצט זיך. באַלד, שוין ניט אופשטייענדיק, האָט ער ווידער גענומען די פלאַש, נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן דעם בעכער, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו פאָן גלייעוויצן, צו סטעפּקען, און אײַליק, ווערגנדיק זיך, אויסגעטרונקען. ווען ער האָט דאָס דריטע מאָל אָנגעגאָסן דעם בעכער, האָט פאָן גלייעוויץ פאָרזיכטיק געפרעגט:

— וואָס טוסטו, רודי?

קרומפּײַל האָט ניט געענטפערט, לאַנגזאַם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „ניין”. און לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם גענומען טרינקען. עטלעכע מינוט איז ער דערנאָך געזעסן שווײַגנדיק, געקוקט אַף די הענט, וואָס האָבן, שוין ניט קיין צונויפגעדריקטע אין פויסטן, געציטערט, און מיטאַמאָל, שווער אָטעמענדיק, ווי עס זאָל אים ברענען אין מויל, געזאָגט:

— היינריך, פאַר אָוועק. גענוג.

פאָן גלייעוויץ איז נאָך פאַר דעם אופגעשטאַנען, ער האָט אַ שאָקירטער, נאָר אויך מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי עס זאָל אים שוין דאָ ביכלאַל אַ ביסל דערעסן, אומגעשפּאַנט איבערן צימער. איבערגעבליקט זיך מיט סטעפּקען, וואָס איז אַ בלאַסע געזעסן בײַם טיש, האָט ער שטיל געזאָגט:

— באַגלייט מיך, ביטע!

אין פאָדערצימער, אָנגעטאָן דעם שינעל, האָט פאָן גלייעוויץ אַראָפּגענומען פונעם הענגער אויך סטעפּקעס מאַנטל און אַ שעפּטשע געטאָן:

— איר וועט פאָרן מיט מיר, ער פאַרשטייט שוין גאָרניט...

סטעפּקע האָט געמאַכט אַ טראָט אַף צוריק און אויסגעשטרעקט די הענט, זיך צו באַשיצן — דער דײַטש האָט, האַלטנדיק אין איין האַנט איר מאַנטל, מיט דער צווייטער זי געוואָלט צוציִען צו זיך. אין דער רעגע האָט קרומפּײַל צעעפנט די טיר פון צימער. קעדיי ניט פאַלן, האָט ער צוגעשפּאַרט זיך מיט אַן אַקסל צום בײַשטידל, און געזאָגט, קוים פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג:

— גיי, היינריך... איך געדענק... דו האָסט ליב געהאַט זיך פאָרן אין פרעמדע רענצלעך!

6 אָלגע האָט איבערגעלייענט סטעפּקעס צעטעלע, וואָס איז אונטער אַ הרודקע שטיינקוילן געלעגן לעבן לעמפּל אין קיך, און האָט פאַרשטאַנען: סטעפּקע וואָרנט וועגן אַ געפאַר. דאָס ערשטע, וואָס עס איז געקומען אין קאָפּ, איז געווען — אָוועק פון שטוב. וווּהין? ווּהין וואָלט זיך אָפּגעזוכט, אויב ניט צו באַכמוטן, דאָרט, קאָן שוין אויסקומען, זײַנען דאָ צופיל פרעמדע, איז כאָטשבי צו יענע, וואָס אַפן שוואַרצן באַרג. אָדער פּאָשעט — אָנטאָן זיך וואַרעמער, אַרופּשלעפּן אַפן סאַמעטענעם סעקל דעם מענערישן רעגנמאַנטל, וואָס אַרטעם האָט געהאַט געשענקט, און איבערזײַן ביז אינדערפרי אינדרויסן, ערגעץ אין אַ פאַרטישקעוועט אָרט. באַלד האָט אָבער אָלגע גענומען קלערן אַנדערש: סטעפּקע אייצעט אַרומבינדן די באַק, הייסט דאָך דאָס ניט, אַז זי האָט פאַרשטעלטערהייט זיך ניט געקאָנט אויסדריקן אַף אַן אַנדער אויפן — עפּעס וואָלט זי צוגעטראַכט. באַקומט זיך, אַז אין דער היים מעג מען בלײַבן,

נאָר וויסן דעם טערעץ, וועלכן סטעפּקע האָט מיסטאָמע געזאָגט, צי זי וועט זאָגן דאָרט, פונוואנען עס דראָט די סאקאָנע. נאָר א טראכט טאָן אָט אזוי, איַינריידן זיך, אז זי קאָן דאָ בליַיבן, האָט אָלגען געצווונגען עפּעס אנדערש, א געפיל, וואָס איז געקומען קימאַט אינטויִטיוו: אין אזא נאכט דאַרף זי זיַין אין דער היים, עמעצער קאָן זיך נייטיקן אין איר הילף. זי האָט דאָס געטראכט נעפּלדיק, אליין ניט וויסנדיק, ווען זי מיינט דערביַי, נאָר וויַיל זי האָט געהאט פאר וועמען זיך צו באומרויִקן, האָט זי עפּשער פּאָשעט אין די געדאנקען עס ניט געוואָלט ארויסברענגען.

געפונען נאטאשעס אַן אלט וואָלן שארפעלע, האָט אָלגע געפּרוווט, צי וועט זי קאָנען שנעל פארבינדן מיט דעם די באק, און געלאָזט עס הענגען אפן האלדז, דערנאָך האָט זי איַינגעהייצט די פּליטע און געזעצט זיך אנטקעגן שוואכן פיַיער אַן אויסגעשעפּטע, א צעשרויפטע. זי האָט באשטימט זיצן אזוי, ביז סטעפּקע וועט קומען, אפילע ביז אינדערפרי.

עפּשער האָט זי געכאפּט א דרעמל, וויַיל טאקע ווי דורכן שלאָף, דעם סאמע ליַיכטן, האָט זי דערהערט צוויי שטילע קלעפּ אין דער טיר און איז אופגעשפּרונגען. דריַי מענטשן האָבן געוווסט, אז מע דאַרף אזוי קלאפּן אהער: ליאָניע, נאטאשעס כאוועריטע פון שווארצן בארג און ארטעם דארוגא. זי האָט געעפנט און דערזען — דארוגא.

זי איז דערשטוינט און פארציטערט געוואָרן, נאָר אין דער זעלבער ציַיט באנומען: ער דאַרף דאָס ניט באמערקן. אויב ער איז דאָ, מוז ער זיַין. דערפאר האָט זי, ווען ער איז שטיין געבליבן אין קיך, בא דער טיר, שוין א צוגעשלאָסענער פון אינווייניק, און ניט זיכער, עפּעס אזוי ווי בעטנדיק אנטשולדיקונג, און פיבערדיק, ווי א געיאָגטער, ארומגעקוקט זיך, — שווארץ, פארשוויצט, פארליאפּעט מיט בלאָטע, אפילע דאָס פּאָנעם, און אָנגעטאָן ניט ווי אלעמאָל, אנדערש, — האָט זי רויִק, קימאַט רויִק אָנגעוויזן אים אפן בענקל לעבן דער פּליטע, פון וועלכן זי איז ערשט אופגעשטאנען, און שטיל געזאָגט:

— זעץ זיך, עפן דאָס טירל, וועסטו זיך דערוואַרעמען.

ער האָט געשוויגן ניט לאנג, געדרייט די הענט קעגן פיַיער, און פּלוצעם אָן אופגערעגטן לאך געטאָן.

— ווייסט, ווי דאָס הייסט, אָלגע, — דאָס קאָל, א כאָרכלענדיקס, איז אויך געווען, ווי ניט זיַינס, — אוועק אהין, ווו עס איז אמערסטן געפערלעך, נאָר ווו מע וועט גיכער פון אלץ אפילע ניט קלערן זוכן דיך!

זי האָט גאָרנישט ניט געפרעגט, דאָס וויכטיקסטע האָט זי דאָך שוין געוווסט, און וואָס ער מיינט וויַיטער טאָן, און וואָס זי דאַרף טאָן, וועט ער זאָגן.

ארטעם האָט ווידער זיך אָנגערופן, קוקנדיק אפן פיַיער:

— כוץ די אנאניעווס, איז מער מיט קיינעם גאָרנישט ניט געשען?

— מע האָט פארנומען איינעם א קריוואָרוטשקאָ — אַן עלעקטריקער פון דעפּאָ, מיסטאָמע האָט סטעפּקע זיַין פאמיליע ניט פארגעדענקט, און עפּעס אַן אָנגעפּאָרן ייִנגל, וואָס האָט דאָ געוווינט בא אייגענע.

— נו, און אונדז זוכט מען, מיך און פאניען, — ארטעם האָט דאָס געזאָגט שוין מיט א נאטירלעך קאָל, אין וועלכן ס'האָט אָפּגעקלונגען אי שטאָלץ, אי זאָרג, — או, זוכט מען אונדז... אפאנאסי ניקיטיטש האָט ערגעץ אוועקגעשמיסן אין שטאָט, ער וועט אהער צו וויסן געבן וועגן זיך, און איך — איך דאַרף אריבער דעם דניעפּער און — אין וואלד... היַינט באנאכט, ביז מע קאָן נאָך, איך ווייס, ווו מע וועט צוליב מיר צוטאָרמאָזירן א צוג.

אָלגע האָט אָפּגעמערקט: „ביז מע קאָן נאָך", און ניט אינגאנצן פארשטאנען: דאָס דאַרף ער אליין זיך צוויַילן, צי די אומשטענדן קאָנען ביכלאל זיך ענדערן?

ארטעם האָט מיטן קאָפּ (ביידע הענט, שוין אוואדע גוט אָנגעוואַרעמטע, האָבן געשויבערט די שווארצע געקריַיזלטע האָר) אָנגעוויזן אף דער עטוואָס אָפענער טיר פון צימער, ווו ס'איז פינצטער געווען, א קוק געטאָן אף אָלגען ליַידנשאפטלעך, דאָרשטיק און געפרעגט שטיל — זי האָט ערשט איצט באמערקט, אז ער האָט די גאנצע ציַיט גערעדט שטיל:

— מע שלאָפט?

— ניין, קיינער איז ניטאָ.

— ניטאָ? — ארטעם האָט זיך אופגעהויבן, אויסגעטאָן די פארנאפּטיקטע פופיַיקע, געלאָזט זי ליגן אפן טאבורעט — טימאָשטשוקס פופיַיקע, מיט א שלעכט פארנייטן טשעפּ אף דער ברוסט, מיסטאָמע האָט מען זיך בעקיוון געביטן מיטן אייבערשטן; אין זיַין שווארצן קאָמביִנעזאָן, פעסט פארצויגן מיט א רימען, איז ער מיט געהאמעוועטע טריט, באמיִענדיק זיך האַ־

מעווען אזוי א קוים־מערקבארן פיבער אין גאנצן גוף, צוגעגאנגען צו אָלגען, וואָס איז אויך אופגעשטאנען פונעם בענקל, אף וועלכן זי האָט מיט א מינוט פריִער זיך געהאט אוועקגעזעצט, און געשטאנען א שוויַיגנדיקע, אָן אָנגעשטרענגטע. ער האָט אוועקגעלייגט א האנט אף איר אקסל — זי האָט געשוויגן, ער האָט מיט די פינגער צארט א שויבער געטאָן איר קובליק — זי האָט קיין וואָרט ניט ארויסגעבראכט, א בלאסע, א פארגליווערטע. בלויז ווען ער האָט, צוהאלטנדיק פון הינטן מיט דער דלאָניע איר קאָפּ, דערנעענטערט זיך מיטן פּאָנעם צו איר פּאָנעם, האָט זי זיך א דריי געטאָן פון אונטער זײַן האנט און ניט הויך אויסגעשריִען:

— ניין!

— אָלגע, — האָט ער הייס געשעפּטשעט, — מיינסט, איך האָב סטאם אזוי אָנגעלייגט וועג? איך האָב זיך געוואָלט געזעגענען, א קוק טאָן אף דיר, מעגלעך, דאָס לעצטע מאָל, פארגעדענקען דיך, און איצט, ווען מיר זײַנען דאָ — עפּשער צוויי מעשוגאָים, און עפּשער צוויי גליקלעכע — איינע־אליין, האָ?...

— מיר זײַנען אינדרײַען, ארטעם, — האָט זי געענטפערט שטיל, נאָר פעסט, — מיט מיר איז דאָ נאָך עמעצער, שטענדיק, און הײַנט עפּשער מער, ווי שטענדיק, — איך האָב אים הײַנט געשיקט א יעדיִע וועגן זיך...

— און איך, אָלגע, — ער האָט ווידער זיך געוואָלט דערנעענטערן צו איר, נאָר זי איז אָפּגעטראָטן נאָך ווײַטער, — און איך, אָלגע, צי דען בין איך פאר דיר גאָרניט? די גאנצע צײַט — גאָרניט, און אזוי וועל איך אוועק?

— ביסט דאָס, וואָס דו ביסט, ארטעם, בלויז דאָס, וואָס דו ביסט. א ווילער באָכער, א ווילער, א טײַערער מענטש. זעץ זיך, פאָלג מיך, פאָלגסט דאָך שטענדיק — זיץ. און אויב דו ווינטשסט מיר גוטס, איז ווינטש מיר ניט קיין אנדערס.

אָנגעוואָרפן די פופײַקע אף די אקסל, האָט ער, א געהויקערטער, זיך געזעצט צום פײַער און מיט די הוילע הענט גענומען פאריכטן די האלב־אויסגעברענטע שײַטלעך האָלץ, איבער־געקערט אף זיי דעם צערויטלטן אנטראציט. אזוי איז ער שוין געזעסן עטלעכע מינוט, ווען ס'האָט זיך דערהערט, אז עמעצער פּאָרעט זיך פון אויסן מיט א שליסל.

— דאָס איז סטעפּקע, — האָט אָלגע געזאָגט.

7

פּאָן גלייעוויץ איז א צעקאסטער, ווי אן אָפּגעשמיסענער, אראָפּ פון דריטן שטאָק. נאָך גוט, וואָס אף די טרעפּ האָבן געברענט גאָר שוואכע לעמפּעלעך, דערבײַ ניט אף יעדן שטאָק, — עס וואָלט א כארפּע געווען, ווען עמעצער קומט אָן און זעט זײַן פּאָנעם. פארן ארויסגאנג, עטוואָס טיפער אין קאָרידאָר, איז ער געבליבן שטיין, קעדיי זיך באהערשן, דער שאָפער זאָל ניט באמערקן גאָרנישט. אָבער אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויך — דאָס האָט ער באנומען — צוליב עפּעס אנדערש: ער האָט געדארפט א קלער טאָן. עס האָט אין אים דערוואכט יענץ ישעדל, וואָס האָט הײַנטיקן אָוונט שוין עטלעכע מאָל געגעבן צו וויסן וועגן זיך גראָד אין די מינוטן, ווען מע האָט געקענט פארצווייפלט ווערן, דאָס שעדל, וואָס האָט געקרימט זיך, געטאנצט, ניט צו וויסן — פריילעך צי ניט פריילעך, און האָט געשריִען: „וואָס נעמסטו זיך צום הארצן פון אלץ? צו דיר אליין איז דאָך די צאָרע ניט דערגאנגען און וועט עפּשער ניט דערגיין אויך!” און טאקע, ער וואָלט דאָך איצט געקאָנט ליגן א פארקאָ־טשענייעטער, א פארווייעטער מיט שניי ערגעץ אין פעלד, באם דאָן, צי, אין בעסטן פאַל, זיצן ערגעץ אין א בלינדאזש לעבן סטאלינגראד, שוין ניט יענעם, אין לאטאשאנקער סאָד, אָן אויסגעשטאָטן מיט קאָמפאָרט, ווי ס'איז נאָר מעגלעך אפן פראָנט, נאָר א געוויינלעכן בלינ־דאזש (די דיוויזיע האָט זיך דאָך געפונען אפן עקסטן צאָפנדיקן באצירק, זי איז מיסטאמע אָפּגעטראָטן טיפער אין קעסל, ווי זשע אנדערש?), וואָלט ער איצט געזעסן בא א מאפּע און געבראָכן זיך דעם מויעך, וואָס טאָן, און וואָלט געוואָרט אף יעדיִעס און אָנווײַזונגען פון העכער, אָט פונדאנען, פון די ראכוועסן אף דער־זײַט קעסל... איז דאָך אזוי בעסער, אז ער איז דאָ. די נאכט איז א נאכט, א פרישע, א שנייִקע, און א ביסעלע קאָניאק האָט ער זיך שוין הײַנט אויך דערלויבט, און אין נומער וועט ער זיך נאָך עפּשער מאכן א וואנע פאר דעם, איידער ארײַן אין בעט... אָט דאָס ברייטע בעט איז טאקע אנטשטאנען פאר זײַן בליק. דאָס שעדל האָט זיך צעטאנצט — עס האָט שוין געוווּסט וועגן זײַנעם א געדאנק, וואָס האָט ארויסגערופן א ווארעמקײַט אין גוף און אָנגעפילט מיט זיסער נאָגעניש די גלידער, אז עס האָט זיך אזש פארוואָלט א צי טאָן זיך.

געזעצט זיך אין דער מאַשין, וואָס איז צוגעפּאַראָשעט געווען מיט שניי־גרײַפּעלעך, האָט ער געזאָגט צום שאָפֿער — יענער האָט, אַ פֿאַרשלאָפֿענער, מיט איבערגעטריבענער גרייטקייט אײַנגעשלאָסן די שײַן:

— לעש אויס. מיר פֿאָרן נאָך ניט. מע דאַרף מיר עפּעס אַרויסטראָגן. און אָט וואָס — לאָמיר צופֿאָרן צום שכייניִשן אַרײַנגאַנג. דאָרט — קערעווע אויס די מאַשין און שטעל זי אַוועק עטוואָס ווײַטער, בײַ די ביימער.

ווען אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט פֿאָן גלייעוויץ געהייסן דעם שאָפֿער אײַנשליסן מאָטאָר־זיק, ניט הויך. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט אַ זײַט צום ווייכן ווענטל אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זען דעם אַרײַנגאַנג, פֿון וועלכן מע איז אָפּגעפֿאָרן, און גענומען וואַרטן.

דאָס שעדל אין אים האָט גערעדט, און ער האָט געהערט: „אין אַ פֿערטל שאָ אַרום וועט רודי אַנשלאָפֿן ווערן, ווי אַ געהאַרגעטער, מינאַסטאַם שלאָפֿט ער שוין איצט. סטעפֿאַ וועט גיכער פֿון אַלץ זיך לאָזן אַהיים. נאָר אויב ניט, מעג מען אָנקלינגען אין דער טיר — דערהערן וועט זי, ניט רודי. זי וועט דערהערן און וועט עפֿענען, זי וועט ניט וואַגן ניט עפֿענען. יעדנפֿאַלס, וויכטיק איז, זי זאָל זיך אָפּרופֿן. פֿאַר עפּעס האָט זי מוירע, די מײַסע מיט מײַן ערשטן שטאָבאָפֿיצער איז איר ניט געפֿעלן. נו, עס זאָל זי ניט מאַטערן, קאָן מען געפֿינען אַן אויסרייד: פֿאַרגעסן עפּעס אין שטוב. נאָר אויב זי וועט אַרויס אין הויף, קאָן מען זי אָפּשטעלן, אײַנלאַדן אין דער מאַשין. אָבער ס'אַ בעסטיע, זי קאָן זיך ווי־עס־איז אויסדרייען, ניין, בעסער... כאָטש עס פּאַסט ניט, נאָר — דראַנג און אָנגריף! — בעסער איר נאָכגיין — דאַן קאָן זײַן אַזאַ אויסרייד: אַ קוק טאָן אויף דער קרעמעז. עס איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן: „ווו האָב איך געהערט אַזאַ פֿאַמיליע?..״

פֿאָן גלייעוויץ האָט צוגעשמייכלט: וואָס איז שלעכט? אַלטע לאַוועלאַסישע שטיק. און ביכלאַל — פֿאַנטאַסטיש. אין דעם שטעקט אויך דער אינטערעס. טאַקע קרעמעז — דאָס האָט זיך שוין גוט דערמאָנט. געקומען אַ פֿאַרשיקטער באָלשעוויק פּונקט צום רעמל, ווען די ליובאַטשער פּויערים האָבן גענומען ווילעס און קאָסעס און האָבן זיך געלאָזט צום גוט... אין ליובאַטש זײַנען געווען אויך — אָט דערמאָנען זיך נאָך פֿאַמיליעס — בליץ, דער שנײַדער, וואָס פֿלעגט אויף עטלעכע כאַדאָשים גענומען ווערן אין גוט, און פֿאַקטאָראָוויטש — אַ מעקלער, און נעטשײַקאָ — אַ סטראַזשניק, און קוכאַרסקי — אַ לערער אין גימנאַזיע, פֿון כימיע. סטעפֿען רופֿט מען אויך — קוכאַרסקע... פֿאַנטאַסטיש! אויף ווײַטן מיזרעך — קרעמעז און קוכאַרסקע, אין ליובאַטש — קרעמעז און קוכאַרסקי. גראָד גוט אויף צו אינטריגירן, ס'איז ווי אַן אָנגעוואָרפֿענע נעץ, און זאָל עס זיך באָברען יענץ, אונטער דער נעץ.

סטעפֿקע איז אַרויס פֿון דער לעצטער פֿאַראַדנע און, צוהאַלטנדיק בײַ דער קין דאָס טיכל, וואָס איז בלויז אָנגעוואָרפֿן געווען אויפֿן קאָפּ, געלאָזט זיך גיין לענגויס דער שטוב. אויף דער מאַשין האָט זי זיך עפּשער אַפֿילע ניט אומגעקוקט, און אויב זי האָט זי געזען, איז וואָס — די מאַשין שטייט אַנדערש און אויף אַן אַנדער אָרט. דער ווינט האָט געווייעט, קאָסע געשמיסן מיט שנייעלעך, און סטעפֿקע האָט געאײַלט, עטוואָס אַ געבויגענע.

פֿאָן גלייעוויץ האָט געזאָגט צום שאָפֿער: „וואַרט״, שטיל געעפֿנט דאָס טירל, שטיל צוגעמאַכט עס נאָך זיך. ער איז אַוועק גלײַך צום הויז, צו דער פֿאַראַדנע, קעגן וועלכער מע איז געשטאַנען, דערנאָך, האַלטנדיק זיך פֿון סטעפֿקען אַ פֿופֿצן שפּאַן, נאָכגעגאַנגען איר בײַם סאַמע שטאַכעטל, וווּ עס האָבן געשוואַרצט הוילע ביימלעך. ווען זי איז אַרײַן אין דער פֿאַראַדנע אין צווייטן עק פֿונעם הויז, האָט פֿאָן גלייעוויץ פֿאַרשנעלערט די טריט. שטייענדיק אין אַ זײַט, שוין בײַם אַרײַנגאַנג, האָט ער געהערט, אַז סטעפֿקע שטעלט אַרײַן דעם שליסל אין שלאָס, געהערט, אַז די טיר האָט זיך געעפֿנט — זייער גוט, וואָס ס'איז אויפֿן ערשטן שטאָק! — און אין דער זעלבער רעגע, ווען די טיר איז פֿון אינווייניק צוגעמאַכט געוואָרן, האָט ער זי אַ צי געטאָן צו זיך.

די שײַן אין קיך, וווּהין ער איז אַרײַן, איז געווען אַ שוואַכע און זי האָט אים ניט פֿאַרבלענדט. כוץ סטעפֿקען, וואָס איז אַן איבעראַשטע, מיט פֿאַרלוירן־אויסגעשטרעקטע הענט שטיין געבליבן בײַ דער טיר (פֿאָן גלייעוויץ האָט געמיינט, אַז דאָס איז בלויז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זי אַזוי איבעראַשט), איז אין קיך געשטאַנען אַ פֿרוי, טאַקע אַזאַ, ווי רודי האָט געזאָגט — אַ פֿײַן־געבויטע, ניט קיין הויכע, מיט אַ קובליק, וואָס ציט אַזוי ווי אָפּ איר קאָפּ אויף בעזול, היפּשלעכע ליפּן, גרויסע אויגן מיט פֿאַרבויגענע ווײַעס, און נאָך איז דאָ געווען אַ יונגער מאַנצבל, וואָס האָט זיך געוואַרעמט קעגן צעעפֿנטן טירל פֿון דער פּליטע און איז אויפֿגעשפּרונגען אויף די פֿיס — אַ געוויינלעכער אַרבעטער־יונג, וואָס מע זעט דאָ אַ סאַך אַזעלכע, און וואָס זײַנען אַלע ווי פֿון איין סטאַנדאַרט.

— אנטשולדיקט, — האָט פאָן גלייעוויץ געזאָגט,— מײַן מאשין האָט זיך א ביסל פאַרהאקט, דער שאָפער מוז נאָך עטלעכע מינוט טאָן עפּעס בא איר. און אײַך, סטעפא, קאָן מען גאָר ניט דעריאָגן, איר פליט... איך האָב געוואָלט פרעגן, ווי פילט זיך רודי... און דאָס איז די קרעמעז, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט, די באשיידענע שביינע אײַערע?.. — דעם בליק האָט ער אָפּגעשטעלט אף דארוגען, וואָס האָט געהאלטן די פּופּײַקע אין האנט, — קרעמעז, אינטערעסאנט... אין ליובאטש זײַנען בא אונדז געווען קרעמעזס, אגעוו, קוכארסקיס אויך... עפּשער וועט איר מיט מיר ארויס, סטעפא?

סטעפקע האָט געזאָגט גליווערדיק־קאַלט:

— מע קאָן, ביטע.

זי האָט זיך אומגעקערט נאָך האלבער נאכט. אָלגע איז אינדערפינצטער געשטאנען אין קיך, באם פענצטער, עטוואָס אן אָפּגעטוליעטן, און געזען: א לײַכטע מאשין איז צוגעפאָרן, סטעפקע איז ארויס פון איר און די מאשין איז אוועק.

דערקלערט האָט סטעפקע גאָרנישט, ווען זי איז ארײַנגעקומען. בלויז געפרעגט:

— ארטעם?

— ער איז טייקעף אוועק.

אראָפּגעוואָרפן דעם מאנטל, האָט זי אָנגעגאָסן קאלטן וואסער אין שיסל, ארומגעוואשן די הענט, דאָס פּאָנעם, דעם האלדז, אלץ שווײַגנדיק, און איז אוועק אין צימער. דאָרט האָט זי זיך גענומען אויסטאָן, איז אָלגע ארײַן און אויך געטאָן דאָס זעלבע. מע האָט זיך געלייגט יעדער אף זײַן געלעגער, און דאָ האָט סטעפקע געזאָגט:

— מאָרגן, אָלינקע, אן אנדערש מאָל — הײַנט קאָן איך ניט דערציילן...

אין עטלעכע מינוט ארום האָט אָלגע דערהערט: סטעפקע וויינט, שטיל, כליפּענדיק, אין דער קישן. איז זי אוועק צו איר א באָרוועסע, צוגעזעצט זיך אף א ברעגעלע פון דיוואן, גענומען גלעטן און פאנאנדערפלעכטן מיט די פינגער דער כאווערטעס געפלאָנטערטע האָר.

— סטעפקע, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב פאר דיר א גרויסע נײַס, זייער א פריידיקע, נאָר דארפסט זײַן שטארק און קאָנען זי אופנעמען.

— איך ווייס, — האָט סטעפקע געענטפערט שטיל און אופגעהויבן עטוואָס דעם קאָפּ פון קישן, — אונדזערע האָבן ארומגערינגלט די דײַטשן בא סטאלינגראד, אלע...

— וואָס?! — אָלגע האָט זיך א כאפּ געטאָן בא דער ברוסט, באלד איז זי צוגעפאלן צו סטעפקען, גענומען קושן איר נאָס, פארוויינט פּאָנעם, צו וועלכן די האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט, — נו, זאָג, זאָג, דערצייל!

— און וואָס ווייסטו? — האָט סטעפקע זיך געכאפּט; זי האָט זיך אופגעזעצט אפן דיוואן און אָנגעשטרענגט געקוקט אף אָלגען.

אָלגע האָט געזאָגט:

— אבע לעבט, ער איז דאָ הײַנט געווען אין שטוב.

— אוי, — סטעפקע האָט מיט די נעגל זיך אײַנגעגראָבן אין פּאָנעם, — מײַן אבע? ווו איז ער?

— ווײַט, שוין אף יענער־זײַט דניעפּער.

סטעפקע האָט געשוויגן, זי האָט פארשטעלט מיט די דלאָניעס דאָס פּאָנעם און שטיל געוויגט זיך. ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— ער וועט מיר דארפן א סאך מויכל זײַן, אבע, ער וועט מיך דארפן קענען פארשטיין.

— איך האָב גערעדט מיט אים, — האָט אָלגע געענטפערט, — ניט קיין סאך, נאָר איך מיין — עס וועט זײַן בא אײַך א לעבן, סטעפקע.

מע איז געזעסן לאנג, מיט די פיס אפן דיוואן, אײַנגעדעקט זיךביידע מיט סטעפקעס קאָלדרע, גערעדט אלץ וועגן דעם זעלבן, כאָטש געזאָגט האָט מען איינס דעם אנדערן דאָס איקערדיקע אין די ערשטע געציילטע ווערטער. אזוי איז מען געזעסן ביזן גרויען קאיאָר, ווען ס'האָט שטארק א בליץ געטאָן אין פענצטער און בלענדיק־רויטע שײַן האָט אף עטלעכע ווײַלעס פאריאָגט די טונקלעניש פון צימער. קימאט איינצײַטיק האָט א שווערער דונער אָפּגעהילכט גאָר ניט ווײַט, דאָס געפעס, דאָס מעבל אין צימער האָט א קלונג געטאָן און ס'איז געוואָרן שטיל.

— אזוי ווי בא דער בריק, — האָט סטעפקע געזאָגט.

און אָלגע, מיט א זיפץ:

— ליאָניע!.. ווו איז ער איצט?

X. דער נאָכטלעג אַף דימיִיעווקע. ליאָניע גייט לויט אַ נײַעם אַדרעס

1 געפינענדיק זיך אַף קוואַרטיר ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן־בריק, האָט ליאָניע דערהערט דעם אופרײַס פריִער פון אָלגען און סטעפּקען. ס'איז מיסטאָמע געווען סאַמע דאָס העכסטע אָרט פון דימיִיעווקע, וואָס ציט זיך ביכלאַל אַוועק מיט געדרייטע גאַסן און געסלעך באַרג־אַרויף, טייקעף נאָך קיִעוו־מאָסקאָווסקי און דער סאַפּיאָרנע סלאָבאָדקע, העט ביזן גאָלאָסייעווער וואַלד, אַוואַדע דאָס העכסטע אָרט, ווײַל דאָ איז די פּײַערלעשערײַ. באַנאַנד מיטן הילצערנעם וואַכטורעם, אין אַן אַלט מויערל, וואָס הויכט זיך מיטן איינעם שטאָק אַף אַ פאַרקלאַפּטן קעלער, האָט ליאָניע געדאַרפט פאַרברענגען די נאַכט. פונדאַנען האָט ער דערזען דעם בליץ, וואָס האָט באַלויכטן אַ האַלבן פינצטערן פאַרוואָלקנטן הימל, דערזען, נאָר מיסטאָמע האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדאַכט, ווען ער האָט זיך אופגעזעצט אַף דער קאַנאַפּקע, אַף וועלכער ער איז געלעגן, — געלעגן, ניט געשלאָפן, — אָן אָפּגלאַנץ אַפן טײַך, און באַלד דערהערט אויך דעם שווערן הילך...

מע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי דינאַ סאַוויטשנאַיאַ, די אַלטיטשקע, צו וועלכער ליאָניע איז געשיקט געוואָרן נעכטיקן, האָט זיך דערפרייט מיט אים צי ניט. נאָר אַ פאַרלײַכטערונג פון איר שלאָפלאָזיקײַט האָט זי אין אים אָן סאָפעק געזוכט. זי איז געווען אַ נידעריטשקע און זייער אַ פולע, מאַמעש אַ קײַלעכדיקע, און האָט דערמאָנט אַ וועקזייגער, יענעם, דעם גרעסטן צווישן די עטלעכע, וואָס האָבן געקלאַפּט אַפן אַלטן טונקעלן קאָמאָד. עס האָבן אויך אַף דער וואַנט געקלאַפּט צוויי כאָדיקעס, און דער אײַנדרוק איז געווען אַזאַ, אַז אין אָט דעם פוסטן הויז, — פון יענער זײַט קרומער אינערלעכער וואַנט, מיט אַרויסשפּאַרנדיקע געקאַלכטע בערווענעס, האָט געוווינט אַ קינד, — אין אָט דער העלפט פונעם מויערל, וואָס דינאַ סאַוויטשנאַיאַ האָט איינע אַליין פאַרנומען, הערן זיך עפּעס שטיל און אײַנגעשפּאַרט אומזעבאַרע זשוּקעס. ליאָניע, טראָץ דעם אומרו, וואָס האָט פאַרפולט זײַן האַרץ, צי טאַקע ווײַל ער האָט געוואָלט פאַרטרײַבן דעם אומרו, האָט גלײַך, ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דינאַ סאַוויטשנאַיאַ, מיט אַן אינערלעכן שמייכל געזאָגט צו זיך אַליין: „נו, אַ דינעו!“ אין זינען האָט ער געהאַט דאָס, וואָס „דין“ באַטײַט אַף ייִדיש, און טאַקע ווײַל דאָס ייִדישע וואָרט, אַ טיף פאַרבאָרגנס, אַ פאַרוואָרטס, איז אים פלוצעם געקומען אַפן געדאַנק, האָט דאָס אים דערוואַרעמט.

דינאַ סאַוויטשנאַיאַ האָט מעכאַבעד געווען דעם גאַסט מיט געבאַקענע קאַרטאָפל. ער האָט זיי געטונקען אין שלעכט צעמאָלטער זאַלץ, זי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ טשײַניק מיט אָקרעפּ און אויסגעוויקלט פון אַ שמאַטקעלע עטלעכע מאַמעש גלעזערנע קאָנפעקטלעך. די וועקערס און די כאָדיקעס האָבן געקלאַפּט אין דער פוסטער דירע (ליאָניע האָט געזען איין אָפענע טיר — פון אַלקער, די צווייטע — פון קיך), און די אַלטיטשקע האָט געריידט.

— וואַניע מײַנער, איוואַן יעוומענאָוויטש, האָט דאָך בײַ קאָטאָווסקין געדינט, און אויב מע האָט געדאַרפט — פאַריכט עמעצע „מאָזערס“ און „לאָנזשעראַנס“, וועלכע מע האָט צוגענומען בײַ בורזשויען, זילבערנע און גאָלדענע, און מע האָט מיט די זייגערס באַלוינט, ווי מיט אָרדענס. אַף די דעקלעך האָט ער אויסגעצאַצקעט אופשריפטן — דאָס האָט ער אויך געקענט. וואַניע, איוואַן יעוומענאָוויטש, ליגט אין גאָלאָסייעווער וואַלד, פּאַשעט אין וואַלד — לויט די הוילע ביינער וועסטו דאָך אים ניט דערקענען, ראָבן האָבן צעפּיקט זײַן לײַב, ווי פון פיל אַנדערע אָפּאָלטשענצעס, און עפּשער האָט מען אים אַפילע אין אײַלעניש אַרײַנגעוואָרפן אין אַ קײַוּוער, נאָר ווער ווייסט — ווּ, ווער וועט זאָגן — ווּ? אין די לעצטע טעג איז עס געווען, איך בין געזעסן דאָ, אין קעלער, באַהאַלטן זיך פון די סנאַריאַדן און פון די באָמבעס — וואַניע איז באַשטאַנען, איך זאָל ניט גיין אַהין, אין גאָלאָסייעוואָ. „קענסט שוין ניט“, — האָט ער געזאָגט. און אַמאָל האָב איך געקענט, ווי דו קוקסט מיך אָן, אַמאָל האָט מען מיך אַפילע געשיקט צו די ווײַסע, איך וועל ניט זאָגן, אַז קאָטאָווסקי אַליין, לעמײַ זאָל איך לײַגן, נאָר גוסליאַקאָוו — איינער פון די קאָמאַנדירן, וואָס האָט אויך פאַרדינט אַ גוטן זייגער, האָט מיך געשיקט אי קיין אָטשאַקאָוו, אי נאָך ווײַטער. דאָס זאָג איך דיר, ווײַל לעקסיי קוזמיטש האָט דיך געשיקט צו מיר, שעשענקאָ, און האָסט געזאָגט דאָס וואָרט, וואָס איך ווייס, אַז מע דאַרף עס זאָגן. ווײַל אַנדערש — ווּ? מע מעג דען איצט אַרויסברענגען פאַרן מויל אַזוינס, ווי איך דערצייל דיר?..

ווײַטער:

— צוויי האָב איך זיי געהאַט. איינער — אַזאַ, ווי דו, — מיסטאָמע האָסטו שוין ערגעץ געשמעקט פּולווער, — יענער איז געווען היגטער בריאַנסק, אין אַרטילעריע, און דעם צווייטן,

נאָך גאָר א יונגינקן, האָט מען צוזאמען מיט אלעמען פון דער אײַזנבאנערשער האנטווערקערשול אוועקגעפירט אף יענער־זײַט דניעפּער צופוס, און ווײַטער האָט מען זיי געזעצט אין אן עשעלאָן. זיי זײַנען זיך צעפלויגן פונדאנען, ווי פון א נעסט, צו וועלכער עס טרעט צו דאָס פײַער, און איך זיץ אָטאָ אפן ארומגעסמאליעטן בוים, איך וואַרט...

ווײַטער:

— איך זאָג אים, לעקסיי קוזמיטשן: הענג עפשער ארויס א שילד אין פרונט, אפן גאנעק. זײַ דער זייגערמאכער אָנשטאָט וואניען, איוואן יעוומענאָוויטשן, און גיי אוועק פון דער פײַערלעשערײַ, ווו דו סטארטשעסט באטאָג און באנאכט אפן טורעם און ווו דו רײַסט זיך די קישקעס, פאנאנדערוויקלענדיק און צונויפוויקלענדיק די שווערע ברעזענטענע שלאנגען, און וואָס טוט מען דאָרט ניט?.. ענטפערט ער: „עס פאסט ניט — א שילד, אן אינדיווידואל״. נו, וואניע, איוואן יעוומענאָוויטש, וואָלט איך עפשער ניט וועלן אזוינס. דאָס קאָן איך פארשטיין. נאָר וואָס ער זאָגט, לעקסיי קוזמיטש: „עס לוינט ניט״. וואָס לוינט דאָ יאָ, און וואָס לוינט דאָ ניט? איך קויף א קאליע־געוואָרענעם כאָדיק אין מארק, צי אָט אזא־אָ דראפּעטש, א וועקער, לעקסיי קוזמיטש פּאָרעט זיך מיט אים א ביסל, און איך גיי ווידער אין מארק — שוין מיט א סכוירע... מענטשן דארפן זייגערס, אנדערע קויפן אפילע אזוינס, קעדיי אויסבײַטן אף דעם עפּעס אין דאָרף. איז ווו זשע, ווען ער טוט עס אָפּטער, דײַן שעשענקאָ, ווען ער האָט צײַט כאָטש איין מאָל אין צוויי טעג זעצן זיך צו דער ארבעט. ניין, לויפט ער ערגעץ אום — סטארטשעט ער ניט אפן טורעם, האָט ער געגנג...

דינא סאוויטשנאיא האָט געקוקט אף ליאָניען אזוי, ווי זי זאָל זאָגן: „אָט ווייסטו דאָך א ביסל פון זײַנע גענג, און שווײַגסט? מיילע, שווײַג, הער...״

— און אזוינס האָסטו ווען געזען? שוין פּארטיק א זייגער, אָן־אָ שטייען עטלעכע פאריכטע, און אָט הענגען די כאָדיקעס, נאָר אָן זײַנעם א „יאָ״ טאָר איך זיי ניט ארויסטראָגן אין מארק — אפן יעוובאז, צי אפן סאָלאָמינקער מערקל. עס טרעפט גאָר — ער צעשרויפט ווידער א זייגער, וואָס גייט שוין, און לאָזט אים שווײַגן. הא, האָסט געזען אזוינס? בא מײַן איוואן יעוומענאָוויטשן האָב איך עס ניט געזען. און דעריקער קאָן מען אים ניט נאסטארטשען קיין פּרוזשינעס — איך בין שוין געגאנגען אפילע אף פאָדאָל, צו א באקאנטן זייגערמאכער, א שיקערוק, אליין ער, לעקסיי קוזמיטש, גייט ניט, איך בין געגאנגען אײַנהאנדלען עטלעכע פּרוזשינעס. און מײַנער פלעגט א צעבראָכענע פּרוזשינע צונויפקליאָפּען...

ליאָניע האָט ניט באוויזן נאָכפאָלגן מיטן געדאנק דינע סאוויטשנעס רייד.

„פּרוזשינעס, — האָט ליאָניע געטראכט, — יאָ, פּרוזשינעס האָט אלעקסיי קוזמיטש איבערגעפרוווט א סאך. די איז צו שוואך, קעדיי זי זאָל ארויסציִען די טשעקא פונעם מעכאניזם, די איז צו שטארק, די טוט עס צו שנעל, די טוט עס פּאמעלעך — אלץ האָט געמוזט אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן ווערן... און דען נאָר דאָס אליין? וויפל מי האָט אָפּגעקאָסט, אז א געוויינלעך שפּאגאטל זאָל זיך אזוי אָנוויקלען אף דער אקס פונעם צײַנדלדיקן רעדל, אז פונקט דעמלט, ווען מע דארף, זאָל די פּרוזשינע אָפּטאָן אירס, די שלאָג־נאָדל — אירס, דער אײַנגעשרויפטער קאפּסול זאָל געבן דעם פונק פאר דער קאָנסטרויִרטער מינע?.. און דאָס, וואָס דינא סאוויטשנאיא קוקט אף מיר, ווי איך זאָל וויסן פון שעשענקאָס גענג, איז ווייס איך טאקע עפּעס־וואָס. גיין פלעגט ער ניט נאָר צו אונדז אין בײַדל, ער פלעגט אויך ניט איין מאָל אָנשפּארן אין וואלד, וואָס באם זשיטאָמירער שליאך, דאָס איז גאנץ ווײַט, פון יענער־זײַט שטאָט. אלטע צערוִנירטע דאָטן זײַנען דאָרט דאָ, פלעגט ער אין די דאָטן אויספּרוּוון סײַ זײַנע אופרײַס־מעכאניזמען, סײַ די קאפּסול־דעטאָנאטאָרס, וואָס זײַנען ארויסגעשרויפט געוואָרן פון סנאריאדן, סײַ דעם טראָטיל, אויך אן אויסגעדליבעטן פון די סנאריאדן און א צעדרויבלטן אין פּראָשעק... און ווִיאזוי מע באקוקט אים, דעם אופרײַס־שטאָף, דאָס וואָלט איך שוין אוואדע געקאָנט דערציילן. די גראָווע האָר דער אלטיטשקערס, וואָס קלעקן שוין ניט אף קיין קובליק און הענגען פּאָשעט אראָפּ מיט ניט קיין גלײַכע שפּיצן פון אונטער איר לײַכטן היימישן טיכל, וואָלטן זיך געשטעלט קאפּויר, ווען זי דערהערט, וואָס מיר האָבן געטאָן, איך, און יערעמיי פּאָמיטש, און שעשענקאָ. אויסגעשאָסענע סנאריאדן, וואָס האָבן זיך ניט אופגעריסן, און אייניקע ניט קיין גענוצטע, האָבן זיך ערטערווײַז געוואלגערט בא דער אָזערע, — זײַנען זיי אײַנציקווײַז אריבערגעטראָגן געוואָרן אין בײַדל. ווײַטער איז פּאָרגעקומען אזוי: אָדער איך אָדער יערעמיי פּאָמיטש האָבן דעם סנאריאד, פּעסט אן ארומגעבונדענעם מיט א שטריק, געהאלטן מיט אלע קויכעס איןביידע הענט — אינצווייען איז אומעגלעך געווען צו האלטן — און אלעקסיי קוזמיטש האָט פּאמעלעכן ארויסגעשרויפט דאָס קעפּל. ס׳א שרעק געווען צו קוקן אף אלעקסיי קוזמיטשן, בייס ער האָט פאנאנדערגעשרויפט א סנאריאד: דאָס פּאָנעם איז בלאס, באדעקט מיט א לײַכטן שווייס, די גרויע

אויגן — צוגעזשמורעט, צוויי קאלטע שפעלטיקלעך און גאָר, און דאָס מויל, א דין־געצייכנטס, — שמייכלט קוים־קוים, עס שמייכלט אזוי ווי שולדיק, אזוי ווי ער זאָל זיך פון פאָרויס האלטן פאר שולדיק, — עפשער וועט באלד א זעץ טאָן פייַער און פון קיינעם וועט קיין זייכער ניט בלייַבן, ניט פון מיר, ניט פון אים, פון יערעמיי פאָמיטשן? ער איז אף דער וואך, אינדרויסן, און אן אנדערש מאָל שטיי איך אף דער וואך; אינדרויסן וועט עפשער ניט פארטשעפען, נאָר דעמלט וועט מען נאָך דארפן קאָנען אויסדרייען זיך פון די דייַטשן, — „וואָס האָט דאָ אופגעריסן זיך, אין דער סטאָראָזשקע?״

דינא סאוויטשנאיא:

— ווילסט שוין עפשער שלאָפן?

— איך האָב זיך אויסגעשלאָפן באטאָג.

— „ווו?״ — בלויז אירע צעפלאָכטעטע און טיף מיטפילנדיקע אויגן פרעגן דאָס, און זיי זאָגן אפילע אזוינס: „איך שטעל זיך פאָר, ווי דאָס איז עמעס״. נאָר אין דער הייך זאָגט זי:

— יונגע שלאָפן איצט אויך שלעכט. לעקסיי קוזמיטש האָט דאָ בא מיר גענעכטיקט א פאָר מאָל, קרעכצט ער און שרייַט פון שלאָף. איך האָב אים אפילע געגעבן מייַן געטראנק פון אויסגעקאָכטן וואלעריאן־וואָרצל. מיר העלפט דאָס שוין ווייניק, נאָר אים, ניט קיין געוווינטן, מוז עס העלפן... ווארט, איך וועל דיר אויך געבן, איך האָב עס גרייט, דאָס געטראנק.

— מע דארף ניט. באלד וועל איך גיין שלאָפן, אויב איר וועט זיך לייגן.

— זיץ, אז דו ווילסט. עס איז שוין אָן־א נאָך צוועלף.

— יאָ, האלבע נאכט.

„שלאָפגעטראנק. נו, נו, איך וואָלט עס אריינגעשלאָפן! און דעמלט, גיי ווייס, ס'האָט א קנאל געטאָן, צי ניט? אלעקסיי קוזמיטש האָט דאפקע געזאָגט, אז זאָל נאָר זייַן, וואָס צו הערן, וועל איך דערהערן. שלאָפן! גענוג שוין דאָס, וואָס איך בין ניט דאָרט, נאָר — דאָ. ס'הייסט, אזוי איז עס: ביסטו ניט אינעם סאמע געפערלעכן אָרט. אויב נאָר האָסט אליין ניט געטאָן, זאָלסט דאָרט ניט זייַן — איז מאך קיין אָנשטעל ניט, אז דו ביסט מעקאנע דעם, וואָס געפינט זיך דאָרט. איך ווייס דאָך, אז ס'איז שווער און ביטער אפאנעמעסן. און ווער, דעריקער, זייַנען געווען אין קאָן? צווייען: יערעמיי זארובא און פראנץ רעדוטני. שעשענקאָ האָט געוואָרט דאָרט, ווו מע ווארט איצט אינדרייַען, אויב אלץ איז דורך, ווי עס געהער צו זייַן, מיסטאמע ווארט מען, און איך ווארט אויך. אייערנעכטן אין אָוונט איז באשטימט געוואָרן, אז ניט איך וועל זייַן דער צווייטער אין שיפל, נאָר רעדוטני. אייערנעכטן פארנאכט איז שוין גרייט געווען א קעסטל, פונקט אזוי די גרייס, ווי יענץ, אין וועלכן די מינע האָט געדארפט ליגן, און פון דער זעלבער וואָג, נאָר אָנגעפילט מיט שטיינער. איך און יערעמיי פאָמיטש האָבן יענץ קעסטל פארוויקלט אין די נעצן, וואָס מיר נעמען געוויינלעך, אוועקלאָזנדיק זיך כאפן פיש, און געגאנגען זייַנען מיר צום שיפל אזוי, ווי מיר זאָלן גאָר קיין שווערס ניט טראָגן. דער וואכמאן, וואָס זייַן פאָסטן איז אין אָנהייב פון דער בריק — אלע זייַנע טנועס ווייסן מיר שוין, און אז ער איז ווידער געשטאנען יענעם פארנאכט אף דעם זעלבן אָרט, האָבן מיר זיך פריִער איבערצייַגט, — דער וואכמאן, א שווארצער, לופאטער דייַטש, האָט ווי אלעמאָל געוויכערט זייַן ציגאר, איבערגעבויגן זיך איבער דער פארענטשע און געשפיגן אין וואסער, מיינענדיק טרעפן אין אונדזער שיפל, ווען עס וועט פארבייַפאָרן. מיר האָבן, ווי שטענדיק, ארויסגעפירט דאָס שיפל דורכן פיצינקן דורכגוס פון אונדזער אָזערע, דער ווידובעצער, אין טייַך, פארקערעוועט צום ביק, וואָס איז דער עקסטער באם ברעג, — צו די ווייַטערדיקע טאָרן מיר זיך ביכלאל ניט דערנענטערן, — איך האָב געוועסלעט, יערעמיי פאָמיטש האָט גערודערט, פון יענער זייַט בריק וועלן מיר פארקערעווען אין דער צווייטער אָזערע, וואָס האָט ניט קיין נאָמען. נאָר אלץ האָט געדארפט פאָרקומען אין מעשעך פונעם פערטל מינוט, אפילע ווייניקער, וואָס מיר האָבן געקאָנט זייַן אונטער דער בריק, און דאָס איז געווען די רעפעטיציע... איך האָב, ווי נאָר דער שאָטן פון דער בריק האָט אונדז צוגעדעקט, א וואָרף געטאָן די וועסלעס אין שיפל, אָנגעכאפט זיך מיט ביידע הענט פאר א קרוק, וואָס סטארטשעט אינעם ביק, ניט הויך איבערן וואסער, כ'האָב צוגעצויגן דאָס שיפל הארט צו דער וואנט, און יערעמיי פאָמיטש האָט נאָך מיט א רעגע פריִער א שמיץ געטאָן זייַן וועסלע אין שיפל, איינס און צוויי אָפגעדעקט דאָס קעסטל, אופגעשטעלט זיך און געפרווט ארייַנרוקן עס אין דער נישע, וואָס אויבן, אינעם ביק, נאָר ס'איז אים ניט געלונגען, קיין קויעך האָט ניט געקלעקט, ער האָט זיך ניט געקאָנט דערציִען צו דער נישע, סאכאקל עטלעכע סאנטימעטער ניט דערצויגן זיך. דאָס שיפל גייט כאָדאָראָם, אָט קערט זיך עס איבער, די רעגעס פליִען, האָט יערעמיי פאָמיטש געטאָן דאָס, וואָס מע האָט געדארפט טאָן שוין נאָכן צומעסטן — אראָפגעלאָזט דאָס קעסטל אין טייַך. ווען מע איז ארויס פון אונטער דער בריק, האָט יערעמיי פאָמיטש געזאָגט: „איך זע שוין, טישקע, מע

דארף דאָ האָבן א העכערן און א שטארקערן פון מיר און פון דיר אויך. פראנץ טויג צו אָט דעם קעסטל, און איך וועל צוהאלטן דאָס שיפל. ער פאָרט דאָך ווען־ניט־ווען מיט אונדז אין שיפל, וועט ער זײַן דער צווייטער, און קיין דריטן דארפן מיר ניט — די קיילע וועט זיצן צו טיף, זי קאָן זיך אונטערטוקן". יענעם אָוונט איז אלץ באשלאָסן געוואָרן. עמעצער באשליסט. הײַנט אינדערפרי האָט יערעמיי פאָמיטש געבראכט אן עמעסע קאפסולע — ניט אזא, ווי שעשענקאָ האָט געהאט צוגעפאסט. „א וואלדישע", — האָט זארובא, שוין גאָר א שײַנענדיקער, געלאָזט, ניט לויט זײַן טעווע, פאלן א וואָרט. אלעקסיי קוזמיטש האָט פארביטן די קאפסולע אין דער מינע, מע האָט דאָס קעסטל ארומגעבונדן מיט דראָט, און אָטאָ וואַרט איך דאָ, און אלעקסיי קוזמיטש וואַרט באם ברעג פון דער צווייטער אָזערע, אין לאָזניאק, ווײַל טאָמער גיט זיך אויך רעדוטנין ניט אײַן אוועקשטעלן דאָס קעסטל אין דער נישע, — און עס ליגן דאָך שוין אין דעם ניט קיין שטיינער, — וועט אלעקסיי קוזמיטש דארפן ארויסנעמען דעם פארלאַנגזאַמונג־מעכאַניזם, און איך וועל מאָרגן ווידער דארפן קומען אין דער סטאָראָזשקע, ווידער כאפן פיש, ביז עס וועט מיט דער מינע אלץ איבערגעכאַזערט ווערן..."

דינא סאוויטשנאיא האָט שוין א ביסעלע לענגער געשוויגן, זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף דער הויכער ברוסט און געדרעמלט, סאָפּענדיק גאנץ הויך. ווען זי האָט א שטארקן כראָפּע געטאָן, האָט זי אופגעציטערט, געעפנט די אויגן און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אוועק אין אלקער — שלאָפן. ליאָניע האָט דעם לײַלעך און די מולטענע קאָלדרע, וואָס זײַנען אָנגעגרייט געווען פאר אים אף דער קאנאפּקע, אוועקגעלייגט אונטער דער קישן, פארלאָשן דאָס לעמפל און צוגעלייגט זיך אין אָנטאָן, אראָפּגענומען בלויז די שווערע, צעקרימטע שיך. אזוי איז ער געלעגן א שאָ און נאָך א שאָ, געטראכט, און עפשער אפילע ניט געטראכט — געכאָלעמט, נאָר אלץ געהערט דאָס קלאפּן פון די עטלעכע זייגערס, ווי זשוקעס זאָלן טאקע עפּעס הריזען און הריזען... מיטאמאָל איז אין צימער געוואָרן ליכטיק, ווי באטאָג, עס האָט א מעכטיקן דונער געטאָן אין דרויסן, די טאפּליעס אינעם פענצטער, צו וועלכן ליאָניע איז צוגעפאלן, האָבן, פארפאָראָשעטע מיט אײַנציקע שנייעלעך, אופגעציטערט.

דינא סאוויטשנאיא האָט געשרײַען פון אלקער:

— הא, הא, וואָס איז עס אומגעפאלן?

— גאָרנישט, — האָט ליאָניע געענטפערט, ווען די טאפּליעס, שוין ווידער שווארצע, האָבן אופגעהערט ציטערן, — דאָ איז אלץ אף אן אָרט, שלאָפט!

2 אין בײַדל בא דער ווידובעצער אָזערע איז ניט איין מאָל פון אלע זײַטן ארומגערעדט געוואָרן, ווי וועט זײַן, ווען דער אופרײַס וועט זיך אײַנגעבן. ערשטנס, האָט מען זיך קיין פייגעלעך אין בוזעם ניט געלייגט — אומוואלגערן אין טײַך די גאנצע בריק, אָדער כאָטש א היפשן טייל אירן, וועט מען ניט קאָנען. איין מינע, מער האָט מען דערווײַל אי צוגרייטן, אי דעריקער אונטערלייגן ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט, בא א פוד אופרײַס־שטאָף וועט צערוײַנירן בלויז איין ביק, און עפשער, דאָס וואָלט זײַן גאָר גוט, אראָפּשמיצן אין וואַסער די פערמעס, וואָס האלטן זיך אף אים. געהאט האָט מען צו טאָן מיט דער צײַטווײַליקער בריק, וואָס די דײַטשן האָבן אופגעשטעלט אף א פאָר גאנץ געבליבענע ביקעס פון יענער, וואָס אונדזערע האָבן אופגעריסן בײַסן פארלאָזן די שטאָט, און אף שפאלע־קאסטנס, אָנגעפּילטע מיט שטיינער. די קאפּיטאלע בריק האָט זיך געבויט בא א זײַט און ס'האָט נאָך געדארפט ניט ווייניק געדויערן, ביז צוגן וועלן איבער איר נעמען גיין. אָבער אויך דער דאָזיקער ניט גאָר שטארקער אופרײַס וועט זײַן א פריקרע זאך פאר די דײַטשן. עמעס, ס'איז דאָ נאָך איין אײַזנבאַן־בריק, עטוואָס ארופצו, קעגן פאָדאָל, נאָר איבער איר איז דורכגעלייגט בלויז איין רעלסן־וועג. עס וועט זיך שאפן א גוטער געדראנג פון עשעלאָנען אף בײדע ברעגן פונעם טײַך, און דויערן קאָן דאָס עטלעכע טעג.

גערעדט האָט מען אויך אין דער סטאָראָזשקע וועגן דעם, ווו אהינטאָן זיך נאָכן אופרײַס. דאָס איז געווען א טייל פונעם פלאַן, אזוי אז באשטימען האָט מען דאָס געזאָלט ניט אליין, מע האָט אָבער געפּרוווט פאָרויסזען עטלעכע װאריאנטן. פאָשעטער פון אלץ וואָלט זײַן אוועק אף יענער־זײַט דניעפּער, אין די וועלדער, אָבער טאקע מאכמעס דעם אופרײַס וועט מען אין די ערשטע און געפערלעכסטע טעג עס ניט קאָנען טאָן — קיין צוגן וועלן ניט גיין איבער דער בריק, און אף דער, וואָס פון יענער־זײַט פאָדאָל, וועט דער קאָנטראָל אוודע זײַן אזא, אז קיין מויז וועט ניט קאָנען דורכשפרינגען. וועט מען, הייסט עס, פארשווינדן אף קאָנספּיראַטיווע קווארטירן. אים, ליאָניען, איז טאקע אָנגעוויזן געוואָרן אָט די ערשטע קווארטיר — בא דינא סאוויטשנאיא. אינדערפרי דארף ער זיך באגעגענען מיט אלעקסיי קוזמיטשן, יענער וועט

וויסן, וואָס ווײַטער טאָן. מעגלעך, אַז מע וועט גאָר בלײַבן ערגעץ אין שטאָט, אַפּילו ניט אַף דער אײַזנבאַן. מע האָט אָבער דערלאָזט אויך אַזוינס, און דאָס האָט ווידער ניט געהייסן לייגן זיך פֿייגעלעך אין בוזעם: די דייטשן וועלן זיך ניט כאַפּן, אַז אַלץ קומט פֿונעם פֿישער־אַרטעל, מע וועט ניט מאַכן קיין אונטערזוכונג אין דער סטאַראָזשקע, און אויב אַפֿילו יאָ, וועט מען דאָרט אַלציינס גאָרנישט ניט געפֿינען, קיין שפּרענקעלע אופּרײַס־שטאָף, קיין דרעטעלע — אַלץ איז אויסגעראַמט, אַרײַנגעוואָרפֿן אין אָזערע, — וועט מען זיך קאָנען אומקערן, קעדיי טאָן דאָס זעלבע ווידער, און אַוודע — בעסער, געניטער. געוויינלעך (אַזוי האָט זיך געלייגט אַפֿן זינען), די ערשטע טעג וועט מען ביכלאַל קיינעם ניט צולאָזן נאָענט צו דער בריק, האָבן די פֿישער ניט וואָס צו קומען אַהין, און טאַקע ווײַל אַזוי, איז ליאָניע, הייסט עס, אין אָוונט געווען מיט פֿיש אין קיך פֿון דעפּאָ — צוריק אומקערן זיך, ביז עס ווערט ליכטיק, צו דער אָזערע, האָט ער ניט געקאָנט: ווען עס ווערט פֿינצטער, לאָזט מען אויסער דער סטאַנציע קיינעם ניט אומגיין לעבן די רעלסן, יערעמיי פּאָמיטש האָט ביכלאַל באַקומען אַ דערלויבעניש פֿאָרן אין דאָרף עפּעס אויסבײַטן, שעשענקאָ — טאָמער ציט מען דורך אַ פֿאָדעם צו אים, אין דער פּײַערלעשערײַ — דאָס זעלבע, רעדוטני האָט, צוזאָגנדיק באַטאָג קרומפּײַלן פֿרישע פֿיש, באַמערקט, דערעכאַגעוו, אַז דער עלטסטער פֿישער פּאָרט אַוועק ניט אַף לאַנג, און ער אַליין, דער באַזאָרגער פֿון דעפּאָ, דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן צו באַקאַנטע בינענציכטלער, עס קאָן זיך מאַכן, אַז ער וועט באַקומען עטלעכע פּוד האָניק. אין די ערטער, וואָס זײַנען אָנגערופֿן געוואָרן, וועט מען זיך ניט באַווײַזן. זיכערע מענטשן וועלן אָבער פֿון דאָרט צו וויסן געבן, צי האָט מען ניט געזוכט קיין שטאָטישע...

אַנדערש ניט, בלויז אַזוי ווערט פֿון אַלע זײַטן אַרומגעשטעלט אַזאַ ריזיקאַלע זאַך, האָט ליאָניע געטראַכט און מאַמעש געשטיקט זיך פֿאַר אומגעדולד אַפֿן קאַנאַפּקעלע, געדרייט זיך פֿון זײַט אַף זײַט, געהאַלטן אין איין קוקן אַף די טאַפּליעס, צי ווערן זיי נאָך ניט בלוי, און אַף די זייגערס — קײַלעכדיקע, בלאַסע פּענעמער, אַף וועלכע די ווײַזערס זײַנען אויסגעקרימען, ווי וואָנצעס, אָט אופֿגעהויבענע פֿון געלעכטער, אָט אַראָפּגעלאָזטע פֿון געוויין.

3

פֿאַר דעם, ווי אַרויס אין דרויסן, האָט ליאָניע אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל פֿונעם אַלטן טואַלעט־טישל, וואָס איז, אַ דורכגעגעסנס מיט שאַשעל, געשטאַנען באַ דער טיר, לעבן פּוסטן הענגער. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די אויגן — קאַרע, אָנגעשטרענגטע, האָבן זיי טונקל אַ ברען געטאָן צווישן די געלע פֿליאַמעס, וואָס האָבן פֿון הינטן באַדעקט דאָס גראָבע גלאָז: „מע וועט זיך דאַרפֿן פֿלײַסן ניט קוקן אַזוי ביסטרע". דאָס, וואָס די גאָלדיק־רויטלעכע האָר זײַנען לאַנג ניט קיין געשוירענע, האָט גראָד ניט אויסגעמאַכט (זאַרובאַ האָט גאַנץ זעלטן זיי אים אַרומגעכאַפּט מיטן שערל, און צו אַן עמעסן פֿריקמאַכער איז בעסער געווען ניט רוקן זיך), אָבער לײַכט־צעכוואַליעטע, האָבן די האָר זיך פֿאַרבויגן אין קליינע קוטשערלעך אַף די שלייפֿן, אַרום די אויערן און אַפֿן נאַקן — דאָס האָט ניט געטויגט. „מיילע, באַ דער ערשטער געלעגנהײַט וועט מיך עמעצער אונטערשערן, דערווײַל וועל איך בעסער אָנרוקן דאָס היטל און איך טראָג עס אַלציינס מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן", — האָט ער באַשטימט. מער גאָרנישט — ניט די נאָז, אַ גלײַכע, מיט עטוואָס צעשפּרייטע לעפֿלעך, ניט דאָס מויל, אַ מויל, ווי אַ מויל, איצט — האַרב אַ צונויפֿגעדריקטס, ניט די שאַרף אָנגעמערקטע סקולעס, באַדעקטע מיט אַ שוואַכער ראָזקײַט, ווײַל די הויט איז אַ דינע, ווי צו־מיינסטנס באַ העלע, — מער גאָרנישט האָט ניט אַרויסגערופֿן יענעם אומרו און צווייפֿל, וועלכן ער האָט שטענדיק געשטיקט אין זיך, נאָר געוווּסט, אַז אָפּנעמען דערשטיקן אים קאָן מען ניט.

באַם טישל האָט ליאָניע זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל דינאַ סאַוויטשנאַיאַ, אַ צעערגערטע, וואָס ער גייט אַוועק אָן אַן איבערבײַסן, — זי איז ערשט אַראָפּ פֿון בעט, ניט געוווּסט, אַז ער וועט אַזוי אײַלן, — האָט זיך געוואָרפֿן אָפּזוכן עפּעס, אין וואָס מיטגעבן אים עטלעכע קאַרטאָפֿל, פֿאַרבליבענע פֿון אָפּדערנאַכט. באַ אַ זײַט, אין שפּיגל, איבערן אייגענעם אַקסל, האָט ליאָניע געזען, אַז די פּרוּי האָוועט באַם טיש — זי האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פֿונעם פּאַפּיר, מיט וועלכן דער טיש איז פֿאַרשפּרייט, און האָט שוין באַלד גרייט אַ פּעקל. און דאָ האָט ליאָניע פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט נאָך געזוכט אין זײַן פּאָנעם: „איך בין ענלעך אַף דער מאַמע".

דער געדאַנק וועגן דער מאַמע האָט דערוועקט די זאָרג פֿון אָט דער איינזאַמער און אָן סאָפּעק גוטער נעשאָמע, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט פֿאַרגלײַכט זײַן פּאָנעם מיט דער מאַמעס, אַזוינס, ווי ער האָט עס איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרגעדענקט, איז געווען קימאַט אַ קאַלטער, פּראַקטישער מיין. נעכטן האָט דינאַ סאַוויטשנאַיאַ דערציילט, אַז מע האָט פֿון קאָטאָווסקיס

בריגאַדע זי געשיקט אין אויסשפּיר. די מאַמע איז אויך געגאַנגען אין אויסשפּיר — באַ שטשאָרסן. געווען איז זי אַ טעלעפאָניסטקע אינעם ריַיטער־עסקאַדראָן, ווו דער טאַטע האָט געדינט. דערנאָך, ווען דער טאַטע איז שלאָף געוואָרן, איז זי אוועק נאָך אים אין דער טיפוס־טעפּלושקע, אוועק פאַר אַ סאַניטאַרקע און אַליין אויך געפּאַקט דעם פלעק־טיפוס, נאָר ביז דעם אַלעמען, צי נאָך דעם, איז זי עטלעכע מאָל געגאַנגען אין די דערפער און אַף די סטאַנציעס אַרום ניעזשין — דאָס איז דערציילט געוואָרן וועגן ניעזשין, פונוואַנען זי האָט געשטאַמט, — געגאַנגען צו די סיטשעוויקעס, אויסקוקן זייערע קריגס־פּאָזיציעס, זייערע עשעלאָנען. האָט דאָך קיינער דאָרט, באַם סוינע, ניט דערקענט, אַז זי איז די, וואָס וואָלט גאָר אַף אַן אַנדער מין אויפן פאַרפּיַיניקט געוואָרן, וואָס האָט, באַקומט זיך, צוויי מאָל פאַרדינט דעם טויט...

ליאָניע איז אַלט געווען עטלעכע כאָדאָשים, ווען אַ באַנדע האָט זיך אַריַינגעריסן אין ליובאַטש, וווהין די מאַמע איז געקומען צו שווער און שוויגער אַף קימפּעט, — זי איז געווען אַ קיַילעכדיקע יעסוימע, און אַ באַנדיט, וועלכן זי האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט זי דערשטאָכן. פאַרטיידיקנדיק די מאַמע, האָט דעמלט באַקומען אַ וווּנד דער זיידע זכאַריע און איז אויך אינגיכן געשטאָרבן. ליאָניען האָט דערצויגן די באָבע שיפרע, וויַיל דער טאַטע איז אָדער געווען אין דער אַרמיי, אָדער ער האָט געלערנט זיך אין שטאָט, דערנאָך געאַרבעט ערגעץ וויַיט און איז ווידער געדופן געוואָרן אין דער אַרמיי — שוין אַף שטענדיק. נאָר דאָס איקערדיקע — ער איז געווען ניט נאָר זיַינער, ליאָניעס, — ס'האָט זיך באַוויזן די טיאָטיע אָלגע, נאָכדעם — נאַטאַשקע. זיַינע, ליאָניעס, איז געווען די באָבע, זיַינע איז געווען די מאַמע, וואָס איר פּאָרטרעט איז געהאַנגען אין שטוב, זיַינס איז געווען דאָס איינציקע קאַרטעלע, פון וועלכן דער פּאָרטרעט איז פאַרגרעסערט געוואָרן, — די מאַמע איז אין אַ קובאַנקע, פון אונטער וועלכער עס פאַלן אַראָפּ צוויי שווערע, העלע צעפּ אַף דער מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע, ערנסט, שטרענג ברענען די טונקעלע אויגן, און ביכלאַל, ווען ניט די צעפּ, — איז עס ער אַליין, ליאָניע.

דאָס קאַרטעלע — עס איז אונטערגעשריבן געווען אַף ייִדיש, דער באָבע שיפרען און דעם זיידן זכאַריען, און איז געשיקט געוואָרן פון עסקאַדראָן נאָך פאַר דעם, ווי מע האָט זיך באַקענט, — האָט ער פאַרבייט צוזאַמען מיטן קאָמיוגישן בילעט אין קאָלנער פון עדיקס קורטקע, ווען ער, ליאָניע, האָט נאָך דער פליייטע פון דער לאַסטמאַשין, וואָס האָט אים געפירט צום באַבי־יאַר, איבערגעטאָן זיך אַף פּאָדאָל, באַ טיכאָן וואַסיליעוויטשן, קעדיי אוועק מיטן יאַטל, אַ געקומענעם אַליין פון געהענעם, צוערשט אַף יענער־זיַיט דניעפּער, קיין בראָוואַרי, ווו עדיק איז טאַקע געבליבן, דערנאָך — צום פראָנט. נאָר אַז ער איז ניט דערגאַנגען, אַז ער האָט באַקומען צוויי קוילן אין פוס און איז אַ פאַרכאַלעשטער אַריַינגעפאַלן אין אַ לאַגער, האָט דערנאָך, ווען ער האָט געבערענט פון היץ, געדאַרפט פּאַסירן מיט אים אָט די צאָרע — עפּעס אַ בריָע זאָל פון אים אַראָפּשלעפּן די קורטקע. דאָס ביכעלע טיכאָן וואַסיליעוויטשעס, וואָס איז שוין געווען זיַין, ליאָניעס, דאָקומענט און וואָס געהאַלטן האָט ער עס פּאָשעט אין דער הויזן־קעשענע, איז געבליבן גאַנץ — אויך אַ ווילד שטיקל גליק, נאָר יענץ, דאָס סאַמע טיַיערסטע, אין קאָלנער, איז פאַרלוירן אַף שטענדיק. און אין ליובאַטש איז דער מאַמעס פּאָרטרעט שוין אויך ניטאָ, וויַיל די באָבע, און אַלע קרויווים, און אַלע דאָרטיקע ייִדן, אַזוי ווי אומעטום, אַזוי ווי אין קיִעוו, זיַינען ניטאָ...

אין גאַס — פון אָנהייב איז ליאָניע אוועק דורך אַ פאַרוואָרפן געסל, וואָס פירט באַרגאַראָפּ, — האָט ער פאַרגעזעצט טראַכטן וועגן דער מאַמען, און די געדאַנקען האָבן אים אוועקגעפירט אַלץ וויַיטער און וויַיטער. קימאַט אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן דער מאַמען, און פיל פון דעם, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן דעם טאַטן, האָט דערציילט די באָבע. אַ טיף אָרנטלעכע, האָט זי צומאָל וועגן זיך אַליין גערעדט ניט קיין גוטס, יעדנפאַלס, ניט אַרויסגעשטעלט זיך פאַר אַזאַ, וואָס זעט און טוט אַלץ ריכטיק. זי האָט דערציילט וועגן דעם טאַטנס, ווי זי האָט געזאָגט, פּראַמאַכן, גוטס — אַ סאַך, אָבער אויך — פּראָמאַכן. און באַ דער מאַמען — גאָרנישט, אַלץ איז שיין און איידל — הייליק. צווישן דעם טאַטנס פּראָמאַכן איז געווען זיַין ליבע מיט טשאַרנע סעגאַל. אָדער ער האָט ניט געדאַרפט אַריַינלייגן אין דעם דאָס גאַנצע האַרץ, און ביכלאַל ניט געדאַרפט זיך ציִען צו אַזעלכעס (די באָבע האָט געמיינט — צו פיל אויסגעשפּילטס, צו ייִכעסדיקס, לויט ווי מע האָט עס דעמלט פאַרשטאַנען), נאָר אויב שוין יאָ געצויגן זיך, האָט ער עפּשער, דער טאַטע, ניט געדאַרפט אַרויסוויַיזן זיַין קרעמעוזדיקן האָנאָר, — די באָבע האָט געהאַלטן, אַז די קרעמעוזעס האָבן זייערן אַ האָנאָר, — ניט געוואָלט זי מער קענען, טשאַרנען, ווען זי האָט, זעענדיק, אַז עפּשער ווערט זי זיך אַף

אים, דעם רויטן קאָזאַק, ניט דערוואַרטן, אַ קוק געטאָן אַף אַ צווייטן, אַ פּריטשעפּע, אַ בוידעם. און ער האָט, הייסט עס, דער טאַטע, געפֿונען דאָרט, אין עסקאַדראָן, כאַנקען... יאָ — און דאָ האָט די באָבע געשטראָפֿט זיך אַליין, און געשטראָפֿט דעם פֿאַרשטאָרבענעם זיידן — זיי האָבן זי ביידע ניט געוואָלט, כאַנקען. אָט דאָס קאַרטעלע איז אָנגעקומען, מע זאָל זיך שוין, הייסט עס, קענען, איז האָט זי עס באַגאָסן מיט טרערן, די באָבע, און דער זיידע האָט געזיפֿצט: „אָט דאָס וועט זײַן די שנור, אַן אייגן קינד! עפּשער פֿאָרט זי אום אַפֿילע רײַטנדיק און האָט אַ נאַהײַקע אין דער האַנט? און דאָס פֿאָנעם...” יאָ, פֿון אָנהייב האָט זי זיי זיך אויסגעוויזן, דער באָבען און דעם זיידן, אַלס גאָר אַ פּראָסטע, ווען ניט דער נאָמען און די ייִדישע צושריפֿט אירע, וואָלט מען גאָר געגלייבט, אַז זי איז פֿון אַ פֿרעמדן שטאַם. נאָר אַז מע האָט זי דערזען, כאַנקען, אין שטוב, אַז מע האָט זי דערקענט — אַ בעריע, עס האָט בײַ איר אַלץ געברענט אונטער די הענט, און אַ מעזעגטאָוו, גוט, און לײַטיש, און שיין אויך — ווער דאַרף אַ יעפּאַסטויאַר, אַז מאָלע־כיין איז עפּשער אַפֿילע מער. און די גאָלדענע צעפּ אירע, און דער שטעל, מע האָט פֿון איר די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן, מע האָט ראַק מוירע געהאַט פֿאַר אַ גוט־אויג, איז אַרײַן דער באַנדיט מיטן מעסער...

דער טאַטע האָט אויך דערציילט וועגן דער מאַמען, אָבער זייער זעלטן, און דעריקער זייער צוריקגעהאַלטן, און ליאָניע האָט, אַ קליינינקער, מיטן הערצל אים פֿאַרשטאַנען. שפּעטער, אַן אונטערגעוואַקסענער, האָט ער אים אויך פֿאַרשטאַנען, אַנדערש, און ווידער ניט פֿאַרגעוואָרפֿן די צוריקגעהאַלטנקײַט — דער טאַטע האָט אַזויאַרום אויסבאַהאַלטן זײַן געפֿיל, וואָס איז, אומאָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס ער האָט געפֿילט צו אָלגען, געבליבן בײַ אים אין האַרצן. פֿאַרגעוואָרפֿן האָט ליאָניע גאָרנישט, אָבער אַ געוויסע קעלט האָט עפּשער טאַקע אָט די צוריקגעהאַלטנקײַט צווישן אים און דעם טאַטן געשאַפֿן.

פֿאַרוואָס זשע האָט זיך וועגן דעם אַלץ געטראַכט איצט, דאָ, ווען ער טרעט אַף ברענענדיקער ערד? ער האָט געוווּסט: אַלעמאָל, ווען ער איז אין געפֿאַר, ס׳הייסט, די געפֿאַר איז אַרום און אַרום שטענדיק, נאָר אַלעמאָל, ווען זי ווערט אָנשווילעכער, ווען מע מוז גיין קעגן איר מיט אָפֿענע אויגן און מיט אַ צונויפֿגעדריקט האַרץ, טוט ער אַ טראַכט, — ס׳אַ געוווינהײַט, צי אַ קלאַל, וועלכן ער האָט זיך אַליין אײַנגעשטעלט. נאָר עפּעס קומט עס פֿון דער טיף, — טוט ער אַ טראַכט וועגן דער מאַמען, וועגן דער באָבען — זיי ביידע זײַנען בײַ אים קימאַט ווי איין געשטאַלט, און ווײַטער טוט זיך אַ טראַכט שוין וועגן פּעטער מיכל, וואָס האָט אים אויך דערצויגן, ליב געהאַט, ווי אַן אייגן קינד (דער פּעטער מיכל, דעם זיידנס שוועסטערקינד, איז אַקוראַט ניט אָפּגעטראָטן דאָרט, אין ליובאַטש, פֿון דער באָבע שיפֿרען ביז דער לעצטער שרעקלעכער מינוט), עס טוט אַ פֿלי דורך אין די געדאַנקען עפּעס וועגן טאַטן, וועגן אָלגען, נאַטאַשקען... אַנטשטייענדיק אָט אַזוי איינס נאָך איינס פֿאַר זײַן בליק, ווערן זיי ווי איידעס פֿון דעם, וואָס ער טוט, און ער דערפֿילט זיך שטאַרקער, זיכערער.

די באָבע האָט געהאַט אַ גאָט, וועלכן זי פֿלעגט רופֿן צו הילף, מיט וועלכן זי פֿלעגט זיך אייצן. אין דער קינדהײַט האָט ער, ליאָניע, אויך געהאַט דעם דאָזיקן גאָט. דערנאָך האָט ער אים געלערנט, אים פֿאַרשטאַנען, — דאָרט, אויבן, איז פּוסט, אַלץ איז אָט דאָ, אַף דער ערד, דער גרינגער, צי דער פֿאַרשאָטענער מיט שניי, דער רוישיקער, דער האַוועגדיקער, דער, וואָס איז טויב צו דײַנע מאַנגלען, צו דײַנע ליידן, נאָר ווו דו גייסט עמעצן פֿאָרט אָן. דאָס קאָנען זײַן אַפֿילע אַזעלכע, אָן אַ שיר אַזעלכע, וואָס קענען דיך ניט און דו קענסט זיי ניט. דאָס זײַנען מענטשן. איז אָט טראַכסטו וועגן די, וואָס דו קענסט זיי, וואָס זײַנען דיר אייגן, וועלכע דו ביסט אָנגעאַנגען, צי דו גייסט זיי אָן, וועלכע דו דאַרפֿסט, לעבעדיקע צי ניט קיין לעבעדיקע, ווערט זײַן, און דאָס גוטס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, צי זיי ווילן זען אין דיר, איז, אויב ניט דײַן שירעם — דײַן איינציקע האָפֿענונג.

צו דעם, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן, צו דעם, וואָס זײַן ייִנגלשער פֿאַרשטאַנד האָט געפֿירט און לויט זײַנע ייִנגלשע קויכעס האָבן דערלויבט אויפֿטאָן זינט דער מילכאָמע (ווײַל וואָס האָט ער געטאָן ביז דער מילכאָמע? — געלערנט זיך דאָ, אין קיִעוו, אין אַ געאָלאָגישן טעכניקום, אַפֿן דריטן קורס; זינט דער מילכאָמע הייסט — זינט ער האָט געוואָרפֿן די פּראַקטיק אַפֿן ווײַטן מיזרעך, אין די בערג פֿון קליין־כינגאַן, און מיט מאַטערניש דערקליבן זיך קיין קיִעוו, וואָס איז שוין דעמלט געווען אַ פֿראָנט־שטאָט, געוואָרפֿן די פּראַקטיק, געלאָזט זיך קעגן דעם אַלעמען, וואָס ער האָט קיין רעכטע אַנונג וועגן דעם ניט געהאַט, אַ זאַך, וואָס קאָן באַנק טאָן, וואָס האָט אים שוין אין מינוטן פֿון שוואַכקײַט, פֿאַרצווייפֿלונג, ווען ער קריצט מאַמעש מיט די ציין, אַזאַ שווערע איז די אויסקומעניש, עפּשער אַפֿילע באַנק געטאָן, נאָר אַלעמאָל קומט ער צום אויספֿיר, אַז ניין, עס טוט ניט באַנק, כאָטש די טיאָטיע אָלגע האָט אים גוט אויסגעמוסערט און לאַכלוטן ניט געהאַלטן פֿאַר קיין העלד, ווען מע האָט זיך

דאָ באגעגנט אין דער אָקופירטער שטאָט, און עס קאָן זײַן, אז דער טאטע איז אויך ניט גאָר צופרידן פון זײַן שריט, ווײַל כאָטש אין דעם איינציקן בריוו, וואָס האָט באוויזן אָנקומען פונעם טאטן, איז קיין וואָרט וועגן דעם ניטאָ, האָט טאקע דאָס געקאָנט באטײַטן, אז ער איז ניט צופרידן), — צו דעם, וואָס ער האָט אופגעטאָן: אוועק אלס א פרײַוויליקער אפן פאנצערצוג, געלאָפן פון דער ערשטער געפאנגענשאפט, ווען עס איז געבליבן עפשער פינף מינוט פאָרן צום באבי־יאר, און פריִער, ניט לאנג ביז דעם, ווי ער איז ארײַנגעפאלן אין יענער ערשטער געפאנגענשאפט, האָט ער געראטעוועט א פארוווּנדעט ייִנגעלע, וואָס איז געלעגן אפן שליאך הינטער דארניצע, לעבן א צעקלאפטער לאסטמאשין, און דורך דעם האָט ער זיך באקענט מיט לאריסען, — נו, לאריסקע איז א באזונדערע זאך, — דערנאָך, נאָך דער פלייטע, האָט ער זיך געטראָפן מיט עדיקן בא טיכאָן וואסיליעוויטשן אין דער פארלאָזטער דירע און ארויסגעפירט אים פון קיִעוו, כאָטש, ניין, עדיק האָט אליין אָפגעזוכט זײַן באקאנטן פישער, וואָס האָט זיי ביידן אריבערגעשיפט איבערן דניעפער, — נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָט ער, ליאָניע, אָפגעפירט דאָס ייִנגל צום בלינדן פראָפעסאָר סילין, וואָס איז פון קיִעוו אוועק ווינען צו דער טאָכטער קיין בראָווארי, — עדיק, ער זאָל נאָר בלײַבן לעבן, איז ער עפשער דער איינציקער ארויס פון באבי־יאר, און א קאָפ האָט ער ניט קיין געוויינלעכן, אויב דער באוווּסטער געלערנטער, דער מאטעמאטיקער, האָט זיך געייסעקט מיט אים נאָך לאנג פאר דער מילכאָמע. דערנאָך — וואָס נאָך האָט ער אָף זײַן כעזשבן, ליאָניע? — דערקליבן זיך ווידער, אָף א קוליע און מיט א שטעקל אין דער האנט, נאָך דער פלייטע פון דער צווייטער געפאנגענשאפט, קיין דארניצע צו טימאָשטשוקן און זארובען, — צו דעם אלעמען איז צוגעקומען אָט דאָס — דער אופרײַס אָף דער בריק. זאָל זײַן, ניט ער האָט אוועקגעלייגט די מינע, און ניט ער איז אפילע געזעסן אין שיפל, ווי עס האָט געזאָלט זײַן, נאָר א ביסל טאָל איז דאָרט זײַנער!

4

דאָס טויבע געסל האָט ארויסגעפירט צו א ברייטער גאס, וואָס האָט אין דעם אָרט, פון איין זײַט, זיך געצויגן לענגאויס אָן אײַזנבאן־אָנשיט, איבער וועלכן עס האָט אין דער ווײַט, א פארנעפלטער פון לײַכטע פאלנדיקע שנייעלעך, זיך געזען א געדראנג פון מויערן, און פון דער צווייטער — לענגאויס דעם פארקן פון אן אלטן בעסוילעם — ווײַס־צוגעפאָראָשעטע דענקמעלער און צלאָמים האָבן זיך געדראפעט אפן טונקעלן רוקן פון א בארג. איבער דער גאס זײַנען דורכגעלייגט געווען רעלסן פונעם טראמוויי, וואָס פירט פון אָט דעם עק צו די צענטראלע גאסן, און בא ליאָניען האָט א טיאָכקע געטאָן דאָס הארץ: ער איז שוין לאנג ניט געווען אָף יענע גאסן, זינט ער האָט מיטן לעצטן קאָמענדאנטישן פאטרול פארלאָזט די שטאָט. אָף קיִעוו־מאָסקאָווסקי און אין די געסלעך ארום דער סטאנציע — דאָס איז געווען זײַן קרײַז שוין זינט א כאָדאָשים זעקס — האָט ער צומיינסטנס זיך באוויזן, ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט אָדער עס האָט געהאלטן בא ווערן טאָג, און דאָרט זײַנען ביכלאל די מענטשן באשעפטיקטע, פארטאָגנבע, כוץ דעם האָט מען אים שוין טאקע געקענט אויך, זאָל זײַן פונווײַטנס, האָט מען זיך ניט גאָר צוגעקוקט צו אים. און דער „אאוסווײַז" — א פישער, און „טיכאָן קאלינקא" — דאָס אלץ איז געווען א שוץ. און דאָ — דעם אײַזנבאנערשן „אאוסווײַז" און דאָס ביכעלע אָף קאלינקעס נאָמען האָט ער טאקע אין קעשענע, נאָר באווײַזן קאָן מען עס ניט יעדן, סײַדן א נארישעוואטן פאָליצײַ, דערבײַ איז אוואדע בעסער קיינעם עס איצט ניט שטעקן, ווײַל טאָמער טוט מען א קלונג אין דעפאָ און דאָרט זוכט מען אים שוין?..

פון אונטער דעם דורכפאָר אינעם אָנשיט, וווהין ליאָניע האָט געדארפט פארקערעווען (אהין האָבן אויך אוועקגעשלענגלט זיך די טראמוויי־ליניעס), האָבן עטלעכע פרויען און א זאָקן ארויסגעקײַקלט א האנט־וועגעלע, אָף וועלכן ס'איז געלעגן א טרונע — א פאָשעטער לענגלעכער קאסטן, צונויפגעקלאפט פון גרויע פארקן־ברעטער. דאָס האָט אָפגעווענדט ליאָניען פון זײַנע געדאנקען. די ניט געוויינלעכע טרויער־פראָצעסיע האָט שטום אָנגעוויזן דערויף, ווי עס לײַדט, ווי עס פײַניקט זיך די שטאָט.

פון יענער־זײַט דורכפאָר, לעבן צעקלאפטן אספאלט פון טראָטואר, גלײַך אָף דער ערד, אָן אויסגעפלעקטער מיט צעגאנגענעם שניי, איז מיט אָן אָנגעוואָרפן פארלאטעט פעלצל אָף די אקסל, — אָנגעוואָרפן, קעדיי מע זאָל זען די גרינע גימנאסטיאָרקע, — געזעסן א קאליקע אָן ביידע פיס. לעבן אים איז געשטאנען א מיידעלע מיט אָן א שיר בענקעניש, טרויער און שטומע וואָרטעניש אין די בלויע אויגן. קלאָר — דער טאטע איז געקומען אהיים, אזא לאָזט מען אָפ פון לאגער. אין דעם היטל, וואָס איז אוועקגעלייגט אָף דער ערד מיטן אונטערשלאק

ארוף — א ציבעלע, די איינציקע נעדאָווע. ליאָניע האָט אופגעריסן אין איין עק זײַן פּעקעלע און אוועקגעלייגט אין היטל א געבאַקענע קאַרטאָפליע.

א מיידל איז אָנגעקומען אנטקעגן אפן טראָטואר, א בלייכע, מיט אָנגעשוואָלענע זעקעלעך אונטער די אויגן. זי האָט געטראָגן אין דער האנט א פּערטעלע פון א געל ברויטל. „די זעלבע פראָסע" — האָט ליאָניע אָפּגעמערקט. דאָס מיידל האָט געטשיפּעט רוילעכע שטיקעלעך און געלייגט אין מויל. ביז מע האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָט זי דאָס געטאָן דרײַ מאָל. ליאָניען האָט זיך פארוואָלט זאָגן איר, אז זי וועט אהיים גאָרנישט ניט ברענגען, ער האָט שוין דערפילט דעם שמייכל, וואָס האָט שיר ניט א באוועג געטאָן די ליפּן, נאָר אָפּגעשוויגן. אָפּגעשוויגן, ווײַל ער האָט א טראכט געטאָן, אז עס וואָלט ניט שאטן, ער זאָל אויך אופעסן די צוויי קאַרטאָפליעס, וואָס זײַנען געבליבן אין פּעקעלע, — ס'האָט געבורטשעט אין בויך, און ס'איז ביכלאל בעסער געווען קומען אהין, וווהין ער איז געגאנגען, אָן אָפּגעגעסענער. אָבער א קלער געטאָן וועגן די קאַרטאָפליעס האָט ער אויך מאכמעס אן אנדער זאך — פון הינטערן ראָג, ווו די גאס מיט די טראמוויי־ליניעס האָט פארקערעוועט אף לינקס, איז אָנגעקומען א נאריאד פאָליציײַען, ניט קיין גרויסע קאָלאָנע, צו צוויי אין ריי. בעסער איז גיין און עסן, — האָט ליאָניע באשטימט, — ער לייגט, הייסט עס, קיין אכט ניט אף די פאָליציײַען. נאָר ווײַל ער האָט נאָך געהאט צו קלערן א מינוט — אָנדערהאלבן, האָט ער גאָר אָפּגעקערעוועט פון טראָטואר צו א נעענטערער גאס, וואָס האָט זיך אוועקגעצויגן פאזע דעם באן־אָנשיט. די דאָזיקע גאס ציט זיך אויך, פונקט ווי יענע, פונוואנען דער נאריאד איז אָנגעקומען, נאָר א ביסל נידעריקער, פאראלעל דער גאָרקי־גאס, דער קוזנעטשנע, ווו שעשענקאָ וואַרט אף אים — קיין וועג לייגט ער קימאט ניט אָן.

צופרידן פון דעם, וואָס די פאָליציײַען האָבן דורכגעטופּעט בא א זײַט, האָט ליאָניע טאקע גענומען זיך צו די קאַרטאָפליעס. ער האָט פארפאמעלעכט די טריט, ניט געשיילט די שאָלעכץ, — א צונויפגעקנייטשטע, ערטערווײַז א צוגעברענטע, איז זי שטארק צוגעשטאנען צום אייבערשטן אײַנגעבאקענעם שיכט, — פּאָשעט געקרישלט צו שטיקעלעך קאַרטאָפל אין מויל ארײַן, און צוערשט געטראכט, דאכט זיך, בלויז וועגן דעם, וואָס ער טוט און וואָס די אויגן זעען.

א מאָדנע גאס. פון איין זײַט, ווו עס איז, א ביסל ווײַטלעך, דער אײַזנבאן־אָנשיט, — דיקע, הארבסטיק־שווארצע און הוילע ביימער, לינדן, קאשטאנען, ווער ווייסט, עפּשער הונדערטיאָריקע; אף דער צווייטער זײַט — אויך אזעלכע ביימער, נאָר שיטערער, און אלטע, צומיינסטנס ציגלנע, צוויי־דרײַשטאָקיקע מויערלעך מיט געצאצקעטע גאנעקעס, וועלכע עס האלטן אונטער אָפּגעקאלופּעטע הערקולעסן, אפראָדיטעס, צעטראסקעטע געשניצטע טירן מיט קאָלירטע פענצטערלעך פון אויבן, פון איין טויער צום צווייטן ציִען זיך קרומע, צעבראָכענע פלויטן, אמאָל מיסטאמע שטילנע צונויפגעקלאפּטע, און די גאנצע גאס מאכט אן אײַנדרוק, ווי זי זאָל זײַן אראָפּגעזעצט אין גרוב... צוערשט האָט ליאָניע בלויז אָט דאָס א טראכט געטאָן, און עפּשער אפילע דערפאר, ווײַל ער האָט אפן שילדל פון איין הויף, פון א צווייטן איבערגעלייענט: „יאמסקאיא". נאָר באלד האָט א טיאָכקע געטאָן אין הארצן, און ניט ווײַל עס איז געקומען אפן זינען: יאמסקאיאָ! בא קופּרינען הייסט די דערציילונג וועגן דעם דאָזיקן אָרט „יאמא" — די גרוב. דאָ זײַנען ביז דער רעוואָליוציע געווען שאנדהײַזער.

ליאָניע האָט זיך אופגעהויבן איבער די צוויי קווארטאלן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די יאמסקאיא פון דער קוזנעטשנע, און פארקערעוועט אף אָט דער ברייטער, שוין א צענטראלער גאס. ער האָט דערפילט, אז די פיס ווערן אזוי ווי שווערער, און פארשטאנען, — ס'איז איימעדיק. דערפילט אויך שארפער די נאסע קעלט, באמערקט די שנייעלעך, וואָס לייגן זיך אפן פּאָנעם, אף די הענט. קיין דורכגייער זײַנען אף דער גאס אין אזא פריִער שאָ קימאט ניט געווען — ער וואַרפט זיך אין די אויגן. נאָר באלד האָט ער מיט אן אינערלעכן שמייכל זיך א מינטער געטאָן: „און איך גיי אום!" געמיינט האָט עס: „איינער פון די געציילטע לעבנגעבליבענע גיי איך דאָ אום..." שטארקער אָנגערוקט דאָס קעצן־היטל, באהאלטן די הענט אין די קעשענעס פונעם קורצן מאנטל, איז ער מיט פארשנעלערטע טריט אוועק ווײַטער.

עס האָט אים איצט געטראָגן זײַנער, ס'קאָן הייסן, א זײַטיקער אינטערעס. מיילע, צו שעשענקאָן, צי ווער עס וואַרט דאָרט אף אים, איז נאָך ווײַטלעך, א קווארטאלן פיר, דאָס איז, פארשטייט זיך, דאָס איקערדיקע — וואָס גיכער קומען אהין, נאָר דערווײַל וועט ער אף עפּעס א קוק טאָן, ס'איז פּאָשעט גוט, וואָס ער האָט זיך אין דעם דערמאָנט. די גאס האָט עטוואָס פארקערעוועט לינקס, און ליאָניע האָט אָפּגעזוכט אינעם פלייץ פון די הײַזער אף דער קעגנאיבערדיקער זײַט אן איינשטאָקיק מויערל אף א הויכן פונדאמענט. ער האָט אויך דערזען דעם שווארצן קרומען טאָפּאָל, וואָס שפּרייט די הוילע צווײַגן אפן דאך פונעם

מויערל. אָשער שווארצמאן האָט דאָרט אמאָל געוווינט... ליאָניע האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס מעמאָריאל־ברעטל האָבן די דײַטשן אראָפּגעקלאפּט, נאָר פונווײַטנס האָט ער דאָס נאָך ניט געזען. שווארצמאן. אהער, אין אָט דעם מויערל, האָט ער, א דראגון, מיט עטלעכע קוים־פארצויגענע ווונדן אפן לײַב, זיך אומגעקערט פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, און דאָ, אוואדע דאָ, האָט ער עס באשלאָסן, — אין א שלאָפלאָזער בעהאָלעדיקער נאכט, צי אין אן אומרוזיקן טאָג, — פרײַוויליק אוועק צו שטשאָרסן. „ביסטו פארן נײַעם לעבן, איז גיי אין דער רויטער ארמיי״, — אזוי האָט ער געזאָגט. ס׳איז געשיכטע. דער טאטע האָט אים געזען בא די באָגונצעס. דער פאנצערצוג, אַף וועלכן דער טאטע איז געווען, האָט אין א פערטל שאָ ארום זיך ארײַנגעריסן אַף דער קליינער סטאנציע, ווו עס זײַנען פון א קוילנוואַרפער, א באהאלטענעם אַף א בוידעם, פארשניטן געוואָרן די רײַטער־אויסשפּירער, וואָס זײַנען אהער אוועק, צווישן זיי שווארצמאן.

„מײַן בליק ווערט קאלט, ווי גרויער טאָג פון עסקימאָסן״. פונקט אָנגעמאָסטן פאר הײַנט...

5

ליאָניע האָט גענומען אריבערגיין אַף דער צווייטער זײַט גאס. מע וואָלט דאָס קאָנען טאָן א סאך ווײַטער, — דאָס הויז, אין וועלכן ער האָט געדארפט קומען, איז אויך געווען אַף יענער זײַט, נאָר ס׳האָט זיך געוואָלט פארבײַגיין דאָס מויערל, פון וועלכן ער האָט שוין גוט געזען, — עס איז טאקע פארשוווּנדן דאָס מעמאָריאל־ברעטל.

מיטאמאָל, צוקומענדיק שוין צום אנטקעגנדיקן טראָטואר, וואָס האָט ביזן ראָג זיך געצויגן פארבײַ אן אלטן סקווער, האָט ליאָניע פון יענער זײַט געפלאָכטענעם אײַזערנעם פארקנדל, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם סקווער אויך פון א זײַטיקער גאס, דערזען אָנקומען א מיידל. זײַן אופמערקזאמקײַט האָט צוגעצויגן ניט אזוי דאָס, וואָס געווען איז זי — א דינע, א שלאנקע און א שיין געקליידטע. ער האָט ווי דערקענט איר לײַכטן, ענערגישן גאנג, דעם רוזיקן קער פונעם קאָפּ אין איין זײַט, אין דער צווייטער. שווארצע, ניט גאָר קורץ־אונטער־געהאקטע האָר זײַנען געפאלן פון אונטערן קאראקולענעם היטעלע. א לאנגער ווײַסער שארף האָט צוגעדעקט די הינטערשטע טייל פונעם היטעלע, ארומגעוויקלט דעם האלדז, און ס׳האָט נאָך געקלעקט, אז די פרענדזלדיקע עקן זאָלן דערגרייכן ביזן ברייטן רימען, וואָס האָט אײַנגעצויגן אין דער טאליע איר גרוי בעקעשע־מאנטעלע. באם ראָג האָט דאָס מיידל צעשטרייט א בליק געטאָן אַף ליאָניען און געלאָזט זיך גיין אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס ער, סאכאקל א פופציק שפאן פאר אים. ליאָניע האָט באוויזן דערזען איר פּאָנעם, א שיינס, אן אויסגעבלייכטס, די לענגעכיק־שווארצע אויגן, די קלאָר־אָנגעצייכנטע, צוגעפארבטע ליפּן, און קוים באהערשט דעם ציטער אין האַרצן, א גליקלעכן, א פּײַנלעכן, א פארלוירענעם — טאניע!

קיין סאך מאָל האָט ער זי ניט געזען, טאניען, און אלעמאָל איז זי געווען אן אנדערע, און אלעמאָל די זעלבע, און אלעמאָל האָט די באגעגעניש אים איבערראשט. איין און איינציק מאָל האָט ער גערעדט מיט איר — שוין דאָ, אין אָקופּירטן קיִעוו, ווען ער האָט איר דערציילט, אז צוזאמען מיט איר טאטן, מיט יאָסיף מארקוסן, איז ער געלאָפן פון דער לאסטאָמאשין, בײַס מע האָט פון לאגער אַף דער קעראָסינע געפירט צום באבי־יאר. און דאָס אויך — דערוווּסט האָט ער זיך, אז ס׳איז איר טאטע, צופעליק: בײַס מע האָט נאָך געטריבן דורך דער שטאָט די ייִדישע קריגסגעפאנגענע אין יענעם לאגער, האָט טאניע געוואָרפן אין דער קאָלאָנע א פּעקעלע שפּײַז און אָנגעוויזן מיט דער האנט, אז אָטאָ יענעם מיינט זי, דעם גרײַזלעכן מענטשן אין אײַזנבאן־קליידער. ליאָניע האָט שפעטער בעקיוון זיך מיט אים באקענט און דערוווּסט זיך: איר טאטע. און טאניען האָט ער געזען, ליאָניע, — געזען, ניט באקענט זיך, — אין דער אײַזנבאן־פארוואלטונג, וווּהין ער פלעגט דורכן באלאגערטן קיִעוו באגלייטן זשאָרזש דודאקאָוון, דעם מאָטאָציקליסט, דעם פארבינדונגס־דעלעגאט פון פאנצערצוג. ס׳איז שוין אלץ, ווי אין כאָלעם — אי דער נײַנקער אווטאָמאט, וואָס ליאָניע האָט דעמלט פארמאָגט, אי זשאָרזש דודאקאָוו, א יונג א טשאק, וואָס צו זײַנע לעדערנע גאליפע, דער לעדערנער קורטקע, דעם לעדערנעם העלם מיט ווינטברילן, צו די צוויי פלאנשעטן, דעם נאגאן און דעם בינאָקל, מיט וועלכע ער איז באהאנגען געווען, ווי א דיפקוריער פון די ביז־מילכאָמעדיקע פילמען, האָט אים געפעלט דער אווטאָמאט, און אויב ליאָניע האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן דאָס געווער, א געשאנק פון א פארוווּנדעטן פעכאָטע־לייטענאנט, וועלכן ער האָט גערעטעוועט (אראָפּגעשפרונגען בײַס דער שלאכט פון פאנצערצוג און ארויסגעכאפּט דעם לייטענאנט מאמעש בא די דײַטשן פון די הענט), האָט זשאָרזש, קעדיי ליגן אים אין די ביינער, גענומען אומשלעפּן אים אומעטום אין וויגל פון זײַן מאָטאָציקל, אלס א וואך...

יאָ, אַזוי איז געווען, און דאָס קומען זייערס אין דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג, ווו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די פאַנצערצוגן, איז אַ כאָלעם, און דער שענסטער כאָלעם איז געוויינלעך טאַניע, ווי ער פלעגט זי דאָרט זען אין איינעם אַ קאַבינעט, אַלעמאָל אינעם זעלבן, באַ אַ שרײַבמאַשינקע, צי נאָכגיין איר אָף אַ מעהאַלעך, קימאַט אַזאַ, ווי איצט, אין לאַנגן קאָרידאָר, גיט ווייסנדיק רעכט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. האָט ער זי נאָר געטראָפן, איז שוין באַ אים די גאַנצע יאַזדע מיט דודאַקאָוון געווען אויסגעקויפט. דודאַקאָוו האָט, עמעס, די דאָזיקע פרייד אים אויך געצווונגען אויסקרענקען. עפּשער האָט זשאָרזש עפּעס באַמערקט, און עפשער סטאַם געלאַכט פון אים, גערייצט אים, נאָר קעסיידער, ווען טאַניע האָט זיך ערגעץ באַוויזן, האָט ער דערציילט אײנס און דאָס זעלבע: זי האָט אַ געשטופּלטן באָכער, אַ קאָמיוגישן טוער פון שטאַב, אַזאַ, וואָס „מעגסט זיך ניט רוקן”... זייער מעגלעך, אַז טאַניע איז גאָר זשאָרזשן אַליין אַרײַן אין דער נאָז. אַ שטיקל באַווײַז דערויף איז דאָס, וואָס באַגעגנט האָט ער זי, ליאָניע, אין קיִעוו, אײַנגיכן נאָך זײַן ערשטער פלייטע, יענץ מאָל, ווען ער האָט איר דערציילט וועגן טאַטן, באַגעגנט טאַקע מיט זשאָרזשן, ס'הייסט, זשאָרזש האָט זי באַגלייט פונוויײַטנס. טאַניע איז געגאַנגען געאָרעמט מיט עפּעס אַ דײַטשישן אָפיצער, געפירט אים, זי — דעם דײַטש, ניט דער דײַטש — זי, צו עפּעס אַ מויער אַנטקעגן דער לאַווראַ. פון יענעם מויער איז טאַניע אײַנגיכן אַרויס אָנעם דײַטש, און זשאָרזש, וועלכער איז אויך אַהין אַרײַן באַלד נאָך טאַניען, איז געקומען שפּעטער. און דער דײַטש?.. עפּעס האָט ער דערמלט פאַרשטאַנען, ליאָניע, סײַ איבער דעם, וואָס זשאָרזש, וועמען ער האָט דערזען טאַקע בײַס יענער איז נאָכגעגאַנגען טאַניען און דעם דײַטש, האָט אים געטריבן פון זיך, געהייסן צוּוואַרטן אין גאַס, סײַ איבער דעם, וואָס טאַניע איז פון יענעם הויז, ווו דער דײַטש איז געבליבן, — מיסטאָמע אַ פאַרטיקער, פון זשאָרזשן דרייט מען זיך ניט אויס, און עפּשער האָט דאָרט נאָך עמעצער געוואַרט, — טאַניע איז אַרויס אײַנגאַנצן אָן איבערגעטאָגענע און אַ בלאַסע, מיט פאַרבאָרגן־פלאַמענדיקע אויגן... אָט ווי דאָס אַלץ איז געווען. אַ כאָלעם און פאָרט ניט קיין כאָלעם. און געזאָלט האָט ער, ליאָניע, נאָך דעם, ווי ער וועט אָפּפירן עדיקן קיין בראָוואַרי (ער האָט געמיינט, אַז זשאָרזש וועט העלפן אַריבער דעם דניעפּער, נאָר מע איז זיך באַגאַנגען אָן אים), אויב ער וועט צום פראָנט זיך ניט קאָנען דערקלײַבן, צי איבערקלערן און אומקערן זיך קיין קיִעוו, אַרײַנדרייען זיך, ווי זשאָרזש האָט געייצעט, צווישן די, וואָס בויען אויף די צײַטווײַליקע אײַזנבאַן־בריק; דאָרט וועט ער געפינען דודאַקאָוון, צי דודאַקאָוו וועט אים אָפּזוכן און זאָגן, וואָס ווײַטער טאָן. אַלץ האָט אָבער זיך אויסגעדרייט גאָר אַנדערש: ער האָט אָנגעטראָפן צו זאַרובען, צו טימאָשטשוקן, ווען־ניט־ווען פלעגט ער קוקן אַהין, ווו מע האָט שוין געבויט די נײַע בריק, דודאַקאָוון האָט ער דאָרט ניט געזען, און זוכן אים, באַקומט זיך, איז ניט געווען קיין נויט.

און טאַניע?.. וואָס — טאַניע, ער איז אַ קליינינקער? ער האָט אַמאָל, נאָך אין זיבעטן קלאַס, דערזען פלוצעם, אַז קימאַט יעדערער פון די יִנגלעך האָט זיך זײַנס אַ כאַווערטעלע, אַ מיידעלע, וועגן וועמען ער טראַכט עפּעס, ער שרײַבט איר צעטעלעך, ער טראָגט איר עפל, אָנגעריסענע אין אַ פרעמדן סאָד, האָט ער זיך אויך אָפּגעזוכט אַזאַ, די בלאָנדע, די פעסטינקע ליובע ביליטש. וואָס עטלעכע כעווראַ האָבן זיך געלאָזט מיט נאָדלען אויסשטעכן די נעמען פון יענע, אין וועמען זיי האָבן זיך געשפּיגלט, עפּעס אַן אַלטער אָפּגעלאָזטער באָכער האָט דאָס געטאָן, און גערעדט האָט יענער גאַסן־יונג וועגן מיידלעך זייער מיִעס, האָט ער, ליאָניע, אויך זיך אײַנגעקויפט באַ אים אין ייִכעס, געבראַכט אים אַ פּאָר געקאָכטע פּשעניטשקעס, און אָף דער האַנט האָט, ווי אַ שטעמפּל, זיך באַוויזן: „ל. ביליטש”. ער האָט דערנאָך געהאַט געבערענטע ליידן, ניט נאָר ווײַל די צעשטאָכענע ערטער האָבן געברענט, נאָר ווײַל ליובע (זי איז ביכלאַל געווען מיט פאָרטעלס: אַ גוטער נאָמען — ליובע, נאָר גערופן האָט זי זיך איבער עפּעס — לינע) האָט אויפגעהויבן אַ געוויין. ליובעס מאַמע איז אַפילע געקומען מיט אַ ספּראַווע צו דער באָבע שיפרע. די באָבע האָט, עמעס, געשוויגן, זי פלעגט ביכלאַל גראָד מיטן שווײַגן, אונטערשטרײַכנדיק עס, שטראָפן אים פאַר אייניקע זײַנע אַוולעס, נאָר אָף דער האַנט איז די טאַטוירונג דאָ, זי איז געוואָרן בלאַסער, אָבער גרעסער, ווײַל די האַנט איז אויסגעוואַקסן... און ליובע — דאַרף דאָך אַזוי פאַסירן — איז אָנגעקומען אינעם זעלבן טעכניקום, וואָס ער, און קעסיידער געבלאָזן זיך אָף אים, פאַרבײַגעגאַנגען אים, ווי אַ פרעמדע...

אָט וואָס טאַניע האָט דערוועקט באַ ליאָניען, ווען ער האָט זי דערזען און אַוועק נאָך איר, ניט אָניאָגנדיק זי און ניט אָפּשטייענדיק. ער האָט נאָך אַ טראַכט געטאָן וועגן לאַריסען. וועגן איר האָט ער געמעגט טראַכטן, כאָטש זי איז ווײַט. לאַריסקע פון דאַרניצע, באַ וועלכער ער האָט איבערגעלאָזט דאָס פאַרווונדעטע יִנגעלע, מאַמעש עטלעכע מינוט פאַר דעם, ווי ער האָט זיך געפּאַקט אין געפּענקעניש. דערנאָך, אומגעקערט זיך קיין דאַרניצע, נאָך אַ הינקע־

דיקער, האָט ער אָפּגעזוכט יענע שטוב און ערשט דעמלט גוט זיך צוגעקוקט צו לאַריסקען, צו איר מאַמען און צו איר שטיפטאַטן. דאָס יאַטל האָט ער שוין ניט געטראָפן, מע האָט עס אָפּגעגעבן עפּעס אַ דאָקטער, וואָס האָט עס געהיילט און ס׳האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז עס וועט ביכלאַל בלײַבן באַ יענעם, ווי אַן אייגן קינד. יענץ יאַטל איז געוואָרן אַ מין קניפּל, וואָס האָט פאַרבונדן ליאָניען, לאַריסקען און אירע עלטערן. ס׳הייסט די עלטערן — דאָ איז שוין דאָס קנײַלעכל פאַרפּלאָנטערט. כאָטש — ניין, קיין שום פּלאָנטער, אַלץ איז קלאָר, אַפילע צופיל קלאָר. די מאַמע און לאַריסקע זײַנען פאַר די פאַשיסטן דאָס, וואָס ער, ליאָניע, אָבער דער שטיפטאַטע, אַ מאַשיניסט, איז זאַרובעס אַ פרײַנט, און ניט באַר זאַרובעס... האַקלאַל, עפּעס האָט זיך אָפּגעטאָן אָן זײַן, ליאָניעס, וויסן, — לאַריסע איז אַוועקגעפאָרן מיט די עלטערן פון דאַרניצע. אַ פאָר מאָל זײַנען דורך יערעמיי פּאָמיטשן אָנגעקומען גרוסן פונעם מיידל, מינדלעכע און צעטעלעך — מע מעג דאָך איבערגעבן סטאַם אַזוי אַ צעטעלע מיט אַ באַקאַנטן, נאָר יעדער גרוס און יעדעס צעטעלע האָט ווי שטאַרקער אָנגעמאָלט פאַר ליאָניעס אויגן לאַריסעס פּנים, קימאַט אַזוינס, ווי באַ יענער ליובע ביליטש, נאָר אָן אָן ערעך אַ צאַרטערס, פול מיט האַרציקײַט און פאַרשטאַנד.

ערשט אין אַ מינוט אַרום, ווי דאָס אַלץ האָט ניט נאָר דורכגעטראָגן זיך — אײַנגעלעגערט זיך אין מויעך, האָט ליאָניע באַנומען, וואָס עס האָט אים איבעראַשט און פריידיק אופגעטרייסלט, בייס ער האָט דערזען טאַניען: „עפּשער גייט זי אויך אַהין, ווו איך, און עפּשער וועט זי מיך ערגעץ מיטנעמען — צו זשאָרזשן אָדער צו עמעצן אַנדערש?..״

ער האָט פונדעסטוועגן דערלאָזט דעם געדאַנק, — אַלעמאָל האָט ער געזוכט דאָס ניכטערע, — אַז ס׳איז פּראָסט אַ צופעליקע באַגעגעניש, טאַניע גייט זיך אירן אַ גאַנג, און האָט באַשלאָסן: „אויב זי וועט מײַדן דאָס דרײַשטאָקיקע הויז מיטן צעבראָכענעם טויער, ווּהין איך וועל דאַרפן אַרײַן, וועל איך זי אָניאָגן און פרעגן אַף דודאַקאָוון, צי אַפילע ניט אַף דודאַקאָוון — אַפן טאַטן, עפּשער האָט ער זיך אָפּגעזוכט. זי דאַרף דאָך מיך...״

„דערקענען״, — האָט ליאָניע דערטראַכט, ווען ער האָט שוין נאָענט הינטער זיך דערהערט דעם שווערן רויש פון אַ לאַסטמאַשין, דײַטשישע אויסגעשרייען, אַ מין הור־ליר־ליו, און אומגעקוקט זיך. אָט די לאַסטמאַשין מיט סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין קוזאָוו, האַלטנדיק זיך איינער פאַרן אַנדערן, פאַר די אַקסל, פאַר די רימענס, ס׳הייסט, מע פאָרט ערגעץ ניט ווײַט, האָט ליאָניע געזען אָנקומען פון דער גאַס, וואָס האָט געפירט פון דער שטאָטישער פראַכט־סטאַנציע און איבערגעקרייצט די קוזנעטשנע באַם סקווער. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט שוין געמיטן די קרייצונג, און ביז די מאַשין וועט צוקומען, וועט ער שוין זײַן נאָך ווײַטער פונעם ראָג. ערשט, זי האָט פאַרקערעוועט אַהער, ווו ער און טאַניע זײַנען געגאַנגען, און דאָס הוליוליקען האָט געמיינט טאַניען.

— מעדכען, שאָנע מעדכען, אור־היי, אור־ליו! — האָט זיך דערטראָגן פון דער מאַשין; איינער פון די סאָלדאַטן האָט אַ שפּיל געטאָן עטלעכע טאַקטן אַף אַ מוילהאַרמאָניק.

מיטאַמאָל האָט די מאַשין, וואָס האָט עטוואָס איבערגעיאָגט טאַניען, זיך אָפּגעשטעלט. פון דער קאַבינע איז אַרויס אַ יונגער פעלדפעבעל. אַ גלײַך געטאָן די פּלייצעס, האָט ער, מײַסע כוואַט, אַ רוק געגעבן דאָס היטל מיטן פאַריסענעם דענעק אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען אַ מער אַ ביסל אַף אַ זײַט, אי שטרענג פאַרשטעלן די אייבערשטע וויעס, געלאָזט זיך גיין צו טאַניען. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, שטיין געבליבן נאָך אַ ווײַלע אַפן ברוק, אַ טײַט געגעבן אַף צוויי סאָלדאַטן אין קוזאָוו, קורץ אויסגעשרײַען זייערע נעמען און מיטן זעלבן פינגער אָנגעוויזן אַף די טראָטואַרן פוןביידע זײַטן גאַס — לינקס פון דער מאַשין זײַנען געגאַנגען דרײַ מאַנצבלען, דאָס האָט ער זיי געמיינט, און רעכטס האָט ער, ניט אַנדערש, ווי געמיינט ליאָניען.

פאַרשווינדן איז ניט געווען ווּהין, ס׳איז אויסגעקומען שטיין און וואַרטן, ווײַל די צוויי סאָלדאַטן זײַנען שוין אַראָפּגעשפּרונגען פון קוזאָוו. ליאָניע, כאָטש דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און אין די אויגן איז ווי טונקעלער געוואָרן, האָט נאָך באַוויזן באַמערקן: דער פעלדפעבעל באַגריסט אַף אַן אונטערגעשטראָכן־עלעגאַנטן, מיליטערישן אויפן טאַניען, און זי ענטפערט מיט אַ שמייכל, נאָר אויך מיט אַ לײַכט־פּראָטעסטירנדיקער, שאָקירטער באַוועגונג פון דער האַנט, — זי אײַלט, און כּוץ דעם ווייסט זי די ווערט פון אַזאַ פּאַראַד. מער האָט ליאָניע אין יענער זײַט ניט געקוקט — אַ סאָלדאַט איז געלאָפן צו אים, האַלטנדיק מיט ביידע הענט דעם אויטאָמאַט אַפן אָפּגעצויגענעם רימען, און געשרײַען:

— קאָם היר, קאָם!

6

די פיר פארהאלטענע האָט אָפגעפירט הינטערן ראָג פון דער גאַס, וואָס איז נעענטער געווען צו דער פראכט־סטאנציע, געהייסן זיך שטעלן בא דער פארשלאָסענער טיר פון עפּעס א מאגאזינדל איינער פון די דײַטשן. דער צווייטער, וואָס האָט גענומען ליאָניען, איז געבליבן בא דער קרייצונג און אין א פּאָר מינוט ארום צוגעקומען נאָך מיט איין פארהאלטענעם — א פויער, וואָס האָט געטראָגן א שיטער קרענצל ציבעלעס אפן האלדז. אָט דער דאָזיקער איז ווידער אוועק צום קרייצוועג. נאָר, זעט אויס, מע האָט שוין אף ביידע גאסן באמערקט, אז מע כאפּט דאָ, און קיינער איז מער ניט אָנגעקומען. א מאָך געטאָן מיט דער האנט צו דעם, וואָס איז געבליבן באם מאגאזינדל, איז דער דײַטש אוועקגעלאָפן אין יענער ריכטונג, ווו די מאשין איז געבליבן שטיין, און באלד האָט זיך דערהערט דער רויש פונעם מאָטאָר — די מאשין איז אוועקגעפאָרן.

ביז דאָס אלץ האָט זיך געטאָן, ביז מע האָט נאָך, לויט ווי ס'האָט זיך באקומען, געוואָרט אף עפּעס צי אף עמעצן, האָבן די פארהאלטענע, פארלוירענע און געדריקטע, געשוויגן. דער פויער, א קרענקלעך־פארשווארצטער, מיט ווי־ניט־איז אן ארומגעכאפּטער באָרד, האָט דער ערשטער, אף אוקראַיִניש, זשעסטיקולירנדיק פארצווייפלט און ראטשענדיק די אויגן, געפּרווט געבן צו פארשטיין דעם דײַטש, א סאָלדאט מיט א ראָז־געפלעקט, ווײַסברעמיק פּאָנעם, אז ער, א געקומענער פון א דאָרף, פון הינטער דער שטאָט, און מיט א צײַגעניש, וואָס דער סטאראָסטע האָט ארויסגעגעבן, קאָן דאָ ביכלאל ניט געמיינט ווערן, — ער גייט אין שפּיטאָל, צו א זון, וואָס היילט זיך דאָרט, און אָטאָ טראָגט ער דאָס קרענצל פאר די דאָקטוירים, ווײַל מיט וואָס, אויב מע דארף, וועט ער זיי קאָנען באצאָלן, צופרידנשטעלן?..

דער פויער האָט גערעדט, אייגנטלעך, צו די פארהאלטענע, די שטאָטישע, וואָס האָבן אים אזוי ווי מיטגעפילט, נאָר געקוקט אף אים פון דער זײַט, ווײַל אָט קלערט ער, אז צו זיי האָט עפּעס יאָ א שײַכעס דאָס, וואָס מע האָט זיי פארהאלטן. דער סאָלדאט האָט פּאָשעט אוועקגעדרייט זיך פונעם פויער — ער ווייסט ניט, וואָס יענער רעדט און דארף ניט וויסן. דאָס צעקנייטשטע פּאפירל, א געשריבנס ניט אף דײַטש, האָט ער אין די הענט ניט גענומען.

די איבעריקע דרײַ, מיט וועלכע ליאָניע איז פארהאלטן געוואָרן, זײַנען, ווי עס פּאסירט אין אזעלכע פאלן, געווען פארשיידענע מענטשן, און, יעדנפאלס דערווײַל, האָבן זיי ווייניק געפּאסט איינער צום אנדערן. איינער אין ברעזענטענע ספּעצקליידער, א מענטש פון אריבער די דרײַסיק, מיט ניט וואָס א פּראָסט — א פארגרעבט, אפילע בייז־אָפּגעזונדערט רויט פּאָנעם, ניט קיין הויכער, נאָר אן אָנגעגאָסענער מיט גוורע, האָט געהאלטן אין האנט א רייפל שטאָלדראָט, אף וועלכן ס'זײַנען פארבליבן הענגען שטיקלעך אומריינע וואטע, אויסגעווייקטע פּאסיקלעך שטאָף. קלאָר: א דוואָרניק צי א קאנאליזאציע־ארבעטער. נאָך איינער — אָן סאָפּעק א אינטעליגענט: א געלבלעך־אויסגעבלייכט שפּיציק פּאָנעם, פּענסנע, אן אָנגערוקטער קאפּעליוש, אן אופגעשטעלטער קאָלנער פון אן אויסגעבליאקעוועטן הארבסטיקן מאנטל. מער פון אלעמען איז ליאָניען אונטערגעגאנגען דאָס ייִנגל פון א יאָר זעכצן, ניט מער, וואָס האָט געהאלטן א פּאָר צעלעכערטע וואָליקעס אונטער דער פּאכווע.

— דער מאמעס וואָליקעס, — האָט דאָס ייִנגל שטיל געזאָגט שוין א פּאָר מאָל צו די, וואָס האָבן אים געקאָנט פארשטיין; ווענדן זיך צום דײַטש האָט ער נאָך ניט געוואגט, — איך האָב זיי געטראָגן צום שוסטער. די מאמע וועט דאָרט מעשוגע ווערן, טאָמער וואָס...

אוועקגעדרייט זיך פונעם פויער, האָט דער דײַטש געמאכט צוויי שפּאַן אף צוריק, א פיר געטאָן מיטן אָנגעשטעלטן אווטאָמאט איבער אלע פינף און באפוילן:

— פאָרויס!

קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, כאָטש דער דײַטש האָט מיט דער רער און מיט א הייב פונעם קאָפּ אָנגעוויזן, וווהין ער וויל, מע זאָל גיין — צו דער סטאנציע, א פארשטעלטע מיט הויכע, טונקעלע, לײַכט־צוגעשנייטע טאָפּאָלן. דער, אין פּענסנע, האָט רוּיִק ארויסגעשלעפּט די האנט, וועלכע ער האָט די גאנצע צײַט געהאלטן פארוקט הינטערן לאָץ פונעם מאנטל, און באוויזן דעם דײַטש א גרין קארטאָנדל, אף וועלכן עס האָבן זיך געזען צוויי שטעמפּלען. דאָס איז געווען אן „ארבעטסקארטע”, און איינער פון די שטעמפּלען האָט באַטײַט: „זיכערגעשטעלט” — פארבראָנירט. אזא קארטע האָט פארהיט דעם, וואָס באזיצט זי, פון אָפּגעשיקט ווערן אף צוואנגס־ארבעט קיין דײַטשלאנד. דער סאָלדאט האָט א שמייכל געטאָן, גאָרנישט ניט געזאָגט, — ניט געזאָגט, ווײַל — ליאָניע האָט געזען — ער וואָרט: דער, מיטן רייפל דראָט, האָט אויך געזוכט עפּעס הינטערן פארשמאָלצעוועטן רעקל. ווען פּונקט אזא קארטאָנדל, א ביסל אן אויסגעשמירטס, א צעבויגנס האָט באוויזן זיך באם קאנאליזאטאָר צי דעם הויף־אופזעער אין די הענט, איז דער דײַטש צוגעגאנגען צו אים און מיטן פוס

אַרויסגעהאַקט דאָס רייפל דראָט פון דער צווייטער האַנט. באַלד האָט ער אויך אַרויסגעזעצט מיטן פויסט די וואָליקעס באַם ייִנגל פון אָרעם און אויסגעשריִען, דאָס מאָל הויך און בייז:

— קאָם! ניכטס, ניכטס, שווײַגען, קאָם! אַרבײַט!

גייענדיק שוין דער פאַרלעצטער אינעם קייטעלע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַפן טראָטואַר, — דער לעצטער איז געווען דער פויער, דער פאָדערשטער — דאָס ייִנגל, — האָט ליאָניע געטראַכט: „אַרוועסלײַט? פאַרן אופרײַס? צו ווײַט פון דער בריק, און געפּירט וואָלט מען ניט אַף דער סטאַנציע. אַן אַבלאַווע? וואָלט מען די דאָזיקע מיט די צוויי מאָל געשטעמפּלטע קאַרטלען ניט פאַרנומען. גוט, וואָס איך האָב זיך מיט מײַן „אויסווײַז“ ניט גערוקט, גוט, וואָס איך האָב דאָס באַטראַכט. גוט... באַ גוט האַלט עס דערווײַל ניט, דערווײַל דאַרף מען ווערן — ביליטש, ליאָניע ביליטש. ער שרײַט — „אַרבײַט“ — עפּשער טאַקע, עפּשער ניט אַף לאַנג?“

מע איז צוגעקומען צום האַלב־אָפענעם טויער פון דער סטאַנציע, — הויכע שטאַכעטן, אַרומגעקלאַפּטע פון אויסן און פון אינווייניק מיט שטעכדראָט. דאָרט, ווו ס'איז געלאָזט געוואָרן אַ דורכגאַנג צווישן ביידע אָפּגעטוליעטע זײַטלעך פונעם טויער, איז געשטאַנען אַף וואַך אַ באַיאָרטער סאָלדאַט אין אַ פּילאָטקע מיט אַראָפּגעלאָזטע לאַצן אַף די אויערן און אין אַ לאַנגן שינעל, ווי אַ בונדע. דער יונגער, דער ווײַסברעמיקער, וואָס האָט געבראַכט די פאַרהאַלטענע, האָט מיטאַמאָל אַ נעם געטאָן דעם קראַנץ ציבעלעס באַם פויער פון איבערן קאָפּ, און, ווען אַלע זײַנען דורכגעגאַנגען אין טויער, אָנגעטאָן דעם קראַנץ דעם וואַכמאַן אַפן האַלדז. ביידע דײַטשן האָבן הויך און גערן געלאַכט פון אָט דעם אײַנפאַל.

7 צוליב וואָס מע האָט געבראַכט צו פירן אַף דער פּראַכט־סטאַנציע, יעדנפאַלס, וואָס די דײַטשן האָבן דערווײַל געוואָלט פון די פאַרהאַלטענע, איז קלאָר געוואָרן, ווי נאָר מע האָט געמיטן דעם הויף פאַר די לאַנגע שטיינערנע פּאַקהאַוזן, אַרומגערינגלטע מיט הויכע ראַמפּעס, און אַרויס צום געדיכטן איבערפלעכט פון רעלסן־וועגן, פאַרפּראָפּטע מיט ניט קיין צעגלידערטע צוגן אָדער מיט גרופּעס וואַגאָנעס, פּלאַטפאָרמעס. עס האָט דאָ געהערשט אַ גוואַלדיקער גערודער: לאָקאָמאָטיוון האָבן, פײַפנדיק, געקײַקלט ערגעץ ציסטערנעס, אויסגעליידיקטע וואַגאָנעס מיט צעעפנטע טירן, נאָר פיל וואַגאָנעס און פּלאַטפאָרמעס האָט מען געהאַלטן אין פאַנאַנדערלאָדן, דערבײַ האָבן אומעטום עס געטאָן צופיל מענטשן, מע האָט געײַלט, געהאַוועט, צונויפגעקומען זיך אין קופּקעס, ווי מורעשקעס. לאַסט־אַרבעטער, טרעגער, וואָס מע קאָן זיי אונטערשיידן לויט דער ספּעצאָווקע, לויט די האַווײַעס, איז געווען ווייניק, פאַרקערט, עס האָבן זיך געוואָרפן אין אויג מענטשן, אַזוי צו זאָגן, פון גאַס — אַוואַדע צונויפגעטריבענע, געכאַפּטע, אַזוי ווי די פינף, וואָס זײַנען ערשט געבראַכט געוואָרן. אַפילע אײַזנבאַנער, און אַפילע — דאָס איז שוין גאָר צו באַוווּנדערן — דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן אויסגעלאָדן גלײַך אַף מאַשינעס, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן סאַמע באַ די וואַגאָנעס, אָדער מע האָט פון ערגעץ ווײַטער געבראַכט אַף טראָגבעטלעך און אַף די הענט לענגלעכיקע הילצערנע "שטײַגן מיט אוויִאַבאָמבעס, גרויס־געפאַרבטע קאַסטנס, באַדעקטע מיט וואָרענונג־טראַפאַרעטן: „פײַערגעפערלעך“ — סנאַריאַדן, מינעס. דעריקער האָט מען אַף די מאַשינעס אַרויסגעכאַפּט דעם דאָזיקן פּראַכט. זעק, וואָס עס זאָל אין זיי ניט זײַן, — שפּײַז, אַמוניציע, צעמענט, האָט מען פאַשעט ווי־עס־איז צונויפגעלייגט אין סטאָסן אָדער סטאַם אָנגעוואַלגערט אַף דער ערד.

דער ווײַסברעמיקער סאָלדאַט, וואָס האָט קאָנוואָיִרט די פינף נײַע, האָט מיט אַ הייב פון דער האַנט צו דער פּילאָטקע, מיט אַ קלאַפּ פון די זאַדניקעס ראַפּאָרטירט אַ צווייטן דײַטש, אַן אונטערפעלדפעבעל, און איז אַוועק. דער אונטערפעלדפעבעל האָט די קאַעסדיק־אָנגעגאָסענע אויגן אַפילע ניט אויסגעקערעוועט צו די, וועמען מע האָט געבראַכט, ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ פּאַגאָן, באַ וועלכן ס'האָט זיך אָפּגעריסן דאָס קנעפּל, געפּרוווט פאַרפעסטיקן אים מיטן רעשט פון די אַרויסגעצויגענע פעדעם. באַלד האָט דער דײַטש הייזעריק אַ בורטשע געטאָן: „וועק!“ און מיט אַן אונטערגעהויבענעם עלנבויגן באַוויזן, וווהין מע דאַרף אַוועק — צו אַ נאָענטער שורע פּלאַטפאָרמעס, פון וועלכע מע האָט אויסגעלאָדן פעסלעך מיט ברענשטאָף. נאָך דעם, ווי די פעסלעך האָבן געמיטן עטלעכע רעלסן, זײַנען זיי איבער טראַפן אַרופגעקײַקלט געוואָרן אין די קוזאָווס פון לאַסטמאַשינעס. אַלץ האָט זיך געטאָן אין שרעקלעכער אײַלעניש, סאָלדאַטן, וואָס זײַנען פאַנאַנדערגעשטעלט געווען סײַ לעבן די פּלאַטפאָרמעס, סײַ אין וועג, ווו מע האָט געקײַקלט די פעסער, סײַ באַ די מאַשינעס, האָבן געהאַלטן אין איין אונטעריאָגן, שרײַען, זיי האָבן געשלאָגן מיט די פיס, מיט די קאָלבעס. און דאָך,

טאַקע ווײַל אַזאַ יאָגעניש, אַ געפּילדער, האָבן די דײַטשן ניט אַלעמאָל באַמערקט, ווען די, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, זײַנען זיך צונויפגעקומען צו צוויי, צו דרײַ און איבערגעוואָרפן זיך מיט עטלעכע ווערטער.

איינער, אַ הינקעדיקער, אַ געזעצטער, מיט אַן אָנגערוקטן אַלטן יאַלעם אויף די אויגן, האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט יענעם, אין פּענסנע, וואָס איז געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט ליאָניען, און — אַן אינטעליגענטער מענטש, מע זעט דאָך, עפּשער ווייסט ער עפּעס — געזאָגט סתּם אַזוי, אין אייגענע סוואָרע אַרויסגעזאָגט, נאָר מיט פּאַרטײַעטער האָפענונג:

— פּריִער, ווי צו וועטשערע, וועט מען אונדז שוין אין דער היים ניט זען.

דער, אין פּענסנע, האָט ניט געענטפערט, האָנערדיק־פאַרביטערט צונויפגעפּרעסט די ליפּן און געריבן איינע אין דער אַנדערער די דלאָניעס, ערשט־אָ פאַרשמירטע מיט בענזין און בלאָטע. האָט דער הינקעדיקער פאַרהאַלטן זיך אַ טראָט און געזאָגט צו דעם, אין דער ברעזענטענער ספּעצאָווקע, געזאָגט שוין אַנדערש, צוגעוווּנקען מיט אַן אויג, ווי גאָר צו אַן אייגענעם, אַ זײַן גלײַכן:

— אַז מע פאַרהאַטעט אַ ריטשקעלע, טוט זיך עס אָפּ אַ ביסל, האַ? און דאָ, אַז מע האָט פאַרהאַטעט אַזאַ גרויס וואַסער... דער טײַך איז, ווי אויף אַ שלאָס!

אויך דער, אין די ברעזענטענע קליידער, האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, זײַן באַרויגעזידיק־אָפּגעפרעמדט פּאָנעם איז בלויז רויטער געוואָרן, האָט שוין דער הינקעדיקער פּאַשעט שולדיק־אָפּהענטיק, און בעפּיירעש פרײַנטלעך אַ שמייכל געטאָן צו ליאָניען, ווי איינער זאָגט: „ווייסט ניט, וואָס זיי בלאָזן זיך?"

ליאָניען האָט אַזש אַ ברי געטאָן דער געדאַנק: „טאַקע, פאַרשפּאַרט דעם דניעפּער! די בריק איז דאָך צעשעדיקט... אָט וואָס דאָ קומט פאָר!" איצט האָט ער פאַרשטאַנען אַלץ: דורך קיִעוו — מאָסקאָווסקי גייען טראַנזיט־צוגן, דאָרט קאָן מען ניט לאָזן שטיין אַלע עשעלאָנען, וואָס שפּאַרן אויף מיזרעך, מע מוז זיי דערווײַל צעשטופּן אויף די שכייניסדיקע סטאַנציעס. און די דאָזיקע איז ניט נאָר די נאָענטסטע — אַהער קומט אָן דער גאַנצער פּראַכט, וואָס איז באַשטימט פאַר קיִעוו.

נאָך איינער האָט געלאָזט פאַלן אַזוינס, ווען מע האָט געוואַרט לעבן דער פּלאַטפאָרמע, ביז מע וועט פון אויבן דערלאַנגען אַ פּאַס:

—אַ־האָ, און אויב אַ קלאַפּ פון דער לופט?.. אַזוינס דערוויסט מען זיך דאָרט גיך!

ווידער האָט אַ הייסע כוואַליע פאַרפלייצט ליאָניען. געקומען איז עס אי פון פרייד, אי פון פאַרדראָס: „אַוויאַציע קאָן זיך באַווײַזן, און מיר ראַטעווען... כאָטש ווער צעשפּרונגען!"

צוויי מאָל האָט ליאָניע געקײַקלט פּעסער מיטן פויער, און דאָס דריטע מאָל — ער האָט ניט באַוויזן אַרומקוקן זיך, ווי דאָס האָט זיך באַקומען — אַוועקגעקײַקלט אַ פּאַס מיט דעם, וואָס אין דער ברעזענטענער ספּעצאָווקע. ליאָניע איז געווען ניט צופרידן, כאָטש דער דאָזיקער האָט געהאַט ניט צו פאַרגלײַכן מער קויעך, איידער דער פויער. עפּעס האָט געדאַכט, און דאָס איז געווען דער איקער, אַז דער קאַנאַליזאַטאָר, צי דער הויף־אויפזעער, ווער ער איז ניט, קוקט פון מאָל צו מאָל אויף אים, אויפן נאַפּאַרניק, בייז, און עפּשער ניט נאָר בייז — שטאַר, ווי ער זאָל זיך גרייטן אָט־אָט פאַרגעבן גאָר אַ האַרבע פראַגע, מע האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן — וועלכע. דערפאַר, ווען דער אונטערפעלדפֿעבעל, וואָס דער פּאַגאָן איז בײַ אים אַראָפּגעהאַנגען טאַקע ניט קיין פּאַרפעסטיקטער, האָט מיטן פוס אומדערוואַרט אָפּגעשטעלט די פּאַס, וואָס בײדע האָבן געקײַקלט, און געהייסן זיי גיין מיט אַן אַנדער דײַטש, גאָר אַ יונגן, אַ קליינוווּקסיקן, מיט אַ קלײַנעדיק פּאָנעם, וועלכער האָט עפּעס שטאַרק קיין צײַט ניט געהאַט, איז אין ליאָניען אַלץ פאַרקילט געוואָרן אינווייניק: „עפּשער האָט דער דאָזיקער, מיסטאָמע טאַקע אַ דוואָרניק, נאָך פריִער געזאָגט, ווער איך בין?"

נאָר באַלד — אַ זאַך, וואָס האָט צעמישט ליאָניען, און ניט ווייניקער צעמישט אויך דעם, וועמעס אָנגעשטויסנקײַט ס׳האָט אים געשראָקן: דאָס ניט דערוואַקסענע דײַטשל, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט קלערן, אַז עס פּילט אויס אַן עקסטרע באַפעל, אַז עס באַדינט ביכלאַל עמעצן (די אוניפאָרם, בעסער אַן אויפגענייטע, איידער בײַ אַ געוויינלעכן סאָלדאַט, האָט אויך אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָס מוז לעכאָלהאָפּאָכעס זײַן אַן אָרדינאַרעץ), האָט צוגעפירט די צוויי, וועלכע ער האָט באַקומען אין זײַן רעשוס, צו אַ ראַמפּע, בײַ וועלכער ס׳איז אָנגעשאָטן געווען אַ בערגל שטיינברוך (מע נוצט אַזאַ בײַסן רעמאָנטירן דעם אײַזנבאַן־וועג), און האָט מיט זשעסטן געהייסן אָנפילן מיט די שטיינדלעך צוויי אַלטע ווערייקעס, לאָזע־קוישן, וואָס זײַנען דאָ צוגעגרייט געווען. מער אַפילע — ער האָט זיך אויך אָנגעבויגן און גענומען וואַרפן די שטיינדלעך אין איין ווערייקע, אין דער צווייטער, אי באַוויזן אַזוי אַרום, וואָס מע דאַרף

טאָן, אי אונטערגעיאָגט. עפּעס האָט ער, אַן אומרויִקער, געקוקט אַלעמאָל צו דער עקסטער ראַמפּע, ווו אַ פאַרצוימונג פון שטעכדראָט, מיט אַ טויער פון דעם זעלבן דראָט, האָט זיך אוועקגעצויגן צום הויכן הילצערנעם פּלויט פון דער סטאַנציע.

8

די וואַרייקעס זײַנען גיך פול געוואָרן און מע האָט זיי אוועקגעשלעפּט טאַקע צום טויער פון שטעכדראָט. באַם טויער איז געשטאַנען אַ וואַך. דאָ, וווהין ס'איז אַרויסגעקומען דער עקסטער פּאַקהאַוז, איז געווען אַן אָפּגעזונדערטער אײַנפאָר־הויף. די ראַמפּע האָט פאַרשטעלט אַ שורע פאַרמאַכט־וואַגאָנעס, טעפּלושקעס, אַלע מיט פאַרמאַכטע טירן, און פון די אייבערשטע קליינע פענצטערלעך, ליוקן, צו צוויי אין יעדן וואַגאָן, פאַרגראַטעטע צי באַוואָרנטע פון אויסן מיט שטעכדראָט, האָבן אַרויסגעקוקט מענטשן, וואָס ס'איז גענוג געווען איין בליק אַף צו זען: קריגסגעפאַנגענע. געשוירענע קעפּ, אויסגעדאַרטע פּנעמער, בענקענדיק־פאַרגליווערטע אויגן. נו, און — אַ צעשפּיליעטער קאָלנער, אַ צעריסענער עלנבויגן, אַ שפּיציקער אַקסל — צומיינסטנס כאַקי אָדער שינעל־שטאָף... ליאָניע האָט דאָס באַמערקט נאָך צוקומענדיק צום טויער. רעכט אַרומגעקוקט האָט ער זיך, ווען ער האָט געלאָזט שטיין די וואַרייקע פון יענער זײַט טויער און זיך געמעגט אויסגלײַכן. אָט דעמלט האָט אים אַ ציטער דורכגענומען: אינמיטן הויף, סאַמע אָפן דורכפאָר, אַ דרײַסיק שפּאַן פון די טעפּלושקעס און אַן ערעך אַזוי די ווײַט אויך פון אַן אַלטן פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, וואָס איז גלײַך אַף דער ערד צוגעקייקלט געווען צום פּלויט, אַ קאָנטאָרל צי אַ וואַכשטובע, איז געזעסן — דאָס האָט זיך אַפילע ניט באַלד געוואָרפן אין אויג אָפן פּאָן פון די פאַרבלאָטיקטע ברוק־שטיינער און קאַליזשקעס — אַ מענטש מיט געבונדענע הענט אַף הינטן, געזעסן אויסגעקרעוועט מיט דער פּלייצע צו די טעפּלושקעס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און... עפּעס צו שוואַרץ איז געווען זײַן פּראָפיל, איבערהויפּט דער פאָדערשטער טייל פונעם געשוירענעם קאָפּ, דער שטערן און די נאָז, — ליאָניע האָט מער זיך אָנגעשטויסן, איידער דערזען, — בלוט.

דער צווייטער, וואָס איז געווען מיט ליאָניען, האָט זײַן וואַרייקע אוועקגעשטעלט מיט עטלעכע רעגעס פריִער. זײַן פּאָנעם, אַ האַרבס, אַ פולס, האָבן באַדעקט ווײַסע פלעקן. ניט נאָר פון מידקײַט האָט ער שטיל געשמאָרעט מיט דער גראָבלעכער נאָז און געווישט דעם שווייס פון קאַרק. אַף ליאָניען האָט ער, כמורענדיק די ברעמען, אַ קוק געטאָן אַזוי, ווי ער זאָל זיך שטום אָפּשיידן פון אים. ס'הייסט: „איך בין דאָ אַ צופעליקער, אויב וואָס, איז סײַדן — דו...“

דער יונגינקער דײַטש, מיט אַ שמייכל אָפן קלײַנדיקן פּאָנעם, ווי ער זאָל זיך קלײַבן זאָגן עמעצן: „הא, מע קאָן זיך אַף מיר פאַרלאָזן?“ — איז אוועקגעלאָפן צום פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. אַ צעיאָצט־פאַרהאַוועטער האָט ער צוגעפּאַטשט מיט דער האַנט אינעם פּלאַטשיקן שפּיז — דעם איינציקן געווער זײַנעם, וואָס איז, אין אַ שוואַרץ שיידל, געהאַנגען אָפן רימען באַ דער זײַט. ער איז נאָך רעכט אַפילע ניט אַרײַן אין וואַגאָן, דער קלײַנדיקער, ווי ס'האָט פון דאָרט זיך אַ שאָט געטאָן אַוואַדע אַ צענדליק דײַטשן, דערין צוויי אָן סאָפּעק אָזעלכע, וואָס רופן אַרויס אַ באַזונדערן גרויל — אין שוואַרצער אוניפאָרם. איינער פון די דאָזיקע, אין שוואַרצן, וואָס מע ווייסט, אַז זיי זײַנען ניט־נאָר עסעסאָווצעס, זיי זיינען פון דער שוין ניט גאָר געהיימניספולער „אײַנזאַצקאָמאַנדע“, איז געווען אַן אָפיצער, און אַרום אים, ניט גאָר קיין אָנזיכטיקן, און, ווי ליאָניע האָט פונווײַטן באַמערקט, מיט אַ צעקרימט, מאָדנע פאַרשטיינערט פּאָנעם, האָבן זיך געהאַלטן אַלע, אַף אים האָט מען געקוקט, פון אים עפּעס געוואַרט. דער אַנדערער אין שוואַרצן איז געווען הויך, דין, קליינקעפּיק, און טאַקע ער האָט מער פון אַלעמען געקוקט אַף יענעם, וואָס מיטן מעשונע־פאַרגליווערטן פּאָנעם. די איבעריקע זײַנען געווען געוויינלעכע אַרמייִשע פעלדפעבעלס, צי נידעריקערס.

עפּעס האָט דער אָפיצער באַפוילן. דער יונגיטשקער דײַטש און נאָך איינער זײַנען אוועק צו אַ טעפּלושקע, וואָס איז געווען די פינפטע פון טויער. זיי האָבן אָפּגעדרייט דעם דראָט פון דער סקאָבע און אָפּגערוקט די שווערע טיר. ווען ס'האָבן פון דער טעפּלושקע גענומען אַראָפּשפּרינגען די קריגסגעפאַנגענע, האָט דער יונגיטשקער דײַטש אוועקגעײַלט צום טויער, ווו ליאָניע און דער צווייטער זײַנען געשטאַנען באַ די וואַרייקעס, באַוויזן מיט זשעסטן, מע זאָל שלעפּן ווײַטער. באַלד איז ער שוין געווען לעבן דעם, וואָס איז מיט געבונדענע הענט געזעסן אָפן נאַסן ברוק, געטיטשעט מיט איין ווײַז־פינגער רעכטס, מיטן צווייטן — לינקס, אָט דאָ דאַרפן די וואַרייקעס געשטעלט ווערן, און ווען דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, אַלץ אַף שטומלאָשן געהייסן אומקערן זיך אַהין, ווו מע האָט ביז דעם געוואַרט. דעם וואַכמאַן באַם טויער האָט ער געמאַכט צייכנס מיט דער האַנט, וואָס האָבן באַטײַט: „לאָז דערווײַל ניט אַרויס!“

די קריגסגעפאַנגענע האָט מען אין צוויי רייען דורכגעפירט פאַרבײַ די וואַרייקעס און

יעדערער האָט געדאַרפט נעמען עטלעכע שטיינדלעך — אַף דעם האָבן אכטונג געגעבן דער קלײַנדיקער און דער צווייטער, וואָס האָט מיט אים געעפנט די טעפּלושקע. אַלעמען, וואָס האָבן שוין געהאַט שטיינדלעך, האָט מען געהייסן אויסשטעלן זיך אין א ברייטן האַלב־קרײַז לעבן עשעלאָן, אַזוי אַז אויסקומען זאָל מען אָן ערעך אַף אַן אַלציינער דיסטאַנץ פונעם געבונדענעם. בייס אָט דער צוגרייטונג זײַנען די דײַטשן, וואָס האָבן געוואַרט לעבן פּאַסאַזשירוואַגאָן, אַלץ מער צונויפגעקומען זיך אין א קופּקעלע פאַר דער טיר, וואָס איז געבליבן אָפן. ס׳איז שוין, אייגנטלעך, געוועזן קלאָר, וואָס דאָ וועט פּאָרקומען — די קריגסגעפאַנגענע האָבן אָנגעשטרענגט, כמורנע געוואַרט.

און אָט האָבן צוויי קריגסגעפאַנגענע — מע האָט געהייסן — געהאָלפן דעם געבונדענעם אופשטיין. אויסגעקערעוועט אים מיטן פּאָנעם צום צענטער פונעם פאַרגליווערטן האַלב־קרײַז, זײַנען זיי אוועק אַף זייערע ערטער. א שטאַרק צעשלאָגענער, ערשט איצט האָט מען עס גוט געזען, האָט דער מענטש קוים געהאַלטן זיך אַף די פיס. בלוט איז בא אים גערונען פון קאָפּ, פון א צוגעמאַכטן אויג, פון מויל. ער האָט שווער געאָטעמט, אַלץ באַמיט זיך אויסשפּײַען — מע האָט אים אוואַדע אויסגעשלאָגן די ציין, צי עפּעס צעשעדיקט אינווייניק. בלוטיקע שנײרעלעך זײַנען אַראָפּגערונען אַפן האַלדז, אַף דער ברוסט, אַפן בויך — ער איז אָנגעטאָן געווען אין א פופײַקע אַפן הוילן לײַב, און דאָס לײַב, דאָרט, ווו קיין פּאַטיאָקעס זײַנען ניט געווען, האָט אויסגעזען זייער ווײַס און צאַרט.

דער לאַנגער דײַטש אין שוואַרצן האָט זיך אופגעהויבן אַף די טרעפּלעך פון וואַגאָן און עפּעס גענומען אויסשרײַען. ער האָט געמאַכט פּאַוזעס, און איינער פון די, וואָס אין אַרמייִשער אוניפאָרם, האָט אַף א שלעכטן רוסיש איבערגעזעצט:

— אָט דער דאָזיקער, מע ווייסט דאָך, איז געלאָפן. מע ווייסט דאָך, אַלע אַנטלאָפענע כאַפּט מען. די, וואָס זײַנען מיט אים אהער געפאָרן אין אווטאָבוס, זײַנען אויך שולדיק. אַלע זײַנען זיי פון דעם דאָזיקן וואַגאָן. ס׳מאַכט ניט, אויב אַנדערע אויך. אַלע וועלן זיי אים אַליין דערמאָרדן — מיטן שטיינברוך, וואָס זיי האָבן. זאָל דער גאַנצער טראַנספּאָרט זען און וויסן: ער האָט געלייגט א פלעק אַף אַלעמען, דערמאָרדן אים אַלע. גיך וועט מען ברענגען דעם צווייטן, וועט זײַן דאָס זעלבע. צוגרייטן זיך... שלײַדער!

דער האַלב־קרײַז קריגסגעפאַנגענע האָט זיך א באַוועג געטאָן, ווי איבער די קעפּ זאָל זיך דורכטראָגן א ווינט, און איין בליץ האָבן געשאָפן די בליקן, וואָס אַלע האָבן אין דער רעגע געוואָרפן אַף רעכטס און אַף לינקס. די צונויפגעדריקטע פויסטן האָט קיינער ניט אופגעהויבן, קיין איין שטיינדל איז ניט אוועקגעפלויגן.

די דײַטשן באַם וואַגאָן האָבן עפּעס גענומען שטיל דראָלדען, אַזוי דראָלדען גענדז, פאַרטריבענע אין א ווינקל. העכער האָט עפּעס אויסגעשריִען, געזידלט זיך, געזידלט די זײַניקע, בלויז יענער אין שוואַרצן, מיטן צעשראָמטן פּאָנעם. דער געבונדענער האָט א ביסעלע אויסגעגלײַכט די פּלייצעס, כאָטש ס׳איז קענטיק געווען, אַז דאָס פאַרשאַפט אים ווייטעק.

— א דאַנק, כעוורע, — האָט ער אויסגעכריפּעט ניט הויך, — כאַווײרים... בעסער וואָלט מען גיכער געענדיקט, נאָר — א דאַנק... זאָלן זיי זיך ניט אָנטישען, די שלענג!

דער לאַנגער, דער קליינקעפּיקער, האָט האַסטיק זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּלעך. באַהאַלטן אין קאָבורע, אַפן פּלאַטשיקן בויך, דעם פּאַראַבעלום, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעכאַפּט, האָט ער גענומען בא עמעצן פון די דײַטשן אַן אווטאָמאַט, אָנגעשטעלט אים אַף די קריגסגעפאַנגענע, פריִער סטאַם דורכגעפירט מיט דער רער א האַלב־קרײַז אינדערלופטן, ווי ער זאָל אָנמערקן, וווּהין ער וועט שיסן, און ווען ער האָט די רער אומגעקערט אַף צוריק — אַרויסגעלאָזט א קורצע ריי. די קוילן האָבן דורכגעפײַפט איבער אַנטבלויזטע קעפּ, פּילאָטקעס, ווינטער־היטלען, נאָר די שערענגע איז געבליבן שטיין א פאַרגליווערטע, ווי פריִער. ערגעץ אַף יענער־זײַט צוג, פונעם פלאַכן דאַך פון פּאַקהאַוז, צי ווײַטער — פון די טאָפּאָלס באַם אַרײַנגאַנג אין סטאַנציע האָבן מיט א קראַקערײַ זיך א ריס געטאָן אין הימל ראָבן.

דער, וואָס האָט איבערגעזעצט, האָט ווידער אויסגעשריִען:

— דער באַפעל איז דער לעצטער — מע וועט שיסן אין אײַך! שלײַדער!

ווידער א בליץ פון צענדליקער אויגן, און — קיין איין שטיין אינדערלופטן.

דאָס מאָל האָט מען באַם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן זיך באַראַטן לענגער, און דער פאַרורטיילטער האָט לענגער גערעדט — די דײַטשן האָבן אין אים ווי פאַרגעסן.

— אַז איר וועט קענען, כעוורע, — לויפט. כאָטש א שאָ געווען אַף דער פרײַ, כאָטש א שאָ. און ליכאָבאַבענקאָ האָבן זיי ניט געכאַפּט, דאָס באַרימען זיי זיך. ער וואָלט דאָ שוין אויך געווען... א קינד האָט אָנגעוויזן אַף מיר, א קינד. מע האָט עס מיט דער מאַמע אָנגעיאָגט אַף דער גאַס, מע איז מיר שוין נאָכגעלאָפן, און איך האָב זיך באַהאַלטן אין א פוסטער הינטי־

שער בודקע באַ א טויער. די מאַמע זאָגט: „נע באַטשילאַ״, און דאָס יאַטל: „באַטשיוו״... א קינד — מע האָט דעם באַוויזן געווער, צי עס האָט געמיינט — מע יאָגט מיר נאָך, דאַרף מען...

ס׳איז אים שווער געווען צו ריידן, ער האָט א ביסעלע אָפּגערוט, נאָר געוווּסט: דאָס זײַנען די לעצטע מינוטן, אפילע די לעצטע רעגעס, און ווידער געזאָגט — דערפרייט זיך, וואָס ער האָט זיך עס דערמאָנט:

— לעבן יעוובאַז האָב איך געזען — מענטשן לייענען א פּאַפּירל, וואָס איז צוגעקלעפּט צו א פּאַרקן, און דער דוואָרניק טרײַבט... איך האָב צוגעוואַרט אַף אַן אַלטן, ער איז אָנגעקומען פון דאָרט: מע האָט די דײַטשן אַרומגערינגלט באַ סטאַלינגראַד, אַלעמען. אונדזער סוואָדקע. און דאָ האָט מען הײַנטיקע נאַכט אופגעריסן א בריק...

ער האָט דערהערט טריט פון הינטן און געזאָגט אײַליק, מיט א כריפּ:

— איך בין ניט קיין טאַטער. אַנדערש ניט געקענט... א ייִד, אוורהאָם כאַיִט. פון פּאָלאָנע. א שוועסטער האָט מיר געשריבן פון סאַראַטאָוו. פאַרגעדענקט...

צוגעקומען איז דער, וואָס האָט איבערגעזעצט. ער האָט אויסגערופן ניט הויך, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט די ערנסטקײַט פונעם געזאָגטן:

— מער ווי דרײַ מאָל ציילט מען ניט, איר ווייסט... ווער עס וויל לעבן — איינס, צוויי, דרײַ — שלײַדער!

קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. עס האָט בלויז געהערט זיך אין ברייטן האַלבקרײַז: א סאַך ברוסטן אָטעמען קימאַט איינצײַטיק אַרײַן די לופט און אָטעמען זי לאַנגזאַם אַרויס. אין אָט די רעגעס — פון פּאַסאַזשיר־וואַגאָן האָט ווידער געמאַכט עטלעכע שפּאַן דער לאַנגער, אין שוואַרצן, מיטן אווטאָמאַט אין דער האַנט, און אים איז נאָכגעגאַנגען נאָך איינער, אויך מיט אַן אווטאָמאַט, — אין אָט דעם מאָמענט האָט אין דער שערענגע, אין יענעם עק, וואָס איז געווען נעענטער צו ליאָניען, עמעצער, א סוטולעוואַטער, מיט א קורצער פויגל־נאָז און מיט אַן אַרויסשפּאַרנדיקער אונטערשטער קין, האַסטיק אויסגעבויגן דעם גוף אַף צוריק, ברייט פאַרמאָסטן דעם פויסט און געוואָרפן א פּלאַטשיק שטיינדל, וואָס האָט עטלעכע מאָל זיך איבערגעדרייט אין דער לופט, ביז ס׳האָט געטראָפן כאַיִטן אין אַקסל. כאַיִט האָט, ווי ניט גלייבנדיק, און ניט געײַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קעדיי זען מיטן איינעם גאַנצן אויג דאָס שטיינדל, וואָס איז ליגן געבליבן אין בלאָטע, באַ זײַנע פיס, נאָר אַף יענעם, וואָס האָט געוואָרפן, האָט ער ניט געקוקט; אַף יענעם, וואָס האָט געוואָרפן, האָבן געקוקט סײַ די קריגסגעפאַנגענע, סײַ די דײַטשן, כוץ אים, דעם געטראָפענעם. און דער סוטולעוואַטער, — ליאָניע האָט געשטוינט, געפיבערט, געפלאַמט פאַר קאַס און בושע, בושע אויך, ער האָט אים געקענט, דעם דאָזיקן! — דער סוטולעוואַטער האָט זיך א טאָפּטשע געטאָן אַף דינע קרומלעכע פיס און געזאָגט:

— ניין, ווי איר ווילט, און איך וויל לעבן — איך בין ניט געלאָפן!

מיט די ווערטער איז ער אַרויס צוויי טריט פון דער שערענגע.

דער דײַטש מיטן קראַמפּיק־אָנגעשטרענגטן פּאָנעם האָט, אַראָפּרײַסנדיק זיך אַף א גאָרגלדיקן פאַלצעט, עפּעס אויסגעשרי‏ִען צו די דײַטשן — יענע, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן דער טיר, און יענע, וואָס האָבן מיט די אווטאָמאַטן זיך אַרויסגערוקט פאָרויס, נאָר מיטן פינגער האָט ער א רוף געטאָן בלויז איינעם, דעם קלײַנדיקן, און מיט דראָטיק־פּעסטע טריט, ניט קיין אײַליקע, — אַזאַ גאַנג באַווײַזט, אַז מע האָט מאַכט און אַז עפּעס איז אָנגענומען א באַשלוס, — אַוועקגעלאָזט זיך גראָד צום ווײַטערן עק פון דער שערענגע קריגסגעפאַנגענע, ניט דעם, ווו דער סוטולעוואַטער האָט געוואַרט. צוגעקומען צו דער שערענגע, האָט דער דײַטש מיט קענצייכנס (ווער ס׳האָט געוווּסט, האָט געוווּסט) פון א הויפּטשטורמפירער[1], ניט קיין אָנזיכטיקער, אַזוי זיך, א מענטשל, קוואַר, אויסגעמאָגערט, עפּשער פון נידעריקע נעטי‏ִעס און זיטן, און מיט א בייז, פאַרגליווערט פּאָנעם, וואָס עס האַקט עס דורך א געשלענגלטע פאַרסטריגע פון דער ברעם, איבער דער געבראָכן־פּלאַטשיקער נאָז, ביידע ליפּן און דער קרומער קין, — אָט דאָס פּאָנעם וואַרפט אָן א מוירע, — גענומען גיין פאַרבײַ די קריגסגעפאַנגענע און יעדן איינעם, מיט קאַלטע, שוואַרצע, אָפּשאַצנדיקע אויגן, — אָפּשאַצנדיקע, צוליב וואָס? — פאַרקוקט אין די אויגן. אַזוי איז ער צוגעקומען ביז יענעם, דעם סוטולעוואַטן און מיט א ביטל־באַוועגונג פון דער האַנט באַפוילן ווידער שטעלן זיך אין דער שערענגע. מער גאָרנישט. איצט איז ער אַוועק צום צעבלוטיקטן, מיט די געבונדענע הענט אַף הינטן, נאָר ניט קיין קוק געטאָן אַף אים, ס׳הייסט, א קוק געטאָן בלויז אַף יענעמס פיס, דאַרע, הוילע, דאָרט, ווו די קורצלעכע סאָלדאַטישע גאַליפע זײַנען פאַרשמעלט און ווו מע טראָגט געוויינלעך אָב־

[1] אַן עסעס־קאַפּיטאַן.

מאַטקעס, אַף די שווערע שיך, אײַנגעטאַפּטשעטע אין בלאָטע, אָפּגעשטעלט זיך לעבן דעם לאַנגן דײַטש מיטן קלײנעם קעפּל און אַרויסגעבראַכט אײן וואָרט:

— מילבן...

„מילבן", — געמײנט האָט ער ניט נאָר די, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער שערענגע, און ניט נאָר די, מיט וועמען עס זײַנען אָנגעשטאָפּט געווען די טעפּלושקעס, — מע האָט פון דאָרט ווידער אַרויסגעקוקט, בײַם דער שיסערײַ איז מען פאַרשוווּנדן, — מילבן — האָט ער געמײנט אויך די, וואָס זײַנען געשטאַנען הינטער אים; דײַטשן — אָבער דאָס זײַנען אויך מילבן, און אוואַדע איז אַ מילב דער קלײנקעפּיקער, דראַנגעוואַטער אוגענטאַל, פּעטער... ער, ווילהעלם מאַלטקע, וואָס האָט פאַר דרײַ טעג געהאַט אָוועקגעלײגט אין באַבי־יאַר זיבעציק טויזנט, שרײַענדיקע, שילטנדיקע, צאַפּלענדיקע, — ער, דעריקער — ער; די, וואָס העלפן דערין, זײַנען ניט קײן סאַך מער ווערט, אײדער זײערע שיסנדיקע אָווטאָמאַטן (און דאָס איז דען געווען דער אָנהײב זײַנער, דער באַבי־יאַר? אָנגעהויבן האָט ער, אָ־אָ, פון יענער־זײַט פּירענײען, נאָר דער באַבי־יאַר איז שוין טאַקע געווען עפּעס גאָר באַדײַטנדיקס, און ווײַטער, אויב ס'האָט זיך אַפילע געמאַכט קלענערס, איז עס אין אַלגעמײן — גרויס), ער, אַז ער זאָגט — מילבן, קען ער עס זאָגן און האָט דערבײַ אַ געפיל, וואָס עס ווײסט פון אים אוואַדע אַ קיניג, אַ גאָט, אויב געטער זײַנען ערגעץ דאָ אין הימל צי אַף דער ערד... געטער — אײנער קאָן ניט זײַן, און איבער געטער איז קײן גאָט ניטאָ, יעדערער איז פאַר זיך אַלײן — גאָט. דאָס איז זײַן, מאַלטקעס, איבערצײַגונג, און ער האָט זיך דערבײַ זײַנעם אַ מײן: ער טוט דאָס זעלבע, וואָס דער פּיורער, צי נאָך אַזעלכע ענלעכע, און שטרעבט צום זעלבן, און גרעסער צי קלענער איז דאָ ניט שײַעך, פאַר דעם איז קײן מאָס ניטאָ — ס'איז הערשאַפט, ס'איז — ווי איך וויל, און די עמעסע האַנאָע איז — פאַרניכטן, טאַקע ווײַל דאָס, וואָס ווערט פאַרניכטעט, איז, יעדנ־פאַלס, בא זיך, בא דעם, וואָס קומט אום, טײַערער פון אַלץ... מילבן! אָט וואָלט ער אַרויס־געבראַכט אַן אַנדער וואָרט, מאַלטקע: שיסן! — און די דאָזיקע שערענגע וואָלט ליגן געבליבן אַף דער ערד, און די טעפּלושקעס וואָלטן צעלעכערט געוואָרן, אַז קײן אײן לעבעדיקער זאָל דאָרט ניט בלײַבן. און ווער־עס־איז פון די, וואָס שטײען הינטן, צי אַפילע פּעטער, וואָס שטײט באַנאַנד, וואָלטן, ווען ער, מאַלטקע, געפינט דאָס פאַר צוועקמעסיק, צי פּאַשעט, ווען עס פאַרווילט זיך אים גוט, ניט וואָס סטאַם געפאַלן טויט — מיט אַזעלכע טוט מען עס אַנדערש, מע שיקט זײ נאָך דער קויל אַפן פּראָנט, ווײַל — זײ האָבן פאַרזען אַ קלײניקײַט, אַז די טיר אין אײנעם פון די אָווטאָבוסן, אין וועלכע מע האָט באַנאַכט געפירט די קריגסגעפאַנגענע אַהער, צו דער סטאַנציע, עפנט זיך אַלײן פון זיך, בײַם דער אָווטאָבוס שפּרינגט אונטער, און די וואַכלײַט האָבן געדרעמלט, האָבן צווײען פון די קאָנוואָירטע באַשטימט זיך אַ לופּטער טאָן... נאָר — געטער, זאָל עס הײסן אַזוי. אָט די, אין דער שערענגע און אין די פּי־וואַגאָנען געהערן אַן אַנדער גאָט, און דאָס, וואָס מע דאַרף זיך מיט דעם רעכענען, רירט ניט אָן זײַן, מאַלטקעס, אײגנליבע. אַ טיגער ווערט ניט ווײניקער פון דעם, וואָס ער איז, כאָטש ער האַלט זיך אַלעמאָל אין זײַן וואַלד, זײַנע וועלדער, ווו ער פאַרצוקט. די דאָזיקע געהערן פּריץ זאָוקעלן — דעם רײַכסבאַפּולמעכטיקטן פאַר מאָביליזירן אַרבעטס־קראַפט, זאָוקעל האָט אַף זײ זײַנע אויסזיכטן. אַ ביסל איז־עס טאַקע ניט לויט זאָוקעלס אַמט — קריגסגעפאַנגענע, ער האָט צו טאָן מיט מאָביליזירטע, פרײַווילליק צי מיט צוואַנג, נאָר אַז ניט דאָס, ניט יענץ דערגרײכט ניט די נײטיקע מאַסשטאַבן, און ערגעץ מוז מען פאַרשטעקן אַ לאָך, איז קלאָר, אַז ס'איז אַ צונויפגערעדטע זאַך און מע דאַרף דאָס פאַרשטײן. אַלצײנס, בא זאָוקעלן, ערגעץ אין אַ שאַכטע, צי אַף אַ זאַוואָד אונטער דער ערד, וועלן זײ אויסטריקענען, די דאָזיקע, ווי פליגן אין אַ פאַרמאַכטער קײלע... פליגן אין אַ פאַרמאַכטער קײלע — וויל... און ביכלאַל איז ער הײַנט גאָר אַ גוטער, ווילי מאַלטקע, אַ גוטער פאַר דעם דאָזיקן דראַנג, פּעטער אוגענטאַל — אײנעם פון די, וואָס דינען אין זײַן, מאַלטקעס, אײנזאַצקאָמאַנדע נאָך אָנהײבנדיק פון פּוילן. ס'הײסט, געווען איז ער נאָך דעמלט, מאַלטקע, געהילף פון קאָמאַנדיר און אַן אונטערשטורמ־שטורמאַן געוואָרן אַ ראַטענפּיורער, האָט ער אים אַרויסגעוויזן, מאַלטקע, אָט די ברײטהאַר־ציקײַט, — דערשלאָגן זיך בא גוטעפרײַנט, פאַראַן אַזעלכע, מע זאָל דעם ראַטענפּיורער פאַר־דערלויבן פּעטערן פאַרלענגערן אַף צווײ וואָכן זײַן אָרדנטלעכן אורלויב. נאָך צווײ וואָכן צוגאָבלעך צו אַ כוידעש, קאָן מען אַפילע אַ שמײַס טאָן קײן רוים, פאַרוואָס ניט, קײן פּאַ־ריזש, זען אַ ביסל מוידן, אײדעלע, ווי מאַלאָכים, און לײַדנשאַפטלעכע, ווי שײדים, אויסטרינ־קען אַ ברונעם ווײַן. נו, און אַלס דאַנק, וועט פּעטער פאַרהאַנדלען דאָרט, אין יענע שטעט, זײַן, מאַלטקעס, קאָלאָראַדאָ — דאָס, וואָס ווערט דאָ אַרויסבאַקומען ניט אין דער ערד, נאָר

דאָס, וואָס מע באַקומט בא די, וואָס דאַרפן אוועק אין דער ערד,— קאָלאָראַדאָ, פאַרוויקלט אין א קליין פּעקעלע — דאָרט, אַף מײַרעוו, איז דער קורס גאָר אַן אַנדערער... און וואָס אָנ־באַלאַנגט די דאָזיקע, אין דער שערענגע, מיט די שטיינדלעך אין די הענט, איז עס פּעטער אוגענטאַלס אַן אײַנפאַל, געמיינט בא אים, בא מאָלטקען, אויסנעמען און אויסקויפן זיך פאַר דעם, וואָס האָט פּאַסירט. פּעטער איז דורכגעגאַנגען א שול, עפּעס באַמבלט זיך שוין בא אים אין קאָפּ. גאָר אויב — א וואַנט, איז זאָל בלײַבן א בײַל אַף פּעטערס שטערן. ער, מאָלטקע, וועט פּראָסט ראַטעווען די לאַגע...

אָט וואָס ס׳האָט באַטײַט דער זאָג „מילבן״, א זאָג, פון אַלע זײַטן אָן אָפּגעוויגענער.

מאָלטקע האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צום קלײַענדיקן, וואָס איז מיט אָנגעשטרענגט־אונטערגעהויבענע אַקסל געשטאַנען עטוואָס בא דער זײַט, א טראָט הינטער אים. מיט א הייב פון דער קרומער קין האָט מאָלטקע אָנגעוויזן אַף דעם סאָלדאַטס שפּיז אינעם שיידל און שטום א פיר געטאָן די אויגן אַף דעם געכאַפּטן קריגסגעפאַנגענעמס פּלייצע. דאָס דראָט, מיט וועלכן כאָיטס הענט זײַנען געבונדן געווען, האָט זיך אײַנגעשניטן אין זײַן לײַב, די צונויפגעקאָרטשעטע פינגער, ווײַסע, אַנטבלוטיקטע, האָבן זיך קוים באַוועגט. דער קלײַענ־דיקער האָט מיט פּריילעכער גרייטקײַט ברייטער צעעפנט די אויגן, אַרויסגעכאַפּט די שפּיז, א הייב זיך געטאָן אַף די שפּיצפינגער, אי קעדיי אויסקומען העכער, אי קעדיי אונטערגאַנ־ווענען זיך שטיל — די שאַרף איז אַרײַן אין דער עטוואָס געבויגענער פּלייצע, אונטער דער לינקער לאָפּעטקע.

ווען דער קלײַענדיקער האָט זיך שוין געייסעקט באַם האָרוג, וואָס איז געפאַלן אַף א זײַט, באַמיט זיך דערלאַנגען די שפּיז, האָט מאָלטקע געזאָגט צו אוגענטאַלן:

— וויפל זײַנען בא דיר געלאָפן, פּעטער? ווירקלעך, בלויז צוויי? דאָ האָסטו אַנדערע צוויי באַם טויער!

א פאַרצאַפּלטער פון דעם, וואָס עס האָט זיך נאָרוואָס אָפּגעטאָן, האָט ליאָניע ניט גלײַך באַמערקט, אַז א פינגער טײַט אַף אים...

XI. א שפּרונג אין דער נאַכט. ווער וועט אויסגעשניצט זײַן אַפן הילצערנעם ציילעם? צעשיידטע אין אָנהייב וועג

1 ליאָניע איז אַרײַן אין דער טעפּלושקע, ווי אין א צווייענדיקן קאַפּקאַן. ערשטנס, די טעפּלושקע אַליין, און דער דאָזיקער גאַנצער עשעלאָן — ערגעץ דאַרף ער אָפּגעשיקט ווערן, אַנדערש וואָלט מען איצט, ווען מע רייניקט אָפּ די סטאַנציע, ניט געהאַלטן דאָ דעם צוג. און דאָס אויך — מע האָט ניט געשאָסן אין דער שערענגע, און אים, ליאָניען, און אָטאָ נאָך איינעם, אַרײַנגעוואָרפן אַהער אָנשטאָט די צוויי, וואָס פעלן. הייסט עס, אַז די דאָזיקע האָבן דאָ ניט צו שאַפן איבער די קריגסגעפאַנגענע, זיי זאָרגן אַפילע, אַז די צאָל זאָל שטימען. א שטיקעלע טרייסט איז אין דעם געווען, אָבער פונעם געדאַנק, אַז עס שטייט פאַר א וועג, און עפּשער א לאַנגער, איז געוואָרן א לאָך אין האַרצן. דאָ, אין קיִעוו, איז אויך געווען גענוג שווער, און אַלעמאָל האָט געדריקט די אומבאַוווסטקײַט, נאָר דאָך — א היים: אָלגע, נאַטאַשע, און יערעמיי פּאַמיטשעס שטוב, און יערעמיי פּאַמיטש אַליין, און שעשענקאָ, און רעדוטני, און דאָס גאַנצע קייטעלע, אין וועלכן מע איז אָנגעשלאָסן, און ס׳איז טאַקע ניט סטאַם געערעדט — ס׳איז געטאָן... נאָר דאָס, וואָס האָט פאַר ליאָניען פאַרוואַנדלט די טעפּלושקע אין א צווייענדיקן קאַפּקאַן, האָט אײַנגעשלאָסן נאָך צוויי געפאַרן, וועלכע ער האָט דערווײַל בלויז פאַררייניקט אין געדאַנק. איינע האָט געקאָנט קומען פון יענעם, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין, און האָט ניט נאָר אויסגעזען קענטלעך — מע האָט אים נישט געקענט ניט דערקענען, — ס׳איז ער. די צווייטע — פון קאַרפּאָ בוזיוקן, ליאָניע האָט שוין געוווּסט, אַז דעם, אין דער ברעזענטענער ספּעצאָווקע, רופט מען אַזוי, און אַז ער איז טאַקע א דוואָרניק; דער קאַסדיק־עקבערנדיקער בליק פון בוזיוקס אָן סאָפעק טרעניִרטע אויגן האָט, הייסט עס, ניט סטאַם געשראָקן, און דאָ, בא דער טעפּלושקע, האָט ער שוין עפּעס געזאָגט אויך. דער קלײַענדיקער, ער האָט זיך שוין אָפּגעפּאָרעט באַם דערשטאָכענעם, האָט גענומען טרײַבן זיי ביידן צו דער טעפּלושקע, און דער צווייטער האָט ניט וואָס זיך אײַנגעשפּאַרט, ניט געוואָלט גיין, ער איז געגאַנגען, נאָר פאַרצווייפלט געמאַכט מיט די הענט, געביסן זיך

די פינגער, און מיט א דין, ווייגענדיק, מאמעש ווײַבעריש קאָל געשריִען: „מיך טאָר מען ניט פארנעמען, פאן, מע נעמט מיך קיינמאָל ניט, איך בין א דוואָרניק, קארפּאָ בוזיוק... אוי, פאנאָטשקי, זאָל מען אָנקלינגען אין דער ראַיאָנער אופּראווע!" און צו ליאָניען, מיט א ווילד־צעקרימט, רויט פּאָנעם, און מיט אויסגעראטשעטע אויגן: „זאָג אים, זאָג אף דײַטש, דײַנע קענען דאָך דײַטש — וואס שווײַגסטו?!" אָט: „דײַנע קענען דאָך דײַטש... דײַנע..." דאָס איז דער צווייטער קאפּקאַן. אי יענער, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין, און ליאָניע ווייסט, אף וואָס ער איז ביכלאַל פייִק, אי קארפּאָ בוזיוק, — פארביידן קאָן ער ווערן א כייפּעץ, מיט וועלכן מע וועט ווען, אויב ניט אויסקויפן זיך אינגאַנצן, איז כאָטש אויסנעמען בא די דײַטשן.

נאָר ליאָניע האָט געטראַכט אויך אזוינס (ער איז געבליבן שטיין בא דער טיר, און קארפּאָ האָט פון אָנהייב אויך זיך צוגעשפּארט דאָרט מיט אן אקסל; מע איז ארײַן אין דער טעפּלושקע די לעצטע, אלע האָבן שוין פארנומען זייערע ערטער, צי אפּסנײַ פארכאַפּט פּלאַץ — ווער אפן דיל, ווו ס'איז גאַנץ שיטער אָנגעשאָטן געווען שלעכט־שמעקנדיקע שטרוי, ווער אף די דורכויסיקע נארעס פוןביידע זײַטן): מע האָט די שטיינער נישט געוואָרפן ניט פריִער, ווען כאָיט איז פראָסט געווען איינער, ווי אלע, נאָר וואָס האָט געמאכט פּלייטע, ניט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אזא, וואָס איז אין אלע אומשטענדן פארורטיילט. מע האָט די שטיינער ניט געוואָרפן, געבליבן מענטשן. דאָס האָט געשטארקט. וואָס זשע יאָ — ניט קארפּאָ, ניט יענער, דער גוט־באקאנטער, וועט זיך מיט קיינעם ניט אייצען... דער גוט־באקאנטער... די באָבע פלעגט זאָגן: „א געוועזענער פרײַנט — איז דער געפּערלעכסטער סוינע". און בענטשן פלעגט זי: „זאָלסט האָבן גוטע באגעגענישן". איז אָט — באגעגענישן...

ליאָניע האָט געזוכט מיט די אויגן יענעם, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין. פון טיפער געפלעפטקײַט, איז אין קאָפּ אפילע ניט אופגעקומען דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס יענער האָט אים געטאָן. עס האָט זיך געדרייט אין מויעך: „דאָ איז ער ערגעץ. ווי זיצט עמעצער, ווי ליגט עמעצער לעבן אים?" גערעדט האָט מען שטיל, און ליאָניע האָט אי ניט געהערט קלאָר, אי ער איז נאָך ניט אימשטאַנד געווען הערן — ווען וואָס. מע האָט דעריקער אײַנגעהערט זיך, וואָס עס קומט פאָר אינדרויסן, אָנגעזאָגט דאָס איינער דעם צווייטן. דײַטשן האָבן זיך איבערגערופן, ווען נעענטער, ווען ווײַטער פון דער טעפּלושקע, אָט האָבן א קלונג געטאָן די בופערס — מע האָט צוגעטשעפּעט א לאָקאָמאָטיוו. זײַן סאָפּען האָט שוין גאָר פארטויבט די קלאַנגען פון אויסן און די רייד אין וואגאָן.

אוועק צו אלע — אף איינער פון די נארעס, צי אפן דיל — האָט ליאָניע אלץ ניט געקאָנט. דאָ, בא דער טיר, ניט האָבנדיק געמאכט די עטלעכע טריט ווײַטער, האָט ער נאָך פּאָרט ווי ניט צעשיידט זיך מיטן געפיל פון יענער בעערעכדיקער פרײַהײַט, וואָס ער האָט פארלוירן. מיטאמאָל האָט ער באנומען, אז קארפּאָ בוזיוק האָט פון אָנהייב אויך איבערגעלעבט דאָס זעלבע, נאָר אָט האָט קארפּאָ דערלאַנגט פון דער הויזן־קעשענע א קליין זעקעלע טוטין, שוועבעלעך, א טראַכט געטאָן, ווידער באהאַלטן דאָס אלץ, און דורכגעגאַנגען זיך היין און צוריק לענגויס די נארעס. ער האָט א קוק געטאָן אף די נארעס, דערנאָך — אונטער זיי, געשפּאַנט איבער פיס, וואָס האָבן פון דאָרט געסטארטשעט אפן דיל, און איז פארשוווּנדן ערגעץ אונטן, אין א ווינקל. ליאָניע האָט מיט א צעיאטרעטע האַרץ א טראַכט געטאָן: „אָפּגעשאַרט זיך פון מיר, צווערשט — אָט דאָס..." אינגיכן האָט דאָרט, אונטן, אופגעלויכטן א שוועבעלע, ליאָניע האָט דערזען דאָרע הענט, וואָס ציִען זיך צום טוטין, פארוואַקסענע פּענעמער, אָנגעשטרענגט־אופגעלעבטע. נאָך עטוואָס שפּעטער האָט שוין פון דער רויכיקער טונקלקײַט זיך דערטראָגן קארפּאָס קאָל מיטן כאַראַקטעריש־צופליפּענדיקן קוויטשיקל:

— דאָס ווײַב? שטארק וויינען נאָך מײַן קאָפּ וועט זי ניט. מע דאַרף אליין וויסן, וואָס דער קאָפּ איז ווערט.

איינער, זייער א דארער, מיט אײַנגעפאלענע שלייפן, ווי בא א דיסטראָפיקער, מיט טונקעלע, קרענקלעך־צוגעדעמפּטע אויגן, איז אראָפּ פון דער נארע, וואָס לינקס, שטיין געבליבן לעבן ליאָניען, שטיין געבליבן דערפאר, ווײַל א צווייטער האָט געטאָן זײַן נויט בא דער קווער־אָפּגעשניטענער העלפט פון אן אײַזערן פעסל, מע האָט געמוזט צוווארטן, און האָט, נאָך א טרוקענעם הוסט, געזאָגט:

— וואָלסט ארוף אף דער נארע, דו... דאָרט איז דאָ פּלאַץ.

עפשער האָט ער זיך געשעמט, דער דאָזיקער, פאר ליאָניען, וואָס קומט אויס אנטקעגן דעם פעסל, און עפשער האָט אים סטאַם פארכידעשט זײַן שטיין בא דער טיר, נאָר ליאָניע האָט געפאָלגט. אף דער נארע איז טאַקע געווען פּלאַץ, ווײַל עטלעכע זײַנען ניט געלעגן, מע איז געזעסן צונויפגעדריקט לעבן פענצטערל, דעם ליוק, ארויסגעקוקט אין הויף, סטאַם געכאַפּט לופט. אף ליאָניען, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט באם ראַנד פון דער נארע, האָט מען

צוערשט געקוקט שווײַגנדיק, בלויז ווען ער האָט גענומען זוכן מיט די אויגן אַן אָרט, קעדיי זיך צולייגן, האָט עמעצער געפרעגט:

— ביסט פון צווייטן באַצירק, צי וואָס?

— ניין, ביכלאַל א נײַער.

— אהא, — דאָס האָט זיך שוין אָנגערופן אַן אנדערער, אַן כידעש, וועלכן מע האָט גע־קענט דערוואַרטן, — א קיִעווער, הייסט עס?

ליאָניע האָט געענטפערט ניט באַלד. ער האָט א טראַכט געטאָן, אז מע דאַרף שוין אָנהייבן ענדערן די ביִאָגראַפיע, און כאָטש ער איז געווען מיד, אויסגעשעפּט און ניט געקאָנט דורכ־טראַכטן אַלץ גענוי, האָט ער לעכאַלהאַפּאָכעס געזאָגט:

— אליין בין איך פון ווײַט, געבליבן דאָ שטעקן.

— אהא, און די סוואָדקע — וועגן דער סוואָדקע האָסטו אויך געהערט?

— ניין, ס׳ניט אויסגעקומען, נאָר וועגן דער בריק, — ליאָניע האָט דערפילט, אז א פלאַם טוט ווי א ברי זײַנע באַקן, — וועגן דער בריק ווייס איך — אויפגעריסן...

— טוען דאָ, הייסט עס, עפּעס אונדזערע אין שטאָט!

איין רעגע האָט ליאָניע מוירע געהאַט, אז ער קאָן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט. עס האָט זיך זייער געוואָלט זאָגן: „איך אויך". און שוין קעדיי לינדערן די פּײַן פון מוזן שווײַגן, שווײַגן פאַר אָט די מענטשן, וואָס האָבן פאַרדינט די טרייסט, די פרייד, האָט ער זיך פאַרקליבן ווײַטער אַף דער נאַרע, אויסגעדרייט זיך אַף א זײַט, א רוק געטאָן די פויסט צוקאָפּנס און צוגעמאַכט די אויגן.

ליאָניע האָט געהערט — מע האָט פאַרגעזעצט א שמועס, וואָס האָט זיך דאָ פריִער אָנ־געקניפּט:

— איז אָט זאָג איך: אין אזא אויסזען — לויפן?

— וואָס זשע, ער האָט זיך געקאָנט צופוצן? בעטן בא דיר דאָס העמד, בא מיר — די שטיוול? א רעגע!

— און פאַרוואָס האָט דער אַלטער, וועלכן ער האָט אָפּגעשטעלט, ניט אוועקגעפירט אים צו זיך? מיסטאָמע דאָך א גוטער אַלטער, אונדזערער.

— זעסטו, דאָס קאָן מען שוין נאָר פרעגן. מאַלע וואָס.

ליאָניע האָט געוואַרט: עפּשער וועט מען עפּעס זאָגן וועגן דעם, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין? אַלץ מער ווערטער, פראַזעס האָט ער דורכגעלאָזט פאַרבײַ דעם אײַנדרעמלענ־דיקן מויעך, נאָר צוגעהערט זיך און געהאַלטן איינס אין קאָפּ: „אזוינס זאָל דורכגיין סטאַם אזוי? ווי קאָן עס זײַן?" מיט אָט דער פראַגע איז ער אײַנגעשלאָפן.

ליאָניע האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרשטאַנען: „מע שלאָגט אים". אונטן, צווישן ביידע נאַרעס, האָבן זיך געהערט בייזע, צוגעשטיקטע שטימען, עמעצנס אַן אויקען. עס האָבן געטור־פּעט פיס, ס׳האָבן זיך דערטראָגן אויך אנדערע קלאַנגען — א ריגעווען פון קערפּערס, וואָס האָבן זיך צונויפגעשטויסן אין ענגשאַפט, קלעפּ. ליאָניע האָט דאָס אַלץ אויפגענומען דורך א מעטאַלן, רעגלמעסיק, צוגעטעמפּט געקנאַל און טייקעף באַנומען אויך: „מע פּאָרט". דאָס, וואָס מע פּאָרט, האָט אויסגעלאָשן אין אים די פרייד, ניט אינגאַנצן קיין פרייד — די באַפרײַ־דיקונג, וואָס מע שלאָגט, און באַלד האָט ער געפּויעלט בא זיך: קיין שאָדנפרייד איז דאָ ביכלאַל ניט שײַעך. ער האָט אפילע ניט געוואָלט זיך אויפהייבן, זען דאָס אַלץ, כאָטש פיל פון די, וואָס זײַנען פריִער געלעגן און געזעסן אַף דער נאַרע, האָבן זיך צוגערוקט צו איר ראַנד. אַף דער אַנטקעגנדיקער — אויך דאָס זעלבע, מע האָט געקוקט אַף אַראָפּ. ליאָניע האָט געוואָרפן א בליק צום ליוק: נאַכט? נאָר באַלד זיך געכאַפּט: וועלכע נאַכט, אין וואַגאָן איז האַלב־טונקל, אָבער ניט פינצטער, די שײַן איז אַלץ א באַטאָגיקע! דורך דעם שטעכיקן דראָט, וואָס האָט פאַרצויגן דעם ליוק, האָט ער באַמערקט פּאַסן רעגן און שניי, און דאָס דראָט איז נאַס געווען, טראָפּנדלעך האָבן געציטערט דעריקער דאָרט, ווו די שטעכלקעס זײַנען אָנגעדרייט...

אונטן, אינעם דורכגאַנג, איז שטיל געוואָרן און ס׳האָט זיך דערהערט עמעצנס קאָל, א קאַסדיק־שטרענגס, נאָר א בוילעטס, ווי בייס מע ווייסט — יעדעס וואָרט שמײַסט:

— טוליע אָפּ די מאָרדע, סטאַרשינאַ יאצקאָ! טו א קוק, עפּשער ווערסטו מיך דערקענען? האָסט נאָך באַקומען ניט פאַר אַלץ!..

„סטאַרשינאַ יאצקאָ?" — איצט האָט ליאָניע זיך א כאַפּ געטאָן פון זײַן אָרט, דערקליבן זיך אַף די קני צום ראַנד פון דער נאַרע. עטלעכע זײַנען געשטאַנען אויפגערעגטע, צעקאָסטע אינעם דורכגאַנג צווישן די נאַרעס, און עמעצער איז געלעגן אַפּן דיל, באַם האַלבן פּעסל, פון וועלכן דאָס דיקטענע דעקל האָט זיך אַראָפּגערוקט. געלעגן איז דער דאָזיקער אַף דער

פּלייצע, מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און דעם קאָפּ, בלויז די עלנבויגנס האָבן געסטאַרטשעט אַרויף. די פיס, אַף וועלכע עס זײַנען געווען שטיוול מיט שמאָלע, צעריסענע כאַליעוועס, האָט ער אונטערגעצויגן, קעדיי באַשיצן דעם בויך, און עפשער, קעדיי ענטפערן אַף די קלעפּ, וואָס האָבן נאָך געקענט קומען. קרומע, דינע צירקול־פיס — אָט דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ליאָניע האָט דערווײַל געקאָנט דערקענען. נאָר — „סטאַרשינא יאַצקאָ"? — עפּעס ניט אַזוי...

דער, וואָס איז אַמנאָענטסטן געשטאַנען לעבן דעם אומגעוואַלגערטן — מיט צונויפגעדריקטע פויסטן, אַרויסגעשטעלט אַ פוס צום שלאָגן — איז געווען זייער אַ דאַרער. אַפילע דאָ, ווו אַלע זײַנען אויסגעמוטשעטע, שרעקלעכע, האָט ער זיך אויסגעטיילט. נאָר עפּעס איז אין אים געווען אַ קויעך, צי דער קאַס האָט אים צוגעגעבן קויעך. האַסטיק, צאָרנדיק האָט ער אַ בליק געטאָן אַרויף, און ליאָניע האָט אָפּגעמערקט נאָך עפּעס — אַ קאָסאָקער.

— ...ניט פאַר אַלץ. ספּאַרטאַנאָווקע, באַ דער וואָלגע, באַם דײַטשישן מאַיאָר אין בלינדאַזש — געדענקסט? ביסט געווען דער איבערזעצער, ווען מע האָט מיך געקאַטעוועט. נאָר דאָס איז אויך ניט אַלץ. האָסט אויסגעגעבן... אָט דעם עלטערן לייטענאַנטס, — דער קאָסאָקער, ער האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר אופּרעגונג, האָט אַ נייג געטאָן דעם גוף אין אַ זײַט, קעדיי יענער, וואָס איז געלעגן, זאָל זען דעם שלאַנקן, אויך זייער אַן אויסגעדאַרטן, ציגײַנעריש־טונקעלן באַכער אין ציווילע קליידער, וועלכער איז אַן אָנגעכמורעטער געשטאַנען הינטן, — דעם עלטערן לייטענאַנטס ווײַב, און זײַן קינד, אַ פּיצל, וואָלט מען איבער דיר געשאָסן. און נאָך צוויי אַלטע, און אַן אַלטיטשקע. איך וועל דיר אַלץ דערמאָנען... מײַן קויל האָט דיך דעמלט ניט דערטאַפּט, ביידע דײַטשן — יאָ, און דיך, הנידע, ניט... און דאָ, אָפּן צווייטן באַצירק האָסטו אָנגעטראָפן, ניט אָפּן ערשטן. איך וואָלט דיר לאַנג דעם קרומען רוקן איבערגעבראָכן, דעזינפעקטאָר פּאַסקודנער, הנידע! אַנו, שטיי אויף! שטייענדיק באַקום!..

צווייען האָבן פון הינטער דעם קאָסאַקן און דעם ציגײַנעריש־טונקעלן, וואָס האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט, געוואָרפן זיך אופהייבן דעם, וואָס איז געלעגן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרצווייפלט געשריי, קיין ווערטער האָט מען ניט פאַנאַנדערגעקליבן, ס'איז געווען אַ וויִיענדיק געוויין, נאָר אופגעהויבן האָט מען אים, און ווײַל שטיין האָט ער ניט געקענט, צי ניט געוואָלט, האָט מען אים געהאַלטן אונטער די פּאַכוועס. אָפּגעריסן זײַנע הענט פון פּנים און פאַרדרייט זיי אַף הינטן. איצט האָבן ווידער זיך אַ שאָט געטאָן קלעפּ — מיט פויסטן, מיט די פיס. געשלאָגן האָט דער קאָסאָקער, דער עלטערער לייטענאַנט האָט צוגעקוקט דאָס, געוואַרט...

ליאָניע האָט געפיבערט, — קיין מיטלײַד האָט זיך באַ אים ניט דערוועקט — פונוואַנען? — נאָר עפּעס איז ער געווען אי אַנטוישט, אי צעמישט: מע שלאָגט דעם סטאַרשינא יאַצקאָ, און ס'איז דאָך ניט יאַצקאָ, ס'איז אַן אַנדערער, דער, וואָס ער, ליאָניע, קען אים!

קאַרפּאָ בוזיוק האָט זיך אומגעדרייט צווישן די, וואָס זײַנען געשטאַנען אונטן. ער האָט עפּעס גערעדט, געהאַוועט. אָט האָט ער אַזוי ווי אונטערגעהעצט די, וואָס שלאָגן, און אָט, קנייטשנדיק מיט די אַקסל, קרימענדיק דאָס ברייטע פּנים, עפּעס געטײַנעט צו איינעם, צו אַ צווייטן. ליאָניע האָט געזען — דער דוואָרניק איז שוין דאָ אַ היימישער. מיטאַמאָל האָט קאַרפּאָ שטאַרקער אָנגערוקט די קעפּקע, אַ שפּאַן געטאָן פאַרבײַ דעם עלטערן לייטענאַנט, אָנגעכאַפּט דעם קאָסאָקן פאַר אַן אַקסל, אָפּגעשלעפּט אים עטוואָס אַף צוריק, און, אַ קלעצלדיק־פּעסטער, מיט צעשפּרייטע הענט געשטעלט זיך אָפּן קאָסאָקנס אָרט, מיט דער פּלייצע צו דעם, וועמען מע האָט געשלאָגן.

— האַדי, — האָט קאַרפּאָ געזאָגט מיט וואָגיקער געלאַסנקײַט אין קאָל, כאָטש דאָס קוויטשיקל זײַנס האָט זיך אויך דערהערט, — גענוג, כעוורע! ניט גוט, אײַ, אײַ, אַלע קעגן איינעם!

דער עלטערער לייטענאַנט, — זײַן ציגײַנעריש־טונקל פּאָנעם, דין און שטרענג אַ געצייכנטס, און עפשער, ווײַל עס איז אַזוי אויסגעצערט געווען — נאָך מער אַן אָפּנס, אַ קלאָרס, געפול מיט ווילן און באַדאַכטקײַט, — האָט זיך שטאַרקער אָנגעכמורעט, נאָר צו זען — עפּעס אַ גרעניץ האָט ער זיך שוין אָנגעמערקט.

— און איינער קעגן אַלע — איז גוט? — האָט ער הארב, ניט הויך געפרעגט, — האָסט דאָ ניט געשמעקט, ניט געלעקט — מיש זיך ניט!

קאַרפּאָ האָט אַראָפּגעלאָזט איין האַנט, די רעכטע, פאַרדריקט זי אין אַ פויסט. ער האָט שנעל אַרומגעלעקט מיטן שפּיציקל פונעם צונג די גראָבע, צעעפּנטע ליפּן, געוואָרפן מיט די אויגן, גרויע, אָנגעשפּיצט־וואַכע אַף רעכטס, אַף לינקס; עטוואָס אויסגעקערעוועט דעם גוף, און מער — דעם קאָפּ אַף צוריק, האָט ער געזאָגט צו די, וואָס האָבן געהאַלטן דעם געשלאָגענעם (יענער האָט שטאַרקער צעוויקעט זיך, זוכנדיק מיטלײַד):

— זעצט אים דערווײַל אוועק, כעוורע, מיר ווען א רעד טאָן, און זאָל ער א ביסל אָפּעטעמען.

מע האָט ניט געפּאָלגט, נאָר קאַרפּאָ האָט דאָס אַזוי ווי ניט באַמערקט. פאַר די, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם געשלאָגענעם, האָט ער זיך געמעגט ניט שרעקן — מע שטייט טאַקע הינטן, נאָר די הענט זײַנען פאַרנומען. ער האָט ווידער געזאָגט, מיט נאָך מער דעראָבערטער זיכערקייט:

— וועגן דעם, ווי עס איז געווען בא דער וואָלגע — ווייסן מיר ניט. לאָמיר עס ניט טשעפּען. פאַרפאַלן. עפּשער זײַנען מיר גאָר אַלע פאַרפאַלן. אַזוי? און קיינער, באַקומט זיך, איז איבער אים ניט אומגעקומען. אַזוי? און דאָס פאַרשטיי איך אויך — א מענטש קען דײַטש, מע הייסט אים איבערזעצן — מוז ער. אָט האָט מען דאָך אײַך אַלעמען געהייסן גראָבן בורעקעס, האָט איר געגראָבן און אַפילו קיין רויען בורעק ניט געטאָרט אויפעסן — געוואָרן אַלע, ווי די שיידים... אַזוי? דאָס יאָ, ער האָט געוואָרפן דעם שטיין. נאָר איך ווייס ניט — וואָס איז געווען די קינאָ מיטן זשידאָק? וואַרף יאָ, וואַרף ניט — ער האָט נאָך גרינג אויסגעשפּיגן די נעשאָמע...

מע האָט געשוויגן, שווער געאָטעמט — אי די, וואָס זײַנען געשטאַנען הינטן, אי די, וואָס האָבן פון ביידע זײַטן אַראָפּגעקוקט פון די נאַרעס. איצט האָט מען געדאַרפט שלאָגן צווייען, דערבײַ איז דער צווייטער געווען אָנגעגאָסן מיט גוווּרע. אָבער ניט נאָר אין דעם איז עס געגאַנגען — ער איז, אויב מע וויל, ניט שולדיק אין גאָרניט. ער שטעלט זיך אײַן פאַר דעם דאָזיקן, איז ער עפּשער סטאַם א גוטער, אָט שמייכלט ער שוין פראָסטלעך, פרידלעך, א ביסעלע כיטרע, נאָר ניט בייז.

ליאָניע איז קוים אײַנגעזעסן אַף דער נאַרע, נאָר — געזעסן. אַראָפּשפּרינגען, זאָגן עפּעס? וועגן דעם, וועמען מע שלאָגט, וואָלט ער דאַרפן א סאַך דערציילן. נאָר פון סאַמע אָנהייב דאַרף ער אים אָנרופן אַנדערש — דאָס קאָן פאַרפּלאָנטערן אַלץ. גלײַכער צוּוואַרטן. און וואָס ס'איז שײַעך קאַרפּאָן — איז זעט מען דאָך אים שוין אַליין. וואָס יאָ, אויב עס וועט האַלטן בא א געשלעג, וועט ער א שפּרונג טאָן בוזיוקן גלײַך אַף די אַקסל. נאָר עס זײַנען געלאָפן די רעגעס, קאַרפּאָ האָט ניט צוגעלאָזט מיט דער לינקער, דער אויסגעשטרעקטער האַנט דעם קאָסאַקן, וואָס האָט געפּרוּווט צוטרעטן צו אים. ער האָט אויך דעם שוואַרצלעכן און נאָך א פּאָר, וועלכע האָבן זיך ניט דערנענטערט, נאָר ניט אָפּגעטראָטן, אָנגעשטרענגט, שאַרף באַקוקט — שאַרף, אָבער שוין א פּאָר מאָל אויך צו זיי ווי צוגעשמייכלט, און ווידער געזאָגט — צו זיי און צו אַלעמען:

— נאָך דער מילכאָמע וועט יעדערער באַקומען זײַן פּאָוועסטקע, דער דאָזיקער — אויך. אין געפענקעניש — איז ווי אין בלאָטע.

די דאָזיקע ווערטער האָבן ווייטעקדיק געטראָפן אַלעמען. מע האָט זיך צערוישט אַף די נאַרעס און אונטן, נאָר געוועגדט האָט מען זיך ניט אַזוי צום קלעצלדיקן קאַרפּאָ, ווי איינער צום אַנדערן. מע האָט זיך גענומען אומקערן יעדערער אַף זײַן אָרט.

דער, וועמען מע האָט געשלאָגן, איז געבליבן זיצן אַפן דיל, לעבן דער פּאַראַשע, נאָר באַלד, ווי דער עלטערער לייטענאַנט און דער קאָסאַקער האָבן זיך אויך אויפגעהויבן אַף דער נאַרע, טאַקע דער, אַף וועלכער ליאָניע איז געזעסן, האָט ער אַף אַלע פיר, פאַרבײַ בוזיוקס פיס, אַוועקגעפּויזעט אינעם נאָענטסטן ווינקל, אונטער דער אַנטקעגנדיקער נאַרע.

2 כאָטש ליאָניע איז אויסגעקומען גאָר נאָענט צום קאָסאַקן, — ער האָט געהערט, אַז מע רופט אים וואַסילי, און צום עלטערן לייטענאַנט — דעם האָט מען אָפּטער גערופן באַם טיטל, נאָר אייניקע האָבן געזאָגט איגאָר, און וואַסילי — איגאָריאָק, — כאָטש ס'האָט אַזוי גוט זיך באַקומען, אַז ער האָט פּאַשעט געקאָנט זיך אויפהייבן פון זײַן אָרט און צוזעצן זיך לעבן זיי, האָט ער א שטיקל צײַט נאָך אָפּגעהאַלטן זיך דערפון. ער איז געלעגן בא דער זײַט, פון מאָל צו מאָל, מע זאָל דאָס ניט גאָר באַמערקן, געקוקט אַף די צוויי, פאַרטײַעט דעם אָטעם, קעדיי הערן, וואָס זיי ריידן, וואָס מע זאָגט צו זיי (די רעדער האָבן געקלאַפּט, די שטימען בישכיינעס האָבן געשטערט), ער האָט באַשלאָסן ביכלאַל זיך האַלטן נאָענט צו וואַסילין און איגאָרן, נאָר איצט איז דער איקער געווען פאַר אים פרעגן וועגן יענעם, וואָס איז אַוועקגעקראָכן אונטער דער פּאָלקע — פאַרוואָס הייסט ער בא זיי יאַצקאָ? עפּעס האָט געמוזט שטעקן אין דעם. געשטערט האָט ליאָניען צורוקן זיך צו וואַסילין (אים האָט געדאַכט, אַז אָנהייבן איז גלײַכער פון וואַסילין — די אוניפאָרם איז טאַקע צעפליקט, פאַרשמאָלצעוועט, נאָר מע זעט: א סאָלדאַט, סאַמע דאָס גרעסטע — א סערזשאַנט, צו אַזאַ

איז פאַשעטער זיך ווענדן, כוץ דעם — אַ היציקער, ער וועט גיכער זיך אָנכאַפּן אין דיר, און — דאָס האָט ער געזאָגט: יאַצקאָ!), — געשטערט האָט ליאָניען סײַ דאָס, וואָס קריגסגעפאַנגענע האָבן די גאַנצע צײַט זיך געהאַלטן אַרום איגאָרן און וואַסילין, מע איז געקומען אויך פון דער אַנטקעגנדיקער נאַרע און פון אונטן, סײַ דאָס, וואָס קאַרפּאָ בוזיוק האָט געקלעפּט אַרום זיי.

די קריגסגעפאַנגענע, דאָס איז שוין קלאָר געווען, האָבן ביז דעם, ווי מע האָט זיי פאַרשפּאַרט אין דער טעפּלושקע, געאַרבעט אױף צוויי באַצירקן פון אַ געוועזענעם סאָווירט. אין וואַגאָן האָט מען אויך געהאַלטן זיך אַן ערעך לויט די קאָמאַנדעס נאָך, דאָ האָט שוין עפּשער מער געווירקט די כאַווערשאַפט און באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט זיך פֿריִער אײַנגעשטעלט, — קימאַט אַלע פון ערשטן באַצירק האָבן פאַרנומען די נאַרעס, אַגעוו, לאַכלוטן הוילע, פון צווייטן באַצירק — דעם דיל, ווו עס איז פאַרט געווען עפּעס אַן אונטערשפּרייטעכץ. יעדע פריִערדיקע קאָמאַנדע האָט זיך געהאַט אויך, אויב ניט קיין אָנפירער, איז אַזעלכע, וואָס זײַנען די ווירקעוודיקסטע, אָנגעזעענסטע אין קאָלעקטיוו. אַזעלכע זײַנען צווישן די, פון ערשטן באַצירק, געווען איגאָר און וואַסילי. און קאַרפּאָ — דער האָט זיך געדרייט צווישן ביידע קאָמאַנדעס, דערבײַ האָט דאָס, וואָס ער האָט זיך אַרײַנגעמישט, בייס מע האָט געשלאָגן יענעם, וואָס האָט דאָס פאַרדינט, אַרײַנגעמישט זיך עפּשער, ווען מע וואָלט דעם סוטולעוואַטן דערקלאַפּט, און גאָר צום האַרצן וואָלט דאָס דאָ, אין דער פאַרשפּאַרטער טעפּלושקע ניט געווען, דאָס האָט אים אַזוי ווי אויסגעטיילט, קאַרפּאָן, עפּעס האָט ער דערמיט ווי אויסגענומען, יעדנפאַלס, אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן: גאָרניט האָט ער, קאָן עס הייסן, ניט אופגעטאָן, און ער איז ביכלאַל ניט אַזאַ, וואָס געדענקט אַזעלכעס, פּאַשעט, ס'האָט זיך באַקומען, נאָר אַנדערע זאָלן עס געדענקען — שאַדט ניט... אָט אַזוי איז דער דוואָרניק פריִער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אינעם ראַנד פון דער נאַרע, אױף וועלכער איגאָר און וואַסילי זײַנען געזעסן, צוגעשמייכלט צו זיי פראָסטלעך, ווײַטער — אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, דערנאָך — מע הערט אַזוי ווי — אַרופגעקראָכן אױף דער נאַרע, פאַרלייגט אַ פוס אונטער אַ פוס, דערציילט עפּעס וויציקס, וואָס האָט אַרויסגערופן אָנגעצויגענע שמייכלען אױף די בלאַסע פּענעמער. און נאָך ווײַטער — דאָ האָט שוין ליאָניע אָנגעשפּיצט זיך, אַפילע אַ ביסעלע פאַרגעסן אינעם פאַרדראָס, וואָס האָט אים שטיל געבראָטן, — קאַרפּאָ האָט באַוויזן אַ היפּשן קעשענע־מעסער, ער האָט דער אײנציקער אין דער טעפּלושקע פאַרמאָגט אָט דאָס געצײַג, און ס'איז קלאָר געווען, אױף וואָס דאָס קאָן טויגן, — אויסשנײַדן אַ פּאָר ברעטער פון דיל אָדער פון אַ*ווענטל...

איצט האָט ליאָניע זיך צוגערוקט שוין גאָר נאָענט צו דער גרופּקע אַרום איגאָרן און וואַסילין. מע האָט גערעדט וועגן פליִטע, און ניט סטאַם אַזוי — מע וועט עפּעס טאָן, צי בלײַבן בא די רייד, — ערנסט, באַיִשעווט אַרומגערעדט די זאַך. די דײַטשן וועלן ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס אָט די טעפּלושקע האָט אָפּגעטאָן. קיין באַלאַנדע האָט מען אָהער נישט געבראַכט ניט ביז דעם, ווי דער צוג איז אַוועק פון קיִעוו, ניט אין וועג. מע האָט דורך די ליוקן געזען: צו אייניקע וואַגאָנעס האָבן די דײַטשן געטראָגן עמערס מיט עפּעס אַ געקעכץ, זאָל זײַן פון לושפּײַקעס, זאָל *זײַן פון וואָס־ניט־איז, געטראָגן נאָך אין קיִעוו, און כאָטש צו איינע עמער וואַסער און דרײַ לעבלעך ברויט אױף אַ וואַגאָן, ווי קאָן שוין זײַן ווייניקער, און פאַר די וואַגאָנעס, וואָס מע האָט אין קיִעוו ניט באַוויזן צו ברענגען די איינציקע מעסלעסשפּײַז, האָט מען זי געבראַכט אױף דער סטאַנציע, ווו מע איז לענגער געשטאַנען — אין פּאָפּעלניע. וועט, הייסט עס, אויסקומען הונגערן און כאַלעשן דאָ נאָך אַ טרונק וואַסער דערווײַל אַ מעסלעס. און אויב די דײַטשן וועט זיך פאַרוועלן פּײַניקן אויך ווײַטער? איינער פון זיי האָט אין פּאָפּעלניע געקלאַפּט אין דער טיר פון וואַגאָן און געלאַכט: „רוס, רוס, געדאַרפט מיטנעמען די שטיינדלעך — איר וואָלט זיי געסמאָקעט, ווי קאָנפעטן!” און נאָך — דאָס איז דער איקער — דער עשעלאָן גייט אױף מײַרעוו. פון קאַזאַטין האָט מען, עמעס, פאַרקערעוועט אַ ביסל דאָרעמדיקער, אױף קאַלינאָווקע, נאָר מע קען, נאָך זשמערינקע, אַוועק צוריק אױף צאָפן, אױף לוואָוו, און ביכלאַל, וואָס איז דער כילעק — אױף מײַרעוו, הייסט עס, גיכער פון אַלץ — אויסער דער גרענעץ. דאָס איז שוין גאָר שלעכט. און נאָך אַ זאַך — גראָד פון אָט דעם פאַרשפּאַרטן קאַסטן איז גרינגער מאַכן פליִטע, איידער פון דאָרט, ווו מע האָט ביז דעם זיך געפונען — פון פעלד, וואָס איז פון אַלע זײַטן באַוואַכט געווען מיט אַוטאָמאַטלער און הינט, צי פון די געמויערטע שאָפעס, אַרומגעצאַמטע מיט שטעכדראָט, באַלויכטענע מיט פּראָזשעקטאָרס, וווהין מע פלעגט פאַרשפּאַרן אױף נאַכט, — דער צוג טראָגט זיך, און אויב אַרויס פונדאַנען, ווערט די שטרעקע צווישן דעם קאָנוואָי און די פליִטים מיט יעדער רעגע אַלץ גרעסער, און לויפן דאַרפן אַלע...

אָט דאָ איז מען געבליבן שטיין: לויפן דארפן אלע.
קארפּאָ האָט געזאָגט, און אייניקע האָבן אים אונטערגעהאלטן:
— פארוואָס — אלע? ווער עס וויל און ווער עס קאָן.

— מיין ניט, אז ביסט קליגער פון אנדערע, — האָט געלאָסן און קימאט פרידלעך געענטפערט איגאָר, נאָר לויט דעם, ווי זײַן לענגלעך, טונקל פּאָנעם איז נאָך מער טונקל געוואָרן און עס האָבן לענגער ניט געפינטלט זײַנע שווארצע אויגן, איז צו מערקן געווען, אז אָט די געלאַסנקײַט און דער פרידלעכער טאָן קאָסטן אים עפּעס, — ווער עס וועט בלײַבן, דעם וועלן די פריצן אומברענגען, פּונקט ווי די, וואָס וועלן זיך פּאקן. דאָס דארפן אלע נעמען אין אכט, און מיר וועלן וואָרענען.

— נאָר וויפל קאָן געדויערן, ביז אלע וועלן ארויס דורך דער איינער לאָך אין דיל? — קארפּאָ האָט שוין ווידער גערעדט מיט א קוויטשיקל.
— וויפל עס וועט געדויערן, ווייס איך ניט, נאָר איך און דו וועלן ניט ארויס די ערשטע, פארשטיי. די לעצטע, מיסטאמע.

— פיו־ו־ו, — קארפּאָ האָט א פײַף געטאָן און ארומגעקוקט די עטלעכע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, און אנדערע, וואָס האָבן זיך אלץ מער צוגערוקט. אָפּגעשטעלט אפילע די אויסגעראטשעטע, בייזלעך־פארזאָרגטע אויגן אף ליאָניען.

— דארף מען צוקלערן עפּעס אנדערש, — וואסילי האָט דורכגעריבן מיטן פינגער דאָס קאָסאָקע אויג און עס האָט דערנאָך עטלעכע ווײַלעס געקוקט גלײַך, — דורכשנײַדן א ווענטל טויג אויך ניט — א סאך פון די, וואָס וועלן שפּרינגען, וועט פארטראָגן אונטער די רעדער, און וואָס נאָך — מע וועט אף די סטאנציעס, אויב אפילע דער צוג וועט זיך ניט אָפּשטעלן, באמערקן די לאָך. ארויסנעמען א ברעט פון דיל — צופיל מענטשן... דארף מען עפענען די טיר!
— ווי:אזוי? — האָבן עטלעכע געפרעגט.
— באלד וועט איר הערן. — וואסיליס אויג האָט ווידער געקוקט קאָסע, ווײַל ער האָט עס אָנגעשטעלט אף איינעם פון די ליוקן.

3 פאר דעם, ווי זאָגן, וואָס ער לייגט פאָר, האָט וואסילי אראָפּגענומען דאָס שטריקל, מיט וועלכן עס זײַנען בא אים אונטערגעבונדן געווען די גאליפּע, הוילע פארסטריגעס און לעכער, און אויסגעמאָסטן מיט דעם אין דער קרים, ווי ווײַט עס איז פונעם ליוק צום אָרט אף דער טיר, ווו עס געפינט זיך פון אויסן די סקאָבע. קנאפּע צוויי גאנג פונעם שטריקל האָט באטײַט אן ערעך אָנדערהאלבן מעטער, עפּשער עטוואָס מער. מע האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, אין וואָס דער פּלאן באשטייט: אף דער סקאָבע, און אף דעם קריוק, אין וועלכן זי איז פארלייגט, איז קיין שלאָס ניטאָ, אזוי איז אלעמאָל, דאָרט איז אָנגעדרייט דראָט. לאנג ארומריידן די זאך איז ניט געווען וואָס, מע האָט זיך פארטראכט וועגן א צווייטן: ווער איז דאָ אזא געזונטער און פלינקער, אז ער זאָל קאָנען, א צוגעבונדענער פאר די פיס, ארויסקריכן דורכן ליוק, פון וועלכן מע וועט אראָפּקלאפּן די פארצוימונג, עמעצער וועט אים אויך האלטן פאר די פיס, און אָט אזוי, מיטן קאָפּ אראָפּ, זאָל יענער, קלאמערנדיק זיך אין דער שטאנגע פונעם מעטאלענעם קארקאס, וועלכע ציט זיך אוועק פונעם ליוק צו דער סקאָבע, — ווער וואָלט קאָנען (צי וועט ער וועלן ריזיקירן, איז עפּעס אנדערש) דערקלײַבן זיך, בייס עס גייט דער צוג, צו דער סקאָבע, אָפּדרייען דאָס דראָט און ארויסמיקען זי פונעם קריוק?

— ווען מע זאָל כאָטש הײַנט געווען האָבן עפּעס אין מויל, — האָט עמעצער געזאָגט. א צווייטער — מאָרעשכוירעדיק:
— און דאָס נעכטיקע, צי דאָס אייערנעכטיקע וואָלט דיר געקלעקט?
— איך וואָלט דאָס אָפּגעטאָן אפן בעסטן אויפן, — קארפּאָ האָט א באוועג געטאָן מיט די קרעפּטיקע אקסל, — נאָר ווער וועט מיך אײַנהאלטן, און מע וועט מיך נאָך דארפן ארײַנשלעפּן צוריק... ווו, זדיכליעס! און צי וועל איך דורכקריכן אין ליוק?

— וועסט ניט דורכקריכן! — דער עלטערער לייטענאנט האָט מיט ניט קיין פארבאָרגענעם ביטל געקוקט אף בוזיוקן, געזען — און אלע האָבן געזען, — דער דוואָרניק איז גליקלעך, וואָס עס באקומט זיך בא אים אי קײַלעכדיק, אי שפּיצעכיק, א פּאכדאָניש־צופרידענער שמייכל האָט קוים באוועגט די גראָבע הויט אף זײַן פּאָנעם, — וועסט טאָן אן אנדער זאך, קארפּאָ, וועסט האלטן פאר די פיס, און ארויסקריכן וועל איך!
— הע! — וואסילי האָט, אן איבעראשטער, זיך אופגעשטעלט אף די קני, — און די קאָנ־

טוזיע איז אַ שפּײַ, איגאָריאָק! ביסט שוין געפֿלויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ... איך האָב צוגעטראַכט, ווען איך דאָס אָפּטאָן. דערצו בין איך אַן אײַזנבאַנער!

— און אויב אַן אײַזנבאַנער? וועסט בלײַבן הענגען, ווי אַ מאָטשאַלע, וואַסילי! — דער עלטערער לייטענאַנט האָט זיך לאַנגזאַם אַרומגעקוקט, ער האָט געזען אויך די, וואָס זײַנען געזעסן צי געלעגן אַף דער אַנטקעגנדיקער נאַרע, ער האָט געכמורעט די גלײַכע ברעמען — אַוודע פֿאַרגעשטעלט זיך אין געדאַנק אַלעמען, וואָס זײַנען דאָ געווען אין וואַגאָן. אַ לענגערע ווײַלע, שוין דאָס צווייטע מאָל, האָט ער פֿאַרהאַלטן דעם בליק אַף ליאָניען, נאָר אָפּגעקערט אין אַ זײַט די אויגן, וואָס האָבן, פֿאַרזאָרגטע, ניט געפֿינטלט. ער האָט עפּעס אָנגענומען אַ באַשלוס, שוין אַרויסגעבראַכט: „מיילע...” און דאָ האָט ליאָניע זיך אָנגערופֿן — ניט דרייסט, אָבער ניט דרייסט בלויז איבער איינס — צי טויג ער, צי וועט מען ניט אָפּזאָגן:

— איך וואָלט עס געטאָן, האַ?

— אוף, זשידאָק! — האָט ראַשיק זיך אַ כאַפּ געטאָן קאַרפּאָ, — איך קאָן געבן דעם קאָפּ — אַ זשידאָק, איך זע... און כיטרעוועט ניט, ווי די זײַניקע! נו, נו! ער וועט, ווי אַ קאַץ, זיך אַרויסדראַפּען!

— עפּעס רעדסטו ניט אַזוי, ווי מע רעדט בײַ אונדז, — האָט בייז, נאָר צוימענדיק, קענטיק, די היציקייט (ס'איז ניט די צײַט דערויף) אָנגעשטעלט אַף בוזיוקן דאָס קאָסאָקע אויג וואַסילי, — און קאָמוניסטן קאָנסטו אויך אַזוי גוט דערקענען? פֿאַר דעם קאָנסטו אויך געבן דעם קאָפּ?..

— ווייסט איר, כאַווײַרים, צעגייט זיך, — האָט פֿאַרגעלייגט דער עלטערער לייטענאַנט; אַף זײַן פּאָנעם, אַפֿילע ניט קיין טונקלס, אַ גרינס פֿון אויסגעצערטקייט און מידקייט, האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פֿון עקסטן געדולד, ער האָט באַשטימט אויסמײַדן אַ נײַעם צוזאַמענשטויס, — גיי, קאַרפּאָ, רו אָפּ, מע וועט דיך רופֿן. אַלע רוט אָפּ. וועגן איקער האָבן מיר זיך צונויפֿגערעדט. איצט דאַרף מען היטן די קויכעס. זאָגט, ווען מען איר האַלט פֿאַר נייטיק, וואָס עס שטייט פֿאַר, זאָל יעדערער, ווי ער קאָן, זיך צוגרייטן. עס וועט ווערן רעכט פֿינצטער, אויב גאָרניט וועט זיך ניט ענדערן — טוען מיר זיך אַ שאָט, ווי פֿון אַ זאַק!

ווען מע האָט זיך גענומען פֿאַנאַנדערגיין, איינציקע האָבן זיך צוגעמאָסטעט דאָ טאַקע, אַף דער נאַרע, האָט ליאָניע זיך ניט אָפּגערוקט פֿון וואַסילין און איגאָרן. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז אים פֿאַרגעשטאַנען איינע פֿון די וויכטיקסטע ראָלן, ער האָט שוין געמעגט ניט שיידן זיך מיט אָט די צוויי. און ווירקלעך — זיי האָבן אויך אַזוי געטראַכט. מע האָט פֿאַר אים געלאָזט אַן אָרט לעבן זיך — אַ שמאָלס, ס'איז אויסגעקומען לייגן זיך אַף אַ זײַט. געפֿרעגט האָט מען אים גאָרניט. אַ קלער געטאָן, האָט ער פֿאַרשטאַנען: מע וויל ניט קריכן אין הארצן, און דעם ליגן, וואָס ער וועט עפּשער מוזן זאָגן, דאַרף מען ניט. אַ באָכער און גאָר. צווישן זיך האָבן די נײַע באַקאַנטע אויך ניט גערעדט — מע איז הונגעריק, דאָרשטיק, עס בלאָזט פֿונעם נאָענטן ליוק, אַ פֿאַרהאַנגענעם מיט אַ שמאַטע, זי פֿלאַטערט און טרייסלט אָפּ קאַלטע טראָפּנס — וואָס איז דאָס רײדן? פֿון מאָל צו מאָל האָט מען זיך אויסגעקערעוועט אַלע דרײַ — די ברעטער קוועטשן, די זײַט, וואָס איז אויבן, פֿרירט — און נאָר אָט דאָס דרייען זיך איינצײַטיק פֿון זײַט אַף זײַט האָט ווי באַשטעטיקט די איינִיקייט זייערע.

מע האָט געהאַלטן אין איבערדרייען זיך שוין דאָס דריטע צי דאָס פֿערטע מאָל, ווען ליאָניע האָט אַ טאָרע געטאָן וואַסילין אין אַקסל (ער האָט בעקיוון זיך געלייגט לעבן וואַסילין, איגאָר איז געווען פֿון יענער זײַט) און שטיל געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס האָט איר יענעם, וואָס איר האָט געשלאָגן, אָנגערופֿן — יאַצקאָ? און — סטאַרשינאָ?

וואַסילי, ווי ער האָט זיך אונטערגעהויבן אַף אַן עלנבויגן, איז אַזוי געבליבן, ער האָט קוים אָפּגעוואָרפֿן דעם גוף, און דעריקער דעם קאָפּ, אַף צוריק, פֿאַרכידעשט געקוקט אַף ליאָניען:

— ווי זשע זאָל איך אים געווען אָנרופֿן?

— איך ווייס, אַז ער הייסט אַנדערש — טאַנאַגאַז, יורי ניסאַנאָוויטש, און ער איז נאָך ביז דער מילכאָמע געווען אַ קאַפּיטאַן.

— איין ראַבע קו איז דאָ אַף דער וועלט? — וואַסילי האָט אַ שויבער געטאָן די שוואַרצע קאָלטענעס אַפֿן קאָפּ, דורכגעשאָטענע מיט גראָווע האָר, און שוין געוואָלט ווידער אײַנמאָסטען זיך מיט אַ פֿויסט צוקאָפּנס, צוגעלייגט דעם פֿויסט צו דער באַק. — קענסט עמעצן אַ צווייטן! — האָט ער געזאָגט.

געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, האָט ליאָניע זיך אויפֿגעזעצט און ערשט איצט נאָענט צוגע־

בויגן זיך אי צו וואסילין, אי צו איגאָרן — איגאָר האָט זיך אויך ווידער אויסגעקערעוועט, אונטערגעהויבן זיך אַף איין האנט.

— עפשער קענט איר עמעצן א צווייטן, — איז ליאָניע באשטאנען אַף זײַנעם, — דאָס איז טאנאגאָז, מיר זײַנען מיט אים פון איין אָרט, און איך קען אים לאנג.

— איז וואָס זשע, ווען עפשער זאָגן, אז ער איז א גוטער? — אין וואסילין האָט שוין א קאָך געטאָן, ער האָט זיך ניט געלייגט, דאָס ביינערדיקע, פארוואקסענע פּאָנעם האָט נערוועז זיך גענומען צוקן.

— וואָס עפעס א גוטער? — ליאָניע האָט זיך באליידיקט. — איך האָב דען ניט געזען, וואָס ער האָט געטאָן אין הויף? איך ווייס אויך וועגן אים שלעכטס — ער האָט מיך געוואָלט אומברענגען פאראיאָרן, ווען איך האָב, א פארוווּנדעטער אין פוס, זיך געפּאקט מיט אים אין א לאגער. מענטשן האָבן ניט דערלאָזט. און פריער, ביז דער מילכאָמע, האָט ער מײַן טאטן, א קאָמאנדיר, אוועקגעזעצט...

— און ער זיצט? — וואסיליס פּאָנעם האָט זיך אופגעהערט צוקן.

— ניין, אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָט מען אים ארויסגעלאָזט. איך האָב געהאט א יעדיע — איין בריוו דעם טאטנס — ער קאָמאנדעוועט מיט א פּאָלק אַפן דאָרעם־פראָנט, א מאיאָר.

איגאָר האָט זיך אופגעזעצט, אונטערגעהויבן דעם קאָלנער פון זײַן ציווילן, בלאָוון פידזשאקל — ס׳האָט געדראָשטשעט. א באיישעווט־אָנגעשפּיצטער, האָט ער געזאָגט:

— געדענקסט, וואסילי, מײַנע רייד?

— הער שוין אוף!

— נאָר דו געדענקסט? איך האָב אויך געהאט געזאָגט, דעמלט, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, — א קענטלעכער, ער פלעגט אזוי ווי קומען צו אונדז אין דיוויזיע, אין פּאָלק. א קאדראָווער, קאדראָווע געדענקען זיך. און די פאמיליע — זי איז מיר איינמאָל — ניין, ניט געקומען אַפן זינען! — אָט אזא אן ערעך, א קורגוזע...

— אן אויער איז בא אים אָפּגעהאקט א ביסל פון אויבן? — האָט ליאָניע געפרעגט. — פאראיאָרן, ווען איך האָב אים געזען אין לאגער, האָט ער געטראָגן א בענדל אַפן אויער, און מע האָט געזאָגט — א שטיק איז אָפּגעהאקט...

— דער רעכטער אויער איז צעפּאטערט, — האָט וואסילי שוין אן דער פריערדיקער היציקײַט באשטעטיקט, — נאָר ווארט, זאָל זײַן, מע האָט אים באשטראָפט, אראָפּגענידערט דעם טיטל. אָבער — יאצקאָ?

— מע האָט בא אונדז דערציילט וועגן זעמליאניצינען — קענסט דאָך אים — אזוינס, — איגאָר האָט גערעדט מיט אן אײַנגעהאלטענעם אָטעם, עטלעכע האָבן געקוקט אהער פון רעכטס און פון לינקס, ניט צו וויסן, זיי הערן, צי ניט — דער צוג האָט געהילכט, שווער מיסטאמע הערן עטוואָס ווײַטער, — מע האָט דערציילט: טאנאגאָז האָט געשאָסן אין קרעמעניז, באם דניעסטער, — דער פּאָלק איז אָפּגעטראָטן, און קרעמעניז לאָזט ניט, ער שטעלט אָפּ, — האָט זעמליאניצין אים אָוועקגעלייגט, טאנאגאָזן, פון אווטאָמאט... נאָר עפשער — ניט, עפשער — בלויז פארטשעפּעט?..

— קרעמעניז? — דאָס בלוט האָט שווער א זעץ געטאָן ליאָניען אין קאָפּ און פּאמעלעכן אָפּגעפלאָסן, ער האָט זיך דערפילט אויסגעהוילט, ווי פאר כאלעשן, — איר האָט געזאָגט — קרעמעניז? עפעס איז מיט מײַן טאטן געשען? קרעמעניז איז מײַן טאטע!

— גאָרנישט איז ניט געשען, — איגאָר איז בלאַס געוואָרן, א וויש געטאָן דעם שטערן, ארום וועלכן די האָר האָבן געסטארטשעט, ווי בא א שטעכלער, — גאָרנישט, עס האָט אים פארוווּנדעט ערשט שפּעטער, אַפן מיוס, דעמלט ווען מיך, און וואסילי איז געווען אונטער זײַן קאָמאנדע שוין בא סטאלינגראד... איז עס דײַן טאטע?

— דאניִיל זאכאראָוויטש.

— דאניִיל זאכאראָוויטש. איך האָב בא אים קאָמאנדעוועט מיטן אויסשפּיר־ווזוואָד.

וואסילי האָט טרויעריק, נאָר ליאָניען האָט זיך אויסגעדאכט — אזוי ווי פּײַערלעך אויך א שמייכל געטאָן.

— דערווײַל איז גענוג פאר דיר — אן אויסשפּירער. אויב מיר וועלן זײַן מיט דיר דאָרטן, — וואסילי האָט מיט א הייב פונעם שפּיציקן אקסל אָנגעוויזן אַף דער טיר, — דאָרט וועסטו זיך דערוויסן מער... ווי הייסטו?

— ליאָניע.

— בין איך — סומויוויטער. וואסילי — דאָס ווייסטו שוין. א יעפרייטאָר. און דײַן טאטע איז שוין ניט קיין מאיאָר. א פּאָדפּאָלקאָווניק.

איגאָר האָט באַוויזן ליאָניען, ער זאָל זיך צובייגן נעענטער, און שטיל אײַנגערוימט:

— מע רופֿט מיך דאָ שטשעפּקין, נאָר ביכלאַל בין איך — דו ווייס — ראַזשטשעפּקין. ווייס.

מע איז ווידער געלעגן, אַלע דרײַ, נאָך מער צונויפֿגעפּרעסט, ווי פֿריִער, ווײַל סומוויוויטער האָט זיך געלייגט באַזונדיק — ער האָט געוואָלט זען סײַ איגאָרן, סײַ ליאָניען. סומוויוויטער האָט שטיל אַ זיפֿץ געטאָן:

— אוי, ווי עס געשעט אין לעבן!

— עס געשעט, — האָט ראַזשטשעפּקין אײַנגעשטימט, — מע זאָגט בא אונדז אין ספּאַרטאַנאָווקע: אין לעבן געשעט אַזוי, ווי אָפּן דנאָ פֿון דער וואָלגע געשעט ניט!

— גיין עפּשער ביז וואָס־ווען ווידער אַ טרײַבער טאָן דעם דעזינפֿעקטאָר — פֿאַרוואָס איז ער ניט ער? — סומוויוויטער האָט אַלץ ניט געקאָנט באַרוּיִקן זיך.

— מע דאַרף ניט, וואַסילי, — האָט איגאָר זיך אָפּגערופֿן נאָך עטלעכע ווײַלעס קלערן, — מע דאַרף ניט. שפּרינגען מיר אַרויס פֿונדאַנען — איז גייט ער צו אַלדי רוכעס, און בלײַבן מיר שטעקן... זאָל זײַן שטיל, זאָלן די מענטשן דרעמלען.

4

ס'האָט גענומען צופֿאַלן די נאַכט, אין וואַגאָן איז גאָר שנעל פֿינצטער געוואָרן, ווי אין אַ גרוב. איגאָר ראַזשטשעפּקין האָט געהייסן זאַמלען רימענס, בא וועמען זיי זײַנען דאָ, און פֿעסטע שטריקלעך. מע האָט אַראָפּגענומען דעם דראָט, אַ גאַנץ לאַנגן, מיט וועלכן עס זײַנען צוגעפֿעסטיקט געווען די הענטלעך — צוויי הילצערנע דרענגלעך — צו דער פּאַראַשע. רימענס זײַנען געווען דרײַ — בא ליאָניען, בוזיוקן און נאָך בא איינעם, — מיט אַלע דרײַ האָט ליאָניע זיך געדאַרפֿט אונטערגאַרטלען. די שטריקלעך האָט מען צונויפֿגעבונדן, דאָס, וואָס עס האָט זיך באַקומען, צונויפֿגעלייגט עטלעכע מאָל און דורכגעפֿלאָכטן מיטן דראָט. אָט דעם היפּשן קאַנאַט, דורכויס אין קניפּלעך, האָט מען צוגעפֿעסטיקט צו אַ זײַטיקער לײַסט פֿון דער נאַרע פֿונקט אַנטקעגן אָנגעמערקטן ליוק. געבליבן איז אַ קלייניקײַט — צובינדן דעם קאַנאַט ליאָניען צו די רימענס, אַרויסנעמען אַ ברעט פֿון דער נאַרע. די ברעט האָט מען באַצײַטנס אָפּגעריסן, און אויסברעכן מיט איר הילף צוויי צעבויגענע גראַטע־שטענגלעך, ניט קיין גראָבע, וואָס האָבן פֿאַרצוימט דעם ליוק און דאָס שטעכדראָט, מיט וועלכן ער איז פֿאַרקלאַפּט געווען פֿון אויסן.

דער צוג האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט, און געשטאַנען איז ער לאַנג. די סטאַנציע איז געווען אַ גרויסע. לאָקאָמאָטיוון האָבן געפֿײַפֿט דאָ, דאָרט, וואַגאָנעס האָבן זיך געקייקלט — גרעסערע, קלענערע גרופּעס. כאָטש מע האָט דעם צוג פֿאַרטריבן אויף אַ זײַטיקן וועג, האָט וואַסילי סומוויוויטער זיך אײַנגעקוקט אין די נאָענטע ראַמפּעס מיט אָפּדעכער, אין וואַסערטורעם און פֿאַרזיכערט, אַז דאָס מוז זײַן וויניצע. אַליין איז ער קימאַט אַ היגער, אַ קאַזאַטינער. די מוירע איז געווען — טאָמער הייסט מען דאָ אַראָפּשטײַגן. נאָר מע האָט צום צוג בלויז צוגעגעבן עטלעכע וואַגאָנעס. און אָט איז מען ווידער אין וועג, דער צוג קריכט אין דער נאַכט, ווי אַ וואָרעם אין דער ערד־טיפֿעניש...

צײַט. ראַזשטשעפּקין, סומוויוויטער און קאַרפּאַ — אויף זײַן קויעך האָט מען באַזונדערס אויסגערעכנט, האָבן, שטייענדיק געבויגן אויף דער נאַרע, מיט דער ברעט, ווי מיט אַ טאַראַן, נאָך עטלעכע קלעפּ פֿרײַ געמאַכט דעם ליוק. געווען איז דאָס יענער, וואָס נעענטער צום לאָקאָמאָטיוו, — דער לופֿט־שטראָם וועט שמײַסן ניט אין פּאָנעם, אין אַ געוויסער מאָס וועט דער שטראָם אַפֿילע אונטערהאַלטן דעם, וואָס קריכט אַרויס.

ליאָניע האָט באַצײַטנס פֿאַרבונדן אונטער דער קין די אויערן פֿון זײַן ווינטערדיקן היטל, אָנשטאָט דעם מאַנטל, די פּאָלעס קאָנען שטערן, אָנגעטאָן אויף זײַן סאַמעטן פּידזשאַקל ראַזשטשעפּקינס פּידזשאַק, פֿעסט אונטערגעגאַרטלט זיך מיט די רימענס, און, אַ צוגעבונדענער, ניט וואַרטנדיק, מע זאָל רופֿן, גלײַך ווי דער ליוק איז אויפֿגעבראָכן געוואָרן, געשטעלט זיך לעבן אים. דאָס איז אָפּגערעדט געווען, און דאָס האָט אַ ביסעלע געשראָקן ליאָניען, אָבער אַזוי, אַז עס האָט עפּשער פֿאַרטויבט אַלע אַנדערע פּאַכעדן זײַנע — פֿאַר די פּיס וועט אים האַלטן קאַרפּאָ. אָט די מינוט, ווען ליאָניע האָט געדאַרפֿט דערפֿילן, אַז קאַרפּאָ האַלט אים, — אָט די מינוט וואָלט ער וועלן איבערלעבן אין אַ פֿלעט. נאָר ער האָט אַלץ געפֿילט און געהערט, עפּשער שאַרפֿער ווי אַלעמאָל. ער האָט געהערט, אַז קאַרפּאָ האָט מיט אַ צוגעדישעטן פֿײַף — אָנגעהאָרעוועט זיך מיט דער ברעט, צי סטאַם פֿון ערגערניש — געסאָפּעט הינטער זײַנע פּלייצעס; אָט האָט דער דוואָרניק, ווי פֿאַר אַ נײַ שטיקל אַרבעט, אַ שפּײַ געטאָן אין די דלאָניעס, און ראַזשטשעפּקין האָט געזאָגט:

— דאָס מעסער דײַנס ווײַז אהער...

— וואָסי?

— וועסט שפּעטער וויסן!

— נאַ! מיינסט — וואָס, קאָנסט מיט דעם אפילע לויפן!

ליאָניע האָט ניט פאַרשטאַנען: „צוליב וואָס דאַרף מען דאָס מעסער?“ און מיט אָט דעם געדאַנק, אַן אומרויִקן: „טאָמער וואָס, וועט מען איבערהאַקן דעם שטריק?“ און מיט דער זיכערקייט: „ניין, ראַזטשעפּקין, סומוויִוויטער — ניין!“ — מיט אָט דער זיכערקייט, נאָר פאַרנומען פונדעסטוועגן מיט ביידע געדאַנקען, האָט ער ניט באַמערקט, ווען קאַרפּאַ האָט אים אַרומגעכאַפּט העכער די קני. א צאַפּל געטאָן, האָט ליאָניע לײַכט, — לײַכט, דאָס האָט עפּשער



געדאַרפט באַווײַזן, אַז די הילף איז ניט נייטיק, אפילע דערווידער, און עפּשער — אַז ער נעמט זי אָן, — א ציִ זיך געגעבן אַרויף, דערפילט דעם שמיץ פונעם שאַרפן ווינט אין קאָפּ, דורכן היטל, אין האַלדז („א שאָד, דער האַלדז איז מיט גאָרנישט ניט אַרומגעבונדן!“), אין די הענט, אין זײַט, אין די פּיס... ער איז שוין געהאַנגען פון יענער־זײַט. ער איז געהאַנגען ניט אינגאַנצן מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר קאָסע, און פיבערדיק געזוכט מיט דער לינקער האַנט, — דאָס איז אויך פאָרויסגעזען געווען, טאַקע דערפאַר האָט מען אופגעבראָכן דעם ליוק, וואָס קומט אַרויס צום פּאַראַלעלן וועג — עס זאָל פרײַ זײַן די רעכטע האַנט, — מיט דער לינקער געזוכט און געפונען דעם גליטשיק־נאַסן ראַנד פון דער שטאַנגע, וואָס האָט אים אָנגעוויזן די סקאָבע און דעם קריוק מיטן פאַרדרייטן דראָט — גאָר ניט קיין גרויס און ניט קיין האַרט דרעטל, ער האָט עס געגומען אָפּדרייען.

אַז מע מעג אים שוין שלעפּן צוריק, האָט ליאָניע געדאַרפט געבן א סיגנאַל — עטלעכע מאָל א קלאַפּ טאָן מיט דער באַפרײַטער סקאָבע אינעם קריוק פאַר דעם, ווי אַראָפּוואַרפן זי. סומוויִוויטער איז געשטאַנען אונטן, מיט א צוגעלייגטן אויער צו דער טיר. און אָט — א קליאַמצע, איין מאָל, א צווייט מאָל.

— צוריק! — האָט אויסגעשריִען וואַסילי.

ליאָניע האָט דאָס ניט געהערט און ניט געקאָנט הערן. דער צוג האָט גערוישט, ווי א מעכטיקער שטראָם זאָל זיך קײַקלען און שטורעמען. ליאָניע האָט בלויז דערלויבט זיך אין אָט דער רעגע — ס'איז געווען א גליקלעכע רעגע: „אַן עק!“ — א קוק טאָן אין א זײַט און א ביסעלע אַף צוריק, דאָס ערשטע מאָל דערלויבט זיך דאָס. פון יענער זײַט וועג זײַנען אָן

אופהער געלאָפן ניט קיין הויכעביימער, האַרבסטיק־הוילע, טונקעלע, און לאַכלוטן שוואַרצע יעלן. און עפּעס אַ שײַן האָט ער באַמערקט, נאָך אַ ווײַטע, אַ צעשוווּמענע, מיט איין ווינקעלע פונעם מויעך באַנומען, אַז דאָס קער אָנקומען אָן אַנטקעגנדיקער צוג. ער האָט געוואָרט, מע זאָל אים אַ צי טאָן אָף צוריק, נאָר מע האָט ניט געצויגן. די גליקלעכע רעגע, און נאָך איינע, און נאָך האָבן גענומען צאַנקען. ערשט איצט האָט ער דערפילט די גאַנצע שווערקײַט פון דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. די טיר איז אָפן — וואָס זשע קערט מען אים ניט אום, און וואָס בלענדט עס די אויגן — טאַקע אַ צוג?..

ליאָניע האָט ניט געוווּסט: אין אָט דעם מאָמענט האָט קאַרפּאָ אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ליוק און געשריען:

— אָן עקספּרעס! מע וועט דערזען! ווער דאַרף אים, דעם... האַק דעם שטריק!

באַלד האָט דער שפּיץ פונעם מעסער, דערווײַל נאָך ניט שטאַרק, דורך די קליידער אַ שטאָך געטאָן קאַרפּאָן אין פּלייצע; ראַזשטשעפּקין האָט געשריִען באַם ליוק:

— שלעפּ, אָדער — טויט! שלעפּ, אָדער!..

ליאָניע האָט דערפילט: מע ציט אים אָף צוריק — פאַר די פיס און פאַרן קאַנאַט, די ריפּענצטער האָבן זיך נאָך מער אײַנגעשניטן אין לײַב. ווען דער צוג מיט אַ שורע באַלויכטענע פענצטער האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן, איז ליאָניע שוין ביז האַלב געווען אין ליוק און אָנגעכאַפּט זיך מיט די הענט פאַרן אייבערשטן לײַסטל פון דער ראַם.

5 זיי זײַנען געשפּרונגען איינער נאָכן אַנדערן — וואַסילי, ליאָניע און איגאָר. פאַר דעם האָט יעדערער צוגעבונדן צום לינקן אָרעם אַ ווײַסע שמאַטע — איגאָר האָט געייצעט. קאַרפּאָ, ווען ער האָט דערזען, אַז מע בינדט עפּעס צו צו די אַרבל, האָט פאַרהאַוועט־דערשראָקן אַ פרעג געטאָן: „צוליב וואָס איז דאָס? צוליב וואָס?" מע האָט אים ניט געענטפערט, נאָר ער האָט באַלד אַליין פאַרשטאַנען: „אַ, איר וועט זיך האַלטן איין קאָמפּאַניע! איך דאַרף אײַך ניט, איך דאַרף קיינעם ניט!" דאָס האָט ער אַזש געצאַפּלט, ליאָניע זאָל גיכער אומקערן אים דעם רימען. אַנדערע האָבן דאָ טאַקע, בײַ דער אָפענער טיר, ווי פיל זײַנען שוין פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט, באַקומען אָפּגעשניטענע שטיקלעך פונעם צונויפגעדרייטן שטריק — וואַסילי האָט געשניטן, — מע קאָן ניט לויפן, אַז די הויזן האַלטן זיך ניט. אָפן מעסער האָט קאַרפּאָ ניט געוואָרט...

אָף דער ערד, ווי נאָר מע איז געקומען צו זיך פונעם קלאַפּ, פונעם פאַלן, האָט מען לויט די בענדלעך טאַקע באַלד אָפּגעזוכט איינער דעם אַנדערן. עס איז אָפּגערעדט געווען: דער, וואָס שפּרינגט דער ערשטער, בלײַבט אָף אָן אָרט, און די, וואָס נאָך אים — קערן זיך אום.

קיינע קוילעס האָט מען ניט געהערט, עפּשער האָט דער צוג זיי פאַרהילכט. ס'האָט געגאָסן אַ דין רעגנדל, אָף דער אוקראַיִנע הייסט עס — מזשיטשקאַ, און עפּעס קאַלטס האָט פון מאָל צו מאָל געשטאָכן אין פּאָנעם, אין די הענט — שנייעלעך.

אַוועק איז מען פון דער אײַזנבאַן שטרענג לויט אַ פּערפּענדיקוליאַר, בלויז איינס — ווי נאָר מע איז זיך צונויפגעקומען, איז מען אַריבער אָף דער צווייטער זײַט פון דער ליניע. עס האָט דאָ געהאַט צו זאָגן ניט אַזוי אַ באַקלערטער געדאַנק, ווי אַן אינסטינקטיוו געפיל: סראָוו פּליטים וועט אַוועק אָף יענער־זײַט, וווּהין מע איז אַראָפּגעשפּרונגען, און די, וואָס וועלן זיי זוכן, וועלן אויך זוכן מער אָף יענער־זײַט. כוץ דעם — דאָרעם, ווייניקער וועלדער, בעסער אַוועק אָף צאָפן.

די נאַכט איז מען געגאַנגען און געגאַנגען, און אַלץ — גלײַך. אויב ס'האָבן זיך געטראָפן וועגן, איז מען פאָרזיכטיק אַריבער אָף דער צווייטער זײַט, און ווידער געגאַנגען דורכן פעלד, דורך קלענערע און גרעסערע וועלדלעך. יִישוּוים האָט מען אויסגעמיטן. און אַלץ זיך צוגעעפּעס ענלעכס, נאָר עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן אויך. די צוגן האָבן געקלאַפּט אַלץ ווײַטער. הערט — קיינע קוילעס, קיין שיסערײַ. ס'הייסט, פון צײַט צו צײַט האָט אַזוי ווי יאָ דערטראָגן זיך

ס'איז וויכטיק געווען צו געפינען אַ באַהעלטעניש אָף טאָג. מע האָט פאַרשטאַנען, און אַ פּאָר מאָל, בײַס מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעשעפּטשעט זיך וועגן דעם, אַז נעמען זוכן און פאַרפאָלגן די פּליטים וועט מען אַפּאַנעמעסן אינדערפרי. די פּאָליציײִשע באַצירקן, די דײַטשישע קאָמענדאַטורן, די זאַסטאַוועס — אַלע קערן אָטאָ איצט, באַנאַכט, אַליאַרמירט ווערן וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט.

קאַיאָר, און געווען איז דער קאַיאָר אַ נעפּלדיקער, מאַמעש, ווי מע זאָל צעהענגען לײַלעכער אינדערלופטן, האָט זיי אָפּגעגליקט. ניט גאָר ווײַט פון אַ פּאַרוואָרפענעם צווינטערל

(אליין דאָס צווינטערל האָט אויך צוגעדינט: לויט די צלאָמים — זיי שטייען אומבאדינגט אין מײַרעוודיקן עק פון קוואָרים־בערגל, האָט ראזטשעפקין פעסטגעשטעלט, אז מע גייט ריכטיק — אַף צאָפן), באם אָנהייב פון א וואלד, האָט מען אָנגעטראָפן אַף לאנג פארלאָזטע שוצגריבער, טראנשייען, און אפילע דעם רעשט פון אן ערדשטיבל, מיט אן אײַנגעוואלגערטן, נאָר קימאט ניט קיין צעלעכערטן צודעק. דאָס אלץ, און דעריקער די טראנשיי פארן ערדשטיבל, און דאָס ערדשטיבל אליין אויך איז פארשאָטן געווען מיט פוילע בלעטער פון פאראיאָרן און פון הײַנטיקס יאָר. אין יענעם ערדשטיבל האָט מען זיך פארקליבן דורך א זײַטיקער לאָך, קעדיי ניט צערויען די בלעטער.

ערשט דאָ האָט מען דערפילט אלץ: אי אז מע איז נאס אַף דורך און דורך, אי אז עס טוט בא יעדן ווי דאָרט, וווהין ער האָט זיך דערלאנגט בייסן שפּרינגען פון צוג, און אז עס ברעכן ביכלאל די ביינער. מע האָט דערפילט, אז מע איז הונגעריק, עס קלינגט אזש אין די אויערן, עס קלאפט אין די שלייפן פון יעדן קער. מע האָט גערוט לויט דער ריי: צווייען דרעמלען, צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, דער דריטער מאכט קיין אויג ניט צו. און ווײַל דאָס אָרט איז געווען א פארוואָרפנס — ביכלאל, צי איצט, ווען עס איז אזא אומקומעניש אינדרויסן, האָט וואסילי פארנאכט־צו זיך אײַנגעשטעלט ארויס און ארומקוקן זיך. כוץ אלעמען — פּרווון געפינען עפּעס אַף צו שטילן דעם הונגער. ס'האָט אָפּגעגליקט: ער האָט אָנגעטראָפן אַף א ווילדן בארנבוים, אונטער וועלכן ס'האָבן זיך געוואלגערט קליינע, צוגעלעגערטע בארלעך. די עטלעכע קאלינע־הענגלעך, וואָס וואסילי האָט אויך געבראכט, האָבן אַף זייער אויפן פארשלאָגן דעם טערפּקן טאם פון די בארלעך.

אָפּגעגעסן, האָט מען גענומען גרייטן זיך ווײַטער אין וועג. אין מעשעך פון טאָג האָט מען צומיינסטנס געשוויגן — אומרויקע, פארביטערטע, מיט שווערע הערצער. נאָר דאָך איבערגעשעפּטשעט זיך פון מאָל צו מאָל — איגאָר און וואסילי האָבן געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן ליאָניען, און ער — וועגן זיי. ליאָניע האָט זיך דערוווּסט, אז איגאָר איז א העלד פון ראטנפארבאנד, דערוווּסט זיך אלץ, וואָס ביידע האָבן אים געקאָנט דערציילן וועגן טאטן. וועגן זיך האָט ליאָניע געזאָגט: געווען אַף א פאנצערצוג, ארײַנגעפאלן אין געפענקעניש, און באקאנטע, טאקע פון פאנצערצוג, ווען מע האָט גענומען אָפּלאָזן פון לאגער די קיעווער אײַזנבאנער, ווײַל מע האָט זיך אין זיי געניייטיקט, האָבן אים, א פארוווּנדעטן, מיטגענומען מיט זיך. דעטאלן האָט ער דורכגעלאָזט, ווײַל דאָס וואָלט ארופגעפירט אַף יענעם, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, צי מעג ער וועגן דעם ריידן. ליאָניע האָט אָבער פארשטאנען, און דאָס האָט אים געפײַניקט, אז דערציילן וועט ער דארפן מער. די נײַע כאוויירים זײַנע — דאָס זײַנען דאָך ניט סטאם מענטשן, וואָס מע גייט זיך צונויף מיט זיי בייס א צאָרע, אין וועג, און מע צעגייט זיך. צוזאמען מיט זײַן טאטן זײַנען זיי געווען אין שלאכט, געדינט אונטער זײַן קאָמאנדע, איצט איז די לאגע זייערע א שווערע, און כאָטש זײַן, ליאָניעס, לאגע איז אויך ניט קיין גרינגע, איז זי פאָרט גרינגער כאָטשבי מיט דעם, וואָס ערגעץ, זאָל זײַן ווײַט פונדאנען, צי ניט גאָר ווײַט, האָט ער צו וועמען זיך פּרווון דערקלײַבן, ס'איז בא אים ניט גלאט געטאפּט א וואנט... נאָר דערווײַל האָט ער צוגעשוויגן, און געפעלן איז אים, כאָטש מע האָט עס געקענט אויסטײַטשן אויך אנדערש, וואָס איגאָר און וואסילי האָבן אים ניט גאָר פאנאנדערגעפרעגט. טאקע דערפאר האָט ער געקאָנט זיך אָנמערקן אין קאָפּ, פון וואָס ביז וואָס, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן, ער וועט דערציילן.

אפן צווייטן טאָג, ווען מע האָט זיך ווידער באהאלטן, און די באהעלטעניש איז, אגעוו, געווען ניט אזא באקוועמע — טאקע טיף אין וואלד, דער וואלד האָט זיך אלץ ניט געענדיקט, איבערגעריסן זיך ווו־ניט־ווו מיט גרעסערע לאָנקעס, שטיקער פעלד, נאָר ביכלאל איז עס אויסגעקומען ווי איין גרויסער וואלד, — מע האָט אין א צעשווענקטן יאָר פארקליבן זיך אונטער צעוואקסענע אלטע יאָדלעס, נאָר טראָפּנס רעגן האָבן זיך אלציינס דורכגעזײַט דורך דער כוואָיע, און מיט שפּײַז איז דאָס מאָל אויך געווען ערגער, פון די בארלעך, וואָס מע האָט מיטגענומען פולע קעשענעס, איז געבליבן זייער ווייניק, אָבער ניט אין דעם איז עס געגאנגען — זיי זײַנען מער אין מויל ניט געקראָכן, וואָס זשע יאָ, מע האָט אָפּגעזוכט א פּאָר צענדליק וואלד־ניסלעך, ס'הייסט, אָפּזוכן וואָלט מען אוואדע קאָנען א סאך מער, נאָר ווי דערוועגט מען זיך עס טאָן, — אָט דעמלט האָט מען דאָס ערשטע מאָל פארפירט א רייד: וואָס וועט מען ביכלאל נעמען טאָן? פון איין זײַט, האָט דאָס געהייסן, אז א ביסל איז בא יעדן גרינגער אפן הארצן. אויב מע רעדט שוין וועגן ביכלאל, איז די אומיטלבארע געפאר פאָרט געוואָרן קלענער. נאָר פון דער צווייטער זײַט, האָט מען דאָך טאקע ניט געקאָנט סטאם אזוי גיין און גיין. צום פראָנט איז זייער ווײַט, די נײַס וועגן סטאלינגראד האָט, עמעס, ארויסגערופן א האָפענונג, אז ס'איז ניט נאָר דאָרט געשען דאָס גוטע, ס'איז גיכער פון אלץ אן אָנזאָג אַף

אונדזערן אַן אָנגעריף, אָנגעהויבן האָט ער זיך פריִער, איידער פאַראיאָרן אין דער דאָזיקער צײַט, און וועט, אַזוי האָט זיך געוואָלט גלייבן, זײַן נאָך אַ מעכטיקערער, — איז עפּשער גיין אַנטקעגן? ס'איז אָבער קלאָר געווען, אַז גיין וועט מען דאַרפן לאַנג. פריִער אָדער שפּעטער וועט מען זיך אַרײַנפּאַקן. איז עפּשער בעסער דאָ ערגעץ פאַרטשעפּען זיך אין עפּעס? אין עפּעס — וויפל טויזנטער האָבן געטראַכט וועגן דעם זעלבן, און ניט יעדערער האָט אָף אָט דעם עפּעס אָנגעטראָפן, צי אַליין געקאָנט טאָן, אַז עס זאָל זײַן. אין איינס איז קיין ספק ניט געווען — מע וועט דאַרפן פאַרקערעווען אָף מיזרעך. סומוּיוויטער האָט געהאַלטן, אַז מע קאָן דערקלײַבן זיך נעענטער צו זײַן היים, אַ דאָרף לעבן קאַזאַטין — דאָס ווײַב מיט ביידע קינדער און די מאַמע, ניט אירע — זײַנע, האָבן זיך עוואַקויִרט, מע האָט ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע געוווינט שוין אין קאַזאַטין, איצט איז מען אין דזשאַמבול, נאָר קרויווים זײַנען געוויס געבליבן אין דאָרף, און אַ וואַלד איז דאָרט באַנאַנד, עמעס, ניט גאָר קיין גרויסער. וואָס נאָך? מע קאָן פּרוּוון גיין ווײַטער, צו פּאַסטאָוו, דאָרט, באַם טײַך אונאַווע, זײַנען דאָ היפּשע וועלדער, און זומפּיקע ערטער, און אינדזלען, וואָס דער טײַך שווענקט אַרום, — עמעצער מוז דאָרט זײַן, צי עפּשער וועט מען אַליין שאַפן דעם קערן. נאָר — און דאָ האָט סומוּיוויטער שטיל צוגעקליאַמצעט מיטן צונג און גאָר שטאַרק, גאָר פאַרביטערט געקאָסיעט דאָס אויג — מע דאַרף מאַכן אַ גרויסן קרײַז אַרום וויניצע, ס'איז די דײַטשישע סטאַווקע, היטלער אַליין האָט דאָרט זײַן זיצעניש, דאָרט איז די זיפּ גאָר אַ געדיכטע... בלײַבט, אויב אַזוי, שנײַדן זיך ווײַטער אָף צאָפן, דערווײַל צו זשיטאָמיר.

ראַזטשעפּקין האָט דאָ ניט געהאַט, וואָס צו זאָגן, צי זײַן וואָרט האָט בּיכלאַל געדאַרפט זײַן דאָס לעצטע. געבליבן איז ליאָניען זאָגן, וואָס ער קלערט.

ליאָניע האָט אָנגעהויבן פון ווײַט. אין קיִעוו, ווען מע דערקלײַבט זיך צו זײַנע באַקאַנטע אײַזנבאַנער, וואָלט מען, ער איז זיכער, געקאָנט אין טענדער פון אַ לאָקאָמאָטיוו דורכמאַכן אַ היפּש שטיקל וועג — ביז ניעזשין, קאָנאָטאָפּ, דערנאָך וואָלט מען זען. און בּיכלאַל — די אײַזנבאַן, עפּעס טוט זיך סײַ אָף דער אײַזנבאַן, סײַ אַרום איר. אָט האָט מען די בריק אַ טשעפּע געטאָן, און פון יענער־זײַט דניעפּער ציִען זיך אַוועק וועלדער ביז טשערניגאָוו און בריאַנסק. אין די וועלדער איז עמעצער דאָ, עס לאָזט זיך הערן. מער האָט ער ניט געקאָנט זאָגן, דערווײַל אָפּגעהאַלטן זיך, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען און אײַנגעטײַנעט עס מיט זיך אַליין: אויב מוירע האָבן אַזוי פאַר אַ וואָרט, אויב קיינעם ניט פאַרטרויען, וועט אין אונטער־ערד איינער דעם צווייטן ניט אָפּזוכן און יעדערער וועט זײַן אַליין פאַר זיך. כוץ דעם, האָט ער פּאַשעט געהאַלטן פאַר נייטיק זאָגן ראַזטשעפּקינען און סומוּיוויטערן, טאַקע ווײַל דאָס זײַנען זיי, ניט עמעץ אַנדערש — אָף קיִעוו — מאָסקאָווסקי אַרבעט אַלס אָפּעראַטאָר די טיאָטיע אָלגע, דעם טאַטנס צווייט ווײַב, אויך קרעמעז, און ער האָט דאָרט אַ שוועסטערל — נאַטאַשקע. די נײַס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אין דעם זין, אַז אַלדאָס איבעריקע, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די אײַזנבאַנער, איז אַ רעאַלע זאַך, אָבער ניט נאָר אין דעם זין — איגאָר און וואַסילי האָבן אַזוי ווי בּיכלאַל פאַרטראַכט זיך, אַז ער האָט ניט סתּם געשטעקט, ליאָניע, אין קיִעוו. כאָטש דאָס אַרײַנפּאַקן זיך אין עשעלאָן האָט ער באַמאָלט אַזוי, ווי עס האָט פּאַסירט — אַ שלעכטער צופאַל, האָט פונדעסטוועגן געקאָנט עפּעס זײַן ביז דעם דאָזיקן צופאַל, און ווײַל מע האָט גאָרנישט ניט געפרעגט — אַ פּישער, צוגעשטעלט פּיש פאַר דער דעפּאָ — מיילע, — האָט עס אויך געקאָנט הייסן, אַז מע האַלט זיך אָפּ פון פרעגן. ליאָניע האָט שוין געגעסן זיך די גאַל: עפּשער נעמט ער צופּיל אָף זיך, און בּיכלאַל, עפּשער שטעלט ער זיך אַרויס טאַקע מיט דעם, וואָס ער פאַרשווײַגט, מע קאָן מיינען — ווער ווייסט וואָס?

אָבער ער האָט געמוזט זאָגן נאָך וועגן איין זאַך, און כאָטש דאָס האָט איצט געקאָנט האָבן עפּשער מער ווערט פון אַלעם אַנדערן, וואָס ער האָט דערציילט, האָט ער עס אַליין עטלעכע מאָל אָפּגעוואָרפן אין געדאַנק. מע איז ערגעץ געווען אַרום זשמערינקע, און דאָרט, אין דעפּאָ, האָט ער אויך געהאַט אַ באַקאַנטן, לאַריסעס שטיפטאַטן, אַ מאַשיניסט. סיבעס, פאַרוואָס ער האָט דערווײַל ניט געוואָלט ריידן וועגן דעם, און אפילע געטראַכט, צי וועט ער בּיכלאַל דאָס דערמאָנען, זײַנען געווען אַ סאַך. כאָטש ער האָט שוין גוט געקענט לאַריסעס שטיפטאַטן, אָווערקאָ מאַטיִאַשן, האָט ער אַלץ ניט פאַרגעסן די ערשטע באַגעגעניש מיטן מאַשיניסט. ווען ער האָט געפונען, ליאָניע, און נאָך איין כאַווער זײַנער, וועלכער איז אײַנגיכן אומגעקומען, דאָס פאַרווונדעטע ייִנגעלע לעבן דער צעקלאַפּטער אַווטאָמאַשין אָפּן שליאַך הינטער דאַרניצע, וווהין עס האָבן אָט־אָט געדאַרפט אַרײַן די דײַטשן, געלאָזט זיך מיטן פאַרכאַלעשטן קינד אָף די הענט צו דער ערשטער שטוב, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט, האָט דער דאָזיקער אָווערקאָ מאַטיִאַש מיט אַ צעשראָקן פּאָנעם באַוויזן זיך באַ דער צעפּראַלטער טיר פונעם גאַנעקל און גענומען מאַכן מיט די הענט:

— ניין, ניין, גייט ניט אהער! איר וועט אונדז אומברענגען, מע וועט די שטוב פארברענען!

ליאָניע האָט דעמלט, א באַגאָסענער מיט שווייס, א פארביטערטער, העפקער באַ זיך אליין, און ווער ווייסט ווי טײַער באַ זיך אליין, אָט דאָס טאַקע א טראַכט געטאָן: „אָן עלטערער מענטש, און ציטערט אזוי פארן לעבן, פאר דער שטוב!"

לאַריסקע האָט דאָ ארויסגעהאָלפן. דורכגעשטופּט זיך א צאַפּלענדיקע, מיט א זײַט צו דער טיר, האָט זי אויסגעשריִען:

— פּע, ווי שעמסטו זיך ניט, טאַטע, זעסט דאָך... טראָגט ארײַן דאָס קינד!

העט שפּעטער, ווען ליאָניע האָט אָפּגעזוכט די מאַטיאַשס שטוב, שוין נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון לאַגער און דערוווּסט זיך באַ יערעמיי פּאָמיטשן, אַז ער מעג אין אָט דער שטוב ארײַנגיין, האָט ער פארשטאַנען, אַז אָווערקאָ מאַטיאַש האָט געהאַט אין זינען ניט אַזוי די שטוב אַלס אַזעלכע, און ניט זיך אַפילע אַליין אַלס אַזעלכן, ער האָט געהאַט זײַן צאָרע — געבליבן שטעקן אין דאַרניצע מיטן ייִדישן ווײַב און מיט דער טאָכטער — איר טאָכטער... די מאַמע מיט לאַריסקען זײַנען ניט לאַנג פארן אָנהייב פון דער מילכאָמע געפאָרן צוגאַסט צו קרויווים אין מאָלדאַוויע, מע האָט קוים, פון איבערן פראָנט, דערקליבן זיך צוריק אַהיים דעמלט, ווען ארויסרײַסן זיך פון קיִעוו איז שוין אוממעגלעך געווען, און ווען אָווערקאָ סאַמוילאָוויטש, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אויך צוליב דער מישפּאָכע, וואָס וועט זיך עפּשער אָפּזוכן און וועט בידעווען, איז גלײַכער, ער זאָל בלײַבן דאָ, ניט אַוועק אַף מיזרעך, האָט אָנגעשלאָסן זיך — ליאָניע האָט געהאַט אייניקע סימאָנים — אין דעם, צוליב וואָס אַפּאַנאַסי טימאָשטשוק איז געבליבן, און רעדוטני, און נאָך. ווינען, ווי פריִער, אין דאַרניצע האָבן אָבער די מאַטיאַשס ניט געקאָנט (אין באַבי־יאַר זײַנען די מאַמע און די טאָכטער ניט אַוועק), איז מען אַריבערגעפאָרן קיין זשמערינקע, פונוואַנען סײַ דער מאַן, סײַ דאָס ווײַב האָבן געשטאַמט. דאָ האָט אָווערקאָ סאַמוילאָוויטש אַוואַדע געטאָן עפּעס־וואָס מער, איידער פירן דײַטשישע פראַכט־צוגן — דאָס, וואָס יערעמיי פּאָמיטש האָט געוווּסט וועגן אים, און די עטלעכע צעטעלעך, וואָס ניט עמעץ אַנדערש, נאָר יערעמיי פּאָמיטש האָט איבערגעגעבן ליאָניען פון לאַריסקען, האָט אויך אָנגעוויזן דערויף. נאָר צאָרעס איז די מישפּאָכע ניט זשעדנע — מע האָט דאָס ווײַב, א קראַנקע צי א קראַנק געוואָרענע, געפּאַקט און ארײַנגעוואָרפן אין געטאָ, לאַריסע איז אַוועק מיט דער מאַמען, ווען־ניט־ווען כאַפּט זי זיך ארויס פון הינטערן דראָט. דאָס אַלץ איז גאַנץ פארנעפּלט, אין די בריוולעך האָט דאָס מיידל געקאָנט בלויז געבן אָנצוהערן וועגן איר איצטיק לעבן, און יערעמיי פּאָמיטש, ביכלאַל ניט קיין באַרעדעוודיקער, האָט דאָס מאָל עפּשער טאַקע געהאַט ווייניק־וואָס צו דערציילן.

אָפּגעשטעלט האָט ליאָניען צו זאָגן עפּעס וועגן זשמערינקע, אי ווײַל ער האָט ניט געוווּסט, ווי האַלט עס באַ מאַטיִאַשן, אי — ווי האַלט ער מיט מאַטיִאַשן. וועלכער דער טערעץ וועט שוין ניט זײַן, — דעם עמעסן טערעץ וועט מאַטיִאַש עפּשער פראָסט ניט זאָגן, — נאָר טאָמער דערקלײַבט מען זיך צו אים און ער קען ניט העלפן?..

נאָך איין זאַך האָט אָפּגעהאַלטן — ס'האָט אים געצויגן, ליאָניען, צו לאַריסקען, און טאַקע ווײַל אַזוי, איז צי האָט ער אַלדאָס אַנדערע זיך ניט אײַנגערעדט — אַז מאַטיִאַש קאָן העלפן? נאָכגעבן זיך, ווען ער ריזיקירט ניט איינער, ער שטעלט אײַן די כאַווירים אויך? אָבער פארשווײַגן וועגן זשמערינקע, ווען מע באַקלערט, וואָס טאָן, האָט ער ניט געטאָרט. דערפאַר, ווען סומויווויטער האָט גענומען ריידן וועגן זײַן דאָרף, און וועגן די בײַונאַוווער וועלדער, האָט ליאָניע באַמערקט, אַז יענע וועלדער מוזן ערגעץ נאָענט צוקומען צו די וועלדער אַרום ליובאַטש, זײַן היים, און אַז דאָרט זײַנען דאָ אַזעלכע ווילדע ערטער, ווי דער טשאָרטאָראָי — זינק־באָדן, טאָרפיקע בלאָטעס, אַז ער קען דאָרט מענטשן, וואָס מע מעג אָן שום מײַסעס קומען צו זיי — דעם אַלטן לערער וויִצעך קאַזימיראָוויטש קוכאַרסקי, דעם וואַלד־אויפזעער געראַסים קוטאָוואָי. ווי דערעכאַגעוו, האָט ער דאָ טאַקע צוגעגעבן:

— אין זשמערינקע קאָן זיך אויך אָפּזוכן א באַקאַנטער מאַשיניסט — אָווערקאָ מאַטיִאַש...

— אין זשמערינקע? — ראַזטשעפּקין און סומויווויטער האָבן זיך ניט אָנגעכאַפּט אין דעם — עס האָט זיך באַקומען, אַז מע וואָלט גאָר דאַרפן גיין אַף מײַרעוו, צו זשמערינקע איז מען ניט דערפאָרן, און ביכלאַל, ווי רוקט מען זיך דאָס אַהין, ווען מע קער דאָרט איצט גאָר אַף אָן אַנדער מין אויפן נאָכקוקן און נאָכטשאַטעווען יעדערן?

נאָר ווידער טאַקע — דאָס אַלץ זײַנען געווען פּאָרלויפיקע רייד, באַשלאָסן האָט מען נאָך גאָרניט, דערווײַל האָט מען געדאַרפט גיין און גיין, און אויסבאַהאַלטן זיך, און אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך, אַפילע ווען א פארשפּעטיקט בלעטל פאַלט אַראָפּ.

6

פונדעסטוועגן, ווען ס׳איז אוועק נאָך אַ מעסלעס און מע האָט ווידער געמוזט
אָפּשטופּן דעם טאָג, דאָס מאָל פאַרבאַהאַלטענע אין שטורעמברוך, האָט מען גע־
נומען טראַכטן, אַז מער קאָן מען ניט, מע דאַרף אַרויס צו מענטשן, כאָטשבי עטלעכע שאָ
זײַן ערגעץ אונטער אַ דאַך. די שטיקער קאָרע, די כוואָיע, וועלכע מע האָט אויסגעשפּרייט
אונטערן שטאַם פון אַ גראָבן אומגעוואַלגערטן בוים, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אויף די מעכטיקע
אַרויסגעריסענע וואָרצלען, האָט גיך דורכגעזאַפּט זומפּ־וואַסער, און פון אויבן האָט אָן אויפ־
הער געקאַפּעט, דער רעגן האָט געגאָסן אָט שטילער, אָט שטאַרקער. מע איז פאַרקאָטשענייעט
דאָך פון פריִער געווען צעלעכערט, איצט איז זיך עס גאָר צעקראָכן, און צו עסן האָט מען
בלויז געקראָגן בלאָטע־יאַגעדעס, קליוקווע, האָט מען באַשטימט: מע דאַרף מאַכן אַ פּרווו...
עפּעס האָט זיך אָנגעמערקט, און געקאָנט האָט עס אויסזען גאָר ווילד, און דאָך האָט מען
געטראַכט וועגן דעם, ווײַל מער איז, אייגנטלעך, ניט געווען וועגן וואָס צו טראַכטן.

נאָך אינדערפרי, ווען מע האָט אָפּגעזוכט די דאָזיקע באַהעלטעניש, איגאָר און ליאָניע
האָבן ווי־עס־איז גענומען אײַנאָרדענען אַ געלעגער, און וואַסילי איז, ווי דאָס האָט זיך שוין
אײַנגעשטעלט, אוועק אין אויסשפּיר, אָט דעמלט האָט מען אַלע דרײַ, — וואַסילי איז זיך
געווען דאָרט, ווו ער איז געווען, — דערהערט: וועגענער פאָרן דורכן וואַלד. באַלד האָבן די
וועגענער זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס האָט זיך דאָרט, גאַנץ ווײַטלעך, געטומלט, און ס׳איז ווידער
שטיל געוואָרן. סומויוויטער האָט זיך אומגעקערט און דערציילט: פינף פורן, געלאָדענע מיט
האָלץ. בײַ יעדער פור — אָן אָנטרײַבער און אַ רומענישער סאָלדאַט, אַ וואַך צי אַ קאָנוואָי,
מיסטאָמע אַ קאָנוואָי, ווײַל — בײַ יעדער פור. דער וועג איז קוים אַ דורכגעריבענער, אַ וואַל־
דישער. פּלוצעם — טראַך! — די ספּיצעס פון אַ ראָד האָבן זיך אויסגעשאָטן. אָט דאָס איז
געווען דער טומל. איין סאָלדאַט האָט גענומען שלאָגן מיט דער קאָלבע יענעם אָנטרײַבער,
בײַ וועמען די ראָד האָט זיך צעבראָכן, און גראָד זײַן קאָנוואָיִר, דעם דאָזיקנס, וואָס האָט באַ־
קומען די קלעפּ, האָט זיך גענומען אײַנשטעלן — מע דאַרף ניט שלאָגן. און די אָנטרײַבער
זײַנען מיט געלע לאַטעס אויף די פּלייצעס — ייִדן, צי וואָס? דאָס פור שטייט אָן אויסגעשפּאַנטס,
דאָס האָלץ האָט מען אויף די אַנדערע וועגענער ניט אַריבערגעטראָגן, אַלע זײַנען אַוועק ווײַ־
טער, איז וואָס זשע — זאָל זײַן, מע האָט געוואָרפן דאָס פור, צי עמעצער וועט קומען נאָך דעם?

דערווײַל איז דאָס אַלץ דערציילט געוואָרן סתם, ווי אַ שטיקל נײַס, און אַפילו אַזאַ,
וואָס האָט עפּשער געצווונגען פאַרטראַכטן זיך, צי איז מען ניט צו נאָענט צום פורל, צום
וועג? נאָר באַנאַנד מיט דעם איז בײַ וואַסילין עפּעס ווי אויפגעקומען אין קאָפּ, און מע האָט
עס — ליאָניע און איגאָר — אויפגעכאַפּט מיט יענער באַזונדערער אינטויִציע, וואָס דערוועקט
זיך, בײַס מע זוכט אָן אויסוועג. עמעצער וועט קומען צום פורל — אַזוי האָבן אַלע דרײַ
באַשלאָסן, און כאָטש מע האָט ביז דעם, נעכטן, געזען אין וואַלד אַ פויער, וואָס האָט אויף אַ
האַנט־וועגעלע געפירט היי, געזען אים, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזען, און נאָך פריִער,
אויך פאַרבאַהאַלטענע, געזען אַ פויערטע, וואָס האָט געטריבן אַ קו מיט אַ קעלבל, האָט מען
זיך צו די דאָזיקע ניט געווענדט, ניט פאַנאַנדערגעפרעגט זיי, ווײַל — ווער ווייסט, עפּשער
וועלן זיי אַפילו ניט קלערן אויסגעבן. פּראָסט אַרויסכאַפּן זיך, אַז מע האָט עמעצן באַגעגנט
אין וואַלד, נאָר אָט דאָס אויסגעשפּאַנטע פורל האָט ניט געלאָזט צורו, סײַ ווײַל מע האָט
געמוזט עפּעס פאָרנעמען, סײַ ווײַל... מע האָט עס דערנאָך פאַרשטאַנען: אַלץ האָט טאַקע
געשטעקט אין דער אינטויִציע.

גאָר לאַנג טשאַטעווען אין די קוסטעס, ניט ווײַט פונעם פורל, איז ניט אויסגעקומען.
מע האָט דאָס געטאָן לויט דער ריי — ליאָניע, איגאָר און ווידער וואַסילי. און אָט איז וואַסילי
געקומען אַ פאַרסאָפּעטער: מע איז ווידער דאָ לעבן פורל. דער אָנטרײַבער, אונטער דער
וואַך פונעם רומענער, וואָס האָט אים ניט געלאָזט שלאָגן, האָט געבראַכט צו קײַקלען אַ ראָד,
ער לאָדט אויס די שווערע שײַט האָלץ. איז עפּשער קלוימערשט אָנקומען מיטן וועג און
העלפן אַראָפּוואַרפן דאָס האָלץ, דערנאָך — שטעלן די ראָד? טאַקע ער, וואַסילי, וועט דאָס
טאָן. קאָרפּאָס מעסער האָט ער — טאָמער נעמט דער רומענער מאַכן שטיק, טאָמער טשעפּעט
ער זיך צו, און איגאָר און ליאָניע וועלן אַכטונג געבן אין די קוסטעס, באַוואָפנטע מיט פּלע־
קענער. וואָס וועט זײַן די פּולע? מע קאָן באַקומען אַ ביקס, קוילן, שוועבעלעך — אין פאַל,
אויב דער סאָלדאַט וועט זיך נעמען טשעפּען, נאָר בעסער ניט אָנמאַכן קיין ראַש, בעסער
זאָל אַלץ צוגיין פרידלעך, דאַן איז די פּולע — דערוויסן זיך באַם אָנטרײַבער, ווו איז מען,
וואָס טוט זיך אַרום, און דעריקער — עפּשער וועט ער אייצען, צו וועמען מע מעג דאָ ערגעץ
נאָענט אָנקלאַפּן? טאַקע ווײַל ער איז אַליין ניט אויף דער פרײַ, וועט אים אַזאַ פראַגע ניט
כידעשן, און אויסגעבן וועט ער ניט — ניט מיטן גוטן ווילן, ניט צופעליק, — ווער וועט אים

פרעגן, ווער רעדט מיט אים, אַז ער איז אונטער אַ קאָנוואָי, און דער רומענער — דער ווערט ביכלאַל גאָרנישט ניט פאַרשטיין.

אַזוי האָט מען געטאָן. וואַסילי האָט זיך נאָך צוגעפּוצט אין ליאָניעס פּאַלטאָ און אין זײַן היטל, קעדיי אויסקומען מער ציוויל, אָפּגעגעבן אים די אויסגעריבענע פּופּײַקע. אומגעקערט האָט זיך וואַסילי מיט עטלעכע פּאַפּיראָסן אין אַרבל, אַ מאַטאָנע פונעם רומענער, און מיט וויכטיקע נײַס: מע איז אַ קילאָמעטער דרײַצן פון זשמערינקע, נאָר אויף דער רעכטער זײַט פון בוג, אינעם בראַ׳לאָווער וואַלד. ניט ווײַט איז אַ כוטאָר — אַהין טאָר מען ניט פאַרקערעווען, דאָרט וווינען וואַלד־אופּזעער, מאַמעש היצלעס, די וועלן זיך צוטשעפּען, צו וועמען מע דאַרף און צו וועמען מע דאַרף ניט. אָבער נאָך אַ ביסל ווײַטער, אַרויף מיטן טײַך, איז דאָ אַ דאָרף רעקרוטי, דאָרט, אויב אָנקומען פון יענער־זײַט, ווו עס שטייט אַ ווינטמיל, איז דאָס פינפטע הויז אויף דער גאַס, אַ געדעקטס מיט שיפער — סיווירין באַזלענקאָס, דעם בוכהאַלטער פונעם אַמאָליקן קאָלווירט, און פונעם איצטיקן, ווער ווייסט וואָס — אַ ווירטשאַפט, וועלכע די דײַטשן באַנעמען קעסיידער, און דעם סטאַראָסטע פונעם היגן קלויסטער — צו אים מעג מען אָנקלאַפּן. אליין איז דער דאָזיקער, מיט דער געלער לאַטע — פון זשמערינקער געטאָ, עס זײַנען דאָ אַ סאַך אַזעלכע געטאָס אין די שטעטלעך באַם בוג, ווו די רומענער שטייען. דאָס האָלץ פירט מען פאַר דער זשמערינקער קאָמענדאַטור. ווי מע לעבט אין געטאָ? — וואַסילי האָט, עפּשער אליין ניט באַנעמענדיק עס, אַ בליק געטאָן אויף ליאָניען, — ווי ביכלאַל אין אַ קאָנצלאַגער, נאָר מיט די מישפּאָכעס, און דאָס איז שוין גאָר אַ טראַגעדיע...

7

סיווירין באַזלענקאָ, צו וועמען מע האָט אָנגעקלאַפּט שפּעט אין דער נאַכט, איז געווען אַ הויכער, אַ שמאָלפּלייציקער מיט אַ געגאָלטן, ניט קיין גרויסן קאָפּ, מיט קליינע אויגן־שפּעלטיקלעך און מיט אַ טיפן סימען פון אַ בריל אויבן אויף דער נאָז, מיסטאָמע, ווײַל ער האָט די ברילן ניט אָנגעטאָן, האָט ער זיך אַזוי געזשמורעט קעגן דער שוואַכער שײַן פונעם גאַז־לעמפּל, מיט וועלכן ער איז אַרויס אין פּאָרהײַזל. אָנגעקלאַפּט האָט, אייגנטלעך, און איז דער ערשטער אַרײַן אין פּאָרהײַזל סומויווויטער. ליאָניען און ראַזטשעפּקינען, וואָס האָבן געוואַרט אין סעדל, צווישן טונקעלע ביימער, האָט מען עטוואָס שפּעטער אַרײַנגערופן, און זיי האָבן שוין לויט די ווײַטערדיקע ווערטער פונעם באַלעבאָס פאַרשטאַנען, ווי עס איז דאָ צוגעגאַנגען פריִער.

— וואָס זשע טוט מען מיט אײַך, מיט דרײַען? — האָט שטיל מאַמעש געקלאָגט זיך באַזלענקאָ, — שטענדיק אַזוי — איינער קלאַפּט אָן, און אַז דו זאָגסט: „מיילע, קום אַרײַן”, ברענגט ער נאָך איינעם, צי נאָך צוויי. איינציקווײַז גיין וואָלט עפּשער בעסער געווען? — און אליין געענטפערט, אַ זוך געטאָן מיט די פינגער די הוילע, געקנייטשטע פּאָטיליצע, — באַהיט גאָט, איינער אליין איז שוין מיסטאָמע אינגאַנצן מאַרקאָטנע צו גיין...

אין שטוב האָט ער ניט אַרײַנגעפירט, געזאָגט — מע שלאָפט שוין. דאָס איז ער זיך פאַרזעסן באַ די כעזשבוינעס, דערפאַר האָט דאָס לעמפּל געבלימעט אין קיך. מע וואָלט קאָנען אַ וועק טאָן די שטוביקע, פאַנאַנדערבינדן אַ סנאָפּ שטרוי אין קיך, איז ווידער זשע — ווען איינער. אינדערפרי קאָן זיך אַרײַנכאַפּן עמעצער פון דער היגער נאַטשאַלסטווע, איז ווו ווערסטו זיך אַהינטאָן מיט דרײַען? אָנקלאַפּן צו די שכיינים, פאַראַן אַזעלכע — אויך שפּעט. ניט אַזוי דער שפּעט, ווי דאָס וועקן, באַ יעדן איז אַ הונט אין הויף — דאָס האַלט ער, סיווירין, קיין הונט ניט, אַז אַרום זײַנען אַזויפיל הינט אויף צוויי פיס. וואָס זשע העלפט שוין, אויב אויף פיר? איז, ווײַזט אויס, גלײַכער פון אַלץ — אין דער סטאָראָזשקע באַם קלויסטער. אַגעוו, זײַנען דאָרטן דאָ מענטשן... — באַזלענקאָ האָט דאָס אַלץ באַהאַנדלט מיט זיך אליין, ווידער און ווידער צוגעטראָגן די פינגער צו דער פּאָטיליצע, נאָר דאָס פּאָנעם זײַנס, אַ לענגעכיקס, אַ קנייטשיק־פּולס, האָט היִנטער דער פויערשער פּראָסטקײַט, וואָס איז אויף דעם אויסגעגאָסן געווען, פאַרטײַעט אי געדאַנק, אי זאָרג, אי מילדקײַט, — מענטשן זײַנען דאָרט דאָ, — האָט ער איבערגעכאַזערט און אַזוי אַ קוק געטאָן אויף די דרײַ לויט דער ריי, ווי ער זאָל יעדן זאָגן: „איר פאַרשטייט דאָך, אויב מע איז דאָרטן דאָ, און איך פיר אײַך...” נאָר עפּעס איז אין זײַנע אויגן, און אין דעם, ווי ער האָט שווערלעך אָן אָטעם געטאָן, געבליבן ניט דערזאָגטס, וועגן עפּעס האָט מען זיך נאָך געדאַרפט דערוויסן.

מע איז געווען מיד ביזן לעצטן גראַד. דאָס נאַסע אָנטאָן, וואָס האָט שוין אַזויפיל מעסלעס ניט אויסגעטריקנט זיך, האָט צונויפגעקלעמט דאָס לײַב, די זויערלעכע וואַרעמקײַט, וואָס האָט זיך דערטראָגן דורך דער קיך־טיר, וועלכע איז, אָן אַרומגעשלאָגענע מיט שטרוי־קרענצלעך, געבליבן עטוואָס אָפן, האָט מאַמעש געוואַלגערט פון די פיס, געפּלעפּט דעם מויעך, מע

איז גרייט געווען אומפאַלן דאָ, אין פּאַרהײַזל, און נאָכגיין אָן אַ זין דעם דאָזיקן מענטשן איז מען גרייט געווען, וויפל מע וועט דאַרפן, ווײַל וועמען נאָך גייט מען אָן?..

ער האָט געזאָגט, ווי דערעכאַגעוו, נאָר מיט לעבעדיקער זאָרג אין די אויגן:

— איך פאַרשטיי, אַז איין נאַכט וועט פאַר אײַך זײַן ווייניק, מאָרגן וועט איר וואַרשײַנלעך ניט גיין ווײַטער?

— ווער ווייסט, — דאָס האָט ראַזשטשעפּקין געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן, — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ געלעגער עס וועט זײַן.

— און וואָס פאַר אַ וועטשערע, — סיווירין האָט אונטערגעכאַפּט דעם שפּאַס, פאַרשטאַנען, אַז אָט דער שוואַרצער מוז זײַן דער קאָמאַנדיר, און, אײַנקוקנדיק זיך אין אים, מיט קוים אונטערגעשטראָכענער כשיוועס צוגעגעבן, — באַלד, וואַרט צו, וועל איך שטילינקערהייט אַ נישטער טאָן אין מײַן אַלטערס טעפּ. אָקרעפּ וועט מען קאָנען דערוואַרעמען דאָרטן, אָף אָן אָרט.

געגומען דאָס לעמפּל מיט זיך, האָט ער ניט לאַנג געזאַמט זיך אין קיך, אומגעקערט זיך שוין פון דער פינצטער — אויסגעלאָשן די שײַן, מע שלאָפט טאַקע, אומגעקערט זיך מיט אַ פּעקל אין דער האַנט — דער לינקער אָרעם איז שפּיציק אופגעהויבן געווען, אָפּגעזוכט, ריכטיקער, אָנגעטאַפּט ראַזשטשעפּקינען בײַ דער טיר, קיין טאָעס ניט געהאַט, און געזאָגט צו אים שטיל, נאָר אַזוי, אַז מע זאָל פאַרשטיין — ער מיינט אַלע דרײַ:

— דאָרט זײַנען ייִדן, אין דער סטאָראָזשקע. זשמערינקער. יעגער, וואָס האָט אײַך געראַטן אָנקלאַפּן, ווייסט דאָס. און אַלע ווייסן — שניצער זײַנען זיי. מע שניצט אָן איקאָנאָסטאַס מיט אַ „קייסער־טיר“ און אַלדאָס איבעריקע פאַרן קלויסטער. איר וועט שוין זען. דער באַטיושקע איז בײַ אונדז אַ יונגער, ער שלאָפט לאַנג. און ביכלאַל איז ער ניט קיין בייזער. נאָר מאַלע וועד עס קאָן אַרײַנקומען. איך וועל אײַך אופהייבן מיט די העגער. איר וועט אוועק צו די, מיט וועמען איך וועל איבעריידן. איינציקווײַז. איר וועט וויסן, ווו ווער עס געפינט זיך. ווײַטער — ווי איר וועט פאַרשטיין. גיין וועלן מיר ניט קיין קופּקע. איך — דער ערשטער, נאָך מיר — נאָך איינער. דורך די גערטנער. נו, מע דאַרף אײַך, כעוורע, ניט לערנען...

די באַקאַנטשאַפט מיט די, וואָס זײַנען געווען אין דער סטאָראָזשקע, איז פאָרגעקומען גאָר פּאָשעט און איז אַזוי ווי ניט פאָרגעקומען ביכלאַל. סיווירין האָט געהאַט אַ שליסל פונעם אינערלעכן שלאָס און ניט געדאַרפט קלאַפּן. אַריבערגעטראָטן די שוועל און שטיין געבליבן אַ ביסל אָן אָנגעבויגענער, דורכגעלאָזט די דרײַ, וואָס ער האָט געבראַכט, אַ טראָט, צוויי טריט פאַר זיך, האָט ער אַ רוף געטאָן אין דער טונקלקײַט, וואָס האָט אַ צעפּאָלאָכעטע זיך צעוויגט פונעם דינעם פלעמעלע — דער צינדמאַשינקע אין זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— כאַצקל — שלאָפסט? ניין? מאָזעס — איר שלאָפט? העניע — הערסט? דאָ האָב איך געבראַכט מענטשן, זיי וועלן איבערזײַן ביז קאַיאָר.

אין דער רויטלעכער טונקלקײַט, פונוואַנען עס זײַנען אַרויסגעשוווּמען אַלטע וואַנטבערווענעס מיט אָנגעקלאַפּטער קלאָטשע צווישן זיי, אַ סטעליע מיט אַ לאָך, וואָס פירט אפן בוידעם, אַ שטויביקער דיל, אַ־פאַרשאָטענער מיט קליינע סטרוזשקעס, מיט שטענגעלעך היי, אַ פענצטער, אַ פאַרהאַנגענער מיט אַ רעדנע, לעבן וועלכן עפּעס האָט געסטאַרטשעט, ווי אַ מענטש די הייך, פאַרוויקלט אין שמאַטעס, דאַכט זיך, אָנגענעצטע, — מעבל? — אַ טיש, אַ קורצע באַנק, צי אפילע צוויי בענק, נאָר דאָס אַלץ מיט עפּעס פאַרוואַלגערט, — אָט אין דעם דאָזיקן שוואַרץ־רויטן קרײַז האָט זיך צוערשט דערהערט אַ פרויִישע שטים: „ווער שלאָפט!“, און אַ מאַנצבלשע, מיט אַ הוסט: „ניין, מע האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן!“, און אַ דריטע שטים — ניט קיין דײַטלעך מורמלען... די שטימען זײַנען געקומען פון דער הייך, אַזוי ווי פון אַן אפן אויוון און פון אַ לעזשאַנקע — דער אויוון, אַ גרויסער, ווי געווייינלעך אין דאָרף, איז געשטאַנען לינקס פון דער טיר, נאָך דער דייזשקע מיט וואַסער, נאָך דעם היפּשן אָבערעמעק האָלץ אפן דיל, און איז אויסגעקערעוועט געווען מיטן פריפּעטשיק אין צימער אַרײַן, דעם איינציקן פון דער סטאָראָזשקע.

דערזען האָט מען בלויז די עלטערע פרוי, און דאָס אויך נאָך דעם, ווי סיווירין האָט געפרעגט:

— דער טשײַניק איז נאָך עפּשער וואַרעם, העניע, צי מע דאַרף אים דערוואַרעמען?

— באַלד, מיסטאָמע אויסגעקילט... — זי האָט זיך באַוויזן פון היגטערן־אויוון, אַ קליינטשקע, אָן אײַנגעשרומפּן־דאַרע, מיט אַן אפּגיך צונויפגעדרייטן קובליק, פון וועלכן דער שפּיץ פון אַ צעפּל האָט געשטעקט. אַ רײַב געטאָן מיט די אָדערדיקע הענט דאָס פּאָנעם, די אויגן, ווי זי זאָל זיך וואַשן, האָט העניע עטלעכע ווײַלעס באַקוקט די געקומענע, שווײַגנ־

דיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט צו וויסן — ס׳איז מיטלײַד צי באַרויגעזדיקער פּאַרדראָס — און גענומען אײַסעקן זיך באַם פּריפּעטשיק.

דערנאָך, ווען מע האָט זיך שוין צוגעזעצט אַף דער באַנק, פון וועלכער סיווירין האָט פּאַרזיכטיק איבערגעלייגט שטיקלעך טרוקן האָלץ און שניצערײַען אַפן טיש, אויך אַ פּאַרוואַלגערטן מיט דעם זעלבן, האָט מען דערזען אַ שוואַרצע, ניט קיין גרויסע באָרד, וואָס האָט געשטעקט פון אונטער דער פּאָלע פון אַ מאַנטל, מיט וועלכן דער, וואָס איז געלעגן אַף דער לעזשאַנקע, האָט זיך צוגעדעקט (אַף דער פּלייצע פונעם מאַנטל — אַ געלע לאַטע). געווען איז ער זייער אַ לאַנגער, דער דאָזיקער, ווען די באָרד האָט געהערט, — די פיס אין צעריסענע שקאַרפּעטקעס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון אונטער דער צווייטער פּאָלע און די לעזשאַנקע האָט פאַר זיי ניט געקלעקט. מע האָט אויך דערזען אין אויסגעדאַרטן מענטשן, אַ באַיאָרטן, אַ טונקעלן, וואָס האָט, אַ ליסער, מיט שוואַרץ־צעקודלטע האָר אַרום דער ליסינע און מיט גרויסע, טונקעלע, מער אומעטיקע, ווי אומרויִקע, אויגן געגעבן אַ קוק אַראָפּ פון אַפּן־אויוון.

סיווירין איז אַוועק, ווען מע האָט זיך דערעדט, אַז שלאָפן וועלן די געקומענע אַפן בוידעם. דאָרט איז דאָ אַ ביסל היי, און דעם לייטער וועט מען צונעמען אַרויף. טאָמער וואָס — גליטשט מען זיך אַראָפּ אין דער עפענונג צווישן דער דרויסנדיקער וואַנט און דעם דאַך, ווו עס פעלן צוויי ברעטער, — די עפענונג האָט מען באַקוקט, ווען מע איז געגאַנגען אַהער.

מע האָט שווײַגנדיק אָפּגעגעסן דאָס, וואָס סיווירין האָט געבראַכט — קאַלטע שטיקלעך פלייש, קנישעס פון קאָרענער מעל, פאַרטרונקען מיטן אָנגעוואַרעמטן וואַסער, אַ פאַרפּראַווועטן מיט עפּעס אַ מין גראָז, און אַרויף אַפן בוידעם. געלייגט האָט מען זיך צווישן לעזשאַק, נאָך אַ וואַרעמען, און דער לאַך, וואָס האָט געפירט אין סטאָראָזשקע — פון דאָרט איז אויך געקומען אַ וואַרעמער שטראָם. ליאָניע האָט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן, ווען מע האָט צונויפגעשאַרט דאָס היי, און איז דערפאַר ליגן געבליבן באַ אַ זײַט, נאָענט צו דער לאַך אין סטעליע. וואַסילי און איגאָר זײַנען אײַנגעשלאָפן, ווי נאָר מע האָט מיט די קעפּ זיך צוגעטוליעט צום שטעכיקן צוקאָפּנס, ליאָניען האָט דער שלאָף ניט גענומען: ער האָט אַ צעערגערטער געטראַכט וועגן די מענטשן, וואָס זײַנען געווען אונטן. מיטאַמאָל האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ וואָזעניש, אַ קרעכצן, עמעצער האָט זיך געדרייט, אַזוי ווי אַף דער לעזשאַנקע, און באַלד — אַף ייִדיש, ניט הויך:

— רעב כאַצקל, איר מיינט — איר און העניע — איך שלאָף? איך שלאָף ניט. ס׳שוין ביז אינדערפרי.

— יאָ, — דאָס איז געקומען פון אַפּן־אויוון, — די נאַכט איז לאַנג, ווי דער גאָלעס, און נאָך דערצו — אַ צעשלאָגענע נאַכט!

ליאָניע האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם: וויפל צײַט האָט ער שוין ניט געהערט אָט דאָס לאָשן, אַזעלכע פּראָסטע רייד!

ווידער דער, וואָס אַף דער לעזשאַנקע, ער האָט זיך אופגעזעצט:

— איר האָט געזאָגט, רעב כאַצקל, מיר זײַנען נאַווענאַדניקעס. איז אָט האָט איר נאַווענאַדניקעס. עמעסע... אײַער מאָרדכע ליוואַק, אַשטייגער, וואָלט אַוועק מיט אַזעלכע?

— מאָרדכע? די דאָזיקע האָבן אַזוי ווי גאָרנישט ניט באַ דער נעשאָמע. יענע, וואָס ער האָט זיך צו זיי געבעטן, האָבן געהאַט געווער. נעמט מיך, כעוורע, צו זיך...

— נו?

— נו, איז ווייסט איר דאָך. זיי האָבן געזאָגט: ווו וועלן מיר זיך מיט דיר אַהינטאָן, מע וועט דיך באַלד דערקענען.

— און די גלאָז בראָנפן, מיט וועלכער מע איז אים מעכאַבעד געווען, האָט ער אויסגעטרונקען?

— אויסגעטרונקען. מאָרדכע קאָן. און ער האָט אויך געטרונקען אָפּצעלאָכעס דעם קאָנוואָי. דעם קאָנוואָי, די רומענער, האָבן יענע ניט געטשעפּעט, נאָר קיין בראָנפן ניט געגעבן. אַז מע איז אַריבערגעטראָטן די שוועל צום לעסניטשי, מע איז דאָך, ווי אַלעמאָל, געקומען נאָך האָלץ, און דערזען די כעוורע באַם טיש, דרײַ צי פיר, מיט קאַראַבינען, אַוועקגעשטעלטע צווישן די קני, מיט גראַנאַטעס, איז איינער פון קאָנוואָי, ער איז אויך אַרײַן אין שטוב, געבליבן ניט טויט, ניט לעבעדיק. ווײַטער איז אַלץ פאָרגעקומען, וואָס מע דערציילט וועגן ליוואַקן... ווער ווייסט ביכלאַל, ווער יענע זײַנען געווען, אויב מע קערעוועט זיך אָפּ פון אַ מאָרדכע ליוואַק?

העניע:

— ער זאָל זיי כאָטש צונעמען קאַיאָר, סיווירין, די דאָזיקע. מע איז דאָך אויסגעשטעלט!

יענער, אַף דער לעזשאַנקע, האָט שטיל אַ לאַך געטאָן, ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַזוי געלאַכט, נאָר איצט איז דאָס אויסגעקומען סקעפּטיש, ביטער, כאָטש סײַ דאָס, סײַ יענץ האָט, קענטיק, ניט געמיינט אומיטלבאַר דעם ענטפער:

— ער וועט זיי צונעמען. ער ווייסט ניט, וואָס דאָ קאָן זײַן? ס'דאָך שוין געווען...

— געווען, אוי, געווען! אַז ער האָט מיך גענומען שמײַסן מיט דער נאַהײַקע, דער דײַטש, וואָס איז אַהער אַרײַנגעקומען, די רעציכע ברענט אין אים, און העניע וואַרפט זיך אַרום אים, ווי אַ קוואָטשקע אַרום אַ צעיושעטן הונט, זי שטעלט אונטער די הענט, די אייגענע פּלייצע אונטער דעם רימען מיט בלײַ אַפן שפּיץ, האָב איך גענומען שרײַען: „גאָטעניו, פאַרוואָס קומט דאָס מיר, פאַרוואָס זע איך דאָס?" און איצט טראַכט איך אויך, שוין וויפל איך ליג אין ווייען — פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?

אַף דער לעזשאַנקע, אַלץ מיט אַ ביסעלע סאַרקאַזם, נאָר אַ מער בוילעטן, ווי פריִער, און מיט מער ביטערקײַט, באַטריבטקײַט:

— אונדז — דאָס מיינט איר זיך און העניען, כאַצקל, צי אונדז אַלעמען?

— כ'מיין אַלץ, הער נײַשטעטיק, אַלץ אָרום און אָרום.

— אַלץ... — ווידער אַ קורצער לאַך פון איינעם, וואָס האָט נאָך דעם איקער ניט געזאָגט, און קלערט, צי זאָל ער אים זאָגן, מע דאַרף אים קענען פאַרשטיין, דעם איקער, אַזוי ווי ער. זײַנען עפּשער געקומען די מאַלקעס, כאַצקל, כאָטש גאָט האָט אויך צוגעשיקט די פּויערים, וואָס האָבן אײַך פאַרשטעלט פונעם דײַטש. איין קלייניקײַט — אַ ייִד שניצט דעם איקאָנאָסטאַס פאַר אַ קלויסטער, די „קייסער־טיר", דעם אַמוואָן, ווו דער גאַלעך וועט האַלטן דראָשעס און פּרעפּלען מיט דער קאַדילע, און אים אַליין, דעם געקרייצטן, דאַרף ער נאָך אויסשניצן — זאָגט — אונדז, אַלעמען, — איז האָבן מיר דאָך קלוימערשט, אַזוי איז אָפּגערעדט באַ דער וועלט, געהאַט אַ שײַכעס צו דעם, וואָס פּאָנטי פּילאַט — איר האָט געהערט פון אַזאַ? — האָט אָפּגעטאָן...

— כ'האָב ניט געהערט.

— אַ רוימער. ער האָט אים געקרייצט, דעם, וואָס איר דאַרפט אויסשניצן.

— האַ! — איצט האָט שוין אין כאַצקלס קאָל זיך דערהערט אַזוי ווי אַ שמייכל — אַן אַנטוישטער, — און איך טראַכט — וועמען מיינט איר? אָבער איר קלעפּט אים דאָך פאַר מיר, שוין ערנסט, מיט אַ בראָך אין דער שטים, — מע זאָגט — קאָרכאַכאָ, ס'איז טאַקע קאָרכאַכאָ, באַצוווּנגען...

אַף דער לעזשאַנקע:

— איך ווייס ניט — יאָ, צי ניין. — אַ פּאַוזע, ווען מע טראַכט, ווען מע איז פול מיט עמעצנס ספּייקעס, וועלכע, אויב מע פאַרשטייט זיי אַליין, איז מען ניט זיכער, אַז יענער, צו וועמען מע רעדט, וועט זיי פאַרשטיין, — אַזוי איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער „איך ווייס ניט"; נאָר ענדלעך, מיט אַ היפּשן גראַד פאַרטײַעטקײַט: — וואָס זאָל אַ מענטש טאָן, אויב מע האָט פאַר אים און פאַר אַנדערע אָפּגעפּאַסקנט עפּעס, באַשטימט עפּעס מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און ער קאָן דערמיט ניט מאַסקים זײַן, ס'איז כוץ לעדערעך האַטעווע און כוץ לעדערעך האָווילאָם? נו, האָב איך, דער טשערנאָוויצער אילוי, וואָס האָט באַקומען סמיכעס אַף ראַבאָנעס, — און באַ וועמען? — באַ דרײַ געוינים, אין פּוילן, מיילע, איך וועל זיי אײַך ניט אָנרופן, — איך האָב אַי געהאַט אָט דעם שטשערב, די פּעגימע, און ניט געטאָרט, ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס זיצט אין מיר, אַי געטראַכט, ווער ווייסט פאַרוואָס מער — טאַקע, ווײַל מע האָט ניט געטאָרט, צי ווײַל כ'האָב ניט געקאָנט... און אַזוינס שפּאַרט אַרויס פריִער אָדער שפּעטער. ס'האָט פון מיר אַרויסגעשפּאַרט. ס'איז מיר פּאָרט ווייניק געווען שניצן כאַנעקע־דריידלעך, — וואָס — דריידלעך? אַנטיקלעך! — ס'איז מיר ווייניק געווען מאַכן גיפּסענע מאָדעלן פאַר כאַנעקע־לעמפּלעך, מענוירעס, אַפילע אויסצאַצקען אַן אָמעד, אַ מיזרעך־וואַנט, אויסקלעפּן אָרנאַמענטן, איבערגעשאָטענע מיט פייגלען און כײַעס, דערבײַ זאָלן זיי אויך ניט גאָר ענלעך זײַן אַף עמעסע פייגלען און כײַעס, נאָר אויסקומען מער מײַסעדיקע, — אַז איך בין אַוועק אַף וועלטלעכע דראָכים, איך האָב פּאָרט נאָכגעגעבן דעם שעד, געשאַפן, ווי זאָגט מען עס, געטער צי אָפּגעטער, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַפן „לוי טאַאַסאָ לעכאָ פעסעל"[1], כ'האָב געלעבט, איז דער שעד מיר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, און אונטערגערוקט מיר,

---

[1] זאָלסט זיך ניט שאַפן קיין אָפּגאָט.

שוין אין ווין, ווו כ׳האָב שטודירט, דעם פינצטערסטן שאָל׳עך זײַנעם... זײַנעם? דעם מאלעכ־האמאָוועסעס שאָל׳עך...

כאַצקל האָט צי געוואָלט אַרײַנדרינגען אין דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, צי פּראָסט ווײַזן, אַז ער הערט, דערפאַר האָט ער זיך אָנגעכאַפּט קימאַט פאַרן לעצטן:

— אין ווין? איר זײַט אויסגעוווען אַ וועלט.

— אַ וועלט, ניט קיין וועלט. אַ וועלטעלע. און אָנגעטראָפן אין דער טראַנסניסטריע, קיין זשמערינקע, אין געהענעם...

מע האָט לאַנג געשוויגן אין דער סטאַראָזשקע, און ליאָניע האָט שוין געמיינט — מע שלאָפט, צי מע האָט באַשטימט שלאָפן. ער האָט זיך געפּרוּווט פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם, וואָס ער האָט געהערט. ווער פאָנטי פּילאַט איז געווען, האָט ער געוווּסט, וואָס פאַר אַ שעד ס׳האָט געפאַנגען יענעם מאָזעסן (דערווײַל איז פאַר די אויגן געשטאַנען בלויז אַ קורצע, שוואַרצע באָרד, מיסטאַמע אַ געגרײַזלטע, לאַנגע פּיס אין צעריסענע שקאַרפּעטקעס, אַ געלע לאַטע אַפן מאַנטל), וואָס ער מיינט, יענער, איז אויך קלאָר געווען — געזאָלט ווערן אַ ראַוו, געוואָרן אַ סקולפּטאָר, צי ניט געוואָרן ניט דאָס און ניט יענץ. נאָר עפּעס האָט ער ניט דערזאָגט, עפּשער ווײַל כאַצקל ווייסט דאָס שוין? ליאָניע האָט קימאַט נאָכגעגעבן דעם שלאָף, וואָס האָט אים אַ מאָרע געטאָן, נאָר דאָ האָט זיך ווידער דערהערט מאָזעס נײַשטעטיקס קאָל:

— איר בייזערט זיך ניט, העניע, וואָס איך וועק אײַך?

— אײַ, הערט שוין אוּף! — און כאָטש דאָס האָט אויך געקאָנט הייסן: „שווײַגט בעסער", האָט יענער, וואָס אַף דער לעזשאַנקע, צי אופגענומען דאָס אַנדערש, צי באַשטימט ניט רעכענען זיך דערמיט — ער איז געוווינט, מע זאָל אים הערן מיט כשיוועס, און ער קאָן אויך ריידן צו זיך אַליין, עס רעדט פון אים אַרויס.

— איך טראַכט. ס׳איז דאָ די ערד, אין וועלכער איך וועל ליגן — אויב ניט אין רעקרוטי, עפּשער ניט, איז אין זשמערינקע. ווו נאָך? שוין דאָ דער וואָרעם אין דער ערד, וואָס וועט מיך עסן. אָבער קיין מאַצייווע, קיין דענקמאָל איז פאַר מיר ניטאָ, ס׳הייסט, דער מאַטעריאַל אַפילע איז ניטאָ. און ער, מאָטל באַריישאָ, דער פלאָעשטער ייִד, מע האָט אונדז דעפּאָרטירט אַהער צוזאַמען, וועט האָבן אַ דענקמאָל — איך קלעפּ אים שוין. איר, כאַצקל קערזשנער, וועט אים אויסשניצן פון דעמב. און זײַן וועט ער אַפן ציילעם דאָ, אין קלויסטער, מע וועט קוקן אַף אים מיט גאָטספּאָרכטיקײַט, מיט פאַרוויינטע אויגן... איך האָב אים גוט געזען, מע האָט מיך, ווען כ׳בין געשיקט געוואָרן אַהער, אַרויסגעלאָזט דורכן צענטראַלן טויער פון דער געטאָ, און געקרייצט האָבן אים די דײַטשן — צו די דײַטשן האָט ער זיך געפּאַקט — דאָרט טאַקע, אַפן פּלויט, אַף די גאָרבוליעס, באַשלאָגענע מיט שטעכדראָט. די קינסטלער פון דער גאָרער וועלט, ווען זיי מאָלן צי זיי קלעפּן אויס דעם געקרייצטן יעשוע, יעזוסן, באַמי׳ען זיי זיך איבערגעבן דעם לעצטן הויך זײַנעם, די לעצטע ערדישע אַנגסטן פאַר דעם, ווי עס קומט די הימלשע פרייד, די הימלשע ליכטיקײַט. און איך האָב מאָטל באַריישאָן געזען, ווען צו דער לעצטער מינוט איז נאָך זייער ווײַט געווען — שרײַען האָט ער שוין ניט געקאָנט, נאָר געקוקט אַף מיר פון דער זײַט מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן, און ייִ׳עשדיק, מיט שמערץ, נאָר אָן פּאַכעד — הערט, אָן פּאַכ̄עד! — אַזוי ווי אַ מאַך געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ, פון וועלכן דאָס ביסל האָר, ער איז קימאַט אַ ליסער, איז מיט אַ דינער פּאַסמע אַראָפּגעפאַלן אַפן שטערן. ס׳האָט געריגנט, און די בגאָדים אַף אים זײַנען צוגעזאָטן צום לײַב — געוויינלעכע הויזן, אַ געוויינלעך העמדל און אַ געוויינלעכער פּידזשאַק, אַזוי ווי ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון געטאָ אַף דער דײַטשישער זײַט, צו קריגן דאָס ברויטל, מיט וועלכן ער וואָלט ניט קאָנען אָנהאָדעווען די גאַנצע אײדע, ווײַל די גאַנצע אײדע איז דאָך די געטאָ, נאָר די פינף קינדער זײַנע און דאָס ווײַב וואָלטן אַ טאָג, צוויי עטוואָס זאַטער געווען... אַזאַ קלעפּ איך אים, כאַצקל, און איר זאָלט אים שניצן אויך אַזאַמינעם, און דאָס פּאָנעם וועט זײַן — מאָטל באַריישאָ: אַ באָרד, אַ לענגערע אײדער עס איז אָנגענומען, און ער איז ניט אַזוי יונג, אַ יאָר פופציק, נאָר בי־כלאַל — אָן אײדל פּאָנעם, און שווערע לייד, ווי בײַ יעשוען.

דאָס שווײַגן דאָרט, אין דער סטאַראָזשקע, האָט געדאַרפט אויסזען אַזוי: כאַצקל איז אוואַדע געווען פאַרלוירן, ווער ווייסט, ווי עס וועט דורכגיין דאָס אַלץ, עפּעס וועלן דאָך מענטשן קוקן, וואָס עס ווערט געקלעפּט, געשניצט; העניע — זי איז פּאָשעט מינאַסטאָם געלעגן מיט אַ פאַרזאָטן האַרץ און געקוקט אַפן באַלקן פון דער נידעריקער סטעליע; מאָזעס — בײַ אים האָבן געדאַרפט זײַן הייסע, באַגײַסטערטע אויגן, אוואַדע איז ער געזעסן, אײַנגעקלאַמערט די פינגער אין דער באָרד און געקוקט אין דער נאַכט, דורך די פינצטערע ווענט... נאָר אָט האָט ווידער זיך דערהערט נײַשטעטיקס צוגעשטילט־קלינגעוודיק קאָל:

— לאָמיר באַקלערן אַזוינס. בײַ די פּאַשיסטן קאָן מען ניט אופהערן זײַן אַ ייִד אין

ערגסטן זין פון וואָרט — ווער דו זאָלסט ניט זײַן, פאַרניכטן דאַרף מען דיך. בא די ייִדן קאָן מען ניט אופהערן זײַן א ייִד אין בעסטן זין פון וואָרט — אפילע א מעשומעד בלײַבט א ייִד, ער ווערט אופשטיין טכיִעס־האמייסים אין מאָשיִעכס צײַטן. יעשוע איז אויך געבליבן א ייִד. באלד, באלד. נאָך אזא געדאנק: פון צוועלף טאלמידים יעשועס איז אײנער געווען ניט קיין גוטער מענטש, איז פאַרוואָס זשע דאַרף מען אורטײלן וועגן אונדז לויט דעם אײנעם, ניט לויט די עלף גוטע, און ניט לויט יעשועס אלײן? נאָר די פאשיסטן גײט די עמונע ביכלאַל ניט אָן, זײ האָבן גענומען דאָס, וואָס די עמונע האָט געשאפן, — די סינע, און ארײַנגעטראָגן די סינע אף עפעס אנדערס — אפן שטאם... יאָ, איז אָט וויל איך זאָגן וועגן גיירים. געווען בא אונדז גיירים אויך, אין אײניקע צײַטן — מער, אין אײניקע — ווייניקער. און עס ווערט אפילע געשריבן וועגן גיירים פאַרשײדן. אין אײן סייפער: „קאָשים גיירים לעייִסראָעל קעסאפאכאס“ — די גיירים זײַנען שווער פאר ייִסראָעל, ווי קרעץ. דאָ ווערט געמײנט: זײ ברענגען מיט זיך פרעמדע מידעס, געוווינהײַטן. און רעב הילעל, און די טאַנאָים, רעב אקיווע, רעב שימען בען יויכאָי, זײ האָבן געהאלטן פון גיירים. ווײַטער: „דער גער איז ליבער בא גאָט, אײדער א ייִד“. איז אָט האָב איך געמײנט: א גער. ער קומט צו מיר דאָרט, אין ווין, כ׳האָב אײַך שוין אײנמאָל געזאָגט — ווער, און בעט, אז איך, א ראָוו אָן אײדע, און עס באקומט זיך — א וועלטלעכער מענטש, וואָס האָט פון ראבאָנעס זיך אָפגעקערט, זאָל אים לערנען די ייִדישע מידעס, בײדע לעשוינעס אונדזערע, ער זאָל קאָנען פאַרטיפן זיך אין דעם, וואָס איז אונדזער גרויסקײַט און לייד. האָב איך אים געלערנט. קיין מאסמיד איז ער ניט געווען, דאָס האָב איך גאָר אינגיכן פאַרשטאנען, נאָר אזוי זיך, ווי זאָל איך אײַך זאָגן — אזא, וואָס אז ער בײַסט זיך אײַן אין עפעס, איז כאָטש א ברעקל, נאָר אָפבײַסן ווערט ער. מײלע. געצאָלטס? סכארלימעדז? כ׳האָב דעמלט, קאָן עס הייסן, געליטן דאַקעס, שטודירט עקסטערנע, נאָר ניט ארויסגעקוקט אף זײַנע דרײַ מארק פאַר דער לעקציע, אָפטלעך האָט ער זיך געמאכט ניט ווויסנדיק, האָב איך צוגעשוויגן. אזוי איז עס געגאַנגען. קיין גער, זע איך, ווערט ער ניט זײַן, און ניט דאָס איז מיר אָנגעגאנגען, נאָר — זאָל זײַן א פרײַנט אונדזערער... ערשט, מע ווײַזט מיר אָן אף אים, נאָך דעם, ווי ער איז שוין עפשער א האלב יאָר געווען אן ארײַנגײער צו מיר, פאַרשטעלט זיך אלס א קלײנער אָנגעשטעלטער אין א פירמע, מע ווײַזט מיר אָן אף אים, אז ער האָט אזוי אָנגעשלאָגן א ייִנגעלע, א ייִדישס דאפקע, וואָס האָט זיך געפאקט בא אים אין סאָד, אף א בוים, אז דאָס קינד איז אוועק פון דער וועלט. קיין רייד דערפון האָב איך מיט אים ניט געמאכט, כ׳האָב נאָר גוט דערוווּסט זיך אלץ פון דער זײַט — עמעס, און אָפגעזאָגט זיך לערנען מיט אים, איך לײג זיך אין שפיטאָל. און ער האָט מיך שוין ניט געדאַרפט אויך מיסטאמע. פאַר אים, פאַר אים איז איבערגענוג געווען דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט א שמעק געטאָן, קעדיי נעמען בלישטשען צווישן די זײַניקע... שפּעטער האָט ער אין ווין, ווּהין ס׳זײַנען ארײַן די פאשיסטן, אָנגעפירט מיט דער ביוראָ, וואָס האָט ארויסגעגעבן די ייִדן אויסלענדישע וויזעס — אָדעם־נאקעט איז מען געלאָפן פון די צאָרעס. און איצט, איך ווייס דאָס — ער איז דער, וואָס שיקט אומעטום די מערדער... איז טראכט איך, עס מוטשעט מיך און מוטשעט: פאַרוואָס האָט ער אָנגעטראָפן צו מיר?..

כאצקל, נאָך א פאָרזיכטיקן הוסט:

— וואָלט ער אָנגעטראָפן צו א צווייטן. אז ער האָט געזוכט, וואָלט ער געפונען.

— און איך טראכט, אײַ טראכט איך וועגן דעם — געדאַרפט אוועק מיט די בראַיִלאָווער, פאַרבײַטן כאָטשבי אײנעם פון די הונדערט מיט אכציק קדושים. גערשמאן וואָלט מיך ארײַנגעשטעלט אינעם צעטל, אים איז אלצײנס. וואָלט געלעבט און געמוטשעט זיך אף דער וועלט נאָך א מענטש, געהאָפט, ארויסגעקוקט אף דער געולע. און איך...

אין דער סטאָראָזשקע, ווּ עס איז שטיל געוואָרן, איז ווי הענגען געבליבן אָט דער „און איך“. ליאָניע האָט זיך אײַנגעהערט א מינוט, צווײ, דרײַ. ער האָט צוגעמאכט די אויגן, געצווונגען זיך צומאכן זײ, פאָרזיכטיק געפרווּט זיך אויסקערעווען אף א זײַט, ניט אופוועקן איגאָרן, וואָס האָט אין שלאָף אים אוועקגעלייגט די האנט אף דער ברוסט, און פלוצעם האָט זיך דערהערט ווידער נײַשטעטיקס קאָל:

— א גוטער נאָמען בא אײַך — יעכעזקל. אגעוו, האָבן די נעוויִ׳ים געשטראָפט, אָבער געטרייסט אויך, און קײנמאָל האָבן זײ ניט געזאָגט, אז דאָס פאָלק ווערט אונטערגײן. יעכעזקל האָט, צווישן אלץ, וואָס עס איז דערגאנגען צו אונדז, געזאָגט אזוינס: ס׳ווערט קומען א צײַט, ווען הערצער וועלן זײַן פון בלוט און פלייש, און ניט פון שטיין... לאָמיר האָפן!

— העניע שלאָפט, — האָט זיך דערהערט פון אפן־אויוון.

(סאָף קומט)

ארן ווערגעליס

פונעם ליבע־ציקל

דער געצעלט

שײַנט ארײַן אין מיר דער דרויסן,   מיט א דאך — ביז מארס דערהויבן,
שײַנט ארויס פון מיר מײַן וועלט.   מיט א דיל — געמאכט פון ערד.
מיט אזא מין בײַט כ'בין אויסן
אופצושטעלן א געצעלט
דער געצעלט וועט דיר געהערן.
זאָלסט אים האלטן טאָמיד ריין.
מיט נעשאָמעדיקע שויבן,   ס'וועט דער בײַט פארגעסן ווערן,
וואָס פון פרייד זײַנען פארטרערט.   דער געצעלט וועט שטיין און שטיין.

גאנצפרי, באטאָג, פארנאכט

דער טאָג שפרייט זיך אויס אף דײַן מענטשלעכן לײַב.
גאנצפרי — נאָך א בסולע, באטאָג — שוין א ווײַב,
פארנאכט... ביז פארנאכט איז נאָך ווײַט, דאנקען גאָט.

און דאָך — צו דעם סאָפּטאָג געווענדט איז דײַן טראָט.
ווען קומען אהין וועסט, מיט וועלקונג באצירט, —
פארמאָך ניט די לאָדן, פארהאָק ניט די טיר.
ווײַל כ'ווייס אף געווים: ס'וועט מיר סטײַען אזארט
אף ליפּן צו דיר אויך פארנאכט, אויך באנאכט.

כ'ווייס ניט, און איך ווייס

אופגעראמט דעם הימל האָסטו   קוקט אף דיר. דעם פיש איז שרעקלעך,
פונקט אזוי ווי אף דער וואָר.   ווײַל ניט קלאָר עס איז צולעצט:
(פון דער וועלט די באלעבאָסטע   וועסט א וואָרף געבן אים ברעקלעך,
ביסטו שוין מיליארדן יאָר).   צי וועסט אויסשפרייטן א נעץ...

אײדער שלאָפן גײן זיך לייגן,   אין דעם שלאָף, צי בעגילופן —
האָסט דעם הימל אויסגעווישט.   מער ווי שטענדיק בין איך דרייסט.
די לעוואָנע, ווי אן אייגל   כ'ווייס ניט, וויאזוי דיך רופן,
פון אן אומזעבארן פיש,   וויאזוי דיך זוכן — כ'ווייס.

מע דאַרף בויען ערשט דאָס וועלטל

אויב אין מײַן נעשאָמע וועסטו, ווי מע זאָגט, צעברעכן וועלטן,
זאָלסטו וויסן זײַן:
אַזעלעכס קאָן מען טאָן מיט מיר גאָר זעלטן.
זאָלסט ניט מיינען, כאַסכאַלילע, אַז דאָס האָט געקאָסט מיך וואָלוול.

שווער אַ ליבע בויען. שווערער ווי דעם טורעם, וואָס אין באָוול.
און פאַרגעס ניט פאַרגעדענקען, אַז דו בויסט דײַן ליבע־טורעם
דאָרט, ווו ס׳ליגן בערג מיט ברוכוואַרג, אָנגעוואַלגערט פון אַ שטורעם.

ווײַל דער נעכטן, די אַנטוישונג קריכן דאָרט פון יעדן שפּעלטל, —
פאַר דעם הײַנט און פאַר דעם גלויבן דאַרף מען בויען ערשט דאָס וועלטל.

פון געוויין ביזן שמייכל

דאָס וועט פּרובער צי שפּעטער
אויך צום סײכל דערגײן.
פרעגט ניט אויס מיך, איך בעט אײַך,
וואָס ס׳באַטײַט איר געוויין.

דאָס איז מערער פון ליבע,
און פון דעם ס׳איז אויך מער,

וואָס, אין ביכער באַשריבן,
רופט אַרויס אײַער טרער.

יאָ, דערגיין ס׳וועט צום סייכל,
און איר וועט דאַן פאַרשטיין:
פון געוויין ביזן שמייכל
דער מעהאַלעך איז קליין.

באַם צאָלן כיוועס

גאַנצפרי איך קום, דעם קאָפּ פאַרדול דיר
(איך ווייס: עס קומט פאַר דעם אַ שטראָף),
אַז ביז פאַרנאַכט זאָלסט זײַן געדולדיק —
צעצאָלן כ׳וועל זיך ביזן סאָף.

אין גאַנג פון טאָג, באַם צאָלן כיוועס,
איך גיב דיר אויך אַן אָדעראָף —

דעם קומענדיקן כיוו לעטויוועס.
צעצאָלן כ׳וועל זיך ביזן סאָף.

אפילע ווען דער טאָג זיך ענדיקט
און ס׳וואַרט אַף מיר שוין בלויז דער שלאָף, —
איך פּיל זיך דעמלט אויך, ווי שטענדיק,
באַם סאַמע אָנהייב, ניט באַם סאָף.

באַביידן איין געפיל

פרעג מיך ניט קיין שאַלעס, גלייב מיר אָפּן וואָרט.
אַלעמאָל איך ברענג דיך צו דעם זעלבן אָרט.

ס׳טרעפט, אַז מיט די שטראָמען, ס׳טרעפט — אַנטקעגן ווינט,
איין מאָל מיט אַ קלאָרקײַט, און אַ צווייט מאָל — בלינד.

וואָס אין אָנהייב וויל איך, ווייס איך ניט אַליין.
פרעג מיך ניט קיין שאַלעס. פרעג ניט, וואָס איך מיין.

טראַכט ניט צו קיין טשוווּעס, כ׳גלייב דיר אָפּן וואָרט.
ווען איך קום צום ציל אָן, טרעף איך דיך שוין דאָרט.

דײַן אומרויִק געשריי

צו דעם פייגעלע געגליכן, איז פאר עמעצן א רעמעז
וואָס דעם וועטער ברענגט, דו ביסט. אף א רעגן, אף א שניי.
זאָגסט אָן אומגליקן און גליקן,
ווען דו טומלסט ניט, — פאַרדריסט. נאָר פאר מיר אן אויסברוך איז דאָס,
פונקט אזא ווי דער ווולקאַן,
עפשער טאקע איז אָן עמעס, ווי דאָס וואָרט, מיט וועלכן קריסטוס
אז דײַן אומרויִק געשריי איז צו זיך אליין דערגאַן.

עפשער

עפשער איז נאָך ניט די צײַט,
צי די צײַט פארבײַ איז עפשער,
נאָר איך זוך די פרוכט פארשײַט,
און עס ווילט זיך מיר א העמשעך.

עפשער האלטסטו ניט פון דעם,
צי דו ווייסט נאָך ניט, וואָס איז עס.
קוילן האָבן ניט דעם שעם,
וואָס עס האָבן שוין די הילזעס.

עפשער ווייסטו פון פאָרויס,
אז איך וועל בא דיר עס פוי׳לן.
הילזעס האָבן ניט דעם שטויס,
וואָס עס האָבן נאָך די קוילן.

ביידע ברעגן און דער בריק

קיינער האָט אזוינס נאָך ניט באשריבן.
ס׳איז ביז אונדז צעפירט געוווען דער בריק.
קומט ארויס באגעגענען מײַן ליבע,
קומט ארויס א קוק טאָן אף מײַן גליק.

אויב איר האָט געזען שוין אויך אזעלעכס,
איז עס א באווײַז, אז איר געדענקט
די באוווּסטע צײַט שלוימע האמעלעכס,
וועלכע גאָט אליין האָט אונדז געשענקט.

נאָר אויב איר געדענקט ניט אזא ליבע,
אויב ס׳איז ניט באוווּסט אײַך אזא גליק, —
הייסט עס, קיינער האָט נאָך ניט באשריבן
ניט די ביידע ברעגן, ניט דעם בריק.

מיר נעמען שוין אזא מין פאַל...

מײַן שאָכן איז אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ יאָר צוריק פֿון רוסלאַנד.
מיר נעמען שוין אזא מין פאַל:
ער האָט, כאַלילע, רוסלאַנד ניט געווינטשט קיין שלעכטס,
קיין סוינע ניט געווען,
דעם סיידער איבערמאכן ניט געוואָלט.
עס האָט געטראָפֿן, מ׳איז באַגאַנגען בענעגייע אים אַן אוולע,
ניט קיין גרויסע אוולע איז מען בענעגייע אים באַגאַנגען —
אויף דער אַרבעט, מעגלעך, צי אין גאַס,
האָט ער אַ זאָג געטאָן זײַן פּלוינעסטע בעזע האַלאָשן:
„ווייסטו וואָס? לאָמיר אוועקפֿאָרן קיין ייִסראָעל,
ווײַל וואָס מיר זײַנען — זײַנען מיר, אָבער ייִדן זײַנען מיר...״

אַ טאָג פֿאַרן אָפּפֿאָרן איז ער אוועק אויף דעם הייליקן אָרט,
פֿאַריכט די צאַם אַרום דעם זיידנס קייווער,
אַרומגעקערט די פּלאַטשיקע מאַצייווע בא דער שוויגער
און לעם דער מאַמעס קייווער געבליבן זיצן לאַנג —
צוויי ריטשקעלעך פֿוןביידע זײַטן נאָז האָבן דאָס פּאָנעם אים געקיצלט.
דערנאָך, ווען אין קאָנטיינערן מע האָט געפּאַקעוועט דאָס האָב־און־גוטס,
איז ער געווען אין קאַעס, וואָס דאָס ווײַב וויל מיטנעמען אַזויפֿיל שמאָכטעס,
און אויף איר אָנגעשריגן: „וואָס ס׳טו טאָן מיט אָט די שמויסן,
אַז באַם באַרג סינײַ איז אַ היץ, ווי אין די סאַנדונאָווסקע באַניעס?״
די ביכלעך האָט ער אויך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די פּעק:
„סערגיי יעסענין פֿעלט דיר נאָך אין ערעץ־ייִסראָעל!
פֿאַראַן דאָרט, לאָמיר האָפֿן, אייגענע יעסענינס...״
געמאַכט אַן אויסנאַם פֿאַר טורגעניעווס בוך. נו, מיילע...
ווען ס׳איז די ריי געקומען צו די אָרדענס און מעדאַלן,
האָט אים געדאַכט: עס טוט אַ קיצל ווידער לעם דער נאָז
אַ טרער, נאָר ער איז בײַגעקומען אויך די שוואַכקײַט.

האַקלאַל, איינגאַנצן זיך באַפֿרײַט פֿון דעם, וואָס איז אַ לאַסט
און איבעריקע אין קאָנטיינער און — באַזונדערס — אין זיקאָרן,
איז ער אוועק צום אַעראָוואָקזאַל אָן איינצידענטן
(דאָס קעצל מורקע האָט ער, עמעס, ניט געוווסט וווהין אַהינטאָן.
אַ צאַרבאַלעכאַים, נעבעך. בלײַבט דאָ איבער אָן אַ היים...).

ס׳איז דורך אַ כוידעש, צוויי און דרײַ. אַ יאָר איז דורכגעגאַנגען.
מײַן שאָכן האָט געלעבט — ווי ס׳איז געווען זײַן ווילן — ניט אין רוסלאַנד.
מיר נעמען שוין אזא מין פאַל:
מע האָט ניט אָפּגעהאַלטן צופֿיל צײַט אים אין אולפּאַן,
קיין כויוועס ניט פֿאַרשריבן אים פֿאַר אַלץ, וואָס לאָזט זיך קאָסטן,
ווי אַנדערע, ער איז קיין גאַסן־קערער ניט געוואָרן,
ניט אָנגעטראָפֿן אויף אַ באַלעבאָס, וואָס זעט אין יעדן אימיגראַנט „פֿון דאָרטן״
שיר ניט יענעם ליוויאָסן, וואָס ווערט איבערקערן זײַן געשעפֿט.
ער האָט דאָס לעבן אײַנגעאָרדנט (דערווײַל ניט אײַנגעפּונדעוועט, פֿאַרשטייט זיך)
לויט נײַע קלאָלים:
אין שיפּל בלײַבט בלויז איינער. שנעל דעם אַנדערן דערטרינק, און בלײַב אַליין...

אזוי וואָלט ער זיך אויסגעלעבט די יאָרן אַף דעם נײַעם אָרט.
נאָר עפּעס האָט געטאַטשעט אים — וואָס, אייגנטלעך, האָט ער נאָך ניט געוווּסט.
געשפּירט האָט ער אַ ליידיקײַט אַזאַ, וואָס גאָרנישט קאָן זי ניט פאַרפּילן,
אַ שווערקײַט, וועלכע גאָרנישט קאָן ניט מאַכן גרינג.
באַטאָג האָט אים געצויגן צומאַכן די אויגן — שלאָפן,
באַנאַכט האָט ער קיין אויג ניט צוגעמאַכט.
די וועלט, וואָס ער געלעבט אין איר האָט פריִער
און ניט געטראַכט פון דעם, ווײַל זעלבסטפאַרשטענדלעך איז זי אים געווען, —
זי האָט אַצינדער אופגעלעבט אין אים — אַ פײַנלעכע דערמאָנונג —
און פון זײַן אײַנגעקאָרטשעטער נעשאָמע אַלץ אַרויסגעשטויסן, אַלץ!

קאָן זײַן, די מאַרעשכוירע האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם מידבער־ווינט,
וואָס אָנגעגליטע זעמדעלעך טראָגט אָן — אַ ריב־אײַזן פאַר מענטשנס לײַב.
אַנומלטן, אין ערשטן אָסיען נאָכן אָפּפאָרן פון רוסלאַנד,
האָט ער געאַרבעט אַפן ווינט, און מיטאַמאָל דערפילט:
דאָס האַרץ גייט אויס נאָך אַ ראַסייער אָסיען
מיט ווינטלעך, ענלעכע אַף נאַסע בעזעמלעך,
וואָס שמײַסן כּיִעסדיק: ס'טוט וויי, נאָר סאַראַ פאַרגעניגן!
דאָרט, ווו ער האָט געאַרבעט, איז געוואַקסן אַ פאַרפלאָנצטער וואַלד,
דיביימער זײַנען דאָרט אַזוי ווי מאַצע טרוקן,
און ס'האָט זיך דעם געבוירענעם צווישן די צאַפּנדיקע וועלדער פאַרגעשטעלט
אַ גאַנצע וועלט מיט סאָסנעס און בערעזעס —
די קאָרע אויסגעוויקט פון רעגנס און פון ראָסעס,
דאָס זשוכלע גראָז, דער בלעטערפאַל — אַזוי געדיכט,
אַז פערד־און־וואָגן ווערן דאָרט פאַריזנעט,
אין פעלד עס קאָן די פּעטע ערד אַראָפּציִען די שטיוול באַ די גייער...

פאַרנאַכט־צו, נאָך דער אַרבעט, פּרוּווט ער צושפּאַרן דעם קאָפּ,
נאָר רו איז אים פאַרשפּראָכן. דאָס, וואָס אינעם דימיען
ער זעט, וואָלט פריִער ניט אַרויסגערופן ניט קיין כידעש, ניט קיין פּײַן,
אָבער אַצינד מיט קאַלטן שווייס באַגיסט ער זיך. ער זעט:
פאַרוקט די אַרבל פונעם ציצן קאָפטל,
זײַן מאַמע הייבט אָן קנעטן שנעל און מונטער
(מיט וואַרעמע צריבענע קאַרטאָפל
דאָס קלעפּיק טייג פאַראַשטשינעט אין מולטער).
פונקט ווי זי וואָלט אַ שעד אין טייג פאַרטריבן
און ער גענומען וואָלט דאָרט כאַרכלען, זויגן
און מיט אַ פּאָר געזונטע, גראָבע ליפּן
אַ דיניק, לעבלעך קוויטשיקל פאַרצויגן.
די מאַמע קנעט און קנעט... זי האָט כאַראַטע,
דעם שעד זיך אײַנמאַסטען אין טייג זי לאָזט שוין ניט,
אַרויסטרײַבן זי וויל אים פון דער ראַשטשינע,
פאַרטרײַבן פון דער שטוב, אַרײַנטרײַבן אין בלאָטע...

די זעונג טוט זיך אָפּ פון אים צוזאַמען מיטן שלאָף.
ווי גוט וואָלט איצט געווען זיך דורכריידן מיט מענטשן. נאָר — מיט וועמען?
אין רוסלאַנד וואָלט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן אין פּראָפּקאָם,
אַרײַנגעגאַן צו דעם פאַרטיינעם סעקרעטאַר אַפילע
(דאָס גאַנצע לעבן וועט ער שוין זיך מויכל זײַן ניט קאָנען,
פאַר דעם, וואָס ניט געטאָן ער האָט עס איידער לאָזן זיך אין וועג...).
יאָ! — טוט ער זיך אַ כאַפּ. — די גאַנצע צאָרע איז, ווײַזט אויס, טאַקע אין דעם,
וואָס צוגעוווינט ער איז געווען אין רוסלאַנד לעבן צווישן מענטשן,

בא אנדערע איז אָנשפּאַר זוכן און אליין פאַר יענעם זײַן אַן אָנשפּאַר.
א ווערטעלע צו זאָגן: אונטער דיר, בען־אָדאָם, שטייט
ניט מער, ניט ווייניקער — א גאַנצענע מעלוכע!

און ס'האָט געטראָפן — נאָך איין כאַלעם האָט זיך אים געכאַלעמט:
ער לעבט, ווי פריִער, אין דער היים, אין רוסלאַנד,
און — קלאַל א נאַרישקײַט — צו זיך אין שטוב ער וויל אַרײַנגיין,
נאָר ס'איז די טיר פאַרשלאָסן, און דעם שליסל קאָן ער ניט געפינען.
דאַן גייט ארויס סטעפּאַן פּעטראָוויטש פון זײַן דירע.
סטעפּאַן פּעטראָוויטש, טשטאָ זא טשודאָ!
סטעפּאַן פּעטראָוויטש קאָן ניט זיצן אינדערוואַרעם, ווען ס'שטייט א צווייטער אפן ווינט.
ער העלפט אים אופשליסן די טיר.
דערנאָכדעם טראָגט ארויס די זעג, און ביידע זעגן אָן א ביסל האָלץ.
און ס'גייט אוועק צוריק אין שטוב צו זיך סטעפּאַן פּעטראָוויטש.

שאַ, עפּשער אָנשרײַבן א בריוול צו סטעפּאַן פּעטראָוויטשן,
זיך אָנפרעגן בא אים, לעמאָשל, וועגן אזא קלייניקײַט, —
מ'זאָל נאָר ניט לאַכן, —
זיך אָנפרעגן, ווּהין ס'האָט זיך אהינגעטאָן דאָס קעצל מורקע.
טשיקאַווע וויסן, ווּ אזא צאַרבאַלעכאָ:ים האָט געפונען זיך א מאָקעם,
ווען ס'איז דעם באַלעבאָס אַרײַנגעפאַלן א מאַנקאַליע אין קאָפּ:
גאָר נעמען און ארויספאָרן פון רוסלאַנד קיין יִיסראָעל...

אין איינוועגס שרײַט ער אָן מיט קאַעס אף זײַן פלוינעסטע,
פאַרוואָס מיט אָפּגעשפּאַרטן האָב־און־גוטס זי האַנדלט אף דער באַראַכאָלקע:
„די שמויסן כאַטש לאָז איבער. מײַנסט, וועסט אײביק זשאַרען זיך באַם קויסל?..”
טורגעניעווס ביכל אָפּגעזוכט, און דאָרט, ווי ס'וואָלט א טײַט־פינגער פון אויבן
אָנגעוויזן, — שטויסט ער אָן זיך גלײַך אף יענעם אָרט, ווּ ס'שטייט געשריבן,
אז
אָן יעדערן פון אונדז וועט רוסלאַנד לעבן,
מיר אָן רוסלאַנד — ניט.

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אזוי עס ענדיקט זיך די פּײַנלעכע געשיכטע
פון שאָכן מײַנעם, וואָס —
מיר נעמען שוין אזא מין פאַל:
ער האָט, כאָלילע, רוסלאַנד ניט געווינטשט קיין שלעכטס,
קיין סוינע ניט געווען,
דעם סיידער איבערמאַכן ניט געוואָלט.
עס האָט געטראָפן, מ'איז באַגאַנגען בענעגייע אים אָן אוולע,
ניט קיין גרויסע אוולע איז מען בענעגייע אים באַגאַנגען —
אף דער ארבעט, מעגלעך, צי אין גאַס,
האָט ער א זאָג געטאָן זײַן פלוינעסטע בעזע האַלאָשן:
„ווייסטו וואָס? לאָמיר אוועקפאָרן קיין יִיסראָעל,
ווײַל וואָס מיר זײַנען — זײַנען מיר, אָבער יִידן זײַנען מיר”...

אויף די שפּורן פון געשעענעם

קאפיטאן אלעקסאנדער מוק — נאציאָנאלער העלד פון טשעכאָסלאָוואקיע

אלעקסאנדער מאָיסייעוויטש מוק ארבעט אף איינעם פון די מאָסקווער זאוואָדן שוין העכער 20 יאָר. זײַנע פליכטן זײַנען גאנץ פאָשעטע: ער באגלייט פון איין צעך אין אן אנדערן דעם טראנספּאָרט מיט גרייטע דעטאלן. עפעס אנדערס איז ער שוין איצט ניט בעקויעך צו טאָן. אָבער ער קלאָגט זיך ניט אף זײַן גוירל: אבי ניט אָפגעזונדערט פון דער וועלט, אבי זיך געפינען צווישן מענטשן.

די מילכאָמע האָט איבערגעלאָזט אף זײַן לײַב פיל שפורן פון קוילן און סנאריאד־שפליטערס. דאָס לאָשן איז בא אים אויך ניט קיין קלאָרס. א קלייניקײַט: צוויי לאנגע יאָר אָפליגן אין שפיטאָל קימאט אָן באוווסטזײַן!

אף א פײַערלעכן אָונט, געווידמעט דעם יאָרטאָג פון דער סאָוועטישער ארמיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אפן זאוואָד, ווו עס ארבעט אלעקסאנדער מוק, האָט דער געוועזענער שעף פונעם פאָליט־אָפטייל פון דער באוווסטער פאנפילאָווער דיוויזיע, דער גווארדיע־פאָלקאָווניק לאווירינענקאָ, געזאָגט:

— אָט זיצט צווישן אונדז אן ארבעטער, וואָס איז מיט זײַן טאנק באם באפרײַען אוקראַינע דער ערשטער ארײַן אין פיאטיכאטקע. ס׳איז זייער אָנגענעם זיך באגעגענען מיט אזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן העלדיש געקעמפט פארן גליק פון אונדז אלעמען.

און ער האָט אָנגעוויזן אף אלעקסאנדער מאָיסייעוויטש מוקן.

אלעקסאנדער מוק איז אין איין עלטער מיט דער רעוואָליוציע. ער איז געבוירן געוואָרן אף דער אוקראַינע, אינעם שטעטל באר, וויניצער געגנט. זײַן פאָטער האָט געארבעט אין דעם אָרטיקן צוקער־זאוואָד און געהאט א היפש געזינדל — צוועלף טעכטער און צוויי זין. די מוטער, טויבע־גיטל, איז קיינמאָל ניט געזעסן מיט פארלייגטע הענט, פון פארטאָג ביז שפעט אין דער נאכט פלעגט זי האָרעווען, קעדיי אָנהאָדעווען דאָס קליינוואַרג, — קאָכן, באקן, וואשן, מעלקן די קו — די צווייטע פארנאָסע־געבערן. אויך די קינדער האָבן פון די יונגע יאָרן אָן געוווסט פון האָרעוואניע, געהאָלפן איינער דעם אנדערן און דער מאמען.

מיט איין וואָרט: א געזונטע האָרעפאשנע מישפאָכע.

אלעקסאנדער איז אין עלטער פון זיבעצן יאָר פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי. גאָר אינגיכן איז אים אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין די שלאכטן בא דער כאסאן־אָזערע קעגן די יאפאָנישע כאיאָלעס אלס שיסער פון א טאנק. דערנאָך איז ער מיט זײַן טאנק געווען אפן סאָוועטיש־פינלענדישן פראָנט. ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, האָט מען אים געשיקט קיין אוליאנאָווסק אין א טאנקען־שול.

גלײַך נאָכן ענדיקן די דאָזיקע שול איז דער לייטענאנט אלעקסאנדער מוק אוועק אף דער פאָדער־ליניע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פארביטערטע שלאכטן הינטער ראָסטאָוו און סטאלינגראד. דאָ איז ער צום ערשטן מאָל שווער פארווונדעט געוואָרן און איז אָפגעלעגן זעקס כאָדאָשים אין שפיטאָל.

ניין, ער איז ניט פארבליבן אין הינטערלאנד. זיך קוים אויסגעהיילט, זעצט ער זיך ארײַן אין טאנק. נאָכאמאָל סטאלינגראד, קורסקער בויגן, און אָט איז ער שוין הינטער קיִעוו. ווידער פארביטערטע שלאכטן. באטאָג און באנאכט. אף דער ערד און אין דער לופט. אונטער א האָגל פון פײַער נעמט ער אָנטייל אין פאָרסירן דעם דניעפער. אין א מאָמענט, ווען עס ווערט פלוצעם איבערגעריסן די פארבינדונג, ווארפט זיך אלעקסאנדער מוק אין קאלטן וואסער, זוכט אָפ דעם קאבעל, שווימט אריבער דעם טײַך און

אלעקסאנדער מוק

שטעלט ווידער אויף די פאַרבינדונג. פאַר אָט דעם העלדישן טאַט איז ער באַלוינט געוואָרן מיט א שלאַכט־אָרדען „רויטער שטערן“.

אלעקסאנדער מאָיסייעוויטש דערציילט:

— נאָך דער באַפרײַונג פון קיִעוו האָבן מיר באַקומען א באַפעל אריבערגיין אפן ווײַסרוסישן פראָנט. אונדזערע טאַנקען האָבן געשלאָגן דעם סוינע און אים געטריבן אלץ ווײַטער אף מײַרעוו. מיר האָבן באַפרײַט מאָגיליאָוו, האָמעל, וויטעבסק, מינסק. אלץ אף אונדזער וועג איז געלעגן אין רויִנען. פאַר מײַנע אויגן זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען מײַנע אומגעקומענע עלטערן, די צוועלף שוועסטער, פיל קרויווים. העכער 38 קדוישים אין איין מישפּאָכע. מײַן הארץ האָט געווייטעקט. דער האַס צום סוינע איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער.

ער איז דערגאַנגען ביז בערלין און פון דאָרט פאַרקערעוועט אף פּראָג, דער הויפּטשטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

— אונדזערע טאַנקען, — דערציילט ווײַטער אלעקסאנדער מוק, — זײַנען דעם 10 מײַ שוין געווען הינטער פּראָג. פּלוצעם האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן א טשעך, אן אַנטלאָפענער פונעם פאַשיסטישן לאַגער, און, דערפרייענדיק זיך מיט אונדז, א געשריי געטאָן צו מיר: „קום, איך וועל דיר ווײַזן דעם קירצסטן וועג אף פּראָג“. איך האָב אים אוועקגעזעצט אפן טאַנק, און מיר האָבן זיך ארויסגעריסן פאָרויס פון אלע איבעריקע טאַנקען, פאַרניכטנדיק אונטערוועגס צעשפּליטערטע גרופּעס פונעם פײַנט, זייערע האַרמאַטן און אנדער געווער. הינטער פּראָג, צווישן די בערג, האָט א באָמביר־גרופּע אָנגעהויבן צו שלײַדערן באָמבעס אפן וועג, וווּ איך בין געווען מיט מײַן טאַנק. איין באָמבע איז געפאַלן זייער נאָענט לעבן מיר. דער שיסער פיליפּאָוו איז דערהאַרגעט געוואָרן, דער מעכאַניק מיכאַיִל שקלאָצקי און איך זײַנען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן...

צוויי יאָר האָט ער נאָך דעם ניט געקאָנט ריידן, אין משך פון א יאָר גאָרנישט ניט געהערט. מע האָט אים אויסגעהיילט און ער האָט זיך אומגעקערט אהיים.

די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט באַלוינט אלעקסאנדער מוקן מיט דעם אָרדען „גאָלדענער שטערן“. אלע יאָר, אלס העלד פון טשעכאָסלאָוואַקיע, קומט ער אהין צוגאַסט, און יעדעס מאָל אָרדנט מען אים אײַן א ברייטן קאַבאַלעס־פּאָנעם. זײַן טאַנק נומער 23, וועלכער האָט זיך דער ערשטער ארײַנגעריסן אין דער הויפּטשטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, שטייט איצט, ווי א דענקמאָל פון העלדישקײַט און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקײַט, אין צענטער פון דער שטאָט אפן וראָצלאַוו־פּלאַץ.

דאָ ניט לאַנג איז אין 36־טן צעך פונעם זאַוואָד ארויסגעהאַנגען געוואָרן א וואַנטצײַטונג מיט אלעקסאנדער מוקס פאָטאָגראַפיע. אונטער דער פאָטאָגראַפיע איז געווען אן אונטערשריפט: „דער קאַפּיטאַן אין דעמיסיע אלעקסאנדער מוק. פאַר ארויסגעוויזענער העלדישקײַט באַם באַפרײַען די שטאָט פּראָג איז אים צוגעייגנט דער טיטל „נאַציאָנאַלער העלד פון טשעכאָסלאָוואַקיע“. אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד האָט דעם כאַווער מוק באַלוינט פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן מיט פיל אָרדענס און מעדאַלן. דער כאַווער מוק איז אן ערן־בירגער פון דער שטאָט פּראָג“.

און א מיטיילונג: „פון טשעכאָסלאָוואַקיע איז אָנגעקומען פאַרן כאַווער מוק א מאַטאָנע — אן אויטאָמאָביל. די זאַוואָד־אַדמיניסטראַציע האָט פאַר זײַן מישפּאָכע אויסגעטיילט א נײַע דירע מיט אלע באַקוועמלעכקײַטן, און די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט אים גלײַך צוגעשיקט מעבל אף אויסשטאַטן זײַן נײַע וווינונג“.

כאַסקל זײַען,
מאָסקווע

דער מאָסקווער הימל און די מאָסקווער ערד

אנומלטן האָב איך באַגעגנט א מענטשן, וועמעס פאָנעם איז מיר געווען באַקאַנט, נאָר איך האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווער ער איז. איך האָב זיך באַגריסט מיט אים און געפרעגט, ווי מע רופט אים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— גאָלדבערג, יעפים אראָנאָוויטש.

— א פליִער פון דעמידאָווס פּאָלק?

— יאָ. איך געדענק אײַך אויך, — האָט ער געענטפערט. — איר האָט געשריבן וועגן די דעמידאָווצעס, — און אָנגערופן מײַן פאַמיליע.

אין די מילכאָמע־יאָרן בין איך געווען דער שטעלפארטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „פאַר העלדנמוט" פונעם 6־טן אוויִאַקאָרפּוס. ס'איז מיר אויסגעקומען צו שרײַבן וועגן דעם יונגן פליִער — דעמלט נאָך א סערזשאַנט און שפּעטער א ייִנגערער לייטענאַנט — יעפים גאָלדבערג, וועלכער האָט זיך ניט איין מאָל אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן.

צו זיבעצן יאָר איז ער געוואָרן אן אעראָקלובאָוועץ, און אינגיכן א קורסאַנט פון דער באָריסאָגלעבסקער אוויִאַ־שול אף טשקאַלאָווס נאָמען. ס'האָט זיך בא אים אָנגעהויבן א נײַ לעבן — טעאָריע און פּראַקטיק, טאַקטיק פון פירן א לופט־שלאַכט. ביז הײַנט קאָן ער ניט פארגעסן זײַנע ערשטע לערער־אינסטרוקטאָרן גאָלובאָוו, איוואַנאָוו, לוקאַשין. אים אליין, גאָלדבערגן, האָט מען זיך געקליבן נאָכן פארענדיקן די שול איבערלאָזן אלס אינסטרוקטאָר, און ער וואָלט אויך געוואָרן א לערער פאַר אנדערע, פאַר פארליבטע, ווי ער, אין אוויִאַציע. אָבער ס'איז ניט באַשערט געווען...

יעפים אראָנאָוויטש געדענקט גוט, וויִאַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן. א שפּראָץ אף טאָג האָבן זיי, א גרופּע קורסאַנטן, פריילעכע און זאָרגלאָזע, זיך ארײַנגעזעצט אין אווטאָמאַשינעס און געפאָרן צום טײַך זיך באָדן. זיי האָבן ניט באַוויזן זיך צולייגן אפן ברעג, ווי ס'איז געקומען צו פליִען אן אעראָפּלאַן, א מאַך געטאָן איבער זיי מיט די פליגל און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פונעם אעראָדראָם. דאָס איז געווען פאַר זיי א סיגנאַל — זיך אומקערן צוריק אין דער שול. שוין אינעם ערשטן דאָרף, וואָס איז געלעגן אף זייער וועג, האָבן די קורסאַנטן דערזען א גרויסן האַמוין מענטשן — דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אף דער גאַס. מע האָט ארומגערינגלט די אווטאָמאַשין, און אן אלטע פרוי האָט מיט טרערן אין די אויגן זיי מיטגעטיילט:

— מילכאָמע!

יעפים גאָלדבערג

דאָס לעבן אין דער שול האָט זיך געענדערט. די אעראָפּלאַנען האָט מען באַשטאַט אין מער זיכערע ערטער און זיי פארמאַסקירט, מע האָט געגראָבן זעמליאַנקעס, זיך געלערנט שיסן מיט שלאַכט־סנאַריאַדן איבער מאַקעטן. אייגנטלעך, איז דאָס געווען די זעלבע לער, ווי פריִער, אָבער זי האָט שוין געהאַט גאָר אן אנדער פאַנעם: אינגיכן וועט מען דאַרפן פירן עמעסע לופט־שלאַכטן.

אין אווגוסט 1941 איז דער סערזשאַנט יעפים גאָלדבערג, צוזאַמען מיט זײַן כאַווער וויאַטשעסלאַוו בעזײַעוו, אָנגעקומען אינעם אוויִאַפּאָלק פון פארניכטלער אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון נעסטאָר פיליפּאָוויטש דעמידאָוון.

סלאַווע און יעפים זײַנען געווען אין איין עלטער און האָבן דורכגעמאַכט איין און דעם זעלבן וועג אין דער אוויִאַציע. זיך באַגעגנט אינעם אעראָקלוב, אין איין צײַט פארענדיקט די לער אין דער פליִער־שול. און אָט זײַנען זיי ביידע געקומען אין איין עסקאַדריליע.

מע האָט זיך געדאַרפט אריבערזעצן פון די שטילע לערן־מאַשינעס „או־2" אף אעראָפּלאַנען־פארניכטלער „מיג־1", וועלכע זײַנען אין יענער צײַט געווען די סאַמע שנעלע. דערפארענע אוויִאַטאָרס האָבן גענומען איבער זיי שעפּטום. די יונגע פליִער זײַנען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אלץ היימישער מיט די מאַשינעס.

און אָט איז די ערשטע שלאכט. ארויסגעפליגן איינמאָל אין באשטאנד פון אן אכטל צו באשיצן אונדזער אינפאנטעריע, האָט גאָלדבערג פלוצעם דערזען א בינטל זעניט־אופרײַסן. דער יונגער פליִער האָט פארשטאנען, אז ערגעץ ניט ווײַט דארף זײַן, אפּאָנעם, א פאשיסטישער אעראָפלאן. ער האָט אים באלד געפונען — ס'איז געווען אן אויסשפּירער „כענשעל־126״, וועלכער האָט אָפּגעטאָן זײַן מיִעסע זאך און זיך אוועקגעלאָזט צוריק צו דער פראָנט־ליניע. גאָלדבערג האָט אף זײַן פארניכטלער זיך דערנעענטערט צום פײַנטלעכן אעראָפלאן און פון א קורצער דיסטאנץ ארויסגעלאָזט אין אים צוויי רעאקטיווע סנאריאדן. ער האָט געטראָפן אין ציל. אין דער זעלבער רעגע, ווען דער „מיג״ האָט זיך א וואקל געטאָן פון דער שטארקער אופרײַס־כוואליע, איז דער „כענשעל״ צעריסן געוואָרן אף שטיקלעך.

דאָס איז געווען א גוטער אָנהייב. דעם סערזשאנט גאָלדבערג האָט מען באשטימט אלס פירנדיקן פילאָט באם קאָמאנדיר פון דער עסקאדריליע. אזוי האָט דער גוירל פארבונדן יעפים גאָלדבערגן מיט יעווגעני גאָרבאטיוקן, וועלכער איז צו יענער צײַט שוין געווען א דערפארענער אוויאטאָר.

...יאָ, מיר האָבן געהאט וועגן וואָס זיך צו דערמאָנען מיט יעפים גאָלדבערגן בייס דער אומגעריכטער באגעגעניש אין פיל יאָרן ארום נאָך דער מילכאָמע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר וווינען ביידע אין איין קווארטאל, ביישכיינעס.

איך האָב אָנגעהויבן בלעטערן מײַן ארכיוו, וועלכער איז באשטאנען דעריקער פון צײַטונגען און פאָטאָגראפיעס, און כ'האָב געפונען ניט ווייניק מאטעריאלן וועגן די דעמידאָווצעס, וועגן דעם העלד פון דער דאָזיקער פארצייכענונג.

אָט איז א פאָטאָ־בילד אין דער צײַטונג „פאר העלדנמוט״ פונעם 8 פעווראל 1942 מיט אן אונטערשריפט: „דער פארטאָרג כאוו. שעווטשוק (פון רעכטס) שמועסט מיטן יונגן פליִער, דעם קאָמוניסט גאָלדבערגן״. און אָט איז א סטענאָגראמע פון א שמועס פונעם מיטארבעטער פון דער קאָמיסיע פון דער געשיכטע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע מ. ד. ראָזאנאָווא מיטן קאָמאנדיר פון דער עסקאדריליע, דעם העלד פון סאָוועטנפארבאנד קאפּיטאן גאָרבאטיוק דעם 9 יול 1942:

יעווגעני גאָרבאטיוק דערציילט וועגן איינער פון די מערקווירדיקסטע לופטשלאכטן דעם 14 נאָיאבער 1941, ווען אונדזערע פארניכטלער האָבן איבעם ראיאָן פון זוועניגאָראָד זיך אָנגעשטויסן אף א גרויסער גרופּע „יונקערסן״, וועלכע האָבן באגלייט זייערע „מעסערשמידטן״. די פאשיסטישע אעראָפלאנען האָבן געפרווט דורכרײַסן זיך צו אונדזער הויפטשטאָט, נאָר ס'האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן, ניט געקוקט אף דער איבערוואָג אין צאָל. אטאקירט דעם לידער פון דער דײַטשישער גרופּע, האָט דער לייטענאנט סאָרקין אים געצווונגען מאכן די פלייטע, פארקערעווען אף צוריק. דער קאָמאנדיר פון א רינג אנדריי גלושקאָ מיט זײַנע כאווײרים האָבן פארניכטעט פינף פײַנטלעכע אעראָפלאנען און דעריקער — צעזייט די גאנצע ארמאדע, זיי ניט געלאָזט זיך דערנעענטערן צום ציל. מיר האָבן פארלוירן בלויז צוויי אעראָפלאנען.

אין אָט דער ניט גלײַכער שלאכט, — ווערט געזאָגט אין דער סטענאָגראמע, — האָט צום ערשטן מאָל אָנטיילגענומען דער יונגער פליִער גאָלדבערג. „ער האָט מיר זייער גוט געהאָלפן, — דערציילט גאָרבאטיוק, — די גאנצע צײַט האָט ער פארטיידיקט מײַן מאשין פון הינטן, און, אזויארום, אָנגרײַפנדיק דעם סוינע, האָב איך ניט געדארפט מוירע האָבן, אז עמעצער זאָל אף מיר אָנפאלן פון יענער זײַט...״

גאָלדבערגס א צווייטער שלאכט־כאווער, איוואן כאָלאָדאָוו (שפעטער איז ער באערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד), האָט דערציילט אין אונדזער צײַטונג וועגן אזא עפּיזאָד.

איינמאָל — ס'איז געווען אין שפעטן הארבסט 1941 — האָט גאָלדבערגס אעראָפלאן, נאָכן פארניכטן די זעניט־פונקטן פונעם סוינע, באקומען זייער ערנסטע צעשעדיקונגען. דער יונגער פליִער איז מיט גרויסע צאָרעס פאמעלעך געפליגן צו זײַן אעראָדראָם. איבערכאפּן אים אין וועג איז פאר די פאשיסטישע שפארבערס געווען זייער לײַכט. און דאָ האָט ער באמערקט לעבן זיך א רויטשטערנדיקן פארניכטלער. דאָס האָט דער פליִער כאָלאָדאָוו געאײַלט צו הילף זײַן כאווער, און ער האָט אים ניט פארלאָזט, ביז יענער האָט ניט אראָפּגענידערט אף דער באזע.

אזוי האָט אין יענע טעג זיך אנטפלעקט די גרויסע פרײַנטשאפט פון פאָרשטייער פון פארשיידענע פעלקער, פארבונדענע אין איין מישפּאָכע מיט א געמיינזאמען ציל.

די צײַטונג „פראוודא״ פארן 5 מארט 1942 פארעפנטלעכט אן אוקאז פונעם פרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר וועגן באלוינען מיט אָרדענס און מעדאלן די שלאכטלײַט און קאָמאנדירן פון דער מאָסקווער קעגנלופט־שוץ. צווישן די באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן געפינען מיר דעם סערזשאנט גאָלדבערג יעפים אראָנאָוויטש. דאָס איז געווען א סאכאקל פון זײַנע שלאכט־אופטוען פארן ערשטן האלביאָר, זינט ער איז געקומען אפן

פּראָנט. אין זעקס טעג אַרום נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם אוקאַז איז גאָלדבערג אַלט געוואָרן 21 יאָר.

די צײַטונג „פאַר העלדנמוט" פונעם 5 דעקאַבער 1942 איז געווידמעט דעם טאָג פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. מיר לייענען דאָ יעפים גאָלדבערגס נאָטיץ (ער איז שוין אַ ייִנגערער לייטענאַנט) „דער שטאָלץ פון אַ שלאַכט־מאַן", אין וועלכער ער דערציילט, ווי האַנט־באַ־האַנט מיט זײַנע לאַווייִרים — רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, גרוזינער — האָט ער, פאַרטיידיקנדיק זײַן היימלאַנד, דורכגעמאַכט צו יענער צײַט 106 שלאַכט־אַרויספליִען, 36 מאָל אַטאַקירט דעם סוינעס אינפאַנטעריע, אַראָפּגעשלאָגן צוויי פאַשיסטישע עראָפּלאַנען.

יעפים אַראָנאָוויטש דערמאָנט זיך נאָך איין מערקווירדיקן שלאַכט־עפּיזאָד. באַגלייטנדיק אַ גרופּע אונדזערע עראָפּלאַנען, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער סאַמע נאָענטער צו אונדזערן אַ באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן, וועלכן די פאַשיסטישע זעניטלער האָבן אונטערגעצונדן. דער איינציקער פונעם עקיפּאַזש, וואָס איז געבליבן לעבן, איז העגנען געבליבן אונטערן קופּאָל פון אַ פּאַראַשוט. ניט געקוקט אויפן אומופהערלעכן פײַער פון די פײַנטלעכע זעניטקעס, האָט אונדזער פאַרניכטלער זיך די גאַנצע צײַט געדרייט אַרום דעם פּאַראַשוטיסט, באַשיצנדיק אים, ביז יענער האָט ניט אַראָפּגעגלידערט אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

ווער איז געווען דער פליִער, וועלכן ער האָט באַשיצט אונטערן האָגל פײַער, האָט גאָלדבערג דעמאָלט ניט געוווסט: אַ נאָפּקעמינע, אַבי אַן

פון רעכטס אויף לינקס: יעפים גאָלדבערג, נעסטאָר דעמידאָוו און וויאַטשעסלאַוו בעזיאַיעוו

אונדזעריקער. אין צוויי יאָר אַרום, זײַענדיק אין אַן אָפּרו־הויז הינטער מאָסקווע, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ פליִער. אַ מײַסע אויף אַ מײַסע, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז יענער פּאַראַשוטיסט, וואָס איז, ווי מע זאָגט, געהאַנגען אויף אַ האָר. ווי עס פירט זיך, איז מען שוין ניט אָפּגעגאַנגען איינער פונעם אַנדערן, געוואָרן די בעסטע גוטעפרײַנט...

נאָך דער מילכאָמע האָט גאָלדבערג געדינט אין זײַן אַוויאַ־טייל נאָך אַן אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר. די דאָזיקע יאָרן זײַנען געווען ניט ווייניקער אײַנהאַלטסרײַכע, ווי די פראָנט־צײַט. גאָלדבערג האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ פּאָשעטן פליִער ביז אַ קאָמאַנדיר פון אַ רינג און פון אַן עסקאַדריליע. זײַענדיק שוין אַ פּאָדפּאָלקאָווניק, האָט ער אויסגעפילט די שטורמאַנישע אַרבעט פון אַ גאַנצן אַוויאַ־טייל.

יעפים גאָלדבערג איז אַ פליִער פון ערשטן קלאַס. דעם דאָזיקן הויכן טיטל האָט מען אים צוגעייגנט נאָך אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן. זײַן אַ פליִער פון ערשטן קלאַס — הייסט קענען פליִען סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט, אין באַ־

ליביקע מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען. ניט איין נײַעם אעראָפּלאַן האָט ער באַהערשט, אָנהייבנדיק פון די ערשטע „מיגן" און ענדיקנדיק מיט די רעאַקטיווע. ניט אומזיסט איז ער פאַר אַט דער מי שוין נאָך דער מילכאָמע באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער שלאַכטפאָן — א באַלוינונג, וואָס עס פאַרדינט ניט יעדער מיליטערישער פליִער.

די אַרמיי־דינסט האָט דער אָפיצער יעפים אַראָנאָוויטש גאָלדבערג פאַרענדיקט אין דעם פאָלק, ווו ער האָט געדינט באַ צוויי צענדליק יאָר. לעצטנס איז דער קאָמאַנדיר פונעם אַוויִאַטייל געווען גאָלדבערגס יוגנט־פרײַנט פאָלקאָווניק וויאַטשעסלאַוו בעזזײַעוו (דער זעלבער „סלאַווע"...). יעווגעני מיכײַלאָוויטש גאָרבאַטיוק, באַ וועמען יעפים אַראָנאָוויטש איז געווען דער לידער אין דער עסקאַדרילִיע, איז איצט אין ראַנג פון א גענעראַל־פאָלקאָווניק פון אַוויִאַציע, שטעלפאַרטרעטער פונעם אויבער־הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע לופטקרעפטן. די פרײַנטשאַפט, וועלכע האָט זיך באַ די דרײַ שלאַכטלײַט אָנגעהויבן נאָך אין די גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן, דויערט אויך איצט.

יעפים גאָלדבערג פאַרנעמט זיך איצט מיט ציווילער אַרבעט. ער איז דער שעף פונעם טראַנספּאָרט־אָפּטייל אינעם טרעסט „גלאַוומאָססטרוי". אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער פאַרטיידיקט דעם מאָסקווער הימל פון פאַשיסטישע אעראָפּלאַנען. אַצינד איז זײַן אַרבעט אויך פאַרבונדן מיט דער הויפּטשטאָט, אָבער שוין אויף דער ערד.

די צײַט איז ניט בעקויעך אויסצומעקן פונעם זיקאָרן די יאָרן פון רום און העלדנמוט. דער אָפיצער אין דעמיסיע יעפים גאָלדבערג איז א מיטגליד פונעם ראַט פון וועטעראַנען פון זײַן פאָלק, ער טרעט אָפט אַרויס מיט שלאַכטדערמאָנונגען פאַר דער יוגנט. זײַנע זיכרוינעס האָבן דאָ ניט לאַנג געהערט מאָסקווער קאָמיוגיסטן — שילער פון דער 544־ער שול פונעם פּערוואָמײַסקער ראַיאָן פון דער הויפּטשטאָט, ווו ס'האָבן זיך געלערנט זײַנע זין באָריס און אַנדריי. דער בכאָר זײַנער דינט שוין איצט אין דער אַרמיי.

דער וועטעראַן איז אין דער ריי, און דאָס איז דער איקער.

יאַקאָוו שוואַרצמאַן,
זשורנאַליסט, מאָסקווע

ער איז געווען צווישן די ערשטע

אין יענעם טאָג איז געוואָרן דרײַ יאָר, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. און ווי א גרויזאַמע דערמאָנונג פאַר דעם סוינע, האָט אונדזער מיליטער פונקט פיר אַזייגער אינדערפרי אָפּגעשיקט א פײַער־שקוואַל פון מינענוואַרפער צו די פײַנטלעכע שוץ־ליניעס אינעם ראַיאָן פון סיראָטינאָ, וויטעבסקער געגנט.

אין משך פון פינף און פופציק מינוט האָט די ערד זיך געטרייסלט פון אויפרײַסן. די פּאָזיציעס פון די היטלעריסטן זײַנען אײַנגעהילט געווען אין א געדיכטן פלאַם. ס'האָט געדוכט, אַז פון דער שיסערײַ און פון די אויפרײַסן וועלן פּלאַצן די אויערן. דערנאָך איז געוואָרן שאַשטיל, ווי אַלץ אַרום וואָלט אָפּגעשטאָרבן. און גלײַך האָט זיך דערהערט איבער די קייטן פון אונדזערע טיילן א קאָמאַנדע:

— אויפשטיין, אין אָנגריף!

אונטערן ווידעראַמאָל אויפגעלעבטן פײַער האָבן זיך אויפגעהויבן אונדזערע גוואַרדייער. קיינער האָט ניט געטראַכט וועגן טויט, ניט געזוכט קיין באַהעלטעניש. יעדערער האָט פאַרשטאַנען: מע דאַרף אײַנברעכן דעם סוינעס שוץ־ליניע און וואָס גיכער דערגרייכן זײַנע פּאָזיציעס.

די נאָענטע טראַנשייען האָט מען צעשמעטערט אין געציילטע מינוטן. צוערשט געלאָזט אין גאַנג גראַנאַטעס, דערנאָך — די שפּיזן... פאַרנומען די טראַנשיי — און נאָכאַמאָל:

— פאָרן היימלאַנד! פאָרויס!

אונטער א האָגל פײַער האָבן אונדזערע סאָלדאַטן זיך אַרײַנגעריסן אין דער צווייטער ריי פונעם סוינעס שוץ־ליניעס. אין די טראַנשייען האָט זיך אָנגעהויבן א האַנט־געפעכט: מיט פּריקלאַדן, קינזשאַלן, פּאַשעט מיט די פויסטן...

דערנאָך — די דריטע טראַנשייען־ליניע. אונדזערע סאָלדאַטן זײַנען אַהער אַרײַן אַזוי אומגעריכט, אַז די היטלעריסטן זײַנען געוואָרן צעמישט. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן,

זוכנדיק א רעטונג. אָבער אומזיסט די טירכע — ס'האָט זיי שוין גאָרנישט ניט געהאָלפֿן...

אין אָוונט האָבן זיך אונדזערע גוואַרדייער אַרײַנגעריסן קיין סיראַטינאָ. צווישן די ערשטע איז געווען דער אכצניאַריקער קאָמיוגיסט יאַקאָוו פּאַרזון.

אין דער זעלבער נאַכט האָט א גרופּע קאָמיוגיסטן פרײַוויליק זיך אונטערגענומען אַפּגיך צונויפקלאַפּן פון בערווענעס א פּליט און, פאַרמאַסקירנדיק זיך מיט גרינע צווײַגן, אַריבערשווימען אַפן צווייטן ברעג פון דער מײַרעוו־דווינע. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א געפאַר עס דערוואַרט זיי. די קאָמאַנדשאַפט האָט באַפוילן פאַרכאַפּן א קליינעם „פּיאַטאַטשאָק" און אים אײַנהאַלטן. דערנאָך וועט קומען הילף, און ס'וועט זײַן א פּלאַצדאַרם.

מע זאָגט, אַז געוואַגטע גליקט שטענדיק אָפּ. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דעם טײַך זײַנען זיי איבערגעשווומען אָן קיין שום פּאַסירונגען און גלײַך זיך פאַרגראָבן אין דער ערד, גרייטנדיק זיך באַגעגענען דעם סוינע. קלאָר, ס'וועט זײַן שווער, זייער שווער. די ערשטע איז שטענדיק ערגער — זיי טאָרן ניט באַגיין קיין טעות.

פון צײַט צו צײַט האָבן אַרום און אַרום אויפגעבליצט גרינע ראַקעטעס. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן נאָך טיפער זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד.

גאַנצפרי האָבן די דײַטשן דערפילט, אַז עפּעס קומט פאָר אונטער דער סאַמע נאָז זייערער. אומגעריכט האָבן אונדזערע גוואַרדייער א מעטער פופצן לעבן זיך דערהערט פרעמד לאַשן. דער סוינע האָט זיך דערנעענטערט צו דעם שמאָלן פּאַסיקל ערד, וועלכן ס'האָבן פאַרנומען די גוואַרדייער.

די הענט קלאַמערן זיך נאָך פעסטער אײַן אין די אויטאָמאַטן. יאַקאָוו פּאַרזון איז צוגעפאַלן צו זײַן קוילנוואַרפער. דער לייטענאַנט שעפּטשעט צו אים:

— שיסן דאַרף מען טרעפלעך. זאָלן זיי צוגיין נעענטער און געדיכטער א ביסל...

אין א פּאָר מינוט אַרום איז דער גאַנצער רעכטער ברעג אופגעטרייסלט געוואָרן פון אָן אומופהערלעכן געהילך. עלף מאָל האָבן די היטלעריסטן אַטאַקירט אונדזער גרופּע, און אַלע מאָל, איבערלאָזנדיק פאַרוווּנדעטע און דערהאַרגעטע, האָבן זיי זיך אָפּגעקײַקלט אָף צוריק.

פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, ביז ס'איז אָנגעקומען הילף, האָבן געפירט א ניט גלײַכע שלאַכט, אָפּגייענדיק מיט בלוט, די סאָוועטישע

יאַקאָוו פּאַרזון

גוואַרדייער, און זיי האָבן געזיגט. די פאַשיסטן האָבן אָף דעם קליינינקן „פּיאַטאַטשאָק" פאַרלוירן א גרויסע צאָל סאָלדאַטן און אָפיצערן.

אין אָט דער שלאַכט האָט זיך אויסגעצייכנט דער קוילנוואַרפלער יאַקאָוו פּאַרזון, ער האָט, ווי ס'ווערט געזאָגט אין דער באַלוינונגס־ליסטע, „פאַרניכטעט בא פערציק היטלעריסטן".

פאַרן העלדנטאַט אָף דער מײַרעוו־דווינע איז יאַקאָוו צאַלעוויטש פּאַרזון, דער סאָלדאַט פונעם ערשטן באַטאַליאָן פון דעם 99־טן שיסער־פּאָלק פון דער 67־ער גוואַרדייִשער דיוויזיע (זי האָט געהערט צו דער 6־טער גוואַרדייִשער אַרמיי פונעם 1־טן באַלטישן פראָנט), לויטן אוקאַז פונעם פרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר פאַרן 22 יול 1944, באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

...איצט וווינט דער העלד אין זײַן היימשטאָט זשיטאָמיר. ער אַרבעט אַלס שעף פון א צעך אין דער אָרטיקער ניי־פאַבריק נומ. 1. אים קענען דאָ אַלע. ווי אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז ער שטענדיק אין דער ריי, שטענדיק צווישן די פאָרגעשריטענע.

לעאָניד ווערטליב,
זשורנאַליסט, מאָסקווער געגנט.

„דאָס טײַערסטע באם מענטשן איז דאָס לעבן...״

אָפן ראנד פון דער שטאָט שעפּעטאָווקע, לעבן סלאוווטער שאָסיי (איצט לענין־גאס), שטייט אן אָבעליסק פון פּאָלירטן גראניט מיט א פינפעקיקן שטערן פון אויבן. אפן אָבעליסק איז אויסגעקריצט: „דאָ זײַנען געבראכט צו קווורע די זין און טעכטער פון אונדזער היימלאנד, העלדן פון בירגערקריג, וועלכע די אינטערווענטן האָבן געקעפּט דעם 25 מארט 1920״. און ווײַטער גייען די נעמען פון די העלדן: איוואן דעמטשוק, איוואן סערגייעוו, יעפים בארסקי, אנע ניסענזאָן, איוואן פּאָפּלאווסקי, מאָיסיי בערנשטיין, סערגיי קורלײַעוו... אינעם אורטייל פונעם געריכט פון דער 13־טער ווײַס־פּוילישער אינפאנטערישער דיוויזיע איז געזאָגט געוואָרן, אז „די טויט־שטראָף דורך דערשיסן איז אויסגעפילט געוואָרן דעם 25 מארט 1920, זיבן אזייגער אינאָוונט.״

„די אויבן אָנגעוויזענע פּערזאָנען, — ווערט ווײַטער געזאָגט אינעם אורטייל, — האָבן אָנטיילגענומען אין א געהיימען קאָמוניסטישן פארבאנד, אגיטירט קעגן דער פּוילישער רעגירונג, אָרגאניזירט אין די דערפער אף דער טעריטאָריע פונעם פּוילישן מיליטער געהיימע אופשטענדלערישע פארבאנדן און שלאכטדרוזשינעס״.

פאר צוויי אָנטיילנעמער פון דער גרופּע — פאר ייִסראָעל שטיינבערגן און ביילע בערנשטיינען — איז די טויט־שטראָף פארביטן געוואָרן מיט צוואנציק יאָר קאטאָרגע. אף צען יאָר טפיסע זײַנען פארמישפּעט געוואָרן די מינדעריעריקע נ. קאליק־שפּריץ, א.־סטאראָסעלסקי און נ. ראָזענבלאט.

אין שעפּעטאָווקער ליטעראריש־מעמאָריאלן מוזיי אף ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס נאָמען היטן זיך אָפּ זיכרוינעס און אנדערע מאטעריאלן וועגן דער עקזעקוציע, ווי אויך וועגן דער טעטיקײַט פון די אונטערערדלער. פון די דאָזיקע גוויִעס־איידעס דערוויסן מיר זיך אייניקע פּראָטים פון זייער לעבן. דער קאָמוניסט אנע ניסענזאָן, א יונגע ארבעטערן פון קיִעוו, איז געשיקט געוואָרן אף אונטערערדישער ארבעט אין דער שטאָט אָסטראָג, און דאָרט האָבן זי ארעסטירט די פּוילישע אָקופּאנטן. פון אָסטראָג האָט מען זי געבראכט קיין שעפּעטאָווקע. דער אָרעמער פויער איוואן דעמטשוק איז געווען א טיכטיקער קאָמוניסט, אן אָרגאניזאטאָר פון רעוואָליוציאָנערער ארבעט אין סלאווטע, איזיאסלאוו און אין די ארומיקע דערפער. מענטשן, וועלכע האָבן געקענט יעפים בארסקין, דערציילן, אז דאָס איז געווען א סטודענט אין איינער פון די קיִעווער הויכשולן, א באגאבטער באָלשעוויסטישער אגיטאטאָר.

די יונגע רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך העלדיש אופגעפירט בײַם דער עקזעקוציע איבער זיי. ווען מע האָט זיי געפירט צום שיסן, האָט איוואן דעמטשוק געזונגען דעם „אינטערנאציאָנאל״ און זײַנע כאווערים האָבן אונטערגעכאפּט די ליד. אנע ניסענזאָן האָט זיך געווענדט צו די הענקער אף פּויליש און אונטער די אָנגעצילטע ביקסן אויסגעשריִען:

— זאָל לעבן די ארבעטער־פּויערישע מאכט!

בארסקי האָט געוואָרפן אין פּאָנעם די הענקער:

— די קאָמוניסטישע אידייען קאָן מען ניט טייטן!

נאָך די ערשטע שאָסן האָט זיך דערטראָגן צום האמוין איוואן דעמטשוקס קאָל:

— מיר שטארבן פאר אונדזערע אידייען!

און א פּוילישער גוטבאזיצער, דער מיליטערישער פּראָקוראָר, האָט באלד זיך גענומען פארן רעוואָלווער — ער האָט געשאָסן אין יענע, וועלכע האָבן נאָך געגויסעט.

ייִסראָעל שטיינבערג, וועמען מע האָט פארמישפּעט אף 20 יאָר טפיסע, איז בײַגעווען אף דער עקזעקוציע, ער דערמאָנט זיך איצט, ווי יעפים בארסקי האָט ארויפגענומען פון זיך זײַן סטודענטישן שינעל, דאָס היטל און די שטיוול און אים איבערגעגעבן:

— נעם, דו גייסט אף קאטאָרגע, דארף מען זיך אָנטאָן, און אונדז וועט אזוי אויך ווארעם זײַן...

אין 1968 איז קיין שעפּעטאָווקע געקומען די לעטישע זשורנאליסטקע גונטע סטראוטמאנע. זי האָט געשמועסט מיט די איידעס פון די געשעענישן און דערנאָך געשריבן:

„דער טויט פון דער אונטערערדלערן אנע ניסענזאָן איז געוואָרן א לעגענדע. אנע האָט געוווּסט עטלעכע שפּראכן, און בײַם מע האָט זי געפירט איבער די גאסן, האָט זי געזונגען אוקראִינישע, רוסישע, פּוילישע רעוואָליוציאָנערע לידער און אף אָט די שפּראכן געוואָרפן אין פּאָנעם די הענקער ווערטער פון האס און צאָרן. די ווײַספּאָליאקן האָבן זיך איבער איר באזונדערס אכזאָריעסדיק איזדיעקעוועט. צוערשט האָט מען געשאָסן איבער אירע פיס, נאָר זי איז ניט אנשוויגן געוואָרן. מע האָט געשאָסן

אין בויך — נאָר זי האָט פאַרגעזעצט ריידן און זינגען. מע האָט געשאָסן אין ברוסט — זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען. ס'האָט זיך געדוכט, קיין קויל קאָן זי ניט נעמען. די ווײַספּאָליאַקן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַכעד. און בלויז ווען אין איר לײַב האָט זיך אײַנגעביסן די צענטע קויל, איז זי געבליבן הענגען אַף די שטריק אַ טויטע".

אינטערעסאַנט, אַז אין ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס ראָמאַן „ווי אַזוי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל" דערציילט קאָרטשאַגינען וועגן דער דאָזיקער עקזעקוציע דער זעצער סאַמויל לערנער. דער שרײַבער אַנדערשט אַ ביסל איבער די סצענע. וואַליע ברוזשאַק און אירע כאַווײרים שיסט מען ניט — מע הענגט זיי אויף. נאָר אַז זיי זינגען דערבײַ רעוואָליוציאָנערע לידער, מאָלט ער אַזוי, ווי ס'איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט:

„שרעקלעך האָט זיך צעיאָמערט אינעם האַמוין איינע אַ פרוי, זיך געוואָרפן מיט אַן אומזיניקן געשריי דורך דער קייט פון סאָלדאַטן צו די, וועמען מע האָט געפירט, נאָר מע האָט זי געכאַפּט און אָוועקגעשלעפּט. ווײַזט אויס, וואַליעס מוטער. ווען מע איז שוין געווען ניט ווײַט פון דער טליִע, האָט פאַרצויגן אַ ליד וואַליע. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ שטים — מיט אַזאַ לײַדנשאַפט קאָן מען זינגען בלויז גייענדיק צום טויט. זי האָט פאַרצויגן די „וואַרשאַוויאַנקע"; אירע כאַווײרים האָבן אונטערגעכאַפּט די ליד. ס'האָבן זיי געשמיסן די בײַטשן פון די רײַטער; מע האָט זיי געשלאָגן מיט אַ טעמפּן אומזין. נאָר זיי האָבן ווי ניט געפילט די קלעפּ. מע האָט זיי אומגעוואָרפן און געשלעפּט צו דער טליִע, ווי זעק. אָפּדערגייך איבערגעלייענט דעם אורטייל און גענומען אָנטאָן אַף זיי די פּעטליעס. דעמלט האָבן מיר זיך צעזונגען:

•

שטייט אויף, איר אַלע, ווער, ווי שקלאַפן...

מע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אונדז פון אַלע זײַטן; איך האָב בלויז געזען, ווי אַ סאָלדאַט האָט מיטן פּריקלאַד אַרויסגעשטויסן דאָס סלופּעקל פון אונטער זייערע פיס, און אַלע דרײַ האָבן זיך אָנגעהויבן קאָרטשען אין די פּעטליעס...

פאַר אונדז, פאַר די צען, האָט מען שוין באַ דער סאַמע וואַנט איבערגעלייענט דעם אורטייל, אין וועלכן די טויט-שטראָף איז מיט גענעראַלישער גנעדיקײַט פאַרביטן געוואָרן אַף צוואַנציקיאָריקער קאַטאָרגע. די איבעריקע זעכצן האָט מען צעשאָסן".

ניקאָלײַ אָסטראָווסקי האָט, געוויינלעך, דאָ געמאַכט אַ פּאַראַלגעמיינערונג. אָבער אַז ער האָט געהאַט אין זינען גראָד אָט די עקזעקוציע אין שעפּעטאָווקע, איז ניטאָ קיין צווייפל.

„קאָרטשאַגין איז אומבאַמערקט דערגאַנגען צום סאָסנע-וועלדל און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן קרייצוועג. אַף רעכטס — די אַלטע, אייִמפּולע טורמע, אָן אַרומגערינגלטע מיט אַ הויכן פאַרשפּיצעכדיקן פּלויט, נאָך איר — די קאָרפּוסן פונעם שפּיטאָל" — דאָס איז אַ פּינקטלעכער אַדרעס פונעם אָרט פון דער עקזעקוציע: דער ברודער-קייווער מיטן אָבעליסק פון די העלדן געפינט זיך ווירקלעך אַפן ראַנד פון דער שטאָט, קעגן דעם ראַיאָנעם שפּיטאָל.

„דאָ איז דער סאַמע ראַנד פונעם שטעטל. ס'איז שטיל און אומעטיק. אַ לײַכטער וואַלדשאַרך און אַ פרילינגדיקער רייעך פון דער אופגעוואַכטער ערד. דאָ זײַנען העלדיש געשטאָרבן אונדזערע ברידער. זאָלן האָבן אַ פּרעכטיק לעבן יענע, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין דאַכקעס, וועמעס געבורט אַליין איז געווען דער אָנהייב פון שקלאַפערײַ.

פאַוועלס האַנט האָט פאַמעלעך אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ דאָס היטל, און דאָס האַרץ איז פול געוואָרן מיט אומגעהײַערן אומעט..."

און דעמלט זײַנען געבוירן געוואָרן די באַרימטע ווערטער, וועלכע ס'ווייסן אַף אויסווייניק עטלעכע דורות לייענער:

„דאָס טײַערסטע באַם מענטשן איז דאָס לעבן. עס ווערט געגעבן אים בלויז איין מאָל, און מע דאַרף עס אָפּלעבן אַזוי, אַז ס'זאָל ניט פּײַנלעך ווייטעקדיק זײַן פאַר די אומצילבאַר דורכגעלעבטע יאָרן, אַז די כאַרפּע זאָל דיך ניט בריִען פאַר דײַן מיִעסער און קליינלעכער פאַרגאַנגענהײַט און קעדיי, שטאַרבנדיק, זאָלסטו מעגן זאָגן: דאָס גאַנצע לעבן און אַלע קויכעס זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן דעם סאַמע פּרעכטיקסטן אַף דער וועלט — דעם קאַמף פאַר באַפרײַען די מענטשהײַט".

שעפּעטאָווקע פאַרגעסט ניט זײַנע העלדן-מאַרטירער. פון דאָר צו דאָר גיט מען איבער זייערע נעמען. אין דער שטאָט זײַנען מיטן נאָמען אָנגע ניסענזאָן, יעפים באַרסקי און אַנדערע אָנגערופן גאַסן, שולן, פּיאָנער-אָטריאַדן.

יאַקאָוו קראָטשעק,
כמעלניצקי

דער אומפאַרגעסלעכער סעאַנס

אין די גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן, ווען איך בין אַרײַנגעפאַלן אינעם פאַשיסטישן קאָנצלאַגער הינטער סמאָלענסק, האָבן די מערדער מיך געצווונגען, איך זאָל מיט די אייגענע הענט גראָבן פאַר זיך א קייווער. איך בין דעמלט אלט געווען 22 יאָר. א שרעק האָט מיך אָנגעכאַפּט: ניט שוין זשע וועל איך מער ניט לעבן, מער קיינמאָל ניט מאָלן, קיינמאָל קיין פּענדזל אין האַנט ניט האַלטן! דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק, ווען איך האָב גענומען גראָבן מיטן רידל די ערד. א גליקלעכער צופאַל האָט מיך אַרויסגעריסן פונעם סוינעס נעגל. פונעם טויט־לאַגער בין איך אַנטלאָפן.

מײַנע כאַווײרים און פרײַנט האָבן צו מיר אָפט טײַנעס: פאַרוואָס באַשרײַב איך ניט דאָס איבערגעלעבטע? פאַרוואָס מאָל איך ביכלאַל ניט אַף דער טעמע פון מאַרטיראָלאָגיע?

מיר דוכט, אז שילדערן דאָס גאַנצע בילד פון די אַכזאָריעסן פון די פאַשיסטישע מערדער אין די מילכאָמע־יאָרן איז פּאָשעט אומעגלעך. יאָ, עס זײַנען פאַראַן פיל גוטע בילדער, סקולפּטורן, מעמאָריִאַלן, גראַפישע סעריעס און קינאָ־פילמען אַף דער דאָזיקער טעמע. פאַראַן גלענצנדיקע ליטעראַרישע ווערק. אָבער פאַר א מענטשן, וואָס האָט די דאָזיקע אַכזאָריעסן אַליין איבערגעלעבט, איז דאָס אַלץ ווייניק. ווו נעמט מען אַזעלכע ספּעציִעלע, פּלאַסטישע עקספּרעסיווע מיטלען אַף צו מאָלן דאָס?

איין בילד אַף דער וואַנט אין מײַן אַטעליע מאָנט בא מיר שוין לאַנג, איך זאָל דערציילן וועגן די אומפאַרגעסלעכע אומשטענדן, בײַס וועלכע איך האָב עס געשאַפן.

איך מוז זיך מוידע זײַן, אז דער אָריגינאַל פונעם פּאָרטרעט איז פאַרפאַלן געוואָרן, אלפּי־נעס האָט זיך פאַרהיט בלויז א פאָטאָ־רעפּראָדוקציע. דאָס איז א פּאָרטרעט פון א זאָקן. עס קוקן אַף מיר אַראָפּ א פּאָר שטעכיקע אויגן, אַף דער נאָז הענגען פּענסנע. דער זאָקן נעמט מיך דורך מיט זײַנע אויגן און בעט, איך זאָל דערציילן וועגן יענעם אומפאַרגעסלעכן סעאַנס...

פּאַסירט האָט דאָס אין „לעמבערג — דיסטריקט גאַליציען" (אַזוי האָבן די היטלעריסטן גערופן די אַלטע אוקראַיִנישע שטאָט לוואָוו אין די יאָרן פון זייער צײַטווײַליקער גוואַלדמעמשאָלע) אין שוידערלעכן ווינטער 1943. צו יענער צײַט האָב איך שוין דורכגעמאַכט שווערע טעג אין שפּיטאָל, צוויי מאָל געגראָבן פאַר זיך א קייווער, אויסגעוואַלגערט זיך אין פאַרשיידענע טויט־לאַגערן, און אַלע טויטן אָפּצולאָכעס האָב איך זיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פונעם מאַלעכהאַמאָוועס. מיר איז צום דריטן מאָל געלונגען צו אַנטלויפן. גוטע־פרײַנט, מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, האָבן מיך אויסבאַהאַלטן, אָנגעטאָן מיך אין אַן אוקראַיִניש העמדל און באַזאָרגט מיט א געהעריקן דאָקומענט אַף א פרעמדן נאָמען.

דער באַלעבאָס פונעם האָטעל. לוואָוו 1943.

נאָר די געסטאַפּאָווצעס בושעווען. באַנאַנד מיט דעם אויפשריפט אַף יעדן הויז „פיר יודען און הונדע אײַנטריט פערבאָטען" (פאַר ייִדן און הינט איז דער אַרײַנגאַנג פאַרבאָטן) באַווײַזט זיך א נײַ שילדל: „יודענפרײַ", אָדער „יודענריין". דאָס הייסט, אויס ייִדן, דאָ טאָרן זיי מער ניט זײַן!

דער דאָקומענט, מיט וועלכן פרײַנט האָבן מיך באַזאָרגט, איז שוין קימאַט ניט גילטיק. מע דאַרף איצט האָבן א קענקאַרטע, וואָס זאָל דערווײַזן מײַן אַרישע, „עכט־אַרישע" אָפּשטאַמונג פון שיישעס־יעמיי־בערײשיס אָן. דערצו — ספּעציִעלע צײַגענישן פון דער קריסטלעכער קירך. אַלע ביז־איצטיקע דאָקומענטן מוז מען בײַטן אַף די קענקאַרטעס. צו מײַן גליק בײַט מען דערווײַל די דאָקומענטן, וואָס הייבן זיך

אָן מיטן בוכשטאב „א". די בײַטעניש גייט זייער לאנגזאם, אָבער דאָך איז פון „א" ביז „ג" אָדער „ה" פּאַרט ניט ווײַט. ווו נעמט מען א קענקאַרטע, א נײַעם אאוסווײַז? (דעם ערשטן „אאוסווײַז" מיט דער פאמיליע גרוזבענקאָ האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן מיר געשאפן דער פּוילישער דאָקטער ראַטײַסקי).

עס דערנענטערט זיך דער 20־טער אפּרעל, דער געבורטסטאָג פונעם פּיורער.

מע טרײַבט אָף צוואנג־ארבעט די רעשטלעך ייִדן פון געטאָ, די אזויגערופענע נוצלעכע אָדער ווערטפולע יודען, וועלכע זײַנען אָפּגעמערקט מיטן בוכשטאב „א" („ארבײַטער") און נומערירט ווי שאָף. באוואָפנטע סאָלדאטן קאָנוואָירן זיי, בא די זײַטן שלעפן זיך נאָך מיט שטעקנס אין די הענט די ייִדישע פּאָליצײַען פון דער אָרדענונגס־דינסט. לויטן לעצטן באפעל מוזן די „ווערטפולע יודען" העלפן באפוצן די שטאָט צום פּיורערס געבורטסטאָג. שלאָפן פלעג איך דאן בא מײַן טרײַען כאווער, דעם קינסטלער וואסילי פּאָראַסטעצקי. מיר זײַנען שוין פון לאנג פרײַנט, נאָך פון דער סטודענטישער באנק. מיר האָבן ביידע געלערנט אין כארקאָווער קונסט־אינסטיטוט. ווען מע וואָלט זיך דערווּסט, וועמען ער באהאלט איצט אויס, שיסט מען אונדז ביידן, אזוי אז פאר מײַן רעטונג האָט ער (ווי מײַן לערער — דער קינסטלער סאווין און זײַן פאמיליע) אײַנגעשטעלט דאָס לעבן.

אין איינעם א פארנאכט האָבן די געסטאַפּאָווצעס זיך געגרייט צו א נײַער שכיטע. איבער די גאסן האָבן זיך געטראָגן, ווי די רוכעס, פּאַרמאכטע לאסטמאשינעס, פול מיט עסעסאָווצעס. מאָרגן וועט מען אין די דאָזיקע מאשינעס פירן ייִדן צום טויט. מ'הערט שוין אויך איצט אָפּטע שיסערײַען. מיט רעציכע בילן די הינט.

— וואסיע, איך וועל בא דיר הײַנט ניט נעכטיקן, — זאָג איך צו מײַן פרײַנט. — צוליב וואָס שטעלן אומזיסט אין א זיכערער סאקאָנע דײַן לעבן?

— רעד ניט קיין נארישקײַטן, — ענטפערט וואסיע. — אזויפיל ביסטו איבערגעקומען: פון די טויט־לאגערס אנטלאָפן, דעם טיפוס איבערגעלעבט, פון עטלעכע אקציעס ארויס גאנץ.... דער אאוסווײַז דײַנער איז נאָך א גוטער, צו די קענקארטעס אין נאָך ווײַטלעך, און עפּשער וועלן פאר דער צײַט שוין קומען אונדזערע?

— אין קראקאָווער געסל איז דאָ א האָטעל... מע קאָן דאָרט איבערנעכטיקן, — האָב איך געזאָגט.

און, ניט לאנג ווארטנדיק, האָב איך געכאפּט א רולאָן צייכן־פּאפּיר, עטלעכע שטעקעלעך סאנגין־קוילן צום מאָלן און זיך געלאָזט אין וועג.

אין דרויסן איז געוועזן זייער קאַלט. דער פראָסט האָט געשניטן, ווי מיט מעסערס. איך האָב אָבער ניט פארשפּיליעט דעם מאנטל, צעעפנט ברייטער די ברוסט, קעדײַ מע זאָל זען מײַן אויסגענייט אוקראַיִניש העמדל. א טאָפּ געטאָן אין קעשענע, צי איך האָב צופעליק ניט פארגעסן מײַן אאוסווײַז, בין איך צופוס אוועק צום קראקאָווער געסל, 7.

דאָ אין געסל, לעבן האָטעל, האָבן זיך ארומגעדרייט שיקערע דײַטשישע סאָלדאטן. איך טו א קלער, אז דאָס איז אויך ניט שלעכט. זיי וועט אפילע ניט קומען אפן געדאנק צו זוכן א ייִדן אויסער דער געטאָ, אָף דער ארישער זײַט.

— גיט מיר א נומער! — האָב איך זיך געווענדט צום באלעבאָס פון האָטעל.

די אויגן פונעם זאָקן האָבן מיט זייער שטעכיקן בליק דורכגעטאָפּט מיך אָף דורך און דורך, ווי איינער זאָגט: פּונוואָנען, שלימאזל, האָסטו זיך גענומען אין אזא שפּעטער שאָ, ווען קיין לעבעדיקער נעפעש, אכוץ די דײַטשן, האָבן ניט קיין רעכט צו באווײַזן זיך אין גאס?

— אאוסווײַז! ווײַזט מיר אײַער אאוסווײַז! — האָט דער זאָקן געפאָדערט. — ווער זײַט איר? אזוי שפּעט! — האָט ער געבורטשעט.

איך האָב מיט ציטעריקע הענט אים דערלאנגט מײַן איינציקן דאָקומענט. ער האָט באמערקט אָן אָפּדרוק פון מײַן פינגער (מיט דעם האָבן די פאשיסטן פארצייכנט קריגסגעפאנגענע). ווידער האָט דער זאָקן מיך דורכגענומען מיט זײַן בליק. עטלעכע מאָל באקוקט דעם דאָקומענט.

— יאָ, — זאָגט ער, — אָבער פּונוואָנען ווייס איך, אז איר זײַט... — און מאכט דערבײַ א לאנגע פּאוזע.

איך האָב אין דער מינוט מוירע געהאַט, אז ער וועט מיך פרעגן: פּונוואָנען ווייס איך, אז איר זײַט אן אוקראַיִנער? נאָר צו מײַן גליק, האָט דער זאָקן געזאָגט עפּעס אנדערש:

— פּונוואָנען ווייס איך, אז איר זײַט א קינסטלער? — וועגן דעם האָט ער איבערגעלייענט אין אאוסווײַז, אינעם פונקט „בערוף" — פאך.

— איך וועל אײַך אויסמאָלן, אזוי ווי איר שטייט און גייט, וועט איר זיך איבערצײַגן...

— איר האָט דאָך אָבער ניט מיט וואָס צו מאָלן. מאכט ניט קיין קאַטאָוועס.

— זעצט זיך, ביטע, און פּילט אײַך פרײַ. איר קענט ריידן. מיר וועט איר דערמיט ניט שטערן. זעצט זיך אָט דאָ, — האָב איך אים פאָרגעלייגט.

ניט ווארטנדיק אָף זײַן האסקאָמע, האָב איך זיך גענומען צו דער ארבעט. „אָן אינטערעסאנטער טיפּ, — האָב איך געטראכט, — אָן עמעסער גאָבסעק!..״

דער זאָקן האָט געקוקט אױף מיר מיט פאַרדאַכט, זײַן פרױ, װאָס איז געזעסן לעבן אים, — מיט נײַגער. איך האָב ענערגיש געמאָלט, פאַרגעסנדיק דערבײַ װעגן דער גרױסער סאַקאָנע, װעלכע הענגט איבער מיר.

פּלוצעם עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן אַ דײַטש. לױט זײַן צערײַצטן און װילדן פּאַרצעף האָב איך באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ מעטורעף פון דער פעלד־פּאָליצײַ. פאַר אַזעלכע האָבן געציטערט אַפילע די דײַטשן גופע. אַ לאַנגע קײט מיט אַן אײַזערנעם זשעטאָן איז אַראָפּגעהאַנגען פון זײַן רױטן קאַרק. דערצו איז ער נאָך געװען שיקער לאָט, און פון אים האָט געאָװערט מיט מאָרפֿיום. די מערדער פּלעגן דאָס טרינקען צוליב געװאַגטקײַט. באַמערקט דעם פּאָרטרעט, װאָס איך האָב אָנגעמאָלט, האָט ער גענומען באַמקען, אַז ער איז אַ ליבהאָבער פון קונסט, דערנאָך הױך, מיט אַ הײזעריק קאָל, אױסגעשריִען:

— הער קונסטמאַלער! איר זײַט באַגאַבט, אָבער מע מוז אײַך אַלעמען אױסראָטן: די פאַרפלוכטע יודען, די אוקראַיִנער, די פּאָליאַקן... — אַ שפּאַן געטאָן הין און צוריק און זיך אָפּגעטראָגן...

אַ שװערער שטײן איז מיר אַראָפּ פון האַרצן.

אין אַ קלײן צימערל איז געשטאַנען אַן אײַזערן בעטל. שלאָפן! שלאָפן!

איך געדענק ניט, װי לאַנג בין איך געלעגן מיט פאַרמאַכטע אױגן. פּלוצעם האָט מיך אױפגעריסן פון שלאָף אַ קלאַפּ אין טיר.

„נו, אַלץ! געקומען דער סאָף״, — האָט אַ ברי געטאָן אין מױעך. איך האָב אַ קוק געגעבן אין פענצטער — עס איז געװען אײַנגעקלאַמערט אין אײַזערנע גראַטעס. דער קלאַפּ אין טיר האָט זיך איבערגעכאַזערט.

מיט גרױס שרעק האָב איך געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך דעם זאָקן — דעם באַלעבאָס פונעם האָטעל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גלאָז טײ:

— פּאַנע מאַליאַזשע! אַזױ גײט עס ניט. איר האָט זיך געלײגט שלאָפן אָן טײ.

איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דער אױפמערקזאַמקײַט, אָבער צו דער טײ האָב איך זיך ניט צוגערירט, כאָטש פון דעם איבערגעלעבטן איז מיר טרוקן געװאָרן אין האַלדז...

איך שרײַב אָט די שורעס און זע דעם זאָקן אין דער פּאָזע, װי ער שטײט מיט דער גלאָז טײ אין האַנט און באַקוקט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. עפּשער האָט ער זיך אין עפּעס אָנגעשטױסן, פאַרשטאַנען מײַן לאַגע און דערפאַר דרײַ מאָל זיך איבערגעצײלעמט, צוגעװוּנטשן אַ רויִקע נאַכט און נעלעם געװאָרן.

אינדערפרי איז צו מיר אין האָטעל געקומען מײַן כאַװער װאַסיע. איך האָב אים דערצײלט װעגן דער איבערגעלעבטער נאַכט. אים איז דער פּאָרטרעט געפעלן געװאָרן, און דערצו נאָך דאָס, װאָס געמאָלט האָב איך אין אַזעלכע שױדערלעכע אומשטענדן.

מיר האָבן געפונען אַ באַקאַנטן פאָטאָגראַף. ער האָט שנעל געמאַכט אַ פאָטאָ־רעפּראָדוקציע פונעם פּאָרטרעט (װאַסיע האָט די פאָטאָ איבערגעלאָזט בײַ אַ באַקאַנטער אוקראַיִנישער אַקטריסע, און איך האָב זי באַקומען ערשט נאָך דער מילכאָמע).

װען מיר זײַנען אַרױס פונעם האָטעל, האָבן מיר זיך דערװוּסט װעגן דער נײַער עסעסישער אַקציע: אױף דער אַרמענישער גאַס האָט מען אינמיטן העלן טאָג דערשאָסן אַלע אײַנװױנער, װעלכע האָבן די נאַכט אױסבאַהאַלטן ייִדן.

פיל יאָרן זײַנען אַװעק פון יענער צײַט, דרײַסיק יאָר...

דער זאָקן פונעם קראַקאָװער געסל איז שױן לאַנג געשטאָרבן. מיר איז געלונגען בלױז צו דערװיסן זיך זײַן פאַמיליע — זובריצקי. בלױז די פאַמיליע... דער זאָקן איז געװען מײַן רעטער.

ביז איצט קאָן איך ניט רויִק דורכגײן דאָס געסל... אױפן ראָג געפינט זיך די צוזאַמענװױנונג פון יונגע קינסטלער — סטודענטן פונעם לװאָװער קונסט־אינסטיטוט. זײ מאָלן ליכטיקע עטיודן פון דער פּרעכטיקער שטאָט.

איך קוק זיך צו צו זײער אַרבעט און כאַפּ װידער אַ קוק אױפן הױז נומער זיבן, װוּ מיט דרײַ צענדליק יאָר צוריק האָב איך געמאָלט דעם זאָקן. סאַראַ אומפאַרגעסלעכער סעאַנס דאָס איז געװען...

ש. גרוזבערג,
לװאָװ

מאטל גרוביאן *

באוונדער די וועלט

שולאמיס

ווען מ'איז יונג
און מ'איז קלוג,
שטייט מען מיט שולאמיס
אף דער אײַזערנער בריק
און מע הערט,
ווי סע לויפט
אין טונעלן דער צוג —
און מע קושט ביז טאָג
איר קאָפּ אפן ווינט.
שולאמיסעס האָר,
ווי דער רויך,
וואָס פון צוג פארשווינדט.

ווען מ'איז יונג
און מ'איז שיין,
פירט מען זי, שולאמיס,
צום טײַך
און מע זוכט אויס
באַם ברעג
א הויכן שטיין
און מע קושט
שולאמיסעס אויגן,
וואָס זײַנען פײַכט
און אומשולדיק־ריין,
אז אף אלע פארברעכנס
מע קאָן פאר זיי גיין.

לאנג די נאכט
שוין ארײַן
אין גרויסן טאָג,
אף די הענט
קעגן דער זון
שולאמיס איך טראָג.
א גרינע צווײַג
פון א בוים
טוט די באק מיר א ברי.
ס'זינגט א פויגל אין רוים
טרילי, טרילי.

דו ביסט — אווישאַלעם,
אין קריג
פארן שאַלעם
דארפסט גיין,
פאר האדאסע און נוימי,
שולאמיס וויינט.
און די בענקשאפט,
ווי א מידבער,
גרויס איז און שווער;
„אַט דער ברונעם —
אַט־דער,
איידעס זאָל זײַן,
אז איך שווער".
האָף, ס'וועט קומען
צוריק
אווישאַלעם פון פײַער,
בלײַבן עלנט
אין צאר
וועט די רײַכע אוויגײַל.
און שולאמיס,
ווי די זון, וועט
לויכטן פון גליק.

ווען מ'איז יונג
און מ'איז קלוג,
שטייט מען מיט שולאמיס
אף דער אײַזערנער בריק
און מע הערט,
ווי סע לויפט
אין טונעלן דער צוג —
און מע קושט ביז טאָג
איר קאָפּ אפן ווינט.

פון דער שפּעריִשער ירושה. אין צוזאמענהאנג מיטן 65־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער.

אונדזער גאָרטן

אונדזער גאָרטן אין פענצטער
ציטערט...
ס'איז שוין האַרבסט. דו ביסט
גערעכט:
אָן די לידער איז מיר שלעכט,
מיט די לידער איז מיר ביטער.
נאָר זיך אַליין וועל איך פאַרשפּילן,
קיין וואָלף ניט ווייען זאָל אין האַרץ,
בלויע אויגן האָט דער פרילינג,
א קאָפּ א גאָלדענעם דער האַרבסט.

אין וואַלד

דאַכט זיך, א וואַלד און ניט מער?
און ס'טוט מיר דאָס האַרץ
פאַר אים ווי.
ווינטער, ביז די קני אין שניי.
און נאָך א ריפּטעלע זון
ער יאָגט...
און פאַקט ער דאָס ריפּטעלע זון
אין די הענט —
קימאַט א מענטשלעכע טרער —
בא יעדער בוים
פון פאָנעם יאָגט.
כ'וואָלט דערציילן געקענט
אפילע וועגן דעמב, וואָס רוישט
באַנאַכט, און זײַן געשריי
צום הימל זיך טראָגט! —
דער קאָפּ בא אים ברענט.
צי וועל איך קומען
מיט דער זעג פאַרטאָג?

מײַן קרענעצע

מײַן קרענעצע — די עלטער —
איז ניט מוטנע,
ווי האַרבסט דאָס פענצטער.
ס'דורכגעלעבטע לעבן,
ביז זעמדעלע קלענסטן,
אין איר טיף, ווי פּערל,
טאָג און נאַכט זי שווענקט.
דער יונגער טאָפּאָל,
זײַן אָטעם איך געדענק,
מיר קענען ביידע
אַלט ניט ווערן,
ווײַל איין ערד אזא געשענקט
האָט אונדז דער גורל.
נאָך בא יענעם טאָפּאָל
האָב איך געשווירן
ניט בייגן זיך פון ווינט
און האַרבע קעלטן.
אַוודע ווערט מען עלטער,
נאָר וואָס געוווּנען
איך און מײַן וועלט האָט,
איז מער, ווי כ'האָב פאַרן
גאַנצן לעבן
פאַרלוירן.

מײַן אַלעפבייס

ווען געבליבן איך בין אינגאַנצן אָן א דאַך,
האָב איך מיר א שטוב פון מײַן אַלעפבייס געמאַכט.
אָס צו אָס צונויפגערופן בא א בוים אָף אַן אַסיפע.
און א היים זיך אויסגעבויט אָף כאַריפעס.

דער אַלעף האָט צווײ סאַמעכלעך געכאַפּט אין די הענט
און איז צום ברונעם געלאָפן וואַסער טראָגן.

דער יוד, ווי געבוירן צו זײַן א ציגל אין די ווענט,
דעם זײַען, ווי א טשוואָק כ'האָב אין באַלקן פאַרשלאָגן.

די וואָוון־קראָקוועלעך שפּאַרן אונטער דעם דאַך,
פון דעם דאַלעד א טיר און א הויזן־טיר געמאַכט.

ווען איבערגעשריבן אַף ריין כ׳וואָלט דעם הימל,
וואָלט איך פאַרמעקט פון גזאַר דעם גימל,

דאָס גימעלע פון גליק ערגעץ ווײַט נאָך בלענדט,
אַך, סאַראַ זשאַר אין האַרץ באַ מיר ברענט.

איך לויף נאָך דעם לאַמעד פון ליבע און ליכט,
מיט דער האַנט כ׳וויש אַ וואָלקן אראָפּ פון געזיכט.

מיט זילבערנע פּיקעס דאָס פעלד איז פאַרפּלייצט,
כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזען אַזאַ הויכן ווייץ!

דאָ אין פעלד מײַנע ברידער געבערענט און געטייט,
מײַן קאָפּ, ווי די ערד אַרום דער זון, זיך דרייט.

פון דער זון נאָר איין נון אין האַרץ איז געבליבן,
ווען איך וואָלט דעם הימל אַף ריין איבערגעשריבן,

צום פענצטער מײַן פאָלק געוואָרפן אַ גרײַפּעלע טרייסט,
די וועלט וואָלסט באַוווּנדערט, מײַן אַלטינקער אַלעפבייס...

דאָרט אין אוראַלט מ׳האָט דיך, ווי אַ לײַכטער, געריבן,
אַרום און אַרום דער קײַלעכדיקער ערד געיאָגט און געטריבן,

באַ בראַאס־אוילאָם פאַר דוירעס געשטעלט דעם ערשטן „בייס״,
דעם אַלעף און אַשריי, וואָס יעדער מיטוואָך־ייִד ווייסט.

ביסט אַ לאָגל מיט ווײַן, ווי דאָווידס אַ ליד,
דײַנע אויסגעלעך זיך שיטן אין האַרץ מיר צעגליט.

דײַן שיין צינד איך אָן, ווי אַ מענוירע אָפן טיש,
אונדזער גוירל זאָל ניט זײַן מער געפּלאָגט און צעמישט.

נאָך אַזויפיל רעדיפעס, נאָך אַזאַ לאַנגער נאַכט,
איך לעב, ווײַל איך האָב מיר אַ שטוב געמאַכט
פון מײַן ייִדישן אַלעפבייס — אַ שטוב מיט אַ דאַך.

• פרילינג

דאָס אָפענע פענצטער
איז עפענען שווער;
עפענען וויל איך —
מײַן פענצטער מער.
כ׳האָב הימל אין פענצטער
און כ׳האָב ניט די טרער,
וואָס מאַכט ס׳האַרץ
געזונט און גרינגער;
דערפאַר איז מיר שווער,
ווען אין מײַן פענצטער
פייגעלעך זינגען.
אַ ווײַן געטאָן וואָלט איך
פון גליק און פון צאַר,
וואָס אין פענצטער
הייבט ווידער אָן טאָגן —
און וואָס אַוועק שוין, דאַכט,
דאָס גרויסע געפאַר,
כ׳זאָל ווערן אַ פינפטע ראָד
צו אַ וואָגן.
דאָס אָפענע פענצטער
איז עפענען שווער,
מײַן פענצטער
עפענען וויל איך.
דער פרילינג
וועט לײַען פאַר מײַן האַרץ
אַ לויטערע טרער —
און איך מיט אַ בלאַט
וועל די אויגן
אויסווישן באַם פרילינג.

7 יול 1970

מײַן אייניקל

נאטאשינקע, נא דיר אין די הענטעלעך
דעם ערד־קײַלעך, די ערד —
און דריי זי אַף דײַן ראָזע פינגערל,
דיר איז דערווײַל נאָך גאָרניט שווער
דער וועלט ארויסשטעלן א צינגעלע.
זע נאָר, זי דרייט זיך טאקע, די ערד,
און די יאמען און טײַכן גיסן זיך
אויס ניט,
דײַן וויגעלע האָט אויך זיך ניט איבערגעקערט,
און די ביימער אין באהעלטערלעך
זיך שפילן, לאָזט אויס זיך, —
און מויערן מיט פאקעלן צעצונדענע לויפן,
גלײַך עמעצער וואָלט זיי דאָ אונטערגעשאָסן.
נאטאשינקע, ווילסט, קען איך פאריזש
דיר קויפן
פאר מײַנע לעצטע פאָר גראָשן,
דו וועסט אלע בערעלעך
און העזעלעך צו דער סענע טרײַבן,
מיט דעם אייפעל־טורעם די שפּראָצנדיקע
שארפע ציינדלעך רײַבן,
אין לוווער דײַן בילד
עפשער לאָזן פאר א מאשקן? —
נאָר וואָס לויפט עס דײַן טאטע
אזוי ארום פארהאוועט
מיט א פארדרייטן דאשעק,
ער האָט ווידער אַף א נײַעם פראָיעקט
א יאָם מיט צײַט געפּאטערט;
א צווייטן פאריזש אַף וואטמאַן־פּאפּיר
גאנצע נעכט מיט פלײַס געצייכנט?..
און דײַן מאמע געקאָכט א הריקע קאשקע
פאר דיר —
און האָט אין טעפל ארײַן געשמייכלט.

7 מײַ 1971

פ א ר ב ן

ניטאָ קיין לידער, בין איך ניטאָ.
זאָל כאָלילע ניט קומען
די בייזע שאָ,
דאָס וואָרט זאָל מיר אופהערן
אונטערן הארצן בריִען
און פלאָנטערן זאָל איך
די פארב פון זון־אופגאנג
מיט דער פארב פון שקיִע.
אָ, ווי טויב איך ווער צו דער
אייביק קראקענדיקער קראָ,
אז איר געשענקט האָט גאָט
די פליגל צום פליִען?..
נאָר איך בין דאָ און די ליד
איז דאָ,
מיש איך ניט די פארב
פון זון־אופגאנג
מיט דער פארב פון שקיִע.

פון אלע מײַנע וועלטן

מײַן ליבסטע איז קינדעריש
און פול מיט קאפריזן,
צארטער פון צארטסטן געוויקס,
מיט אומזעבארע פעדעם
ס׳לעבן זי בינדט מיר,
אָן אומגליק ס׳איז, צי א גליק?
מײַן ליבסטע איז א ברונעם
אין שאָטן, אין קילן, —
נאָר כ׳האָב ניט קיין עמער
און האָב ניט קיין שטריק.
האָב איך א בלאט
פון א בוים גענומען
און האָב אים מיר ברענגען
וואסער א טראָפּן געשיקט.
מײַן ליבסטע ז׳א שטערן,
וואָס שנײַדט די שויבן
און דאָס הארץ מײַנס שנײַדט.
וואָס האָב איך באדארפט
אזוי קראנק ווערן,
מײַן מאמע דערפון לײַדט.
אוי, מאמעניו, מאמע!
ניט שטיי אין וועג מיר,
מיך אומברענגען
וועסט פון דער וועלט.
מײַן ליבסטע ז׳געקומען
צו מיר, ווי א רעגן
קומט דערפרישן ס׳פעלד.

4 יון 1966

הירש דאָבין

דער ערשטער פּרוּוו

1

באַם פאַרשנייטן וועג, וואָס פירט אין וואַלד אַרײַן, ניט ווײַט פונעם דאָרף סעליסטשע, הינטער אַ האַלב־אײַנגעפאַלן בײַדל, וואָס איז איבערגעבליבן פון יענער צײַט, ווען מע האָט דאָ פאַרגרייט סמאָלע, זײַנען פון פריִען באַגינען אָן געשטאַנען אָפּן פאָסט צווייען פון דעם מאַיאָרס כעוורע: אַ הויך ייִנגל פון אַ יאָר אַכצן, אין אָן אויסגעריבן פעלצל, מיט אַ קינדערש־העל צאַרט פּאָנעם, וואָס איז שנעל פאַרווינטלט געוואָרן פון זײַן קעסיידער אָף דער פרישער לופט, און ניט קיין יונגער פויער אין אַ שינעל, מיט אַ בודיאָנאָווקע אָפן קאָפּ, וועלכער האָט לויט זײַנע יאָרן געקאָנט זײַן דעם ייִנגלס פאָטער. באַוואָפנט ניט גאָר וואַזשנע — דאָס ייִנגל מיט עפּעס אַ שפּיזל אין אָן אָפּגעקראָכענער, צעשפּאָלטענער שייד, דער צווייטער — מיט אַ רעוואָלווער אין אַ ביליקער קאָבורע, וואָס ער האָט מיט גראָבע שטעך אַליין מיסטאָמע אופגענייט, זײַנען בײדע געשטאַנען באַם וועג און האָבן זיך אופמערקזאַם צוגעהערט דערצו, וואָס עס טוט זיך אַרום, צי האָבן זיך ערגעץ ניט באַוויזן קיין דײַטשן אָדער פּאָליצײַ. לויט דעם, וויִאַזוי בײדע זײַנען געווען פאַרזאָרגט, האָט זיך געפילט, אַז דאָס לעבן אין וואַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אָן ערעך האַרבער און שווערער, איידער מע האָט זיך פאָרגעשטעלט.

זיי, די צוויי, האָבן קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו דער רויטער אַרמיי, ווי אַלע איבעריקע פון דעם מאַיאָרס גרופּע, און קיין זאַך האָט זיי ניט געצווונגען אַוועקצוגיין פון דער היים. פאַרקערט, גראָד באַ זיי האָט מען זיך די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן. די לעצטע צײַט איז דאָך אומעגלעך געוואָרן צו זײַן אין דאָרף. אַלץ אָפטער זײַנען געקומען צו פאָרן דײַטשן און פּאָליצײַ און געמאַכט איין אָבלאַווע נאָך דער אַנדערער. עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, ווי שטילערהייט אויסגראָבן דאָס געווער און אַוועקגיין אין וואַלד. דערזען, ווי אַלע גייען אַוועק, האָבן זיי זיך אײַנגעבעטן, אַז מע זאָל זיי אויך מיטנעמען.

זיי האָבן קלאָר קיין כאַראָטע ניט געהאַט דערויף, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. עס האָט זיי ניט געשראָקן דאָס, וואָס מע איז געצווונגען געווען לעבן אין דרויסן. עס האָט זיי אויך איבעריקס ניט געאַרט, וואָס ניט זעלטן האָט אויסגעפעלט עסן און ס׳איז אויסגעקומען שטײַפער צו פאַרציִען דעם רימען פון די הויזן. מער פון אַלץ האָט זיי געפּײַניקט און געמאַטערט דאָס, וואָס פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט מע האָט זיך צונויפגענומען אין וואַלד, האָט מען ניט געוווּסט פון קיין רויִקער מינוט. עס איז קעסיידער אויסגעקומען צו פירן אַ נאַוונאַד־לעבן, ניט טאָגן דאָרט, ווו מע האָט גענעכטיקט, בײַס דערבײַ איז געווען די היים, ווו באַם ייִנגל איז איבערגעבליבן די מוטער, באַם צווייטן — אַ ווײַב מיט קינדער. זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, צוליב וואָס באַדאַרף מען זיך עס אַזויפיל אַרומדרייען. ניט געוווּסט, אַז דער מאַיאָר אַליין טוט עס אויך ניט פאַר ווילטיק און אַז ער וואָלט עס קלאָר ניט געטאָן, ווען ער איז ניט געצווונגען דערצו.

ער, דער מאַיאָר פּיאָטער טראָפימאָוויטש, האָט בעסער פון אַלע זײַנע כאַווײרים פאַרשטאַנען, אַז יענע מער אָדער ווינציקער רויִקע צײַט, וואָס מע האָט איבערגעלעבט, בײַס מע איז געווען אין דאָרף, וועט זיך שוין ניט אומקערן, און אַז קוים האָבן די דײַטשן דערשמעקט, ווער זיי זײַנען און מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך דאָ, וועט מען פריִער אָדער שפּעטער סײַ־ווי־סײַ אָנפאַלן אויף זייערע שפּורן און עס וועט אויסקומען זיך באַגעגענען מיטן סוינע פּאָנעם־על־פּאָנעם. אין טאָך גענומען איז ער אַפילע ניט געווען קעגן אַזאַ מעגלעכקײַט. אים זעלבסט האָט שוין אויך שטאַרק דערעסן זיך צו באַהאַלטן. ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס, וואָס די נײַע באַלעבאַטים האָבן זיך אומעטום געשאַפן, ווי בײַ זיך אין דער היים, זײַנען געקומען אין די אַרומיקע דערפער און געראַבעוועט. אים האָט זיך געגלוסט אונטערהיטן מיט זײַן כעווערע, ווען די גאַזלאָנים לאָזן זיך ערגעץ אין אַ דאָרף, און אָפּשלאָגן בײַ זיי דעם כיישעק צו קומען אַהין נאָכאַמאָל. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז דערווײַל טאָר מען זיך מיט קיינעם ניט פאַרטשעפּען. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז מע האָט אַזעלכע באַגעגענישן באַדאַרפט אָפּלייגן אויף שפּעטער, אויף דעמאָלט, ווען מע וועט זיך צוגרייטן ווי עס באַדאַרף צו זײַן און זײַן בעקויעך צו געבן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד. דערווײַל איז אויסגעקומען אויסמײַדן יעדן מין באַגעגעניש מיט זיי. זײַן דערפאַרונג האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז מע דאַרף איצט איבערזיצן שטיל אַ געוויסע צײַט, זיך פאַרטײַען, פאַרשווינדן. און אַזוי האָט דער מאַיאָר טאַקע געטאָן.

קוידעמקאָל, ווי נאָר אַלע זײַנען זיך צונויפגעקומען אין וואַלד, האָט ער באַפוילן אויסטרעטן אינעם שניי אַ קרײַז אַרום דעם אָרט, וווּ מע האָט זיך געפונען, אַז טאָמער הייבט זיך עמעצער אָן אַרומדרייען אַרום לאַגער, זאָל מען עס באַלד באַמערקן.

ער האָט מיט האַרבן וואָרט אַלעמען געוואָרנט, אַז מע זאָל זיך ניט דערוועגן צו גיין אינעם לאַגער מיט קיין אַנדער וועג, אויסער ווי מיט דער סטעזשקע, בײַ וועלכער עס איז געווען אַ פּאָסט.

ער האָט פאַראָרדנט, אַז עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זאָל קיינער פונעם לאַגער אין ערגעץ ניט אַרויסשטעלן קיין פוס. מע זאָל זײַן שטיל, ניט האַקן קיין האָלץ, ניט ברעכן גאָרנישט, קיין קלאַנג זאָל ניט אויסגעבן, אַז עמעצער זיצט פאַרטײַעט אינעם וואַלד.

ער האָט אַפילע ניט דערלויבט צו בויען עפּעס אַ געבײַדע, אַז עס זאָל זײַן וווּ צו לעבן. מע האָט זיך באַנוצט בלויז דערמיט, וואָס מע האָט אָפּדערגייך אויפגעשטעלט עטלעכע צײַטווײַליקע, לײַכטע בײַדלעך פון קאָרע און צווײַגן, אין וועלכע מע האָט צעלייגט אַ שײַטער, און אַזוי איבערגעקומען די צײַט.

וואָלט לעכאָלהאָפּאָכעס ניט געווען זײַן אַזאַ מין ווונדערלעכע רויִקײַט אַרום, דאַן וואָלט עפּשער דער פּאַרדראָס, דער ווייטעק, ניט געווען אַזוי גרויס. האָלעמײַ עס קומט אויס צו זײַן קעסיידער פאַרוואָגלט. דאָס באַנאַכטיקע פרעסטל האָט אָפּגעלאָזט. אין דער זוניקער זײַט איז אויף די צווײַגן דער שניי צעגאַנגען. פון דיביימער האָט געקאַפּעט. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מינוטנווײַז האָט זיך אויסגעוויזן: עפּעס אַ מעשוגענער האָט אויסגעטראַכט אַ ווילדע מײַסע מיט אַ מילכאָמע, אַז עס זײַנען, קלוימערשט, פאַראַן פאַשיסטן, וועלכע האַרגענען מענטשן, נעמען בײַ זיי אַלץ אָפּ, באַדעקן די וועלט מיט לאַגערן. אָט האָט זיך ערגעץ פון דער טיף פון די בלאָטעס, וואָס אַרום, דערטראָגן אַ טויב, שטיל ברומען, אַן אַלטער בוים, וואָס האַלט בײַ אײַנפאַלן, טוט שווער, מיט די לעצטע קויכעס, אַ סקריפּע און רודערט אויף די לויטערע און קוועליקע לופט, וועלכע שמעקט מיט אַלע רייכעס פונעם וואַלד און נאָך מיט אַ קאַפּעלע רויך. אַ לענגערע ווײַלע ציטערן די דאָזיקע קלאַנגען אין דעם פרײַען רוים, ביז עס ווערט אַפּסנײַ שטיל, עפּשער נאָך שטילער, ווי עס איז געווען פריִער. ניט־ווילנדיק שטעקן זיך די פּאַרטיזאַנער אָן מיט אָט דער פרימאָרגנדיקער רויִקײַט, וואָס הערשט אַרום. אַ בענקשאַפט פאַרקלײַבט זיך אין די הערצער. דער געדאַנק טראָגט זיי אַריבער צוריק אַהיים, צום פריִערדיקן לעבן, און זיי פאַרטראַכטן זיך, פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע אינגאַנצן, וווּ זיי געפינען זיך...

מיטאַמאָל רײַסט זיך אַרײַן אין דער שטילקײַט אַ קורצע שיסערײַ פון אַ קוילנוואָרפער. די פּאַרטיזאַנער ווייסן שוין... גאַנץ אָפּט הערט זיך דאָס קנאַלן פונעם אַלקאָוויטשער גאַרניזאָן, וווּ די דײַטשן לערנען זיך שיסן. ווען דאָס זאָל טאַקע געווען זײַן אַזוי, וואָלט עס זיי ווינציקער געפּלאָגט. איצט דוכט זיך זיי אָבער אויס, אַז דאָס מאָל שיסט מען ניט אין יענער זײַט, און זיי ווערן אומרויִק.

דער דאָזיקער אומרו פאַרשאַרפט זיך נאָך מער, בײַס זיי דערזעען אָנקומען פונעם לאַגער וואַניע „ציגאַן“ מיט וואָראָנצאָוון, וועלכע דער מאַיאָר האָט אַרויסגעשיקט זיך דערוויסן, וואָס איז עס פאַר אַ שיסערײַ. שפּאַנענדיק איינער נאָכן אַנדערן, גייען זיי געשווינד פאַרבײַ דעם

פֿאַסט אַזוי, אַז וואַניע באַווײַזט בלויז, קלוימערשט, מיט אַ שמייכעלע אַ פֿרעג צו געבן: „וואָס, ערגעץ האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן געסט?" און ביידע לאָזן זיך אַוועק מיטן וועג, וואָס פֿירט קיין סעליסטשע.

אין דער זעלבער רעגע, בײַם די אויסשפּירער דערווײַטערן זיך, ווערט דאָס בלוט פֿונעם יונגן פּאַרטיזאַנער איבערפֿולט מיט אַ בייזן צאָרן און, ווי ער האַלט אין דער האַנט דאָס שטיקל שמעקנדיקע פֿעך, וואָס ער האָט, פֿאַרטראַכטערהייט, אַליין עפּשער ניט פֿילנדיק ווען, אָפּגעקאַלופּעט פֿון אַ בוים, טוט ער עס מיט קאַס אַ שלײַדער אין דער ערד אַרײַן און זידלט זיך ביטער אויס:

— אָן אומגליק זאָל טרעפֿן נאַרוסעוויטשן. דאָס האָט ער מיסטאָמע שוין ווידער עמעצן געבראַכט אַהער צו פֿירן. נאָר ער זוכט. נאָר ער טשאַטשעוועט, דער פּאַסקודניאַק... פֿון זינט די דײַטשן האָבן אים געמאַכט פֿאַרן נאַטשאַלניק פֿון קרײַסקער פּאָליציי, רוט ער ניט קיין מינוט. וועסט מיך מעגן רופֿן נאַר, אויב ער וועט אַמאָל אַזוי אויך ניט ברענגען צו פֿירן די דײַטשן אין וואַלד צו אונדז.

דעם אַנדערן איז איצט אַזוי אָפּן האַרצן, אַז עס ווילט זיך אים ניט ריידן. ניט ענטפֿערן עפּעס קאָן ער אָבער אויך ניט. און ער טוט אַ מורמל אונטערן נאָז:

— ווייסט זיי דער בראָך, ווער עס האָט זיי אַהער געבראַכט. זיי זײַנען אַלע גוט.

— ניין, זאָג עס ניט, — שלאָגט אים איבער דאָס ייִנגל, — נאַרוסעוויטש איז ערגער פֿון די דײַטשן. ווען דער פֿאַרעטער פּאַקט זיך נאָר אַרײַן אין אונדזערע הענט, וואָלט ער שוין בײַ מיר קיין לעבעדיקער ניט אַרויס — און מיט אַ צײַן־קריצעניש טוט ער זיך אַ צי צו דער שפּיז, וועלכע הענגט בײַ אים אויף דער זײַט.

דער צאָרן, וואָס פֿלאַמט אויף אין דעם ייִנגלס אויגן, רופֿט אַרויס בײַ זײַן עלטערן כאַווער אַ שווער געפֿיל: ווען ניט די מילכאָמע, ווייסט ער, וואָלט אָט דאָס זעלבע ייִנגל נאָך געווויס זאָרגלאָז אַרומגעלאָפֿן איבער די גאַסן און געמאַכט קאָזלקעס, ווי אַ יונג ביקל. דערצו, ווייסט ער אויך, אַז די מעגלעכקײַטן, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן, קעדיי צו פֿירן אַ קאַמף קעגן סוינע, זײַנען גאָר ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט די, וואָס די דײַטשן פֿאַרמאָגן. צוליב דעם, אַז מע זאָל באַזיגן די פֿאַשיסטן, איז נאָך ווײַט ניט גענוג אָט דער ייִנגלשער קוראַזש. און דעריבער ווערט אים אַ ביסל קאָמיש, וואָס יענער היצט זיך אַזוי. ער טוט ביטערלעך אַ שמייכל צו זיך אין באָרד אַרײַן:

— וואָדען, אַ קלייניקײַט עפּעס... אַזאַ מין גאַזלען, ווי דו ביסט. הײַנט וואָס איז ווערט דײַן שפּיז. ווען נאַרוסעוויטש דערזעט דײַן כאַלעף, לייגט ער באַלד אָן אין די הויזן...

דאָס ייִנגל איז שוין אָבער אַזוי אופּגערעגט, אַז ער באַמערקט ניט, ווי דער עלטערער טרײַבט פֿון אים לעצאָנעס. ער טײַנעט זיך זײַנס:

— פּאַסן וואָלט איך געשניטן פֿון דעם הונט. אַז איך זאָג, מיסטאָמע ווייס איך, פֿאַרוואָס.

— אײַ, וואָס ווייסטו! — וויל שוין דער אַנדערער מער גאָר ניט הערן.

— ער איז אַלעמאָל געווען אַ גרויסער אויסוואורף. איצט האָט ער זיך אינגאַנצן צעגאַרטלט. אַ וואָלגאַטנע לעבן איז פֿאַר אים געוואָרן בײַ היטלערן.

— פֿונוואַנען ווייסטו, וואָס ער איז פֿריִער געווען? קענסט אים דען?

— וואָדען, ניט?

— נאַרוסעוויטשן?

— אַוואַדע קען איך אים.

— גיי שוין, גיי! ווי קומסטו צו אים?

— ווי איך קום צו אים? מײַן טאַטע האָט צוזאַמען מיט אים געאַרבעט אין קרײַסקער מיליציע. דער טאַטע האָט אים עטלעכע מאָל געהאַט דורכגעטריבן פֿון דער אַרבעט. נאָר יעדעס מאָל האָט זיך אַרײַנגעמישט עפּעס אַ קאַרעוו זײַנער פֿון רײַ־איספּאָלקאָם און זיך פֿאַר אים אײַנגעשטעלט.

— אַזוי גאָר! הייסט עס, איז טאַקע אָן עמעס, אַז דײַן טאַטע איז געווען נאַטשאַלניק פֿון קרײַסקער מיליציע? גיי ווייס, אַז בוהײַ איז דײַן טאַטע. ווו איז ער איצט, דער טאַטע?

— ווער ווייסט, — ענטפֿערט דאָס ייִנגל מיט אַ זיפֿץ. — די ערשטע טעג, ווי נאָר עס איז געוואָרן דער טומל, האָבן אים מענטשן נאָך געזען. אייניקע זאָגן, אַז ער האָט זיך פֿאַר־טײַעט אין וואַלד. אַנדערע ווידער, אַז מע האָט אים געטראָפֿן גיין מיט אַ גרופּע צום פֿראָנט. מיינסט, וואָס בין איך מיט דער מאַמען אַנטלאָפֿן פֿון קרײַסק? אויך איבער דעם גאַד... ער איז שוין בײַ אונדז עטלעכע מאָל געווען פֿרעגן, ווו איז דער טאַטע...

— עפּשער ביסטו גערעכט, — איז דער עלטערער, ענדלעך, מאַסקים, — ווען ניט אַזויפֿע הולטײַעס, ווי אָט דער נאַרוסעוויטש, וואָלטן מיר גאָר עפּשער אַזוי ניט געבידעוועט — ניט

קיין געזינד און ניט קיין היים. געפינסט זיך לעבן דער שטוב און האָסט מוירע אַרײַנצוגיין אַהין...— און אויך ער לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ.

ביידע ווערן פּלוצעם אַנשוויגן, קוקן זיך איבער. עס ווײַזט זיך זיי אויס, אַז עמעצער פאַרט אין וואַלד. טוען זיי זיך ראַפּטום אַ ריס פונעם אָרט און פאַרטײַען זיך הינטערן בײַדל. דער עלטערער פון די פּאַרטיזאַנער שפּיליעט אָפּ די קאָבורע און נעמט אַרויס זײַן רעוואָלווער. ס'איז שוין גראָד יענער מין קיילע, וואָס טויג ניט אַנדערש, אַז מע זאָל זי אַרויסוואַרפן. קיין שטיקל האָלץ איז עס דאָך ניט, פאָרט געווער. לויפנדיק טרעפט דאָס ייִנגל אָן אָף אַ קופּע ליימענע טעפּ, וואָס איז דאָ פאַרבליבן פון יענער צײַט, ווען די סמאָלע־טרײַבער האָבן געאַרבעט אין וואַלד. עס גיט אַזאַ טרישטש, אַז דער אַנדערער דרייט זיך אויס און ווײַזט אים אַ פויסט. בוהײַ ענטפערט אים ניט, ער שלעפּט אַרויס די שפּיז פון דער שייד, גרייט זיך אויך צו... ביידנס אויגן זײַנען געווענדט צום וועג, וווּ עמעצער פאָרט.

זאָלן דאָס זיך אומקערן די אויסשפּירער, וועלכע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט קיין סעליסטשע, איז אויסגעשלאָסן. אויסער דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין פערד, איז פּאַשעט אומעגלעך, אַז זיי זאָלן זיך אַזוי גיך עפּעס דערוויסן. ווער זשע פאָרט קאָן עס זײַן?

אַרויסשפּרינגען, מאַכן אַ טומל איז אָבער צו פרי. אויב זיי אַליין פאַרמאָגן געווער, קאָנען יענע, וואָס פאָרן, אויך ניט זײַן מיט ליידיקע הענט. מע דאַרף פריִער דערגיין, וויפל פורן זײַנען דאָרט, ווער דאָס פאָרט.

די פּאַרטיזאַנער באַהערשט אַ ווילדער אומגעדולד. ווען זיי קאָנען, וואָלטן זיי, דאַכט זיך, פאַנאַנדערגערוקט די ביימער, וועלכע זײַנען באַשאָטן מיט גאַנצע בערג שניי און בייגן אַראָפּ די צווײַגן צו דער ערד, לאָזן ניט זען, ווער עס פאָרט. קוים וואָס זיי דערוואַרטן זיך אָפּן פערד, וואָס באַווײַזט זיך אָפּן מיטן וועג. עס קומט אַרויס פון הינטער די פאַרשנייטע ביימער אַזוי פּאַוואָליע, אַז עס איז פּאָשעט אַ מאַטערניש צו וואַרטן לענגער. אָט האָט זיך אויך באַוויזן דער שליטן, אָף וועלכן עס זיצט אַ מענטש אין אַ פּעלצל. נאָך איינער שפּאַנט דערבײַ.

די פּאַרטיזאַנער וואַרטן אַלץ. זיי וואַרטן, צי וועלן זיך ניט באַווײַזן נאָך שליטנס.

נאָר ניין, מער זעט מען ניט. און ביידע עטעמען אַ ביסל פרײַער אָפּ. אַז קיין דײַטש אָדער פּאָליצײַען זײַנען עס ניט, דאָס איז קלאָר. יענע וואָלטן זיך ניט דערוועגט זאַלבעצווייט צו לאָזן אין וואַלד אַרײַן.

אויך איצט בלײַבט עס דאָך די זעלבע קאַשע: וואָס זײַנען עס פאַר אַ מענטשן? צי ניט איבער זיי איז געוואָרן די שיסערײַ? און צי ווייסן זיי ניט, אַז אין וואַלד איז עמעץ פאַראַן, אָדער זיי מאַכן זיך ניט וויסנדיק דערפון.

דער, וועלכער גייט באַם שליטן, שפּאַנט אַזוי געלאַסן, די הענט פאַרלייגט אָף הינטן, ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען מאַכן אַ לײַכטן שפּאַציר. אין דרויסן איז וואַרעם, האָט ער דעם מאַנטל צעשפּיליעט. קיין געווער זעט מען באַ אים ניט. סײַ לויט זײַן גאַנג, סײַ לויט דעם, וויִאַזוי די קליידער ליגן אָף אים, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז קיין מיליטער־מאַן איז עס ניט. צי פאַרמאָגט קלייזײַען דער, וועלכער זיצט אינעם שליטן, איז שווער צו באַמערקן.

דער שליטן קומט צו נעענטער און נעענטער. לענגער וואַרטן טאָר מען שוין ניט. זיי זײַנען שוין אַזוי אויך צו נאָענט. ווען דער מאַיאָר זעט עס, וואָלט ער געוויס געשריִען. און ביידע פּאַרטיזאַנער שפּרינגען האַסטיק אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, כאַפּן אָן דאָס פערד פאַר דער צוים.

— שטייט! וווּהין פאָרט איר?!

איינצײַטיק מיטן שליטן בלײַבט אויך שטיין דער, וואָס גייט באַ דער זײַט. מע זעט ניט, אַז ער זאָל שטאַרק ניספּאָעל ווערן פון דעם, וואָס מע האָט זיי פאַרהאַלטן און וואָס די, וועלכע האָבן זיי אָפּגעשטעלט, האַלטן געווער אין די הענט: איינער אַ רעוואָלווער, דער אַנדערער — אַ שפּיז. עס איז אַ סוואָרע, אַז ער איז גאָר צופרידן דערפון, וואָס ער האָט זיי דערזען. ער האָט שיִר ניט האַנאָע פון דעם, וואָס זיי זײַנען גרייט מיט זייער אייגן לײַב פאַרשטעלן דעם וועג און זיי ניט לאָזן פאָרן ווײַטער אין וואַלד.

דער צווייטער גייט אויך אַראָפּ פונעם שליטן. אָפּן אַקסל הענגט באַ אים אַ קורצע אויטאָמאַטישע ביקס.

— מע טאָר אין וואַלד ניט פאָרן, — רופט זיך אָן דער עלטערער פון די פּאַרטיזאַנער, האַלטנדיק צוזאַמען מיט בוהײַען דאָס פערד פאַר דער צוים.

— אָך, אַזוי גאָר! — טוט גוטמוטיק אַ זאָג דער אומבאַקאַנטער, וואָס אינעם מאַנטל. — מע טאָר, זאָגסטו, אין וואַלד ניט פאָרן? — און ער קומט צו נעענטער מיט עטלעכע טריט. דערבײַ באַקומט ער אַזאַ אויסזען, גלײַך ער וואָלט אַ ביסל צאַר געהאַט דערפון, וואָס ער

האָט דערהערט, אַ פֿאַרדראָס. גיי ווייס, אַז מע טאָר ניט פֿאָרן... — נו, וואָס קאָן מען מאַכן, — גיט ער באַלד צו, ווי אײנער, וועמען עס איז שוין לעס־ברײרע, — אַז מע טאָר ניט, טאָר מען ניט, — און ער קוקט זיך אום אַף זײַן יונגן באַגלייטער, הייסט יענעם אויסקערעווען דאָס פֿערד.

נאָר אויך פֿאָרן צוריק לאָזן ניט די פּאַרטיזאַנער. זיי זײַנען שוין היפּשלעך אופֿגעשרויפֿט, באַמערקן ניט, אַז דער מענטש שפּילט זיך מיט זיי אַ ביסל, און ווען דאָס זאָלן ווירקלעך געווען זײַן סאָנים, וואָלט אַלץ גאָר אַנדערש צוגעגאַנגען.

דער עלטערער פֿון די אומבאַקאַנטע איז לעפּיערעך אַ מענטש אין די פֿופֿציקער. ער איז אַ פּולבלעכער, מיט אַ קײַלעכיק־ווײַבעריש פּאָנעם, מיט אַ ברייטלעכער נאָז און פֿולע ליפּן. צו דער זומערדיקער קעפּקע און צום מאַנטל, וואָס ער טראָגט אַף זיך, ווען ער פֿאַרמאָגט נאָך עפּעס אַ פּאָרטפּעלכל, וואָלט ער געהאַט דעם אָנבליק, זאָל עס פֿעלן אַ האָר, פֿון אַ קליינשטעטלדיקן לערער אָדער בוכהאַלטער. לויט זײַן אַרט ריידן פֿילט זיך, אַז קיין נאַר איז ער ניט, אַז ער האָט געהאַט צו טאָן מיט מענטשן, ווייסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט זיי, און ער איז זיכער, אַז מיט זײַן רויִקײַט וועט ער פּועלן פֿיל מער, איידער אָן אַנדערער מיט געשריי און מיט סטראַשונקעס. די רויִקײַט זײַנע אַנטוואָפֿנט די פּאַרטיזאַנער, נעמט באַ זיי אָפּ דעם קוראַזש און צווינגט זיך טאָפּטשען אַף איין אָרט. זיי ווייסן שוין ניט, וואָס מע טוט ווײַטער. פֿאַר זיי וואָלט גלײַכער געווען, ווען די געסט שפּאַרן זיך אײַן, פֿאָלגן ניט, טוען אָפּצעלאָכעס.

— מאָדנע מענטשן זײַט איר, — פּרוּווט זיי אײַנריידן מיט גוטן דער, וואָס אינעם מאַנטל. כאָטש װעדליק עס לאָזט זיך מערקן, ווערט ער וואָס ווײַטער אַליין אויך אומגעדולדיקער. — אין וואַלד לאָזט איר ניט פֿאָרן, צוריק — אויך ניט. טאָ וואָס זשע, פֿרעגט זיך, בלײַבט אונדז איבער צו טאָן? סײַדן אויסגערונען ווערן אינדערלופֿטן? — און בייסמײַסע טוט ער לײַכט אַ פּלאַטער מיט אַ פֿינגער צו דער הייך, — און ביכלאַל פֿאַרשטיי איך ניט, — רופֿט ער זיך ווידער אָן און קוקט אַף די פּאַרטיזאַנער מיט אויגן פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿילט זיך שוין אַ ביסל געטראָפֿן דערפֿון, וואָס ער באַדאַרף פֿאַטערן צײַט אומזיסט. — ווער האָט עס אײַך געגעבן רעכט אַרופֿצולייגן אַ פֿאַרבאָט אָפֿן וואַלד? וואָס זײַט איר דאָ עפּעס — גרעסערע באַלעבאַטים פֿון אַלעמען? איצטער איז, דאַכט זיך, דאָ אומעטום איין באַלעבאָס...

דער צווייטער שטייט דערבײַ מיט דער אויטאָמאַטישער ביקס אָפֿן אַקסל און שווײַגט.

דער עלטערער פֿון די פּאַרטיזאַנער ווערט אויסער־זיך. ער לאָזט איבער בוהײַען באַם פֿערד און קומט אַליין אויך צו אַ ביסל נעענטער.

— מע טאָר אין וואַלד ניט פֿאָרן, און שוין!.. — כאַזערט ער פֿאַראַקשנט איבער מיט אַ טאָן, וואָס דערלויבט ניט קיין שום דערווידערונג.

— פֿאַרוואָס?

— „פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?“ ניט אַלץ בין איך מעכוייעוו צו גיין אײַך דערציילן. מע טאָר ניט — און האָדיע. זאָגט בעסער, ווער זײַט איר און צוליב וואָס זײַט איר געקומען אַהער?

— זאָג זשע פֿריִער, ווער זײַט איר און וואָס טוט איר דאָ?

— ניט וויכטיק, ווער מיר זײַנען...

— פֿאַרוואָס עפּעס? עס איז יאָ וויכטיק. זײַט איר פּאַרטיזאַנער, טאָ וואָס זשע ליגט איר אין וואַלד, ווען דערבײַ האָבן זיך באַוויזן פֿאַשיסטן? איר האָט דען ניט געהערט די שיסערײַ? — ער באַמערקט באַלד, אַז די פּאַרטיזאַנער איז ניט געפֿעלן, האָלעמײַ ער וואַרפֿט זיי אוף. האָט ער כאַראָטע דערוף, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן, און כאַפּט אַף צוריק, — אייגנטלעך, זײַט איר דאָך אַפֿילע אין דעם ניט שולדיק. דער געוויינלעכער פּאַרטיזאַנער טוט דאָס, וואָס מע הייסט אים... די פֿראַגע דאַרף מען גיכער שוין פֿאַרגעבן אײַער קאָמאַנדיר. זאָג מיר בעסער אָט וואָס: וויאַזוי רופֿט מען דיך? לאָמיר כאָטש וויסן, מיט וועמען האָבן מיר דאָ צו טאָן.

— נו, באַלאַשאָוו.

— אַך, באַלאַשאָוו. איז אָט וואָס... כאַווער באַלאַשאָוו. איר האָט ניט וואָס צו מוירע האָבן פֿאַר אונדז. מיר זײַנען אַליין אויך פּאַרטיזאַנער. מיר דאַרפֿן נייטיק האָבן אײַער מאַיאָר.

— ניטאָ באַ אונדז קיין מאַיאָרן, — שפּרינגט אַרויס בוהײַ, וועמען עס איז שוין נימעס געוואָרן צו אײַסעקן זיך מיטן פֿערד, וואָס דרייט די גאַנצע צײַט מיטן קאָפּ און וויל זיך אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענט.

די געסט מאַכן זיך אָבער ניט וויסנדיק פֿונעם ייִנגלס אויסגעשריי. זיי גייען צו צום שליטן, נעמען אַרויס טאַבעק, פֿאַררייכערן אַליין און דערלאַנגען פֿאַררייכערן אויך די איבעריקע. קיין טאַבעק איז באַ די פּאַרטיזאַנער שוין לאַנג ניטאָ, אויסער בלעטער פֿון ביימער האָבן זיי פֿון זינט אַ צײַט גאָרניט גערויכערט. און בײַשטיין דעם ניסאָיען ווערט זיי אַלץ שווערער. דערצו זעען זיי שוין אויך, אַז קיין אונטערגעשטעלטע פֿאַרשוינען זײַנען דאָס ניט. וואַרשײַנ־

לעכער פון אַלץ זײַנען דאָס טאַקע אויך פּאַרטיזאַנער. באַלאַשאָוו שטרעקט אויס די האַנט און נעמט פאַרייכערן. בוהײַ זאָגט זיך אָפּ. ער שטייט דערבײַ אַן אַנגעדרודלטער. רופן עמעצן גייען זיי אָבער ניט. ביידע ענטפערן אין איין קאָל:

— מיר האָבן קיין מאַיאָרן ניט.

א היפּשע ווײַלע געדויערט אָט די אַמפּערניש, כאָטש אי די, אי יענע איז די שפּיל שוין דערעסן.

— אַן עק! — שנײַדט ענדלעך אָפּ דער עלטערער פון די געקומענע און ווערט ערנסט. — מיר האָבן קיין צײַט ניט צו ברײַען לענגער. גייט און רופט דעם מאַיאָר. זאָגט אים, אַז עס וויל זיך מיט אים זען דער קאָמיסאַר פון „באַרבאַ". מיר האָבן צו אים אַ דרינגענדיקן איניען. עמעצער פון אײַך גייט נאָך אים, און מיר וועלן דאָ צוּוואַרטן.

די פּאַרטיזאַנער אײַלן ניט.

סאָפּקאָלסאָף באַשטימט באַלאַשאָוו שיקן דאָס יינגל נאָכן מאַיאָר. אייגנטלעך טוען זיי דאָך אַזוי, ווי ער האָט זיי געלערנט. טאָמער מאַכט זיך עפּעס, האָט ער געהייסן, אַז איינער פון זיי זאָל בלײַבן אויפן פּאָסט און דער צווייטער זאָל לויפן נאָך אים.

ניט זייער גערן פאַרלאָזט בוהײַ דעם פּאָסט און גייט זיך אַוועק מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד אַרײַן. די זון קומט אַהער זעלטן. עס שטייט דאָ אַ האַלבע טונקלעניש, און אַלץ אַרום, סײַ די ביימער, סײַ די קוסטעס, סײַ די ערד, זײַנען אַזוי פאַרשנייט, אַז עס איז גענוג אָפּגיין עטוואָס אין אַ זײַט פון דער סטעזשקע, מע זאָל זי באַלד פאַרלירן.

פריִער גייט בוהײַ פּאַמעלעך, מע זאָל ניט זען, אַז ער אײַלט, דערנאָך, ווען הינטער אים ווערט פאַרשוווּנדן דער וועג מיטן בײַדל און מיט די אַלע, וואָס זײַנען דאָרט פאַרבליבן, הייבט ער אָן צו גיין שנעלער, שיִער וואָס ער לויפט ניט. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז יונג און פאַרמאָגט לאַנגע פיס, איז ער דאָך אַ שווערלײַביקער, מיט אַ וואָגיקן טראָט. ער לויפט און עטעמט הויך. ער האָט מיט די פרעמדע איבערגעלאָזן זײַן כאַווער און ער איז ניט רויִק. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. פאַר דער צײַט, זינט עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט ער זיך אָנגעזען מיט אַזויפיל אומרעכט, אַז ער טרויט שוין קימאַט קיינעם ניט. יענע גיבן זיך אָן פאַר פּאַרטיזאַנער, נאָר גיי ווייס, ווער זיי זײַנען אין דער ווירקלעכקײַט. ער באַנעמט ניט, צוליב וואָס זײַנען זיי געקומען אַהער, צי האָבן זיי בעעמעס עפּעס אַ דרינגענדיקן איניען צום מאַיאָר אָדער זיי האָבן עס בלויז אויסגעטראַכט.

ביסלעכווײַז שלינגט אײַן דער וואַלד דאָס געהילך פון בוהײַס טריט. אין דער שטילקײַט הערט זיך בלויז, ווי ערגעץ ניט ווײַט דלובעט אַ פּיקהאָלץ מיט זײַן פעסטן שנאָבל אין דער האַרטער קאָרע פון בוים.

ווען בוהײַ קערט זיך אום צוריק צוזאַמען מיטן מאַיאָר און מיט לאַרינען, טרעפט ער דעם שליטן אויפן זעלבן אָרט, ווו ער האָט אים איבערגעלאָזט; די געסט וואַרטן אַלץ.

דערזען גיין דעם מאַיאָר, הייבט זיך דער קאָמיסאַר אויף און דערלאַנגט אים די האַנט. דער אַנדערער באַגריסט זיך מיט אים אויף אַ מיליטערישן אופן, צוטראָגנדיק די האַנט צום ווינטערדיקן היטל.

וועגן וואָס זיי ריידן דערנאָך צווישן זיך, דער מאַיאָר מיטן קאָמיסאַר, אַרומשפּאַצירנדיק הין און צוריק מיט דער פּראָסעקע, הערט נישט ניט באַלאַשאָוו און ניט בוהײַ, כאָטש ביידע זײַנען נײַגעריק צו וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. לויט פאַרשיידענע סימאָנים, אַשטייגער לויט דעם, וויִאַזוי דער קאָמיסאַר מאָלט עפּעס אויס פאַר דעם מאַיאָר, ווײַזט אים מיט דער האַנט אין דער דאָרעמדיקער זײַט פונעם וואַלד, שטויסן זיי זיך אָן, אַז ער רופט אים ערגעץ. פּיאָטער טראָפימאָוויטש באַשליסט זיך דאָך ניט באַלד, ער ציט אַלץ אָפּ. ריידנדיק מיטן קאָמיסאַר, הערט ער די גאַנצע צײַט ניט אויף צו קוקן לענגויס דעם וועג, וואָס פירט קיין סעליסטשע. עס פילט זיך, אַז ער וואָלט שוין גערן געוועון זיך דערוויסן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ שיסערײַ.

ווען די אויסשפּירער קערן זיך אום און פּיאָטער טראָפימאָוויטש דערוויסט זיך פון זיי, אַז פּאָליציי האָט זיך דאָס נאָכגעיאָגט נאָך וואַרדאָמסקין, דעם געוועזענעם פאָרזיצער פונעם קאָלווירט, געפינט ער שוין אַפילע ניט פאַר נייטיק צו פרעגן די יאַטן, וואָס זשע איז געבליבן דער סאָף, צי האָט זיך וואַרדאָמסקין אײַנגעגעבן אַנטלויפן אָדער ניין. ווײַל דאָס, וואָס זיי וואָלטן אים געקאָנט ענטפערן, זעט ער שוין אַרויס פון זייערע פאַרומערטע פּענעמער. און קעגן זײַן אייגענעם ווילן רײַסט זיך בא אים אַרויס:

— איך האָב דאָך וויפל מאָל געטײַנעט מיטן אַקשן: „נעם און צעטייל דאָס ביסל ברויט, אַז עס זאָל ניט זײַן, צו וואָס צו טשעפּען זיך".

אזוי שרײַבט אויס דער מאיאָר, כאָטש ער ווייסט זייער גוט, אז דאָ האַנדלט זיך קלאָל ניט אינעם ביסל ברויט, וואָס וואַרדאָמסקי האָט פאַרבאַהאַלטן אין וואַלד. ווײַל קוים זאָלן נאָר די דײַטשן נעמען אָף אים זוכן כאַטאָים, וועט זיך ארויסווײַזן, אז דאָס איז ניט די איינציקע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זיי.

ווייניקער פון אלץ האָבן איצטער געקאָנט העלפן גלאַט רייד. מע האָט טייקעף געמוזט עפּעס נעמען טאָן, קאָלזמאַן עס איז נאָך ניט געווען שפּעט, קעדיי זיך דערוויסן, ווּהין האָט מען אוועקגעפירט וואַרדאָמסקין און וואָס קלײַבט מען זיך מיט אים צו טאָן. נאָר גראָד אָף די דאָזיקע פראַגן האָבן די געקומענע ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— וואָס הייסט „אין דאָרף ווייסט קיינער גאָרנישט”? דאָס דאָרף קאָן אַמאָל גאָרניט וויסן, דאָס דערלאָז איך, אָבער איר, אויסשפּירער, דאַרפט אלץ וויסן... פון אונטער דער ערד דאַביוועט יעדיעס.

דער מאיאָר האָט קאָנטיק באַלד דערפילט, אז ער איז ניט אינגאַנצן גערעכט דערמיט, וואָס ער איז באַפאַלן די פאַרטיזאַנער, און זײַן שטים איז געוואָרן ווייכער, צוגעלאָזטער:

— יאַטן, — האָט ער שטילערהייט צוגעגעבן, — מיר מוזן ראַטעווען וואַרדאָמסקין. איך דאַרף אײַך דען דערציילן, וואָס דער מענטש האָט פאַר אונדז געטאָן? — און, ניט דערלויבנדיק די אויסשפּירער זיך עטוואָס אָפּרוען, האָט ער זיי ווידער אוועקגעשיקט אהין, פונוואַנען זיי זײַנען נאָרוואָס געקומען. דערנאָך, ווען יענע זײַנען אוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום קאָמיסאַר און זיך אָנגערופן: — איצטער קאָנען מיר זיך לאָזן צו אײַך, — און אין דעם, וויאַזוי ער האָט עס א זאָג געגעבן, האָט זיך געפילט, אז דאָס, וואָס עס איז פאַרלאָפן מיט וואַרדאָמסקין, האָט אין א געוויסן זין פאַרשנעלערט זײַן באַשלוס.

דער קאָמיסאַר האָט א ווונק געטאָן צו זײַן באַגלייטער, אז ער זאָל אָנטרײַבן דאָס פערד. דער קאָמיסאַר מיטן מאיאָר זײַנען אוועקגעגאַנגען נאָכן שליטן, לאַרין — נאָך זיי.

2

ארויסקומענדיק צום ברעג וואַלד, האָט מען פאַרקערעוועט אָף לינקס. אלע האָבן זיך אַרופגעזעצט אָפן שליטן, און דאָס פערדל האָט ניט שטאַרק גענומען לויפן, ארײַנוואַרפנדיק מיט די הינטערשטע פיס שטיקער שניי אין שליטן.

שטילערהייט ריידנדיק צווישן זיך, איז מען אזוי געפאָרן א שאָ און מער, פריער ניט ווײַט פון סעליסטשע און דערנאָך לעבן א צווייט דאָרף, פון וועלכן עס האָט זיך דערטראָגן דאָס קרייען פון העָנער. דער וואַלד האָט זיך די גאַנצע צײַט געצויגן איינער און דער זעלבער. אומבאַמערקטערהייט איז איין מאַסיוו איבערגעגאַנגען אינעם אַנדערן. אין דער לינקער זײַט פונעם וועג האָבן זיך אוועקגעצויגן פּראָספּעקס, וועלכע האָבן זיך דורכגעלויכטן אָף דורך און דורך און באַוויזן א שמאָל פּאַסיקל הימל, וואָס איז פונוויַיטן אלץ שמעלער און שמעלער געוואָרן. שפּעטער זײַנען צו די פאַרשנייטע סאָסנעס און יעלן, וועלכע זײַנען פּאַוואַליע געלאָפן פאַרבײַ, צוגעקומען נאָך אַנדערע מינים ביימער. דער ארום איז געוואָרן כמאַרנער און ווילדער. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אפילע די שטימען ווערן אלץ טויבער און פאַרדומפּענער.

ענדלעך איז מען צוגעפאָרן צו א פּאָסט, ווו עטלעכע פאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואַרעמט לעבן א פײַער. דער וואַלד ארום איז פול געווען מיט רויך. מע האָט פאַר א מײַל געקאָנט דערזען, אז דאָ איז עמעץ פאַראַן. דעם מאיאָר איז עס ניט געפעלן געוואָרן, כאָטש ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז צווישן די אלע, וועלכע האָבן די לעצטע צײַט זיך גענומען קלײַבן אין די וועלדער, זײַנען דאָ געוווּג אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געדינט אין דער אַרמיי און זיי האָבן קיין אָנונג ניט, וויאַזוי מע דאַרף זיך פירן. זײַן פאַרווינטלט פּאָנעם, וואָס ווי גוט ער זאָל עס ניט האָבן אויסגעגאָלט, האָט שטענדיק אויסגעזען טונקל און פאַרוואַקסן, איז געוואָרן שטרענג, די געדיכטע ברעמען האָבן זיך אָנגעכמורעט. ער אליין דערלויבט ניט זײַנע יאַטן עפּעס ענלעכס. ער האַלט, אז דאָס איז פּאָשעט צעלאָזנקײַט. עס איז נאָך דערווײַל קיין רעכטער פראָסט ניט געווען און דאָ איז מען שוין דערפרוירן געוואָרן. מע וואָלט בע־

פיירעש באַדאַרפט אַמאָל קומען אהער און א ביסל אָנשרעקן. נישקאָשע, ווען מע שיסט דערבײַ אויס עטלעכע מאָל, וואָלט מען זיך באַלד דערוואַרעמט...

מע האָט איבערגעלאָזט דעם שליטן בא דעם פּאָסט, אליין זיך געלאָזן גיין ווײַטער. וואָס לענגער מע איז געגאַנגען מיטן וואַלד, אַלץ שאַרפער האָט אָנגעהויבן צו ווייען אין פּאָנעם אַן עסעריקע פײַכטקײַט, וואָס האָט צו וויסן געגעבן, אַז מע דערנענטערט זיך צו בלאָטעס. דער מאַיאָר האָט פונדעסטוועגן זיך אָפּגעהאַלטן פון צו מאַכן צו שנעלע אויספירן. ער האָט ניט פאַרגעסן, אַז דער קאָמיסאַר פון „באַרבאַ", מיט וועמען זײַנע יאַטן האָבן זיך צופעליק געטראָפן אין וואַלד, איז געקומען צו אים מיט א פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן צוזאַמען אָף א שלאַכט־אָפּעראַציע. עמעס, זיי האָבן זיך נאָך צו גאָרניט ניט געהאַט דערעדט, ער האָט בלויז באַשלאָסן זען, וואָס זײַנען עס פאַר א מענטשן, וואָס פאַרמאָגן זיי פון געווער און צי וועט אים לוינען זיך פאַרבינדן מיט זיי. דער עצעם געדאַנק אָבער אַרויסצוטרעטן מיט געמיינזאַמע קויכעס קעגן די דײַטשן האָט בא אים אויסגענומען. באַזונדערס האָט עס געהאַט א זין איצט, ווען קיין גרויסע דערפאַרונג פון פאַרטיזאַנישן קאַמף איז נאָך ניט געווען, און געווער — אויך ווינציק. קיין זאַך, האָט אים געדוכט, איז גאָרניט ווערט אין פאַרגלײַך דערמיט, ווען עס גיט זיך זיי אײַן צו לאָזן דעם סוינע א ביסל בלוט. כוץ דעם, וואָס דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע מיטל אָף אונטערצומונטערן די פאַרטיזאַנער, וואָלט עס אויך געוויזן דעם פאָלק, אַז עס איז פאַראַן, ווער סע זאָל זיך אָנעמען זײַן קריוודע.

גייענדיק מיט דער פּראָסעקע, וווּ די ביימער זײַנען פון ביידע זײַטן געשטאַנען, ווי א וואַנט, האָבן זיי זיך ענדלעך אַרויסגעקליבן צו א גרויסער בלאָטע, איבער וועלכער עס זײַנען געלעגן „קלאַדקעס" פון יונגע בערעזקעס. פונוויַטן, אָף דער אַנדערער זײַט פון דער בלאָטע, האָט זיך געזען א כוטאָר, הינטער אים ווידער וואַלד. דער מאַיאָר האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס גייען זיי אַהין.

מיט א שעמעוודיקן שמייכל פון אייגעם, וועמען עס שטייט פאַר אַן אַרבעט, וואָס פּאַסט פאַר א ייִנגל, האָט פּיאָטער טראָפימאָוויטש באַטראַכט די שטעקנס, וועלכע עס האָט פאַר יעדן פון זיי אַרויסגענומען פון הינטער א קוסט דעם קאָמיסאַרס באַגלייטער. ער האָט פאַרשטעקט הינטערן רימען די פּאָלעס פונעם רעגנמאַנטל, נאָכטועגדיק אין דעם פּראַט דעם קאָמיסאַר, און אָט אַזוי, ווי קונצנמאַכער אין צירק, האָבן זיי זיך, איינער נאָכן אַנדערן, אַוועקגעלאָזט מיט די „קלאַדקעס", דאָ זיך לײַכט אָנשפּאַרנדיק מיט די לאַנגע שטעקנס אין בערגלעך ערד, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטערן שניי, און דאָרט באַלאַנסירנדיק מיט ביידע הענט, קעדיי אײַנצוהיטן דאָס גלײַכגעוויכט.

ניט געקוקט אָפן קאָמיסאַרס יאָרן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז, דאַכט זיך, גאָר ניט געווען אַזאַ באַוועגלעכער, האָט ער זיך דאָך באַלד אַרויסגעריסן פאָרויס און זיך גענומען דערווײַטערן. ער האָט גיך־גיך, קוים אָנצורירן די „קלאַדקעס" מיט די שפּיץ־פינגער פון די פיס, זיך אַוועקגעטראָגן איבער זיי, און פּלוצעם, ווען ער איז אינמיטן געלאָף אין עפּעס געשטרויכלט געוואָרן, זיך געגעבן א וואַקל פון איין זײַט אין דער צווייטער, נאָר טייקעף בײַגעקומען די רעגע פון פאַרלאָרנקײַט, בייס אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער רײַסט זיך אַראָפּ אין דער בלאָטע, און זיך אָפּסנײַ אַוועקגעלאָזט פאָרויס, אַזוי פלינק און שנעל, אַז דעם מאַיאָר האָט אָנגענומען א קיישעק אים נאָכצוטאָן.

גיין אָבער מיט די „קלאַדקעס" איז געווען שווערער איידער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אויסער דעם, וואָס דערויף האָט זיך געפאָדערט א געוויסע געוווינהײַט, איז דערצו נאָך צעגאַנגען געוואָרן דער פּראָסט־טוי, מיט וועלכן די „קלאַדקעס" זײַנען געווען באַדעקט, אונטער די פיס איז געוואָרן נאַס, און עס איז גענוג געווען מאַכן ניט קיין געלונגענעם טראָט, מע זאָל זיך אויסגליטשן. בעמיילע איז שוין פּיאָטער טראָפימאָוויטשן אויסגעקומען זיך אָפּגעבן דער מעלאָכע מיט מער פלײַס, ווי ער האָט, לעכאַטכילע, געמיינט, אַזוי אַז אָף אַנדערע זאַכן איז אים קיין צײַט ניט איבערגעבליבן, דערונטער אויך צו געדענקען וועגן דעם פײַער, וואָס ער האָט געזען ברענען אָפן פּאָסט. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך דערלויבט, ווען ער איז אָף א ווײַלע געבליבן שטיין, קעדיי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, דאָס איז — באַטראַכטן דעם אָרום, וועלכער איז אים אַלץ מער און מער געפעלן געוואָרן.

פאַר די זומפּ־פייגל האָט דאָ, זומער־צײַט, באַדאַרפט זײַן א פרײַ לעבן. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געקאָנט פראַנק־און־פרײַ אַרומפליִען, פאַרהילכן דעם אָרום מיט זייערע געשרייען און זיך אַראָפּלאָזן אָף די הויכע פיס אין דער בלאָטע, נישטערן מיט די לאַנגע שנאָבלען אינעם מיט גראָז פאַרוואַקסענעם וואַסער. איצט אָבער האָט מען דאָ אין ערגעץ ניט געזען קיין לעבעדיקע בריִע. אָרום און אָרום איז געשטאַנען א טויטע שטילקײַט, אַזוי אַז מע האָט געהערט ווי עס כליופּעט די נעץ אונטער די פיס. פון ביידע זײַטן, אָף וויפל

דאָס אויג האָט נאָר פֿאַרנומען, האָבן זיך געשפּרייט ראַכוועסדיקע, פּאַרווייטע פֿעלדער אין בערג און בערגלעך, ווי אַ כוואַליענדיקער יאַם, וואָס איז פּלוצעם פֿאַרגליווערט געוואָרן. ערטערווײַז האָבן טונקעלע זשאַווער־פֿלעקן זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון דער טיף און צעפֿרעסן דעם שניי, איידעס געזאָגט וועגן דעם, אַז די בלאָטע וועט ניט פֿאַרפֿרוירן ביז שפּעט ווינטער. און אויך דאָס איז דעם מאַיאָר געפֿעלן געוואָרן. ער האָט געטראַכט: „ניט קיין נאָר באַדאַרף זײַן דער, וועלכער האָט זיך אויסגעקליבן אָט דאָס אָרט. עס איז גענוג אוועקשטעלן אויפֿן כוטאָר אַ קוילנוואַרפֿער און מע איז באַוואָרנט, אַז פֿון דער זײַט פֿון דער בלאָטע זאָל קיינער ניט קאָנען צוקומען. אָט אַ מענוווול דער וואַרדאָמסקי, — האָט דעם מאַיאָר אַלץ מער און מער געגומען פֿאַרדריסן, האַלעמײַ ער געפֿינט זיך ניט דאָ מיט זײַנע יאַטן, — ער האָט אים ניט געקאָנט זאָגן, אַז אינעם וואַלד איז פֿאַראַן אַזאַ מין „גאָלדן ערטל“.

פֿון אומגעוווינטקייט צו גיין די גאַנצע צײַט מיט די „קלאַדקעס“ האָט דעם מאַיאָר באַהערשט אַ מידקייט. עס האָט אים דערעסן צו קוקן זיך אונטער די פֿיס. ער איז גערן געוואָרן, ווען די בלאָטע האָט זיך סאָפּקאָלסאָף געענדיקט און ער האָט מיט אַ לײַכטן אויסגעשריי „אָן עק!“, ווי איינער זאָגט: אַ דאַנק גאָט, איבערגעקומען, געקאָנט אַ שפּרונג געבן אויף דער טריקעניש און דערפֿילן מיט די פֿיס די ערד אונטער זיך.

ער איז צופֿרידן געווען, וואָס עס איז בײַ אים כאָטש אַלץ דורכגעגאַנגען גלאַט און ער איז אָפּגעקומען בלויז דערמיט, וואָס ער האָט זיך סאַכאַקל איין מאָל עטוואָס אויסגעגליטשט און האָט געטראָפֿן מיט אַ פֿוס אינעם זומפּ אַרײַן. עס איז אים איצט נאָר איבערגעבליבן אַרומצורייניקן די שטיוול און זיי האָבן זיך געקאָנט לאָזן גיין צום כוטאָר, וועלכער איז שוין געווען נעענטער, ווי ווײַטער.

פּיאָטער טראָפּימאָוויטש האָט געגומען זוכן, מיט וואָס אַרומצווישן די שטיוול. דערבײַ איז ער פּונעם גיין מיט די „קלאַדקעס“ שוין צו פֿיל דערוואַרעמט און אויפֿגעלעבט געוואָרן, ווי טאָמיד נאָך פֿיזישער אַרבעט זײַנען אים אויפֿגעקומען דערמונטערנדיקע און פֿריילעכע געדאַנקען. ער האָט געקלערט וועגן דעם, אַז אויב אַלץ וועט גיין אַזוי, ווי ער שטעלט זיך פֿאָר, און זיי וועלן זיך צו עפּעס דערליידן, דאַן וועט מען פֿרײַער פֿאַר אַלץ זיך באַדאַרפֿן נעמען פֿאַר די פּאָליצייִשע באַצירקן, וועלכע נאַרוסעוויטש זעצט אָן אינעם ראַיאָן, צעטרײַבן די פּאָליצײַען, פֿאַריאָגן די סטאַרעסטעס, ניט לאָזן גאַרנישט אַרויספֿירן פֿון די דערפֿער.

פֿאַריינס האָט ער שוין אויך ניט פֿאַרגעסן דעם גאַרניזאָן פֿון אָלקאָוויטשי, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ ביין אין האַלדז. צעגראַמירן דעם גאַרניזאָן, האָט ער אָבער געוווּסט, איז דערווײַל נאָך צו פֿרי צו טראַכטן, און ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף דער צוקונפֿט — „שפּעטער, — האָט ער זיך געטראַכט, — דאָס איז אַן אַרבעט אויף שפּעטער“...

ניט באַוויזן האָט אָבער דער מאַיאָר אַרומצורייניקן די שטיוול מיט אַ הויפֿן פֿאַרוועלקט גראָז, וואָס ער האָט אָנגעצופּט פֿון אונטערן שניי, ווי עס האָט זיך דערהערט ערגעץ ניט ווײַט אַ שיסערײַ פֿון אַן אויטאָמאַטישער ביקס, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט איין קורצע סעריע קוילן נאָך דער אַנדערער. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט. אַרום־און־אַרום איז דאָך געווען שטיל, אויסער דער דאָזיקער שיסערײַ האָט מען גאָרניט געהערט. אויך דער קאָמיסאַר האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימען פֿון אומרו. און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס שיסט מען, ווײַזט אויס, ערגעץ אינעם פּאַרטיזאַנישן לאַגער, וואָס געפֿינט זיך הינטערן כוטאָר און פֿונוואַנען עס האָט זיך געשפּרייט אַ רויך צווישן דיביימער. דער מאַיאָר איז אויפֿגעבראַכט געוואָרן.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ שיסערײַ? — האָט ער געפֿרעגט דעם קאָמיסאַר.

— דאָס שיסט, מיסטאָמע, לוקאַשעוויטש, — האָט יענער אָפּגעענטפֿערט. — די רעכטע האַנט איז בײַ אים פֿאַרוווּנדעט, לערנט ער זיך שיסן מיט דער לינקער.

— ווו האָט מען עס אים שוין באַוויזן צו פֿאַרוווּנדן, אײַער קאָמאַנדיר? עפּעס האָט מען ניט געהערט, אַז עמעצער זאָל זיך דאָ געווען שלאָגן מיט די פֿאַשיסטן.

— קיין שום שײַכעס האָט עס ניט מיט קיין דײַטשן. ער איז אַליין דערין שולדיק... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מײַסע: מיר האָבן אַ ביסל טאָל, נאָר עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל דערפֿון מאַכן אַ מינע. „דו, — זאָג איך צו אים, — ווייסט ניט, ווי־אַזוי מע מאַכט עס, טאָ נעם זיך בעסער ניט אונטער“. ער האָט מיך אָבער ניט געפֿאָלגט און זיך צעקאַליעטשעט די פֿינגער. ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן. ווען עס טרעפֿט אים אין די אויגן, בלײַבט ער אַ בלינדער.

— ער האָט דען ניט געדינט אין דער אַרמיי, וואָס ער ווייסט ניט, ווי־אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ מינע?

— וואָס עפּעס ניט? נאָר די לעצטע יאָרן האָט ער ניט באַדאַרפֿט האָבן צו טאָן מיט קיין מינעס. ער איז געווען סעקרעטאַר פֿון קרײַסקער רײַ־אויספּירקאָם.

פאַר דעם מאיאָר איז עס געווען אַ קליינער טערעץ.

— וואָס זשע? — האָט ער ווידער געפרעגט. — פעלט אים נאָך, אַז דײַטשן זאָלן קומען אַהער? ווער הייבט עס אויף אַ שיסערײַ אינעם לאַגער? דאָס אָרט אַיערס איז טאַקע אַ גוטס. דאָס איז עמעס, מאַלע אָבער וואָס עס קאָן זיך מאַכן...

— אַהער וועט קיינער ניט קריכן.

מיט אַ קאָסע בליק אָפּגעמאָסטן דעם קאָמיסאַר, וועלכער איז זיך געלאָסן געגאַנגען מיט אים אינעם צעשפּיליעטן מאַנטל, האָט דער מאיאָר מער גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט אָף דעם מענטשן געוואָרפן אַן אומכיין, באַשלאָסן בײַ זיך: „וואָס זשע, מע זעט דען ניט? וואָס פאַר אַ פירער, אַזעלכע פאַראַנדקעס. ווען מע כאַפּט אַרײַן אַ גוטן קלאַפּ, וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אַזוי זאַרגלאָז”.

דעם מאיאָר האָט זיך פאַרגלוסט פרעגן בײַ דעם קאָמיסאַר, אָף וואָס פאַר אַ שטעלע ער איז פריִער געווען. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. אין אים האָט זיך באַנײַס אופגעהויבן אַן ערגערניש, ווי דעמלט, בײַס ער האָט דערזען דאָס פײַער אָפן פאָסט. און דעם איבעריקן טייל וועג, וואָס איז אים איבערגעבליבן דורכצומאַכן ביזן כוטאָר, איז ער שוין געווען צערודערט. ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז וואָס ער זאָל שוין ווײַטער דאָ ניט טרעפן, באַדאַרף אים ניט אַרן. מע האָט אים אײַנגעלאַדן צוליב אַ געוויסן איניען, דאַרף ער זען, וואָס ווײַטער וועט זײַן. וועט מען זיך צו עפּעס דערליידן, איז רעכט. עלע ניט, וועט ער זיך טייקעף אופהייבן און אוועקגיין צו זײַנע יאַטן. וואָרעם ער איז דאָ, און זײַן האַרץ איז אים פאַרבליבן בײַ זיי. עס לאָזט אים די גאַנצע צײַט ניט רוען דאָס, וואָס עס איז פאַרלאָפן מיט וואָרדאָמסקין. אָך, ווען ער קען נאָר זיך אַרײַנרײַסן מיט זײַן כעוורע אין קרײַסק, וואָלט ער דאָרטן טיל־טעל געמאַכט פון די פּאָליצײַען צוזאַמען מיט זייער אָנפירער, מיט נאַרוסעוויטשן.

און איבעריקן כיישעק, ניט מער, ווי מע טוט אַ זאַך אָף אָפּצוקומען, האָט דער מאיאָר דורכגעשפּאַנט דעם הויף מיט דער שטאַל און דעם ברונעם, וועלכער איז, אַ באַשײַנטער פון זון, געלעגן בײַ דער בלאָטע, ווי אַ אינדזעלע, באַשיצט פון אַלע זײַטן מיט וואַלד.

אין דער גרויסער ליידיקער שטוב, אין וועלכער ס׳איז גאָרניט געווען, אויסער אַ טיש מיט בענק, איז אָפן פענצטער געלעגן אַ קאַץ און האָט זיך געוואַרעמט קעגן דער זון. אין קיך האָט אַ יונגע פרוי עפּעס געבראָטן און דער געשמאַקער רייעך פונעם געבראָטנס האָט אָנגעפילט די לופט, דערמאָנט דעם מאיאָר, אַז ער געדענקט גאָר ניט די צײַט, ווען ער זאָל עפּעס ענלעכס האָבן געגעסן. און גראָד אָט די קלייניקײַטן, וועלכע ער וואָלט אַן אַנדערש מאָל ניט צוגעגעבן קיין באַדײַטונג, האָבן אים איצט דערצאָרנט. עס איז אים דערווידער געוואָרן די שטוב מיטן רייעך פון געבראָטנס, פריקרע די שטיל־מורמלענדיקע קאַץ, וועלכע איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער, קוים זיי זײַנען נאָר אַרײַנגעקומען, מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקן, פויל זיך צײַענדיק אָף אַלע פיר, צוגעגאַנגען צו דעם קאָמיסאַר און זיך גענומען רײַבן אין זײַנע פיס. זײַן שטימונג איז אים אינגאַנצן קאַליע געוואָרן. ער איז שוין קיין באַלן ניט געווען אַפילע זיך אויסטאָן, ווען דאָ זאָל ניט געווען זײַן אַזוי שטאַרק אָנגעהייצט. אויסגעטאָן פון זיך דעם רעגנמאַנטל און זיך אָנגעהויבן צוקעמען די האָר, וועלכע זײַנען פאַר די לעצטע עטלעכע כאָדאָשים גרויער געוואָרן, איז דער מאיאָר געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, ווי אַ מענטש, וועלכער קומט צו גיין טאָן אַ גוואַלד־שידעך און ווייסט פון פריִער, אַז דערפון וועט גאָרניט אַרויסקומען. ער האָט אַפילע ניט געפונען פאַר נייטיק אויסצובאַהאַלטן, ווי שטאַרק ער איז אומצופרידן דערפון, וואָס ער איז געקומען אַהער. אינעם פוטערנעם קורצן לײַבל אָן אַרבל, מיט די פּאָרטופּיי־רימענס איבערן אַקסל, מיטן שווערן מאַוזער אין דער לאַנגער הילצערנער שייד אָף דער זײַט, האָט ער אויסגעזען שטאַלטנער און העכער, ווי אינדערעמעסן, ניט אין פאַרגלײַך מענערישער פון דעם קאָמיסאַר, וועלכער איז אָן דעם מאַנטל און אָן דעם היטל געוואָרן נאָך מער ענלעך אָף אַ קליינשטעטלדיקן לערער אָדער בוכהאַלטער.

איצט, בײַס דער מאיאָר איז שוין געווען אָפן אָרט, האָט אים אַלץ מער אָנגעהויבן פאַרדריסן, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט אַהער, טראַכטנדיק וועגן עפּעס מער, איידער פּאָשעט זיך באַקאַנען מיט שכיינים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט איינער און דער זעלבער אַרבעט און מיט וועלכע עס וואָלט געוווּנטשן געווען זיך פאַרבינדן. ער איז אַ מיליטער־מאַן, בײַ אים איז דיסציפּלין די צווייטע נאַטור. דאָ ווידער, זעט ער, האַלט מען דערפון ניט זייער. אַרײַנמישן זיך, זאָגן אַ דייע, וועט ער ניט קאָנען. איז צוליב וואָס, פרעגט זיך, באַדאַרף ער האָבן דעם גאַנצן אייסעק? איז דען ניט גלײַכער פאַרבלײַבן זעלבשטענדיק און טאָן זיך אַליין דאָס, וואָס מע דאַרף. ניט אומזיסט זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „אַליין, איז די נעשאָמע ריין...”

אַזוי שטייענדיק אינמיטן שטוב, האָט אים געטראָפן לוקאַשעוויטש, וועלכער איז אַרײַנ־

געקומען פון דרויסן מיט אן אויטאָמאַטישער ביקס אין דער לינקער האַנט. דאָס פעלצל האָט ער געטראָגן אָנגעוואָרפן אַף די אַקסל.

ער איז אַרײַן זייער געשווינד, גלײַך עמעצער וואָלט אים שוין געהאַט אָנגעזאָגט, אַז מע וואַרט דאָ אַף אים. קונציק און פלינק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פעלצל מיט דער הילף פונעם לינקן אַקסל, האָט ער עס צוזאַמען מיט דער קובאַנקע אויפגעהאַנגען אַף דער וואַנט און, טראָגנדיק זײַן קראַנקע האַנט אַף אַ בענדל אַ ביסל פאָרויס, זיך פאָרגעשטעלט.

דער מאַיאָר האָט זיך אויך אָנגערופן.

שווײַגנדיק האָבן זיי איינער דעם אַנדערן באַטראַכט. אין פאַרגלײַך מיטן מאַיאָר האָט אויך לוקאַשעוויטש — ניט קיין הויכער, דאַרער מאַנצבל מיט אַ פלאַכער ברוסט — אָן שום ספּעק פיל אָנגעווירן. דערצו נאָך האָט אים, בײַס ער האָט זיך געייסעקט מיט דער מינע, געטראָפן אַ שפּליטער איבערן רעכטן אויג, אויסגעריסן דאָרטן אַ שטיק פלייש צוזאַמען מיט דער ברעם, און דערפון, וואָס די וווּנד איז זיך ניט גוט צונויפגעוואַקסן, איז זײַן לענגלעך־דאַר געזיכט געוואָרן אַ ביסל אויסגעקרימט און האָט אויסגעזען אַזוי, ווי דער מענטש וואָלט זיך די גאַנצע צײַט עפּעס געוווּנדערט. אין אים איז גאָרניט געווען אַזעלכעס, וואָס זאָל דעם מאַיאָר געפעלן ווערן. און ער האָט אָנגעהויבן אײַלן. לוקאַשעוויטש האָט אָבער פון קיין שום זאַך ניט געוואָלט וויסן, איידער מע וועט ניט אָפּעסן. ווילנדיק־ניט־ווילנדיק איז אויסגעקומען זיך אָנעמען מיט געדולד און בלײַבן וואַרטן.

מע האָט נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט מיטן עסן, איז אין שטוב אַרײַנגעקומען אַ פּאַרטיזאַנער מיט אַ נײַס, אַז ניט ווײַט פונעם וואַלד האָבן זיך באַוויזן דײַטשן. אַלע האָבן זיך טייקעף אויפגעהויבן. לוקאַשעוויטש האָט באַפוילן לויפן אינעם לאַגער און איבערגעבן, אַז מע זאָל זיך צוגרייטן צו אַ שלאַכט. אין עטלעכע רעגעס אַרום האָט ער אַרופגעוואָרפן אַף זיך דאָס פעלצל און איז צוזאַמען מיטן קאָמיסאַר און דעם מאַיאָר אַוועקגעגאַנגען אַהין.

אינעם לאַגער איז מען שוין געווען אויף. אין גרויס אײַלעניש האָט מען אַראָפּגענומען פונעם שײַטער די עמער, אין וועלכע מע האָט געקאָכט עסן, און דאָס פײַער פאַרשאָטן מיט שניי. אַרופּכאַפּנדיק אַף זיך אין מיטן גאַנג די פּעקלעך, זײַנען די פּאַרטיזאַנער מיט געווער אין די הענט אַרויסגעלאָפן פון די ערד־שטיבלעך. איבערן ראַש, וואָס איז געוואָרן אין וואַלד, האָבן זיך צעפּודיעט די קראָען — די שטענדיקע שכיינים פון אַזעלכע ערטער, ווו מענטשן לעבן, — און שרײַענדיק זיך געגומען אַרומדרייען איבער די קעפּ, פאַרגרעסערנדיק דערמיט נאָך מער דעם טומל.

ווען די אָנפירער זײַנען געקומען צום אָרט, אַף וועלכן די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צונויפגעקליבן, איז געוואָרן כמאַרנע. אַן עסריקער ווינט האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אַראָפּבלאָזן דעם שניי פון די צווײַגן. עס איז געוואָרן פייכט און קיל. קיינער האָט אָבער דערויף קיין אַכט ניט געלייגט. מע איז געשטאַנען אין דער ריי, מיטן גאַנצן קלאָפּערגעצײַג אַף זיך, אָנגעהויבן פון די פּעקלעך און ענדיקנדיק מיט עטלעכע האַנט־קוילנוואַרפערס. אַ טייל פּאַרטיזאַנער האָט קיין געווער נאָך ניט געהאַט. זיי האָבן געהאַלפן טראָגן די דיסקן פון די קוילנוואַרפערס, דאָס ביסל שפּײַז און נאָך אַנדערע זאַכן, ווי עמער, העק און זעגן. געוויס האָט מען נאָך ניט געקאָנט אָנרופן דאָס דאָזיקע געזעמל פון מענטשן מיטן וואָרט „אָטריאַד‟. דאָס איז געווען גיכער ניט מער ווי ניט קיין גרויסע גרופּע פון עטלעכע און דרײַסיק יונגעלײַט. לויט דעם אומרו, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן, האָט מען געזען, אַז קיין פולווער האָבן זיי נאָך ניט געשמעקט. און דעם ערשטן אויספּיר, וואָס דער מאַיאָר האָט פאַר זיך געמאַכט, בײַס ער האָט באַטראַכט דעם אוילעם, איז געווען, אַז זײַן כעוורע איז אַ סאַך פרײַער פון דער מוירע פאַר די דײַטשן, איידער אָט די־אָ, און אַז דאָס, וואָס ער האָט זײַנע יאַטן די גאַנצע צײַט ניט געלאָזט רוען, האָט בלויז געבראַכט נוצן. און דאָס אליין האָט אים שוין בעמיילע פאַרשאַפן אַ געוויסע באַפרידיקונג...

לוקאַשעוויטש האָט דערקלערט די פּאַרטיזאַנער, אַז געווען איז עס אַ פאַלשער אַליאַרם און אַלע מעגן זיך אומקערן צוריק אַף זייערע ערטער, אַז צונויפגענומען האָט ער זיי אַלעמען צוליב דעם, קעדיי צו באַקאַנען מיטן מאַיאָר, וועלכער געפינט זיך מיט זײַן אָטריאַד אין וואַלד, ניט ווײַט פון זיי. און באַ דעם וואָרט „אָטריאַד‟, וואָס האָט אויך אין דעם געגעבענעם פאַל אויסגעזען צו זײַן היפּשלעך איבערגעטריבן, איז פיאָטער טראָפימאָוויטשן אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אייגנטלעך איז דאָך דער וווּקס פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג מער פון אַלץ איצט אָפּהענגיק פון געווער. ווען זיי וואָלטן פאַרמאָגט גענוג געווער, וואָלט אין מענטשן קיין שום מעניע ניט געווען.

די געדאַנקען וועגן דעם, ווי אַזוי מע קריגט געווער, האָבן דעם מאַיאָר ניט פאַרלאָזט אויך שפּעטער, ווען לוקאַשעוויטש האָט אים אַוועקגעפירט איבער די ערד־שטיבלעך, קעדיי צו

באַווײַזן, ווי־אַזוי מע האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט. מיט די זעלבע געדאַנקען האָט דער מאַיאָר זיך דערנאָך אומגעקערט צוריק אַפן כוטאָר.

לוקאַשעוויטש איז שטאַרק צופרידן געווען פון דעם, וואָס זײַנע יאַטן האָבן אים ניט אונטערגעפירט און זיך שנעל געבראַכט אין אַ צושטאַנד פון שלאַכט־גרייטקײַט. קוים איז מען נאָר אַרײַנגעקומען צוריק אין שטוב, האָט ער צעשפּרייט איבערן טיש אַ לאַנדקאַרטע און גענומען דערקלערן, אין וואָס עס באַשטייט די אָפּעראַציע, וועלכע זיי האָבן פאַרטראַכט.

— אין עטלעכע טעג אַרום, — האָט ער אָן אופגעלעבטער אָנגעהויבן, — קלײַבט מען זיך צו פאָרן קיין ווילייקע מיט אַ טראַנספּאָרט כאַזיירים און ברויט, וואָס די באַנדיטן האָבן אָנגעראַבעוועט בא דער באַפעלקערונג. לויט די ידיעות, וועלכע מיר פאַרמאָגן, וועלן כּוץ עטלעכע דײַטשן באַגלייטן די פורן אָן אָפּטיילונג פון קרײַסקער פּאָליציי אין שפּיץ מיט נאַרוסעוויטשן. פאָרן וועלן זיי גיכער פאַר אַלץ לויטן מאַרשרוט: אַלקאָוויטשי — סטאַרינקי — סאָסינקע — ראַבון — ווילייקע... אונדזער אופגאַבע איז — אונטערצוהיטן זיי ערגעץ אַפן וועג, אָפּנעמען אַלץ, וואָס מע פירט און וואָס מע קאָן אומקערן דער באַפעלקערונג, וואָס ניט — אוועקפירן צו זיך אין וואַלד. אין ערגסטן פאַל אַפילע פאַרברענען, אַבי קיין זאַך זאָל ניט אָנקומען די דײַטשן.

מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן, ווי עס וואָלט אים נאָכן געשמאַקן עסן גענייגט אַ דרעמל צו טאָן, איז דער מאַיאָר געזעסן באַם טיש און זיך צוגעהערט דערצו, וואָס לוקאַשעוויטש רעדט. ער האָט געקוקט אַף דער פאַרוווּנדעטער האַנט, וועלכע לוקאַשעוויטש האָט בײַסן ריידן אַרופגעלייגט אַפן טיש. ווײַזט אויס, אַז צו די שפּיצפינגער איז אים דאָס בלוט שלעכט דערגאַנגען. די הויט אַף די פינגער איז געווען געפּלאַצט, די נעגל — בלוי.

לוקאַשעוויטש האָט אים געגעבן אַלץ צו דערקלערן און בייסמײַסע עפּשער אַליין ניט געפילט, ווי־אַזוי ער באַוועגט מיט דער קראַנקער האַנט, — זי אָפּגעעפנט און צוריק פאַרמאַכט. קוקנדיק אַף לוקאַשעוויטשעס האַנט, האָט דער מאַיאָר געטראַכט וועגן די פּאַרטיזאַנער, מיט וועלכע ער האָט זיך נאָרוואָס געהאַט דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער, אַרײַנקומענדיק נאָך זיי אין די ערדשטיבלעך און באַטראַכטנדיק זייער אויסקומעניש. אים זעלבסט איז אויך געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל פון די פּאַרטיזאַנער זײַנען געווען יונגע, וואָס זיי האָבן זיך שנעל צוזאַמענגעקליבן, ווי נאָר עס איז געוואָרן דער טומל, און, דעריקער, וואָס פאַרהעלטניסמעסיק זײַנען זיי געווען ניט שלעכט באַוואָפנט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט ניט באַמערקן, אַז אַ מאַסע איז עס אַ רויע און ס׳איז שווער צו זאָגן, ווי־אַזוי זי וועט זיך פירן בײַס אַ שלאַכט. באַזונדערס האָט עס אים געקימערט, ווען ער האָט גענומען אין אַכט, אַז פון קיין געהעריקער אָרדענונג ווייסט מען דאָ ניט. אים איז אומגעהייער שווער געווען מאַסקים צו זײַן מיט דער זאָרגלאָזיקײַט, וואָס האָט זיך דאָ געפילט אַף יעדן טראָט. ער האָט באַשלאָסן ניט וואַרפן זיך דערווײַל מיט קיין ווערטער און גאָרנישט ניט צוזאָגן, ביז וואַנען ער וועט אַלץ ניט אויסהערן.

— נו, וואָס, — האָט ער, ווי אַ פאַרשלאָפענער, אָן איבעריקן כיישעק, אָנגעהויבן, בײַס לוקאַשעוויטש האָט אופגעהערט צו ריידן און ער אַליין האָט דערפילט אַף זיך דעם בליק פונעם קאָמיסאַר, וועלכער האָט געוואָלט דערגיין, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט אַף אים געמאַכט דאָס, וואָס ער האָט געהערט פונעם קאָמאַנדיר, — דער פּלאַן איז, ווי אַ פּלאַן... ווי־אַזוי זשע קלערט איר אָבער אים פאַרווירקלעכן?

— אָ, דאָס האָבן מיר שוין דורכגעטראַכט ביז אַלע קלייניקײַטן, — האָט לוקאַשעוויטש אונטערגעכאַפּט גאַנץ מונטער און האָפּערדיק, באַווײַזנדיק דערמיט, אַז אים איז ניט פרעמד געוויסע באַגײַסטערונג. — מיט אַ טייל יאַטן מאַכן מיר אַ זאַסאַדע אַף דער הרעבליע לעבן סטאַרינקי. דאָס אָרט איז דאָרט אַ גוטס, וואַלד דערבײַ, און אין פאַל, ווען עס קומט אויס אָפּצוטרעטן, איז פאַראַן וווהין. אַ צווייטע גרופּע שיקן מיר אַרויס אַפן וועג צו אַלקאָוויטשי, ניט דערלאָזן, מע זאָל פון דאָרט קומען צו הילף נאַרוסעוויטשן...

פיאָטער טראָפימאָוויטש איז געזעסן, ווי פריִער, אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם מיט דער האַנט, די אויגן האַלב־צוגעמאַכט: ווען עס זאָל זײַן דערבײַ עמעצער, וואָס קען אים נעענטער, וואָס ווייסט, אַז דאָס איז אַ פּראָסטער און צוגעלאָזטער מענטש, וואָלט ער זיך געוויס פאַרכידעשט פון אָט דער פאַרענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם מאַיאָר. ער וואָלט געוויס געזאָגט: זע נאָר סאַראַ מין ברעקלען זיך... עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך ער האָט גאָר ניט פײַנט צו בלאָזן אַ ביסל פון זיך און צו מאַכן אָן אָנשטעל, ווי דאָס האָבן ניט זעלטן ליב צו טאָן מיליטער־לײַט, וואָס זײַנען לויטן ראַנג העכער פון די, מיט וועמען זיי פירן אָן. דער מענטש וואָלט געוויס ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס טויגן דעם מאַיאָר אַזוינע פּוילע שטיק, וואָס וויל ער זיך דערמיט דערשלאָגן? שטראָפן לוקאַשעוויטשן פאַר עפּעס אָדער וואָרענען

אים, אז ער, דער מאיאָר, איז ווײַט ניט קיין היץ־קאָפּ און כאַפּ־לאַפּ קלײַבט ער זיך גאָר־נישט ניט טאָן.

אינדערעמעסן האָט דער מאיאָר איצט אין זינען אפילו ניט געהאַט צו שפּילן זיך מיט עמעצן און צו פאַרוואַנדלען ערנסטע זאַכן אין אַ ספּעקטאַקל. אָפּן האַרצן איז אים געווען ניט פריילעך. ער איז מעקאַנע געווען לוקאַשעוויטשן, וואָס זײַנע מענטשן זײַנען בעסער באַוואָפנט. ער האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס ביז איצט האָט זיך אים זעלבסט אין דעם פּראַט ווינציק וואָס אײַנגעגעבן. אים איז ניט געפעלן געוואָרן די באַגײַסטערטע זיכערקײַט פון לוקאַשעוויטשן, דאָס, וואָס צו פרי האָט יענער געגומען ריידן אין זייער אַלגעמיינעם נאָמען, בייס אין דער ווירקלעכקײַט האָט ער דערווײַל נאָך גאָרניט געהאַט צו זאָגן. פון לוקאַשעוויטשעס ווערטער: „אָ, אָט דאָס האָבן מיר שוין דורכגעטראַכט ביז אַלע קלייניקײַטן", גלײַך עס איז מעגלעך אַלץ פאַרויסזען, וואָס עס קאָן פּאַסירן אין שלאַכט, האָט זיך אים געוואָלט שמייכלען. דער מענטש האָט, קאַנטיק, פאַרגעסן, אַז וועלכע באַדינגונגען מע גע־פינט זיך, אַז מע איז פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט פונעם סוינע און גאַנץ אָפט איז אומעגלעך צו וויסן, פונוואַנען מע קאָן אים דערוואַרטן. עס האָט אים פיל מי געקאָסט, אַז ער זאָל ניט אַרויסשפּרינגען און ניט זאָגן אין אָפן, וואָס ער טראַכט וועגן אים, אַז יענער פירט זיך אויף, ווי אַ נאַריש ייִנגל.

— און איר זײַט זיכער, אַז אַלץ וועט זיך באַקומען אַזוי, ווי איר שטעלט זיך פאָר? — האָט דער מאיאָר געפרעגט. — צי פאַרזעט איר ניט אַמאָל די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדז?

לוקאַשעוויטש האָט שוין אויך פריִער געהאַט באַמערקט, אַז פּיאָטער טראָפימאָוויטש איז פון עפּעס אומצופרידן. ער האָט בלויז ניט געקאָנט באַ זיך קלאָר מאַכן, וועלכע פליג האָט אים אַ ביס געגעבן. צי האָט ער זיך אַמאָל ניט דורכגעוועגט אין וועג מיטן קאָמיסאַר? נאָר ניין. דער קאָמיסאַר זיצט זיך אַזוי, ווי פריִער, אַ רויִקער און ערנסטער. אויף אים איז גאָרניט מעגלעך צו באַמערקן. לוקאַשעוויטש האָט איבערגעפירט זײַן בליק אויפן מאיאָר. ווינ־ציקער פון אַלץ האָט ער פון אים דערוואַרט צו דערהערן אַזעלכע רייד. וואָס מיינט ער, דער מאיאָר, אַז ער, לוקאַשעוויטש, איז שוין גאָר אַזאַ גרויסער נאַר, וועלכער פאַרשטייט ניט, וואָס הייסט פּרווון עפּעס טאָן אין אַזאַ צײַט, ווען אַרום לויערט מיט סאַקאָנע? און אויך אין אים האָט זיך דערוועקט אַ פאַרדראָס. ער האָט געענטפערט:

— און ווער קאָן עס זײַן זיכער, אַז אויף אַלע הונדערט פּראָצענט וועט זײַן אַזוי, ווי ער טראַכט? פיל איז דאָך אָפּהענגיק דערפון, וויאַזוי מיר וועלן זיך צוגרייטן.

— עס איז אײַך ניט אײַנגעפאַלן, אַז עס איז ביכלאַל אַ ביסל נאָך צו פרי צו נעמען זיך פאַר אַזעלכע אָפּעראַציעס? — האָט דער מאיאָר ווידער געפרעגט. — איין זאַך איז, ווען מיר האָבן צו טאָן בלויז מיט פּאָליציי. מע דאַרף דאָך אָבער פאַרשטיין, אַז קוים וועלן מיר זיך נאָר פאַרטשעפּען מיט דער פּאָליציי, וועט שוין אויסקומען האָבן צו טאָן ניט מיט נאָרר־סעוויטשן אַליין, נאָר אויך מיט זײַנע באַלעבאַטים...

לוקאַשעוויטש האָט שוין אַליין אויך עפּשער ניט באַמערקט, וויאַזוי ער האָט איבערגענור־מען דעם מאיאָרס טאָן. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט דער זעלבער אופגערייצטקײַט:

— מע דאַרף זיך פאַרשטעלן, אַז אַזוי וועט טאַקע זײַן... דעריבער האָב איך געזאָגט, אַז עס וועט אונדז אויסקומען צו מאַכן אויך אַ זאַסאַדע אָפּן וועג לעבן אַלקאַוויטשי.

דער מאיאָר האָט זיך פאַרקרימט, ווי פון צײַן־ווייטעק. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן אָף ניט אויסצושרײַען:

— ליבער מענטש, פאַרשטייט זשע כאָטש דאָס, וואָס מע רעדט צו אײַך. עס האַנדלט זיך דען נאָר אין דער אָפּעראַציע? עס גייט דאָך וועגן דעם, אַז קוים וועט ווערן אַ טומל, וועלן מיר דערנאָך קיין רויִק אָרט אין ערגעץ דאָ ניט געפינען. איר זײַט גרייט דערצו?

צו לוקאַשעוויטשן איז ניט באַלד דערגאַנגען, וואָס מיינט דער מאיאָר. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיטן קאָמיסאַר. דערנאָך געפרעגט:

— און איר וואָס? איר קלײַבט זיך דאָ צו פירן אַ רויִק לעבן?

דער מאיאָר האָט געוואָלט ענטפערן: „ווער עס וויל דאָ פירן אַ רויִק לעבן, איז נאָך אַ פראַגע". נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער געפאָדערט:

— ענטפערט. איר זײַט גרייט דערצו?

— קיין זאַך וועט אונדז ניט אָפּשרעקן.

— און וואָס וועט איר טאָן, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן?

— וועט אונדז אויסקומען דורכפירן די אָפּעראַציע אָן אײַך. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אַ געצוווּנגענע ליבע איז קיין ליבע ניט". מע מוז מאַכן אַ סאָף צו נאַרוסעוויטשן און זײַן

באַנדע. ווען ניט זיי, ווען זיי פירן ניט אַרום אומעטום דעם דײַטש, וואָלט יענער גאָר אַזויפיל ניט געוווּסט.

דער מאַיאָר האָט ביטערלעך געפּרוּווט אַ שמייכל געבן:

— ניין, דאָס האַרץ גייט אונדז אויס פאַר גרויס ליבע צו דער פּאָליציי. איר ווייסט דען ניט? — קיין פריילעכע מינע האָט זיך אָבער בײַ אים ניט באַקומען, פאַרקערט, עס האָט אין אים מיטאַמאָל אַלץ אויפגעפלאַקערט. ער האָט זיך אַ בייזער אָנגערופן: — אינדערפרי, איידער מיר האָבן זיך געלאָזט צו אײַך, האָט די פּאָליציי געפּאַקט אונדזערן אַ מענטשן... איך זיץ דאָ, רייד מיט אײַך, און עס הערט מיר ניט אויף צו עגבערן דער מויעך. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס טוט מען פאַר אים. ניט ווײַט פונדאַנען, זאָגט מען, אויף אַ כוטאָר, לעבט נאַרוסעוויטשעס מישפּאָכע. צי וואָלט מען דורך זײַן מישפּאָכע זיך ניט געקאָנט וואָס דער־שלאָגן?

לוקאַשעוויטשעס געזיכט איז געוואָרן אויפגעלעבט, גלײַך ער וואָלט וועגן דעם זעלבן אויך געטראַכט. געזאָגט האָט ער אָבער:

— איר קענט, ווײַזט אויס, ניט נאַרוסעוויטשן.

— און איר קענט אים?

ניט ענטפערנדיק דירעקט אויף דער פראַגע, האָט לוקאַשעוויטש פאַרגעזעצט:

— דאָס בעסטע מיטל איז געבן אים איבערן קאָפּ. קוים וועט נאַרוסעוויטש דערפילן, אַז עס איז פאַראַן, ווער עס זאָל נעמען נעקאָמע, וועט ער אויפהערן אַרומקריכן.

— און איך צווייפל: אָנעמען אײַער פאָרשלאָג, צי ניין...

— דאָס איז שוין אײַער זאַך.

— איר ווילט וויסן פאַרוואָס?

— פאַרשטייט זיך. נאָר עפּשער וואָלט איר מיר פריִער געענטפערט אויף עטלעכע פראַגן. איך זע דאָך, אַז אײַך איז עפּעס ניט געפעלן געוואָרן בײַ אונדז. וואָס האָט איר דאָ דערוואַרט צו טרעפן — אַ רעגולערן אַרמייִשן טייל, אָדער אַ סאַך געווער? דאָ האָבן זיך צונויפגענומען געוויינלעכע מענטשן, וועלכע קאָנען ניט אָנקוקן דעם אָקופּאַנט. וואָס זשע, האַלט איר, אַז מיר זײַנען ניט פייִק צו קעמפן קעגן די פאַשיסטן? אונדזערע פּאַרטיזאַנער זײַנען אײַך ניט צום האַרצן?

— פאַרוואָס? מע קאָן פון זיי מאַכן גוטע סאָלדאַטן.

— וואָס זשע, די אָנפירונג, האַלט איר, טויג ניט?

— עס זײַנען פאַראַן זאַכן, אויף וועלכע אַ קאָמאַנדיר באַדאַרף פריִער פון אַלץ לייגן אַכט, אויב ער וויל עפּעס אויספירן. — און דאָ האָט פּיאָטער טראָפימאָוויטש ניט ווילנדיק דאָך אָנגעהויבן ריידן וועגן דער אָרדענונג, וועלכע פעלט בײַ זיי, און וועגן דער זאָרגלאָזיקײַט, וואָס איז ניט דערלאָזבאַר. ער האָט אויפגעוואָרפן לוקאַשעוויטשן, אַז זײַנע פּאַרטיזאַנער פילן ניט אויס די עלעמענטאַרע קלאָלים פון זעלבשוץ און אַז ער, זייער קאָמאַנדיר, וועלכער האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ בײַשפּיל, איז ניט ווײַט אַוועק פון אַלעמען. אויך ער גיט זיך ניט אָפּ קיין כעזשבן, צו וואָס דאָס קאָן אַמאָל ברענגען. — אויב איר זײַט אַזעלכע העלדן, אַז איר האָט פאַר קיין שום זאַך ניט־מוירע, — האָט דער מאַיאָר פאַרגעוואָרפן, — טאָ וואָלט איר כאָטש ניט פאַרגעסן, אַז כוץ אײַך זײַנען אין וואַלד פאַראַן נאָך מענטשן, וועלכע איר קאָנט אונטערפירן.

און נאָך האָט ער געזאָגט, שוין מער ניט דרעמלענדיק באַם טיש, ווי עס האָט זיך לעצ־כאַטכילע געהאַט אויסגעוויזן, נאָר אויפשטייענדיק פונעם אָרט און זיך קלײַבנדיק אַוועקגיין, אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט דעם מאַוזער אויף הינטן, אַז ער זאָל אים ניט שטערן גיין:

— קאָלזמאַן איר זײַט געווען אין דער היים, ווייס איך ניט, וואָס יעדערער פון אײַך איז דאָרטן געווען, און מיר גייט עס ניט אָן צו וויסן. קוים אָבער האָט איר גענומען געווער אין די הענט, האָט איר אויף זיך גענומען גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. דער קאַמף קעגן די דײַטשן איז ניט אויף איין טאָג. דאָס סאַמע ערנסטע הייבט זיך ערשט אָן. און מיר דאַרפן זײַן גרייט צו אַלץ.

לוקאַשעוויטש האָט זיך מיטן מאַיאָר ניט געאַמפּערט. פאַרקערט, ער איז אין פיל הינזיכטן מאַסקים געווען, אַז אים האָט זיך ווירקלעך ביז איצט נאָך ניט אײַנגעגעבן אײַנצושטעלן צווישן די פּאַרטיזאַנער אַ געהעריקע אָרדענונג, אַז ער אַליין צווייפלט דערין, צי פאַרמאָגט ער גאָר די פייִקײַט פון אַ קאָמאַנדיר, קעדיי אָנצופירן מיט מענטשן. דעם מאַיאָר איז עס גראָד געפעלן געוואָרן — ער האָט געזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אָרנטלעכן מענטשן, וועלכער לאָזט זיך פירן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, און דער געשפּרעך צווישן זיי איז אַוועק אויף אַ מער פרידלעכן אויפן. דאָך איז מען צו קיין אויסגלײַך ניט געקומען. לוקאַ־

שעוויטשן איז ניט אָנגענעם געווען צו פרעגן, וואָס בלײַבט דער סאָף. דער מאיאָר ווידער האָט גאָרנישט ניט צוגעזאָגט. אינגיכן האָט ער געשיקט רופן לארינען, וועלכער האָט זיך געפונען אינעם לאגער, און איז צוזאמען מיט אים אוועקגעגאנגען, ניט ענטפערנדיק ניט יאָ און ניט ניין...

אומגעקערט האָט זיך דער מאיאָר צו זיך אין לאגער א צעטראָגענער. ער האָט זיך געפילט אזוי, ווי ער וואָלט אָפּגעזאָגט א פרײַנט אין דער צײַט, ווען יענער האָט זיך גענייטיקט אין זײַן הילף. נאָך פיל טראכטענישן איז געקומען דער געדאנק וועגן דעם, אז ווען לוקאשעוויטש לייגט אים פאָר פארייניקן ביידע גרופעס, וואָלט ער זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט. צוזאמען וואָלט עס געווען ניט קיין שלעכטער אָטריאד און מע וואָלט געקאָנט בעפיירעש עפעס אופטאָן.

פונעם לאנגן ווארטן אף די אויסשפירער האָט דעם מאיאָר זיך פארגלוסט שלאָפן, און ער איז, אזוי זיצנדיק באם פײַער מיט די הענט ארומגענומען די לאנגע פיס, אנדרעמלט געוואָרן. ער האָט ניט געזען, וויאזוי עמעצער פון די יאטן, וועלכע זײַנען געלעגן ארום שײַטער, האָט זיך אופגעהויבן און ארופגעלייגט אפן פײַער א פעכיק שײַטל האָלץ, וואָס האָט, ברענענדיק, גענומען טרישטשען און שפריצן מיט פונקען. דורכן דרעמל האָט זיך דעם מאיאָר אויסגעוויזן, אז דאָס שיסט מען ערגעץ. האָט ער זיך אופגעהויבן און איז ארויסגעגאנגען אין דרויסן. שטייענדיק לעבן בײַדל, וואָס האָט זיך דורכגעלויכטן אף דורך־און־דורך, ווי א ברענענדיקער לאמטערן, האָט ער זיך צוגעהערט דערצו, וויאזוי עס ברומט דער וואלד אונטערן ווינט. וועגן לוקאשעוויטשן און זײַן פאָרשלאָג האָט ער מער ניט געטראכט. זײַן מויעך איז אים איצט געווען פארנומען מיט אנדערע זאָרגן און אנדערע דײַגעס.

וואניע „ציגאן" מיט וואָראָנצאָוון האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שליכעס שפעט באנאכט. זיי האָבן געבראכט ניט קיין פריילעכע נײַס. וואָרדאָמסקין, ווײַזט זיך ארויס, האָט מען פארהאלטן בייס ער האָט זיך געלאָזט גיין אין וואלד א קוק געבן צום ברויט, וואָס ער האָט דאָרט באהאלטן. אונטערוועגס באמערקט, אז מע שפירט אים נאָך, האָט ער נאָך געפרווט זיך ארויסדרייען. נאָר עס איז שוין געווען צו שפעט... אוועקגעפירט האָט מען אים קיין קרײַסק. מע האָט אים געפירט בעקיוון איבער די ארומיקע דערפער, ווו אלע האָבן אים געקענט, מיט פארבונדענע הענט אף הינטן, א צעמאזיקטן, אז אלע זאָלן אים זען און זיך אראָפּנעמען א מוסער־האסקל, אז דעם זעלבן סאָף וועט האָבן יעדערער, וואָס וועט זיך ווידערשטעלן דער נײַער מאכט. די פאָליצײַען האָבן זיך בארימט, אז זיי וועלן אָט אזוי, ווי זיי האָבן געפאקט וואָרדאָמסקין, אויך אויסכאפן אלע באָלשעוויקעס, וועלכע קומען צו גיין אין די דערפער און פארטומלען די מויכעס דעם פראָסטן פאָלק, רופן צום קאמף קעגן די פאשיסטן.

דער מאיאָר האָט די יאטן געהייסן זיך לייגן אָפּרוען. אליין איז ער אָבער ניט געשלאָפן. ער איז אלץ געזעסן א פארזאָרגטער באם פײַער.

צו פארטאָג־צו האָט פיאָטער טראָפימאָוויטש אלעמען פלוצעם אופגעהויבן און באפוילן זיך קלײַבן אין וועג ארײַן. ער האָט אוועקגעפירט די גרופע צו דער בלאָטע, ווו די שכיינים האָבן זיך געפונען. ניט אָנזאָגנדיק קיינעם, אז זיי גייען, איז ער מיט זײַן כעווריע ארומגעגאנגען דאָס אָרט, ווו עס איז געווען דער פאָסט, און שטילערהייט, קיינער זאָל ניט באמערקן, אריבערגעגאנגען די בלאָטע, גלײַך ער וואָלט וועלן באווײַזן, צו וואָס עס קאָן אמאָל ברענגען איבעריקע זאָרגלאָזיקײַט. ווען אינעם פארטיזאנישן לאגער האָט מען דערזען פרעמדע מענטשן און עס איז געוואָרן א בעהאָלע, איז שיר ניט דערגאנגען צו א שיסערײַ. פיאָטער טראָפימאָוויטש האָט געבעטן רופן לוקאשעוויטשן און ער האָט אים געמאָלדן, אז ער נעמט אָן זײַן פאָרשלאָג.

3

פון זינט דער מאיאָר איז געקומען צו גיין מיט זײַן גרופע צו די שכיינים, זײַנען שוין דורכגעגאנגען גוטע עטלעכע טעג. ביז איצט האָט מען אָבער ניט געזען, אז מע זאָל זיך דאָ גרייטן צו עפעס. איבער דעם, וואָס אין דרויסן האָט אלץ געווייט און געדרייט, האָט מען קימאט קיינעם אין ערגעץ ניט געזען גיין און, ווען צווישן די ערדשטיבלעך זאָל ניט געווען ברענען דאָס פײַער, אף וועלכן מע האָט געקאָכט עסן, ווען פון צײַט צו צײַט זאָל מען ניט

6*

באדארפן גיין פארבײַטן די פארטיזאנער, וועלכע האָבן זיך געפונען אפן פּאָסט אָדער אין די „סעקרעטן", וואָלט זיך געקאָנט אויסוויַיזן, אז אלע זײַנען שוין פונעם לאגער ערגעץ אוועקגעגאנגען און דערפאר איז דאָ אזוי וויסט און שטיל, מע הערט ניט קיין שטימע פון א מענטשן, ניט קיין געשריי פון א קראָ...

דער שנײ האָט אלץ מער און מער פארשאָטן די ערדשטיבלעך, פארוויט דעם וואלד ארום אזוי, אז מע האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין סימען פון א וועג און עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, וווהין, אשטייגער, וואָלט מען זיך געקאָנט לאָזן גיין אין אזא מין וועטער, בײַס מע האָט פאר זיך די וועלט ניט געזען, ווען אלע קלאנגען זײַנען דערגאנגען צוגעטויבטע און אפילע די שיסערײַ פון אָלקאָוויטשער גארניזאָן, וואָס האָט זיך טאָמיד געהערט אזוי דײַטלעך, האָט זיך אויך דערטראָגן פארדומפּן און דערווײַטערט, ווײַטער ווי אינדערעמעסן.

אין דערווירקלעכקײַט אָבער האָט זיך עס אלץ אזוי בלויז אויסגעוויזן. די פארטיזאנער האָבן נישט געקאָנט ניט באמערקן, אז שטילערהייט ווערט די גאנצע צײַט געפירט אן ארבעט. מע האָט עס געקאָנט זען דערפון, וואָס יעדעס מאָל, ווען מע איז געקומען צו גיין צוליב עפּעס אפן כוטאָר, האָט מען דאָרטן געטראָפן דעם מאיאָר מיט לוקאשעוויטשן און דעם קאָמיסאר שטיין איבערגעבויגן איבער א לאנדקארטע. אויך דערפון, וואָס שטילערהייט, ניט אופצוהייבן קיין איבעריקן טומל, האָט מען אהינצו ארויסגערופן פאָרלעך מיט געווער און, נאָך א קורצן שמועס, זיי ערגעץ אוועקגעשיקט. און כאָטש קיינער פון די פארטיזאנער האָט גענוי ניט געוווּסט, וואָס קלײַבט מען זיך טאָן, האָט מען זיך איידער וואָס־ווען, איידער מע האָט עמעצן עפּעס געזאָגט, פּאמעלעך אליין אויך זיך אָנגעהויבן גרייטן. מע האָט גערייניקט די ביקסן, איבערגעווישט די קוילן. מע האָט פארפרי אָנגעהויבן צופּאסן צו זיך די קלומעקעס, אז אין פאל טאָמער טוט מען זיך א הייב אוף פונעם אָרט און מע לאָזט זיך ערגעץ גיין, זאָל ניט זײַן קיין שום אָפּהאלט.

אין אײנעם אן אפדערנאכט, אין א שאָ אזא, ווען מע האָט זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן, איז מיטאמאָל געוואָרן עפּעס א לויפערײַ איבעם לאגער.

מע האָט אלעמען באפוילן זיך צוגרייטן צו א שלאכט. עס איז שוין געווען ניט דאָס ערשטע מאָל אין מעשעך פון דער צײַט, זינט דער מאיאָר מיט זײַן גרופּע איז געקומען צו גיין אהער, מע זאָל פּלוצעם אָט אזוי אלעמען אופהייבן אף די פיס. די מענטשן האָבן זיך באלד געכאפּט פארן געווער און ארויסגעשפּרונגען פון די ערדשטיבלעך. אָבער ווי נאָר דער מאיאָר מיט לוקאשעוויטשן פלעגן קומען און באטראכטן די פארטיזאנער, וועלכע האָבן שוין געוואַרט, שטייענדיק באוואָפנטע, מיט די פעקלעך אף זיך, גרייטע זיך לאָזן אין וועג ארײַן, האָט מען דעם פריִערדיקן באפעל אָפּגעשאפן און אלעמען געהייסן גיין שלאָפן.

אזוי האָט זיך עס איבערגעכאזערט עטלעכע מאָל.

קיינער האָט קיין באגריף ניט געהאט, וואָס עס קומט דאָ פאָר, צי האָט נאטשאלסטווע דעם גאנצן טומל אופגעהויבן, קעדיי איבערצײַגן זיך, וויִאזוי מע איז גרייט צו דער שלאכט, אָדער עס איז טאקע עפּעס פארלאָפן אזוינס, וואָס האָט ניט דערלויבט, מע זאָל זיך רירן פונעם אָרט, ביז מע וועט זיך ניט איבערצײַגן, אז דער וועג איז פרײַ. אזוי אָדער אנדערש, נאָר עס איז דורכגעגאנגען א שטיק פון דער נאכט ביז מע האָט אלעמען אפּסנײַ ניט אופגע־וועקט און ניט באפוילן זיך קלײַבן אין וועג ארײַן. דאָס מאָל שוין אף אן עמעס.

איבערגעלאָזט א הײַפעלע מענטשן אף אכטונג צו געבן אפן לאגער, האָבן זיך אלע איבעריקע איבערגעקליבן איבער די בלאָטעס און איינער נאָכן אנדערן אוועקגעלאָזט זיך אין דער נאכט ארײַן.

אויך איצט האָט קיינער אויסער דער אָנפירונג קיין אנונג ניט געהאט, וווהין מע האָט זיך געלאָזט גיין און וואָס, אשטייגער, עס שטייט זיי פאָר. עמעס, פארן ארויסגיין פונעם לאגער האָט מען אלעמען דערקלערט, אז מע לאָזט זיך אוועק אף צאָפן, צאָפן־מײַרעוו פון ווילייקער געגנט, ווו בײדע אָטריאדן שטייט פאָר דורכצופירן א געמיינזאמע שלאכט־אָפּעראַ־ציע, אז דורכמאכן וועט אויסקומען, ביז מע וועט ניט דערגרייכן דאָס אָרט, וואָס מע דאַרף, ניט ווייניקער פון צוואנציק אָדער פינף און צוואנציק קילאָמעטער, דערצו נאָך טיילווײַז צווישן פּאָליצײיִשע באצירקן. אזוי אז דער וועג וועט זײַן ניט קיין לײַכטער און דער, ווער עס פילט זיך ניט מיט אלעמען, זאָל בעסער פריִער מעלדן וועגן דעם און איבערבלײַבן אין לאגער. מע האָט אויך געמאָלדן די פארטיזאנער, אז אף דער צײַט, וואָס די אָפּעראציע וועט געדויערן, ווערט די אלגעמיינע אָנפירונג פון בײדע אָטריאדן איבערגעגעבן אין די הענט פונעם מאיאָר, און פון דער מינוט אָן, וואָס מע טרעט ארויס פונעם וואלד, איז זײַנס א וואָרט פאר אלעמען א געזעץ.

וועגן דער עצעם אָפּעראַציע, וועגן דעם, וואָס מע קלײַבט זיך צו טאָן, איז געזאָגט געוואָרן ניט קלאָר. אַזוי אַז קיינער האָט זיך קימאַט ניט פאָרגעשטעלט, ווי ווערט זי פאָרקומען און אין וואָס בעערעך וועט זי באַשטיין. און כאָטש קיינער האָט קיין פאַריבל ניט געהאַט, האַלעמײַ מע האָט עס אַלץ ניט דערקלערט גענויער, יעדערער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן צוליב פאָרזיכטיקײַט, וואָס איז אָן און פאַר זיך געווען אַ באַווײַז, אַז מיט זיי פירט אָן אַ געניטע האַנט. פונדעסטוועגן האָט עס פילבאַרער געמאַכט די געפאַר, וועלכע האָט געלויערט פון אומעטום. און כאָטש קעדיי צו גיין עפּעס אויפטאָן האָט מען זיך קיין אַנדערע ווערטער ניט געקאָנט ווינטשן, פונדעסטוועגן האָט זיך דאָך, ווי אַלע־מאָל אין אַזעלכע פאַלן, בײַס עס איז אויסגעקומען צו פאַרלאָזן דעם לאַגער, איינײַנעם מיט דער פרייד אויך דערוועקט אין אַלעמען אַן אומרו. דערצו האָט אויך מיטגעווירקט דער שלעכטער וועטער, דאָס, וואָס דער שניי האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן און אָפּגעווישט די ווײַט — אַלץ אַרום שטאַרק געמאַכט צעשוווּמען און ניט שטאַנדהאַפטיק, אַזוי ווי עס איז איצט געווען דאָס גאַנצע לעבן. נאָר יעדערער האָט געפילט, אַז מע מוז זײַן זייער און זייער פאָרזיכטיק, קעדיי זיך ניט אָנרײַסן אָף עפּעס אַ צאָרע אין אָט דער פײַכטער, פליסיקער, טונקעלער גראָקײַט, וואָס האָט געווימלט פאַר די אויגן ווי אַ מוטנע וואַסער, איבער וועלכן מע האָט גאָרנישט ניט געזען — ניט קיין הימל און שטערן, ניט קיין זאַך אָף דער ערד.

גיין מיט היימישע ערטער אַרום סעליסטשע, ווו יעדערער האָט אַלץ געוווּסט, איז נאָך געווען צו דערלײַדן. ערגער איז געוואָרן, ווען מע איז אַוועקגעגאַנגען ווײַטער. אָנקלאַפּן ערגעץ אין אַ שטוב און פרעגן דעם וועג אָדער פּרוּוון נעמען מיט זיך אַ באַגלייטער, ווי מע האָט עס געטאָן שפּעטער, האָט מען זיך ניט דערלויבט, אויס מוירע, אַז איינצײַטיק דערמיט, וואָס מע וועט זיי ווײַזן דעם וועג, זאָל זיך ניט אָפּזוכן עפּעס אַ באַלן אָנצוקלינגען וווהין מע דאַרף, אַז פּאַרטיזאַנער גייען. עס איז אויסגעקומען זיך פאַרלאָזן נאָר אָף דער קאַרטע און אָף די אויסשפּירער, וועלכע האָבן דערווײַל אויך קיין איבעריקע דערפאַרונג ניט געהאַט. בעמיילע איז מען עטלעכע מאָל שיר ניט פאַרקראָכן אַהין, וווהין מע האָט ניט באַדאַרפט. און אויב יעדעס מאָל האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסדרייען פון אַ דורכפאַל, איז עס געווען בלויז אַדאַנק עפּעס אַ נעס, עפשער אויך אַדאַנק דעם שלעכטן וועטער. אַזוי, אַשטייגער, איז געווען באַוווּסט, בײַס מע האָט אָנגעמערקט דעם מאַרשרוט, אַז עס וועט אויסקומען דורכגיין פאַרבײַ דעם טאָרף־זאַוואָד, ווו עס געפינט זיך דער ייִדן־לאַגער, און מע וועט דאַרפן זײַן זייער און זייער פאָרזיכטיק, קעדיי ניט אָנצורײַסן זיך אָף דער וואַך. אין דער ווירקלעכקײַט אָבער האָט מען זיך אַזוי פאַרדרייט אין דער פינצטערניש, אַז מע איז שיר ניט אָנגעשפּרונגען אָפן לאַגער, און געכאַפּט האָט מען זיך ערשט דעמלט, ווען מע איז צוגעקומען האַרט צו די דראָטן און אין דער קאַלטער שײַן פון עלעקטרע־לאָמפּן דערזען די באַראַקן.

קוים אויסגעמיטן דעם טאָרף־זאַוואָד און אַ ביסל פרײַער אָפּגעטעמט, האָט זיך די אויסשפּירונג אומגעקערט מיט אַ נײַס, אַז אָפן וועג, מיט וועלכן זיי באַוועגן זיך, האָט מען פאַרנאַכט געזען זיך אַרומדרייען דײַטשן און עס איז דאָ אַ כשאַד, אַז ערגעץ לויערט מען אין אַ זאַסאַדע. און ווי געהיט און פאָרזיכטיק מע איז פרײַער ניט געווען, אַזוי איז מען איצט געוואָרן נאָך פאָרזיכטיקער. עס איז יעדעס מאָל אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן און וואַרטן אָף די אויסשפּירער, וועלכע מע האָט אַרויסגעשיקט פאָרויס, געווירע ווערן, צי מע קאָן גיין ווײַטער.

און ווידער האָט מען זיך געשלעפּט אין דער נאַכט אַ שאָ און נאָך אַ שאָ אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג, אָנלייגנדיק מעהאַלעך דאָרטן, ווו אין אַ געוויינלעכער צײַט וואָלט מען קיין העלפט ניט באַדאַרפט דורכמאַכן.

שפּעט אָפדערנאַכט, אין דער פינצטערניש, האָט זיך אָנגעטראָגן פון ערגעץ עפּעס אַ גערויש, וואָס איז מיט יעדער מינוט אַלץ הילכיקער געוואָרן. פון צווישן די ניט־הויכע בערגלעך, פאַרשנייטע קוסטעס אוןביימער איז מען אַרויסגעקומען צו ניט קיין ברייטן טײַך. אין פרײַען רוים לעבן טײַך, ווו קיין זאַך האָט ניט געשטערט, האָט דער שניי־פאַל אויסגעזען נאָך געדיכטער. אומקלאָר, ווי דורך אַ זיפּ, האָט מען אָפן צווייטן ברעג, אונטער אַ הויכן באַרג, געזען אַ נידעריק־געזעצטע און לאַנגע געבײַדע מיט אַן אָפענער טיר, פונוואַנען עס האָט אַרויסגעלויכטן אַ בלאַסע שײַן. אויסער דער דאָזיקער געבײַדע איז דאָרט געווען נאָך עפּעס אַ כאַטקע. בײַ די אויסגעשפּאַנטע פורן לעבן דעם שטיבל האָט מען געהערט ריידן מענטשן. לויט דעם גערודער, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון יענער זײַט, איז ניט שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז מע איז אַרויסגעקומען צו אַ וואַסער־מיל...

אַריבערגעפירט די פּאַרטיזאַנער אָפן צווייטן ברעג, איז דער מילנער די גאַנצע צײַט, וואָס עס האָט געדויערט, ביז וואַנען אַלע האָבן זיך אַריבערגעקליבן איבערן טײַך מיט די שמאָלע בריקלעך, וועלכע זײַנען געלעגן איבער דעם וואַסערפאַל, געשטאַנען מיט אַ לאַמטערן אין

דער האַנט און באַלויכטן דעם וועג. פון דער אָפענער טיר פון דער מיל האָט יעדע ווײַלע אַרויסגעקוקט אַן אַנדער פֿויער, וואָס איז נײַגעריק געווען צו זען די פּאַרטיזאַנער.
מע איז געגאַנגען שנעל, זיך באַמיט ניט צו מאַכן קיין איבעריקן טומל. כּוץ דעם, וואָס יעדער איינציקער פון די פּאַרטיזאַנער האָט געוווּסט, אַז די נאַכט וועט זיך אייביק ניט ציִען און ביז עס וועט ווערן טאָג מוז מען אומבאַדינגט זײַן אויפֿן אָרט, האָט אויך דער מאַיאָר פֿאַר־שעט ניט געלאָזט זיך זאַמען. ער איז געשטאַנען בײַ די בריקלעך אויפֿן צווייטן ברעג און אַלע־מען אונטערגעאײַלט: „דאַווײַ! דאַווײַ!" אַזוי אַז קיינער האָט זיך אַפילו ניט באַוויזן אַרומצוזען, ווּ מע געפינט זיך.

אָט האָבן זיך שוין אַלע ענדלעך אַריבערגעקליבן איבערן טײַך און מע האָט זיך געקאָנט לאָזן ווײַטער גיין. נאָר איצט האָט דער מילנער אַ ווונק געגעבן צום מאַיאָר, אַז ער דאַרף אים עפּעס דערציילן. ער איז מיט אים אָפּגעגאַנגען אַ ביסל הינטער דער מיל און אויסגעלאָשן דעם לאַמטערן. זיי זײַנען געבליבן שטיין אויג־אויף־אויג בײַ דער וואַנט פון דער מיל, וואָס האָט שטילערהייט ניט אויפֿגעהערט צו סקריפּען.
דער שנײ האָט אַלץ געשאָטן, פּינצטער מאַכנדיק נאָך מער דעם אַרום.
— שוין פון אַ געווויסער צײַט אָן, — האָט דער מילנער אָנגעהויבן, — קומט אַהער איינער און פרעגט זיך נאָך אויף פּאַרטיזאַנער. „דו, — זאָגט ער צו מיר, — דאַרפסט וויסן, ווּ זײַנען דאָ ערגעץ פּאַרטיזאַנער".
— איז וואָס ענטפערסטו אים?
— וואָס זאָל איך אים ענטפערן? פאַרשטייסט דאָך אַליין. „פונוואַנען זאָל איך וויסן, ווּ זײַנען ערגעץ פאַראַן פּאַרטיזאַנער?"
— זאָל עס ניט זײַן עפּעס אַ שמעקער?
— ניין, ס'איז אַ ייִד. ער איז אַנטלאָפן פונעם טאָרף...
— אַזוי גאָר?
— אַנטאָן, — זאָגט ער, — האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג אַהער.
— ווער האָט עס אים געבעטן, דײַן אַנטאָנען?
— דאָס וועסטו אים שוין אַליין פרעגן. מײַן זאַך איז דערציילן דיר אַזוי ווי עס איז. כ'ווייס, עפּשער מעג מען אים גלייבן, אַז ער מיינט גאָרניט קיין שלעכטס, אָט דער ייִד... אַז ער איז אַנטלאָפן פונעם טאָרף, דאָס האָב איך זיך שוין דערוווּסט אַקוראַט.
— קורץ, וואָס וויל ער?
— פאַר אַ פּאַרטיזאַנער, וויל ער, זאָל מען אים נעמען.
— געווער איז בײַ אים פאַראַן?
— ניין. קיין געווער האָט ער ניט.
— נו אָט, וויבאַלד ער האָט ניט קיין געווער, קאָנען מיר אים מיט גאָרנישט ניט העלפן. — און דער מאַיאָר האָט זיך אָנגעכמורעט.

אויסער דעם, וואָס דער מאַיאָר איז בכלל ניט געווען קיין גרויסער באַלן צו אײַסעקן זיך מיט ציווילע לײַט און, שוין אָפּגערעדט, מיט אַ מענטשן אָן געווער, פון וועמען מע האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שום נוצן, איז איצט בײַ אים פּאָשעט ניט געווען קיין צײַט צו פאַר־נעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן. און דעריבער האָט ער, פּיאָטער טראָפימאָוויטש, ניט אַרויסגעוויזן קיין כיישעק לענגער צו פאַרציִען דעם געשפּרעך מיטן אַלטן, ער האָט שוין געוואָלט אַוועק־גיין. דער מילנער איז דאָך געגאַנגען נאָך אים.

— איז וואָס ענטפערט מען אים, טאָמער קומט ער ווידער צו גיין? — האָט דער אַלטער גע־פרעגט און אין זײַן שטימע האָבן זיך דערפילט אַנגסטן. — ס'איז אַן אײַנגעגעסענער יונג. ער טרעט פון מיר ניט אָפּ. „אַנטאָן, — האַלט ער אין איין טײַנען, — האָט מיך געשיקט צו דיר און שוין. פאַרוואָס ווילסטו מיר ניט העלפן?"
— אָן געווער קאָן קיין שום רייד ניט זײַן. וועט ער קריגן געווער, דעמלט וועט מען זען.
— ווען מע העלפט אים, זאָגט ער, וואָלט ער זיך אונטערגענומען צו קריגן געווער. ניט נאָר פאַר זיך אַליין. מע קאָן, זאָגט ער, צונעמען דאָס געווער בײַ דער וואַך, וואָס באַגלייט דעם טאָרף צו דער סטאַנציע. די ייִדן, וועלכע פאָרן מיטן טאָרף, וואָלטן אויך מיטגעהאָלפן. ער האָט צווישן זיי גוטע־ברידער, וועלכע וואַרטן נאָר אויף זײַן ווונק.
נאָר אויך דאָס האָט דער מאַיאָר דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט. בלויז ווי אויף צו באַרויִקן דעם אַלטן, האָט ער אַ פרעג געגעבן:
— אַז מע וועט דאַרפן, ווייסטו כאָטש, ווּ ער געפינט זיך, דער ייִד?
— זיכער. ער איז ניט ווײַט פונדאַנען. אויפֿן סמאָלעקורנעם זאַוואָדל. איך האָב געפּרוווט

א פֿרעג געבן דעם, בײַ װעמען ער איז, װאָס איז עס פֿאַר אַ מענטש. זאָגט ער אױך, אַז עס איז אַ גוטער יאַט.

— לאַדנאָ. דו זאָג אים, פֿונדעסטװעגן, גאָרנישט ניט צו. מע דאַרף ניט. — און דער מאַיאָר איז אַװעקגעגאַנגען נאָך די פּאַרטיזאַנער.

איצט, װען מע איז שױן אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך און ערגעץ װײַט הינטער זײ איז איבערגעבליבן די מיל מיט די עטלעכע אױסגעשפּאַנטע פֿורן בײַ דער כאַטקע, זײַנען די פּאַרטיזאַנער דאָך ניט אימשטאַנד געװען באַלד צו פֿאַרגעסן אָט דאָס אָרט, װוּ זײ האָבן זיך קורץ, בלױז אױף געציילטע מינוטן פֿאַרהאַלטן. די מיל מיט דעם אַלטן מילנער, פֿון װעלכן עס האָט געשמעקט מיט עפּעס אַ זיסלעך־צוגעלעגערטן רײעך פֿון טװוע, די אױסגעשפּאַנטע פֿערד, װעלכע האָבן זיך אומרויִק צעהירזשעט בײַס זײ האָבן פּלוצעם דערזען אַרױסקומען פֿון דער פֿינצטערניש באַװאָפֿנטע מענטשן, אַלץ האָט דערמאָנט אינעם פֿאַרגאַנגענעם לעבן, און בײַ אַ טײל פֿון די פּאַרטיזאַנער, אַלײן אױך געװעזענע פּױערים, דערװעקט דערמאָנונגען פֿון דער קינדהײַט, װען מע איז אַלײן געפֿאָרן אין מיל עפּעס אָפּמאָלן, אַלײן אָדער מיטן פֿאָטער.

די דאָזיקע דערינערונגען זײַנען געװען אַזױ טײַער, אַז קײנער האָט זיך ניט געװאָלט מיט זײ שײדן. דאָס װאַרעמע געפֿיל האָט אױך שפּעטער קײנעם ניט פֿאַרלאָזט, װען נאָך אײנעם אַ פּריװאַל, װאָס מע האָט געמאַכט אין עפּעס אַ האַלב כאָרעװון שײַער אײנמיטן פֿעלד, האָט דער מאַיאָר אַלע פּאַרטיזאַנער צעטײלט אין צװײ גרופּעס און מע איז װײַטער אַװעקגעגאַנגען אין פֿאַרשײדענע ריכטונגען: אײן גרופּע מיט לוקאַשעװיטשן צום װעג, װאָס האָט געפֿירט אין אָלקאָװיטשי, און די צװײטע — מיטן מאַיאָר און מיטן קאָמיסאַר צום אָרט, װוּ עס איז אָנגעמערקט געװאָרן דורכצופֿירן די אָפּעראַציע.

אין דרױסן איז פֿינצטערער געװאָרן. פֿון ערגעץ ניט װײַט האָט זיך דערטראָגן דאָס גראַגערן פֿון גענדז. עס האָט זיך געפֿילט, אַז אָט־אָט װעט אָנהײבן גראָען אױף טאָג. און די פּאַרטיזאַנער האָבן נאָך מער גענומען אײַלן.

4

אױסגעשפּרײט אין דער פֿרימאָרגנדיקער בלאַסער שײַן, איז זיך די הרעבליע געלעגן אַ פֿאַרװײטע אונטערן נידעריקן הימל און זיך צוגעהערט דערצו, װי עס רױשן די בײמער אינעם װאַלד אַרום. דער שנײ האָט אױפֿגעהערט צו שיטן. קײן גרױסער װינט איז אױך ניט געװען. עס איז בעפֿײרעש שטילער געװאָרן. דאָך האָט מען ניט געזען, אַז עס זאָל זיך אױסלײַטערן. װי פֿריִער, איז געװען כמאַרנע, די װײַט פֿאַרצױגן און טריב. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך פֿון װאַלד דערטראָגן אַ טעמפּ געהילך, װי עס װאָלט דאָרט עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן. אַזױ איז געװען דעמלט, װען פֿון אַ צװײַג האָט זיך אַראָפּגעריסן אַ פֿײַכטער שטיק שנײ און אונטער דער שװערקײַט פֿון דער אײגענער װאָג אַ זעץ געגעבן אין דער ערד אַרײַן. עס האָט געסקריפּעט און געקרעכצט אַן אַלטער אױסגעהױלטער שטאַם פֿון אַ בױם. לױט דעם, װאָס פֿאַר אַ נודנע קלאַנגען דער װינט האָט אַרױסבאַקומען פֿון אָט דער שיורע־קײלע, האָט מען זיך געקאָנט מעשײַער זײַן, אַז קײן שײנע טעג איז דערװײַל ניטאָ װאָס צו דערװאַרטן. דער װינטער האָט זיך ערשט אָנגעהױבן און עס װעט נאָך אַלץ זײַן — אי שנײען, אי װינטן.

אױף דער הרעבליע איז געװען שטיל און װיסט. מע האָט קײנעם ניט געזען ניט גײן און ניט פֿאָרן. און עס איז אַפֿילע קײן כידעש ניט געװען, פֿאַרװאָס מע האָט ניט באַמערקט קײן שפּור פֿון אַ שליטן אָדער גלאַט טריט. די צײַט איז געװען אַזאַ, אַז זעלטן װער עס האָט געװאַגט אַרױסצוגײן פֿון שטוב, שױן אָפּגערעדט צו פֿאָרן ערגעץ. עס איז אַזױ שטאַרק געװען פֿאַרװײט דער אַרום, אַז װען פֿון אונטערן שנײ, לענגױס דער הרעבליע, זאָלן זיך ניט געװען אַרױסזען די שפּיצן פֿון קוסטעס, װאָלט קײנער אַפֿילע ניט געװוּסט, װוּ איז דאָ ערגעץ דער װעג. דער אײנציקער סימען, אַז דערבײַ איז אַ דאָרף, איז געװען דאָס בילן פֿון הינט, װאָס האָט זיך דערטראָגן פֿון הינטער אַ זײַט װאַלד. עס איז שװער געװען צו גלײבן, אַז עס װעט לאַנג ניט געדױערן, װי אַ שיסערײַ פֿון ביקסן און קױלנװאַרפֿערס װעט אױפֿרודערן דעם אַרום.

אין אָט דער װיסטער שטילקײַט איז פֿון עפּעס אַ לאָך אַרױסגעקראָכן אַ האָז און גיך־גיך, װי אַ קנײַלכל, זיך אַװעקגעלאָזט צו דער פּראָסעקע, װעלכע עס האָבן אױסגעבילדעט הױכע, מעכטיקע, הונדערטיאָריקע סאָסנעס מיט סומנע רױשנדיקע קרױנען, װאָס האָבן זיך געצױגן אין מײַרעװ־זײַט פֿון דער הרעבליע.

דער האָז איז געשפּרונגען און געשפּרונגען אינעם טיפן און פרישן שניי, אונטערוואַרפנדיק שווערלעך זײַן הינטערכיילעך, און נאָך אים האָט זיך אוועקגעצויגן אַ לאַנגער שפּור, ווי אַן אופגעאַקערטע מעזשע. מיטאַמאָל איז דאָס כײַעלע פאַרגליווערט געוואָרן, האָט ציטעריק און פלינק אַ שמאָרע געגעבן מיט דער נאָז אַהער־און־אַהין, גלײַך עס וואָלט דערשמעקט ווער ווייסט וואָס. אַ רעגע איז עס אַזוי געשטאַנען געפּלעפט, ניט באַנעמענדיק, פאַר וואָס האָט זיך עס דערשראָקן, דערנאָך ראַפּטום זיך געגעבן אַ ריס אין אַ זײַט און גענומען מאַכן פלייטע אַזוי שנעל און פלינק, אַז מע האָט בלויז געזען, ווי עס פאָכעט מיט די לאַנגע אויערן.

ווײַזט אויס, אַז די אָרעמע באַשעפעניש האָט זיך פאָשעט איבערגעשראָקן פאַר דעם מאַיאָר און דעם קאָמיסאַר, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד הינטערן בערגל און זײַנען אַליין אַרויסגעקומען צו דער הרעבליע, אַ קוק געבן, ווו עס איז בעסער צו מאַכן די באַהעלטעניש.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ניט דעם קאָמיסאַר און ניט דעם מאַיאָר איז איצט געלעגן אינזינען דער האָז, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן פון זיי אין גרויס בעהאָלע און וועלכער וואָלט אין אַן אַנדער צײַט אָן שום ספק אַרויסגערופן בא זיי אַ אינטערעס, לעכאָלהאַפּאָכעס דעם ווילן אָנצושרעקן אַ ביסל דעם פּאַכדן, אַזויווי מע איז זיך נויהעג שטענדיק אין אַזאַ פאַל. זיי זײַנען געווען פאַרנומען מיט בילכערע זאַכן. פון דער אָפּעראַציע, וועלכע איז פאָרגעשטאַנען, פון דעם, וויאַזוי זי וועט דורכגיין, איז געווען אָפּהענגיק דער ווײַטערדיקער קאַמף קעגן סוינע, און זיי האָבן, נאַטירלעך, געוואָלט אַלץ ווי געהעריק איז באַוואָרענען און פאַרזיכערן.

שטייענדיק צווישן די ביימער אַזוי, אַז קיינער זאָל זיי ניט באַמערקן, האָבן ביידע אָנפירער איינמאָל און נאָכאַמאָל באַטראַכט די הרעבליע, וועלכע איז געלעגן פאַר זיי, באַמיִענדיק זיך צו באַשליסן, וויפל אַן ערעך קאָן זײַן ביזן צווייטן ברעג וואַלד, ווו עס זעט זיך עפּעס אַ געבײַדע — עפּשער אַ וועכטער־שטיבל, וואָס מע האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט, אָדער אַ הויז, וואָס עמעץ האָט דאָ באַלעבאַטיש ניט געײַלט אופגעשטעלט, אַרומטעסנדיק אַ קלאָץ נאָך אַ קלאָץ, און ווען עס וועט זיך אוועקלייגן אַ גוטער שליטוועגס, צענעמען עס אַף באַזונדערע בערוועגעס און אַריבערפירן אַהין, ווּהין מע דאַרף. דאָס אָרט האָט בא ביידן אויסגענומען. עס איז אַקוראַט געווען דאָס, וואָס מע האָט באַדאַרפט. ניט קעדײַ גאָר צו זוכן עפּעס אַנדערש. די הרעבליע איז געלעגן פאַר זיי, ווי אַף דער דלאָניע. ווּהין אויסצובאַהאַלטן זיך האָט דער סוינע ניט געהאַט. סײַדן ער זאָל אָפּטרעטן צוריק אין וואַלד. דאָס איבעריקע איז שוין אָפּהענגיק געווען פון די פּאַרטיזאַנער. מע האָט זיך באַדאַרפט גוט פאַרטײַען אָפּן בערגל צווישן די ביימער, ווו זיי זײַנען איצט געשטאַנען, צולאָזן צו זיך די מערדער וואָס נעענטער און דערלאַנגען פּלוצעם אַזאַ מין קנאַק, אַז עס זאָל זיי פאַרשפּאָרט זײַן ערגעץ אַנטלויפן. דער מאַיאָר האָט אופגעהויבן אַ האַנט, אַ רוף געטאָן צו זיך די פּאַרטיזאַנער. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און אָנגעהויבן פאַרנעמען ערטער, פאַרמאַסקירנדיק זיך מיט וואָס נאָר מעגלעך — מיט שטיקער קאָרע, מיט צווײַגן, מיט שניי...

לויטן צייכן פונעם מאַיאָר, וועלכער האָט אַכטונג געגעבן דערוף, וויאַזוי יעדערער האָט זיך אײַנגעאָרדנט, האָבן זיך אַלע באַלד אופגעהויבן און שטילערהייט זיך אומגעקערט אַהין, ווו מע איז פריִער געווען. אַף דעם אָרט פון דער באַהעלטעניש זײַנען איבערגעבליבן בלויז צווייען, זייער זאַך איז געווען אַכטונג צו געבן אַף דער הרעבליע און טאָמער וועלן זיך נאָר באַווײַזן די שליטנס, אָנזאָגן, אַז מע פאָרט.

נאָך עטלעכע פּאַרטיזאַנער האָט דער מאַיאָר אוועקגעשיקט צום וועג, וואָס האָט געפירט צום הויפּט־טראַקט דורך דער פּראָסעקע, אַז די דײַטשן זאָלן די גרופּע ניט אַרומגיין פון הינטן.

איצט, ווען אַלץ, וואָס איז נייטיק געווען צו טאָן, האָט מען באַוואָרנט און מע איז גרייט געווען צו דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיטן סוינע, איז בלויז איבערגעבליבן, אַז די פּאָליצײַען זאָלן זיך באַווײַזן מיט די שליטנס. די גאַנצע מעניִע איז געווען אין זיי. און אויב עמעצער האָט אין אָט דער ווײַלע נאָך וועגן עפּעס געטראַכט, אויסער דעם, איז עס קלאָל ניט געווען וועגן דעם, וואָס מע איז הונגעריק אָדער ניט אויסגעשלאָפן. אַלע גערדאַנקען האָבן זיך דעריקער געדרייט אַרום די דײַטשן, אַרום דער פּאָליציי — דער רוען ווייסט זיי דאָרטן, ווער דאָס וועט זײַן! זיי זאָלן כאָטש ניט איבערקלערן און ניט אָפּלייגן די רײַזע קיין ווילייקע אַף אַ צווייט מאָל, וואָרעם ווען עס קומט אויס אוועקגיין פונדאַנען מיט גאָרניט, וואָלט עס געווען די האַרבסטע שטראָף. מע וואָלט זיך עס קיינמאָל גאָר ניט מויכל געווען. און דערפילנדיק, וויאַזוי ניט נאָר אַלע איבעריקע, — אויך ער אַליין ווערט וואָס ווײַטער מיט אַ רעגע אַלץ אומגעדולדיקער, האָט דער מאַיאָר באַשלאָסן: קאַלזמאַן עס איז נאָך דאָ צײַט, זיך דורכריידן מיט די יאַטן. ער האָט אַלעמען פאַרזאַמלט אַרום זיך.

— לאָמיר, כאַווײרים, זיך צונויפרײדן אָט וועגן וואָס, — האָט פּיאָטער טראָפימאָוויטש אָנגעהויבן, זיך צוזעצנדיק אַף אַ ליגנדיקן בוים, וואָס דער ווינט האָט, ווער ווייסט ווען, ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען אזוי, אז אונטער אים האָט זיך געשאַפן אַ הייל, אין וועלכער אייניקע פון די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרקליבן און זײַנען דאָרטן געזעסן און געשטאַנען מיט די ביקסן אין די הענט. — פריִער פון אַלץ זאָלט איר זיך צוהערן צו מײַן קאָמאַנדע. איך וועל אײַך זאָגן, ווען אָנצוהייבן שיסן, שיסט ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. איר ווייסט דאָך, אַז מיר פאַרמאָגן ניט קיין סאַך קוילן און מיר האָבן זיי ניט ווו צו נעמען. מע דאַרף די פּאַשיסטן צולאָזן וואָס נעענטער און געבן אַזאַ מין קלאַפּ, אַז זיי זאָלן ניט וויסן, פונוואַנען דאָס קומט. אײַך איז אַלץ פאַרשטענדלעך?

— פאַרשטענדלעך. נו, ווי דען?

— ווײַטער: זײַט ניט זשעדנע נאָך שמאַטעס אָדער פּראָדוקטן, וועלכע זיי קאָנען פירן מיט זיך. דער איקער איז פאַרניכטן די גאַזלאָנים און צונעמען בא זיי דאָס געווער. ווער עס איז אָן געווער, דער האָט איצט אַ מעגלעכקײַט זיך צו באַוואָפענען. איך גיב אײַך אַ וואָרט, אַז דאָס, וואָס יעדערער פון אײַך וועט זיך דאָביוועןפון געווער, וועט עס זײַן זײַנס און קיינעם וועט ניט דערלויבט ווערן דאָס אוועקצונעמען. און דאָס לעצטע: טאָמער מאַכט זיך, אַז מע פאַרוואונדעט עמעצן און עס ווערט אַ טומל, — ניט איבערלאָזן דעם פאַרוואונדעטן. הײַנט וועסטו העלפן דײַן כאַווער און מאָרגן קאָנסטו זיך אַליין אויך נייטיקן אין זײַן הילף... עמעס, זאָג איך?

אַלע האָבן צוגעשאָקלט: וואָס דען, מע פאַרשטייט עס אַליין ניט? דאָס לעבן האָט שוין באַוויזן, אַז עס איז בעפּיירעש אזוי. וואָס איז דאָ צו ברײַען וועגן דעם. וואָס עס קאָן פאַרלויפן, ווען מע איז פאַרוואונדעט, אַז בײַס מע איז אַפילע געזונט, ווערט אויך גוט קאַלעמוטנע אַפן האַרצן יעדעס מאָל, ווען מע דערמאָנט זיך, אַז מע קאָן איבערבלײַבן אַליין... ווי שווער דאָס לעבן זאָל ניט זײַן, איז דאָך אַלץ ניט שרעקלעך, ווען מע איז צוזאַמען מיט אַלעמען.

דער מאַיאָר האָט אַ בליק געגעבן צום קאָמיסאַר. יענער איז געשטאַנען צווישן די פּאַרטיזאַנער און מיט קיין זאַך זיך ניט אונטערשיידט פון אַלע איבעריקע. ער איז, ווי אַלע, געווען פאַרזאָרגט און פול מיט וואַרטעניש. ער האָט אים געוואָלט פרעגן, צי וויל ער עפּעס ניט צוגעבן צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. דער קאָמיסאַר האָט אָבער מיט אַ ווונק געגעבן צו וויסן, אַז ער געפינט ניט פאַר נייטיק עס צו טאָן. אַלץ, וואָס מע האָט באַדאַרפט, האָט שוין דער מאַיאָר געזאָגט, און גלאַט אַבי ריידן האָט ער ניט ליב געהאַט. ער האָט געקלערט וועגן דעם, צי איז לוקאַשעוויטש מיט זײַן גרופּע שוין געקומען אַפן אָרט. מע האָט מיט לוקאַשעוויטשן אָפּגערעדט, אַז ס'איז ניט זײַן זאַך זיך פאַרטשעפּען מיט די פּאָליצײַען, אַז אויב ער וועט זיי דערזען פאָרן, זאָל ער זיך מאַכן ניט וויסנדיק און זיי דורכלאָזן. זײַן זאַך איז דערריקער פאַרהאַלטן יענע, וואָס וועלן זיך לאָזן פונעם גאַרניזאָן צו הילף די פּאָליצײַען, ווען דאָ וועט זיך עפּעס פאַרקאָכן. דער קאָמיסאַר האָט אָבער געוווסט, אַז לוקאַשעוויטש איז אַ היציקער און ער איז דעריבער ניט פולקום רויִק געווען.

פון אַ צווײַג האָט זיך אַראָפּגעריסן אַ הויפן שניי און ווייך אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. איינצײַטיק דערמיט איז אינדערלופטן אָנגעוואַקסן עפּעס אַ גערויש. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס הודען מאַשינעס. און ניט איינעם פון די פּאַרטיזאַנער האָט בייסמײַסע אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ: עס האָט מער ניט געפעלט, אַז עס זאָלן איצט פון ערגעץ אַ שפּאַר געבן דײַטשן.

אין סטאַרינקי האָבן געגומען בילן הינט. זאָל דאָס באַטײַטן, אַז דאָרט האָבן זיך באַוויזן די פּאָליצײַען? אָן עק, וואָלטן זיי שוין געקומען וואָס גיכער... וויפל איז דער שיר צו וואַרטן? נאָר ניין, אויך די בילערײַ הערט באַלד אויף און אַפּסנײַ שטעלט זיך אײַן אַ שטילקײַט, אַ מאַטערנדיקע שטילקײַט, וואָס ציט ארויס דעם קליאַק פון די ביינער. עס ווײַזט זיך ארויס, אַז כוץ מוט און געוואַגטקײַט באַדאַרף אַ פּאַרטיזאַנער אויך פאַרמאָגן אויסערגעוויינלעכן געדולד. און קעדיי עס זאָל ניט זײַן אזוי אומדערטרעגלעך שווער צו וואַרטן, פאַררייכערט עמעצער אַ ציגאַר. דער ציגאַר גייט אַוועק איבער די הענט. פונעם טראָפּן ביטערניש ווערט, דוכט זיך, אַ האָר וואַרעמער און פרײַלעכער אַפן האַרצן.

די הייסע ערשטע מינוט פון דער אויסערגעוויינלעכער וואַרטעניש אַפן סוינע גייט אָבער דורך. אָן אומעט קלײַבט זיך אַרײַן אינעם האַרצן. די פײַכטקײַט נעמט אַלץ מער און מער דורך די אײַוורים, דרינגט אַרײַן אינעם לײַב דורך די שפּיץ פינגער פון די פיס, כאָטש אין דרויסן איז בעפּיירעש וואַרעמער געוואָרן און די זון פּרוּווט זיך קלוימערשט אַפילע באַווײַזן. אַ בלענד געבנדיק אַף אַ קורצער ווײַלע אינעם פרישן, נאָרוואָס ארויסגעפאַלענעם שניי. עמעצער קלאַפּט שוין אַ פוס אין אַ פוס. ווער־ניט־ווער הייבט זיך אָן שטילערהייט צו ראַנגלען זיך מיט אַ כאַווער, קעדיי דערוואַרעמען די פאַרקליאַקנעטע גלידער. אָבער אויך אָט די

ראַנגלעניש פֿאַרמאָגט איצט ניט קיין איבעריקן טאַם. דער קאָפּ איז בײַ אַלעמען פֿאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. ביסלעכווײַז הייבט מען אָן קווענקלען, צי עס וועט הײַנט ביכלל צו עפּעס דערגיין.

ווען מע דערזעט, ענדלעך, לויפֿן אָנגעבויגענערהייט צווישן דיביימער און מאַכן מיט די הענט: „גיכער! גיכער!" איינעם פֿון די צוויי, וואָס מע האָט איבערגעלאָזט בײַ דער הרעבליע, גלייבט מען זיך אַליין ניט, אַז דאָס פֿאָרן שוין די, אַף וועמען מע האָט די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט. אַלע שפּרינגען אויף פֿון די ערטער און לאָזן זיך אויך אָנגעבויגענערהייט לויפֿן צו דער הרעבליע. עס בלײַבט קוים איבער צײַט צו פֿאַרנעמען די ערטער, וועלכע מע האָט פֿריִער צוגעגרייט, און זיך אָנהייבן צילן אינעם שליטן, וואָס מע דערזעט אַרויסקומען פֿון צווישן די ביימער אויפֿן ברעג וואַלד.

פֿון דער רגע אָן זײַנען אַלעמענס אויגן צוגעשמידט צום שליטן, און עפּשער ניט אַזוי צום שליטן, ווי צו דעם וועג, מיט וועלכן מע דערוואַרט דעם איבעריקן טראַנספּאָרט. פֿאַר גרויס אויפֿרעגונג ווערט אייניקע באַלד הייס און מע צעשפּיליעט אַף זיך די פּעלצלעך. עס איז ניט אײַנצוהאַלטן דעם אימפּעט, מיט וועלכן די פֿינגער ציִען זיך צום צינגל פֿון דער ביקס. פֿונעם אומגעהייערן אומגעדולד ציטערן די הענט. אָט נאָך אַ ווײַלע און פֿונעם וואַלד וועלן, איינער נאָכן אַנדערן, אַרויסקומען די פּאָליצײַען און די דײַטשן, מיט דער וואַלקע שווערגעלאָדענע פֿורן. מע שטעלט זיך עס שוין פֿאָר אַזוי בולעט, אַז באַלד הייבט זיך אויך אָן צו דאַכטן, אַז מע הערט, ווי די שליטנס סקריפּען איבערן שניי, ווי עס פֿירשקען די פֿערד.

אָט איז שוין דער שליטן אַרויסגעקומען פֿון צווישן די ביימער, האָט דורכגעמאַכט דאָס שטיקל מעהאַלעך, וואָס צווישן דעם וואַלד און דער הרעבליע. מער קיין שליטנס זעט מען ניט. מע זעט אויך ניט קיינעם פֿון די, וועלכע דאַרפֿן זיי באַגלייטן. און די פּאַרטיזאַנער ווערן בייז, הייבן זיך אָן צו זידלען. אַן אומגליק זאָל טרעפֿן די מערדער! וואָס זאַמען זיי זיך אַזוי? זאָל זײַן, אַז זיי זײַנען קלאָל ניט קיין גרויסע באַלאָנים צו שלעפֿן זיך קיין ווילייקע מיט אַזאַ שווערן, פֿאַרוויינטן וועג? צי עפּשער האָבן זיי שוין עפּעס דערשמעקט און בעקיוון אַרויסגעשיקט פֿאָרויס אָט דעם שליטן?.. וויבאַלד אַזוי, אויב דאָ גייט אין דעם, ווער וועמען וועט איבערכיטרעווען, זײַנען שוין די פּאַרטיזאַנער אויך ניט אָן קעפּ. וועלן זיי גראָד דורכלאָזן די פֿור, קעדיי זען, וואָס ווײַטער וועט זײַן. זאָל זי זיך גיין, ווי זי גייט, עלעהיי זיי פֿאַרשטייען שוין גאָרניט. איבעריקנס זײַנען זיי עס גערן צו טאָן דערפֿאַר, ווײַל ווערדליק עס דוכט זיך זיי אויס, האָבן די פּאָליצײַען געצוווּנגען עמעצן פֿון דאָרף דורכפֿאָרן זיך מיט דעם דאָזיקן וועג.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז די דאָזיקע סוואָרע איז אויך ניט קיין סוואָרע, וואָרעם, ניט דערפֿאָרנדיק אַ ביסל צו דער הרעבליע, פֿאַרקערעוועט דער פּויער אַף רעכטס און, ניאָקענדיק גאַנץ היימישלעך אַף זײַן פֿערדל און אונטערהוסטנדיק, לאָזט ער זיך פּאַמעלעך אַוועק פּאַזע דעם ברעג וואַלד און הייבט זיך אָן צו דערווײַטערן. גיכער פֿון אַלץ דאַרף עס מאַשמאָעס זײַן ניט אַנדערש ווי עפּעס אַ משוגענער פּויער, וועלכער האָט אין אַזאַ מין צײַט געוואָגט צו לאָזן זיך נאָך אַ ביסל האָלץ אָדער נאָך אַ זשמעניע היי, וואָס ער האָט זומער־צײַט ערגעץ פֿאַרגרייט אין וואַלד.

דער פּויער פֿאָרט זיך אַוועק, ניט פֿילנדיק אַפֿילע, וואָס אים האָט דאָ נאָרוואָס געדראָעט און ווי נאָענט ער איז געווען פֿונעם טויט.

איצט פֿאַרשטייען שוין די פּאַרטיזאַנער לאַכלוטן גאָרניט. ווי מע ליגט זיך אַזוי אויפֿן שניי מיטן געווער אין די הענט, דרייט אויס איינער און אַ צווייטער דעם קאָפּ צום מאַיאָר, וועלכער שטייט דערבײַ הינטער אַ בוים און נעמט אויך, ווי אַלע, זײַנע אויגן ניט אַראָפּ פֿון דער הרעבליע. דער מאַיאָר לייגט צו די פֿינגער צו די ליפּן, הייסט מאַכן אַ שווײַג. די פּאַרטיזאַנער רירן זיך ניט פֿונעם אָרט. שווײַגנדיקערהייט קוקן אַלע נאָך, וויִאַזוי די פֿור פֿאַרשווינדט. נאָך אַ ווײַלע, און עס וועט פֿון איר קיין סימען ניט איבערבלײַבן. עס איז קיין אַנדער ברירע ניט פֿאַראַן, ווי ליגן אויפֿן שניי און געדולדיק וואַרטן.

וויפֿל מאָל דער מאַיאָר האָט דערנאָך זיך ניט געבראָכן דעם קאָפּ, האָט ער פֿאַר זיך ניט געקאָנט קלאָר מאַכן, מיט וואָס האָבן זיי דאָ געהאַט צו טאָן, — מיט עפּעס אַ שפּיצל פֿונעם סוינע, וועלכער האָט זיך באַמיט אָפּטעמפּן די וואַכזאַמקײַט פֿון די פּאַרטיזאַנער, אָדער מיט אַ פּאָשעטן צופֿאַל, וועלכער האָט אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפֿן אָפּצווענדן די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון דעם איקער און געבראַכט דערצו, אַז ווען די פּאָליצײַען מיט די שליטנס האָבן זיך באַוויזן פֿונעם וואַלד, איז עס געווען פֿאַר אַלעמען אַ ביסל אומגעריכט.

די שליטנס זײַנען אַרויסגעקומען פֿונעם וואַלד ניט אין דעם אָרט, פֿונוואַנען מע האָט זיי דערוואַרט, נאָר עטוואָס לינקער. נאָך אייניקע שליטנס זײַנען נאָכגעגאַנגען בעהיימעס און אומרויִק געמוקעט, ווי זיי וואָלטן געפֿילט, אין וואָס פֿאַר אַ מיִעסע הענט זיי זײַנען אַרײַנגע־

פאַלן. דערבײַ האָבן מיט די ביקסן אַף די אַקסל געשפּאַנט די פּאָליציײַען. אויסער די פּאָליציײַען אין די שוואַרצע שינעלן, וועלכע האָבן זיך נאָך בוילעטער אויסגעטיילט אַפן בלאַנקענדיקן פרישן שניי, זײַנען, רייטנדיק אַף פערד, געפאָרן עטלעכע דײַטשן און צווישן זיי נאַרוסעוויטש, וועמען בוהײַ האָט, ליגנדיק אין דער באַהעלטעניש, באַלד דערקענט. ער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן און האָט שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צום מאַיאָר:

— אָן־אָ איז ער, דער פּאַסקודניאַק... דער, וואָס אַפן ווײַסן פערד, אין דער קובאַנקע.

די שליטנס זײַנען צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער. מע האָט שוין געהערט, ווי די פּאָליציײַען ריידן זיך דורך צווישן זיך, און געווען איז אַזוי, ווי עס טרעפט זיך אין כאָלעם, בייס מע זעט עפּעס שרעקלעכס — מע וויל מאַכן אַ גוואַלד, רופן צו הילף, נאָר אַלץ איז אינעם מענטשן געהאַמעוועט פאַר איימע, מע קאָן זיך קיין ריר ניט געבן מיט קיין אייווער. עס איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס אַזעלכעס האָט אין דער רגע אַמשאַרפסטן באַהערשט די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זײַנען מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געלעגן אַף זייערע ערטער און געקוקט, ווי די פּאָליציײַען מיט די דײַטשן דערנעענטערן זיך, — אַ שרעק פאַר דעם, וואָס וואָלט געווען, ווען זיי פאַלן אַרײַן אין די באַנדיטישע הענט, אָדער אַ ווילדע פײַנטשאַפט, אָן אויסער־געוויינלעכער האַס דערפאַר, וואָס זיי קאָנען טייקעף ניט אופהייבן אַ שיסערײַ, ווי זיי האָט זיך געוואָלט.

עס זײַנען אָנגעקומען אַזוינע מינוטן, אַז מע האָט בעפּייִרעש באַדאַרפט זײַן פון אײַזן, קעדיי ניט אויסצושיסן פאַר דער צײַט. עמעצער פון די פּאַרטיזאַנער האָט דעם שווערן פּרווו דאָך ניט אויסגעהאַלטן. עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַן אומגעדולדיקער, הייסער פאַרלאַנג צו שנײַדן פון די סאָנים שטיקער פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אַף דער וועלט, און ער האָט אויסגעשאָסן עפּשער מיט אַ רגע פריִער, איידער דער מאַיאָר האָט באַוויזן אַ געשריי צו טאָן „פײַער!“, און אַליין אויך גענומען שיסן פונעם מאַוזער.

בייס דעם דאָזיקן קנאַל, אין וועלכן עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אַ שיסערײַ פון עטלעכע צענדליק ביקסן און צוויי האַנט־קוילנוואַרפערס, האָט קיינער געוויס ניט באַמערקט, ווי עמעצער האָט אויסגעשאָסן פאַר דער צײַט. און, בעעמעס גערזאָגט, איז שוין אַפילע אַלצייינס געווען, צי מע האָט אַ ביסל פריִער אויסגעשאָסן אָדער שפּעטער. דער איקער איז געווען: דערלאַנגען אַזוי, ווי מע דאַרף. דער מאַיאָר האָט ווידער גענומען קאָמאַנדעווען, מע זאָל געבן פײַער.

אַף דער הרעבליע איז געוואָרן אַ בעהאָלע.

דעם ערשטן קלאַפּ האָבן געכאַפּט די פּאָליציײַען, וועלכע זײַנען געגאַנגען בא די פאָר־דערשטע שליטנס. מיט אַן איימעדיקן געשריי, ווי פאַרן טויט, זײַנען עטלעכע פון זיי אומגע־פאַלן, ניט באַווײַזנדיק אַפילע אַראָפּצוכאַפּן פון זיך די ביקסן און אויסשיסן. דערזען, וואָס עס איז געשען, האָבן זיך די איבעריקע אַ לאָז געגעבן אַף צוריק. פאַר שרעק האָט אַ פערד זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט, זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייטן שליטן מיט טווע און אים איבער־געקערט. די פּאָליציײַען האָבן גענומען שפּרינגען איבער די זעק. אויך די רײַטער האָבן אַלץ איבערגעלאָזט. זיי האָבן שנעל, שלאָגנדיק די פערד, אויסגעקערעוועט אַף צוריק, און ערשט דעמלט, ווען זיי האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין וואַלד, אונטער דער שוץ פון דיביימער, גענו־מען פון דאָרטן ענטפערן מיט אַ שיסערײַ. אינעם געהילך פון דער שיסערײַ, אינעם קוויטשען פון די כאַזיירים, האָט זיך אַרײַנגעריסן דאָס מוקען פון אַ בעהיימע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער שטריק און פאַרקראָכן אין דער בלאָטע, געבליבן דאָרט שטעקן ניט אַהער און ניט אַהין. באַפליגלט פונעם ערשטן דערפאָלג, דערפון, וואָס מע האָט דערזען, ווי אַזוי די פּאַשיסטן אַנטלויפן, האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעהויבן פײַפן און שרײַען:

— דערלאַנגט, יאַטן!

— שטיקער שנײַדט פון זיי!

עמעצער פון די פּאַרטיזאַנער איז אַרײַן אין גרויס קוראַזש און האָט געוואָרפן אַ גראַנאַטע, כאָטש דאָס איז בעפּייִרעש געווען איבעריק. די גראַנאַטע האָט סײַוויסײַ ניט דערגרייכט צו די, אין וועמען זי איז געווען געצילט. אַ הילך האָט דאָך געגעבן מוירעדיק. מע האָט דעם אופרײַס געקאָנט דערהערן אַפילע אין דאָרף. און דערפון האָבן אַלע שטאַרק האַנאָע געהאַט. עס האָט זיך געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן, ווי מע שלאָגט די פּאַשיסטן.

ניט קאָנענדיק דערלאַנגען די, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַרײַנצוכאַפּן אין וואַלד, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַריבערגעטראָגן דאָס פײַער אַף יענע פּאָליציײַען, וואָס זײַנען פאַרווונדעט געוואָרן אָדער זײַנען פּאָשעט פאַר שרעק אומגעפאַלן און האָבן ליגנדיק אַף דער ערד גענומען צוביסלעכווײַז אַרויסבאַווײַזן סימאָנים פון לעבן, — פּויזען, שיסן. עס איז געוואָרן אַ געיעג נאָך יעדן איינציקן באַזונדער.

א גרויסע פרייד איז געווען צו זען, וויאַזוי די פּאָליציַיען לויפן איבער פון בוים צו בוים און האָבן מוירע ארויסצוגיין פונעם וואלד. די פּארטיזאנער האָבן אָבער פארשטאנען, אז דערוויַל האָבן זיי ערשט באוויזן אָפּצוטאָן א האלבע ארבעט. מע האָט, ווי לעבן אַף דער וועלט, געמוזט ארומגיין די פּאָליציַיען פון א זיַיט און ארויסיאָגן זיי פונעם וואלד. מע האָט עס באַדאַרפט טאָן באלד, ניט פאטערנדיק קיין איבעריקע ציַיט און ניט ווארטנדיק, ביזוואנען די פארעטער וועלן קומען צו־זיך.

אָט אין דער דאָזיקער רעגע, ווען עס איז ניט לייַכט געווען צו באשליסן, וויאַזוי וועלן זיך די געשעענישן אנטוויקלען וויַיטער און וואָס, אשטייגער, קלערט צו טאָן דער מאַיאָר, האָט זיך איבער די הויכע סאָסנעס, אונטער וועלכע עס זיַינען געלעגן די פּארטיזאנער, דורכגעטראָגן א קלאנג, ווי מע וואָלט צעשאָטן שרויט. אינעם ארומיקן טומל איז דאָך ניט לייַכט געווען פאנאנדערצוקלייַבן זיך, פונוואנען נעמט זיך דער דאָזיקער קלאנג און וואָס דאָס באטיַיט. אלעמענס אופמערקזאמקייַט איז דעריקער געווען צוגעשמידט צו דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַף דער הרעבליע. די פרייד פונעם ערשטן דערפאָלג האָט אייַנגעשלעפערט, צוגעטויבט דאָס געפיל פון וואכזאמקייַט.

דעם גרעסטן טייל פון די פּארטיזאנער האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס הילכט אזוי אינדערלופטן דער אָפּקלאנג פון דער אייגענער שיסעריַי.

דער גרילצנדיקער קלאנג איז דאָך ניט פארשוווּנדן געוואָרן אויך דעמלט, ווען דער מאַיאָר האָט באפוילן אופהערן שיסן. אלע האָבן דייַטלעך דערהערט, ווי הינטער זיי, דאָרטן, ווו ס׳איז געלעגן דער הויפּט־טראַקט, שיסט מען פון שווערע קוילנוואַרפערס.

דער קאָמיסאר איז צוגעלאָפן. ער האָט דעם מאַיאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. אין זיַינע אויגן איז געווען איין פראגע: צי האָט עמעצער פון דער באפעלקערונג ניט איבערגעגעבן וווּהין מע דאַרף, אז פּארטיזאנער זיַינען געקומען אהער.

אינעם זעלבן אויגנבליק, וואָס דער קאָמיסאר האָט אזוי א טראכט געגעבן, האָט מען דערזען לויפן די צוויי פּארטיזאנער, וועלכע האָבן באוואכט דעם וועג. און דערפילנדיק, אז דערמיט האָט זיך דאָס מאָל די אָפּעראציע פארענדיקט און ער קאָן דאָ גאָרניט מאכן, אז דער איינציקער אויסוועג איז איצט, אויב ער וויל ניט, מע זאָל זיי דאָ ארומרינגלען, אָפּטרעטן, און וואָס גיכער מע וועט עס טאָן, אלץ גלייַכער וועט זיַין, האָט דער מאַיאָר טייקעף אלעמען אופגעהויבן פון די ערטער. עס האָט לאנג ניט געדויערט און אַפן בערגל, ווו מע איז נאָרוואָס געלעגן, איז קיינער ניט איבערגעבליבן. עס האָט זיך בלויז געהערט, ווי עס טרישטשעט דער וואלד אין יעגער זיַיט, וווּהין אלע זיַינען פארשווּנדן.

לויפנדיק האָט מען געהערט די שיסעריַי פון שווערע קוילנוואַרפערס. די שיסעריַי האָט זיך אָט דערנעענטערט, אָט דערוויַיטערט. ווער דאָס שיסט, צי דאָס זיַינען ווירקלעך פאנצער־מאשינעס, ווי די צוויי פּארטיזאנער האָבן געמאָלדן, אָדער עמעצער אנדערש, אין דעם האָט מען איצט זיך ניט געקאָנט פאנאנדערקלייַבן — עס איז פּאָשעט ניט געווען קיין ציַיט דערויף.

עס האָט אויך קיינער ניט פארשטאנען, פונוואנען עס האָבן זיך פלוצעם גענומען אהער די מאשינעס — צי איז דאָס ניט מער ווי א צופאל, אָדער מע האָט זיי ספּעציעל אונטערגעהיט.

ערשט דאן, ווען עס איז אויסגעקומען איבערגיין פון איין וואלד־מאסיוו אין דעם אנדערן און ווען מע האָט באדאַרפט איבערלויפן א שטיק פריַי פעלד, פונוואנען עס האָט זיך גוט געזען דער טראַקט, האָט מען דערזען א פאנצער־מאשין, ניט קיין צוויי, נאָר איין פאנצער־מאשין.

איבער דעם טיפן שניי האָט די מאשין ניט געקאָנט צוקומען צו די פּארטיזאנער. דערזען ווי זיי גייען איינער נאָכן אנדערן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און פון עטלעכע קוילנוואַרפער גענומען זיי שטארק באשיסן.

איצט, וויבאלד עס איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס מאָל האָט זיך די אָפּעראציע אַף דעם פאַרענדיקט, איז שוין קלאָל מער ניט נייטיק געווען זיך אויסצובאהאלטן. מע האָט מער ניט געלייגט קיין שום אכט אַפן טומל, אַף די שפּורן, וואָס מע האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אינעם שניי. און כאָטש עס איז אויסגעקומען זיך אומצוקערן אין לאגער מיט גאָרניט און אַפן הארצן איז ניט איבעריקס פריילעך געווען, פונדעסטוועגן האָבן זיך אלע דערפילט א סאך פריַיער. ווער־ניט־ווער האָט אפילע געפּרווּווט דראָען פונדערוויַיטן צו דער פאנצער־מאשין מיטן פויסט, ווי איינער זאָגט: „ווארט נאָר! ס׳איז ניט דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר טרעפן זיך מיט דיר. וועסט נאָך האָבן א וויסטן סאָף!‟ עמעס, דער מאַיאָר האָט ניט ליב געהאט קיין פוסטע באריימעריַי, ער האָט געהאלטן, אז אויך איצט דאַרף מען זיַין זייער און זייער פאָרזיכטיק. ער האָט אלעמען געצוווּנגען דורכצומאכן א געוויסן מעהאלעך מיט די פענעמער אויסגעדרייט אַף צוריק און מיט די פּלייצעס פאָרויס, קעדיי אָפּנארן די, וועלכע וועלן פּרוּוון זיך לאָזן נאָך זיי. סיַיוויסיַי האָט זיך דאָך געפילט, אז דאָס אלץ איז שוין ניט אזוי נייטיק.

די גאַנצע צײַט איז מען געגאַנגען מיטן ברעג וואַלד, וווּהין די דײַטשן האָבן ניט ליב צו קריכן. אַזוי איז מען אַרויסגעקומען צו עפּעס אַ דערפל און דאָ באַשלאָסן איבערכאַפּן דעם אָטעם. אויסער דעם, וואָס פון נעכטן אָפּדערנאַכט אָן האָט קיינער גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל, האָט מען אויך באַדאַרפט זיך דערוויסן, צי מעג מען גיין ווײַטער. דער מאַיאָר האָט באַלד אַרויסגעשיקט מענטשן אין עטלעכע ריכטונגען, קעדיי פאַר דער צײַט, וואָס מע וועט זײַן אין דאָרף, זיך געניי דערוויסן, ווו מע האַלט אין דער וועלט.

די אויסשפּירער זײַנען אַוועקגעגאַנגען און האָבן זיך צוריק אומגעקערט פריִער איידער מע האָט זיי דערוואַרט; אין אַ ריי דערפער האָבן זיך באַוויזן דײַטשן. וואָס האָט זיי פּלוצעם אַהין געבראַכט, האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן. דער מאַיאָר איז געווען אין פאַרלעגנהײַט. לויט אַלע השערות איז אויסגעקומען, אַז מע האָט שוין באַוויזן איבערגעבן אויך ווײַטער וועגן דעם, אַז פּאַרטיזאַנער באַוועגן זיך און מע וועט זיי פריִער אָדער שפּעטער ערגעץ אונטערהיטן.

עס האָט זיך קלאָר ניט געגלייבט, אַז נאָך דעם ווי מע האָט זיי באַשאָסן פון דער פּאַנצער־מאַשין זאָל מען זיך אָפּזאָגן זיי ווײַטער צו פאַרפאָלגן און לאָזן פרײַ אַוועקגיין אַהין, וווּהין זיי דאַרפן. לויט אַ ריי טײַמים האָט דער מאַיאָר אויסגעפונען, אַז גלײַכער פון אַלץ וואָלט געווען, מע זאָל באַצײַטנס אַוועק פונדאַנען, ווי ווײַט עס איז נאָר מעגלעך.

זאָל דאָס אַלץ געווען פאָרקומען באַנאַכט, וואָלט דער מאַיאָר קיין סאַך ניט איבערגעטראַכט און אַזוי טאַקע געטאָן. זיך לאָזן אָבער איצט ערגעץ גיין, בייס עס איז גרויסער טאָג, ווען אומעטום זײַנען מענטשן, וואָלט געווען אָן אומזין. איין אויסוועג איז געווען: זיך פאַרקלײַבן ערגעץ אין אַ שטיל ערטל און איבערזיצן דאָרטן, ביזוואַנען עס וועט ניט ווערן פינצטער און מע וועט קאָנען לאָזן זיך ווײַטער גיין.

דער דאָזיקער פּלאַן האָט אויסגעזען צו זײַן דער סאַמע רעאַלער אויך דערפאַר, ווײַל אַלע זײַנען געווען זייער מיד. דער אומרו, וואָס איז זיי די גאַנצע צײַט נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, דאָס, וואָס מע האָט דורכגעלעבט בייס דער זאַסאַדע,— אַלץ האָט זיך איצט געלאָזט פילן, און איידער זיך לאָזן גיין ווײַטער, האָט מען זיך פאַשעט געמוזט אַ ביסל אויסרוען.

דער מאַיאָר האָט זיך געהאַלטן אָן אייצע מיטן קאָמיסאַר און, ניט אָפּלייגנדיק עס אויף לאַנג, האָט מען באַשטימט זוכן אַן אַנדער אָרט.

מע איז אַרומגעגאַנגען עטוואָס דאָס דערפל, אַז קיינער זאָל זיך ניט אָנשטויסן, וווּהין מע איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך איז מען צוגעקומען צום זעלבן טײַך, וועלכן מע איז בײַ דער נאַכט דורכגעגאַנגען. דאָס מאָל האָט מען אָבער אויסגעמיטן דעם באַקאַנטן וועג. מע איז פאַרבײַגעגאַנגען די וואַסערמיל, איבערגעלאָזט הינטער זיך אויך דעם סמאָלעקורנעם זאַוואָד, און ערשט דעמלט, ווען מע האָט זיך שטילערהייט אַריבערגעקליבן מיט אַ שיפל אויפן צווייטן ברעג, איז מען אַרײַנגעקומען אין ניט קיין גרויסן וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דער בריק, און דאָ, ווו קיינעם האָט גאָרניט געקענט אײַנפאַלן צו זוכן פּאַרטיזאַנער, האָט מען באַשלאָסן איבערזײַן דעם טאָג.

אינדערעמעסן איז דאָס ניט געווען דאָס פּאַסיקסטע אָרט, ווו מע זאָל געווען זײַן גאָר רויִק. קיין אַנדער אויסוואַל איז אָבער ניט געווען. אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, וואָס זאָל אַכטונג געבן, ווען די איבעריקע וועלן אָפּרוען, האָט מען הינטער די שטאַבעלן האָלץ, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען, פאַרגרייט פון זומער אָן, אײַנגעטראָטן דעם שניי און געמאַכט אַ געלעגער פון יעלן־לאַפּקעס. פאַרשפּרייט דאָס דאָזיקע העסעבעט מיט עטלעכע פעלצלעך, האָט מען זיך. אויסגעלייגט, פּעסט זיך צוגעדריקט איינער צום אַנדערן. קיין בעסערן געלעגער האָט מען זיך, כלעבן, גאָר אפילע ניט געווונטשן.

קורץ איז אַ ווינטערדיקער טאָג, בייס מע געפינט זיך אין דער וואַרעם בײַ זיך אין דער היים, מיטן ווײַב און מיט די קינדער. גאַנץ אַנדערש האָט עס אויסגעזען דאָ, ווען עס איז אויסגעקומען צו ליגן האַלב־הונגעריק אין דרויסן. דאָס, וואָס מע האָט איבערגעכאַפּט אָפּדערגיך, בייס מע איז געווען אינעם דערפל, האָט קיין זעט ניט געבראַכט. אויפן ליידיקן מאָגן האָט ניט אַלעמען גענומען דער שלאָף. שווער איז אויך געווען אײַנליגן דערפאַר, ווײַל מע האָט געוווּסט, אַז דערבײַ געפינט זיך דער סוינע און יעדע קלייניקײַט קאָן זיי אויסגעבן. פון דעם אַלעמען האָט זיך די צײַט געצויגן, ווי פון פעך, עס האָט זיך געדוכט, אַז דער טאָג וועט זיך גאָר קיינמאָל ניט ענדיקן.

און דאָך זײַנען די אַלע יעסורים קלאָר גאָרניט ווערט געווען אין פאַרגלײַך דערמיט, וואָס מע האָט איבערגעלעבט, בייס מע האָט דערהערט, ווי מיט דער בריק באַוועגן זיך מאַשינעס און מע האָט באַדאַרפט ליגן און שווײַגן, זיך מאַכן, אַז מע הערט גאָרניט. דער געדאַנק, אַז מע פאַרמאָגט מיט זיך עטלעכע מינעס און מע קאָן זיי ניט אָנווענדן, ניט אונטערלייגן

ערגעץ אפן וועג אזוי, אז עס זאָלן ארופליִען אין דער לופט די מאַשינעס צוזאַמען מיט די, וואָס פאָרן אף זיי, — דער דאָזיקער געדאַנק האָט אלעמען פאַרומערט דאָס לעבן.

טעלעכע מאָל אין מעשעך פון טאָג האָט די וואך אלעמען אופגעוועקט: דאָ האָט נאָענט אָנגעהויבן בוקסעווען א מאַשין און מע האָט געהאַט א כשאַד, אז דאָס פאָרט מען צו די שטאַבעלן האַלץ, הינטער וועלכע מע איז געלעגן, און דאָ האָט זיך פאַרבײַ געשלעפּט ערגעץ א פויער מיט א בעהיימע און מע האָט ניט געדאַרפט, אז ער זאָל זיי דערזען. דער טאָג איז דורך אזוי ניט רויִק, אז מע האָט שוין געטרוימט וועגן דער מינוט, ווען מע וועט זיך סאַפּקאָל־סאַף אופהייבן און אוועקגיין פונדאַנען.

זייער ניט צופרידן איז געווען אויך דער מאַיאָר אליין. ער האָט שאַרפער פון אלעמען געליטן דערפון, וואָס די אָפּעראַציע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

פּיאָטער טראַפּימאָוויטש האָט פאַרשטאַנען, אז ער מיט זײַן גרופּע קאָן זיך פאַר קיין פאַל ניט פאַרגלײַכן צו קיין רעגולערן ארמייִשן טייל און אז קיינער וועט פון אים ניט פאָדערן, ער זאָל דאָ פירן א לאַנג־דויערנדיקע שלאַכט, אזוי ווי דאָס ווערט געטאָן אפן פראָנט. ער האָט געוווּסט, אז איין זאַך איז א רעגולערער טייל און גאָר אן אנדער זאַך זײַנען זיי, די, וואָס זײַנען איבערגעבליבן אף די אָקופּירטע ערטער. איז דען אינעם קאַמף פון די פאַרטיזאַנער ניט דעריקער די פּלוצעמדיקײַט, מיט וועלכער עס גיט זיך זיי אײַן באַפאַלן דעם סוינע, א צופּ געבן אים, ווען ער דערוואַרט עס ניט, אָנוואַרפן אף אים אן איימע און דערנאָך ווי א ווינט נעלעם ווערן, פאַרשווינדן, קעדיי ערגעץ אין א צווייט אָרט ווידער ארויסשווימען אף דער העלער שײַן און אפּסנײַ דאָס זעלבע איבערכאַזערן. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט עס אלץ זייער גוט געוווּסט, האָט דער מאַיאָר שטאַרק געליטן. און וויפל ער האָט זיך ניט אײַנגערעדט, אז אין דעם, וואָס די אָפּעראַציע איז ניט געלונגען, איז קיינער ניט שולדיק, אז דאָס איז בלויז א פויעל־יויצע פונעם לעבן, וועלכן זיי קומט אויס צו פירן, האָט עס אים ניט געהאָלפן. עס איז שווער געווען צו מאַסקים זײַן דערמיט, וואָס די פּאָליצײַען האָבן געליטן א נישטיקן פאַרלוסט און נאַרוסעוויטש וועט זיך איצט קאָנען באַרימען, אז ער מיט זײַנע פּאָליצײַען האָבן א קוועטש געטאָן די פאַרטיזאַנער. עס איז אים פריקרע געווען דער געדאַנק, אז אים וועט אויסקומען זיך פאַרענטפערן פאַר לוקאַשעוויטשן, פאַרוואָס עס האָט זיך ניט באַקומען אזוי, ווי זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט...

געפינענדיק זיך איצט צוזאַמען מיט אלע פאַרטיזאַנער אינעם וועלדל, ניט ווײַט פון דער בריק, און הערנדיק דאָס הודען פון די פאַרבײַפאָרנדיקע מאַשינעס, איז דעם מאַיאָר צוגע־קומען נײַע זאָרגן: עס האָט אים געקימערט דאָס, וואָס אין די ארומיקע דערפער האָבן זיך גענומען זאַמלען דײַטשן. שוין זשע קלײַבן זיך די דײַטשן פאַרלויפן זיי דעם וועג? און פאַר אים איז אופגעקומען א פראַגע, צי טוט ער גוט, וואָס זיי זיצן דאָ, צי וואָלט ניט בעסער געווען, ווען אין דער זעלבער צײַט, וואָס די דײַטשן גרייטן עפּעס, זאָל ער גאָר ארויסשיקן ניט קיין גרויסע גרופּע אונטערלייגן ערגעץ אפן וועג עטלעכע מינעס... צי וואָלט ער דערמיט פאַרהאַלטן דעם סוינע, איז שווער צו זאָגן, נאָר א ביסל צאָרעס וואָלט מען דאָך אים דערמיט פאַרשאַפט... ווען עס קומט אום א גרופּע דײַטשן, וואָלט עס אליין און פאַר זיך שוין געווען א זאַך. מע וואָלט מיט א גרינגער האַרץ זיך געקאָנט אומקערן אין לאַגער, לעכאָלהאַפּאָכעס ניט מיט קיין ליידיקע הענט.

ער האָט דאָך דעם דאָזיקן געדאַנק באַלד אָפּגעוואָרפן. שיקן מענטשן אינמיטן העלן טאָג אונטערלייגן א מינע וואָלט געהייסן שיקן זיי אף א זיכערן טויט, און אף דעם האָט ער זיך ניט געקאָנט באַשליסן.

עס איז נייטיק געווען צוטראַכטן עפּעס אנדערש, ניט דערלאָזן די דײַטשן זיך אריבער־קלײַבן איבערן טײַך און ארײַנדרינגען אין דעם ראַיאָן, ווו עס האָט זיך געפונען דער פאַר־טיזאַנישער לאַגער. און דאַן איז דעם מאַיאָר אײַנגעפאַלן, אז ווען אים גיט זיך אײַן אופרײַסן אָדער פאַרברענען די בריק, וואָלט מען בעסערס זיך ניט דאַרפן ווינטשן. מע וואָלט דערמיט אופגעטאָן עטלעכע זאַכן פאַראַמאָל: ערשטנס, וואָלט מען געשטערט די דײַטשן צו פאַרפאָלגן זיי, און, צווייטנס, — עפּשער דאָס סאַמע וויכטיקסטע, — וואָלט דאַן אף לאַנג איבערגעריסן געוואָרן דער פאַרקער צווישן ווילייקע, ווו עס געפינט זיך די געגנטלעכע מאַכט, מיט די גאַרניזאָנען פון די שטעטלעך, פונוואַנען עס ווערן ארויסגעשיקט שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן די פאַרטיזאַנער.

אויב אים האָט איצט נאָך עפּעס באַאומרויִקט און געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן, איז עס געווען בלויז דאָס, וואָס די בריק איז געווען באַוואַכט, און כוץ דעם האָט זיך אינעם געוועזענעם פּריצישן מאַיאָנטעק פון סערוויטשי געפונען א פּאָליצײַישער באַטאַליאָן.

און דאָך האָט דער מאַיאָר באַשלאָסן ניט אוועקגיין פונדאַנען, ביז מע וועט ניט כאָרעוו

מאכן די בריק. ער האָט וועגן זײַן פּלאַן אויך צו וויסן געגעבן דעם קאָמיסאַר. יענער האָט אים אונטערגעהאַלטן. עס איז בלויז ניט אײַנגאַנצן קלאָר געווען, וויאַזוי מע פאַרווירקלעכט דעם פאַרטראַכט, די בריק איז א הילצערנע. זיך פאַרלאָזן אַף דעם, אַז קעדייַ זי אופרײַסן זאָל גענוג זײַן איין מינע, האָט מען ניט געקאָנט. מע האָט געמוזט האָבן ברענשטאָף, לעכאַלהאָפּכעס עטלעכע פורן שטרוי.

שטײַף צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, זײַנען געשלאָפן די פּאַרטיזאַנער אַף דער ערד, און זיי, דער מאַיאָר מיטן קאָמיסאַר, זײַנען געזעסן הינטער די שטאַבעלן האָלץ און האָבן זיך געייצעט, וויאַזוי בעסער אַלץ דורכצופירן.

אַזוי זײַנען זיי געזעסן ביז די זון האָט גענומען פאַרגיין, די מאַשינעס האָבן אופגעהערט צו פאָרן, און אַף דער בריק איז שטיל געוואָרן. דעמלט האָט זיך דער מאַיאָר אופגעהויבן און א זאָג געגעבן צום קאָמיסאַר:

— מע דאַרף זיך דורכגיין אַף דעם סמאָלעקורנעם זאַוואָדל. עפּשער איז דאָרט פאַראַן וואָס־ניט־איז פון ברענשטאָף. מע דאַרף אויך דעביוועון שטרוי. — און ער האָט באַפוילן אופוועקן עטלעכע פּאַרטיזאַנער.

עס פלאַמט דער הימל אינעם אָפּשײַן פונעם פײַער, וואָס האָט אַלץ מער און מער ארומגעכאַפּט די בריק. מיט א רויטער, רוגזעדיקער שײַן איז אויך באַגאָסן דער ברעג וואַלד, פונוואַנען די פּאַרטיזאַנער זײַנען ארויסגעקומען, שטילערהייט אראָפּגענומען די וואַך און זיך גענומען פאַר זייער אַרבעט. שטיקער ברעטער פליִען, ברענענדיק אין דער לופט. עס קנאַקט און טרישטשעט דאָס פײַער. א ווונדערלעכער פייערווערק האָט זיך אָנגעצונדן אין דער נאַכט. עס איז ליכטיק, ווי באַטאָג. אַזוי, אַז אין דעם פּאָליצײַישן באַטאַליאָן האָט מען געוויס דערזען, אַז עס ברענט די בריק. דאָרט האָט זיך פאַרפרי אופגעהויבן א שיסערײַ. עס וועט לאַנג ניט דויערן, און די פּאָליצײַען וועלן קומען אהער. נאָר די פּאַרטיזאַנער אַרט עס איצט ניט. זיי האָבן זייער זאַך אָפּגעטאָן, די בריק ברענט, און ביז וואַנען די פּאָליצײַען וועלן זיך אַריבערקלײַבן איבערן טײַך, וועלן זיי שוין זײַן ווײַט. זיי זעצן זיך אוועק אַף די פורלעך, מיט וועלכע מע האָט געבראַכט צו פירן צו דער בריק ברענשטאָף און שטרוי, און מע לאָזט זיך אוועק אַף מיזרעך, אהין, אין וואַלד, ווו עס געפינט זיך זייער לאַגער. אַף איינעם פון די פורלעך זיצט אויך דער מאַיאָר.

ער פאָרט, דער מאַיאָר, און טראַכט, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס ניט אַלץ האָט זיך באַקומען אַזוי, ווי ער האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט, איז דאָך דער מעסלעס צײַט, פון זינט זיי האָבן פאַרלאָזט דעם לאַגער, ניט אוועק אומזיסט. שוין דאָס אַליין, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַגעגנט מיטן סוינע פּאָנעם־על־פּאָנעם, איז זייער פיל די ווערט. פאַר דעם דאָזיקן מעסלעס זײַנען די פּאַרטיזאַנער גאָר האָפּערדיקער געוואָרן, אָן אן ערעך האָפּערדיקער, ווי זיי זײַנען געווען פריִער... יעדער איינציקער פון זיי האָט דערזען, אַז אַלץ איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, ווי מע האָט זיך פאָרגעשטעלט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אויך דאָ, אינעם הינטערלאַנד, קאָן מען שלאָגן די פאַשיסטן. און אויך ער, דער מאַיאָר, האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי, ווי דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן באַוויזן אופצוטאָן, וואָלט געווען ניט מער, ווי א פּרווו, א רעפּעטיציע, נאָך וועלכער עס דאַרף ערשט קומען די עכטע אַרבעט... און ער האָט פריִער אָפּגעטעמט. ער איז ווידער, ווי טאָמיד, געווען גרייט צום ווײַטערדיקן קאַמף.

מיניאטיורן

ליבע

איך ווייס, אז באשרענקט איז דער סייכל,
באנארישן קען זיך א קאָפּ.
א הארץ אָבער — כ׳פיל מיטן הארצן:
א הארץ נארט זיך קיינמאָל ניט אָפּ.

עס קען אין דער וועלט ניט געמאָלט זײַן,
אז ליב האָבן זאָלסטו מיך ניט!

צי וואָלט זיך דאָס אײַזן געצויגן,
ווען ס׳וואָלט ניט געווען קיין מאגניט?

צי עפּעס א קוק, צי א שמייכל,
א שווײַגן אזא, צי א זאָג?
פונוואנען זשע קום איך וויסן
אזא מין פארבאָרגענעם סאָד?

אלטע פעסער — נײַער ווײַן

ווי שטארק ס׳איז דער ווײַן, איז ער שטארק ביז א צײַט.
דער גוירל פון ווײַן, ווי דער גוירל פון לײַט.

א גיבער דער מענטש איז, א ריז איז דער מאן —
דער ווײַן ווערט גערונען, עס גייט אויס דער זמאן.

און ס׳ברומען די פעסער, זיי מאָנען מיט קראפט
פארפולן די׳פוסטקײַט מיט זיכערן זאפט.

פון געטען

וואָס פאר א מיידל ווילסטו? איך וויל אָט אזא, ווי איך האָב.
ס׳איז ווייניק מיר זייער געגעבן, נאָר גרויס אומגעהייער די גאָב.
כ׳האָב שטיינדלעך געקליבן באם יאם־ברעג, און פלוצעם אזוי אומדערווארט
געקומען אין האנט איז א פערל. איז בלײַבן ער זאָל בא מײַן הארץ.

א דאנק

א דאנק, מײַן פרײַנט, דערפילט האָסט מײַן באקאָשע.
געשיקט דאָס לידער־בוך. ס׳האָט מיך גענומען שטארק.
ניין, ניט קיין פײַנקוכן, ס׳איז עפּשער ברויט נאָר פּאָשעטס,
נאָר היימיש ברויט. ס׳איז פּעכקע און געשמאק.

ווען די לידעלעך

דער לאַשעק דער יונגער, ער הירזשעט, ער שפּרינגט:
ער זאָגט, אַז די לידעלעך שרײַבן זיך גרינג.

איך זיץ, אַ פּראָוועבטער אין ווינקל, און קלער:
זיי שרײַבן זיך גרינג, נאָר זיי שלעפּן זיך שווער.

דאָס הענעלע

איך בין דאָס הענעלע — ביטער איז מיר.
קומט אָן דער ווינטער — ניטאָ קיין קוואַרטיר.

גרויס איז דער שניי — און ניטאָ קיין קוואַרטיר,
זעט מיך דער יעגער און יאָגט זיך נאָך מיר.

כאַפּט מיך און שנײַדט מיר דאָס בײַכעלע אײַן,
קאָכט מיך, און עסט, און פאַרטרינקט מיך מיט ווײַן.

טרינקט ער דעם ווײַן, און ער זינגט נאָך אַ ליד:
— הענעלע טײַערס, אוי, האָב איך דיך ליב!

דער קרעפּס און זײַן פאָטער

דער קרעפּס זאָגט דעם זון: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק?!
דו דאַרפסט גיין פאָרויס און דו גייסט אָף צוריק!"
— מײַן פאָטער מײַן האַרציקער, שרײַ ניט אָף מיר —
איך קוק, ווהין דו גייסט, און גיי נאָך נאָך דיר.

רעצענזיע אָף אַ ליד

געלויבט איז גאָט, פון הונדערט שורעס
געראָטן זײַנען צוויי צעזורעס.

טעוויע גען

לאַנג און קורץ, ווי דאָס לעבן

א קליינער אַרײַנפיר

אין איינעם א טאָג, ווען דער שרײַבער אריע כאַיט איז אַרײַנגעקומען אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „לעבן און שאַפן“, האָט דער קריטיקער ז. זיך דערפרייט מיט אים, ווי זעלטן־ווען א קריטיקער פרייט זיך מיט א שרייבער. אינעם געררוימען און באַלעבטן פּאָדערצימער פון רעדאַקציע קלאַפּן מאַשינקעס, און עס קלינגט דער טעלעפאָן, און יעדעס מאָל עפנט זיך די דרויסנדיקע טיר און ס׳קומט אַרײַן א גאַסט — א באַקאַנטער אַוטאָר, אָדער אַן אַוטאָר, וואָס וויל ווערן באַקאַנט. בא דער שוועל טרעפט ער זיך מיט נאָך א מעכאַבער און ביידע נעמען מיט גרויס פלײַס זיך דורכריידן, און צו די ביידע קומט אונטער א דריטער. עס ווערט א רעדל, און צום רעדל פאַרייניקט זיך א כאָשעווער פילאָלאָג און שפּראַכקענער. ווען ער זעט נאָר, דער פילאָלאָג, בעט ער העלפן אויסטײַטשן, פאָרמולירן דעם באַטײַט פון אַזאַ און אַזאַ וואָרט, געבן אַן אַדעקוואַט, א סינאָנים — איין סינאָנים, צוויי סינאָנימען, דרײַ סינאָנימען. וואָס מער איז בעסער.

— ווי וועט איר, אַשטייגער, איבערזעצן דאָס וואָרט נעדאָטיאָפּאַ? — טוט ער פּלוצעם א פרעג באַם גאַנצן רעדל מיטאַמאָל. און ייִדן, וואָס האָבן אָקאָרשט געקלערט און גערעדט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, הייבן אָן קלערן וועגן דעם, ווי ס׳וועט זײַן נעדאָטיאָפּאַ אויף ייִדיש:

— שלימאַזל... כניאָק... קונילעמל... געליימטער גוילעם... לויוצלעך... פּעטעלעלע... ניט געראָטענער... ניט דערטראָגענער...

— נאָך, נאָך, — פאָדערט דער פילאָלאָג און שפּראַכקענער. — ס׳איז ניט שלעכט, נאָר איך דאַרף נאָך. איר ווייסט דאָך, אַז די ייִדישע שפּראַך איז זייער א רײַכע, איינע פון די רײַכסטע אין דער וועלט, זי האָט פאַר יעדן וואָרט אויצרעס שאַטירונגען, ניואַנסן...

דאָס מילדע פּאָנעם פון דער סעקרעטאַרשע, וועלכע זיצט אין צימער אויבנאָן, בא איר גרויסן טיש, מינעט זיך און קנייטשט זיך, איר איידלקײַט און טאַקטישקײַט שטערן איר און האַלטן זי אָפּ א קלאַפּ צו טאָן מיטן פויסטל איבערן טיש, זי בעט נאָר שטומערהייט ראַכמים עס זאָל זײַן שטיל.

אינעם דאָזיקן באַלעבטן, טומלדיקן פּאָדערצימער, צווישן די „גוטמאָרגנס“ און „שאָלעם־אַלייכעמס“ פון מענטשן, וואָס קומען אַרײַן, און „גוט־העלפס“ און „זײַט מיר געזונט“ פון די, וואָס גייען אַוועק, אין גערויש פון שטילער ריידערײַ, הויכער שעפּטשערײַ, אין וואָרט־געפּליסטער אויף פאַרשיידענע דיאַלעקטן, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי איין וואַרעמען און טײַערן נאָמען — מאַמע־לאָשן, אינעם דאָזיקן טומלדיקן צימער האָט דער ליבער קריטיקער ז., ווי נאָר אריע איז אַרײַנגעקומען, אַרויסגעכאַפּט אים פונעם איבעריקן אוילעם, ווי דאָס איינציקע טײַערע פישל, אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעקוקט און וואָס ער האָט דאַן, אין יענעם טאָג, אומבאַדינגט געדאַרפט פאַקן. ער האָט אים אַוועקגעפירט אין א שטילערן ווינקל און, גלאַנצנדיק מיט די גרויסע, קײַלעכיקע, אויסדריקלעכע אויגן, געזאָגט צו אים אָן איבעריקע האַקדאָמעס:

— איך דאַרף דײַן אווטאָביִאָגראַפיע.

— אווטאָביִאָגראַפיעס, — האָט כאָיִט אים געענטפערט, — האָב איך אַף מײַן לעבן אָנגעשריבן ניט ווינציק. די ערשטע אווטאָביִאָגראַפיע האָב איך געשריבן מיט פינף און פערציק יאָר צוריק, ווען כ׳בין אָנגעקומען לערנען אין פראָפּטעכשול, די צווייטע — ווען כ׳בין אָנגעקומען אין אינסטיטוט, די דריטע האָב איך געשריבן אין ביראָבידזשאַן, די פערטע...

— מענטש איינער, איך דאַרף דען אַזאַ ביִאָגראַפיע — טרוקענע יעדיִעס אַף איין זײַטעלע? — האָט דער קריטיקער אים איבערגעשלאָגן. — ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן און דײַן סאָציִאַלע אָפּשטאַמונג ווייס איך אַזוי אויך, פון דער קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע. אַגעוו, דאָס אַרטיקעלע וועגן דיר האָב איך טאַקע אַליין אָנגעשריבן. כ׳ווייס, אַז דו ביסט געווען אַ פראָנטאָוויק און האָסט מעדאַלן... אָבער ניט דאָס דאַרף איך... איך דאַרף ניט קיין אַנקעטעס, איך דאַרף אַ ברייטערע, אַ מער־ווייניקער פאַנאַנדערגעוויקלטע קינסטלערישע אָדער לעכאָלהאפּאָכעס האַלב־קינסטלערישע לעבנס־באַשרײַבונג. כ׳האָב פאַרקלערט צוזאַמענשטעלן אַ גרויסן ביִאָקריטישן זאַמלבוך פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער. די ביִאָגראַפיעס פון די, וואָס זײַנען אוועק פון אונדז, וועל איך מוזן אַליין אָנשרײַבן, אָבער די, וואָס לעבן נאָך, דאַרפן זיך מאַטריִעך זײַן און זיך ניט פאַרלאָזן אַף מיר. אײַל זשע זיך צו, ליבער מײַנער, לייג ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק, עס זאָל מיר דערנאָך טאַקע ניט אויסקומען שרײַבן וועגן דיר אויך, פאַרשפּאָר מיר די אַרבעט, — ער האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן קלינגענדיקן פריילעכן געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס כוואַליעט זיך אַלץ הילכיקער און הילכיקער אַרויס בא אים פון האַלדז, ביז עס באַווײַזן זיך טרערן אַף זײַנע אויגן. יעדער שרײַבער וואָלט געדאַרפט אַזאַ געלעכטער פאַרשרײַבן אַף אַ מאַגניטאָפאָן, ער זאָל אָפּטער אים הילכן אין די אויערן, דערמונטערנדיק צו שאַפן לעבנס־פריידיקע, אָפּטימיסטישע ווערק.

— וויפל אַנערעך דאַרף האַלטן די אווטאָביִאָגראַפיע? — האָט כאָיִט געפרעגט.

— איך באַגרענעץ ניט. שרײַב, וויפל דו ווילסט, וויפל עס לאָזט זיך. אויב מע וועט דאַרפן, וועלן מיר דערנאָך צוזאַמען קירצן.

— אָבער פאָרט? — האָט אַריע געוואָלט וויסן, — אַ בויגן, צוויי בויגנס, צען בויגנס? ווי לאַנג דאַרף זי זײַן, די אווטאָביִאָגראַפיע?

דער קריטיקער האָט זיך פאַרטראַכט. אַריע האָט זיך אָנגעבויגן צו אים, קעדיי בעסער הערן, וואָס יענער וועט זאָגן, אַריע כאָיִט איז שטענדיק אין אַ געוויסער פאַרלעגנהײַט און פילט זיך אומבאַקוועם, ווען אים קומט אויס ריידן מיט אַ מענטשן, וואָס איז נידעריק אין וווּקס און ער דאַרף אַף אים קוקן פון אויבן אַראָפּ, דערהויפּט נאָך, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַ קריטיקער. ער אַליין איז ניט העכער פון מיטלוווּקס. נאָר ווי אָפּצולאָכעס זײַנען אַ סאַך קריטיקער נידערוווּקסיקע און עס פּלאָמט אים דאָס פּאָנעם, ווען זיי דאַרפן הייבן צו אים דעם קאָפּ.

— דו פרעגסט, ווי לאַנג דאַרף עס זײַן? — האָט דער קלייניטשקער ז. אופגעהויבן דעם קאָפּ צו אים: — עס דאַרף זײַן לאַנג און קורץ, ווי דאָס לעבן. און נעם, טײַערער, זיך ניט צום האַרצן, אויב עס וועט זיך בא דיר באַקומען אַ ביסל שוואַכער, ווי די אווטאָביִאָגראַפישע ווערק בא טאָלסטאָיען, בא גאָרקין, בא שאָלעם־אַליייכעמען. זייער מאַדרייגע האָבן מיר דערווײַל נאָך ניט דערגרייכט. — און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט זײַן קלינגעוודיק־הויכן, אופמונטערנדיקן געלעכטער.

אַריע האָט אַ קלער געטאָן: פאַרוואָס טאַקע ניט? פאַרוואָס ניט אָנהייבן שרײַבן אָן אייגענעם „פונעם יאַריד“. אָן שאָלעם־אַלייכעמס געניִאַלקײַט, אָן שפרודלדיקן הומאָר. ווו נעמט מען עס? מע דאַרף זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מע פאַרמאָגט אַליין. ס׳איז פאַראַן אַ ווערטל — קאָל האַסכאָלויס קאָשוים. יעדער אָנהייב איז שווער. אָבער אָן אָנהייב האָט ער שוין געמאַכט, ער האָט שוין אַ „דערציילונג פון דער קינדהײַט“. איז קום, אַריע, לאָמיר זיך אונטערגאַרטלען און שפּאַנען ווײַטער...

אין שטעטל אַ גאַסט

מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָט אַריע כאָיִט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין זײַן געבורט־שטעטל, וווּ ער איז ניט געווען העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — זינט דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען מע האָט די ייִדן פון די ליטווישע שטעטלעך און ייִשוּווים אין מעשעך פון איין מעסלעס אַלעמען ביז איינעם אַרויסגעטריבן אַלס פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס דינען דעם דײַטשישן

אימפּעראַטאָר ווילהעלם דעם צווייטן צום שאָדן דעם רוסישן קייסער ניקאָלײַ דעם צווייטן. דאָס שטעטעלע, וווּ אַריע האָט אַמאָל זויכע געווען צו דערזען די ליכטיקע שײַן פון דער וועלט, האָט ער לאַכלוטן ניט געדענקט און זייער מעטושטעשדיק זיך פאַרגעשטעלט, וויאַזוי עס זעט אויס. די גאַנצע צײַט, אין פאַרלויף פון די פיל דורכגעגאַנגענע יאָרן, האָט זיך אים אין זײַן דימיען געזען פאַר די אויגן אַ קעלער מיט אַ מעשופּעדיק־ליגנדיק טירל, וואָס באַשטייט פון צוויי האַלבע טירלעך מיט אַ שווערן שלאָס אינמיטן. אַרקע ליגט אַף איין העלפט פון דעם טירל, ער וואָלט זיך צעלייגט אַף ביידע העלפטן, שטערט דער שלאָס, אָבער אַזוי איז אויך גוט צו ליגן. עס וואַרעמט די זון. אין שטוב טוט זיך עפּעס, ס׳איז דאָרט אַ שטילער, אײַנגעהאַלטענער טומל. אַ פרעמדע אַלטע באָבע, וואָס אַרקע האָט פריִער קיינמאָל זי ניט געזען, באַלעבאַטעוועט אין שטוב, גייט אַרײַן און גייט אַרויס, און אַלע מאַכן פאַר איר אַ וועג, טרעטן אָפּ, ניט צו שטערן, ניט צו פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס.

די מאַמע זעט מען ניט, צו דער מאַמען לאָזט מען קיינעם ניט צו, אַפילע דעם טאַטן. פאַר דער פרעמדער באָבען האָט דער טאַטע מוירע, ער שפּאַרט זיך צו מיטן רוקן צו אַ וואַנט, ווען זי גייט פאַרבײַ. דערנאָך געדענקט אַריע, ווי זייער אַ הויכער מאַנצבל, אויך אינגאַנצן אַ פרעמדער פאַר אים, האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב עפּעס אײַנגעוויקלטס אין אַ פאָלע פונעם לאַנגן מאַנטל. מער געדענקט ער גאָרניט פון זײַן שטעטלשער היים, מער טויכט גאָרניט אויף אין זײַן זיקאָרן.

וויפל איז ער דאַן אַלט געווען? ער איז געבוירן געוואָרן... ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ווייסט ער ניט. אין זײַנער אַ דערציילונג האָט ער שוין אַמאָל געשריבן, אַז קיין אומגליקלעכערע נעפאַשעס, ווי די בעזשענצעס, זײַנען ניט געווען אַף דער וועלט. אַלץ האָבן זיי פאַרלאָרן, אַפילע דעם געבורטסטאָג. פריִער האָבן זיי פאַרלאָרן זייער היים, דערנאָך אין שווערן, ווײַטן וואָגלעניש־וועג אַלדאָס איבעריקע, דאָס גאַנצע ביסל פאַרמעגן, צוזאַמען מיט די מעטריקעס...

איצט איז אַריע געפאָרן שליסן מיטן געבורט־שטעטעלע באַקאַנטשאַפט. ער איז אַראָפּגעשטיגן פון צוג אין אַ סענטיאַבערדיקן פרימאָרגן, ווען אין ליטע לאָזט צומאָל שוין גוט זיך פילן דער אָנגעקומענער האַרבסט, אַלץ אָפטער בלאָזן פונעם באַלטישן יאַם קאַלטע ווינטן אוןווישן אָפּ די שפּורן פון דעם פאַרגאַנגענעם זומער, אין אַ העל־גרויער הוט מיט קליינע ראַנדן לויט דער מאָדע נאָך, אין אַ גרינגן לאַווסאַנאָוון, קורצן ביז די קני, אויך לויט דער מאָדע, מאַנטעלע, אין וועלכן אַריע האָט געכאַפּט אַ גוטן ציטער אַף דער סטאַנציע שאַולײַ, וווּ ער האָט זיך געדאַרפט איבערזעצן אַף אַן אַנדער צוג. ווען ס׳וואָלט ניט געווען האַלבע נאַכט, טיר־און־טויער פאַרשלאָסן, וואָלט ער, איידער זיצן אָפּן וואָקזאַל, געלאָזט זיך אָנקוקן די שטאָט שאַוול, וואָס איז קימאַט בישכיינעס מיט זײַן שטעטל. ער האָט נאָך אויך געהערט, אַז שאַוול איז אײַנגעוויקלט אין וואָל, מע וועבט דאָרט און מע שטריקט, די זאַכן, וואָס עס פאַרטיקט אויס די שאַוולער פאַבריק, האָט אַ שעם אין גאַנץ באַלטיק, וואָלט ער געקויפט אַ וואַרעמע זאַך, אַ וואָלענעם סוויטער...

וואַרטנדיק אין קימאַט פּוסטן וואָקזאַל, וואָס ווי מע זעצט זיך ניט, איז ניט ווײַט פון דער טיר, וועלכע קלאַפּט נאָכאַנאַנד, אַרײַנבערענגענדיק און אַרויסלאָזנדיק איינצלנע שפּעטנאַכטיקע פּאַסאַזשירן, האָט אַריע געקלערט: אייגנטלעך, צוליב וואָס איז ביכלאַל די דאָזיקע יאַזדע זײַנע? אַזויפיל יאָרן ניט געזען דאָס אייגענע שטעטעלע,— איז אַ סימען, אַז ס׳האָט ניט אַזוי שטאַרק געצויגן אַ קוק טאָן אַף דעם, אַניט וואָלט ער שוין לאַנג צוגעפאָרן אַהין. וועמען האָט ער דאָרט איצט, צי איז דען דאָרטן פאַראַן כאָטשבי איין מענטש, וועלכן ער זאָל קענען און יענער זאָל קענען אים? עס איז גרינג צו פאָרן אומעטום, אין יעטווידער שטאָט און אין יעטווידן שטעטל, נאָר ניט אַהין, וווּ דו ביסט געבאָרן געוואָרן און אַלץ דאָרט פאַרלאָרן. ער איז ניט קיין סענטימענטאַלער מענטש, און דאָס אָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געשטאַנען זײַן וויגל, רופט בא אים ניט אַרויס קיין גרויסע עמאָציעס. אַ נאַפּקעמינע, וווּ עס איז געשטאַנען? און דאָך...

אַ דורכגענומענער פון די צוגווינטן, מיט אַ שווערן, ניט־אויסגעשלאָפענעם קאָפּ, מיט אַ הודערײַ אין די אויערן, איז אַריע אַרײַן אין וואַגאָן פונעם לאַנג־דערוואַרטן צוג. עס האָט שוין געשפּראָצט אַף טאָג. פאַרבײַ דעם וואַגאָן־פענצטער האָבן זיך געטראָגן בלויע ציכטיקע דערפער און דערפלעך, פּאַראַלעל צום אײַזנבאַן־וועג האָבן זיך געצויגן אַספאַלטירטע וועגן מיט וועגווײַזערס, דאָ און דאָרטן איז אָנגעלאָפן אַ וועלדל, אַ טײַך. קיינע זיכרוינעס האָבן די דאָזיקע ערטער בא אַריען ניט אַרויסגערופן. עס איז נאָר געווען אומעטיקלעך אָפּן האַרצן, און וואָס מער די באַן האָט אים דערנעענטערט צו זײַן שטעטל, אַלץ מער האָט ער געפילט די יאָרן, וואָס דריקן אַף אים.

די קלײנינקע סטאַנציע שטײט אינמיטן פעלד אַכט קילאָמעטער פונעם שטעטל. לעבן וואָקזאַל איז פאַראַן נאָך אַ געבײַדע, אַ גרעסערע, וווּ עס וווינען מיט די מישפּאָכעס דער שעף פון דער סטאַנציע, דער דיספּעטשער, דער קאַסירער און דער טעלעגראַפיסט. אריע האָט איבערגעלאָזן זײַן טשעמאָדאַן אין דער דירע פונעם קאַסירער און פאַוואַליע, מיט דער ברײטער, אײַנגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס איז דורכגעלײגט צווישן אַ קאַרטאָפל־פעלד, — די קאַרטאָפליעס האָט מען שוין אויסגעגראָבן, עס איז געלעגן צעוואָרפן די הוילע באַטווע, — האָט ער זיך געלאָזט גײן צופוס.

עס איז געווען אַ שטילער, רויִקער פרימאָרגן, די זון האָט ניט העל געשײַנט און ניט שטאַרק געוואַרעמט, אַ ליטווישע זון, וואָס בלענדט ניט, היצט ניט, איז אײַנגעהאַלטן און פול מיט צניִעסדיקן כײן, ווי די אײנפאַכע סטעפּישע גרויערדיקע לאַנדשאַפט, וועלכע זי באַשטראַלט מיט איר שײַן. ניט־געאײַלט, טראַט נאָך טראַט, האָט אריע זיך דערנענטערט צום שטעטל. פונדערווײַטנס האָט ער געזען אײנשטאָקיקע הײַזער און אויך צווײשטאָקיקע. אָט איז אַפילע אַ דרײַשטאָקיקער ביניען. דערנאָך האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס שטעטל איז שוין ניט קײן שטעטל, נאָר אַ שטאָט, אַ ראַיאָנער צענטער. די שילדלעך אַף די טירן הײבן זיך אָן מיט „ראַי" און מיט „גאָר". „ווי־אַזוי האָב איך עס ניט געוווּסט, — האָט אריע בײַ זיך געפרעגט און געהאַט צו זיך אַ טײַנע, — אַז מײַן געבורט־שטעטל איז שוין אַ שטאָט? ניט וויסן אַפילע אַזאַ זאַך!"

עס קומען אָן אַנטקעגן היגע טוישווים, יונגע און אַלטע, אַלע בלוי־אויגיקע, און אריע הערט אַ שפּראַך, וואָס ער קען זי ניט. „פונדעסטוועגן, — האָט ער געהאַט ווידער צו זיך אַ טײַנע, — וויבאַלד איך בין דאָ געבוירן געוואָרן, וואָלט איך יאָ געמעגט קענען אַ ביסל ליטוויש".

וואָס ווײַטער ער גײט איבער דער לאַנגער שטאָטישער גאַס, וועלכע הײבט זיך אָן גלײַך פונעם סטעפּ און אין סטעפּ פאַרענדיקט זי זיך, אַלץ מער פאַרלאַנגזאַמערט ער דעם טראָט, קוקט זיך אײַן אין די מענטשן, קוקט אַף די שטיבער, כאַפּט אַ קוק אַרײַן אַפילע אין די פענצטער. נײַע און אַלטע הײַזער זײַנען האַלב אַף האַלב — קימאַט לעבן יעדער אַלטער שטוב שטײט אַ נײַע, מיט גרעסערע פענצטער, נאָר שוין מיט ווײניקער שניצערײַען אַף די קאַרניזן. אָט איז גאָר אַ פאַרלאָזט פאַרצײַטיק שטיבל. די ווענט אויסגעקרימט, די פאַקליע פון צווישן די קלעצער איז אַרויסגעקראָכן און זי הענגט אַראָפּ מיט לאַנגע פעדעמער, צעפּעכערטע פונעם ווינטל, וואָס האָט געפונען מיט וואָס זיך צו שפּילן. די פענצטערלעך — אַ פּאָר ווערשקעס פון דער ערד — זײַנען פאַרמאַכט מיט טונקעלע לאָדנס. אריע האָט אָפּגעשטעלט אַן אַלטיטשקע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ גרויסן קויש אין דער האַנט, און זי געפרעגט, עפּשער ווײסט זי, וווּ עס האָט דאָ אַמאָל געוווינט די מישפּאָכע כאַיִט? זי האָט אָנגעקוקט אים אַ ביסל דערשראָקן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף נײן. זי איז ניט קײן היגע, זי איז ניט לאַנג געקומען פון דאָרף. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ מאַנצבל — יענער האָט געײַצעט אַרײַנגײן אין ראַיאויספירקאָם, אין קאָמונאַלן אָפּטײל, דאָרטן ווײסט מען אַלץ.

אריע איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געסלעך, אַרײַנגעקומען אין אַ מאַגאַזין און געקױפט אַ סוווענִיר — אַ פײַן־געשניצטע פּיפּקע, ער רײכערט ניט, נאָר זאָל זײַן אַן אָנדענק פונעם שטעטל; ער איז אַרײַן אין דער פאָליקליניק — צו אַ דאָקטער האָט ער ניט באַדאַרפט, נאָר ער מעג דאָך אַ קוק טאָן אַף דער היגער פאָליקליניק, אַף אירע דאָקטוירים און אַף אירע כאַלאָיִם. ער האָט זיך אַ ביסל אַרומגעדרײט אַפן מאַרק, וווּ פויערטעס האָבן געהאַנדלט מיט גרויסע עמערס עפּל, פלוימען און מיט זעק קאַרטאָפל.

הינטערן מאַרק, אַף דער געגוזשעס־גאַס, האָט ער אָנגעטראָפן אַפן הויז, וווּ ס'געפינט זיך די רעדאַקציע פון דער ראַיאָנער צײַטונג. ס'איז אַן אײנשטאָקיקע שטוב מיט אַ הילצערנעם פּלויט און מיט אַ סעדל, וואָס צײכנט זיך ניט אויס פון די איבעריקע שטיבער און סעדלעך אַף דער גאַס, עס בלאַנקט נאָר דאָס שילדל אַף דער טיר פונעם הויז, גלײַך אַנטקעגן דער קאַליטקע.

נאָך אַ נאַכט ניט שלאָפן און נאָכן אומבלאָנקען איבערן שטעטל, וווּ ער האָט קײנעם ניט און ווײסט קײנעם ניט, איז בײַ אריען דאָס פּאָנעם געווען בלאַס, קימאַט גרין, אַן אויסדרוק פון מידקײַט איז געלעגן אַף דעם. די שמאָלע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, אַזוי אויך זײער שוואַרצע, זײַנען געווען נאָך שוואַרצער אין זײער פאַרומערטקײַט. אַ יונגער בלאָנדהאָריקער און בלוי־אויגיקער ליטווינער, וואָס איז געזעסן בײַ אײנעם פון די טישלעך אין פאָדערשטן צימער פון רעדאַקציע, האָט אַ קוק געטאָן אַף אים און מיט אַ רופנדיקן בליק אײַנגעלאָדן אים צוגײן צו זײַן טישל, ווי ער וואָלט געזאָגט: „כ'זע דאָך גלײַך, אַז דו דאַרפסט צו מיר און מער צו קײנעם ניט". דעם ליטווישן אופשריפט אַף דער וואַנט איבערן טישל האָט

אריע ניט פֿארשטאנען, נאָר לויט די קאָנווערטן און די בלעטלעך, ארויסגעריסענע פֿון שילערישע העפֿטן, וואָס זײַנען אויף טיש געלעגן, האָט ער געקאָנט זיך אָנשטויסן, אז דער יונגערמאן איז, מיסטאמע, פֿארוואלטער פֿונעם בריוו־אָפּטייל. אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך דערוווּסט, אז אזוי איז עס טאקע.

— איך בין פֿארוואלטער פֿונעם בריוו־אָפּטייל, — האָט יענער געזאָגט צו אים, ווי דערמאָנענדיק, אז דער אוירעך דאַרף שוין גיכער ארויסנעמען פֿון בוזעם־קעשענע דעם כיבער, וואָס ער האָט געבראכט, אָדער דערציילן מינדלעך, וואָס עס האָט געטראָפֿן. אריע האָט געשוויגן, ער האָט ניט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן, און דער פֿארוואלטער האָט אלץ געווארט, אז דער פֿארשוין, וואָס האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן אים, זאָל שוין גיכער ארויסקומען מיט איינער פֿון די אָנקלאָגעס, מיט וועלכע מע קומט, געוויינלעך, צו אים אין רעדאקציע אויסגיסן דאָס הארץ און פֿאָדערן גערעכטיקײַט, ווי דעהײַנע, אז עס רינט דער דאך און די הויז־פֿארוואלטונג וויל ניט פֿאריכטן, אָדער אז ס'איז פֿאָרגעקומען א נײַער סיכסעך מיט א שאָכן, וואָס דערגייט די יאָרן, אָדער, אז מע האָט באוולט אין קראָם — ניט דערוויגן, ניט דערמאָסטן...

— איר זײַט א היגער? — האָט ער געפֿרעגט, וווּנדערנדיק זיך, וואָס דער אָנקלאָגער שווײַגט.

בא אריען האָט זיך ניט גערירט די צונג צו זאָגן, אז ער איז ניט קיין היגער. וואָס הייסט, ניט קיין היגער, אז ער איז דאָ געבוירן געוואָרן, אז דאָ האָבן געלעבט זײַנע עלטערן, זײַנע זיידעס און באָבעס.

— אויף וועלכער גאס וווינט איר? — פֿרעגט דער יונגערמאן זיך נאָך בא אים.

אריע שווײַגט. עס האָט אים פֿארכאפּט דער אָטעם, און ער ענטפֿערט ניט.

— איך בין דאָ פֿופֿציק יאָר ניט געווען, — זאָגט ער נאָך דער לאנגער שווײַגעניש, — און כ'קען דאָ קיינעם ניט. נאָר איך בין א היגער. איך בין דאָ געבוירן געוואָרן.

— ווּ וווינט איר איצט?

— אין מאָסקווע. — אריע נעמט ארויס דעם פּאס צו ווײַזן, אז שווארץ אויף ווײַס איז דאָרט פֿארשריבן: דער נאָמען פֿונעם שטעטל, און דער פּאנעוועזשער אויעזד, קאָוונער גובערניע. אריע וואקסט אויס אין די אויגן פֿונעם מיטארבעטער. ניט אלע טאָג פֿארפֿאָרט אין שטעטל א גאסט פֿון מאָסקווע. יענער האָט זיך אויפֿגעהויבן גלײַך ארײַנצופֿירן אים צום רעדאקטאָר, און דורכגייענדיק מיט אים פֿארבײַ די טישלעך, האָט ער אים פֿארײנווּעגס באקאנט מיט זײַנע קאָלעגן.

— געקומען צו פֿאָרן צו אונדז פֿון מאָסקווע.

איצט איז אריע שוין געווען ניט אליין. ער איז געגאנגען איבערן שטעטל מיט באגלייטער פֿון רעדאקציע. זיי האָבן אים אלץ באוויזן, אלץ דערציילט.

אין שטעטל איז פֿאראן א גרויסער פּארק, וואָס מע האלט אים נאָך אין פֿארברייטערן, מע פֿארזעצט א סאך יונגע ביימלעך.

— ער וועט זײַן קימאט אזוי שיין, ווי דער פּארק אין פּאלאנגע. איר זײַט געוויס דאָך געווען אין פּאלאנגע?..

מע האָט אריען באוויזן די אלטע הילצערנע מיל. אינווייניק און אינדרויסן ארום איר האָט מען זיך געייסעקט, עס זײַנען געלעגן נײַע בערווענעס, אויף א מאשין האָט מען געבראכט צו פֿירן זעק מיט צעמענט.

— וואָס וועט דאָ זײַן? — האָט אריע געפֿרעגט.

— דאָ וועט זײַן אן אנטיק, — האָט מען אים געענטפֿערט. — פֿון גאנץ ליטע וועט מען קומען אהער. אין דער אלטער פֿארוואָרפֿענער מיל וועט זײַן א ליוקס־רעסטאָראן. מע וועט זיצן און עסן ניט בא טישן, נאָר בא די מילשטיינער. און אין אונדזער אלטן רעסטאָראן זײַט איר שוין געווען?

— דאָס שטעטל דאַרף צוויי רעסטאָראנען? — האָט אריע זיך געוווּנדערט.

— פֿאַרוואָס ניט? דער איצטיקער איז א גאנץ געוויינלעכער. יענער וועט זײַן אן אויסנאם, וואָס אפֿילו אין ווילנע איז אזעלכער ניטאָ.

דער „געוויינלעכער” רעסטאָראן האָט די פֿאָרם פֿון א האלבקײַלעך. ער פֿארמאָגט א גרויסן וועסטיביול, אזוי ווי אין א טעאטער, ווּ הינטערן פֿינקלענדיקן באריער פֿון גארדעראָב זיצט גרויסשטאָטיש־כשיוועסדיק א בלוי־אויגיקע באדינערן.

דער עסזאל איז אויפֿן צווייטן שטאָק. עס פֿירן צו אים פֿײַן־געשניצטע פּאָרענטשעס און ברייטע טרעפּ. דאָ, אין זאל, בא א מאָדערנעם נידעריקן גרינגיטשקן טישל, האָט אריע

געלאָזט זיך הוילגיין. ווי אַן עמעסער ליטוואַק איז ער געווען באַגײַסטערט פון די בולבענע מײַכאָלים, וואָס האָבן געוועלטיקט אין דער שפּײַז־קאַרטע: בולבענע לאַטקעס און בולבענע „באַמבעס", בולבע מיט סמעטענע און בולבע מיט מילך, בולבע אַף פּוטער און בולבע אַף בוימל, און בולבענע פּירעשקעס און בולבענע קניידעלעך, און גלאַט בולבע, געקאָכטע און געבראָטענע, געשיילטע און אין העמדלעך...

די טאַם־גאַניידנדיקע בולבע־מײַכאָלים האָט אונטערגעטראָגן אַ שיין יידיש מיידל — שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר, און אַ שטילע ראָזקײַט אַף די באַקן.

— וואָס וואָלט איר נאָך געוואָלט? — האָט זי ליבלעך געפרעגט בא אַריען — עס איז נאָך פאַראַן פיש מיט בולבע, בולבע מיט פלייש, און עפּשער ווילט איר בולבענע פּירוגע אַף פּוטער.

— אַ דאַנק, — האָט אַריע געענטפערט, — איר האָט מיך זייער גוט אָנגעהאָדעוועט. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך די שפּײַז־קאַרטע נעמען מיט זיך, אַלס אָנדענק פון אײַער רעסטאָראַן.

— ביטע. אָבער ניט שוין, נאָר נאָך וועטשערע, ווען מע וועט די קאַרטעס שוין ניט דאַרפן. איר וועט דאָך קומען עסן וועטשערע?

— אוואַדע... אויב כ'וועל ניט אוועקפאָרן... זעצט זיך צו אַף אַ ווײַל, — האָט אַריע אַ בעט געטאָן.

דאָס מיידל האָט געוואָרפן אַ באַלעבאַטישן בליק אַף דער העלפט זאַל, וואָס זי באַדינט, די אַנדערע העלפט האָט באַדינט אַ צווייט מיידל, אַ בלאָנדהאָריקע ליטווינערן, און זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן אַריען, אַפן פּרײַען בענקל.

— איר וווינט שוין דאָ לאַנג? — האָט אַריע געפרעגט.

— קימאַט אַ יאָר.

— מיט די עלטערן?

— ניין, קיין עלטערן האָב איך ניט.

— ווי לעבט זיך אײַך דאָ?

— אַזוי זיך. זאָט בין איך. געקומען בין איך אַהער פון ווילנע... ניט אַליין. נאָר איצט בין איך אַליין...

— כוץ אײַך זײַנען פאַראַן נאָך יידן אין שטעטל?

— גענוי ווייס איך ניט, נאָר מיר דוכט, אַז נאָך איין ייִד און מער קיינער ניט. ער אַרבעט דאָ אין ראַיפּאָ אַף דער באַזע אַלס אַ טרעגער. נאָר ער איז אויך ניט קיין היגער. איך שטאַם פון ווילישקיס, און פונוואַנען ער איז, ווייס איך ניט, אָבער כ'ווייס, אַז ער איז ניט קיין היגער.

דאָס מיידל האָט אוועקגעאײַלט צום טישל, ווו ס'האָבן זיך געזעצט נײַע פאַרשוינען. אַריע איז געזעסן און געוואַרט, זי זאָל ווידער צוגיין צו אים, נאָר זי איז אַלץ געווען פאַרנומען.

אין אָוונט איז אַריע געווען אַף אַ יאָמטעוו פון עלטערן און קינדער אין דער שול, וואָס מע האָט צום נײַעם לערן־יאָר אויסגעבויט אין שטעטל. מע האָט אים אײַנגעלאַדן, אַלס גאַסט פון מאָסקווע, אין פּרעזידיום און געגעבן אַ וואָרט צום אַרויסטרעטן. דער איבערפּולטער ליכטיקער און פינקלענדיקער אקטאָווער זאַל מיט די צעעפנטע טירן, ווו עס האָט זיך אָנגע־פּראַפּט דער אוילעם, וועלכער איז אין זאַל ניט אַרײַן, האָט אָנגעשפּיצט די אויערן צו הערן, וואָס עס וועט זאָגן דער מאָסקווער אוירעך, און אַריע האָט גערעדט, און ער האָט ניט גע־ווּסט, פונוואַנען האָט זיך מיטאָמאָל גענומען צו אים אַ קויעך־האַדיבער? צום סאָף פון זײַן רעדע האָט ער געזאָגט, אַז זײַנע אײַנדרוקן פונעם שטעטל וועט ער אָנשרײַבן.

— איך כאַפּ אײַך אַפּן וואָרט, — האָט דער רעדאַקטאָר אַ שעפּטשע געטאָן צו אַריען, ווען יענער האָט נאָך דער רעדע אוועקגעזעצט זיך אַף אַן אָרט. — שרײַבט אַן פאַר אונדזער צײַטונג אַ פאַרצייכענונג. מאַכט אַ פאַרגלײַך צווישן דעם, וויאַזוי דאָס שטעטל האָט אויסגע־זען פריִער, אַמאָל, און ווי עס זעט איצט אויס, ווי ס'איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ שטאָט!

— איך וועל נאָר פּרוּוון אָנשרײַבן, וויאַזוי עס זעט איצט אויס. איר ווייסט דאָך שוין, אַז ווי ס'האָט אויסגעזען אַמאָל, געדענק איך ניט... — האָט אַריע געענטפערט.

— נו, יאָ. איר געדענקט טאַקע ניט, אָבער איר קענט זיך לײַכט פאָרשטעלן. ס'איז געווען פּונקט אַזאַ, ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך בא אונדז אין ליטע.

אַריע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שווײַגנדיק מאַסקים געווען.

אוואַדע קאָן ער זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז דאָ געווען פּונקט אַזוי, ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך. ער שטעלט זיך פאָר דאָס נידעריקע שטיבל, ווו די מישפּאָכע כאַיִט, אַ געזינד פון עלף נעפאַשעס, האָט זיך געמאַטערט, ניט געהאַט צום לעבן, ער שטעלט זיך פאָר די נויט און די געפּאַלנקײַט, וואָס האָט דאָ שטענדיק געהאַלטן אין קלעם די אָרעמע מענטשן.

און ער שטעלט זיך אויך פֿאַר, וויאַזוי אין 1939 יאָר, בײַס די סאָוועטישע אַרמיי איז אַרײַן אין ליטע, האָט מען דאָ, אין שטעטל, געעפֿנט אַ שול פֿאַר קינדער, און אַף דער עפֿענונג פֿון דער שול, ניט אין אַזאַ גרויסאַרטיקן זאַל, ווי דער, אין וועלכן מע זיצט הײַנט, נאָר אין אַ קלענערן, זײַנען אויך געזעסן עלטערן און קינדער, און טאַטישע און מאַמישע און קינדערשע פּנעמער האָבן געשײַנט פֿון פֿרייד און פֿון גליק. איצט זעט ער ניט קיין איין ייִדיש קינד אין זײַן געבוירט־שטעטל. שוין אין די ערשטע שאָען, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די פֿאַשיסטן בלוטיק אַ הוליע געטאָן אינעם בײַגרענעץ־שטעטעלע.

אַריע כאַיִט פֿאַרשטייט זייער גוט דעם שרײַבער איציק קיפּניס, וואָס האָט אין „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע" באַמיט זיך צו באַשרײַבן אַלץ און אַלעמען, מיט דער גרעסטער גענויקייט, ניט דורכגעלאָזט קיין איינציק שטיבל, קיין איינציקע סטרעכע, אַרײַנגענומען אינעם בוך אַלע סלאָוועשנער טוישווים, קליין און גרויס, מיט זייערע וואָכיקע אויסקומעניש און יאָמטעוודיקע דערהויבנקײַטן, מיטן שטייגער, מיט די מינהאָגים, מיטן אַרט ריידן, מיט דעם, וויאַזוי מע האָט געטרויערט און וויאַזוי מע האָט זיך געפֿרייט, וויאַזוי מע האָט געפּראַוועט כאַסענעס און וויאַזוי מע איז געגאַנגען אַף לעווײַעס. „עס איז אַ סומבורנע ווערק" — האָבן קריטיקער באַצייכנט „מײַן שטעטעלע סלאָוועשנע". אָבער ס'איז שווער ניט זײַן „סומבורנע", טראַכטן וועגן קאָמפּאָזיציע, געצוימטקײַט, ווען מע האַלט די פּען אין האַנט און מע זעט די גאַנצע צײַט אין געדאַנק פֿאַרשווונדענע, פֿאַרשניטענע, אומגעבראַכטע לעבנס. און האָט דען די שרײַבערן שירע גאָרשמאַן ניט געזען דאָס זעלבע פֿאַר די אויגן, ווען זי האָט באַשריבן יעדן טוישעוו פֿון איר שטעטעלע קראָק?

אַריע כאַיִט ווייסט ניט דאָס אַמאָליקע שטעטעלע. ער האָט קינדווײַז ניט געשפּילט דאָרטן מיט קינדער און ניט געגאַנגען צוגאַסט צו דערוואַקסענע, אין זײַן זיקאָרן איז ניט פֿאַרקריצט קיין איין שטעטלש געשטאַלט, ער איז געוואַקסן ווײַט פֿון זײַן היים, אין אַן אַנדער קאַנט, אין אַ ווײַטן דאָרעמדיקן ווינקל אַף אוקראַיִנע, באַם ברעג פֿונעם וואַרעמען אַזאָווער יאַם...

אין פּערעץ־הויז

די שטאָט מאַריִופּאָל איז אין 1915 יאָר, נאָכן אָנגעלאָף פֿון די מילכאָמע־פּליטים, די בעזשענצעס, געוואָרן קימאַט אַ ייִדישע שטאָט. אין אַ סאַך שטיבער און אַף די גאַסן, אַפֿן מאַרק האָט זיך געלאָזט הערן דאָס געשמאַקע ליטווישע לאָשן מיטן „שין" אַנשטאָט דעם סאַמעך און מיטן „יע" אַנשטאָט „יאָ". פֿול זײַנען געוואָרן די שולן — די שנײַדערשע שול, די כאַבאַד־שול. בעזשענסקע אַלטע פֿאַרגעלטע טאַלייסים מיט ציצעס, וואָס באָמבלען זיך ביז צום דיל, זײַנען איצט געווען אַ סאַך מער איידער די ציכטיקע, קורצינקע, עלעגאַנט אַרופֿגעוואָרפֿענע אַף די אַקסל זײַדענע טאַלייסימלעך פֿון די היגע ייִדן.

שפּעטער האָט מען געעפֿנט אַ גאָרקיך פֿאַר די בעזשענצעס, אַ ייִדישן שפּיטאָל און צוויי ייִדישע קינדערהיימען. איין קינדערהיים האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון י.־ל. פּערעץ, דער אַנדערער — פֿון הירש לעקערט. אַרקען האָט מען אײַנגעאָרדנט אין פּערעץ־הויז, ווו ס'האָבן זיך אופֿגעהאַלטן קינדער פֿון פֿאָרשול־עלטער און פֿון די ערשטע שול־גרופּעס. דאָס הויז — אַן איינשטאָקיק רויט־געפֿאַרבט שיין מויערל — האָט זיך געפֿונען אין באַרגיקן טייל שטאָט, אַף אַ שטילער גרינער גאַס, פֿונוואַנען מע זעט דעם יאַם. דאָס מויערל האָט פֿאַרמאָגט אַ סאַך טירן — אַ פּאַראַדנע טיר פֿון פֿאָרנט, אַ קיך־טיר פֿון הינטן, זי גייט אַרויס אין דער טיף פֿון הויף, און טירן באַ די זײַטן.

דאָס מויערל איז אַ שיינס, אַ געמיטלעכס, נאָר נאָך שענער איז דער פּלויט, וואָס איז אויסגעלייגט פֿון פֿאַרשיידענע ציגל — ציגל מיט כאָלעלס, אין וועלכע מע קאָן קוקן, ווי דורך אַ שפּאַקטיוו, ציגל — האַלב־קײַלעכיקע, ציגל שפּיציקע — זייער שיינע ציגל און זייער אַ שיינער פּלויט. איבערן הויף, אָפּטער פֿון אַנדערע פֿונעם קינדערהיים־פּערסאָנאַל, זעט מען אַרומגיין די הויז־ווירטן, די „עקאָנאָמקע", מע רופֿט זי מומע דינע, אַ מיטליאָריקע דאַרע פֿרוי מיט זייער אַ שטרענג פּאָנעם. זי טראָגט עפּעס גאָר מאָדנע ברילן, הוילע גלעזלעך אַף אַ לאַנג שנירל, וואָס ציט זיך איבער דער לינקער באַק. אַרקע האָט זיך דערוווּסט, אַז אַזעלכע ברילן הייסן פּענסנע. די מומע דינע האָט נאָך אויך אַ מאָדנעם האַלדז — זייער אַ קורצן, אייגנטלעך איז קיין האַלדז קימאַט ווי ניטאָ, דער קאָפּ שטיצט זיך גלײַך אַף די אַקסל. אַרקע האָט פֿאַר דער מומע דינע מוירע. ווען ער זעט דורכן פֿענצטער, אַז זי לאָזט זיך גיין פֿון הויף אין הויז אַרײַן, אַנטלויפֿט ער און באַהאַלט זיך. קיין שלעכטס האָט זי אים ניט געטאָן, נאָר

די פענסנע, דער קורצער האַלדז און דער האַסטיקער גאַנג אירער שרעקן אים און ער האָט מוירע. פאַר וועמען האָט ער דען ניט מוירע?

ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, פלעגט זי זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַן אָנגעשראָקענער. דער כיידער, וווּ אַרקע האָט באַוויזן איין זמאַן צו לערנען, איז געווען ווײַט פון שטוב, אַזש לעבן דער עלעקטראָסטאַנציע, און דעם גאַנצן וועג ביזן כיידער האָט ער געהאַלטן אין איין ציטערן. ייִנגלעך פון דער גאַס האָבן איינמאָל אים אָנגעשלאָגן, אַ צווייט מאָל האָבן זיי אָנגערייצט אויף אים אַ הונט, דאַפקע ניט קיין גרויסן הונט, אַ קליין הינטל, נאָר אַ בייזס. אַרקע האָט ניט באַוויזן אַפּצולויפן קיין צוויי שפאַן, ווי ס'איז שוין געווען בײַ אים צעריסן אַ הויז און ער האָט שוין דערפילט דעם ביס.

מע זאָל אים ניט זען און ניט באַמערקן, האָט אַרקע אויפגעהערט גיין אויף דער גאַס איבערן טראָטואַר, ער האָט געשלײַכט צווישן די ביימער, וואָס זײַנען פאַרזעצט בײַ די ראַנדן לעבן ברוק, געזוכט אַ שוץ אין דער טונקלקײַט פון די צווײַגן. אים האָט קעסיידער זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע ייִנגלעך פון דער שטאָט לאָקערן נאָך אים, ווילן אים מיימעסן און אַלע הינט ווילן אים אַ ביס טאָן.

דאָ, אין קינדערהיים, האָט ער ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו שרעקן און מוירע האָבן, די דערציִער און לערער זײַנען ניט קיין שלעכטע מענטשן, אָפּטמאָל שרײַען זיי, אָבער זיי שלאָגן ניט. דעם לערער שימען האָט אַרקע אַפילע האַלט באַקומען. ווען אַרקע האָט איינמאָל זיך געווענדט צו אים און געזאָגט „לערער סימען", האָט יענער זיך צעלאַכט. „אַך, דו, ליטוועקל, — האָט ער אַרקען אַ קניפּ געטאָן אין באַק, — איך בין ניט סימען, נאָר שימען".

באַם לערער שימען איז דאָס מויל שטענדיק אַ ביסל אָפן און ס'זעען זיך אַרויס גרויסע פעסטע ציין. אַרקע שטעלט זיך פאָר, אַז מיט אַזעלכע ציין דאַרף מען גוט קענען קנאַקן ניס. און אַ טעווע האָט דער לערער שימען אַזאַ, וואָס איז אויך אַרקען געפעלן. ווען ער שפּאַצירט מיט די קינדער, לויפט דער לערער שימען מיט די לאַנגע פיס זײַנע אַוועק אויף אַ מעהאַלעך פאָרויס, און די קינדער מעגן דאַן טאָן וואָס זיי ווילן. ערשט שפּעטער דערמאָנט ער זיך און קערט זיך אום צוריק, גייט אַ ווײַלע אין פוס מיט אַלעמען און לויפט דערנאָך ווײַטער אַוועק.

אַרקען דוכט זיך, אַז דער לערער שימען איז אויך אַ ביסל אַן אָנגעשראָקענער. דערהויפּט האָט ער מוירע פאַר די מומעס פון קינדערהויז — פאַר דער פאַרוואַלטערן מומע ליובע, וואָס האָט זייער אַ שטרענגן אויסזען און אַ הילכיק, שרײַענדיק קאָל, ער האָט מוירע פאַר דער ווירטן — דער מומע דינע מיט די פענסנע און מיטן קורצן האַלדז — און פאַר דער דערציִערן מומע כאַנע, וואָס האָט אויף דער רעכטער באַק אַ שראַם, ענלעך אויף אַ שאַרפער פען. עס האָט זיך בײַ איר אײַנגעקריצט די „פען" אין דער הויט אַזוי, ווי עפּעס אַן אייביקע כסימע. ווען דער לערער שימען רעדט מיט דער מומע ליובע, אָדער מיט דער מומע דינע, איז בײַ אים אַזאַ אויסזען, ווי ער וואָלט זיך געריכט און זיך געשראָקן, אַז באַלד וועלן זיי אים אַרײַנגעבן די עמעסע גאָב. און ווען דער לערער שימען באַגעגנט די מומע כאַנע, איז בײַ אים אַ שולדיקער שמייכל, ווי ער וואָלט געבעטן אים מויכל זײַן, וואָס אָט איז ער געגאַנגען און ער האָט זי געטראָפן, ער איז אין דעם ניט שולדיק. בײַ דער מומע כאַנע איז אַ שטאָלצער אויסדרוק, און כאָטש זיי בײדע זײַנען איין וווקס, דאַכט זיך, אַז זי קוקט אָפּן לערער שימען פון זייער אַ גרויסער הייך.

וואָס עס קומט פאָר צווישן דעם לערער שימען און דער מומע כאַנע, קאָן אַרקע ניט פאַרשטיין, נאָר ער זעט באַשײַמפּערלעך, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט בײַ זיי, און ער האָט ראַכמאָנעס אָפן לערער שימען, ער האָט אים האָלט און ער וויל, אַז אַלץ זאָל בײַ אים זײַן גלאַט און גוט.

אַרקע איז געווען זייער פרום. אין קינדערהיים האָט ער אויסגעזוכט ווינקעלעך, וווּ ער פלעגט שטילינקערהייט דאַווענען, געמורמלט אינדערפרי אשריי יוישווי בייסעכאָ, געשטאַנען שמוינעסרע, געזאָגט קאַדעש, ניט דעם פּאָשעטן, נאָר ראַבאָנאָן־קאַדעש.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען אַלע ייִנגלעך זײַנען שוין אופגעשטאַנען און אַוועק זיך אײַנוואַשן, האָט אַרקע אַרײַנגעגאַנוועט זיך צוריק אין שלאָפצימער און זיך געשטעלט דאַווענען באַם צוקאָפּנס פון זײַן בעטל. אינעם היטעלע, וואָס ער האָט בעקיוון געהאַלטן באַהאַלטן אונטערן קישן, קעדיי האָבן וואָס אָנצוטאָן אָפן קאָפּ, האָט אַרקע געבעטן בײַ גאָט, אַז דער טאָג זאָל דורכגיין גוט, קיינער זאָל אים ניט טשעפּען, די דאָקטערשע זאָל בײַ אים ניט געפינען קיין לישײַעס און ניט אָפּשיקן אים אין איזאָליאַטאָר, מע זאָל אופהערן צו געבן עסן כאַזער, ווײַל כאַזער עסט ער ניט און ער בלײַבט הונגעריק, עס זאָל קומען צו אים די שוועסטער — דרײַ טעג איז זי שוין ניט געווען, ער בענקט נאָך איר, ער בענקט אַהיים...

אין שלאָפצימער איז אַרײַנגעקומען דער לערער שימען. „ער האָט געהערט, ווי איך האָב געדאווענט", האָט ארקע א דערשראָקענער א טראַכט געטאָן. — „באַלד וועט ער נעמען לאַכן פון מיר, אַלע ייִנגלעך וועט ער צונויפרופן אין שלאָפצימער, זיי זאָלן לאַכן".

דער לערער שימען האָט אָבער ניט געלאַכט. ער האָט גאָר אומגעריכט א פרעג געטאָן:

— געדענקסט, ארעלע, דײַן טאַטן?

ארקען האָט נאָך קיינער קיינמאָל ניט אָנגערופן ארעלע. ניט אין שטוב און אוואדע ניט אין גאַס. קיינער האָט קיינמאָל אויך בא אים ניט געפרעגט וועגן טאַטן, און ארקע אליין האָט אויך שוין פארגעסן, אז ער האָט געהאַט אמאָל א טאַטן. נאָכן טאַטנס טויט זײַנען שוין געווען אין שטוב נאָך דרײַ טויטן. ס'איז געשטאָרבן פון הונגער די מאַמע, ס'זײַנען געשטאָרבן פון הונגער די צוויי עלטערע ברידער.

— איך האָב א ביסל געקענט דײַן טאַטן, — האָט דער לערער שימען געזאָגט, — ער איז געווען א גוטער אײַנבינדער... און א לערער וואָלט ער אויך געקאָנט זײַן. ער איז געווען זייער אָן אָנגעלייענטער און דעריקער איז ער געווען אַן ערלעכער און אָרנטלעכער מענטש... וועסט אויך זײַן אַן ערלעכער און אָרנטלעכער, איאָ?

— יע... — ארקע האָט מוירע געהאַט אופהייבן דעם קאָפּ און א קוק טאָן אפן לערער שימען, ער האָט נאָך אַלץ זיך געריכט, אז יענער וועט נעמען לאַכן.

— איצט גיי אפגיך זיך אײַנוואַשן. — דער לערער האָט אים גענומען פאַר א האַנט. — מע גייט שוין באַלד עסן פרישטיק.

אין קינדערהיים האָט מען אָנגעהויבן געבן געשמאַקע זאַכן צום עסן. מע גיסט אַרײַן א לעפעלע געדיכטע מילך אין א גלאָז טיי און די טיי ווערט ווײַס און זיס. און מע גיט נאָך צו פרישטיק צוויי גאַליעטן, וואָס זײַנען אויך זיסלעך. ארקע האָט געזען אין דער קלאַדאָווקע פון קיך א גאַנצע מענגע פושקעס מילך, און קעסטלעך גאַליעטן, מיט אופגעקלעפּטע זייער שיינע אופשריפטן. די אויסיִעס זײַנען ניט קיין יידישע און קיין רוסישע זײַנען זיי אויך ניט. דעם רוסישן אַלעפבייס ווייסט שוין ארקע.

ארקע האָט איינמאָל אָנגענומען זיך מיט מוט און געפרעגט באַם לערער שימען, וואָס איז אזוינס אף די קעסטלעך און אף די פושקעס אָנגעשריבן?

— ס'איז אָנגעשריבן „ארא" — האָט דער לערער געענטפערט. — די בוכשטאַבן זײַנען לאַ־טײַנישע.

פרעגן ווײַטער, וואָס איז אזוינס „ארא", וואָס באַטײַט עס, האָט שוין קיין דרייסטקײַט ניט געקלעקט בא ארקען. די פראַגע האָט פארגעבן ריווקעלע. זייער אָפּט וואַקסט זי אויס לעבן ארקען און העלפט אים ארויס מיט איר דרייסט צינגל, ווען ער אליין שעמט זיך עפענען דאָס מויל.

— „ארא" הייסט... „ארא" באַטײַט... — דער לערער שימען האָט אליין אויך ניט געוווסט, וויאַזוי מע פארטײַטשט עס אפדערעמעסן, ער האָט נאָר געהערט, ווי מע שפּאַסט וועגן דעם.

— ארא הייסט — א ייִד ראַטעוועט א ייִדן, — האָט ער געענטפערט מיט א געלעכטער.

באַם לאַנגן עסטיש זיצט ארקע בישכיינעס פון איין זײַט מיט ריווקעלען, און פון דער אַנדערער זײַט מיט יעכיִעלן. ריווקעלען קען ארקע נאָך פון אמאָל, נאָך פון דער היים, ווען זיי האָבן געלעבט אין איין הויף. דאַן האָבן זיי ניט געהויזט צווישן זיך, זי האָט אים גערייצט מיטן נאָמען „בעזשענצל", אויסגעוואָרפן אים, אז ער איז שטענדיק שמוציק, ווי א כאַזער, און ער האָט אַלץ זיך געקליבן נויקעם זײַן זיך אין איר, אויסשמירן זי אין דער בלאָטע פון דער גאַנצער גאַס. איצט, אין קינדערהיים, ווען ער זעט זי, דערפילט ער זיך אזוי, ווי ער וואָלט א רעגע אַרײַנגעקוקט אין היימישן הויף, און באַלד וועט עמעצער ארויסגיין פון שטוב און א רוף טאָן אים:

— ארקע, ווו ביסטו פארפאַלן געוואָרן?

די ריפּעלעך געפּרעגלטן כאַזער, וואָס מע דערלאַנגט צו פרישטיק, האָט ארקע אָפּגע־געבן ריווקעלען. ער האָט אָפּגעגעבן ניט אומזיסט. פאַר די ריפּעלעך כאַזער נעמט ער בא איר גאַלעטן. ריווקעלע ווישט מיט דער האַנט די פעטע טרייפע ליפּלעך און פרעגט בא ארקען:

— איך וועל שטאַרק ברענען אין גענעם?

— שטאַרק, זייער שטאַרק, — ענטפערט ארקע אָן ראַכמאָנעס, — וועסט פלאַקערן דאָרט, און קיינער וועט דיך ניט ראַטעווען. עס איז די גרעסטע אווייירע, ווען מע עסט כאַזער.

— אַלע, וואָס עסן, וועלן ברענען?

— אַלע.

— די מומע ליובע און די מומע דינע אויך?

— זיי אויך, — ענטפערט ארקע מיט גרויסער זיכערקייט. — וואָס זײַנען זיי פאַר אַן אויסנאַם? גאָט שטראָפט אַלעמען.

ריווקעלע באַרויִקט זיך. אויב זיי אויך, איז שוין גרינגער. זי כאַפּט אַריבער מיטן גאָפּל דאָס לעצטע ריפּטעלע, וואָס איז געבליבן אין ארקעס טעלער, און שאַרט אים צו אַ האַלבן גאַלעט.

דרײַ מאָל אין ׳וואָך באַווײַזט זיך אין קינדערהיים די דאָקטערשע ליליע, און דאָס זײַנען די אומרויִקסטע, די ערגסטע טעג בא ארקען. אַ ליכטיקע, אַ יונגע, מיט שיינע געקרויזטע האָר אויפן קאָפּ, אין אַ ווײַס־זויבערן כאַלאַט, גייט זי אַרײַן אין צימער, ווו עס זיצט געוויינלעך די פּאַרוואַלטערן, די מומע ליובע, און דאָס צימער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דאָקטערשן קאַבינעט. מע הייבט אָן אויסרופן די קינדער, וועלכע די דאָקטערשע ליליע דאַרף באַטראַכטן און באַקוקן. אויב ס׳איז בא עמעצן אַ לישײַ אויפן קאָפּ, אָדער קרעצלעך צווישן די פינגער פון די הענט, פאַרנעמט מען אים גלײַך אין איזאָליאַטאָר. ווי נאָר ארקע דערהערט וועגן דער דאָקטערשע, אַזוי נעמט בא אים געפערלעך בײַסן דער קאָפּ און דאָס לײַב. אים דוכט, אַז ער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט פּוכירלעך. מע וועט אים גלײַך פאַרשפּאַרן אין איזאָליאַטאָר, און עפּשער וועט זײַן נאָך ערגער — מע וועט אים אָפּשיקן אין „קאָלעקטאָר“. הײַנט, האָט ארקע געהערט זאָגן, וועט מען נאָך אויך מאַכן „אוקאָלן“. וועלנדיק זיך אויסבאַהאַלטן, איז ארקע צוערשט אַרײַנגעלאָפן אין שלאָפצימער, נאָר דאָרטן האָט אים גלײַך געפּאַקט די מומע דינע, זי איז אַרײַנגעקומען מיט אַ פּאַק לײַלעכער און ציכלעך. זי האָט דעם פּאַק אַ וואָרף געטאָן אויפן עקסטן בעטל און איז ראַשיק צוגעגאַנגען צו ארקען, געקוקט אויף אים דורך די פענסנע, און דאָס שנירעלע האָט אַזוי ווי אַ לעבעדיקס הין און צוריק זיך באַוועגט בא איר איבער דער באַק.

— וואָס טוסטו דאָ, אומווירדיקער קנאַבע? — האָט זי אַן אויפגעבראַכטע געפרעגט. די מומע דינע רעדט שלעכט ייִדיש, זי מישט מיט דײַטש, זײַענדיק זיכער, אַז די ביידע שפּראַכן זײַנען אַלציינס.

— דו ביסט ניט געזונט! — זי האָט זיך בעסער אײַנגעקוקט אינעם ייִנגלס אומרויִקע אויגן. — גיי שנעל צו דער דאָקטאָרן. זי נעמט אויף!

— איך בין געזונט! איך בין געזונט! — ארקע איז אַרויסגעלאָפן פון צימער אין הויף אַרײַן און דאָרטן זיך באַהאַלטן בא אַן עק פּלויט הינטער דער קופּע קוילן און די צעוואָרפענע שײַטלעך האָלץ, וואָס מע האָט ניט לאַנג צוריק געבראַכט און נאָך ניט באַוויזן צונויפלייגן.

— אַריע כאַיִט! — טראָגט זיך דאָס שטרענגע און אומגעדולדיקע קאָל פון דער פּאַרוואַלטערן. ווען זי רופט אַ קינד ניט נאָר באַם נאָמען, נאָר אויך בא דער פאַמיליע, איז אַ סימן, אַז זי איז גוט אין קאַס אויף אים.

— אַרטשיק, אַרל! — שרײַט דער לערער שימען.

— ווו איז ער, דער קנאַבע! נאַרוואָס איז ער געווען אין שלאָפצימער, — הערט זיך די שטים פון דער מומע דינע.

ריווקעלע האָט זיך אַרויסגערופן צו לויפן אויפזוכן אים.

— אָט איז ער! — האָט זי אויסגעשריִען מיט פיל פרייד. — איך האָב אים געפונען! אַ גליק, וואָס דאָס קעלכל אירס איז אַ שוואַכס און מע האָט דעם אויסגעשריי ניט דערהערט. ארקע האָט אוועקגעלייגט אַ האַנט אויף אירע ליפּן, זי זאָל ניט שרײַען.

— איך וועל דיך מיימעסן, — האָט ער זי געוואָרנט. — ריר זיך ניט פון אָרט און זאָג קיינעם ניט!

— האָסט מוירע פאַר דער דאָקטערשע? — האָט זי שטיל געפרעגט. — זי איז דאָך גאָרניט קיין בייזע. זי האָט מיר אַרײַנגעשטעקט אַ לעפעלע טיף אין מויל און געהייסן זאָגן „אַ־אַ־אַ“, דערנאָך האָט זי צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ העמערל איבער די קני, און געהייסן גיין. די מיידלעך האָט זי שוין באַטראַכט, איצט באַקוקט זי די ייִנגלעך.

ארקע האָט זיך באַקלערט, אַז אויב ריווקעלע וועט זיצן לעבן אים, וועט מען אים גיכער געפינען.

— גיי, ריווקע, איך זאָג דיר — גיי, נאָר זאָג ניט אויס, אַז דו האָסט מיך געפונען.

ריווקעלע רירט זיך ניט פון אָרט, און ארקע נעמט זי שטופּן.

— שטופּ זיך ניט. איך קאָן זיך אויך שטופּן — שטויסט זי אים צוריק מיט איר שאַרפן נאַקעטן עלנבויגן. — עס איז דיר ניט דער קעלער בא אונדז אין הויף, ווו דו פלעגסט אַליין ליגן און קיינעם ניט צולאָזן. דאָ איז אַלץ אַלעמענס.

— איך זאָג דיר — גיי אוועק! — איז ארקע שוין אָנגעצונדן.

— טרײַב מיך ניט, איך וועל זיצן שטיל, — ווערט בא ריווקעלען פּלוצעם אַ בעטנדיק קאָל, — מיר געפעלט דאָ.

זי רוקט זיך צו נעענטער צו אַרקען, דאָס בלימלדיקע ציצענע קליידעלע איז שטײַף אָנגע־צויגן אַף די קנעכלעך, וואָס שטאַרצן אַרופּצו, דערגרייכן קימאַט ביז איר קין. עס געפעלט ריווקעלען אָט אַזוי־אָ זיצן, און זי וואָלט זייער וועלן, אַז מע זאָל זי אויך זוכן.

— מע גייט! — ריווקעלע איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו אַרקען. די לאַנגע האָר אירע האָט מען אָפּגעשאָרן, און די קורצע הערעלעך שטעכן די באַק זײַנע. ביידע זיצן פאַרטײַעט און הערן זיך צו צו יעדן שאָרך.

מע האָט אָבער, ווײַזט אויס, שוין גאָר פאַרגעסן וועגן אַרקען און אויך וועגן ריווקעלען, וואָס איז אַוועק אים זוכן. עס איז שטיל, קיינער שרײַט ניט, קיינער רופט ניט. אַרקע האָט אַ ביסל זיך באַרויִקט, און ריווקעלע האָט אַפילע שוין אַרײַנגעלאָזן זיך אין פאַרשיידענע רייד.

— הײַנט וועט די שוועסטער קומען צו דיר? — האָט זי געפרעגט.

— אַוואַדע וועט זי קומען. הײַנט איז דאָך פרײַטיק, און אַלע פרײַטיק קומט זי.

— זי וועט דיר ווידער ברענגען אַ גאַנצן טאָפּ?

— דאָס איז שוין ניט דײַן דײַגע.

די דערמאָנונג וועגן טאָפּ איז פאַר אַרקען געווען ניט אָנגענעם. פאַריקן פרײַטיק, ווען די עלטערע שוועסטער, לייקע, איז געקומען צו אים אין קינדערהיים, האָט זי, ווי נאָר זי איז אַרײַן אין הויף, אָנגעטראָפן אַף דער מומע ליובע.

— צו וועמען ביסטו געקומען? — האָט די מומע ליובע געפרעגט בײַ איר.

— צו אַרקע כאַזטן, מײַן ברודער... — לייקע האָט מיט די פרענדזעלעך פון דער פאַ־טשיילע געהאַלטן פאַרדעקט דאָס טעפל, וואָס זי האָט געבראַכט, די מומע ליובע האָט אָבער דערזען.

— וואָס פאַר אַ טעפּ שלעפסטו אַהער? דײַן ברודער דאַרף בויכווייטעק? און הײַנט לאָזט מען ביכלאַל בײַ אונדז ניט אַרײַן צו די קינדער, וועסט קומען זונטיק, אָנעם טאָפּ!

וויאַזוי טראָגט מען אָבער אַוועק אַף צוריק דאָס טעפּעלע געקעכטס? אַף דער ביי־פאַבריק, ווו לייקע איז אָנגעקומען אַרבעטן, זי לערנט זיך דאָרטן נייען, האָט מען אַלס צוגאָב צום פּאַיאָק געגעבן פליישיקע ביינער און ס'האָט אָנגעצויגן אַ פעטע יויך, און גוטע שטיקלעך פלייש ליגן אין אים... זי האָט אָפּגעקאָכט אַ מײַכל, אַרקע וואָלט זיך מעכײַע געווען. איז זי גע־שטאַנען, לייקע, אַן אַרויסגעשטופּטע, היגטערן טויער און אַרײַנגעקוקט אין כאָלעל פון איינעם פון די שיינע ציגל, מיט וועלכע דאָס קינדערהויז איז אַרומגעצאַמט. זי האָט געוואַרט, ביז די מומע ליובע וועט פאַרשווינדן פון הויף. און אַז יענע איז פאַרשוווּנדן, האָט זי אויסגעוואַרט נאָך אַ ביסל און ווידער זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין דער קאַליטקע. אַרקע האָט שוין געוווּסט, אַז די שוועסטער איז געקומען צו אים, און ער איז אַרויסגעלאָפן איר אַנטקעגן. די באַגעגעניש איז געווען אַ קורצע, אַן אײַליקע, אין אַ ווינקעלע, אונטער אַ בוים, ניט ווײַט פון טויער. אַרקע האָט אַרומגעכאַפּט די שוועסטער און זיך צעוויינט. ער וויל אַהיים, ער וועט מיט איר צוזאַמען שוין גיין אַהיים.

— מיר האָבן דאָך שוין ניט קיין היים, איך ווױן שוין ניט אין אונדזער שטוב, איך לעב אין אַ באַראַק.

— וואָס איז דאָס „באַראַק”?

— ס'איז אויך אַ מין קינדערהיים, נאָר פאַר דערוואַקסענע. איך האָב דאָרטן אַ בעטל.

— און מער גאָרניט?

— מער גאָרניט. מיר לעבן אַכצן מיידלעך אין איין צימער, נאָר דאָס צימער איז אַ גרויס. און ס'איז פאַראַן אַ קיך מיט אַ פּליטע פאַר אַלעמען. אָט האָב איך אָפּגעקאָכט פאַר דיר אַ יויך. זי איז זייער געשמאַק... הירזש מיט פלייש. עס, ס'איז נאָך וואַרעם! — לייקע האָט אַ באַמרויִקטע אַ קוק געטאָן אין די זײַטן און דערלאַנגט אַרקען דאָס טעפּל מיט אַ לעפל. אָבער אַרקע האָט ניט געגעסן, ניט פאַרזוכט אַפילע. לייקע האָט פון פאַרדראָס אויך זיך צעוויינט. זי איז זייער אַ געטרײַע, לייקע. אַלץ שפּאָרט זי אָפּ פון זיך און ברענגט אַרקען. אַ גאַנצע וואָך שפּאָרט זי, קעדיי האָבן וואָס צו ברענגען. אַליין איז זי בלאַס, די באַקן אָפּגעצערט, נאָר אַף דער רעכטער באַק נאָענט צו דער ליפּ ברענט אַ שטאַרק־רויטער קיין־פּינטל. אַ פאַרומערטע איז זי אַוועק מיטן טעפּל, און שוין זײַענדיק הינטערן טויער, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ס'איז בײַ איר געבליבן אין קעשענע אַ שטיקל ברויט און אַ צוקערקע. זי האָט זיך ווידער אומגע־קערט, איצט האָט זי אָנגעטראָפן אַפן לערער שימען און אים אַרײַנגערוקט אין האַנט דאָס פּענעצל ברויט מיט דער צוקערקע.

— כ'בעט אײַך, גיט עס איבער מײַן ברודער, אַרקע כאַזטן.

און דער לערער שימען האָט גענומען. ער האָט נאָר אויך, אַזוי ווי פריער לייקע, אַ קוק

געטאָן אין הויף, צי עס גייט ניט די פּאַרוואַלטערן, דערנאָך האָט ער דאָס שטיקל ברויט און דאָס קאָנפעטל שטילערהייט אָפּגעגעבן אַרקען.

— ווילסט, לאָמיר דרוזשען און לאָמיר זיך טיילן, — האָט ריווקעלע פאַרגעלייגט אַרקען, זיצנדיק איצט מיט איר הינטער דער קופּע קוילן. — אַז מײַן מאַמע וועט מיר עפּעס ברענגען, וועל איך האַלב אָפּגעבן דיר, א האָר ניט ווייניקער, און אַז דײַן שוועסטער וועט דיר ברענגען, וועסטו מיר האַלב אָפּגעבן.

— מיט מיידלעך טיילט מען זיך ניט, — האָט אַרקע אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט ריווקעלעס פאָרשלאָג, — מע וועט לאַכן פון מיר.

— קיינער וועט ניט זען, ווי מיר טיילן זיך. מיר וועלן זיך אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען.

— ניין, איך וועל בעסער דרוזשען מיט יעכיעלן, — האָט אַרקע ניט נאָכגעגעבן. — כ׳וועל טיילן זיך מיט אים... ווען ער איז הונגעריק, וויינט ער.

— און מיט מיר ניט?..

— איך זאָג דאָך דיר, אַז מיט דיר קען איך ניט, דו ביסט א מיידל.

— אויב אַזוי, וועל איך גלײַך אויסזאָגן, ווו דו באַהאַלטסט זיך אויס פון דער דאָקטערשע, — ריווקעלע האָט זיך א הייב אויף געטאָן פון אָרט, טייקעף אויסצופּילן איר וואָרענונג.

— זיץ, זאָג איך. — אַרקע האָט זיך אויך אופגעהויבן. ער האָט אָנגעדריקט מיט די הענט אויף אירע אַקסלען, זי זאָל זיך ווידער אוועקזעצן. ריווקעלע איז אָבער געווען ניט שוואַכער פון אים און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א גלײַך געראַנגל. אין א ווײַלע אַרום האָבןביידע זיך געקײַקלט איבער די קוילן, און דער ניצאָכן איז געווען דאָ אויף אַרקעס זײַט, דאָ אויף ריווקעס. אָט איז ער געלעגן מיטן רוקן אויף די קוילן, און ס׳איז געווען זײַן טריומף, אָט איז זי געלעגן, און ס׳איז געווען ריווקעלעס איבערהאַנט.

אין סאַמע קאָך פון געפעכטס האָט זיך באַוויזן די מומע ליובע. זי איז געווען ניט אַליין, נאָר מיט איר קליין טעכטערל עלאָטשקען, וואָס פאַרבערענגט זייער אָפט אין קינדערהיים. עלאָטשקע טיילט זיך אויס פון די איבעריקע מיידעלעך אין קינדערהיים מיט אירע ניט־אָפּגעשוירענע צעפּלעך און גרויסן באַנט אויפן קאָפּ, און כוץ דעם, אויך נאָך דערמיט, וואָס זי איינע האָט ניט מוירע פאַר דער בייזער און שטרענגער מומע ליובע. אויב אַרקע איז עמעצן מעקאַנע אויף דער וועלט — איז עס עלאָטשקע... איצט האָט די מומע ליובע פאַרנומען עלאָטשקען הינטער זיך, הינטער איר רוקן, דאָס קינד זאָל ניט זען די אויסגעקײַקלטע אין קוילן שוואַרצע און צעפּלאָכטע ריווקען און אַרקען, וואָס ווער ווייסט, צוליב וואָס זיי האָבן זיך פאַרקליבן אַהער און וואָס זיי האָבן דאָ געטאָן?

— עלאָטשקע, דו דאַרפסט דאָ ניט שטיין, גיי אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט, — האָט די מומע ליובע אָפּגעשיקט די טאָכטער. — וואָס טוט איר דאָ ביידע צוזאַמען? — האָט זי אײַנגעהאַלטן, ניט צו שרײַען אפן גאַנצן הויף, געפרעגט.

— מיר זיצן, — האָט ריווקעלע געענטפערט.

— מיר זי־זיצן, — האָט אויך באַשטעטיקט אַרקע.

— אַן אומגליק, אַלץ טרעפט נאָר דאָן, ווען עס דעזשורעט שימען, ער קוקט גאָר ניט... — האָט זי אַן אופגעבראַכטע געזאָגט. — דו הייסט, דוכט מיר, כאַיִט? — די מומע ליובע האָט זיך אײַנגעקוקט אין אַרקען. — אַזוי אויסגעשמירט, אַז מע קאָן ניט דערקענען. גיי, וואַש זיך אײַן און קום גלײַך צו דער דאָקטערשע. דערנאָך וועל איך מיט אײַך ביידן א רעד טאָן...

צו דער דאָקטערשע ליליע איז אַרקע אַרײַנגעגאַנגען, ווען זי האָט שוין אַלע מיידלעך און אַלע ייִנגלעך געהאַט באַטראַכט. בא אַרקען האָט זיך פאַרגאַנוועט א האָפענונג, אַז זי וועט לאַנג ניט אייסעקן זיך מיט אים, זי איז שוין פאַרמאַטערט און וועט אים באַקוקן אַבי־ווי, אויבנויפיק, עפּשער וועט זי ניט באַמערקן די לישײַעס, אויב ער האָט זיי...

און די דאָקטערשע האָט טאַקע ניט געכאַפּט זיך גלײַך צום טרײַבעלע און צום העמערל, וואָס איז געלעגן בא איר אפן טיש. זי האָט אוועקגעזעצט אַרקען באַם טישל, אַנטקעגן זיך, און גענומען פרעגן זײַטיקע זאַכן, וואָס האָבן, דוכט זיך, צו א דאָקטערשע און צו קראַנקע קיין שום שײַכעס ניט.

— דו ביסט א בעזשענעצל? — האָט זי אים געפרעגט.

— יע, א בעזשענעץ... — האָט אַרקע שיר זיך ניט צעוויינט, ער ווייסט אַליין ניט פון וואָס.

— באַרויִק זיך, ייִנגעלע. דו ביסט פון עפּעס־וואָס אָנגעשראָקן, נאָר פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט שרעקן, און פאַר קיינעם ניט. זאָג מיר נאָר, בא אײַך אין שטוב, אין דער היים, האָט מען אַמאָל געפּראַוועט דײַנע אימענינעס?

— וואָס? — האָט אַרקע ניט פאַרשטאַנען.

— אימענינעס... דאָס הייסט מע מאַכט אין שטוב א יאָמטעוו, מע מערקט אָפּ דעם געבורטסטאָג, מע פרייט זיך, וואָס מע איז געבוירן געוואָרן, נאָר מיסטאָמע האָסטו ניט געהערט, מע האָט בא אײַך ניט געפּראַוועט... אוואדע האָט מען ניט געפּראַוועט, — האָט די דאָקטערשע שוין אזוי ווי כאראָטע געהאַט, וואָס זי האָט גאָר געשטעלט אזא פראגע. — אָבער עפּשער געדענקסטו, עפּשער האָט מען אמאָל בא אײַך אין שטוב דיר געזאָגט, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, כ'מיין, וויפל דו ביסט אלט... כ'דאַרף עס וויסן... כ'דאַרף פעסטשטעלן דײַנע יאָרן...

— דאָס ווייסט די שוועסטער לייקע, — האָט ארקע געזאָגט.

— האָסט א שוועסטער?

— יע...

— וועסטו בא איר פרעגן, ווען זי וועט קומען צו דיר און וועסט מיר דערנאָך זאָגן. גוט?

— גו־וט... — ארקען איז גרינגער געוואָרן אפן הארצן, ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, מיינענדיק, אז ער מעג שוין אוועקגיין.

— איצט טו זיך אויס, כ'וועל דיך אויסהערן, — די דאָקטערשע האָט גענומען וואשן אירע ציכטיקע ווײַסע הענט אונטערן קראַן אין דער האנטפּאַס. ארקע האָט זיך געכידעשט, וואָס זי וואשט אזעלכע רײנע הענט.

— אין טו זשע זיך, ייִנגעלע, אויס, — האָט זי נאָכאמאָל געזאָגט.

ארקע האָט זיך אויסגעטאָן.

עס איז ניט געווען, דוכט זיך, די אָנשיקעניש, די קרענק, וואָס די דאָקטערשע זאָל בא אים ניט האָבן געפונען. קראַנקע ציין, א ראַכיטנע בײַכל, לישײַעס אפן קאָפּ, טשעסאָטקע אָף די הענט. קיינער האָט די טשעסאָטקע פריִער ניט באמערקט, ווײַל זי איז צווישן די פינגער.

— ס'וועט דורכגיין, — האָט אים געטרייסט די דאָקטערשע. — ס'איז פון אויסגעצערטקײַט, וועסט טרינקען פיש־אייל... צוויי וואָכן וועסטו זײַן אין איזאָליאַטאָר...

עס האָט דער רעגן אופגעהערט...

אינעם איזאָליאַטאָר — א צימער מיט דרײַ בעטלעך — איז ארקע געווען אליין, די אנדערע צוויי בעטלעך האָבן געפּוסטעוועט. מע טראָגט אים ארײַן דאָס עסן, און אין אָוונט, פארן שלאָפן גיין, שמירט מען אים אויס דעם קאָפּ מיט א שווארצער, געפערלעך שמעקנדיקער שמירעכץ, די הענט וואשט ער מיט גרינער זייף — „זעליאָנקע".

עס זאָל אים ניט זײַן אומעטיק, האָט דער לערער שימען אים געגעבן א העפט מיט א בלײַער, ער זאָל מאָלן, און הילצערנע קוביקעס, ער זאָל בויען. וואָס קאָן מען דען ניט אויסבויען פון קוביקעס? ער האָט זיי נאָר ווינציק, ווען ער זאָל האָבן א מעסער און א ברעטל, וואָלט ער אויסגעשניצט נאָך העלצלעך. ארקע האָט ליב צו שניצן, נאָר קיין מעסער גיט מען אים ניט, מע האָט מוירע, אז ער וועט זיך צעשנײַדן.

ריווקעלע איז צוגעגאנגען צום פענצטער, ארקע האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט, זי זאָל ארײַנגיין אינווייניק. ריווקעלע האָט זיך ארײַנגעגאנוועט.

— אָף איין ווײַלע, — איז זי געבליבן שטיין בא דער טיר, — איך האָב מוירע זיך אָנצושטעקן. אך, ווי דו שמעקסט ניט גוט.

— איך שמעק זייער גוט, — האָט ארקע זיך באליידיקט. — ווילסט, וועל איך דיך אויך אָנשמירן?

— האָסט א סאך?

— איך האָב, — ארקע נעמט ארויס פונעם ווײַסן קעסטעלע, וואָס הענגט אָף דער וואנט בא דער טיר, א גאנצן אויצער גרינע זייף און נעמט זיך אויסשמירן מיט אים. דער גרינער ארקע געפעלט ריווקעלען, זי לאכט, זי קוויקט זיך, זי נעמט אויך א ביסל זייף אָף א פינגער און טוט א פיר מיט דעם איבער איר באק.

— נאָך, — אייצעט איר ארקע. — שמיר אָן די ליפּן.

— ניין, די ליפּן וויל איך ניט.

— פארוואָס ווילסטו ניט? — וווּנדערט זיך ארקע. — האָסט מוירע?

ריווקעלע האלט ניט אויס דעם ניסאָיען און שמירט זיך אָן די ליפּן, זי פארקרימט זיך פונעם ביטערן טאם, וואָס זי דערפילט אָף זיי, וויל אָפּווישן, און די ביטערקײַט קריכט נאָך מער אין מויל ארײַן.

— פו, פו, — שפּײַט זי.

— גײ, וואַש זיך אײַן, — זאָגט צו איר אַרקע, — און קום ווידער. ברענג מיר אַ מעסער.

— אַ מעסער? אױף וואָס דאַרפסטו אַ מעסער? — שטעלט אָן אױף אים ריווקעלע אירע גרויסע אויגן.

— איך דאַרף.

— ווילסט זיך שטעכן? אַזוי שלעכט איז דאָ? — פרעגט ריווקעלע מיט ראַכמאָנעס.

— ברענג מיר אַ מעסער מיט אַ ברעטל. איך וועל אויסבויען אַ גרויסן טורעם.

— אַ ברעטל וועל איך קריגן, — זאָגט ריווקעלע צו, — נאָר אַ מעסער... — קווענקלט זי זיך. — ווו וועל איך עס נעמען?

ריווקעלע אַנטלויפט, און אַרקע זעט דורכן פענצטער, ווי אַ סאַך קינדער לויפן איר נאָך. צווישן זײ זײַנען געוויס פאַראַן באַלאָנים, וואָס וואָלטן אויך װעלן זיך אויסשמירן. אַרקע זעט אויך, ווי עס כאַפּט ריווקעלען פאַר אַ האַנט די מומע דינע און פירט זי אַוועק, מיסטאַמע צו דער מומע ליובע, און בײדע װעלן איר געבן דעם עמעסן פּסאַק.

אין אָוונט האָט אַרקע געהאַט אַן אַנדער גאַסט בײַ זיך, אַ מער געהויבענעם. די מומע כאַנע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אױפן בענקל לעבן אַרקעס בעטל און ניט געאײַלט זיך אַוועקצוגײן. זי האָט ניט מוירע אָנצושטעקן זיך פון אים. בײַ איר איז אַזאַ געדיכטער וואַלד האָר אױפן קאָפּ, אַז די לישײַעס װעלן אַהין ניט קאָנען אַרײַנקריכן. אַזוי מײנט אַרקע.

— עס איז דיר דאָ אומעטיק? — האָט זי אים געפרעגט. — אויב דו ווילסט, וועל איך דיר עפּעס דערצײלן...

די מומע כאַנע רעדט אַזוי גוט, אַזוי שײן, אַז אַרקע איז גרייט הערן און הערן. זי האָט גענומען אויסמאָלן, ווי אַזוי עס וועט זײַן אין אַ סאַך יאָרן אַרום, ווען אַרקע און אַלע אַנדערע קינדער, וואָס לעבן איצט אין קינדערהײמס, װעלן שוין זײַן דערוואַקסענע, גרויסע מענטשן און זי, די מומע כאַנע, וועט דאַן זײַן גאָר אַן אַלטיטשקע, נאָר זי וועט נאָך אַלץ זײַן אַ דערציִערן...

— שטעל זיך פאָר, — דערצײלט זי, — איך גײ אַזוי מיט מײַנע קינדערלעך שפּאַצירן, כ׳פיר זײ צום יאַם, און זע פּלוצעם — עס פאָרט דורך אַ פאַעטאָן. און װער מײנסטו זיצט דאָרטן? דו זיצסט, אַרקע כאַיִט, אַ מיטליאָריקער מאַן, אַ דיקלעכער, אין אַ בלויען קאָסטיום. דו באַגריסט זיך מיט מיר פונדערווײַטנס, טוסט נאָר אַ שאָקל צו מיר מיטן קאָפּ.

אַרקען איז זײער געפעלן, וואָס ער פאָרט אױף אַ פאַעטאָן און וואָס ער איז שוין אַ מיטליאָריקער דיקער מאַנצבל. ער קאָן נאָר ניט פאַרשטײן, פאַרוואָס דאַרף ער זיך באַגריסן מיט דער מומע כאַנע פונדערווײַטנס. ער קאָן דאָך זײער גרינג אַראָפּשפּרינגען פון דער דראָזשקע און צוגײן צו איר און זי בעטן, זי זאָל ניט גײן צופוס, נאָר זיך אַרײַנזעצן און פאָרן מיט אים.

— נײן, וועסט קײן צײַט ניט האָבן, — זאָגט זי, — עס קאָן זײַן אפילע, אַז דו וועסט פאַרבײַפאָרן אַזוי גיך, אַז דו וועסט מיך ניט באַמערקן...

— כ׳וועל באַמערקן! כ׳וועל באַמערקן! און כ׳וועל גלײַך אָפּשטעלן די פערד! — פאַרזיכערט זי אַרקע כאַיִט. ער האָט גרויס ראַכמאָנעס אױף דער מומע כאַנע.

און אָט מאָלט זי אויס אַ פרײלעך בילד:

— ווען איר וועט אוֹיסוואַקסן, וועלן קײן קינדערהײמען שוין ניט זײַן, ס׳וועלן ניט זײַן קײן יעסוימים, יעדעס קינד וועט האָבן אַן אײגענעם טאַטן און אַן אײגענע מאַמע. ס׳וועלן ניט זײַן קײן מילכאָמעס אױף דער וועלט, ס׳וועלן ניט זײַן קײן בעזשענצעס...

ווען אין איזאָליאַטאָר קומט אַרײַן דער לערער שימען און ער דערזעט די מומע כאַנע, לײַכט אוף אַ שמײכל אױף זײַן לאַנג, טונקל פּאָנעם. עס דוכט, אַז געקומען איז ער ניט צום כוילע אַרקען, נאָר צו איר, ער האָט זי געזוכט, און ער איז צופרידן, וואָס ער האָט זי געפונען.

— איר זײַט גאָר דאָ? — פרעגט ער אַ פרײלעך־פאַרכידעשטער און שטעלט זיך אַוועק לעבן איר בענקל אַזוי ווי אַ טרײַער דינער, וואָס האָט ליב צו שטײן, ווען די באַלעבאָסטע זיצט.

אָבער ווי עס זעט אויס, איז די מומע כאַנע גאָר ניט אַזוי שטאַרק דערפרײט פון דער באַגעגעניש.

— אַבי איר האָט מיך שוין געפונען, — זאָגט זי און הײבט זיך אוף אױף אַוועקצוגײן. — אין זאַל ברעכט מען, געוויס, די פּיאַנינע, אין די שלאָפצימערן גײט אַלץ כאַדאָראָם...

— און אין דער קלאַדאָווקע האָבן זיך אַרײַנגעגאַנוועט גאַנאָוים און שלעפּן אַלץ אַרויס... — גיט צו דער לערער שימען און לאַכט. בײַ די ווינקלען פון די ליפּן באַווײַזט זיך אפילע אַ ביסל שוים פון פאַרגעניגנדיקן געלעכטער, נאָר די מומע כאַנע טוט אפילע ניט קײן שמײכל, זי גײט אַרויס פונעם צימער און שענקט אים ניט אַ בליק. דער לערער שימען גײט אַרויס נאָך איר, און אַרקע הערט, ווי אין טונקעלן פירהויז רײדן זײ אַ ביסל זיך דורך, דער געשפּרעך צווישן זײ ענדיקט זיך דערמיט, וואָס די מומע כאַנע זאָגט הויך אױף אַ קאָל: „רעדט ניט קײן נאַרישקײַטן“.

זי איז אוועק, און דער לערער שימען האָט זיך אומגעקערט צוריק. די אויגן זײַנע האָבן פריילעך געגלאנצט, פונקט ווי אָקאָרשט האָט מען אים ניט געזאָגט, אז ער רעדט נארישקײַטן, נאָר געלויבט פאַר זײַן כאָכמע.

— איאָ, זי איז א גוטע, די מומע כאנע? — האָט ער געפרעגט בא ארקען.

— יע, — האָט ארקע געענטפערט.

— ניט יע, נאָר יאָ, — האָט אים דער לערער שימען פאריכט. — נאָר אויב דו ווילסט, איז זאָל זײַן יע, אבי ס'איז עמעס...

דער לערער שימען האָט ארקען דערציילט, ווער ס'איז געווען פערעץ, וואָס דער קינדער־היים טראָגט זײַן נאָמען.

— ס'איז געווען אזא גרויסער שרײַבער ייִצכאָק־לייבוש פערעץ. אינגיכן וועלן מיר אין זאָל אופהענגען זײַן פאָרטרעט, מיר האָבן א קליין בילדל זײַנס און מע מאכט פון דעם א גרויס בילד. פערעץ האָט געשריבן פאַר דערוואקסענע און פאַר קינדער.

עס האָט דער רעגן אופגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
רינען טײַכעלעך אין גאס,
רינען, רינען, רינען...

דער לערער שימען זינגט ניט, ער האָט ניט קיין שטים, נאָר ער ציט אויס די ווערטער און ס'קומט אויס אזוי, ווי ער וואָלט געזונגען. ווען ער זאָגט „רינען טײַכעלעך אין גאס", פירט ער מיט א האנט נידעריק, איבערן דיל, ווי ער וואָלט זיי געטריבן, די טײַכעלעך, און ארקען ווײַזט זיך אויס, אז ער זעט טאקע באשײַמפערלעך, ווי עס רעגנט אפן גאס, און ס'רינען וואסערלעך, און ער יאָגט איבער זיי א פאפירן שיפעלע, די פיס שווענקען זיך אין קאליוזשעס...

— און געשטאָרבן איז פערעץ, — דערציילט דער לערער שימען ווײַטער, — ווען ער איז געזעסן און געשריבן א נײַע ליד פאַר קינדער, פאַר אזעלכע בעזשענסקע קינדער, ווי דו. ער איז געזעסן באם שרײַבטיש אין דער שטאָט ווארשע, פאראן אזא גרויסע שטאָט — ווארשע, מיטאמאָל איז אים געוואָרן ניט גוט און אין איין אויגנבליק האָט בא אים געפלאצט דאָס הארץ. ער איז געשטאָרבן מיט דער פען אין דער האנט. — און געבוירן געוואָרן איז ער אין מײַ כוידעש, אינגיכן וועלן מיר מאכן אן אָוונט...

ארקע פארשטייט ניט, וויאזוי מען קאָן מאכן אן אָוונט. אן אָוונט מאכט מען דען? ער קומט אליין. די זון פארגייט, דער הימל ווערט אלץ טונקעלער, עס באווײַזט זיך די לעוואָנע, עס שיטן זיך אויס שטערן — דאן איז אָוונט.

— איך זע, אז דו ווייסט ניט, וואָס איך מיין, — האָט געזאָגט דער לערער שימען. — אן אָוונט הייסט, ווען מענטשן נעמען זיך צונויף און מע פארברענגט צוזאמען. מיר וועלן אויך זיך צונויפנעמען, די לערער מיט די קינדער, און מיר וועלן אײַנלאדן געסט. איך וועל דער־ציילן וועגן פערעצן, דער כאָר וועט זינגען לידער. נאָר איך דארף נאָך, אז עמעצער זאָל ארויסטרעטן סאָלאָ.

דער לערער שימען דערמאָנט זיך נאָכאמאָל, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און ער דער־קלערט:

— ארויסטרעטן סאָלאָ הייסט, ווען מע טרעט ארויס ניט מיט נאָך עמעצן, נאָר באזונ־דער, אליין. מע הייבט זיך אוף אף דער בינע און איינער אליין, אָן קיינעם ניט, טרעט מען ארויס. מע זאָגט עפעס, מע זינגט אויס א ליד, מע לייענט דורך אויסווייניק א געדיכט אָדער עפעס א מײַסעלע. דו וואָלסט עס אויך געקענט... שטעל זיך פאָר, דו רעדסט, דו טרעטסט ארויס, און דער אוילעם זיצט און הערט, און גאפט...

בא ארקען פאלט ארויס דאָס הארץ שוין נאָר פונעם געדאנק אליין, אז עס וועט אים קאָנען אויסקומען ארויסטרעטן פאַר אן אוילעם. דאָס וואָרט „אוילעם" האָט זיך אײַנגעקריצט אין ייִנגלשן זיקאָרן, ווי עפעס זייער שלעכטס און בייזס, פאַר וואָס מע דארף זיך זייער שטארק היטן. ווען ער האָט נאָך געלעבט אין דער היים, מיט טאטע־מאמע, מיט די ברידער און שווע־סטער, האָט אים איינמאָל דער עלטערער ברודער יאָסקע געלייענט א מײַסע־ביכל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אזעלכע ווערטער: „דער אוילעם האָט צעעפנט די מײַלער און אָנגעשפיצט די אויערן". די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאכט אף ארקען א מוירעדיקן אײַנדרוק. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם אוילעם, ווי א פילקעפיקע כײַע, מיט א סאך מײַלער, וואָס ווילן אים אײַנשלינגען. די אויערן זײַנען בא דער מעשונעדיקער כײַע אָנגעשפיצט, קעדיי צו דערהערן דעם מינדסטן ריר, וואָס ארקע וויל מאכן צו ראטעווען זיך פון איר און אנטלויפן.

— איך וויל ניט אַרויסטרעטן פֿאַר... פֿאַר אַן אוילעם, — האָט אַרקע גענומען בעטן, מע זאָל אים לאָזן צורי.

— פֿאַרוואָס, נאַרעלע, ווילסטו ניט, וואָס האָסטו מוירע? — האָט אים אײַנגערעדט דער לערער שימען. — ביז ס׳וועט פֿאָרקומען דער אָוונט, איז נאָך דאָ גענוג צײַט... דו וועסט זיך אויסהיילן, מע וועט דיך אַרויסלאָזן פֿון איזאָליאַטאָר, לאַנג וועט מען דיך דאָ ניט האַלטן... און דערווײַל וועל איך אַרײַנקומען צו דיר, אַמאָל וועט אַרײַנגיין די מומע כאַנע, און מיר וועלן אויסלערנען מיט דיר פֿערעצעס אַ ליד. אָדער עפּשער וועסטו אַליין צוטראַכטן אַ לידל? דאַן וועסטו גאָר זײַן אַ יאַט — אַ כוואַט...

— נו, נו, — האָט אים באַרויִקט דער לערער שימען, זעענדיק, אַז דער כעווערעמאַן איז געוואָרן בלאַס און די אויגן זײַנען בײַ אים פֿול מיט טרערן. — אויב דו ווילסט ניט, איז ניט...

אין דער שטילקייַט פֿון איזאָליאַטאָר האָט אַרקע כאָיִט געשאַפֿן זײַן ערשט „ווערק״ — אַ ליד, געווידמעט פֿערעצן. די ערשטע דרײַ שורעס פֿונעם לידל זײַנען געווען אַזעלכע:

דו ביסט געשטאָרבן, ווי אַ העלד,
און קינדער, בעזשענצעס, אויפֿן גרינעם פֿעלד
זינגען דײַנע לידער.

ווי בײַ יעדן מעכאַבער, דעם גרעסטן און דעם קלענסטן, האָט זיך בײַ אַרקען טייקעף באַוויזן דאָס ווערעמל, וואָס הייסט שרײַבערישע אייגנליבע, ערנגײַץ. צוויי פֿאַרלאַנגען האָבן זיך געראַנגלט אין זײַן קינדערשער נעשאָמע און מויעך. איין פֿאַרלאַנג — קיינעם ניט אויסזאָגן, קיינער זאָל אַפֿילע זיך ניט אָנשטויסן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד. אַ צווייטער פֿאַרלאַנג — יאָ אויסזאָגן און זאָל מען זען, אויף וואָס אַזאַ אַרקע כאָיִט איז פֿײַיִק.

נאָך אַ טאָג קווענקלעניש האָט אַרקע ניט אויסגעהאַלטן און איבערגעלייענט זײַן ליד דעם לערער שימען, און דער לערער שימען איז געווען אַזוי אַנציקט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז אַרקע מוז עס איבערלייענען אויך פֿאַר דער מומע כאַנע. דערנאָך האָבן ביידע — דער לערער שימען און די מומע כאַנע אײַנגעטײַנעט מיט אַרקען, אַז ער דאַרף מיט דער ליד אַרויסטרעטן אויפֿן אָוונט.

— ס׳איז גוט, ס׳איז זייער גוט...

— ס׳וועט בײַ אַלעמען אויסנעמען... — האָבן זיי אים אונטערגעמוטיקט, און אַזוי ווי מע וואַרפֿט זיך אין אַן אָפּגרונט, האָט אַרקע געגעבן זײַן האַסקאָמע אַרויסצוטרעטן.

אינעם גרעסטן און שענסטן צימער פֿונעם קינדערהיים האָט מען אויפֿגעהאַנגען אין אַ שיינער ראַם פֿערעצעס פּאָרטרעט. ער האָט אַראָפּגעשײַנט פֿון דער וואַנט, בײַ וועלכער עס שטייט דער ראָיאַל; דאָס שוואַרצע פּאָלירטע דעקל פֿון ראָיאַל האָט אָפּגעשפּיגלט פֿערעצעס גרויסן קאָפּ מיט די געדיכטע האָר, פֿאַרקעמטע אַרויפֿצו, דעם ברייטן שטערן, די לאַנגע ברעמען איבער די ברייט־צעעפֿנטע קײַלעכיקע אויגן, און די וואָנצעס, וואָס פֿאַרדעקן ניט נאָר די אייבערשטע ליפּ, נאָר פֿאַרשטעלן אויך גאַנץ היפּש די אונטערשטע ליפּ. קיין היטל טראָגט ער ניט, און קיין באָרד האָט ער אויך ניט, דערפֿון האָט אַרקע אַרויסגעדרונגען, אַז קיין שטאַרק פֿרומער איז פֿערעץ ניט געווען.

אינעם פֿאָדערשטן ווינקל פֿון זאַל, בײַ דער וואַנט מיט פֿערעצעס פּאָרטרעט, האָט מען געמאַכט אַ גאַנצן געבײַ — אַוועקגעשטעלט נידעריקע סטויפּטשיקעס און אַרויפֿגעקלאַפּט אויף זיי ברעטער. דער לערער שימען רופֿט עס אָן „בינע״. אינעם אַנדערן, גרעסערן טייל פֿון זאַל, האָט מען אויסגעשטעלט אַ סאַך בענק. אין אָוונט האָבן אויף די בענק זיך אַוועקגעזעצט די קינדער פֿון פֿערעץ־הויז און אויך פֿרעמדע קינדער — די לעקערטאָווצעס.

דער לערער שימען, אין אַ נײַ רעקל, אַ ריין־אָפּגעגאָלטער, אַ פֿאַרטאָגענער און פֿאַרהאַוועטער אין אַרײַנבערענגען דעם יאָמטעוו, אין „מאַכן דעם אָוונט״, האָט געשלעפּט די „אַרטיסטן״ זײַנע אין אַ זײַטיק צימערל, פֿונוואַנען זיי וועלן דאַרפֿן אַרויסגיין אויף דער בינע. בײַ אַרקען האָט געגרוילט און געשווידערט דאָס לײַב. אין דער לעצטער מינוט פֿאַר זײַן אַרויסטרעטונג האָט ער געהאַט נאָר איין אויסוועג — אַנטלויפֿן, פֿאַרשווינדן, האָט אָבער די אייַציקע טיר פֿון צימערל געפֿירט נאָר אין זאַל, צו דער בינע. דער לערער שימען האָט אַרקען לײַכט אַ שטופּ געטאָן, און אָט שטייט שוין דער אַרטיסט אויף די ברעטער, ער דאַרף אָנהייבן און קען ניט.

— הייב אָן! — שעפּטשעט צו אים דער לערער שימען, וואָס האָט שוין געמאָלדן דעם אוילעם, אַז עס טרעט אַרויס מיט זײַן אייגענעם שיר אַריע כאָיִט, אָבער בײַ אַרקען האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער שטייט און שווײַגט.

— הייב אָן! עס וועט זײַן גוט! — מונטערט אים אין דער שטיל דער לערער שימען. — נעענטער צום זאַל! נעענטער צום אוילעם, מע זאָל בעסער הערן! — זאָגט ער אים אונטער, און ארקע שטייט אלץ, ווי א צוגעשמידטער צו דער ברעט, און שטומט.

— הייב זשע אָן — צישעט דער לערער שימען, וואָס האָט שוין פארלאָרן דעם געדולד.

דו ביסט געשטאָרבן, ווי א העלד,
און דײַנע קינדער אפן גרינעם פעלד
זינגען דײַנע לידער...

די דרײַ שורעלעך האָט ארקע ארויסגעשטויסן פונעם האלדז הילכיק, קוויטשיק, אזוי ווי עס שיסט אויס א קאָרעק, וואָס איז געווען גוט פארפראָבקעוועט אין פלעשל. מער האָט ארקע ניט אויסגעהאלטן דעם ניסאָיען, ער איז אראָפּגעשפרונגען פון די ברעטער גלײַך אין זאַל ארײַן און געלאָזט זיך לויפן. ער האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן זאַל, אזוי ווי א צעהיצט פערדל, וואָס פליט אראָפּ־בארג. דער זאַל האָט געלאכט. עס האָט געדונערט א געלעכטער. און עפשער האָט גאָרניט אזוי געדונערט, ווי ס'האָט זיך ארקען אויסגעוויזן. ער איז ארײַנגעלאָפן אין שלאָפצימער, אײַנגעגנורעט דעם קאָפּ אין קישן. אין די אויערן האָט אלץ געקלונגען דאָס געלעכטער.

ער איז געווען זיכער, אז פאר אזא מאַפּאָלע, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַט, וועט מען אים ווידער אָפּשיקן אין איזאָליאַטאָר, אָדער אינגאנצן ארויסטרײַבן פון קינדערהיים, אוועקנעמען אין „קאָלעקטאָר", ווו ס'איז זייער שלעכט. ארקע איז געווען דאָרטן און ער ווייסט... א באזונדער געלעכטערל, א כיכיקערײַ האָט גערוישט אין יעדע אויערן — ריווקעלעס כיכיקערײַ, ריווקעלעס געלעכטערל. זי לאכט ניט, זי פארגייט זיך, עס בולקעט דאָס געלעכטערל בא איר אין האלדז.

באלד וועלן ארײַנקומען די ייִנגלעך אין שלאָפצימער און מע וועט נעמען כויזעקן פון אים. ער מוז אנטלויפן, אײדער זיי האָבן זיך נאָך באוויזן. ער וועט אנטלויפן צו דער שוועסטער, ניין, בעסער צום יאַם, ער וועט אויסבאהאלטן זיך דאָרטן אפן ברעג, ארײַנקריכן איבערנעכטיקן אין א שיפל... מע וועט אים זוכן. דער לערער שימען וועט צו אלעמען האָבן א טײַנע: „אָט צו וואָס עס האָט דערפירט אײַער געלעכטער"...

ארקע הייבט אוף דעם קאָפּ פונעם קישן, ער טוט א קוק ארום זיך אין שלאָפצימער, אף די פארבעטע געלעגערס, אף די בעשוטפעסדיקע טומבאָטשקעס — זײַן שוטעף איז יעכיעל — א גראָבטשינק ייִנגעלע, וואָס ווי נאָר ער וויל עסן, אזוי נעמט ער וויינען. איצט וועט אפילע יעכיעל, דער שטענדיקער וויינער, אויך לאכן פון אים... אוואַדע דאַרף ער אנטלויפן, נאָר דער שווערער קאָפּ פאלט ווידער אוועק אפן קישן.

אין א ביטערן געמיט איז ארקע אנשלאָפן געוואָרן, און אין שלאָף איז אים געוואָרן גוט. ער איז בא זיך אין שטוב, אין דער היים. ער זיצט לעבן דער מאַמען, און דער טאַטע שטייט אָנגעבויגן באַם טיש, ער בינדט אײַן אן אלטע צעפליקטע געמאָרע. ארקע טוט א פיר מיטן פענדזל איבערן רוקן פונעם אײַנבונד, א שמיר ארוף אף אים א סאך פאַפּ, אָבער דער טאַטע שרײַט ניט, בייזערט זיך ניט, פארקערט, עס געפעלט אים די שטיפערײַ. מיטאַמאָל קומט ארײַן אין שטוב א מענטש מיט א גרויסן קאָפּ, גרויסע קײַלעכיקע אויגן און גרויסע געדיכטע וואָנצעס. ער לייגט ארוף א ווייכע ווײַסע האנט אף ארקעס אן אקסל און פרעגט:

— דערקענסט מיך ניט?

...ווער ווייסט, עפשער איז אריע כאַיט געוואָרן א שרײַבער דערפאַר, ווײַל ער האָט זיך דערצויגן אין א קינדערהיים, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון י.־ל. פערעץ, און וואָס דאָס לידל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און וואָס האָט אים פארשאפט אזויפיל קינדערשע איבערלעבונגען, איז געווען געווידמעט דעם גרויסן ייִדישן קלאַסיקער?..

זאָלסט ניט גאַנווענען

דער לערער שימען איז אין קינדערהיים געווען א דערציִער און אין שול — א לערער. צו די שילער, וואָס לעבן אין קינדערהיים, איז ער געווען באזונדערס פילבאר, אויב עמעצער פון זיי האָט אָפּגעטאָן עפעס א שפיצל, האָט ער זיך באמיט צו געפינען פאר אים אוואָסער־ניט־איז זכוס, אז די שטראָף זאָל ניט זײַן קיין הארבע, אף די זיצונגען פון פעדאַגאָגישן ראַט האָט ער מיט די אנדערע לערער, זײַנע קאָלעגן, זייער אָפּט אײַנגעטײַנעט, אז די קינ־

דער פון קינדערהיים פֿאָדערן אָן איידעלן צוגאַנג צו זיך, זיי זײַנען טראַוומירטע, זיי זײַנען יעסוימים. אַ מאַמע טוט אַ געשריי, דערנאָך גיט זי אַ גלעט. אָבער ווער גלעט זיי? דער לערער שימען האָט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן דאָס וואָרט „פּריזיוטסקע“. אַז ער האָט געהערט, ווי עמעצער רופֿט אָן די קינדער „פּריזיוטסקע“, איז ער געוואָרן אופֿגעבראַכט און דערצאָרנט, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען דאָס שרעקלעכסטע און מיִעסטע וואָרט אויף דער וועלט, און ווי מע וואָלט אים פּערזענלעך דערמיט טיף באַליידיקט.

— ניטאָ בײַ אונדז קיין פּריזיוטן און ניטאָ קיין פּריזיוטסקע קינדער, — האָט ער געשריִען, און די אויגן זײַנע האָבן בײַ געפֿינקלט, — פּריזיוטן זײַנען געווען בײַם צאַרישן רעזשים, פֿאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. בײַ אונדז האָבן אַלע קינדער אַ היים.

אויף דער גרויסער האַפּסאָקע און אָפּטמאָל אויך אויף די קלײנע האַפּסאָקעס נעמען זיך די קינדער צום עסנוואַרג, וואָס זיי האָבן געבראַכט פֿון דער היים, נאָר זעקס שילער אין דער גרופּע, וואָס זײַנען פֿון קינדערהיים, עסן ניט, זיי האָבן ניט וואָס, זיי האָבן זייערס אָפּגע־פֿרישטיקט פֿאַרן אַוועקגיין אין שול. איצט וועלן זיי עסן, ווען זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים, אין קינדערהויז.

אַרקע זיצט אויף איין פּאַרטע מיט מאָטקען, און מאָטקעלע איז אַ ייִנגל, וואָס קאָן ניט צוזען, ווי יענער עסט, בײַס ער אַליין וויל אויך עסן. ער בײַסט מיט די ציין די אונטערשטע ליפּ, קנײטשט די נאָז, מאַכט פּיסקעס, אָט־אָט וועט ער זיך צעוויינען. אויף דער פֿאָדערשטער פּאַרטע זיצט ביילקע — אַ מיידעלע מיט אַ סאַך קלײַנע אויפֿן קײַלעכיקן פּנעמל, און אַליין איז ביילקע אויך עפּעס אַזאַ ווי אַ קלײַענדיקע, אַ פּולינקע, אַ זאַטע, אַ לאַכערקע און אַן עסערקע — צוויי מײַלעס, וואָס שאַטן ניט צום געזונט.

געוויינלעך, הייבט ביילקע אָן שטילינקערהייט איר פֿרישטיק. ביז עס גייט נאָך דער לימעד, אַ מינוט צען צי מער פֿאַרן גלעקל, בייגט זי שוין אַלץ אָפּטער דעם קאָפּ מיט די שיינע צעפּלעך און מיט די באַנטיקעס נידעריק אַראָפּ־צו צו דער פֿאָדלאָגע, און די הענט אירע רוקט זי אינוויייניק אין דער פּאַרטע, זי טשיפּעט דאָרט בלינדערהייט אַרום דאָס פֿאַר־מעגן, וואָס זי האָט דאָרטן. יעדעס מאָל טוט זי אַ קנײַפּ אָפּ אַ שטיקל פֿון דער פֿראַנצזאָלקע, וואָס איז אײַנגעשניטן אינמיטן און ס׳איז דאָרטן אַרײַנגעלייגט אַ קאָטלעט, אָדער אַ ריפּטל וווּרשט, פֿון וועלכן עס שמעקט שטאַרק מיט קנאָבל. זי הייבט אויף אויף אַ רעגע דעם קאָפּ אַ קוק צו געבן, צי דער לערער זעט ניט, דערנאָך בייגט זי זיך ווידער אָן און שלינגט אַראָפּ דעם געשמאַקן ביסן.

אין איינעם אַ טאָג, ווען אַרקע איז געווען דעזשורנע אין קלאַס, די קינדער זײַנען אויף דער האַפּסאָקע אַרויס אין קאָרידאָר, און נאָר ער איינער איז געבליבן אַ באַשעפּטיקטער מיט זײַן דעזשורנע־אַרבעט — עפֿענען די פֿאָרטקע, אויסווישן דעם טאָוול, צוקערן די פֿאָד־לאָגע, איז אַרײַנגעלאָפֿן מאָטקע, אַ ראַיע זיך געטאָן אין זײַן פּאַרטע, דערנאָך האָט ער פֿאַר־בלאָנדזשעט און אַרײַנגערוקט די הענט אין ביילקעלעס פּאַרטע.

— וואָס טוסטו? וואָס קריכסטו צו פֿרעמדע? — איז אַרקע צוגעלאָפֿן צו אים.

— גאָרניט... און ניט דײַן דײַגע... — איין האַנט האָט מאָטקע געהאַלטן אין דער אָפּ־שטאַרצנדיקער קעשענע פֿון די הויזן און מיט דער צווייטער האָט ער געמאַכט אַ פֿויסט.

— און איך זאָג דיר, לייג אַוועק, וואָס דו האָסט גענומען! — איז אַרקע געוואָרן אופּ־געבראַכט.

— נאַ דיר, אויב דו ווילסט! — מאָטקע האָט באַוויזן אַ פֿײַג און אַרויסגעלאָפֿן פֿון קלאַס. ווען עס איז געווען דער קלונג, איז ער אַרײַן אויפֿן לימעד אַ שטילינקער, אַ צופֿרידענער. פֿון זײַן מויל האָט געשמעקט מיט קנאָבל.

בייסן לימעד האָט ביילקעלע אײַנגעבויגן זיך צו נעמען אין מויל אַרײַן עפּעס־וואָס פֿונעם אויצער, וואָס איז נאָך בײַ איר געבליבן. צוערשט האָט זי אַרײַנגעשטעקט די רעכטע האַנט טיפֿער אין דער פּאַרטע, דערנאָך איז געקומען צוהילף אויך די לינקע. ביידע הענט האָבן גענישטערט אַזוי לאַנג, ביז ביילקע האָט באַשלאָסן, אַז זי האָט שוין אַלץ אויפֿגעגעסן פֿריִער און זי האָט זיך באַרויִקט. באַאומרויִקט איז זי געוואָרן ניט אויף אַ קאַטאָוועס, ווען אויף מאָרגן האָט זי ווידער ניט געפֿונען איר שפּײַז. מאָטקען איז געפֿעלן געוואָרן, וואָס פֿאַריקן מאָל איז אים גלאַט אַראָפּ דער אייסעק, און ער האָט ווידער איבערגעכאַזערט דעם זעלבן קונץ. אָן איבעראַשטע, האָט ביילקעלע צוערשט עפּעס אַ מורמל געטאָן מיט די גראָבינקע ליפּן צו זיך אַליין, דערנאָך האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן צו איר שכיינע, פֿייגעלען, מיט וועלכער זי זיצט צוזאַמען אויף דער פּאַרטע. ביידע מיידלעך האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און אַ קוק געטאָן אויף הינטן — אויף אַרקען און מאָטקען. אַרקען האָט אויסגעדוכט, אַז זיי קוקן נאָר אויף אים.

באם לערער שימען איז אף די לימודים שטענדיק טומלדיק, ער רעדט און עס ריידן די שילער, אוןביידע צדדים האָבן ניט איינער צום אנדערן קיין גרויסע טענות. היינט איז דער לערער שימען אומגעגאנגען איבערן קלאס פון איין פארטע צו דער צווייטער און דעקלאמירט א ליד, באזונדערס האָט ער אויסגעטיילט צוויי שורעס:

די בלעטער טראָגן זיך
און ווייזן א וועג דעם ווינט.

— וואָס הייסט דאָס? — איז ער געבליבן שטיין אינמיטן קלאס און געפרעגט בא אלע־מען. — וויאזוי קאָנען בלעטער ווייזן א וועג דעם ווינט?

און דער בעסטער טאלמיד, שלוימעלע, האָט מיט א פריילעך הילכיק קוויטשיקל געענט־פערט פאר אלעמען:

— דאָס הייסט, אז דער ווינט טרייבט די בלעטער און זיי טראָגן זיך פאָרויס, קומט אויס, אז זיי ווייזן א וועג דעם ווינט.

— זייער גוט, ריכטיק! — איז געווען אנציקט דער לערער שימען, וואָס שלוימעלע ווייסט. — נו, און וואָס שווייגט איר? זאָגט מיר אויך, וועגן וואָס איר שעפטשעט זיך ביידע די גאנצע צייט? — ער איז צוגעגאנגען צו ביילקען און פייגעלען און געוואָרט אף אן ענטפער.

— גאָרניט... — האָט פייגעלע געזאָגט. — נאָר בא איר, — זי האָט אָנגעוויזן אף ביילקען, — האָט מען צוגעשלעפט איר פרישטיק.

— און נעכטן אויך, — האָט ביילקעלע שיר זיך ניט צעוויינט.

עס איז געווען טשיקאווע, וואָס בא ביילקען שלעפט מען צו שוין דעם צווייטן טאָג נאָכאנאנד איר עסנווארג. ווער קאָן דאָס זיין, ווער איז דער גאנעוו? דער קינדערשער אוילעם האָט זיך געשושקעט און זיך דורכגערעדט און מע איז, ווייזט אויס, געקומען צו דער מיי־נונג, אז דאָס האָט אָפגעטאָן עמעצער פון דער פארטע, וואָס זיצט הינטער ביילקען, און ס׳קאָן זייער זיין, דאָס איז עפשער גיכער פון אלץ — ביידע צוזאמען. מאָטעלע האָט זיך געמאכט ניט ווויסנדיק, ער האָט מיט האסמאָדנע אריינגעקוקט אין דער כרעסטאָמאטיע, ווו ס׳איז געווען געדרוקט די ליד וועגן די בלעטער, וואָס ווייזן א וועג דעם ווינט, און נאָר די בלעטער און דער ווינט האָבן אים איצט אינטערעסירט. ס׳איז געווען צו זען, אז אויב עס פארדריסט אים עפעס, איז נאָר דאָס, וואָס מע טומלט און מע לאָזט ניט לערנען.

ארקע איז געווען בלאַס, עס האָט אים אזש געפרעסטלט, ער האָט אריינגענומען דעם קאָפּ אין די פלייצעס, געזעסן איינגעקאָרטשעט, ער האָט מוירע געהאט א קוק טאָן אפן לערער, אף עמעצן פון די שילער, באגעגענען זיך מיט זייערן א בליק. ער איז געווען זיכער, אז אלע, דורכויס אלע, מיינען נאָר אף אים, האלטן אים פארן גאנעוו. ארקע האָט אָנגעדריקט מיטן פוס מאָטקעס פוס, און ווען א פוס וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלטן אלע געהערט, ווי ארקעס פוס רעדט, ווי ארקעס פוס בעט, פאָדערט: נו, זאָג זשע, הייב זיך אוף און זיי זיך מוידע, אניט מיינט מען דאָך אף מיר! כ׳ווייס אליין ניט, וואָס איך וועל דאָ באלד מיט דיר מאכן. אויב דו וועסט טייקעף ניט זאָגן. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן די דריקעניש, די שטומע ריידעניש. מאָטקע האָט א בריקעווע אָפּ געטאָן מיט זיין פוס ארקעס פוס און נאָך מיטן עלנבויגן א גוטן שטויס געטאָן אים אין דער זייט.

— אף דער האפסאָקע וועסטו מיט מיר ארויס אין הויף, — האָט ארקע צווישן די ציין ארויסגעמורמלט צו מאָטקען.

— מיר וועלן זיך שלאָגן? — האָט מאָטקע, ווי מע וואָלט אים אָנגעזאָגט די בעסטע נייס, האסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו ארקען. — גוט, גלייך נאָכן קלונג, גייען מיר, — איז ער זייער גערן מאסקים געווען. — איך וועל מאכן פון דיר א מאָטשינקע!

דער לערער שימען האָט פארשטאנען, אז מע איז כוישעד די קינדער פון קינדערהיים, איז ער צוערשט געוואָרן שטארק אופגעטראָגן פונעם מיעסן כשאַד, נאָר דערנאָך האָט דאָס אים אריינגעבראכט אין א גרויסער פארלעגנהייט. ער האָט א טראכט געטאָן, אז פארוואָס ניט, פארוואָס קאָן זיך ניט מאכן, אז עמעצער פון די געוועזענע פארוואָרלאָזטע קינדער זאָל ניט אָפּטאָן אזא שפיצל?

— עס איז ניט פיין, — האָט דער לערער שימען געזאָגט, — נאָר עפשער האָסטו, בייל־קע, אופגעגעסן און פארגעסן?.. ס׳טרעפט אזעלכעס...

— איך האָב ניט פארגעסן...

— עפשער האָסטו דעם פרישטיק איבערגעלאָזן אין דער היים, צי די מאמע האָט פאר־געסן ארייַנלייגן אין רענצל?

— ניין, איך לאָז קיינמאָל ניט איבער דעם פרישטיק און די מאַמע פאַרגעסט ניט,— האָט ביילקעלע ניט נאָכגעגעבן.

— נו, קיין גרויסער אומגליק איז ניט געשען, נאָר זאָל דער, וועד עס האָט גענומען, זיך מוידע זײַן,— האָט דער לערער שימען זיך געווענדט צו אַלע קינדער.— מיר וועלן אים מויכל זײַן מיטן טנײַ, אַז ער וועט מער אַזעלכעס ניט טאָן.

אַלע האָבן געשוויגן.

— ווײַבאַלד מע שווײַגט, האָט מיסטאַמע קיינער ניט גענומען,— האָט דער לערער שי־מען געפּאַסקנט, און, דוכט זיך, ער אַליין איז געווען צופרידן, וואָס קיינער איז זיך ניט מוידע געווען.

— שלוימע האַמעלעכס קלוגער מישפּעט, שלוימע האַמעלעך וואָלט אויך קליגער ניט געפּאַסקנט,— האָט געזאָגט שלוימעלע, דער בעסטער טאַלמיד, וואָס איז מער פון אַלעמען אַנגעלייענט און ער ווייסט אַלץ, אַפילו וועגן שלוימע האַמעלעכס מישפּעט.

דער געשלעג צווישן אַרקען און מאָטקען וואָלט שוין געקאָנט ניט זײַן, ווײַל לויט דעם, ווי דער לערער שימען האָט גערעדט און דער גאַנצער קלאַס איז געווען מיט אים מאַסקים, איז אויסגעקומען, אַז די זינד איז גאָרניט אַזוי גרויס און אַז מע איז גרייט מויכל זײַן דעם, וועד עס האָט געלאַקכנט... אָבער גלײַך נאָכן קלונג זײַנען ביידע אַרויס אין הויף און דאָרטן, אין אַ ווינקל, אַנידערגעשטעלט זיך, ווי די הענדלעך, איינער אַנטקעגן אַנדערן. אַרום זיי זײַנען געשטאַנען קינדער, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, עס זאָל זיך „אָנהייבן".

אַף אַרקען האָט געציטערט די הויט. ער איז אַ קליינער שלעגער.

— הייב אָן!— האָט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַרויסגערעדט.

— הייב דו אָן!— האָט מאָטקעלע זיך ניט געאײַלט.

די יינגלעך האָבן ניט געפילט קיין קאַס און בייזקײַט איינער צום צווייטן, אָבער שלאָגן זיך, ווײַבאַלד מע איז שוין אַרויס אין הויף, האָט מען געדאַרפט, און קעדיי אונטערגעבן היץ און אָנצינדן איינער דעם אַנדערן, האָט מען גענומען אויסטוישן זיך מיט ליבע־ווערטער:

— ניוזעק!

— פּרעסער!

— אונטערלעקער!

— טעמפּער קאָפּ!

וואָס ווײַטער זײַנען אָנגעגאַנגען אַלץ שאַרפערע דיבורים.

— איך וועל באַלד פון דיר מאַכן צוויי הויקערס, אַז מע וועט דיך ניט דערקענען.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען!

— ציטערסט דאָך פאַר מיר!

— איך ציטער?

— טשעסאָטאָטשניק! טשאַכאָטאָטשניק!

— גאַנעווו!

דאָס לעצטע, שרעקלעכסטע וואָרט — „גאַנעוו" — איז געוואָרן אַרויסגעבראַכט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן. מאָטקע האָט געגעבן אַ שטופּ אַרקען, יענער האָט צוריק געגעבן אַ שטופּ און די ביידע כעווערלײַט האָבן אָנגעהויבן געבן איינער דעם צווייטן סטוסאַקעס. עס רינט שוין בלוט פון אַרקעס נאָז און בא מאָטקען איז צעדראַפּעט דאָס פּאַנעם.

— קאָנסט זיך דאָך ניט שלאָגן. דראַפּעסט, ווי אַ מיידל. האָסט שוין ווידער אַ דראַפּע געטאָן באַם אויגז.. איז אָט האָסטו, אָט ווי מע דאַרף!— און מאָטקע קלאַמערט אײַן מיט ביידע הענט זײַן קעגנער, טוט אים אַ שלײַדער אַף דער ערד און ערשט דאַן נעמט ער אים גוט בייקערן.

— אַ ליגנדיקן שלאָגט מען ניט!

— גענוג, ער ליגט שוין אַף ביידע לאָפּעטקעס!— שטעלן זיך אײַן די קינדער פאַר אַרקען, מע האָט אַף אים ראַכמאָנעס.

— איצטער זאָג, וועסט וועלן זיך שלאָגן מיט מיר? וועסט קריכן, ווו מע דאַרף ניט?— לאָזט מאָטקע אים אַלץ נאָך ניט אָפּ.

אַרקע שווײַגט. ער איז צעבײַלט און צענעריקט, די אויגן זײַנען פול מיט טרערן און אין האַלדז שטיקט. בא מאָטקען איז צעדראַפּעט דאָס גאַנצע פּאַנעם.

דער סאָף איז געווען אַן אומגעריכטער.

אַף מאָרגן און אין די קומענדיקע טעג האָט ביילקעלע, ווי זי וואָלט געהאַט גאַנצע אויצרעס אין איר פּאַרטע, אָפּט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַף הינטן, צו אַרקען און מאָטקען, און פאַרגעלייגט בישטיקע, דער לערער זאָל ניט באַמערקן, עפּעס פון אירע געשמאַקע זאַכן.

— נעמט, איך האָב א סאַך, איך וועל אלציינס אלץ ניט אופּעסן.
נאָר ארקע האָט קיינמאָל ניט געגומען בא איר, ווײַל ער שעמט זיך ביכלאל צו נעמען, ער נעמט בא קיינעם ניט, און אויך מאַטקע, וואָס נעמט בא אנדערע יאָ, האָט זיך פון אירע מאטאַנעס אָפּגעזאָגט.
גיי ווייס, פארוואָס?..

ערשטע געזעגעניש

א גרופּע קינדער, צווישן זיי אויך ארקע כאָיט, פאָרט אריבער קיין כארקאָוו, אין א נײַעם קינדערהיים. ארקע איז שוין היפּש אונטערגעוואקסן, ער איז שוין א גרויס באָכערל — אלט עלף יאָר.
צום לעצטן מאָל גייט מען זיך אויסבאָדן אין יאַם, און צום סאָף לאָזט מען די קינדער אָפּ געזעגענען זיך מיט די אייגענע. ארקע לויפט אוועק צו דער שוועסטער.
די שוועסטער, לייקע, וווינט איצט אָף דער איטאַליאַנסקע גאַס אין א גרויסן הויף, וווּ איין הויז קייטלט זיך אין אן אנדערן און צו יעדן הויז פירן דרײַ צי פיר הילצערנע טרעפּ־לעך. די שוועסטער האָט א קליינינטשקן צימער, וואָס גייט ארויס מיטן איינציקן פענצטער אנטקעגן א הויכער טויבער וואַנט. דער מעהאַלעך צווישן פענצטער און דער וואַנט איז ניט מער, ווי איין שפּאַן. מע דארף הויך פארײַסן דעם האַלדז ארופצו, קעדיי דורך דער שויב דערזען א פּאַסיקל הימל. אָבער אין צימער איז געמיטלעך. לייקע איז מעכאַבעד ארקען מיט טערנאָוווקעס — זיי זײַנען ווייכע און זיסע, די בלויע סאַמעטענע הײַטלעך זײַנען אויך זיסע, ווי האָניק, — פון אלע פּיירעס זײַנען טערנאָוווקעס די ווייכסטע און זיסטע — אזוי דוכט ארקען.
— פּארגעס ניט אויסשפּײַען די ביינדלעך, — דערמאָנט אים די שוועסטער. זי האָט האַנאָע, וואָס ארקע עסט, נאָר זעענדיק, ווי ער שלינגט נאָכאַנאַנד די פלוימלעך, אייצעט זי: — עפּשער וועט שוין זײַן גענוג, איך וועל דיר בעסער מיטגעבן אָפּן וועג.
לייקע האָט ארויסגענומען פונעם שאַפקעלע, וואָס שטייט צווישן טיש און איר בעט, א גרויסע אײַזערנע פּושקע, ווו עס ליגט די גאַנצע יערושע, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן איבער־געלאָזט.
דער מאַמעס יערושע: קנעפּ, זייער א סאַך פארשיידנפאַרביקע קנעפּ, צוויי פינגערוטן, דרײַ נאָדלען, ארײַנגעשטעקטע אין שפּולקעס, וואָס זייער נאַקעט הילצערן לײַב איז שיטער פּאַרדעקט מיט עטלעכע רינגעלעך פאָדעם. אָפּן דעק פון דער פּושקע, אײַנגעוויקלט אין א געוואַנטן שמאַטקעלע, ליגט דער מאַמעס טײַערסטע זאַך — איר קעדושן־פינגערל.
דעם טאַטנס יערושע: אלטע טפילן אין אָפּגעבליאַקעוועטע שיידלעך און מיט אויסגע־ריבענע רימענדלעך, עטלעכע פּאַרגרינטע מאַטבייעס, וואָס זײַנען ארויס פון געברויך, און א זייגער פון פירמע „מאָזער", וואָס האָט צוויי דעקלעך — דאָס ערשטע דעקל עפּנט זיך זייער גרינג, נאָר דאָס צווייטע, דאָס קלענערע, מוז מען עפענען מיט א מעסערל, דער אייסעק קומט אָן שווער, מיט מאַטערניש, דערפאַר, ווען ס'גיט זיך שוין אונטער, דאָס דעקל, טוט עס א שטילן קלונג און ס'שפּרינגט אוף, ווי א לעבעדיקס, דאַן אנטפּלעקט זיך פאַר די אויגן א שיינקײַט, מאַמעש באַצויבערט צו ווערן: די רעדעלעך און שרײַפעלעך פינקלען און זיל־בערן. דער זייגער איז קאַליע, ער גייט ניט, אָבער אלציינס איז ער דער גרעסטער אויצער אין פאַרמעגן.
ארקע האַלט דעם זייגער אין האַנט און שפּיגלט זיך אין אים. ער וויל אים מיטנעמען קיין כארקאָוו, ווער וועט דאַן אין כארקאָוו זײַן גלײַך צו אים?
— נעם אים, אז דו ווילסט, — די שוועסטער זאָגט עס ניט זיכער, ווי זי וואָלט זיך געקווענקלט, אז די ווערטפולסטע יערושע־זאַך דארף אוועקגענומען ווערן פון שטוב.
— די טפילן וועל איך דיר צושיקן, ווען דו וועסט ווערן בארמיצווע. נאָר ווו וועסטו זיי דאָרטן לייגן? און דו דארפסט דען זיי נאָך? — פרעגט לייקע באַם ברודער און בא זיך אליין אויך. — ביסט דאָך שוין ניט אזוי פרום, ווי פריִער.
געזעגענען זיך מיט ארקען איז געקומען צו לויפן ריקל — אן איינזאַמע פרוי, א בעד־זשענקע, וואָס האַלט אין דער שטאָט האַזשגאָכע איבער אלע בעזשענצעס. אומעטום, אין אלע שטיבער, איז זי אן ארײַנגייערן, בא די היגע נעמט זי אלץ, וואָס עס גיט זיך איר אײַן ארויסצוקריגן בא זיי פון עסנווארג און פון מאַלבושים — א געפּיקעט איי איז גוט, פּאַראַיאַריק אײַנגעמאַכטס, וואָס איז געוואָרן פארצוקערט, איז א רעפּוע, א פּאָר אויסגע־

ריבענע הייזלעך, א וואטניקל, וואָס די פארלעגערטע וואטע זײַנע ווארעמט שוין ניט, וועט צונויף קומען. איר אלט־מיידלש אלקערל איז פארמאכט פאר שכײנישע נײַגעריקע אויגן, ס׳איז פארוואנדלט אין א קלאדאָווקע, פונוואנען ריקל שעפט אירע מאטאָנעס, וואָס זי טראָגט נאָכאנאנד פאנאנדער די בעזשענסקע יעסוימים.

צו לייקען אין שטוב קומט ריקל יעדן טאָג און יעדעס מאָל ברענגט זי עפעס: „נא, פארזוך, עס דארף זײַן געשמאַק...״ „נעם, מעסט אָן דעם יאקל, ער דארף זײַן פונקט אָף דיר״... ריקל קוקט ארײַן אין יעדן ווינקעלע, און אויב ס׳געפעלט איר ניט א זאך, ווי עס שטייט, שטעלט זי איבער, טוט דערבײַ א ביסל א מוסער:

— ביסט דאָך שוין א דערוואקסן מיידל, באלד א קאלע, דארף בא דיר אין שטוב זײַן פײַן, אלץ אָף אָן אָרט...

איצט האָט ריקל גענומען לערנען ארקען, געבן אייצעס, וויאזוי ער זאָל לעבן אין כארקאָוו, צו וואָס זאָל ער דאָרטן שטרעבן. ס׳איז א גרויסע שטאָט און מע קען דאָרטן ווערן, וואָס מע וויל.

— קיין הינטשלעגער ווילסטו דאָך ניט אויסוואקסן...— האָט זי אָנגעהויבן, און די לענג־לעכע איידעלע באקן אירע האָבן אופגעפלאמט. זיי פלאמען אוף בא איר, ווי נאָר זי נעמט עמעצן עפעס דערווײַזן, — כ׳מיין, אז דו וואָלסט געקאָנט זײַן א זייגערמאכער. ס׳איז א גוטע מעלאָכע. א ריינע, א פײַנע און מע פארדינט גוט. א זייגערמאכער פארדינט מער פון א שוסטער און פון א שנײַדער. דאָ, בא אונדז אין שטאָט, ארבעטן זיי אלע אָף דער שענסטער גאס, אָף באָלשאיא, אין די גרעסטע מויערן, עס קלאפט ניט בא זיי, עס רודערט ניט, עס טיקעט נאָר. עס גייען די זייגערס און עס גייט באָרעכהאשעם פײַנע פארנאָסע.

זי ווערט א ווײַלע אנשוויגן, ריקל, זי טראכט וועגן עפעס און זי דערטראכט זיך, אז ארקע דארף שטרעבן עפשער צו נאָך העכערס, ווי א זייגערמאכער.

— און נאָך בעסער, — זאָגט זי, — איז זײַן א בוכהאלטער. די פײַנסטע יידן אין שטאָט זײַנען בוכהאלטערס. דער בוכהאלטער סימקין איז ניט קיין פײַנער מענטש? — ווענדט זיך ריקל נאָך א באשטעטיקונג צו לייקען, און לייקע שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אז יאָ, זי איז מאסקים, אז דער בוכהאלטער סימקין איז א פײַנער מענטש. — און ציפקין? — ברענגט ריקל נאָך א בײַשפּיל, — ער האָט געהאט אָן אייגן הויז, איצט איז ער אָף קווארטיר, נאָר אין שטוב איז נאָך פון קאָלטווו, אָף אלע גוטע־יידן געזאָגט געוואָרן. ער איז דאָך געווען בוכהאלטער בא כינויען, בא דעם זעלבן, בא ווען אײַער טאטע, אָלעוו־האשאָלעם, איז געווען א סטאָראָזש אין אײַזנווארג־סקלאד.

ריקל רעדט שוין צוביידן, סײַ צו ארקען, סײַ צו לייקען. ווי זי וואָלט אויך לייקען גע־וואָלט מאכן פאר א בוכהאלטער. — איר זײַט אויסגעגאנגען פון הונגער, ראכמאָנע־ליצלאָן, און ציפקין האָט קיינמאָל שלעכט ניט געלעבט, שטענדיק געגאנגען מיטן גאָלדענעם קייטל איבערן זשילעט און מיטן אויסגעשניצטן שטעקן אין דער האנט. ער איז געווען בא כינויען דער גאנצער באלעבאָס.

— און אפילע א דאָקטער, אָדער אָן אדוואָקאט וואָלסטו, ארקעלע, ניט געקאָנט זײַן? — טוט פלוצעם ריקל א פרעג. — די פריײוטסקע נעמט מען דאָך איצט אומעטום, פריִער פון אלע אנדערע קינדער.

ארקע האָט גאָרניט געהאט קעגן צו זײַן א זייגערמאכער, א בוכהאלטער, א דאָקטער, אָן אדוואָקאט, אָבער דערווײַל האָט ער געגעסן די טערנאָווקעס און שלעכט געהערט, וואָס ריקל האָט מיט אים אײַנגעטײַנעט. — מע האָט אים אָפגעלאָזט אָף צוויי שאָ, און ער דארף זיך נאָך געזעגענען מיט די שכיינים פון הויף.

— אוואדע דארף מען זיך געזעגענען מיט אלעמען, — איז גערן מאסקים ריקל.

אינדרײַען — לייקע, ריקל, און אינמיטן ארקע — לאָזן זיי זיך גיין פון שטוב צו שטוב אין גרויסן הויף, און אומעטום זאָגט ריקל אָן די בסורע:

— ער פאָרט אוועק!

— מיט מאזל!

— א גליקלעכן וועג!

— זײַ מאצליִעך! — ווינטשט מען אים פון אלע זײַטן, און ארקע דערפילט זיך צוויי מאָל העכער, ווי ער איז אינדערעמעסן, ער וואקסט אויס זייער שטארק אין די אייגענע אויגן. אלע בלײַבן, און נאָר ער איינער פונעם גאנצן הויף פאָרט אין דער גרויסער שטאָט כארקאָוו.

ווען ער קערט זיך אום אין קינדערהיים, ווערט אים פלוצעם א שאָד און ס׳נעמט אים באנק טאָן פארן רויטן מויערל, פארן גרינעם הויף, וואָס איז ארומגעצאמט מיט די שיינע ציגל, און וואָס ער דארף פארלאָזן. אָט זײַנען שוין געקומען די לעצטע מינוטן, עס זײַנען

שוין איינגעשפּאַנט צוויי וועגענער, וואָס וועלן אוועקפירן די קינדער צום וואָקזאַל. עס הייבט זיך אָן די געזעגעניש. דער לערער שימען שטופּט אַרקען אַריַין אין דער האַנט אַ גראָבן אַלגעמיינעם העפט מיט אַ האַלבן טוץ בלייַערס:

— שרייַב, אַרקע, שרייַב בריוו און... וואָס דו ווילסט!

ריווקעלע פּאַרט ניט, זי בלייַבט איבער, און זי פילט זיך זייער באַליידיקט, באַקריוודעט. זי איז אויסערגעוויינלעך מעקאַנע אַרקען, וואָס ער פּאַרט, און פון קינע ווילט זיך איר אַפילו ניט געזעגענען מיט אים. אַ פאַרומערטע שטייט זי אין אַ זייַט, נאָר דערנאָך פּונ־דעסטוועגן לויפט זי צו צו אַרקען, און ווי זי וואָלט אים געדאַרפט אָנפאַרטרויען אַ גרויסן סאָד, נעמט זי אים פעסט פאַר דער האַנט און שלעפּט אוועק אין אַ ווייַטן ווינקל פון הויף, ווו קיינער איז ניטאָ און קיינעם זעט מען ניט.

— לאָמיר זיך געזעגענען.— ריווקעלע האָט עטוואָס אָנגעבויגן צו אים איר פאַרטרויִמט פּנימל.

— לאָמיר...— אַרקע האָט אויסגעשטרעקט זייַן האַנט.

— פאַר די הענט געזעגענען זיך יינגלעך,— האָט ריווקעלע מיט ביטל געזאָגט. אַ רגע איז זי געשטאַנען, אָנעמענדיק זיך מיט מוט, דערנאָך האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און מיט אַן איבערגעכאַפּטן אָטעם, אַזוי ווי זי וואָלט אַרויסגעטראָגן אַן אומפאַרמייַדלעכן אורטייל, אַ שעפּטשע געטאָן:

— לאָמיר זיך צעקושן.

אַרקע איז געבליבן גאַנץ גלייַכגילטיק צום קוש, אים האָט פאַרוווּנדערט, וויאַזוי בלינ־דערהייט האָט ריווקעלע גלייך געפונען זייַנע ליפּן...

דער גליקלעכער מוישקעלע

דער נייַער קינדערהיים האָט זיך געפונען ניט גופא אין כאַרקאָוו, נאָר אַ צוואַנציק קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, אינעם גרינעם, וואַלדיקן דאַטשע־ייִשעוו קאַראַטשאָווקע. אַלע טאָג, כּוץ זונטיק, פאָרט מען מיט דער באַן. אַ מעכייַע! און ניט נאָר מיט דער באַן,— מיט אַ טראַמווייַ נאָך אויך. די שול, ווו מע לערנט, געפינט זיך אויף ריבנע גאַס, ס'איז ווייַט פון וואָקזאַל און מע מוז פאָרן מיטן טראַמווייַ.

ס'איז אַ טומלדיק, אייַלנדיק, פאַרנדיק לעבן. יעדן שילער גיט מען אַ ביכעלע טראַמווייַ־בילעטן אויף אַ גאַנצן כוידעש און דעם גאַנצן כוידעש סטאַרעט מען זיך פאָרן אָן בילעטן. מע וועט בעסער אַראָפּשפּרינגען מיט אַ סטאַנציע פריִער און גיין אַ שטיק וועג צופוס, איידער דערלאַנגען דעם קאָנדוקטאָר אַ בילעט. דערנאָך נעמען די יינגלעך אַרויס די ביכעלעך פון די קעשענעס און מע פאַרגלייַכט, בא וועמען איז געבליבן מער. אָבער אויפן קומענדיקן כויִ־דעש טויגן שוין ניט די פריִערדיקע בילעטן, יעדן נייַעם כוידעש זייַנען זיי פון אַן אַנדער קאָליר און דעם לעצטן טאָג—פון דעם 30־טן, צי 31־טן—גלייך נאָך די לימודים פאַרנעמט מען אייַליק די ביכער מיט די העפטן אין די האַרטע קאַרטאָנענע ראַנצן און מע לאָזט זיך צום טראַמווייַ, „אויספאָרן" די בילעטן. איצט זשאַלעוועט מען זיי שוין ניט, מע שפּרינגט אַרויף אויפן טראַמווייַ, וואָס גייט אויף „כאַלאָדנאַיאַ גאָראַ", אינמיטן וועג זעצט מען זיך איבער אויף אַן אַנטקעגנדיקן טראַמווייַ, וואָס גייט צו די זאַוואָדן „וועק" און „כאַפּעזע", מע שטייַגט אַראָפּ און מע כאַפּט זיך ווידער אַרייַן אין אַ טראַמווייַ, וואָס גייט צום „צענטער", צום טעוועלעוו־פּלאַץ. עס פליִען די בילעטן, נעגידיש־ברייט, אָן אַ שום דערמאָנונג פונעם קאָנדוקטאָר, דער־לאַנגט מען זיי אים גלייך, ווי מע הייבט זיך אויף אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן.

מע וואָלט אוודאי געדאַרפט פאָרן אַהיים, אָפּעסן וואַרמעס, צוגרייטן די לימודים, קעדיי אויסמייַדן די שטרענגע רייד און די פאַרוואָרפן פון די דערציִערנס, האַלעמייַ מע איז ניט דיסציפּלינירט און מע קומט ווען מע וויל—שפּעט אין אָוונט. אָבער די בילעטן, וואָס מע האָט געשפּאָרט אַ גאַנצן כוידעש, קאָנען דאָך ניט אומזיסט פאַרפאַלן ווערן.

— עס איז גוט, וואָס מיר פאָרן אום,— זאָגט מוישקעלע פלאַקסמאַן,— מיר זעען אַ סאַך זאַכן. מיר דאַרפן נאָך זייַן אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קאַפע, אין אַ ביר־הויז. מיר דאַרפן זען מענטשן, פיגורן.

— און מע וועט אונדז ניט אַרויסטרייַבן פון דאָרטן?— פרעגט אַרקע.

— מע האָט ניט קיין רעכט. אויב דאָס טישל איז פרייַ, קאָן מען זיצן וויפל מע וויל. אויב אַרקע כאָטש איז וועמען־עס־איז מעקאַנע, איז מוישקעלע פלאַקסמאַנען.

אַרקע מאָלט אָן אַ שטיבעלע, איז ניטאָ אַף וואָס צו קוקן, עס איז קליין און געמיין, דער רויך ציט זיך אַרופצו, פאַרקערעוועט ניט אַף אַ האָר, ער שטעקט פון קוימען. אַזוי ווי אַ שטעקן. די לערערן פון מאָלערײַ אַלעווטינאַ לעאָפּאָלדאָווונאַ גייט צו צו אַרקען, טוט עפּעס אַ פאַריכט פון יויצע־וועגן, גיט דערבײַ אַ קרענקלעכן צוק מיט אַן אַקסל. זי קאָן ניט אַרי־בערטראָגן קיין טאַלאַנטלאָזיקײַטן. האַנאָע שעפּט זי, ווען זי באַטראַכט די געמעלן פון די פייזקע קינדער, און צווישן די פייזקע זײַנען בײַ איר די פייזקסטע צוויי שילער: זעליק ברוידע און מוישקע פלאַקסמאַן, וואָס זעליק זאָל ניט אָנמאָלן, קאָן מען, דוכט זיך, דאָס אָנגעמאָלטע אָנטאַפּן מיט דער האַנט, עס האָט וואָג און פאַרנעם; אַ ציגל איז אַ ציגל, מע קאָן אים אַרויסנעמען פון דער וואַנט; אַ רויך איז אַזאַ, אַז דאָס זײַטל, ווו ער איז אָנגעמאָלט, שמעקט אַזוי ווי מיט רויך. אויב ער מאָלט אָן אַ קאַליוזשע אַף דער גאַס, ווילט זיך אין איר אַרײַנטרעטן מיט אַ פוס. זעליק אַלס אויסגעצייכנטער מאָלער איז אָנערקענט פון אַלע קינדער, פון אַלע דערציִערס און לערער — אַפילע דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער, דער פּעטער מישע, וואָס קלאָגט זיך אָפט, אַז אין קינדערהיים איז פאַראַן שוין צופיל טאַלאַנטן. אַלע זײַנען פאַרנומען אין מאָלערײַ־קרײַזל, אין ליטעראַרישן קרײַזל, אין דראַמאַטישן קרײַזל, אין טאַנץ־קרײַזל, און נאָר — מע מאָלט, און מע שפּילט, און מע טאַנצט, און מע זינגט; אַרומשאַרן די קאַרטאָפליעס, אויסיעטן דאָס גראָז בײַ די פּאָמידאָרן אָפן גאָרטן איז ניטאָ וועמען צו שיקן, אַלע זײַנען פאַרנומען מיט שאַפונג, — אַפילע דער פּעטער מישע, ווען ער טוט אַ קוק אַף זעליקס אַ בילד, גיט ער אַ וויש אויס דעם ברייטן שטערן, וואָס איז בײַ אים שטענדיק פאַרשוויצט, און ער זאָגט:

— פון זעליקן וועט זײַן אַ לײַט, אָבער סײַווי, אַפילע דער גרעסטער מאָלער וויל דאָך אויך עסן... אַלע, דורכויס אַלע, אָן אויסנאַם, זאָלן די מינוט אַרויס אַרבעטן אָפן גאָרטן!

זעליק ברוידע איז געווען דער ערשטער און דער בעסטער מאָלער אין קינדערהיים, ביז אין איינעם אַ טאָג האָט זיך ניט באַוויזן מוישקעלע פלאַקסמאַן, אַ ייִנגל מיט אַ בלאָנד קוטשמעלע האָר אָפן קאָפּ און מיט אויגן קימאַט אָן ווײַעס און אָן ברעמען, דערפאַר האָט דאָס פּאָנעם זײַנס אויסגעזען עפּעס מאָדנע נאַקעט און הויל. אַראָפּגעבראַכט האָט אים דער פאַרוואַלטער פון פּראָסקוראָווער קינדערהיים.

— אין פּראָסקוראָוו, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך ניט פאַר אים קיין לערער. אַזאַ טאַ־לאַנט דאַרף זײַן אין כאַרקאָוו. איך בין אַליין אַ געוועזענער קאַוואַלעריסט, און ווען כ'בין געוואָרן פאַרוואַלטער פון קינדערהיים, האָב איך גענומען די עלטערע ייִנגלעך, אַראָפּגעפירט זיי אַף אונטן, אין קעלער, און דרײַ מאָל אויסגעשאָסן פון מײַן רעוואָלווער אין דער וואַנט. די דערציִערנס האָבן דערהערט אַ שיסערײַ, זײַנען זיי געפאַלן כאַלאַשעס. נאָר איך ווייס, וואָס כעוורע דאַרפן, און כ'ווייס, וואָס אַט־דער כעווּרעמאַן באַדאַרף. — ער האָט אָנגעוויזן אַף מוישקען, וואָס איז אַ פאַרלוירענער געשטאַנען אין לערער־צימער און געוואַרט, עס זאָל געלייזט ווערן זײַן גורל.

— מיר האָבן שוין גענוג טאַלאַנטן, — האָט באַמערקט דער פּעטער מישע.

— אַ כיסאָרן, די ־ קאַלע צו שיין, — האָט דער פּראָסקוראָווער פאַרוואַלטער אים אָפּ־געענטפערט, — דער בויך טוט וויי פון זויערמילך און ניט פון סמעטענע.

אין הויזן מיט לאַמפּאַסן, אין אַ לעדערנער קורטקע, וואָס איז געווען ענג אַף אים, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געגעבן אַ באַוועג, האָט זי געגעבן אַ סקריפּע, ווי מע וואָלט געעפנט אַ טיר, האָט ער אַליין געמאַכט אַ גרעסערן אײַנדרוק, ווי די געמעלן, וואָס ער האָט איינס נאָכן אַנדערן אַרויסגענומען פון זײַן פּאָרטפעל און באַוויזן דעם אוילעם. בײַ אים איז געווען אַזאַ אויסדרוק פון אַנטשלאָסנקײַט אָפן פּאָנעם, אַזאַ שטרענגקײַט אין זײַן גאַנצער האַלטונג, אַז עס איז געווען אַ ריזיקע צו זאָגן עפּעס, אַרויסווײַזן די מינדסטע קווענקלעניש. עס האָט געדוכט, טאָמער קומט עמעצער אַרויס ניט מיט אַזאַ וואָרט וועגן די בילדער, כאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער, וואָס ליגט געוויס בײַ אים באַהאַלטן אין אַ קעשענע, און ער דערשיסט גלײַך אָפן אָרט.

— גיט מיר אײַער ערגסטן וויכאָוואַנעק, — האָט ער געפאָדערט בײַ דער פאַרוואַלטערן פון קאַראַטשאָווקער קינדערהויז, — אַ דעפעקטיוון, פון וועלכן איר ווילט פּאָטער ווערן, איך וועל אים נעמען צו זיך און מאַכן פון אים אַ לײַט.

דער קאַוואַלעריסט איז אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז אַ האַלב צענדליק קינדער האָט גע־וואָלט פאָרן מיט אים. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ מיידעלע, און איבערגעלאָזט מוישקעלען. און פון דעמלט אָן האָט דער קאַראַטשאָווקער קינדערהיים זיך צעשפּאָלטן אַף צוויי לאַגערן. איין טייל, צווערשט דער גרעסערער, האָט געהאַלטן, אַז עס מאָלט בעסער „אונדזער" זעליק, אַ צווייטער טייל, אַ קלענערער אָבער, וואָס באַשטייט פון עלטערע קינדער, פון „מעווינים"

זײַנען געווען בא דער מיינונג, אַז דער פּראָסקוראָווער מוישקעלע איז פייִקער. בייס עס ארבעט דאָס מאָלער־קרײַזל, לויפן ביידע צדאָדים קוקן — בא ווער פון די צוויי קינסטלער באקומט זיך בעסער. און עס ווײַזט אויס, אַז דער לערערקע אלעווטינא לעאָפּאָלדעוונע געפעלט אויך מער מוישקעלע, כאָטש זעליק איז איר ליבלינג, איר אויסדערוויילטער. אייניקע מאָל, ווען זי שטייט בא מוישקעלעס א בילד, וויל זי, דוכט זיך, מאכן א באמערקונג, פאריכטן, נאָר, זעט אויס, זי איז ניט זיכער, זי צווייפלט, צי די באמערקונג וועט זײַן א ריכטיקע און צי דאַרף מען עס טאקע פאריכטן. ס'איז ניט אין איר נוסעך מוישקעס מאָלערײַ, בא אים איז א פלויט קיינמאָל ניט קיין גלײַכער, ווי בא זעליקן און ווי זי אליין וואָלט אַנגעמאָלט אים. עס איז א קרומלעכער פלויט, א ביסל א צעבראָכענער. אויב ער מאָלט א הונט — איז ער ניט דאפקע א שיינער, אָפּטמאָל גאָר א פארזעעניש, א ניוועק, דאר, קוואר, אויסגעוואלגערט אין שמוץ, — די אויגן רויטע, ווי בא א קראנקן, וואָס שלאָפט ניט דורך די נעכט. אויף מוישקעס א געמעל איז דער הימל ניט שטענדיק ריין און בלוי, ניט באדעקט מיט שיינע קוטשעראווע וואָלקנדלעך, ס'מאכט זיך בא אים, אַז דער הימל איז אזוי ווי אויסגעקײַקלט אין ערד, אַן ערדישער הימל.

איינמאָל, נאָך דעם, ווי מע האָט אין קלאס געלייענט פּערעצעס „די פרומע קאץ", האָט זעליק אָנגעמאָלט א קאץ און מוישקע א קאץ. עס האָבן זיך באקומען צוויי קעץ, קנאפּ ענלעכע איינע אויף דער אנדערער. בא זעליקן איז די קאץ א קאץ מיט א זילבערן פוטערן מאנטעלע, ווײַסע „זאָקן" אויף די פיס. דאָס דערשטיקטע פייגעלע ליגט ווי א קנײַלעכל, מע זעט עס קוים אָן. בא מוישקען האָט גאָר די קאץ א מענטשלעך פּאָנעם. די פעטע אייגלעך זײַנען פול מיט פארגעניגן, די נעגל זײַנען זייער גרויסע און, ארויסגעלאָזענע פון די קישעלעך, האָבן זיי אזוי ווי מיט גראָבע נאָדלען אײַנגעשטאָכן זיך אינעם קערפּערל פון אומגליקלעכן קאָרבן. זעליקס קאץ איז א היימישע, א צוגעלאָזענע, איר פארברעכן איז ניט אזוי גרויס, פאר מוישקעלעס קאץ דאַרף מען זיך גוט היטן.

ווי נאָר מוישקעלע כאַפּט זיך ארײַן אין טראמווײַ, נעמט ער ארויס זײַן אלבאָם און, באמיִענדיק זיך צו פארשטעלן מיטן עלנבויגן דאָס אופגעמישטע בלעטל, נעמט ער מאָלן „טיפּאזש". דאָס וואָרט טיפּאזש האָט ער געהערט בא דער לערערן פון מאָלערײַ און ס'איז אים זייער געפעלן.

— אָט איז א גוטער טיפּאזש, — טוט ער א שעפּטשע צו ארקען, און צילט אָן די אויגן אויף א פּאסאזשיר. ער הייבט אָן אים מאָלן. און ווען יענער באמערקט, אַז עפעס קוקט אויף אים די גאנצע צײַט א ייִנגל, פארקערעוועט מוישקעלע דעם קאָפּ צום פענצטער, דער בלײַער בלײַבט ליגן א ווײַלע אפן בלעטעלע פאפיר, דערנאָך נעמט ער זיך ווידער צו דער ארבעט.

אין איינעם א סאָף־כוידעשדיקן טאָג, נאָכדעם, ווי ארקע און מוישקע האָבן נאָך די לימודים א שאָ־צוויי ארומגעקרײַזט אויף די טראמווײַען איבער דער שטאָט, האָט מוישקע זיך אָנגערופן צו זײַן כאווער:

— איצט פאָרן מיר אין טעאטער, עס גייט הײַנט „דרײַ פינטעלעך".

אויף גאסטראָלן קיין כארקאָוו איז געקומען דער מאָסקווער ייִדישער קאמער־טעאטער. אין די גאסן הערט מען זינגען „הייסע באבקעלעך, ייִדעלעך, קויפט... קויפט, קויפט, קוינים..." גייסט איבער דער גאס, און מיטאמאָל טוט עמעצער א געשריי דיר גלײַך אין אויער: „איך בין די באָבע יאכנע". עס איז שווער צו קריגן א בילעט אפילע פאר געלט, הײַנט נאָך אָן געלט, און ביכלאל, ווער וועט עס ארײַנלאָזן קינדער איין־אליין אין אָוונט אין טעאטער? אָבער מוישקעלען לאָזט מען יאָ ארײַן, ער איז שוין געווען אויף צוויי ספּעקטאקלען, און ער זאָגט, אַז ויפל מאָל ער זאָל נאָר וועלן ארײַנגיין, אזויפיל מאָל וועט ער ארײַנגיין, און זיצן וועט ער אין א לאָזשע.

בעמעס, דאָס גליקלעכסטע, דאָס מאזלדיקסטע ייִנגל פון אלע ייִנגלעך אין כארקאָוו איז איצט געווען מוישקע פלאקסמאן, ווער קאָן זיך גלײַכן צו אים! ער האָט זיך באפרײַנדעט מיטן בארימטן ארטיסט ביניאָמין זוסקין, ער איז געוואָרן זוסקינס ליבלינג, זוסקין איז אים אזוי, ווי אַן עמעסער טאטע, — בעסער פון א טאטן, ווײַל וואָס פאר א טאטע וועט זיך עס אזוי באמיִען, אַז זײַן זון, זײַן בענאָקל, זאָל גיין אָפּט אין טעאטער? באקאנט האָבן זיי זיך ביידע בא איינעם א כארקאָווער סקולפּטאָר, צו ווער זוסקין איז ארײַנגעקומען צו־גאסט. אין ווארשטאט האָט ביניאָמין דערזען ארומגיין פון איין סקולפּטור צו דער צווייטער א בלאָנדהאָריק ייִנגל, וואָס האָט מעווינעסדיק געגעבן אָפּשאצונגען, ריידנדיק צו זיך אליין: „דאָס איז גוט", — האָט ער מיט דער האנט געטײַטלט אויף איין פיגור... „מיר דוכט, אַז דער

קאָפּ וואָלט געדאַרפט זײַן אַ ביסל אויסגעדרייט אין אַ זײַט״, — איז געווען זײַן מיינונג וועגן אַ צווייטער פיגור.

— ווער איז דאָס ייִנגל? — האָט דער אַרטיסט שטיל געפרעגט באַם סקולפּטאָר.

— פון קינדערהיים. אַ פּייִק יאַטל. ער ברענגט מיר ווײַזן זײַנע געמעלן, — דער סקולפּטאָר האָט באַוויזן מוישקעס לעצט געמעל „די באַגעגעניש פון טעוויע דעם מילכיקן מיט מענאַכעם־מענדלען״. דער פּאָרטראַכט און גופא דאָס געמעל איז זוסקינען געפעלן געוואָרן. ער האָט מוישקען אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

— מאָלסט שוין לאַנג? — האָט ער געפרעגט באַ אים.

— איך האָב אָנגעהויבן מאָלן נאָכן פּאָגראָם...

— פונוואַנען ביסטו?

— פון פּראָסקוראָוו. איר האָט געהערט וועגן פּראָסקוראָווער פּאָגראָם?

— איך האָב געהערט... איך האָב געהערט וועגן אַ סאַך פּאָגראָמען. — זוסקינס אויגן, וואָס האָבן מיט אַ מינוט פריער געשטראַלט מיט פרייד, מיט לוסטיקײַט, זײַנען געוואָרן טרויעריק.

— און ווי קומסטו אהער קיין כאַרקאָוו? — האָט ער ווײַטער זיך נאָכגעפרעגט.

— מע האָט מיך אויסגעביטן.

— וואָס הייסט, מע האָט דיך אויסגעביטן? אויף וואָס? אויף וועמען? — האָט זוסקין ניט פאַרשטאַנען.

— מע האָט מיך אויסגעביטן אויף אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט לערנען. דער פּראָסקוראָווער פאַרוואַלטער פון קינדערהיים האָט געזאָגט, אַז באַ אים וועט זי יאָ וועלן זיך לערנען...

זוסקין האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן אָנגענעמען, גוטן, הילכיקן געלעכטער. ער האָט פריילעך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט מוישקעלען איבער אַ קני.

— נו, און אין טעאַטער ביסטו שוין געווען?

— פאַריקן זונטיק, באַטאָג, זײַנען מיר, אַ גרופּע קינדער, געווען אויף דער „קישעפמאַכערן״. איך האָב אײַך אָנגעמאָלט, איר זײַט דאָך זוסקין.

— ווען האָסטו מיך באַוויזן אָנצומאָלן? — האָט זוסקין זיך פאַרוווּנדערט.

— ניט אײַך... די קישעפמאַכערן, די באָבע יאַכנע.

— און ס׳האָט זיך גוט באַקומען?

— איך ווייס ניט. נאָר אויב איר וועט זײַן באַ אונדז, וועל איך אײַך ווײַזן.

— אוואַדע וועל איך זײַן, און דו וועסט מיר ווײַזן אַלץ, וואָס דו האָסט אָנגעמאָלט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פרײַנטשאַפט פון בינ־יאָמין זוסקינען מיט מוישקעלע פלאַקסמאַנען. זוסקין איז געקומען אין קינדערהיים, און בייס דער באַגעגעניש מיט אַלע קינדער, איז מוישקע, אַ שײַנענדיקער, געזעסן לעבן אים, אַלס זײַן אויסדערוויילטער. ער האָט געבראַכט מוישקען פאַרב צו מאָלן, ניט די פּאַשעטע האַרטע קנעפּלעך פאַרב, וואָס זײַנען אָנגעקלעפּט אויף אַ קרים־קײַלעכיק שטיקל קאַרטאָן, נאָר אַ גרויסאַרטיקע פּושקע מיט אַ סאַך טוביקעס אייל־פאַרב.

— מאָל, מוישקעלע, און ברענג מיר ווײַזן... אָט האָסטו מײַן אַדרעס פון דער גאָסטיניצע...

איז ווער קאָן טאַקע זיך גלײַכן און ווער וועט ניט מעקאַנע זײַן אַזאַ גליקלעך ייִנגל? אין אָוונט, פאַרן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל און דערנאָך, ווען דער ספּעקטאַקל האָט זיך געענדיקט, איז אַ האַמוין מענטשן לעבן טעאַטער. מע וויל זען די אַרטיסטן, ווען זיי וועלן אַרײַנגיין, ווען זיי וועלן אַרויסגיין, אַ קוק טאָן זיי נעענטער אין פּאָנעם און דערהויפּט וויל מען זען מיכאָעלסן מיט זוסקינען. מע קאָן שטיין אַ שאָ און צוויי אויף דער גאַס, אַבי זיי צו זען גאָר נאָענט, אַ פּאַטש טאָן „בראַוואָ״ און אויב עס וועט זיך אײַנגעבן אויך אַ דריק טאָן זיי די הענט. נאָר מוישקעלע איז אַ יאַכסן. ער קאָן זען זוסקינען ווען ער וויל, ריידן מיט אים וויפל ער וויל. זוסקין האָט אים דאָך אײַנגעלאַדן צו זיך אין נומער פון גאָסטיניצע.

— פאָרן מיר אין טעאַטער אויף „דרײַ פּינטעלעך״, — האָט נאָך דעם, ווי ס׳האָט שוין גוט געשווינדלט אין קאָפּ פון קאַטײַען זיך אָפן טראַמווײַ, אַ זאָג געטאָן מוישקע צו אַרקען.

— דו דאַרפסט ניט קיין בילעט אין טעאַטער, אָבער איך דאַרף יאָ, מיך וועט מען דאָך אָן אַ בילעט ניט אַרײַנלאָזן, — אַרקע האָט מאַמעש געצאַפּלט, אַזוי האָט זיך אים געוואָלט גיין אין טעאַטער, נאָר ער האָט גוט געדענקט, ווער איז מוישקעלע און ווער איז ער, אַרקע. — איך וועל פאָרן אַהיים, — האָט ער געזאָגט.

— אַז איך זאָג קום, איז קום! וועסט אַרײַנגיין מיט מיר. איך וועל נעמען צוויי קאָנטראַ־

מאַרקעס, — האָט מוישקעלע צוגעזאָגט מײַסע־באַלעבאָס, וואָס ניט נאָר צוויי קאָנטראַמאַר־קעס, — ער קאָן צונעמען אַלע בילעטן, אויב נאָר ער זאָל וועלן.

— און ווו וועלן מיר נעכטיקן? — האָט דער פֿאַרזיכטיקער ארקע אַלץ זיך געקווענקלט.

— מיר וועלן נעכטיקן באַ זוסקינען אין גאָסטיניצע. איך וועל נעכטיקן אין זײַן נומער, און פֿאַר דיר וועט ער געפֿינען אַן אָרט אין אַן אַנדער נומער.

— אָבער מע האָט אונדז דאָך ניט אָפּגעלאָזן, מיר האָבן דאָך ניט קיין דערלויבע־ניש, — האָט ארקע ניט אויפֿגעהערט זיך צו קווענקלען, — אין קינדערהיים וועט זיך טאָן כוישעך.

— האָב ניט מוירע. זוסקין וועט זיך אײַנשטעלן פֿאַר אונדז.

מוישקעלעס זיכערע און קלאָרע ענטפֿערס אָף אַלע קאַשעס האָבן ארקען באַרויִקט. גוט, איז ארקע מאַסקים געווען, אויב אַלץ איז אַזוי פֿעסט באַוואָרנט, און זוסקין איז דער באַ־שיצער, קאָן מען זיך אַריבערזעצן אָפֿן טראַמוויי, וואָס גייט צום טעאַטער.

עס איז נאָך געווען פֿרי, אַ צײַט פֿאַרן אָנהייב פֿון ספּעקטאַקל, נאָר אַ היפּשער עולעם איז שוין געווען. מיט מאַטערניש האָט מוישקע זיך דורכגעשטופּט צום פֿענצטערל פֿון אַד־מיניסטראַטאָר, דאָס פֿענצטערל איז אַ הויכס, און ער האָט זיך געשטעלט אָף די ציפּקעס.

— איך דאַרף צוויי קאָנטראַמאַרקעס, — האָט ער געזאָגט.

— ווייסט שוין אויך פֿון קאָנטראַמאַרקעס, — האָט די אַדמיניסטראַטאָרשע אָנגעקוקט דאָס שקעטל. — גיי, גיי אַהיים. אין אָוונט לאָזט מען קינדער אין טעאַטער ניט אַרײַן.

— איך בעט אַרויסרופֿן זוסקינען, — האָט מוישקע אַרײַנגעשריִען אין פֿענצטערל.

— און ווען נאָך ווילסטו? מיכאָעלסן ווילסטו ניט אַרויסרופֿן? נאַרעלע, — האָט זי געזאָגט שוין מיט אַ ווייכן קאָל, אַן ביטל, — וויִאַזוי קאָן איך זוסקינען אַרויסרופֿן, ער איז דאָך שוין פֿאַרגרימירט און גרייט זיך צום אַרויסטרעטן.

— ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט מיך שטענדיק אַרײַנלאָזן, — איז מוישקע ניט אָפּ־געטראָטן.

— ער איז דײַנער אַן אייגענער?

— אַן אייגענער.

— ווי איז דײַן פֿאַמיליע? — זי האָט גענומען אין דער האַנט דאָס פּעקל צעטעלעך, וואָס זײַנען באַ איר געלעגן אָפֿן טיש.

— איך הייס פֿלאַקסמאַן! מוישקע פֿלאַקסמאַן! — האָט מוישקע מיט אַן אויפֿגעשטראַלטער האָפֿענונג אַרײַנגעטרומייטערט אין לענגלעכן טונעל־פֿענצטערל.

אין די צעטלען איז ער ניט געווען.

— וואַרט נאָר אויס, יינגעלע, איך וועל אָנקלינגען...

זי האָט אָנגעקלונגען.

— ער הייסט אַרײַנלאָזן, — האָט זי, אוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל, מודיִע געווען אָן איבעריקע היספּײַלעס. — אַ האַלבן טעאַטער וואָלט ער אַרײַנגעלאָזט אומזיסט... קיין נומע־רירטע ערטער האָב איך ניט, וועסט זיצן אָף אַ צוגעשטעלטן שטול.

מוישקע האָט געלויכטן פֿון ־פֿרייד און פֿון גליק, און אין דער ערשטער רגע האָט ער אַפֿילע זיך ניט געכאַפּט, אַז מע האָט אים געגעבן נאָר איין בילעט. ארקע האָט אים דערמאָנט וועגן דעם, געגעבן אַ שטויס אים אין דער זײַט.

— איך דאַרף נאָך אַ בילעט! — האָט מוישקע אויסגעשריִען, ווי מע וואָלט אים באַראַבעוועט.

— זײַ צופֿרידן, וואָס דו האָסט איינעם! — די אַדמיניסטראַטאָרשע האָט שוין פֿאַרלאָרן דאָס געדולד צו אײַסעקן זיך מיטן כעווערעמאַן, און מיט היץ פֿאַרמאַכט די פֿאָרטקע פֿון איר פֿענצטערל.

אַ מענגע מענטשן, וואָס איז געשטאַנען באַ די צוויי קאַסעס פֿון טעאַטער, איבער וועל־כע עס איז, ווי אַ האַרבער אורטייל, געהאַנגען אַן אויפֿשריפֿט מיט גרויסע פֿעטע שוואַרצע אויסיעס „אַנשלאַג”, האָט געקוקט אָף מוישקען מיט זײַן קאָנטראַמאַרקע אין דער האַנט, ווי אָף אַ מענטשן, וואָס אים האָט זייער אָפּגעגליקט. אָבער וואָס טוט מען מיט איין בילעט, אַז מע דאַרף צוויי?

— גיי שוין אַרײַן אינווייניק, — האָט ארקע אונטערגעשטופּט מוישקען צו דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין העל־באַלויכטענעם וועסטיביול מיט די גאַרדעראָבן און מיט די שפּיג־לען און מיטן אויסגעפּוצטן עולעם, וואָס האָט שפּאַצירט הין און צוריק, פֿאַרן אָנהייב פֿון ספּעקטאַקל.

— און דו? — מוישקע האָט אָנגענומען ארקען פֿאַר דער האַנט, מוירע האָבנדיק, אַז ער וועט באַלד אַנטלויפֿן פֿון אים.

— איך? וואָס בין איך? איך וועל זיך אומקערן אַהיים.

— קום מיט מיר. ציטער ניט. — ער האָט אַנטשיידן אַ שטופּ געטאָן ארקען פאָרויס, אָבער בא דער טיר האָט מען ארקען פאַרהאַלטן.

א ווײַלע האָט מוישקע געטראַכט און דערנאָך, גיט אַ קוק געבנדיק ארקען אין פּאָנעם, דערלאַנגט אים אײַליק די האַנט צום געזעגענען זיך, און אליין איז ער אַרײַן אינווייניק. ארקע איז אַרויס אפן גאַס און זיך געלאָזט גיין צום טראַמוויַ — אויסגעבן דעם לעצטן טראַמוויַ־בילעט, וואָס איז נאָך געווען בא אים אין קעשענע.

אפן ראָג, ווו דער טראַמוויַ שטעלט זיך אָפּ, איז אין צוויי מינוט אַרום געקומען צו־לויפן מוישקע. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— גוט, וואָס עס איז ניט געווען קיין טראַמוויַ און דו ביסט נאָך ניט אַוועקגעפאָרן. מיר וועלן פאָרן צוזאַמען. — האָט מוישקע זיך געפרייט.

זיצנדיק אין טראַמוויַ, האָט מוישקע דערציילט, אַז זײַן קאָנטראַמאַרקע האָט מען פאַר־צוקערט, אַ סאַך הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צום פּאַסיקל פּאַפּיר, און ער האָט ניט באַ־מערקט אפילע, ווען עס איז אָנגעקומען, ווער עס האָט אויסגעכאַפּט...

די ייִנגלעך האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, שטאַרק צופרידענע איינער מיטן צווייטן. אין שלאָפצימער, ווו די בעטלעך זייערע שטייען בישכיינעס, האָבן זיי לאַנג, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפן, זיך געשושקעט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען פול מיט אײַנדרוקן פונעם פּרעכטיקן ספּעקטאַקל, וועלכן זיי האָבן ניט געזען...

אין פענצטער שײַנט דער גאַסן־לאָמפּ

א צווייסטאָקיקער, אויסגעצויגענער אין דער לענג מויער מיט א גרויסן וועסטיבול. אין דעם דאָזיקן גרויסן און געראַמען וועסטיבול, אַנטקעגן דער דרויסנדיקער טיר, איז פאַ־ראַן א זײַטיק צימערל מיט א קליין טירל, וואָס האַלט זיך אין איין עפענען און פאַרמאַכן. עס לויפט אַרויס פונעם צימערל און קערט זיך אום ווידער אַהין א מענטשל, נידעריקער פון מיטלוווּקס, אין האָרן־ברילן, מיט א שיינער שוואַרצער אונטערגעשוירענער באָרד און מיט א פּאַפּיראָס אין מויל. באַם אַרויסלויפן פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט צו פאַרשליסן די טיר, איבערדרייען מיטן שליסל צוויי מאָל, און דערנאָך א צי טאָן דאָס הענטל צו זיך, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן. ער פאַרגעסט אויך ניט צו כאַפּן אַן אײַליקן בליק אפן שילדל אף דער טיר, ווו ס'איז אָנגעשריבן «Заведующий», פונקט ווי ער וואָלט געצווייפלט אָדער זיך געוווּנדערט, וואָס דער „זאַוועדויושטשי" — דאָס איז ער אליין.

ארקע כאַפּט, מיט א פּאַפּיר אין דער האַנט, וואַרט מיט אומגעדולד, אַז דער אַרומלויפנ־דיקער מענטש זאָל אים שוין אַמאָל אַרײַנרופן צו זיך. ארקע איז א צווייענדיקער „אַרויסלאָז־ניק" — מע האָט אים אַרויסגעלאָזט פון דער שול, ווו ער האָט שוין פאַרענדיקט אַלע זיבן גרופּעס, און מע האָט אים אַרויסגעלאָזט פון קינדערהיים. איצט וועט ער לעבן אין אָט דעם צווייסטאָקיקן מויער, וואָס האָט א שילדל באַם אַרײַנגאַנג «ДРП» — הויז פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער.

אפן אייבערשטן צווייטן שטאָק האָט מען געשפּילט אף א האַרמאָשקע, אף א באַלאַלײַקע און אף נאָך עפּעס א מוזיקאַלער קיילע, וואָס לויט די גרילצנדיקע און פײַפנדיקע קלאַנגען, וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען שווער פעסטצושטעלן, וואָס דאָס איז, עס איז נאָר געווען קלאָר, אַז די קיילע שטערט יענע ביידע, צי עפּשער פאַרקערט, די האַרמאָשקע מיט דער באַלאַלײַקע שטערן איר... די קלאַנגען פון אייבערשטן שטאָק זײַנען הילכיק און שווער געפאַלן אפן אונטערשטן, אַזוי ווי שאַרפע שטיינדלעך, וואָס זײַנען מעסוגל ניט נאָר פאַר־טויבן די אויערן, נאָר אויך פּלעטן דעם קאָפּ. דערנאָך האָט די שפּילערײַ אויפגעהערט און ס'איז געוואָרן עפּעס א שטאַרקער טומל. עס האָבן זיך געלאָזט הערן הויכע און אויפגערעגטע קוילעס, א קלאַפּערײַ, א פּאַלערײַ, אַזוי ווי מע וואָלט זיך געשלאָגן. דאָס מענטשל אין די האָרן־ברילן און מיט דער באָרד איז אַרויסגעלאָפן אינדרויסן, דאָרטן נעלעם געוואָרן, און נאָר דאַן, ווען אפן אייבערשטן שטאָק איז געוואָרן שטילער, איז ער ווידער אויסגעוואַקסן.

„עס איז ניט קיין גוט הויז און ניט קיין גוטער פאַרוואַלטער, — האָט ארקע געטראַכט, האַלטנדיק אַלץ דאָס פּאַפּיר אין דער פאַרשוויצטער האַנט. — דער פאַרוואַלטער אַנטלויפט אינדרויסן, ווען ער דאַרף זײַן אינווייניק. ווײַזט אויס, אַז ער אליין האָט מוירע דאָ צו זײַן".

עס ווילט זיך ארקען צערײַסן דאָס פּאַפּירל, ווו ס'איז אָנגעשריבן, אַז מע זאָל אים אײַנאָרדענען אין „ד. ר. פּ״, און אַרויסשאַרן זיך פונדאַנען, אוועקגיין און קיינמאָל זיך ניט אומקערן אהער אַף צוריק. אָבער וווּהין האָט ער צו גיין, ווו וועט ער הײַנט איבערנעכטיקן? עס כאַפּט אים אַרום אַ קינע־געפיל צו זײַן בעסטן כאַווער מוישקעלע פלאַקסמאַן, וואָס איז אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו לערנען אין דער קונסט־שול. מוישקעלען איז אוואַדע בעסער פון אים, ער וועט דאָרטן לעבן צווישן יונגע מאָלער און זיך פילן, ווי אַ פיש אין וואַסער. און נאָך בעסער איז מירעלען, וואָס איז אוועקגעפאָרן אַזש קיין מאָסקווע, די ווײַסינקע, די צאַרטע בלוי־אויגיקע מירעלע, וועלכע שפּילט אַף אַ פידל און וואָס האָט בײַ די דערציִערנס און לערערס שטענדיק אַרויסגערופן אַ באַזונדערן ראַכמאָנעס, ווי אַ קווייטל, וואָס קאָן גלײַך ווערן פאַרוועלקט, אויב מע וועט נאָכאַנאַנד עס ניט צערטלען, און, פאַרקערט, עס וועט זעלטן שיין זיך פאַנאַנדערבליִען, ווען מע וועט עס האַלטן שטענדיק אונטער אַ טרײַען אופזיכט, — די דאָזיקע מירעלע וועט לערנען אין מאָסקווע, אין אַ מוזיקאַלער שול. מיטאַמאָל האָט זיך דאָרטן אָפּגעזוכט אירער אַ פעטער, וואָס איז אַליין אויך אַ מוזיקאַנט און ער וויל, אַז זײַן פּלימעניצע זאָל לעבן בײַ אים. איצט וויגט זי זיך אין אַ וואַגאָן „כאַרקאָוו — מאָסקווע״ און אין מאָסקווע וואַרט שוין אַף איר דער גוטער פעטער.

סאָפּקאָלסאָף האָט דער פאַרוואַלטער פונעם יוגנט־הויז אַרײַנגערופן אַרקען, אַרײַנגעשריבן אַרקעס נאָמען און פאַמיליע אין אַ לאַנגן און שמאָלן בוך, דערנאָך האָט ער פון דער קעשענע אַרויסגענומען אַ בינטל שליסלען, אופגעזוכט צווישן זיי דאָס נייטיקע שליסעלע, אופגעעפנט מיט דעם דעם גרויסן אײַזערנעם קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען רעכטס פונעם טיש, און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ קליין הײַפעלע פאַרשיידנקאָליריקע טאַלאָנעס.

— דאָ האָסטו שפּײַז אַף צוויי וואָכן, — האָט ער אים געזאָגט, — פּופּצן פּרישטיקן, פּופּצן מיטיקן און פּופּצן וועטשערעס. אויב דו וועסט פאַרלירן, צי מע וועט בײַ דיר זיי אַרויסשלעפּן, וועסטו לייגן די ציין אַף די פּאָליצעס. שרײַב זיך אונטער, אַז דו האָסט באַקומען. און אָט דאָ, — האָט ער מיט אַ נאָגל געמאַכט אַ קריץ אַף אַן אַנדער אָרט אינעם העפט, — שרײַב זיך אונטער, אַז דו האָסט געקראָגן אַן אײַזערנע בעט, אַ שטרויענעם מאַטראַץ, אַ וואַטאָווע קישן, אַ ציכל, אַ לײַלעך און אַ האַלב־וואָלענע קאָלדרע. אויב דו וועסט עפּעס אַרויסטראָגן פאַרקויפן אַפן מאַרק, וועט מען דיך אָפּשיקן אין אַ קאָלאָניע פאַר יונגע פאַרברעכער.

אַרקע האָט זיך אונטערגעשריבן, און מיט די טאַלאָנעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן צוגעפגעדריקט אין דער האַנט, און מיטן הילצערנעם קעסטל, ווו עס איז געלעגן זײַן קליין ביסל האָב און גוטס, אין דער אַנדערער האַנט, האָט ער זיך אופגעהויבן אַפן אייבערשטן שטאָק.

אינעם גרויסן צימער מיטן הויכן סופיט און מיט די צוויי לאַנגע רייען אויסגעשטעלטע בעטן בײַ די ווענט, איז אומגעריכט פאַר אַרקען געווען גאָר שטיל, קיין איין מענטש איז ניט געווען. ער האָט טייקעף אַרויסגענומען פונעם קעסטל דאָס גרעסטע פאַרמעגן זײַנס — אַ גראָב אַלגעמיין העפט, ווו אַ העלפט איז שוין געווען פאַרשריבן מיט זײַנער אַן ערשטער דערציילונג. אַלע קינדער פון קאַראַטשאָוקער קינדערהיים האָבן געהאַט טאַלאַנטן, אויב אַזוי, מיט וואָס איז ער, אַרקע כאַיִט, ערגער פון אַלעמען, פאַרוואָס זאָל ער אויך ניט האָבן קיין טאַלאַנט? זײַן שעמעוודיקײַט און ניט־דרייסטקײַט, די מוירע און אָנגעשראָקנקײַט נאָך פון אַמאָל, פון דער גאָר פריִער קינדהײַט, האָבן אים געשטערט אויסצוזאָגן, אַז ער איז אויך ניט אַבי־ווער, אַז ער שרײַבט און וויל זײַן אַ שרײַבער. עס זײַנען פאַראַן מעלאָכעס און אַזעלכע מינים קונסט, וואָס מע קאָן זיי בעשום־אויפן ניט אויסבאַהאַלטן. אַז אַ שוסטער אַרבעט, הערט מען, ווי ער קלאַפּט מיטן העמערל אַרײַן די פלעקלעך. ווען מירעלע פלעגט אָנהייבן שפּילן פידל, האָט זי זיך געלאָזט הערן אין אַלע שלאָפצימערן, און ווי נאָר מוישקעלע צי זעליק האָבן גענומען זייערע מאָלבערטן, אַזוי פלעגן זיך גלײַך אַרומשטעלן נײַגעריקע כעוורע, וואָס שפּירן נאָך יעדן פיר זייערן מיטן פענדזל. מוישקע און זעליק האָבן פון קיינעם זיך ניט אויסבאַהאַלטן, פאַרקערט, זיי האָבן געהאַט האַנאָע, ווען מע קוקט, ווען מע גאַפט, זיי האָבן נאָר געבעטן ניט פאַרשטעלן די שײַן און די „מאָדעל״, וואָס זיי מאָלן אַראָפּ פון דער נאַטור. מאָטקעלע העכט איז אַ דיכטער, ער שרײַבט לידער, זײַן קונסט איז דאַפקע אַזאַ, וואָס אַז מע וויל, קאָן מען זי יאָ אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע מענטשן, מע קאָן שרײַבן די לידער אין קאָפּ, מע קאָן זיי שטילערהייט אַרופּטראָגן דערנאָך אַף פּאַפּיר — אַלץ שאַ־שטיל. וויל אָבער ניט מאָטקעלע העכט די שטילקײַט, ער וויל ניט האַלטן בעסאָד, אַדעראַבע, ער איז גליקלעך, ווען ער האָט פאַר וועמען דורכצולייענען זײַנע לידער. עס איז ניט געווען דער אָוונט, אַף וועלכן ער זאָל ניט אַרויסטרעטן. און אַפילע אַף פאַרזאַמלונגען מיט גאָר אַ וואָכיקן טאָגסיידער, ווי, לעמאָשל, וועגן דער שלעכטער דיסציפּלין פון אַזעלכע און אַזעלכע קינדער, אָדער וועגן דער אַרבעט אַפן גאָרטן, וועגן דעזשורען אַף דער קיך, נעמט מאָטקעלע אַ

וואָרט, טײלט אַרײַן דאָס, וואָס עס קומט די אומדיסציפּלינירטע קינדער, גיט פֿאַרשלאָגן, וויאַזוי צו פֿאַרבעסערן די אַרבעט אױפֿן גאָרטן און די דעזשורערײַ אױף דער קיך, און צום סאָף בעט ער באַם פּרעזידיום פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אַ דערלױבעניש איבערלייענען אַ ליד, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעשריבן.

— וואָס עפּעס אינמיטנדערינען? — פֿרעגט מען אים פֿון פּרעזידיום.

— נו, אױב ניט, איז ניט, — באַליידיקט זיך מאָטקעלע און מאַכט אַ ניט־זיכערן שפּאַן אַוועקצוגיין פֿון דער בינע און זיך זעצן אױף אַן אָרט. אָבער די פֿאַרזאַמלונג טומלט שוין און שרײַט, און פּאַטשט מיט די הענט, אַז מע זאָל אים דערלױבן איבערלייענען זײַן געדיכט, און מאָטקעלע לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער איז אַזוי ווי אַ בין, וואָס מוז גלײַך אָפּטראָגן איר האָניק אױף דער פּאַסעקע. אַרקע איז ניט אַזאַ. אַוודאי גייט אים אױס די נעשאָמע איבערצולייענען עמעצן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אָבער ער וואַגט ניט. אַפֿילו דעם בעסטן כאַווער מוישקעלען האָט ער ניט אַנטשלאָסן זיך עפּעס איבערצולייענען, און שרײַבן שרײַבט ער בישטיקע, קיינער זאָל ניט זען. דאָס שרײַבערישע העפֿט רינגלט ער אַרום מיט נאָך העפֿטן — אױף מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, כימיע, עלעהיי ס׳איז אויך איינס פֿון זיי, און גייט עמעצער צו, מישט ער גלײַך אױף דאָס מאַטעמאַטישע, דאָס פֿיזישע העפֿט און נעמט לייזן אַן אױפֿגאַבע.

אין זײַן העפֿט האָט ער, אַליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס, אָפּאָנעם לעזיקאָרן, אַרײַנגעשריבן אַלע קינדער פֿון קאַראַטשאָווקע, יעדן פּרובירט „אױסמאָלן״, די זײַטלעך פֿונעם העפֿט האָבן געשפּרודלט און געווימלט מיט קאָלהאַמינים נעז — לאַנגע און קורצע, מיט האָרביקלעך און גלײַכע. קאָלערליי אויגן — שוואַרצע, בלויע, גרינע, גרויע... באַקן — ברייטע, שמאָלע, רויטע, ווי ציגל, טונקעלע, ווי די ערד, אויסגעצויגענע אין דער לענג, פּלאַטשיקע, רונדע, ווײַטער — טשופּרינקעלעך אױף די קעפּ: אַ טשופּרינקעלע אַ געדיכטס, אַ שיטערס, אַ שוואַרצס, אַ געלס, אַ רויטס, אַ פֿאַרזשאַווערט־רויטס, אַ האַרטס, ווי דראָט, אַ ווייכס, ווי פּוך.

איצט האָט אַרקע כאָטש גלײַך געוואָלט פֿאַרשרײַבן אין העפֿט די ערשטע אײַנדרוקן זײַנע פֿונעם נײַעם אָרט, ווו ס׳איז אים באַשערט געווען פֿון הײַנט אָן צו לעבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און גענומען אײַליק שרײַבן:

„אין יוגנט־הויז.

אין צימער איז שטיל, פֿאַרקלערט. אין צוויי לאַנגע רייען, ציִען זיך פֿון איין עק ביזן צווייטן הילצערנע און אײַזערנע בעטלעך. זיי קוקן אַרויס, די בעטלעך, מיט זייערע גרינע קאָלדרעס און אײַנגעלעגערטע סעניקעס, אָנגעטאָסעוועטע מיט שטרוי. פֿאַרקלערט שטייט זיך אונטער יעדעס בעטל אַ קוישל, אַ קעסטל מיט אַ שלעסל באַ דער זײַט. פֿאַרקלערט הענגט אַ קאַלענדאַר, און כאָטש הײַנט איז ערשט זיבעצעטער סענטיאַבער, ווײַזט ער שוין דעם 3 דעקאַבער, ער איז אַ באַלן, דער קאַלענדאַר, אָפּצושפּעטן פֿון די טעג און וואָכן, וואָס מענטשן ציילן אַזוי געטרײַ לויטן סיידער.

פֿאַרקלערט קוקט אַרויס פֿון אונטערן עקסטן בעטל אַ מײַזל. אָט איז עס אַרויסגעשפּרונגען אינמיטן צימער, אַרײַנגעטעמט אַ ביסל פֿרישערע לופֿט, ביכלאַל זיך אָנגענומען מיט מוט צום לעבן און אַוועקגעלאָפֿן צוריק צום אַלטן אָרט״.

זיצן אַ צײַט און באַשרײַבן די ערשטע אײַנדרוקן פֿון דער צוזאַמענוווינונג איז אַרקען ניט אויסגעקומען. אין צימער האָט אַרײַנגעהונקען אױף צוויי קוליעס אַ הויכער צעכראַסטעטער כעווערעמאַן, ער האָט צוגעטאַנצט צו זײַן בעטל — דאָס דריטע פֿון אַרקעס געלעגער, אַרויסגענומען פֿון אונטערן קישן אַ שפּיגעלע און אַ היפּשע ווײַלע זיך באַקוקט. ווײַזט אויס, אַז פֿון דער באַקוקעניש איז ער געבליבן צופֿרידן. ער האָט דאָס שפּיגעלע אַוועקגעלייגט אױף דער טומבאָטשקע, און דאַן געווענדט די אויגן צו אַרקען.

— אַ נײַינקער? — האָט ער געפֿרעגט.

— אַ נײַינקער, — האָט אַרקע געענטפֿערט.

— פֿונוואַנען?

— פֿון קאַראַטשאָווקער קינדער־הויז.

— און איך בין פֿון קוראַזש. האָסט עפּעס געהערט וועגן דער קוראַזשער קאָלאָניע?

— ס׳איז ניט ווײַט פֿון אונדז. מיר זײַנען געווען באַ אײַך אױף אַן עקסקורסיע, — האָט אַרקע געענטפֿערט.

פּונקט ווי אַמאָל דער קאָלעקטאָר, אַזוי איז דערנאָך די קוראַזשער קאָלאָניע אַ שטיק צײַט געווען פֿאַר אַרקען דאָס שרעקלעכסטע אָרט אין דער וועלט. עס איז איימעס־מאָוועס אַהין אַרײַנצופֿאַלן. ער האָט זיך אָנגעהערט, אַז, קלוימערשט, מע שלאָגט דאָרטן, די דיסציפּלין איז אַזוי ווי אין אַ קאַזאַרמע, עס איז פֿאַראַן אַ קאַרצער, ווו די באַשטראָפֿטע זיצן אױף ברויט און וואַסער. נאָר אין איינעם אַ פֿרימאָרגן זײַנען די עלטערע קינדער פֿון קאַראַ־

טשאָווקע געקומען צופאָרן קיין קוראזש אַף אַן עקסקורסיע, און דאָס, וואָס ארקע האָט דאָרטן דערזען, האָט אים היפּש באַרויִקט, עס איז אים דאָרטן אַפילע געפעלן געוואָרן.

די עקסקורסאַנטן האָט מען באַגעגנט, ווען זיי זײַנען נאָך געווען אַ צוויי הונדערט טריט פונעם הויפּט־קאָרפּוס פון דער קאָלאָניע, וואָס איז געשטאַנען אַזוי ווי אַף אַ הויכן באַרג און גוט זיך אָנגעזען פונדערווײַטנס. די קאָלאָניסטן האָבן מיט אַ יאָמטעוודיקן אופהייבן די הענט באַגריסט די אָראָפּגעקומענע געסט, עס איז געווען אַי אַ שטיקל פּאַראַד, אַי אַ גרויסע לײַטזעליקײַט און גאַסטפרײַנטלעכקײַט, עס האָט זיך געפילט דער פאַרלאַנג גוט אופצונע־מען, ווײַזן אַלץ, וואָס מע פאַרמאָגט און וואָס מע טוט דאָ אוף.

אַנטאָן סעמיאָנאָוויטש מאַקאַרענקאָ האָט אופגענומען די קאַראַטשאָווקער קינדער אַף דער גערוימער אָפּענער טעראַסע לעבן זײַן קאַבינעט. אַ גאַנץ הויכער, אַ קרעפּטיקער, אין אַ מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע און אין שטיוול, איז ער געזעסן אויבנאָן, און בײַ די זײַטן פון רעכטס און לינקס — די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן, אין וועלכע עס זײַנען גרופּירט די קאָלאָניסטן, שוין גאָר דערוואַקסענע באָכערים און מיידלעך, און נאָך אינגאַנצן קליינוואַרג, „פּאַצאַנעס”, וואָס האָבן שוין אָבער באַוויזן, זײַענדיק פאַרוואָרלאָזט און וואָגלענדיק איבער די גאַסן, עפּעס אופטאָן אַזעלכעס, אַז מע זאָל זיי דאַרפן שיקן אַף איבערדערציִונג ספּע־ציִעל צו מאַקאַרענקאָן.

אַנטאָן סעמיאָנאָוויטש האָט איבערגעלייענט אַ בריוו, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אַף אַ קוואַדראַטן בייגעלע פּאַפּיר. דערנאָך איז דאָס בייגעלע אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, יעדערער פון די קאַראַטשאָווקער קינדער האָט דאָס אַ רעגע געהאַלטן מיט די אייגענע פינ־גער. דאָס בריוול איז אַ סעקונדע געווען אויך בײַ ארקען אין דער האַנט, און אַי עס האָט געבריט, דאָס בייגעלע, אַי עס האָט געגלעט, ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט דעם און איבערגעבן דעם אַנדערן, וואָס וואַרט שוין אומגעדולדיק אַף זײַן ריי, ער וויל אויך שוין גיכער האַלטן אין האַנט און קוקן אַף דעם מיט די אייגענע אויגן. דאָס איז געווען מאַקסים גאָר־קיס אַ בריוו צו די קאָלאָניסטן. ארקע איז געווען אַנציקט פון גאָרקיס דײַטלעכן קסאַוו, יעדער אָס איז פאַרקײַלעכיקט, קיין אויסיעס מיט שפּיצן זײַנען ניטאָ, יעדער בוכשטאַב איז אַזוי, ווי אַ געשמאַק בייגעלע. אַזאַ לויטערן, קלאָרן קסאַוו קאָן מען, דוכט זיך, לייענען אײַנ־דערפינצטער. באַזונדערס האָט ארקען פאַרוווּנדערט דאָס, וואָס גאָרקי האָט געשריבן, אַז אַף קאַפּרי, אין איטאַליע, גייט ער באָרוועס. עס האָט אים טייקעף אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער ראַכמאָנעס אַף גאָרקין — אַ מענטש, און נאָך אַזאַ מענטש, גייט באָרוועס, האָט ניט קיין פּאָר שיך אַף די פיס. אָבער דאָס ווײַטערדיקע, וואָס איז געווען אין בריוו געשריבן, האָט ארקען באַרויִקט. מאַקסים גאָרקי האָט געדאַנקט די קאָלאָניסטן פאַרן ווילן אים אָפּנייען אין זייער שוסטער־וואַרשטאַט אַ פּאָר שטיוול, נאָר ער דאַרף זיי ניט. אין איטאַליע איז וואַרעם, אַפילע הייס, צוליב וואָס זשע דאַרף ער שטיוול?

ארקע האָט שוין געהאַט דאַן איבערגעלייענט מאַקסים גאָרקיס „די אַלטע איזערגיל”, און „מאַקאַר טשודראַ”, און „טשעלקאַש”, ער האָט געוווּסט אויסווייניק דאָס „געזאַנג וועגן סאָ־קאָל”, און אָפּטמאָל, ווען ס'איז אים געווען פריילעך אָדער, פאַרקערט, ווען ס'איז געווען קאַלעמוטנע אַפן האַרצן, האָט־ער, אויב ס'איז קיינער לעבן אים ניט געווען, געשריִען אין דער הייך, זיך אונטערגעבנדיק מוט און מונטערקײַט:

Пусть сильнее грянет буря![1]

ארקע האָט איצט געוואָלט נעמען אויספרעגן באַם הינקעדיקן באָכער, צי איז ער שוין לאַנג אַוועק פון דער קאָמונע און ווי עס לעבט זיך אים דאָ, אין צוזאַמענוווינונג. נאָר באַוויזן האָט ער בלויז זיך צו דערוויסן, ווי יענער הייסט, — מיטיאַ בובנע.

— און איך הייס כאַיִם.

— אַ ייִד?

— אַ ייִד.

אַף דעם האָט זייער געשפּרעך זיך איבערגעריסן, אין צימער איז אַרײַן אַ ווײַסהאָריק באָכערל, עטוואָס עלטער פון ארקען. ער איז ניט אַרײַנגעגאַנגען, נאָר אַרײַנגעפלויגן, דאָס היטעלע מיטן לאַקירטן אָנגעשפּאָלטענעם פּידאַשעקל איז געווען בײַ אים אַף אַ זײַט.

— מיטיאַ, אַ האָפּאַק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

מיטיע האָט געכאַפּט די באַלאַלײַקע און דערלאַנגט אַזאַ האָפּאַק, אַז עס האָט געדוכט — פון די סטרונעס, פון דער גאַנצער באַלאַלײַקע וועט גאָרנישט ניט בלײַבן, זי וועט זיך צע־

[1] זאָל שטאַרקער אַ קנאַל טאָן דער שטורעם!

שיטן אָף פּיץ־פּיצלעך. כוץ דעם, וואָס ער האָט געשפּילט, דה. געצופּט און געריסן די באַלאַלײַקע מיט די פֿינגער, האָט ער מיט איר נאָך געמאַכט פֿאַרשיידענע קונצן, געדרייט זי, ווי אַ קאַפּאָרע־הינדל איבערן קאָפּ, אַ פֿאַרוואָרף געטאָן זי אָף הינטן, אָפֿן נאַקן, אַ פּאָר מאָל אָפּילע אַ קלאַפּ געטאָן מיטן דעקל איבער דער קוליע, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט באַ אַ ברעג פֿון דער טומבאָטשקע. סאָפּקאָלסאָף האָט מיטיע אַליין ניט אויסגעהאַלטן, אופֿגעשפּרונגען פֿונעם בעטל און זיך גענומען דרייען אָף איין פֿוס איבער דער פּאָדלאָגע.

דערהערט, אַז מע טאַנצט, איז מען זיך צונויפֿגעקומען פֿון די איבעריקע צימערן. עס האָבן שוין געשפּילט נאָך צוויי מוזיקאַנטן.

— זיך ניט, הײַדאַ אויך! — האָט מיטקע אויסגעשרי̈ען צו אַרקען. — אויב דו ווילסט, אַז מע זאָל דיך שעצן, איז שטיי קיינמאָל ניט אָפּ און טו, וואָס אַלע טוען!

אַרקע האָט לאַנג ניט געלאָזט זיך בעטן. ער טאַנצט אויך. וואָס איז די פּלוצעמדיקע סימכע, האָט ער ניט געוווּסט, נאָר ער האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף זיך באַפֿרײַנדן מיט די כעווּרע, מיט וועלכע ער וועט לעבן צוזאַמען. אויב זיי איז פֿריילעך און זיי טאַנצן, דאַרף אים אויך זײַן פֿריילעך און ער דאַרף אויך כאַפּן אַ טענצל. ער האָט געהעפּקעט, אַזוי ווי עס האָט זיך געלאָזט און ווי ער האָט געקענט, געפּרוּווט נאָכמאַכן די אַנדערע טענצער און אַזוי, ווי זיי, געקלאַפּט מיט די הענט איבער די אײַנגעבויגענע קני און איבער די קנאַפּל פֿון די שיך. אין געפּערלעכן טומל, ווען מע הערט גאָרניט, האָט ער געשרי̈ען „איך בין האָצמאַך!״ דערבײַ איינמאָל אַזאַ אימפּעטיקן שפּרונג געטאָן אין דער הייך, אַז מיטיע בובנע האָט באַגײַטיקנדיק אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבערן הענטל פֿון זײַן באַלאַלײַקע.

— מאָלאָדיעץ, אַראָן־פֿאַראַאָן!

האָט ער שוין, אַרקע, אַ צונאָמען אויך — אַראָן־פֿאַראַאָן, מיילע, פֿון אַ צונאָמען שטאַרבט מען ניט.

פֿאַרמאַטערטע האָבן די טענצער זיך אָוועקגעוואַלגערט אָף די בעטלעך. אַרקע, קוים אָפּעטעמענדיק, אויך. די מוזיקאַנטן מיט די צוויי באַלאַלײַקעס און מיט די האַרמאָשקעס זייערע האָבן אופֿגעהערט צו שפּילן און עס איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל.

אין צימער האָט אַרײַנגעשפּאַנט אַ נײַער מענטש, און אַרקע האָט פֿון די באַגריסונגען, מיט וועלכע מע האָט דעם אַרײַנגעקומענעם אופֿגענומען, פֿרי̈ער פֿון אַלץ זיך דערוווּסט, ווי יענער הייסט. עפּעס גאָר אַ מאָדנער נאָמען: אַנדריי מײַרעוו־אוקראַי̈נע. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן אויסגענייט העמדל און אין זייער אַ טשיקאַווע קורטקעלע, אויך אַן אויסגענייטס, נאָר גאָר אָף אַ געהויבענעם אופֿן — מיט קאָלערליי שיינע בלימעלעך אָפֿן קראַגן, אָף דער ברוסט און אָף די אַרבל. דער פֿריילעכער, בלימלדיקער אויסזען פֿון די בגאָדים האָט ניט געשטימט מיט די טרויעריקע האָוויִעס, וואָס אַנדריי מײַרעוו־אוקראַי̈נע האָט געמאַכט. זײַן טונקל ציגײַנעריש פּאָנעם איז געווען פֿאַרמאָרעשכוירעט, און די גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן פֿול מיט זאָרג. ער האָט הין און צוריק דורכגעשפּאַנט לענגויס די רייען בעטלעך איבערן צימער, דערנאָך פֿאַרקערעוועט צו אַרקען, גוטברודעריש געגעבן אים אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע, ווי ער וואָלט אים געקענט ווער ווייסט פֿון ווען אָן:

— אָט דיך דאַרף איך טאַקע, — האָט ער געזאָגט, — וויפֿל האָסטו?

— וואָס — וויפֿל האָב איך? — האָט אַרקע ניט פֿאַרשטאַנען.

— טאַלאָנעס צום עסן. האָסט שוין געקראָגן באַ דער באָרד טאַלאָנעס?

— געקראָגן...

— אָף צוויי וואָכן?

— יאָ.

— וועסטו מיר אָף אַ וואָך אַנטלײַען...

— נו, נו, ניט איבעריקס שטופּ די האַנט אין אַ פֿרעמדער קעשענע, מע קאָן אַזוי אַ פּאַטש טאָן איבער איר, אַז דו וועסט בלײַבן נאָר מיט אַ קולטיאַפּקע.

דאָס האָט געזאָגט מיטקע בובנע, ער האָט שוין גענומען זיך פֿאַר דער קוליע, ווײַזט אויס, גרייט אויסצופּילן זײַן דראָונג.

— זאָל זײַן ניט אָף אַ וואָך, אָפּילע ניט אָף אַ טאָג, נאָר אָף איין וואַרמעס, — האָט אַנדריי אָפּגיך פֿאַרקלענערט זײַנע פֿאָדערונגען.

אַרקע האָט געגעבן אַ טאַלאָן, און יענער האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו דער טיר, בייס אָף דער שוועל זײַנען אים אַנטקעגנגעקומען צוויי כעוורעלײַט. זיי האָבן אים פֿאַרקערעוועט אָף צוריק און איינער פֿונעם פּאָרל האָט אַנדרייען געשטעלט גאָר אַן אומגעריכטע קאַשע:

— די רעוואָליוציע פֿון פֿינפֿטן יאָר איז געווען אַ בורזשואַזע אָדער אַ פּראָלעטאַרישע?

אנדריי האָט שוין פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ טאַלאָן און ער דאַרף גיין עסן מיטיק. ער איז צופרידן געווען, וואָס צו אים קומט מען מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע פראַגן. דאָס טונקעלע פּאָנעם זײַנס איז געוואָרן ליכטיק, ער האָט גענומען ענטפערן, זיך פאַרפלאָנטערט, נאָר ניט אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך.

— ס'איז געווען אַ בורזשואַזע. און... אַ פּראָלעטאַרישע אויך, — האָט ער געפּאַסקנט.

אַרקע האָט באַשלאָסן אַרויסווײַזן זײַנע קענטעניש. ער איז באַהאַוונט אין אַזעלכע זאַכן.

— אין פּאַפּאַווס פּאַרטיי־געשיכטע און בײַ יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקין, — האָט ער זיך אַרײַנגעמישט, ווי גאָר אַ גרויסער קענער, — איז קלאָר אָנגעשריבן, אַז ס'איז געווען אַ גענעראַלנע רעפּעטיציע...

ווי עס איז אויסגעקלאָרט געוואָרן וועגן פינפטן יאָר, איז מען אַוועק עסן. אַרקע האָט דאָס ערשטע מאָל געגעסן אויף אַ טאַלאָן. ער האָט ניט באַמערקט, וויאַזוי עס איז בײַ אים זיך צעקראָכן אַ גאַנצער צענדליק טאַלאָנעס, ער האָט אַנטלײַען יעדערן, וועלכער עס האָט בײַ אים געבעטן. ער האָט געוואָלט, אַז מע זאָל אים פונעם ערשטן טאָג אָן האַלטן פאַר אַן אייגענעם, גוטן כעוורעמאַן, ניט קיין קאַרגוטש.

— אויב עמעצער וועט אָרגאַנען־פאַראָאַנען ניט אָפּגעבן דעם כויוו, — האָט מיטקע גע־דראָעט אַלעמען, וואָס האָבן גענומען בײַ אַרקען טאַלאָנעס, — וועל איך אים מיט אָט־דער קוליע מײַנער פּלעטן דעם קאָפּ!

אָבער אַרקע האָט דערווײַל גאָרניט געטראַכט וועגן דעם, צי ער וועט האָבן שפּעטער וואָס צו עסן, אָדער ניט. דערווײַל האָט ער אָפּגעגעסן מיטיק און ער איז זאַט. שלעכט איז נאָר דער טומל אין דער צוזאַמענוווינונג. ס'איז אים אַ שאָד דאָס העפט, וואָס ליגט בײַ אים באַהאַלטן אונטערן סעניק פונעם בעטל און ער קאָן עס ניט אַרויסנעמען צום שרײַבן, ווײַל ווי קאָן מען שרײַבן אין אַזאַ הו־האַ, מישמאַש, געפּערלעכן גערודער, וואָס איז שטענדיק אין צימער?

אַרקע איז געגאַנגען איבער דער גאַס. עס איז געווען ווינטיק. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קורצן קאָלנער פונעם מאַנטל. ער האָט ניט געהאַט וווּהין צו גיין, און ער איז געגאַנגען סטאַם אַזוי, צו זײַן אַ ביסל מיט זיך אַליין. עס האָט אים ניט געאַרט דער קאַלטער האַרבסטי־קער רעגן, וואָס האָט פּלוצעם אָנגעהויבן זיפּן.

אין צוזאַמענוווינונג האָט ער זיך אומגעקערט שפּעט, ווען דאָס ליכט אין צימער איז שוין געווען אויסגעלאָשן און פון אַלע בעטלעך האָט זיך געטראָגן אַ כראָפּערײַ. אַלע זײַנען געשמאַק געשלאָפן. נאָר פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַן אײַנגעהאַלטענע ריידערײַ און געלעכטער פון אַ ליבנדיק פּאָרל, וואָס איז געשטאַנען דאָרטן בײַ דער פּאַרענטשע.

מיט גרויס פרייד האָט אַרקע דערזען, אַז גראָד אויף זײַן בעטל און אויף דער טומבאָטשקע, וואָס שטייט לעבן דעם, פאַלט אַ העלער ליכט־רייף פון אַנטקעגנדיקן גאַסן־לאָמפּ. דער סלופּ מיטן לאָמפּ איז פונקט אַנטקעגן, עס איז ליכטיק, מע קאָן אַפילו שרײַבן מיט קליינע אויסיעלעך. אַרקע האָט אַרויסגענומען דאָס העפט. איצט קאָן ער זיצן אַפילו אַ גאַנצע נאַכט, קיינער וועט אים ניט שטערן...

(סאָף קומט)

פובליציסטיק

דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם — אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַרן ייִסראָעל־פאָלק און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע קרייזן

דאָקומענט, באַשטעטיקט פונעם 17־טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל

דער 17־טער צוזאַמענפאָר שאַצט אָפּ, אַז די ענדערונגען אין די קרייזן־פאַרהעלטענישן צום אומגונסטן פונעם אימפּעריאַליזם און לטובֿת דעם סאָציאַליזם, דער דורכפאַל פון די מיליטערישע אָנשטרענגונגען פון דעם אימפּעריאַליזם, וועלכע זײַנען אויסן געווען צו ענדערן דעם גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן, די עקאָנאָמישע דורכפאַלן פונעם אימפּעריאַליזם אין זײַן פאַרמעסט מיט דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער סיסטעם — דאָס אַלץ האָט דערפירט צום דורכפאַל פון דער סטראַטעגישער גלאָבאַלער ליניע פונעם אימפּעריאַליזם, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

בײַ אַזאַ מאַצעוו פאַרנעמט דער אידעאָלאָגישער קאַמף אַ מער וויכטיק אָרט ווי ווען־ניט־איז. אין די דאָזיקע נײַע באַדינגונגען, מערער ווי אין פריִערדיקע טקופֿעס, באַנוצט זיך דער אימפּעריאַליזם מיטן ציוניזם ווי מיט איינעם פון זײַנע וויכטיקסטע אינסטרומענטן אין קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם, קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג.

דאָס אָרגאַניזירן אַנטיסאָוועטישע העץ־קאַמפּאַניעס בײַ דער מיטהילף פון ציוניזם, דאָס אויסנוצן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיטן צוועק צו שאַפן אַ געשפּאַנטקײַט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, כּדי צו סאַבאָטירן די אָנשטרענגונגען צו פאַרפעסטיקן די פרידלעכע קאָעקזיסטענץ צווישן מעדינעס מיט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע רעזשימען — זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סיסטעמאַטישער דערשײַנונג אין די לעצטע יאָרן, מערער ווי אין די פריִערדיקע; די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, נוצט אויס צום שלעכטן די פרײַנטלעכע געפילן מיצאַד די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין פאַרשיידענע לענדער לעגאַבע די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין רעזולטאַט פון דער פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן ייִדן דורך די היטלערישע בעסטיעס אין אייראָפּע, — נוצט אויס די פרײַנטלעכע געפילן, כּדי אָפּצונאַרן די דאָזיקע קרײַזן אין אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע הערשער און פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דעריבער איז פון גרויסער וויכטיקײַט די גרינטלעכע אויפקלערונג וועגן הײַנטצײַטיקן ציוניזם, דער קאַמף קעגן זײַן אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק.

דער ציוניזם — אַ רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק

דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעזיס וועגן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק — איז נישט נאָר ניט פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר ער ווערט בײַ הײַנטיקן טאָג נאָך מערער באַשטעטיקט. זיי זײַנען רעאַקציאָנערע צוליב פאָלגנדיקע מאַטיוון.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז אַ רעאַקציאָנערע, ווײַל איר אויסגאַנג־פּונקט איז אַ נאַציאָנאַליסטישער, אַ ראַסיסטישער. דער ציוניזם דערקלערט, אַז די לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע, דאָס באַפרײַען די ייִדן פון פאַרפאָלגונגען און פון אַנטיסעמיטיזם — איז מעגלעך

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 1974.

בלויז דורך פארלאָזן די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן, און אויסוואנדערן קיין ייִשׂראל.
מיט דעם איגנאָרירט ער די קלאסעווע קאפּיטאליסטישע וואָרצלען פונעם אנטיסעמיטיזם און לייקנט אָפּ די עכטע און איינציקע רעאלע לייזונג, וואָס באַשטייט אין דער ענדערונג פונעם קאפּיטאליסטישן רעזשים און אינעם ניצחון פון דער דעמאָקראטיע און סאָציאַליזם. די דאָזיקע טעאָריע איז א ראסיסטישע, ווײַל זי האלט פון פאָרויס, אז בא קיין שום סאָציאַלער אָרדענונג זײַנען מענטשן פון פארשיידענע פעלקער ניט אימשטאנד צו לעבן אין ברידערלעכקײַט און פרײַנטשאפט צווישן זיך, און אז דאָס איז באַזונדערס נעגייע די ייִדן. דאָס איז א מין פארקערטע אנטיסעמיטישע טעאָריע. די ציוניסטישע אידעאָלאָגן שרײַבן צו אנדערע פעלקער בלויז דערפאר, וואָס זיי זײַנען ניט קיין ייִדן, — די זעלבע אייגנשאפטן, וועלכע די אנטיסעמיטן שרײַבן צו די ייִדן דערפאר, וואָס זיי זײַנען ייִדן. ביידע טעאָריעס, סײַ די ציוניסטישע און סײַ די אנטיסעמיטישע, שטאמען פון איין מאָקער — פון דער ראסן־טעאָריע, און זייער ציל איז: צעשיידן די האָרעפּאשנע מאסן פון פארשיידענע פעלקער, צו דער גרויסער פרייד פונעם קלאסן־סוינע.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האלט, אז די ייִדישע ארבעטנדיקע דארפן זיך אָפּזונדערן פון די ארבעטנדיקע פון אנדערע פעלקער און אז זיי דארפן שאפן איין פראָנט, איין אָרגאַניזאציע מיט דער ייִדישער בורזשואזיע, מיטן קלאסן־סוינע, קעדיי צו פארווירקלעכן די ציוניסטישע צילן. דעריבער דערציט די דאָזיקע ציוניסטישע טעאָריע אומבאַדינגט אין גײַסט פון קלאסן־שאָלעם. לויט דער דאָזיקער טעאָריע איז קלוימערשט פאראן א בעשוטפעסדיקער אינטערעס צווישן די ייִדישע מיליאָנערן אין ניו־יאָרק און די אָרעמע ייִדן אין קאסאבלאנקא (מאראָקאָ) אָדער אין די אָרעמקײַט־קווארטאלן פון ירושאָלאַיִם. די ציוניסטישע טעאָריע דערפירט, אלזאָ, צו דער שפּאלטונג פון די ארבעטנדיקע אָף ייִדן און ניט־ייִדן, און זי העלפט די קאפּיטאליסטן אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער, אין וועלכע ס׳איז טעטיק דער ציוניזם, אָרײַנצוהאקן א קלין צווישן די ארבעטנדיקע פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן. א וועזנטלעכער טייל פון דער ציוניסטישער טעאָריע איז די רעאקציאָנערע און ניט־רעאלע באַהויפּטונג וועגן דער עקזיסטענץ פון א ייִדישער אלוועלטלעכער עקסטעריטאָריעלער נאציע און דער עקזיסטענץ פון בעשוטפעסדיקע איבערקלאסעווע אינטערעסן פון אלע ייִדן אין דער גאָרער וועלט. די דאָזיקע טעאָריע באַמיט זיך אָף א קינסטלעכן אויפן צו שאפן איין נאציע פון מענטשן, וועלכע לעבן ניט אָף קיין געמיינזאמער טעריטאָריע, אין געמיינזאמע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס פארמאָגן ניט קיין בעשוטפעסדיקע שפּראך, קיין בעשוטפעסדיקע כאראקטער־אייגנשאפטן און קיין בעשוטפעסדיקע קולטור. אין דער ווירקלעכקײַט איז בלויז פאראן אן אלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג, אָבער קיין אלוועלטלעכע ייִדישע נאציע עקזיסטירט ניט.

דער ציוניזם באַנוצט זיך מיט די צוואנגס־מיטלען פון מעדינאס ייִשׂראל, קעדיי אָנבינדן אידעאָלאָגישע באַגריפן, וואָס ווידערשפּרעכן דעם לעבן גופע אין זײַן אנטוויקלונג. דער אָפּזאָג פונעם העכסטן געריכט צו רעגיסטרירן דעם דאָקטאָר י. טאמארינען לויט זײַן פארלאנג זײַן נאציאָנאליטעט אלס ייִשׂראלדיקע (אָנשטאָט ייִדישע), צוליב פּרינציפּיעלע טײַמים, אז „ס׳איז ניטאָ קיין באַזונדערע ייִשׂראלדיקע נאציע" פון אלוועלטלעכן ייִדישן פאָלק, — איז א ווילקירלעכע ציוניסטישע האנדלונג, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צו דער ווירקלעכקײַט און אפילע צו דער זיך אנטוויקלענדיקער ייִשׂראלדיקער דערקענטעניש פון די ייִדן אין ייִשׂראל.

אין א רעפערענדום, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די מעלוכישע מיטלשולן און וואָס זײַנע רעזולטאטן זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן אין יאנואר 1972, האָבן 90 פּראָצ. שילער געענטפערט, אז „זייער ייִשׂראלדיקײַט איז פריִער פון זייער ייִדישקײַט"[1].

די ציוניסטישע באַוועגונג איז א רעאקציאָנערע, ווײַל זי האָט טאָמיד, זינט דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, געגראָבן אונטער דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, געווירקט צו אָפּזונדערן די ייִדישע ארבעטנדיקע פון די ארבעטנדיקע פון אנדערע פעלקער אין די סאָציאַליסטישע לענדער. איינער פון די שענדלעכסטע אויסדרוקן פון דער ציוניסטישער טעטיקײַט בא הײַנטיקן טאָג איז די ארונטערײַסערישע אקציעס קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער צו דינסט דעם אימפּעריאַליזם. אָף דעם דאָזיקן געביט נוצט אויס דער אימפּעריאַליזם, וועלכער פּרוּווט אופווירקן אָף דער באַפעלקערונג אין די סאָציאַליסטישע לענדער, ספּעציעל דעם ציוניזם. אין די לעצטע יאָרן פירט זיך די ציוניסטישע טעטיקײַט קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער אויך דורך די אָפיציעלע ייִשׂראלדיקע קאנאלן.

דער ציוניזם איז רעאקציאָנער, ווײַל בעמעשעך פון זײַן גאנצער געשיכטע איז ער געשטאנען צו דינסט דעם אימפּעריאַליזם. די ציוניסטישע מאנהיגים האָבן טאָמיד געהאנדלט און האנדלען אויך איצט האנט־בא־האנט מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאכטן קעגן די קויכעס פון סאָציאַליזם און נאציאָנאלער באַפרײַונג.

דער ציוניזם אָפּן מיטעלן מיזרעך דינט אלס א מיליטערישער און פּאָליטישער אינסטרו־

---

[1] „ידיעות אחרונות", 12. 1. 72.

מענט אין די הענט פונעם אימפעריאַליזם קעגן דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג, קעגן די אַנטי־אימפעריאַליסטישע קויכעס און מעדינעס אינעם ראַיאָן. אַנטי־אַראַבישער שאָוויניזם, דאָס פאַרטרייַבן די אַראַבישע פעלאַכן פון זייער ערד, אָקופּירן די ערד פון די אַראַבער און פאַרנעמען זייערע פלעצער (כיבוש הקרקע וכיבוש העבודה), די שטרעבונג צו אַ מאַקסימום פון שטעטך, מיט וואָס ווייניקער אַראַבער אויף אים, — אָט וואָס עס כאַראַקטעריזירט די ציוניסטישע פּאָליטיק אין לאַנד נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון מעדינאַס יִשׂראָעל און נאָך איר אַנטשטייונג. זי איז געווען און איז פאַרבליבן אַ קאָלאָניאַליסטישע, אַנטי־אַראַבישע און פּראָ־אימפעריאַליסטישע פּאָליטיק.

די סועץ־סיניַי־מילכאָמע, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ געשלאָסענעם בונד מיט די פראַנצויזישע און ענגלישע אימפעריאַליסטן — האָבן אונטערגעשטיצט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אָן אויסנאַם. די יון־מילכאָמע אין יאָר 1967, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן באַ דער מיליטערישער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מיטהילף מיצאַד דעם אַמעריקאַנער אימפעריאַליזם און אַנדערע אימפעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, האָבן אונטערגעשטיצט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין לאַנד און אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

און צום סאָף:

די אידעאָלאָגיע און די פּראַקטיק פונעם ציוניזם זייַנען רעאַקציאָנערע, ווייַל זיי ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פון די יִדישע אַרבעטנדיקע אומעטום אין יעדן לאַנד און די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם יִשׂראָעל־פאָלק. די ציוניסטישע פּאָליטיק אין די לענדער, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל, שטיצט די רעאַקציאָנערע, ראַסיסטישע און אַנטיסעמיטישע קויכעס. דעריבער איז יעטווידע אונטערשטיצונג פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק נישט בלויז ניט קיין אונטערשטיצונג פאַר די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם יִשׂראָעל־פאָלק און פאַר די אינטערעסן פון די יִדישע אַרבעטנדיקע, נאָר זי איז אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך צו זיי.

דער ציוניזם, נישט בלויז וואָס ער גיט ניט קיין זיכערקייַט דעם פאָלק פון יִשׂראָעל, נאָר ער שטעלט אים אין אַ געפאַר. די ציוניסטישע פּאָליטיק, וועלכע הערשט אין מעדינאַס יִשׂראָעל, שטעלט אין אַ געפאַר די זיכערקייַט און די צוקונפט פונעם לאַנד, זעצט אַוועק דאָס פאָלק פון יִשׂראָעל אויף אַ ווולקאַן, איז מאַפקיר מיט דעם גוירל פון יִשׂראָעל לעטויוועס דעם אַמעריקאַנער אימפעריאַליזם; איזאָלירט יִשׂראָעל פון דער אַרומיקער אַראַבישער וועלט און רופט אַרויס צו אים פאַראַכטונג; איזאָלירט יִשׂראָעל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט מיטן ראַטנפאַרבאַנד בעראָש, פון די פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און לאַטייַן־אַמעריקע, וועלכע קעמפן קעגן אימפעריאַליזם, פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייַונג.

דעריבער איז דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם — די זאַך פון אַלע עכטע יִשׂראָעלדיקע פּאַטריאָטן. דאָס איז אַ קאַמף פאַר די עמעסע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם יִשׂראָעל־פאָלק, פאַר די אינטערעסן פון די יִדישע אַרבעטנדיקע אין דער גאָרער וועלט, פאַר דער אַלגעמיינער זאַך פון שאָלעם, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייַט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם בילדן אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר דער אַנטשטייונג און פאַרשטאַרקונג פון ציוניסטיש־פאַשיסטישע פּאַרטייען און גרופּעס, וועלכע ווענדן אָן טעראָר־מעטאָדן — צוזאַמענשטויסן, אונטערצינדונגען און דראָונגען, און שאַפן צוליב דעם צוועק האַלב־מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די ליגע פון מייער קאַהאַנע. די ציוניסטישע מאַנהיגים אין יִשׂראָעל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער גרענעצן זיך צייַטנווייַז אָפּ — צוליב טאַקטישע אויסרעכענונגען — פון די טעטיקייַט־מעטאָדן פון די דאָזיקע גרופּעס, פאַקטיש אָבער באַוויליקן זיי די אַקציעס פון די פאַשיסטישע גרופּעס, דערמוטיקן זייער טעטיקייַט, פּאָפּוליאַריזירן ווי ווייַט מעגלעך זייערע כוליגאַנישע מייַסים מיט אַלע מיטלען פון דער טעלעוויזיע.

פון דעם אויבן געזאָגטן דרינגט אַרויס דער אויספיר, אַז ס׳איז ניטאָ און עס קאָן ניט זייַן קיין פּראָגרעסיווער ציוניזם. די עצעם ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז אַ רעאַקציאָנערע, און די ציוניסטישע פּראַקטיק איז טאָמיד געווען און איז אַ רעאַקציאָנערע. אין דער זעלבער צייַט באַטראַכט אונדזער פּאַרטיי די קלאַסן־פאַנאַנדערטיילונג אין דער יִשׂראָעלדיקער געזעלשאַפט אַלס אַנטשיידנדיקע, אַלס אויסגאַנג־פּונקט פאַר איר סטראַטעגיע און טאַקטיק. פאַראַן ציוניסטן און ציוניסטישע גרופּעס, וואָס טראָץ זייער אידענטיפיצירונג מיט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָבן זיי אַ ריכטיקע שטעלונג לעגאַבע דער אָדער אַנדערער קאָנקרעטער פראַגע אויפן געזעלשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן געביט. דעריבער האָט אונדזער פּאַרטיי טאָמיד געזען און זעט ווייַטער די מעגלעכקייַט און די באַדערפעניש פון קאָנטאַקטן אין קאָנקרעטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן מיט יעדער פּערזענלעכקייַט אָדער פּאָליטישער קערפּערשאַפט, וועלכע האָבן אַ ריכטיקע שטעלונג אין אַ געוויסער פראַגע. באַגלייַך אָבער מיט דעם וועט אונדזער פּאַרטיי פאָרזעצן דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קאַמף קעגן ציוניזם.

אונדזער פארטיי קעמפט פאר א פארייניקטן שאָלעם־פראָנט פון די אלע אין יִסראָעל, וועלכע זיינען קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק, וועלכע זיינען פאר א שאָלעם אָן אנעקסיעס, אָן אונטערשייד פון זייער אידעאָלאָגישער אָנשויונג, און אפילע אָן אונטערשייד פון זייער שטעלונג לעגאבע דעם כאראקטער פון דער יון־מילכאָמע אין 1967, פאר א פאריייניקטן ארבעטער־פראָנט אף צו פארטיידיקן די טאָגטעגלעכע אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע.

די היסטאָרישע אָביעקטיווע אנטוויקלונג, די ענדערונגען אין די קויכעס־פארהעלטענישן אין דער וועלט לעטויוועס דעם סאָציאַליזם און צום אומגונסטן פונעם אימפעריאַליזם, די היסטאָרישע פערספעקטיוולאָזיקייט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק — דאָס אַלץ ווירקט און וועט ווייטער ווירקן אף די ארבעטנדיקע און פאָלקס־מאסן בא אונדז אין לאנד אין דער ריכטונג פון פארשטיין די ריכטיקייט פון אונדזער אידעאָלאָגישן וועג און די גערעכטיקייט פון אונדזער פּאָליטיק, וועלכע דינט אפן געטרייסטן אויפן די אינטערעסן פון אלע ארבעטנדיקע אין יִסראָעל — יידן און אראבער, — די נאציאָנאלע אינטערעסן פון יִסראָעל־פאָלק, די אינטערעסן פון אלע פעלקער אין אונדזער ראיאָן און די אינטערעסן פון סאָציאַליזם און פראָגרעס אין דער גאָרער וועלט.

אין לעצטן סאכאקל — דער ציוניזם שטייט אין א ווידערשפרוך ניט בלויז צו די אינטערעסן פונעם סאָציאַליזם און פון דער נאציאָנאלער באפרייונגס־באוועגונג, ניט בלויז צו די אינטערעסן פון דער אלגעמיינער זאך פון שאָלעם און סאָציאַלן פראָגרעס, נאָר ניט אין קיין קלענערער מאָס — צו די אינטערעסן פון דער יידישער יִסראָעלדיקער נאציע גופע, צו דער נאציאָנאלער באפרייונג פון יִסראָעל פון דער געפערלעכער אָפּהענגיקייט פונעם אימפעריאַליזם, ווי אויך צו די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע יידישע מאסן אין דער גאָרער וועלט.

די אלוועלטלעכע ציוניסטישע באוועגונג, מיט אלע אירע פארשיידענע אָרגאניזאציעס, האָט די פרעטענזיע, אָן שום אָנהאלט אין דער ווירקלעכקייט, צו רעפּרעזענטירן די יידן אין דער גאָרער וועלט. די גרעסטע מערהייט יידן אין דער וועלט געהערט ניט צו דער ציוניסטישער באוועגונג, האָט קיינמאָל ניט געטראכט און טראכט ניט וועגן עמיגרירן קיין יִסראָעל. אפילע אין די באדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון מעדינאס יִסראָעל און פון א ברייטער פינאנסירונג פאר דער אליִע מיצאד די מערעוו־לענדער פארבינדט בלויז א קליינער טייל פון די יידן אין דער וועלט זיין גוירל מיט מעדינאס יִסראָעל, און א באדייטנדיקער טייל פון די, וואָס האָבן עמיגרירט קיין יִסראָעל, האָבן זי שוין, פאקטיש, פארלאָזט. פונדאנען קאָן מען מאכן דעם היסטאָרישן אויספיר, אז די ציוניסטישע באוועגונג איז געווען און איז פארבליבן בלויז איין ריכטונג, און דערביי ניט קיין דאָמינירנדיקע בא די יידן אין דער וועלט. די דאָזיקע ריכטונג דריקט אויס די קלאסן־אינטערעסן פון דער יידישער גרויס־בורזשואזיע, וועלכע בילדעט אָן אָרגאנישן טייל פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאל פון די אימפעריאַליסטישע לענדער, די אינטערעסן פונעם יִסראָעלדיקן גרויס־קאפּיטאל, וואָס איז פארבונדן מיטן פרעמדן קאפּיטאל, און שטייט אין א ווידערשפרוך צו די אינטערעסן פון דער מערהייט יידן אין דער וועלט.

דער מארקסיזם־לעניניזם, וועלכער ווייזט דעם וועג צו נאציאָנאלער און סאָציאַלער באפרייונג פון די פעלקער, ווייזט אויך דעם וועג צו דער נאציאָנאלער באפרייונג פון יִסראָעל פון איר אָפּהענגיקייט פון די פרעמדע מאָנאָפּאָליעס און אימפעריאַליסטישע גרויס־מאכטן, פאר אזא זיכערקייט פון יִסראָעל, וואָס שטיצט זיך אף א פעסטער באזע פון איינשטעלן פריינטשאפטלעכע באציונגען און מיטארבעטערשאפט מיט די שכייניש אראבישע פעלקער, מיטן ראטנפארבאנד און אנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, מיט דער מעכטיקער אנטי־אימפעריאַליסטישער באוועגונג פון די פעלקער. דער מארקסיזם־לעניניזם ווייזט דעם וועג צום סאָציאַליזם אין יִסראָעל.

דער אידעאָלאָגישער קאמף אין די איצטיקע אומשטענדן

די היסטאָרישע דערפארונג פון די סאָציאַליסטישע מעלוכעס און באזונדערס פונעם ראטנפארבאנד באווייזט, אז דער סאָציאַליזם לייזט די נאציאָנאלע פראגן, איינשליסלעך די יידן־פראגע, ווייל ער וואָרצלט אויס די פונדאמענטאלע קלאסעווע סאָציאַלע סיבעס פונעם ראסיזם און נאציאָנאלער דיסקרימינאציע, איינשליסלעך — פונעם אנטיסעמיטיזם, און גאַראנטירט גלייכבארעכטיקונג פאר אלע פעלקער, אָפיציעל און פאקטיש.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגן נוצן אויס דעם פאקט, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט א געוויסע צאָל יידן אויסגעוואנדערט פון ראטנפארבאנד, קעדיי צו פרווון אָפּלייקענען די טעאָריע פון מארקסיזם־לעניניזם אין דער נאציאָנאלער פראגע און דערווייזן, אז דער סאָציאַליזם לייזט ניט די יידן־פראגע און אז דער ציוניזם האָט זיך באשטעטיקט. דער דאָזיקער פרוווו פון די ציוניסטישע אידעאָלאָגן איז אינגאנצן געבויט אף זאמד און האָט קיין שום באָדן ניט. אף אונדזער 16־טן פארטיי־צוזאמענפאָר האָבן מיר אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזומעס וועגן דער „יידן־פראגע און דעם ציוניזם בא היינטיקן טאָג“:

„די דערפארונג פון סאָציאַליזם באַווײַזט, אַז אין די סאָציאַליסטישע לענדער איז געלייזט געוואָרן די ייִדן־פראגע, עס זײַנען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל די סאָציאַלע און פּאָליטישע יעסוידעס פונעם אַנטיסעמיטיזם. אין די סאָציאַליסטישע לענדער עקזיסטירן ניט מער קיין געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וואָס זײַנען פאַרינטערעסירט אין אַנטיסעמיטיזם אָדער אין וועלכער־ניט־איז נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע”.

באַגלײַך אָבער מיט דעם לעבן נאָך אין די סאָציאַליסטישע לענדער מענטשן פון די אַלטע קלאַסן, פאַראַן נאָך דאָרט אַזעלכע, וועלכע זײַנען באַאײַנפלוסט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פון דער אויסערלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. עס ווערט אויך פאַרווירקלעכט אַ אידעאָלאָגיש־אימפּעריאַליסטיש־שאָוויניסטישע אַרונטעררײַסערישע טעטיקײַט פון דרויסן, וואָס באַמיט זיך אַרײַנצושמוגלען נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן און פלאַנצן אַ סינע צווישן די פעלקער, קעדיי פון אינעווייניק אונטערצוגראָבן די סאָציאַליסטישע מעלוכעס. עס זײַנען דעריבער נאָך פאַראַן דאָ און דאָרט אין די סאָציאַליסטישע לענדער פאַרשיידענע מענטשן (און ייִדן זײַנען ניט קיין אויסנאַם פון דעם), וועלכע האָבן זיך נאָך ניט באַפרײַט פון די איבערבלײַבעכצן פון שאָוויניסטישע און אַנדערע פאָרורטיילן (אײַנשליסלעך ציִעניזם און אַנטיסעמיטיזם).

די דאָזיקע דערשײַנונגען זײַנען אָבער ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַליזם. זיי זײַנען קעגנזעצלעך צו זײַן גאַנצן וועזן. זיי זײַנען ניט קיין אייגנשאַפטן פונעם סאָציאַליזם, נאָר אייגנשאַפטן פונעם קאַפּיטאַליזם, דעריבער — זײַנען דאָס פאָריבערגייענדיקע דערשײַנונגען אין די סאָציאַליסטישע לענדער.

אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן מאַרקסיסטיש־לעניניש אַנאַליז האָט אונדזער 16־טער צוזאַמענפאָר רעזומירט:

„דער פאַקט, וואָס ייִדן עמיגרירן פון סאָציאַליסטישע לענדער אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אײַנשליסלעך קיין יִשׂראָעל, איז ניט קיין רעזולטאַט פונעם סאָציאַליסטישן לעבנסאַרט, נאָר אַ פּראָדוקט פון פאַרשיידענע היסטאָרישע אומשטענדן. נאָך דער צווייטער וועלטמילכאָמע האָבן די גרוילן פון דער נאַציסטישער מאַסן־פאַרטיליקונג געווירקט אויף אַ טייל ייִדן אין דער ריכטונג פון פאַרלאָזן די כורבן־ערטער, ס'איז געשטיגן זייער באַגער צו פאַראייניקן זיך מיט די קרויווים אין אויסלאַנד. אַנדערע טיילן, פון קליינבירגערלעכן אָפּשטאַם, האָבן ליבערשט געוואָלט לעבן אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איידער אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. אין אַנדערע פאַלן האָבן געווירקט די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך די שוועריקײַטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווי אויך די באַגאַנגענע פעלערן אין געוויסע סאָציאַליסטישע לענדער”.

די דאָזיקע רעזומעס, ווי אַלע אַנדערע רעזומעס פון 16־טן צוזאַמענפאָר וועגן דער ייִדן־פראגע און ציִעניזם, האָבן באַ הײַנטיקן טאָג ניט פאַרלוירן זייער גילטיקײַט.

דער פאַקט, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט ייִדן, וואָס פאַרלאַנגען עס, אויסצוּוואַנדערן קיין יִשׂראָעל, ווידערשפּרעכט לאַכלוטן ניט די איבנדערמאָנטע באַהויפּטונגען, נאָר, פאַרקערט, דאָס פאַרשטאַרקט זיי נאָך מערער.

די ציִעניסטישע מאַנהיגים האָבן געטײַנעט, אַז די מאַסן ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד באַטראַכטן ניט דעם ראַטנפאַרבאַנד אַלס זייער היימלאַנד. איצט אָבער, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד דערמעגלעכט די ייִדן, וואָס פאַרלאַנגען דאָס (אויסער אויסנאַם־פאַלן), אויסצוּוואַנדערן קיין יִשׂראָעל, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ביז גאָר אַ קליינער טייל פון די סאָוועטישע ייִדן איז אין דעם פאַרינטערעסירט. דער אָביעקטיווער דאָמינירנדיקער פּראָצעס צווישן זיי איז די אינטעגראַציע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון די סאָוועטישע פעלקער. די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד זײַנען מיט אַלע פעדעם פון זייער נעשאָמע צוגעבונדן צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט די זין און טעכטער פון די אַנדערע סאָוועטישע פעלקער בויען זיי דעם קאָמוניזם, לעבן גליקלעך און זייער מאַטעריעלער און קולטורעלער לעבנס־ניוואָ איז אַ הויכער.

די פראגע פון עמיגראַציע איז ניט קיין פּרינציפּיעלע פראגע. די מאַרקסיסטן לייזן זי אין יעדן פאַל אַנטשפּרעכיק צו די באַדינגונגען פון צײַט און אָרט, אַנטשפּרעכיק צום אַלגעמיינעם אינטערעס פונעם פּראָגרעס. אין ראַטנפאַרבאַנד קומט פאָר אַ שטורמישע אַנטוויקלונג אויף אַלע געביטן פון דער עקאָנאָמיק, פון דער קולטור און געזעלשאַפט. די סאָוועטישע געזעלשאַפט איז די קרעפטיקסטע, די געזינטסטע געזעלשאַפט אין דער וועלט. די אויסוואַנדערונג פון עטלעכע טויזנט מענטשן פון ראַטנפאַרבאַנד, ייִדן און אַנדערע, — האָט ניט קיין שום אײַנפלוס אויף דער סאָוועטישער געזעלשאַפט און איר אַנטוויקלונג.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי פונעם ראַטנפאַרבאַנד פאַרשטאַרקט דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן אַלע דערשײַנונגען פון נאַציאָנאַליזם, אײַנשליסלעך אויך קעגן ציִעניזם. דער פאַקט, וואָס די סאָוועטישע ייִדן זײַנען ניט פאַרינטערעסירט צו פאַרלאָזן זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד און אַריבערטראָגן זיך אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און שטויסן אויף די פּראָפּאַגאַנדע פון די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן, באַווײַזט די קראַפט פונעם סאָציאַליזם און זײַן לעבנספעיִקײַט, לייקנט אויף די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע. די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד טראָגן

אַרײַן זייער בעקאָוועדיקן צושטײַער אין דער בויונג פונעם קאָמוניזם אין זייער סאָוועטישן היימלאַנד און מיט דעם טראָגן זיי צו זייער בײַטראָג פאַר דער אַלגעמיינער זאַך פון שאָלעם און פּראָגרעס, וואָס איז אויך דער העכסטער באַרוף פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע אומעטום.

דער פאַקט, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד לעבן די ייִדן אין באַדינגונגען פון פרײַהײַט און זיכערקײַט, און דער פאַקט, וואָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אײַנשליסלעך ייִסראָעל, זײַנען די ייִדן ניט זיכער אין זייער צוקונפט, — באַווײַזט, אַז ניט דער ציִעניזם, נאָר דער סאָציִאַליזם לייזט די ייִדן־פראַגע.

דער ציִעניזם האָט ניט געלייזט און איז ניט אימשטאַנד צו לייזן די ייִדן־פראַגע, דאָס הייסט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד צו באַפרײַען די ייִדישע מאַסן פון דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ער איז פאַראַן. די עמיגראַציע לייזט ניט די ייִדן־פראַגע. בלויז דער ניצחון פונעם סאָציִאַליזם קאָן אַרויסרײַסן דעם אַנטיסעמיטיזם מיטן וואָרצל, קאָן דערפירן צו אַ פונדאַמענטאַלער און פולער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע, פונקט ווי פון אַנדערע נאַציִאָנאַלע פראַגן.

דעריבער איז דער אָביעקטיווער אינטערעס פון די ייִדישע מאַסן, ווו זיי זאָלן זיך נאָר ניט געפינען, — צו קעמפן האַנט בא האַנט מיט די קויכעס פון דעמאָקראַטיע און סאָציִאַליזם פאַר אַ נײַער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס ווערן אַרויסגעריסן די קלאַסאָווע וואָרצלען פונעם ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם.

די אַנטיסאָוועטישע העצע פונעם ציִעניזם דינט דעם אימפּעריִאַליזם

די אינטערנאַציִאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דעפינירט דעם שווערפּונקט אין דער גלאָבאַלער סטראַטעגיע פונעם אימפּעריִאַליזם אין דער הײַנטיקער תקופה, פעסטשטעלנדיק, אַז „די שאַרף פון דער אַגרעסיווער סטראַטעגיע פונעם אימפּעריִאַליזם איז געריכטעט — ווי אין דער פאַרגאַנגענהײַט — קודם־כּל קעגן די סאָציִאַליסטישע מלוכות". אין זײַן קאַמף קעגן דעם סאָציִאַליסטישן לאַגער און קודם־כּל קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד מאָביליזירט דער אימפּעריִאַליזם אַף זײַן זײַט אַלע רעאַקציִאָנערע באַוועגונגען און אַלע סאַטעליט־רעגירונגען. צוליב אָט די צילן מאָביליזירט ער אויך די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די ייִסראָעל־רעגירונג, וועלכע האָבן געשטעלט אַלע פּאָליטישע מיטלען, דערין די מיטלען פון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע געפינען זיך אין זייער רשות, — צו דינסט דעם גלאָבאַלן קאַמף פונעם אימפּעריִאַליזם קעגן ראַטנפאַרבאַנד און קעגן קאָמוניזם.

אַ ביז גאָר וויכטיקע שטיצע דעם אימפּעריִאַליזם אין זײַן קאַמף קעגן קאָמוניזם, אין דער העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד ווײַזן אַרויס די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די ייִסראָעל־רעגירונג. אין משך פון די לעצטע יאָרן איז די אַנטיסאָוועטישע העצע אין ייִסראָעל דערגאַנגען צו אַ פּרעצעדענטלאָזן פאַרנעם. די קנעסעט איז פיל מאָל ספּעציעל צונויפגערופן געוואָרן אַף אַנטיסאָוועטישע שענדלעכע און ווילדע ספּעקטאַקלען. אין די שולן ווערן דורכגעפירט אַנטיסאָוועטישע רעפעראַטן, וואָס זייער ציל איז צו פאַרגיפטן די נשמות פון די קינדער און יוגנט בא אונדז אין לאַנד מיטן סם פון אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם.

די אַנטיסאָוועטישע העצע מיצד דער ייִסראָעל־רעגירונג און די ציִעניסטישע מנהיגים ווערט קאָאָרדינירט מיט די אימפּעריִאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־צענטערן אין וואַשינגטאָן און אין אַנדערע הויפּטשטעט.

•

דער אויסרייד פאַר דער אַנטיסאָוועטישער העצע מיצד די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס און דער ייִסראָעל־רעגירונג איז, כּלומרשט, זייער זאָרג פאַר די ייִדן אינעם ראַטנפאַרבאַנד און ספּעציִעל פאַרן רעכט פון עמיגראַציע פאַר די, וואָס ווילן דאָס. דער פאַקט, וואָס ס'איז ניט פאַראַן קיין פּראָבלעם פון ייִדן־דיסקרימינאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, דער פאַקט, וואָס די רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט יענע ייִדן, וואָס ווילן דאָס, צו עמיגרירן קיין ייִסראָעל, האָט ניט פאַרקלענערט דעם פאַרנעם פון דער אַנטיסאָוועטישער העצע מיצד די ציִעניסטישע מנהיגים און די רעגירער פון ייִסראָעל. זיי פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסאָוועטישן גיפט מיט אַלע מיטלען פון דער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע אין ייִסראָעל און אין אויסלאַנד, זיי אָרגאַניזירן אַנטיסאָוועטישע און פּראָוואָקאַציִאָנעלע דעמאָנסטראַציעס קעגן סאָוועטישע טוער, וואָס באַזוכן אויסלאַנד. זיי מיִעסן זיך ניט דורכצופירן אַקציעס אַף אַרונטערצורײַסן סאָוועטישע קולטור־ און קונסט־אונטערנעמונגען. זיי פאַרייניקן זיך אין דער דאָזיקער אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט מיט פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, מיט די ווײַס־עמיגראַנטן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, און מיט די, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו די נאַציס און זײַנען, כּדי אויסצומײַדן אַ שטראָף, אַנטלאָפן אַף מײַרעוו. דער עמעס אָבער דרינגט אַרײַן וואָס מערער און מערער אינעם באַוווסטזײַן פון דער עפנטלעכער מיינונג און די אַנטיסאָוועטישע העצע האָט אַלץ ווייניקער דערפאָלג.

די אַנטיסאָוועטישע העצע מיצד די ציִעניסטישע מנהיגים און די ייִסראָעל־רעגירער און זייערע פײַנטלעכע אַקציעס קעגן די סאָציִאַליסטישע לענדער און קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע רעזשימען אין די לענדער פון אַפריקע, אַזיע און לאַטײַן־אַמעריקע — זײַנען

בלויז איינע פון די אָפּצאָלונגען, וואָס די אמעריקאנער אימפּעריאַליסטן באקומען פארן געווער, פארן געלט און פאר דער פּאָליטישער שטיצע, וואָס זיי גיבן די הערשנדיקע קרײַזן אין ייִסראָעל קעגן די אראבישע מעדינעס.

א וויכטיקע סיבע פאר דער פארשטארקונג פון דער אנטיסאָוועטישער העצע אין א פרעצעדענטלאָזן פארנעם אין די יאָרן נאָך דער יון־מילכאָמע פון 1967 מיצאד די ייִסראָעל־הערשער און די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס אין פארשיידענע לענדער איז דער פאקט, וואָס דער ראטנפארבאנד שטערט דער פארווירקלעכונג פון זייערע רויבערישע באגערן פון טעריטאָריעלע אנעקסיעס און צו דערגרייכן די פונדאמענטאלע צילן פון די ציִעניסטישע מעשאָרסים פונעם אמעריקאנער אימפּעריאַליזם אין מיטעלן מיזרעך.

די פארשטארקטע אנטיסאָוועטישע העצע אין שײַכעס מיט דער קלוימערשטער „ייִדן־פארפאָלגונג" האָט, צווישן אנדערן, דעם ציל אָפּצווענדן די אויפמערקזאמקײַט פון דער אגרעסיע־ און אנעקסיע־פּאָליטיק מיצאד דער ייִסראָעל־רעגירונג, פון דער גרויזאמער אונטערדריקונג פון די אראבישע אײַנוווינער אויף די אָקופּירטע געביטן און דער פּאָליטיק פון נאציִאָנאלער דיסקרימינאציע בענעגייע דער אראבישער באפעלקערונג אין ייִסראָעל.

די אנטיסאָוועטישע העצע פון די ציִעניסטישע מאנהיגים און די ייִסראָעל־רעגירער איז אן אקציע קעגן שאָלעם אין מיטעלן מיזרעך. זי איז געריכטעט אויף צוצוגרייטן די באפעלקערונג אין ייִסראָעל צו דער מעגלעכקײַט פון א מילכאָמע־עסקאלאציע אין אונדזער ראיאָן, וואָס איז מעסוגל צו דערפירן צו א קריגס־קאָמפּליקאציע צווישן די גרויסמאכטן. דער ציִעניזם האנדלט, אלזאָ, קעגן דעם לעבנסוויכטיקסטן אינטערעס פונעם ייִסראָעל־פאָלק און פון די ייִדישע מאסן אין דער וועלט, וואָס באשטייט אין דער אָפּשוואכונג פון דער אינטערנאציִאָנאלער געשפּאנטקײַט, אינעם פארמײַדן א דריטע וועלט־מילכאָמע, אינעם פארמײַדן א קאטאסטראָפע פאר אלע פעלקער אין דער גאָרער וועלט. די ציִעניסטישע מאנהיגים און די מאכטהאָבער פון ייִסראָעל, וועלכע אָרגאניזירן די אנטיסאָוועטישע העצע־קאמפּאניעס, פארזען גלײַכצײַטיק דעם אנטיסעמיטיזם אין יענע לענדער, אין וועלכע ער עקזיסטירט, צום בײַשפּיל, אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער און אין א גאנצער ריי אנדערע קאפּיטאליסטישע לענדער. זיי נעמען אָן א פול מויל מיט וואסער, ווען נאצישע מילכאָמע־פארברעכער דרייען זיך ארום פראנק און פרײַ אין די אימפּעריאַליסטישע מײַרעוו־לענדער, און די ראָצכים פון ייִדן און פון אנדערע פעלקער זײַנען זוכע א פארגעבערישע באציִונג און לײַכטע שטראָפן, ווען זיי ווערן געשטעלט פאר א געריכט.

לעצטנס האָבן די ייִסראָעל־רעגירער אָנגעווענדט נאָך איין פּראָוואָקאציִאָנעלן שריט קעגן ראטנפארבאנד, צוטיילנדיק ייִסראָעלדיקע בירגערשאפט יענע סאָוועטישע בירגער פון ייִדישן אָפּשטאם, וועלכע לעבן אין ראטנפארבאנד און „צייכענען זיך אויס" מיט זייער טעטיקײַט קעגן דער סאָוועטישער אָרדענונג.

דער 17־טער צוזאמענפאָר שטרײַכט אונטער די נויטווענדיקײַט אראָפּצורײַסן די „נאציִאָנאלע ייִדישע" מאסקע פונעם ציִעניזם און באווײַזן די ייִדישע מאסן און די פּראָגרעסיווע קויכעס, וועלכע זײַנען צײַטנווײַז באײַנפלוסט פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע, אז סײַ די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע און סײַ די ציִעניסטישע פּאָליטיק דינען ניט די אינטערעסן פון די ייִדן און פונעם פּראָגרעס; פונקט פארקערט, זיי שטייען אין פולשטענדיקן קעגנזאץ צו זיי און דינען נאָר די פײַנט פון שאָלעם און פּראָגרעס, די קאָלערליי אנטיסעמיטן און ראסיסטן, די אלע, וועלכע שטויסן די מענטשהײַט צו א נײַער וועלט־מילכאָמע און האָבן מוירע פאר יעדער פארבעסערונג אין די אינטערנאציִאָנאלע באציִונגען און פאר יעדן דערפאָלג פון די קויכעס, וואָס קעמפן פאר נאציִאָנאלער באפרײַונג, סאָציִאלן פּראָגרעס אומעטום אין דער גאָרער וועלט.

עס איז א לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקײַט פאר ייִסראָעל צו דערפירן צו א פארבעסערונג פון די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד, צו נאָרמאלע און אפילע פרײַנטשאפטלעכע באציִונגען מיט אים. און דער וועג צו דעם איז — מאכן א סאָף צו דער אגרעסיווער און אנעקסאָניסטישער פּאָליטיק, פירן א פּאָליטיק פון שאָלעם און נאציִאָנאלער זעלבשטענדיקײַט.

דער ציִעניזם און די לינקע פּראָגרעסיווע קויכעס אין דער וועלט

אין אָנבליק פון די ענדערונגען, וועלכע זײַנען אין דער לעצטער צײַט פאָרגעקומען אין דער עפנטלעכער מיינונג פון פארשיידענע לענדער, לעגאבע דער פּאָליטיק פון די ייִסראָעל־הערשער און די אנדערע ציִעניסטישע מאנהיגים, און צוליב דעם, וואָס פיל באפרײַען זיך פון דער האשפּאָע פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע, — באמיִען זיך די ציִעניסטישע טוער אין זייער טעטיקײַט צווישן די לינקע און שאָלעם־ליבנדיקע קרײַזן אין אויסלאנד ארופּציִען אויף זיך אן אנדער פעל. קיין שום מיטל איז ניט פּאָסלדיק אין די אויגן פון די ציִעניסטישע פירער, קעדיי צו פעלשן די געשיכטע פון ציִעניזם, די געשיכטע פון פּאַלעסטינע און דעם עמעסדיקן כאראקטער פון דער אָפּיציִעלער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג.

אײנע פון די לעגענדעס, װעלכע זײ פארשפרײטן צװישן די פּראָגרעסיװע קרײַזן אין אויסלאנד, איז, אז די ציִעניסטישע באװעגונג האָט בײס דעם בריטישן מאנדאט געקעמפט קעגן דער פרעמדער מאכט. דער עמעס אָבער איז, אז דער „קאמף" קעגן דעם בריטישן קאָלאָניִאלן רעזשים מיצאד די ציִעניסטישע מאנהיגים (אין אונטערשײד צו דער שטרעבונג פון די ברײטע מאסן צו עמעסדיקער זעלבשטענדיקײַט) איז אויסן געװען צו איבערצײַגן די בריטישע מאכט־אָרגאנען פארבלײַבן אין לאנד, זיך רעכענען מיט דער ציִעניסטישער באװעגונג און נישט אויסשטעלן אפן אראבישן פאָלק. בען־גוריאָן, דער הויפּט פון דער ייִדישער אגענץ (סאָכנוט) אין יאָר 1946, האָט אין א געשפּרעך מיט ר. קראָסמאן — דעם מיטגליד פון דער ענגליש־אמעריקאנישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פאר פאלעסטינע — ערעץ־ייִסראָעל אים געזאָגט: „אויב ס'װעט אנטשטײן א ייִדישע מעדינע אין א טײל פון ערעץ־ייִסראָעל, װעט זי דינען אלס בריטישע באזע קעגן רוסלאנד" (ר. קראָסמאן „אין שליכעס קײן פאלעסטינע"). דער „דאװאר" פון 13.12.45 האָט געשריבן אין א לײטארטיקל: „דער גרויסער קויעך, װאָס איז ארײַנגעבראכט געװאָרן אין לאנד ארײַן, איז דאָ קאָנצענטרירט פאר די נײטיקע בריטישע באדערפענישן. מיר אנערקענען דאָס רעכט פון די דאָזיקע באַדערפענישן און זײַנען גרײט צו רעכענען זיך און שטיצן זײ, װי מיר האָבן שוין דאָס ניט אײן מאָל געטאָן".

אף א זשורנאליסטן־צוזאמענקום אין יערושאָלאיִם אין די ערשטע טעג פון מײַ 1947 האָט דער װאָרטזאָגער פון דער ייִדישער אגענץ דערקלערט: „אף דער נאָענטער סעסיע פון אונאָ װעט די סאָכנוט פאָדערן צו פארלענגערן דעם מאנדאט". און אפילע צום סאָף מײַ 1947, שוין נאָך דער רעדע פונעם סאָװעטישן פאָרשטײער א. גראָמיקאָ אין אונאָ האָט דער מאפּאַי־פירער פּינכעס לוביאניקער (לבון) דערקלערט אף דער זיצונג פון דער קנעסעט: „עפשער אן אנדער אינטערעס, אָבער ניט דער נאציִאָנאלער און ציִעניסטישער אינטערעס פאָדערט ארויסצוציִען דאָס בריטישע מיליטער".

פונדאנען איז געדרונגען, אז אין קעגנזאץ צו דער פּראָפּאגאנדע, װעלכע עס פירן בא הײַנטיקן טאָג די ציִעניסטישע טוער צװישן די לינקע קרײַזן אין אויסלאנד, איז דער ציל פונעם קאמף פון דער ציִעניסטישער לײטונג געװען צו איבערצײַגן די בריטישע מאכט־אָרגאנען, אז ס'איז זײ קעדײַ פונעם שטאנדפונקט פון זײערע אײגענע אימפּעריִאליסטישע אינטערעסן, מאמשיך צו זײַן און אָנשפּארן זיך אף דער ציִעניסטישער באװעגונג אלס אינסטרומענט קעגן דער נאציִאָנאלער אראבישער באװעגונג און קעגן ראטנפארבאנד.

אויך די ציִעניסטישע קרײַזן, װעלכע זײַנען קאָנצענטרירט ארום מאפּאם (דער דעמל־טיקער האשומער־האצאִיר), זײַנען געװען קעגן אנולירן דעם בריטישן מאנדאט און קעגן עװאקויִרן דאָס בריטישע מיליטער פון לאנד. און װען בא די געשאפענע אומשטענדן צום סאָף פון די 40־ער יאָרן איז דאָס געװען אומעגלעך, האָבן זײ פאָרגעשלאָגן צו באשטימען אן אנדער פרעמדע מאכט אונטערן שלײער פון אן אינטערנאציִאָנאלן פּראָטעקטאָראט, װאָס אין יענע באדינגונגען האָט עס געהײסן — אן ענגליש־אמעריקאנער מאכט אָנשטאָט בלויז א בריטישע הערשאפט. אין א לײטארטיקל אין אָרגאן פון האשומער האצאִיר „מישמאר" פון 14. 5. 1947, לײענען מיר: „די פאָדערונגען פון פּאָליטישער מאָראל און פון פּאָליטישע נוצן פארפליכטן צו באגרינדן זײ אף די יעסוידעס פון פּראָגרעסיװן ציִעניזם, װאָס פאָדערט צו־צוטײַלן אומגעשטערט דאָס באפרײַונגס־װערק פון ייִדישן פאָלק און אנטװיקלען ערעץ־ייִסראָעל אונטער אן אינטערנאציִאָנאלן קאָנקרעטן קאָנטראָל ביז זי װעט פײִיק זײַן צו עכטער זעלבשטענדיקײַט..."

אין אן ארטיקל אין „מישמאר" פון 11־טן יול 1947 לײענען מיר: „דער אויסװעג פונעם ערעץ־ייִסראָעלדיקן פּלאָנטער איז, אלזאָ, ניט באלדיקע זעלבשטענדיקײַט. די זעלבשטענדיקײַט מוז אומבאדינגט האָבן איר איבערגאנגס־טקופע פון אן אינטערנאציִאָנאלער הערשאפט. אן אינטערנאציִאָנאלע הערשאפט אין דער איבערגאנגס־טקופע איז אומבאדינגט נײטיק פאר די ייִדן".

דער פּלאַן, װאָס די באװעגונג פון האשומער האצאִיר האָט פאָרגעשלאָגן דער ענגליש־אמעריקאנישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, װעלכע האָט באזוכט דאָס לאנד אין 1946, איז געװען אופשטעלן אן „אינטערנאציִאָנאלן" רעזשים איבער ערעץ־ייִסראָעל אף א צײַט־אָפּשניט פון 20—25 יאָר, קעדײ מיט דער הילף פון דער פרעמדער מאכט זאָל געשאפן װערן א ייִדישע מערהײַט אין גאנצן לאנד.

אנדערע ציִעניסטישע קרײַזן האָבן פאָרגעשלאָגן אויסצובײַטן דעם פּראָטעקטאָראט פון אײן אימפּעריִאליזם (דעם בריטישן) אף א פּראָטעקטאָראט פון א צװײטן אימפּעריִאליזם (דעם אמעריקאנער). די דאָמינירנדיקע שטרעמונג אין דער ציִעניסטישער באװעגונג איז מיט דער צײַט אריבערגעגאנגען פון איר הויפּט־דינסט דעם בריטישן אימפּעריאליזם צום הויפּט־דינסט דעם אמעריקאנער אימפּעריִאליזם. ס'איז אָבער קײנמאָל ניט געװען קײן אנטי־אימפּעריִאליסטישער ציִעניזם. די שטרײַטן צװישן די ציִעניסטישע פירער האָבן ניט אײן מאָל אויסגעדריקט און דריקן אויס די אינטערעסן פון פארשײדענע גרופּעס לעטויװעס דעם

אָדער אַנדערן אימפּעריִאַליזם, אָבער טאָמיד צו דינסט פונעם אימפּעריִאַליזם קעגן קאָמוניזם און קעגן דער נאַציִאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג.

דאָס איז דער היסטאָרישער עמעס וועגן דעם „אַנטי־אימפּעריִאַליסטישן" קאַמף פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג.

הײַנט צו טאָג נוצן אויס די ציִעניסטישע קרײַזן צום שלעכטן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די לינקע קרײַזן אין פאַרשיידענע לענדער דעם לאָזונג וועגן זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער. זיי לייגן פאָר צוצוטיילן דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, וועלכע געפינט זיך אונטער דער מיליטערישער ייִסראָעלדיקער אָקופּאַציע, דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג און דאָס שאַפן אַ נאַציִאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס דאַרף דערגרייכן אַ שאָלעם־רעגולירונג מיט ייִסראָעל. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון מיליטערישער אָקופּאַציע זײַנען די דאָזיקע פאָרשלאָגן אויסן אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם, אַז אַ פאָרבאַדינג פאַר יעדער מעגלעכקייט אויסצונוצן מיצאַד דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק זײַן רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג — איז דער צוריקטריט פון די ייִסראָעלדיקע באַוואָפנטע קויכעס פון אַלע אַראַבישע שטעטאָכים, וואָס זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין די טעג פון דער יון־מילכאָמע פון 1967. זעלבסטבאַשטימונג און פרעמדע אָקופּאַציע — דאָס איז אין קעגנזײַטיקן ווידערשפּרוך.

די ציִעניסטישע קרײַזן, וועלכע פירן אַן אַקטיווע טעטיקייט צווישן די לינקע גרופּירונגען, טרעטן, אַלס קלאַל, אַרויס קעגן טעריטאָריִעלע אַנעקסיעס, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געשטיצט די יון־מילכאָמע פון 1967 און זי באַצייכנט אַלס גערעכטע מילכאָמע. באַגלײַך אָבער מיט דעם פאָדערן זיי נײַע גרענעצן, וועלכע זיי רופן אָן „זיכערע גרענעצן פאַר ייִסראָעל". קעדיי צו גאַראַנטירן די זיכערהײַט פון ייִסראָעל, פאָדערן זיי טעריטאָריִעלע ענדערונגען, אויסברייטערן די ייִסראָעל־גרענעצן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, ווי אויך „זיכערהײַט־אײַנריכטונגען", וועלכע זיי זעען אין דער מיליטעריש־ייִסראָעלדיקער „אָנוועזנהײַט" אויך אויף די שטעטאָכים, וואָס וועלן עוואַקויִרט ווערן דורך די ייִסראָעלדיקע באַוואָפנטע קויכעס. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זײַנען די דאָזיקע לאָזונגען פון „זיכערהײַטס־גרענעצן פאַר ייִסראָעל" ניט מער, ווי אַן אַנדער פאָרם, אַ מער מאַסקירטע און מער צווײַדײַטיקע פון דער אָפיציִעלער פאָדערונג פון טעריטאָריִעלע אַנעקסיעס אַלס באַדינג פאַר שאָלעם. עס זײַנען אָבער פאַראַן פּראָגרעסיווע קרײַזן, וועלכע ווערן גאַנץ טמימעסדיק פאַרפירט דורך אָט די לאָזונגען. די דאָזיקע קרײַזן דאַרף מען טאַקע אויפקלערן, אַז יעדע פאָדערונג פון טעריטאָריִעלע אַנעקסיעס, האַגאַם זי באַנוצט זיך מיטן מאָטיוו פון זיכערקייט, פאַרמינערט די אויסזיכטן אויף שאָלעם, וואָס בלויז ער וועט ברענגען די זיכערקייט פאַר ייִסראָעל.

די פאָדערונג אויסצוברייטן די גרענעצן „צוליב זיכערהײַט־מאָטיוון" איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז די אַראַבישע מעדינעס נייטיקן זיך אין זיכערהײַט און אין זיכערהײַט־אײַנריכטונגען ניט ווייניקער ווי מעדינאַס ייִסראָעל. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז מעדינאַס ייִסראָעל אין בונד מיט די אימפּעריִאַליסטישע גרויסמאַכטן האָט אָנגעגריפן די שכײנעסדיקע מעדינעס אין 1956 און אין 1967. דאָס הייסט אויך איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז הײַנט צו טאָג, ווען ס'איז פאַראַן אַ מאָדערנער לופט־פלאָט, פּערפעקט עלעקטראָניש און ראַקעטן־געווער — וועט ניט די צאָל קילאָמעטערס ברענגען זיכערקײַט פאַר ייִסראָעל, נאָר דער שאָלעם.

די קאָנסעקווענטע שאָלעם־קויכעס אין ייִסראָעל און אין דער גאָרער וועלט לייגן פאָר זיכערהײַט־אײַנריכטונגען אַלס באַשטאַנדטייל פונעם שאָלעם־פּלאַן פאַרן מיטעלן מיזרעך. די דאָזיקע זיכערהײַט־אײַנריכטונגען קאָנען ניט זײַן טעריטאָריִעלע עקספּאַנסיע, ייִסראָעלדיקע הערשאַפט אויף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס, אָדער מיליטעריש־ייִסראָעלדיקע אָנוועזנהײַט אויף די דאָזיקע טעריטאָריעס. זיכערהײַט־אײַנריכטונגען אין די מיטל־מיזרעכדיקע און אינטערנאַציִאָנאַלע באַדינגונגען באַ הײַנטיקן טאָג קאָנען זײַן: קאָנקרעטע גאַראַנטיעס מיצאַד די גרויסמאַכטן אָדער מיצאַד דעם זיכערהײַט־ראַט; אַוועקשטעלן קויכעס פון דער אונאָ אויף די פּונקטן, וואָס זײַנען וויכטיק פאַר דער זיכערהײַט פון אַלע צדאָדים, אַזוי אַז איין צאַד זאָל אים ניט קאָנען באַזײַטיקן; שאַפן דעמיליטאַריזירטע ראַיאָנען אויף פאַרשיידענע גרענעץ־פּונקטן.

אין רעזומע דאַרף מען זאָגן, אַז געוויסע ציִעניסטישע קרײַזן, וועלכע פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די לינקע גרופּעס אין אויסלאַנד, „פּאַסן צו" די רעאַקציִאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציִעניזם צו די שטימונגען פון די דאָזיקע גרופּעס. אַזוי פירן זיי זיך סײַ אויפן פּאָליטישן געביט און סײַ אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. זיי שילדערן, לעמאָשל, די קיבוצים און די מעלוכישע ווירטשאַפט, די סאָכנוטישע און די היסטאַדרוטישע, ווי סאָציִאַליסטישע קעמערלעך. אין דער זעלבער צײַט איגנאָרירן זיי און באַהאַלטן אויס דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט, אַז אין דער ייִסראָעלדיקער ווירטשאַפט, אין אַלע זײַנע סעקטאָרן, הערשט דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל, אַז די ייִסראָעלדיקע עקאָנאָמיק אין אַלע אירע טיילן איז איצט פאַרשקלאַפט — נאָך מערער איידער פאַר דער יון־מילכאָמע — צו די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן און צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי איגנאָרירן זיי אויך און

באהאלטן אויס דעם פאקט, אז די ייִסראָעלדיקע עקאָנאָמיק איז א קאפּיטאליסטישע עקאָנאָמיק, אז דער הערשנדיקער קלאס אין ייִסראָעל איז די גרויס־בורזשואזיע. דער דאָזיקער פאקט ענדערט זיך ניט צוליב דער עקזיסטענץ פון א רעגירונג, אין וועלכער עס שפּילן א וויכטיקע ראָלע די ציִעניסטישע פּארטייען, וועלכע טוען די זאך פון די גרויסע קאפּיטאליסטן, פרעמדע און אָרטיקע, און דינען די גלאָבאלע אינטערעסן פונעם אימפּעריִאליזם, צוליב אידעאָלאָגישע, ציִעניסטישע, אנטיקאָמוניסטישע, אנטי־אראבישע און פאקטיש אנטינאציאָנאלע סיבעס. די ארבעטנדיקע מאסן אין ייִסראָעל, איַינגעשלאָסן די ארבעטנדיקע אין דער מעלוכישער, סאָכנוטישער און היסטאדרוטישער ווירטשאפט, ווערן עקספּלואטירט דורך דעם גרויס־קאפּיטאל און דורך זייערע ארבעטסגעבער פּונקט אָף דעם זעלבן אויפן און אין דער זעלבער מאָס ווי אין די פּריוואטע אונטערנעמונגען. אין דעם קאפּיטאליסטישן רעזשים ווערן אויך די מיטגלידער פון די קיבוצים עקספּלואטירט דורך דעם גרויס־קאפּיטאל. דעריבער טאָר מען ניט די קאָלעקטיווע ווירטשאפטן און דעם מעלוכישן סעקטאָר אין ייִסראָעל דעפינירן אלס „קעמערלעך״ פון סאָציִאליזם אין די באדינגונגען פון א קאפּיטאליסטיש לאנד, וואָס איז פארשקלאָפט צום פרעמדן קאפּיטאל און איז איַינגעפלאָכטן און פארבונדן מיט טויזנטער פעדעם מיט דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק פון די אימפּעריִאליסטישע גרויסמאכטן, און אין דער ערשטער ריי פון די פאראייניקטע שטאטן.

אין זייער טעטיקייט צווישן די לינקע קרייַזן אין אויסלאנד באפּוצן די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדיסטן די רעגירונגס־פּאָליטיק, באהאלטן אויס אָדער פארטושירן די פּאָליטיק פון אכזאָריעסדיקער אונטערדריקונג אָף די אָקופּירטע שטעטאָכים, די נאציִאָנאלע דיסקרימינאציע בענוגע דער אראבישער באפעלקערונג אין ייִסראָעל, דאָס טרעטן די דעמאָקראטישע פרייהייטן, די מאסנהאפטע באוועגונגס־באגרענעצונגען, וואָס ווערן ארופגעלייגט אָף די פירער און אקטיוויסטן פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּארטיי צווישן דער אראבישער באפעלקערונג, ווי אויך אָף אנדערע שאָלעם־שטרעבנדיקע קרייַזן, וואָס זייַנען קעגנער פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק. אזוי באהאלטן זיי אויס די קלאסן־עקספּלואטאציע אין ייִסראָעל, דעם וווּקס פון דער סאָציִאלער פּאָליאריזאציע, די אויסברייטערונג פון דער דיפערענציאציע צווישן די פארשיידענע שיכטן און דעם וווּקס פון דער אָרעמקייַט צווישן דער באפעלקערונג.

דער 17־טער צוזאמענפאָר האלט, אז ס׳איז ביז גאָר וויכטיק אופּצודעקן דעם עמעס וועגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון די ציִעניסטישע מאנהיגים, וואָס ווידערשפּרעכט די קלאסן־אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע מאסן און די נאציִאָנאלע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פאָלק, — אופקלערן עס פאר די ארבעטנדיקע, פאר דער יוגנט, פאר דער אינטעליגענץ, פאר אלע מענטשן מיט פּראָגרעסיווע שטרעבונגען, אז זיי זאָלן ארייַנטראָגן זייער צושטייַער אין דעם קאמף פאר א גערעכטן שאָלעם אפן מיטעלן מיזרעך, לעטויוועס אלע פעלקער און לעטויוועס דער אלגעמיינער זאך פון שאָלעם און פּראָגרעס.

מע דארף אויך פירן א קאמף קעגן דער אנטיסאָוועטישער פּראָפּאגאנדע, וואָס די ציִעניסטישע קרייַזן פירן אקטיוו צווישן די לינקע קויכעס אין אויסלאנד, און וועלכע איז אויסן אופּצוווירקן — צו דינסט דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג — אָף די, וואָס זייַנען קעגן דער אגרעסיע־פּאָליטיק און אנעקסיעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג. דער אנטיסאָוועטיזם איז דאָס איקערדיקע געווער אין די הענט פון אלע אָפענע און פארמאסקירטע שטיצער פון דער רעאקציִאָנערער פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע מאכטהאָבער אין ייִסראָעל.

•

דער 17־טער צוזאמענפאָר באשליסט צו פארשטארקן און פארטיפערן דעם אידעאָלאָגישן קאמף קעגן ציִעניזם, גלייַכצייַטיק פארשטארקן די אָנשטרענגונגען צו קאָנצענטרירן אלע קויכעס, אָן אונטערשייד פון אידעאָלאָגישער אָנשויונג, אין א פאראייניקטן ארבעטער־פראָנט און אין א ברייטן שאָלעם־פראָנט.

●

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל איז פאָרגעקומען אין יון 1972 אין טעל־אוויוו — יאפע. ער איז דורכגעגאנגען אונטערן אינטערנאציִאָנאלן פאטריאָטישן לאָזונג: „ניט מיטן אימפעריאליזם קעגן די אראבישע פעלקער, נאָר מיט די אראבישע פעלקער קעגן דעם אימפעריאליזם!”

דער גענעראל־סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער האָט אין זײַן באריכט־פאָרטראָג „פאר דער איינהײַט פון די קרעפטן אינעם קאמף קעגן דער אָקופאציע, פאר שאָלעם, פאר די רעכט פון די ארבעטנדיקע, פאר דעמאָקראטיע, גלײַכבארעכטיקונג און סאָציִאלן פראָגרעס” געזאָגט:

„הײַנט צו טאָג איז דאָס וויכטיקסטע אינעם קאמף פאר די נאציִאָנאלע אינטערעסן, די סאַמע ערשטע רעוואָליוציִאָנערע אופגאבע — דערשלאָגן זיך, אז דאָס ייִסראָעל־מיליטער זאָל פארלאָזן אלע טעריטאָריעס, וועלכע עס האָט אָקופירט בייס דער יון־מילכאָמע, אז עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אזא שאָלעם מיט די אראבישע לענדער, וועלכער זאָל אנטשפרעכן די געזעצלעכע נאציִאָנאלע אינטערעסן פון אלע מעלוכעס און פעלקער פון אונדזער רעגיאָן, אײַנגעשלאָסן דאָס פאָלק פון ייִסראָעל און דאָס אראבישע פאָלק פון פאלעסטינע”.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אז די אָרגאניזאטאָרן פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע אין 1967 האָבן זיך ניט אָפגעזאָגט פון זייער ציל צו קעגנשטעלן זיך די פראָגרעסיווע סאָציִאלע איבערגעשטאלטונגען אפן נאָענטן מיזרעך, ארונטערײַסן די פרײַנטשאפט און מיטארבעט פון די אראבישע לענדער מיטן סאָוועטנפארבאנד און מיט די אנדערע סאָציִאליסטישע לענדער, פארייביקן די אָקופאציע פון פרעמדע טעריטאָריעס.

די יאָמקיפער־מילכאָמע, וועלכע איז אויסגעבראָכן אין אָקטיאבער 1973, שוין די פערטע מילכאָמע צווישן די אראבישע לענדער און ייִסראָעל, האָט באוויזן, אז דער אנאליז פונעם XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל וועגן דער לאגע אפן נאָענטן מיזרעך איז א ריכטיקער. „די יאָמקיפער־מילכאָמע האָט ארויסגערופן אינעם פאָלק א שאָק, — האָט געזאָגט מ. ווילנער. — צום ערשטן מאָל האָבן די ברייטע פאָלקס־מאסן זיך איבערצײַגט אין דער פראקטיק, אז די אָפשאצונגען און פאָסטולאטן, מיט וועלכע די רעגירונג פון גאָלדע מעיִר און פון די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן באגרינדעט איר פאָליטיק, איז אבסאָליוט ניט קיין רעאלע, פאָשעט גערעדט — דאָס איז א פאָליטיק, וואָס איז אויסגעזויגן פון די פינגער”.

דער וויכטיקסטער סאכאקל פון דער יאָמקיפער־מילכאָמע איז אזא, אז די מילכאָמע־דאָקטרין פון ייִסראָעל האָט געליטן א פולן קראך. די באָבע־מײַסעס, אז דער פאָרצוג פון ייִסראָעל לעגאבע די אראבישע ארמייען איז „אומבאגרענעצט”, זײַנען טיף באגראָבן געוואָרן אין גאנג פון די אָקטיאבער־שלאכטן.

בייס דער יאָמקיפער־מילכאָמע האָט די ארמיי פון ייִסראָעל געליטן אומגעהערטע פארלוסטן אין מענטשן און אין טעכניק: העכער 10 טויזנט דערהארגעטע און פארוווּנדעטע, 900 צעשמעטערטע טאנקען, עס איז פארניכטעט געוואָרן ארום א העלפט פון די מיליטערישע לופטקרעפטן פון ייִסראָעל (ארום 250 שלאכט־אעראָפלאנען).

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל האָט דערוויזן, אז די איצטיקע ציִעניסטישע רעדלפירער פון ייִסראָעל זײַנען ניט אימשטאנד צו לייזן קיין איינע פון די ערנסטע פאָליטישע און עקאָנאָמישע פראָבלעמען, וועלכע שטייען הײַנט פאר ייִסראָעל.

די וואקסנדיקע אויסערן־פאָליטישע איזאָליאציע פון דער מעדינע איז געקומען צום אויסדרוק אין א סעריע איבערגעריסענע דיפלאָמאטישע באציִונגען. בייס דער יאָמקיפער־מילכאָמע האָט די דאָזיקע איזאָליאציע זיך נאָך מער פארשטארקט. די דיפלאָמאטישע באציִונגען מיט ייִסראָעל האָבן אין אלגעמיין אָפגעשטעלט 24 אפריקאנישע לענדער.

דער צוזאמענפאָר האָט אנאליזירט די ווידערשפרעכלעכע געשעענישן, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרן געהאט אָן אָרט אין ייִסראָעל. „אין פאָליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פונעם לאנד קומט פאָר א קער אף רעכטס. עס ווערן שטארקער די שאָוויניסטישע און מיליטאריסטישע שטימונגען. אין די וויכטיקסטע רעגירונגס־פארטייען פארנעמען אלץ מער דאָס הויפט־אָרט די רעכטע אגרעסיווע קרעפטן”.

אין דער זעלבער צײַט וואקסט אין לאנד די שטרײַק־באוועגונג צווישן די ארבעטער און אָנגעשטעלטע, עס ברייטערט זיך אויס די באוועגונג פון די אָנהענגער פון א יוישערדיקן שאָלעם און פון נאָרמאלע, פרײַנטלעכע באציִונגען מיט די אראבישע לענדער. אין דער עפנטלעכער מיינונג לאָזן זיך פילן די אָפאָזיציִאָנעלע שטימונגען צווישן דער אינטעליגענץ און דער יוגנט.

„די ייִסראָעל־געזעלשאפט געפינט זיך אין א צושטאנד פון אָנשטרענגונג און יוירונג. עס ווערן אלץ שארפער די אינערלעכע ווידערשפרוכן, אלץ שוואכער ווערט דער אײַנפלוס פון דער רעגירונג אף די פארשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאפט. די רעגירונג פירט דורך אירע מאָסמיטלען דערהויפט מיט דער הילף פונעם רעפרעסיע־אפאראט פון דער מעלוכע...”

אין דער דאָזיקער אומגעבונג קלינגט מיט א

באזונדערער קראפט די פעסטשטעלונג פונעם צוזאמענפאָר:

„די פאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל ראטעוועט דעם קאָוועד פונעם ייִסראָעל־פאָלק, זי באווײַזט דעם פאלעסטינער אראבישן פאָלק, אז עס איז פאראן אן אנדער ייִסראָעל — א ייִסראָעל פון האָרעפאשניקעס, וועלכע לײַדן אויך פון די אָקופאציע־פאָלגן און ווילן שאָלעם, ניט קיין מילכאָמע, זיי ווילן לעבן, ניט קיין אנעקסיעס... די נאציאָנאלע אינטערעסן און די זיכערהײַט פון ייִסראָעל האָבן קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער אָקופאציע, וואָס איר איינציקער ציל איז — פארײַיביקן די סינע און די מילכאָמע".

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל האָט באטאָנט, אז דער סאָוועטנפארבאנד איז א פרײַנט סײַ פונעם ייִסראָעל־פאָלק, סײַ פון די אראבישע פעלקער. דער סאָוועטישער פלאן פון שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך גאראנטירט דעם קיִעם און די זיכערהײַט פון אלע פעלקער פון דעם דאָזיקן ראיאָן.

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל, עכטע אינטערנאציאָנאליסטן, פאטריאָטן פון זייער לאנד און קעמפער פאר שאָלעם, טרעטן ארויס פאר פרײַנטשאפט מיטן סאָוועטנפארבאנד, ווײַל אזא פרײַנטשאפט איז נייטיק דעם פאָלק פון ייִסראָעל און איז אין העסקעם מיט די קלאסן־אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע.

א מארקסיסטישער אנאליז פון דער נאציאָנאליסטישער אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם איז געגעבן אין דער רעזאָליוציע פונעם צוזאמענפאָר: „דער קאמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פראקטיק פונעם ציִעניזם איז די לעבנס־נויטווענדיקײַט פונעם פאָלק פון ייִסראָעל".

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע איז רעאקציאָנער, ווײַל איר הויפט־ציל איז נאציאָנאליזם און ראסיזם. די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע ווידערשפרעכט די אינטערעסן פון די ייִדישע ארבעטנדיקע אין גאָר דער וועלט און די נאציִאָנאלע אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל. די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע פאָדערט, אז די ייִדישע האָרעפאשניקעס זאָלן זיך אָפזונדערן פון די ארבעטס־לײַט פון אנדערע פעלקער און בילדן אן איינהײַטלעכע אָרגאניזאציע מיט דער ייִדישער בורזשואזיע.

דער ציִעניזם איז רעאקציאָנער דערפאר, וואָס פאר דער גאנצער צײַט פון זײַן עקזיסטענץ האָט ער מיט לײַב און לעבן געדינט און דינט איצט דעם אימפעריִאליזם, זײַן ציל איז — אנטיסאָוועטיזם און אנטיקאָמוניזם. פון 1917 יאָר אָן, זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, פירט דער ציִעניזם אן אונטערײַסערישע טעטיקײַט, אן אידעאָלאָגישע דיווערסיע קעגן דער ערשטער אין דער וועלט סאָציִאליסטישער מעלוכע.

דער צוזאמענפאָר האָט געשענקט גרויס אויפמערקזאמקײַט דער דעמאסקירונג פון די אנטיסאָוועטישע רעכילעסן, פון דער קאמפאניע קעגן פססר. אין די לעצטע יאָרן האָט די אנטיסאָוועטישע העצע פון די ציִעניסטן אָנגענומען גאָר א גרויסן מאסשטאב. אָפט קומען פאָר אין דער קנעסעט שענדלעכע אנטיסאָוועטישע ספעקטאקלען, אין די קינדער־שולן פון ייִסראָעל לייענט מען אנטיסאָוועטישע לעקציעס, אין דער ארמײ פירט מען אן אנטיסאָוועטישע פראָפאגאנדע.

די ציִעניסטן גייען אין זייער אנטיסאָוועטישער טעטיקײַט האנט־בא־האנט מיט די סאמע רעאקציאָנערע קרעפטן: מיט דער ווײַסגווארדייִשער אונטערוועלט, מיט די אנטיסעמיטישע אָרגאניזאציעס, מיט די נאציסטן, וועלכע זײַנען אויס מוירע פאר דער פארדינטער שטראָף, זיך צעלאָפן, ווי די מײַז, איבער פארשיידענע לענדער.

„דער ציִעניזם טרעט ארויס, אזויארום, קעגן די וויכטיקסטע לעבנס־אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל און פון די ייִדישע מאסן אין גאָר דער וועלט. און, ווי באוווסט, זײַנען די וויכטיקסטע לעבנס־אינטערעסן אזעלכע: די אנטשפאנונג פון דער צווישנפעלקערלעכער אטמאָספער, דאָס ניט דערלאָזן צו א דריטער וועלט־מילכאָמע, וועלכע וואָלט געוועזן א קאטאסטראָפע פאר די פעלקער פון דער וועלט" (רעזאָליוציע פונעם XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל).

די רעזאָליוציע ווײַזט אויך אָן, אז די קאָמוניסטישע פארטיי פון ייִסראָעל האָט אין איר אידייִשן און פאָליטישן קאמף קעגן ציִעניזם ארויסגעזאָגט זיך דערפאר, אז עס זאָל געשאפן ווערן אן אנטי־אימפעריאליסטישער דעמאָקראטישער פראָנט, און האָט באהאנדלט די פראָגראם פון אזא פראָנט. די דאָזיקע פראָגראם קאָן פאָרמולירט ווערן אזוי:

— באפרײַען ייִסראָעל פון אָפהענגיקײַט מיצאד דעם אימפעריאליזם;

— פארוואנדלען ייִסראָעל אין א מעלוכע, וואָס איז פרײַ פון די קייטן פון אויסלענדישע מאָנאָפאָליעס און פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס;

— זיכערן דעם שאָלעם און די מיטארבעט מיט די אראבישע מעלוכעס, די פרײַנטשאפט און קעגנזײַטיקע פארשטענדעניש מיטן אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע;

— זיך דערשלאָגן, אז ייִסראָעל זאָל זיך שטעלן אפן וועג פון דעמאָקראטיע, גלײַכהײַט און ברידערשאפט צווישן די פעלקער, אפן וועג פון געזעלשאפטלעכן פראָגרעס, פון פרײַנטשאפט מיטן סאָוועטנפארבאנד און מיט די אנדערע סאָציִאליסטישע לענדער, אפן וועג, אויף וועלכן עס גייען די פעלקער פון אזיע, אפריקע און לאטײַן־אמעריקע, וואָס קעמפן קעגן דעם אימפעריִאליזם.

די דאָזיקע פראָגראם איז אין פולן העסקעם מיט די באגערן פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פונעם פאָלק פון ייִסראָעל — סײַ פון די ייִדן, סײַ פון די אראבער.

פון די מאטעריאלן פונעם XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל דערוויסן מיר זיך אינטערעסאנטע פראָטים:

פאר דער צײַט, וואָס איז פאַרלאָפן צווישן דעם XVI און XVII צוזאַמענפאָרן, איז די קאָמפאַרטיי פון ייִסראָעל געוואָרן קרעפטיקער אָרגאַניזאַציאָנעל, אירע רייען זײַנען אויסגעוואַקסן אַף 24 פּראָצענט.

(בייס די לעצטע וואַלן אין דער קנעסעט — דעם 31 דעקאַבער פאָריקן יאָר — איז די קאָמפאַרטיי פון ייִסראָעל אַרויסגעטראָטן מיט א קלאָרער פּראָגראַם פון שאָלעם און פון פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע. אין רעזולטאַט האָט זי באַקומען 53 טויזנט 348 שטימען, מיט 37,4 פּראָצ. מער איידער אין די פאָריקע וואַלן. איצט פאַרמאָגט זי אין דער קנעסעט ניט קיין דרײַ דעפּוטאַטן ווי פריִער, נאָר פיר דעפּוטאַטן.)

דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפאַרטיי פון ייִסראָעל האָט, צווישן אַנדערע, באַקומען א באַגריסונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דער באַגריסונג ווערט געזאָגט:

„געפינענדיק זיך אין די ערשטע רייען פון די אַקטיווע קעמפער פאַר די עמעסע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פונעם לאַנד — פון די ייִדן און אַראַבער, — טרעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל אַנטשיידן אַרויס קעגן דער אַנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן, זי טרעט אַרויס פאַר ליקווידירן די לאַגע, בא וועלכער ייִסראָעל איז פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פונעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, פאַר א פרידלעכער און דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, פאַר פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער... די סאָוועטישע קאָמוניסטן שעצן הויך די טראַדיציאָנעלע פרײַנטשאַפט, וועלכע עקזיסטירט צווישן אונדזערע פּאַרטייען, און דריקן אויס די זיכערקײַט, אַז די דאָזיקע באַציִונגען וועלן זיך אויך לעהאַבא אַנטוויקלען".

נ. ריכטער

כראָניק

געווידמעט דעם יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט אָפּגעמערקט דעם 40־טן יאָרטאָג, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. די צענטראַלע פּרעסע האָט געווידמעט א ריי מאַטעריאַלן דעם יובילײ.

די צײַטונג „איזוועסטיִא" האָט אינעם נומער פאַרן 7 מײַ 1974 פאַרעפנטלעכט אן אינטערוויו מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי ל. ב. שאַפּיראָ. אין דעם זעלבן טאָג האָט די צענטראַלע טעלעוויזיע באַוויזן א פּראָגראַם, געווידמעט דעם הײַנטיקן טאָג פון דער געגנט. א דאָקומענטאַלער פילם וועגן דער עקאָנאָמישער,ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון ביראָבידזשאַן פאַר 40 יאָר האָט די מאָסקווער טעלעוויזיע טראַנסלירט דעם 12 מײַ. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן ל. שאַפּיראָ, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי, פּאַרזיצער פונעם וואַלדהיימער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" וו. פעלער, דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" ע. ליפּאָוועצקי, דער קאַנדידאַט פאַר א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר די אַרבעטערן פון דער ביראָבידזשאַנער ניי־פאַבריק ל. גרויסמאַן, דער שרײַבער ב. מילער אאַ. צום שלוס פון דער פּראָגראַם האָט דער טאַנץ־אַנסאַמבל פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער אויסגעפּילט די סויִטע „א שער".

אין יובילײ־נומער פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז פאַרעפנטלעכט א באַגריסונג פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנטקאָם פון קפּסס און פונעם קאַנטישן סאָוועט פון דעפּוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע. עס זײַנען אויך פּובליקירט אוקאַזן פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון רספּסר וועגן באַלוינען מיט ערן־גראַמאָטעס דעם קאָמבינאַט „כינגאַנצין", דעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", די טעקסטיל־ און ניי־פאַבריק, די אויפּעס־פאַבריק פונעם ייִשעוו פּאַרטיזאַנסקאָיע און די מיטלשול נומ. 1 פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן. א גרופּע אַרבעטנדיקע פון דער געגנט האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון רספּסר באַלוינט מיט ערן־טיטלען.

■ ■ ■

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל

יעכיעל טשיטשעלניצקי

זײַן ליכטיקער שפּור

בוזי גאָלדענבערג. 1944

שווין אזויפיל צײַט אוועק, און ס'איז נאָך אלץ אזוי פריש אין זיקאָרן: דער אומרויִק־צע־צויגענער קלונג פונעם טעלעפאָן, די געפאלענע פרויִשע שטים און די שנײַדנדיקע ווערטער — „געשטאָרבן בוזי גאָלדענבערג"... א טיפער זיפץ אין טרײַבל, און — „ביניאָמינען איז זייער שווער. עפשער וואָלט איר געקומען צו אונדז"...

א כאפּ געטאָן דעם רעגנמאנטל, לויף איך ארויס אין גאס. איך שפּאן מיט האסטיקע טריט, איך לויף קימאט, פונקט ווי מײַן קומען צו די מייעראָוויטשעס מיט עטלעכע מינוט פריִער וואָלט שוין געקאָנט עפּעס בײַטן.

עס עפנט מיר די טיר ביניאָמינס פרוי — נינע מאָיסייעוונע. נאָך אף דער שוועל גיט זי מיר דאָס טרויעריקע בריוועלע, וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון דער שטאָט באבושקין הינטער מאָסקווע.

ווען איך פארענדיק לייענען און הייב אוף די אויגן פון די שפּרינגענדיקע שורעס, דערזע איך ערשט ביניאָמין מייעראָוויטשן. ער איז דערשיטערט און פארלוירן. בוזי גאָלדענבערג איז ניט סטאם געווען זײַנער א פרײַנט, מיט וועלכן ער האָט א שטיק לעבן אינאיינעם גע־ארבעט אין דער צײַטונג „דער שטערן". צווישן זיי איז אופגעקומען יענע צוגעבונדנקײַט, יענע גײַסטיקע קרויווושאפט און יענע געטרײַשאפט, ווען איינער איז גרייט אײַנשטעלן פארן צווייטן דאָס לעבן.

ער איז געשטאנען אנטקעגן מיר אין א פאר־טונקלטן ווינקל פונעם שוואך־באלויכטענעם צימער, א בלאסער, מיט א בליק, וואָס האָט אָנגעשפּארט ווער ווייסט ווו. זײַנע נאָך פון די קינדער־יאָרן האלב־פאראליזירטע פיס האָבן אים איצט אינגאנצן ניט געפאָלגט. א פארגלי־ווערטער, מיט די קוליעס אונטער די פאכוועס, מיטן אײַנגעבראָכענעם גוף, פארנייגט אף פאָ־רויס, מיט דעם עטוואָס צעשויבערטן גראָוון קאָפּ, האָט ער אין אָט דער רעגע מיט עפּעס דערמאָנט א גרויסן פארוווּנדעטן פויגל, וועלכן דער ווייטעק אין די אונטערגעהאקטע פליגל האָט צוגעשמידט צו דער ערד...

— אָט אזוי, ברודערקע, — דערהער איך זײַן קאָל, — מיט איר ברייטער און קלוגער האנט האָט די נאטור געגעבן בוזין אי שטאלטנעקײַט, אי כאָכמע, אי איידלקײַט, און מיט דער צוויי־

טער האַנט, דער אכזאָריעסדיקער און פאַרדאַרבענער, האָט זי אין סאמע בלי פון בוזיס לעבן גענומען כאַרעוו מאכן זײַן גוף, פאַרקאָרקעוועט די בלוט־געפעסן, אָנגעשיקט א גאַזעווע גאַנגרענע און אוועקגעלייגט אים אונטערן מעסער. ס'איז אָבער שוין געווען שפעט...

עס קומט אוף א דערמאָנונג, — לויט דער צײַט די פרישסטע, — וועגן דעם, וויאַזוי איינגיכן נאָך אונדזער ניצאָכן אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע איז בוזי גאָלדענבערג אין איינעם א סאָף־זומערדיקן טאָג אראָפּגעקומען קיין טשערנאָוויץ. צוליב קאָלערליי מילכאָמע־אומשטענדן האָט זיך דאָ באַזעצט א היפשע גרופּע ייִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן — אַלץ אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער פאַרמילכאָמע־צײַט אָדער געאַרבעט איינײַנעם מיט בוזי גאָלדענבערגן אין כאַרקאָוו און אין קיִעוו, אָדער זײַנען געווען מיט אים גוט באַקאַנט און באַפרײַנדעט.

אין זײַנע בריוו צו גאָלדענבערגן האָט ביניאָמין מייעראָוויטש שוין עטלעכע מאָל אים פאַרבעטן צו גאַסט, איך האָב אויך א פּאָר מאָל שריפטלעך זיך פאַרייניקט צו דער אײַנלאַדונג. גאָלדענבערג אליין האָט, זעט אויס, שטאַרק געוואָלט זיך זען מיט אונדז נאָך אַזעלכע גרויזאַמע יאָרן. אין אַן ענטפער־בריוועלע האָט ער וועגן דעם געשריבן: „גלייבט מיר, עס ציט מיך זייער קיין טשערנאָוויץ. כוץ דעם, וואָס איך וויל אײַך אַלעמען זען און ארומנעמען, האָב איך נאָך א ספּעציִעלע סיבע צו קומען און א קוק טאָן ווי עס זעט איצט אויס די שיינע שטאָט אף דער בוקאָווינע. אָט וועל איך זיך אָפּפאַרטיקן מיט דרינגענדיקע איניאָנים, דערלאַנג איך דער נאַטשאַלסטווע א ראַפּאָרט און בעט עטלעכע טעג אורלויב..."

לייענענדיק זײַן בריוו, האָבן מיר א קלער געטאָן: וואָס זאָל עס זײַן פאַר א „ספּעציִעלע סיבע"? ס'האָט אונדז אפילע א ביסל פאַרינטריגירט.

און אָט איז ער געקומען צו פאָרן. מיר האָבן זיך ניט געזען גאַנצע אַכט יאָר. און וואָס פאַר א יאָרן! ער האָט זיך ווייניק־וואָס געביטן. בלויז עטוואָס שטײַפער געוואָרן אין פּנים און אף זײַן פעכיק־שוואַרצן קאָפּ איז געווען צעשאָטן זילבער. עס האָט אים זייער געפּאַסט דער מונדיר פון א פּאָדפּאָלקאָווניק מיט די אַלע מיליטערישע אַטריבוטן אף אים און מיט די שלאַכטאָרדענס און מעדאַלן. איך האָב א צייל געטאָן, — עלף, דערין מעדאַלן פאַר באַפרײַען רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע.

א פּאָדפּאָלקאָווניק! און אָנגעהויבן האָט ער דאָך די מילכאָמע אַלס לייטענאַנט. אַלץ איז, דאַכט זיך, געווען גוט, און דאָך — ניט אַלץ. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זײַן אונטערהינקען אפן רעכטן פוס.

— וואָס איז דאָס, בוזי? — האָב איך געפרעגט.

— אָפּגעשפּאָרט נאָך אפן קאַרעלער פראָנט, אין 1942. — און ער האָט דערציילט וועגן א פראָנט־פּאַסירונג, וועלכע האָט מיך, דעם עמעס געזאָגט, דעמלט ניט איבעראַשט, מאַלע־וואָס עס האָט פּאַסירט אף דער מילכאָמע.

...ס'איז געווען טיפער הארבסט. דער סוינע האָט אָנגעגרײַפט, סטאַרענדיק זיך ארומרינגלען אונדזער דיוויזיע. ס'איז שוין פאַרבליבן בלויז א שמאָלער דורכגאַנג אפן ברעג טײַך, לענגויס וועלכן עס ציט זיך די שוץ־ליניע. מע וועט זיך שלאָגן אף לעבן און טויט.

גאָלדענבערג — אַן אינסטרוקטאָר פון פּאָליט־אָפּטייל — און נאָך צוויי אָפיצערן באַקומען א באַפעל אריבערפירן אף יענער זײַט טײַך א קעסטל מיט וויכטיקע דאָקומענטן. זיי האָבן אָפּגעזוכט א קליין פישער־שיפל, אָבער אָן וועסלעס. ערגעץ אין א פאַרוואָרפענער קלוניע האָט זיך אָפּגעפונען א הילצערנע לאָפּעטע, מיט וועלכער מע שאַרט געוויינלעך אָפּ דעם שנײ, און די דרײַ אָפיצערן זײַנען אָפּגעשווומען פונעם ברעג. אין אײַלעניש האָבן זיי ניט באַמערקט, אַז דאָס שיפל איז מיט שפּאַרונעס, און ס'האָט זיך גענומען אָנפולן מיט וואַסער. אינמיטן טײַך איז עס שוין איינגאַנצן ביזן ראַנד געווען פאַרזונקען. צום ברעג איז פאַרבליבן א הונדערט פופציק מעטער. מע האָט זיך געלאָזט שווימען. דאָס קעסטל מיט די דאָקומענטן האָט מען געהאַלטן אף אויסגעצויגענע הענט. יעדע צען — פופצן מעטער האָט עס גענומען א צווייטער.

דערנאָך, אַז מע איז נאַסע און אויסגעמאַטערטע ארויס פונעם טײַך, איז אויסגעקומען גיין נאָך גוטע עטלעכע קילאָמעטער, ביז מע האָט זיך דערקליבן צו א וווינונג. אין א פּאָר טעג ארום זײַנען די דרײַ אָפיצערן אָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל מיט א לונגען־אָנצינדונג. פון דעמלט אָן האָט גאָלדענבערג צו טאָן מיט די פיס, באַזונדערס מיטן רעכטן...

איין סאָלדאַטישע דערמאָנונג רופט ארויס א צווייטע, א דריטע. מיר האָבן לאַנג געשמועסט אין אָט דעם ערשטן טאָג פון בוזיס זײַן בא אונדז צוגאַסט. איך האָב אים געפרעגט וועגן דער „ספּעציִעלער סיבע":

— עפּשער האָסטו אַמאָל, „דורכרײַטנדיק מיטן עסקאַדראָן", איבערגעלאָזט אין דער שיינער בוקאָווינער שטאָט א צעבראָכן האַרץ?..

ער האָט א שמייכל געטאָן: „פאַרקערט, מיר האָבן אין צעבראָכענע הערצער א לעבן אײַנגעהויכט"...

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, און אונדז האָט עס איצט באַזונדערס געפרייט, — אַז גאָלדענבערג האָט דעם 29 מאַרט 1944 (זײַן מיליטער־טייל איז דאַן געווען אין באַשטאַנד פונעם פערטן אוקראַיִנישן פראָנט) אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען טשערנאָוויץ פון די אָקופּאַנטן.

די פיס האָבן אים שטאַרק וויי געטאָן, און פונדעסטוועגן איז ער באַשטאַנען, מיר זאָלן זיך דורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט. אַלץ האָט אים דערמאָנט אין יענע רומפּולע טעג. אף דער

לעבין־גאס, נעענטער צו דעם שטאָט־פּארק, האָט ער אונדז אָפּגעשטעלט בא א גרויען פינפשטאָקיקן ביניען.

— אָט דאָ, — האָט ער דערציילט, — איז געווען זייערער א שטאב. זיי זײַנען געלאָפן אין אײַלעניש און איבערגעלאָזט גאנצע פּעק מיט דאָקומענטן. מיר האָבן געפונען הימלערס און אייכמאנס א צירקוליאר־בריוו, אין וועלכן זיי האָבן געפאָדערט פון זייערע רומענישע פארבינדעטע וואָס גיכער צו פארענדיקן מיט די בוקאָווינער ייִדן.

די עטלעכע טעג פון זײַן ווײַלן אין טשערנאָוויץ זײַנען דורכגעפלויגן אומבאמערקט. און אָט זײַנען מיר שוין אפן וואָקזאל, און מיר באגלייטן אים ארויס.

א לעצטער זײַ־געזונט, בוזי שטייט לעבן פענצטערל אין וואגאָן און שמייכלט צו אונדז.

וועמען האָט געקאָנט דעמלט קומען אפן זינען, אז דאָס זעען מיר אים צום לעצטן מאָל...

ער איז טאקע געווען מיליטעריש־געשולט, אָפּגעגעבן דער סאָוועטישער ארמיי צען יאָר פון זײַן לעבן — פינף בייס דער מילכאָמע און פינף שוין נאָכן ניצאָכן, ווען ער איז איר נאָך אלץ נייטיק געווען אף דעם וויכטיקן פּאָסטן, וואָס ער האָט פארנומען, — און דאָך איז זײַן עמעסער בארוף געווען ניט דאָס מיליטערוועזן, נאָר זשורנאליסטיק. ער איז געווען, ווי מע זאָגט, א געבוירענער זשורנאליסט. ס׳איז צו באוווּנדערן: ניט האָבנדיק קיין ליטעראַרישע דיפּלאָמען, איז ער פאר אונדז אלעמען — זײַנע צײַטונגס־קאָלעגן — געווען אָן עטאלאָן פון זשורנאליסטישן פּראָפעסיאָנאליזם.

אלע האָבן געוווּסט: גאָלדענבערג צעשיידט זיך ניט מיטן בוך. ער האָט פארמאָגט א פענאָמענאלן זיקאָרן און האָט ווי א שוואָם אײַנגעזאפּט אין זיך אינפאָרמאציע און קענטעניש. ניין, דאָס איז ניט געווען קיין מעכאניש פארגעדענקען א סכום פאקטן. גאָלדענבערג פלעגט זיי טיף באזיניקן און פארוואנדלען אין זײַן אייגענעם קולטור־פארמעגן.

עס ליגט פאר מײַנע אויגן זײַנס א נאָטיץ־ביכל, וואָס האָט זיך פארהיט נאָך זײַן טויט. ס׳איז קעדײַ ארײַנצוקוקן אין דעם און דערזען, ווי ברייט עס איז געווען דער אינטעלעקטועלער דיאפּאזאָן בא אָט דעם מענטשן.

אפן שארבלעטל האָט גאָלדענבערג אָנגעשריבן: „אינטערעסאנט און באלערעוודיק”. ער פארנאָטירט לעבינס ווערטער: „א קנעכט, וועלכער באגרײַפט זײַן קנעכטישע לאגע און קעמפט קעגן קנעכטשאפט, — איז א רעוואָליוציאָנער; א קנעכט, וועלכער באגרײַפט ניט זײַן קנעכטישקײַט און גליווערט מיט שטומער אומבאוווסטזיניקײַט אין דעם שווײַגנדיק־קנעכטישן לעבן — איז פּאָשעט א קנעכט; א קנעכט, בא וועלכן עס רינט די סלינע, ווען ער גרויסט זיך זעלבסטצופרידן מיט דעם ווילן און גוטן האר, איז א כאָלאָפּ און א כאם”.

דערנאָך גייען אוועק זײַטלעך מיט אויספירלעכע פארנאָטירונגען פון קארל מארקס׳ „קאפּיטאל”, פון פּלאטאָנען, אריסטאָטעלן, וואָלטערן, לאָמאָנאָסאָוון. א סאך פארנאָטירונגען זײַנען וועגן די גריכישע מיפן. ווײַטער איז א גרויסער אָפּטייל פארפולט מיט אויסצוגן פון איבערגעלייענטער קינסטלערישער ליטעראטור (די רעשימע פון די ווערק ברענג איך דאָ לויט דעם סיידער, ווי זיי גייען אין נאָטיץ־ביכל): גאָרקי, גאָגאָל, אנדערסען נעקסע, שאָלעם־אליי־כעם, בלייק, דאָדע, אָמאר כאיאם, פּערעץ, בירסאָן, כיקמעט, הוגאָ, מארק טווען...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו גאָלדענבערגס זשורנאליסטישער ביאָגראפיע. זי הייבט זיך אָן אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן. ס׳איז ערשט א פּאָר יאָר, ווי עס האָט זיך פארענדיקט דער בירגערקריג, אין וועלכן, אגעוו, בוזי, א זיבעצניאָריקער, האָט אליין זיך באטייליקט. דאָס יונגע סאָוועטנלאנד האָט נאָך ניט באוויזן צו פארהיילן די ווונדן.

גאָלדענבערג איז פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר פון דער בערדיטשעווער צײַטונג „די וואָך”. א קלייניקע לויטן פאָרמאט, האָט זי פונדעסטוועגן געפונען פּלאץ אי פאר א רעדאקציאָנעל ארטיקעלע אף ברענענדיקע טאָגטעמעס, אי פאר א בײַסיקן פעליעטאָן, אי פאר קאָלערליי ארבקאָרישע נאָטיצן, אפילע פאר א קורצער דערציילונג און פאר פּאָעזיע. בערדיטשעוו האָט אין יענע יאָרן פארמאָגט א היפּשע פּלעיאדע יונגע ייִדישע פּראָזאיִקער, דיכטער, קריטיקער, שפּעטער האָבן אייניקע פון זיי פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער ליטעראטור.

אין אָט דעם קענען אף א מינימאלער צײַטונגס־טעריטאָריע פאנאנדערשטעלן (ווי מע שטעלט פאנאנדער אף א שלאכטפעלד פארשיידענע מינים געווער) אלע ליטעראַרישע זשאנרען, — פאנאנדערשטעלן אזוי, אז איינער זאָל דערגאנצן דעם אנדערן און שטיצן אים אין די שלאכטן, וואָס די סאָוועטישע פּרעסע האָט געפירט אין יענע קאָמפּליצירטע אומשטענדן, — אין דעם האָט זיך בוילעט אנטפּלעקט גאָלדענבערגס הויכע רעדאקטאָרישע באגאבונג.

איך וויל בעשומויפן ניט פארמינערן די ראָל פון די אנדערע טוער פון דער צײַטונג. מיט גרויס ייִראס־האקאָוועד דערמאָנען מיר הײַנט דעם הויכגעבילדעטן ליטעראט און געזעלשאפטלעכן טוער, אלעמענס ליבלינג סיאָמע זשוקאָווסקין. צווישן אים און בוזי גאָלדענבערגן האָט אף יאָרן לאנג זיך פארהיט א ריר־נדיקע פרײַנטשאפט, וועלכע איז אנטשטאנען בייס זייער געמיינזאמער זשורנאליסטישער און רעדאקציאָנעלער טעטיקײַט. ביידע, גאָלדענבערג און זשוקאָווסקי, האָבן געהאט גרויס פארשטאנד פאר ליטעראטור. איך בין זיכער, אז די בערדיטשעווער, די דערנאָך באוווסט געוואָרענע ייִדישע שרײַבער האָבן ניט איין מאָל דערמאָנט און דערמאָנען אויך איצט מיט די

אײדלסטע געפֿילן בוזי גאָלדענבערגן און סיאָמע זשוקאָווסקין.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער אומדערמידלעכער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פֿון דער בערדיטשעווער צײַטונג מוישע סאָפּיאַן (ער איז שוין איצט אין טיפֿן עלטער, לעבט אין טולטשין און איז ענג פֿאַרבונדן מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד")...

דער עכטער פּאַנאַנדערבלי פֿון גאָלדענבערגס ליטעראַרישער און אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקײַט פֿאַלט אויס אויף דעם „שטערן"־פּעריאָד. אין 1928 פֿאָרט ער איבער קיין כאַרקאָוו — דער דעמאָלטיקער הויפּטשטאָט פֿון דער סאָוועטישער אוקראַינע, — און ער ווערט באַשטימט אַלס שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער טעגלעכער רעפּובליקאַנישער צײַטונג „דער שטערן".

ס'איז געווען די צײַט פֿונעם ערשטן פֿינפֿיאָר־פּלאַן, פֿון ערשטע הידראָעלעקטראָסטאַנציעס, ערשטע פֿלוגן אין דער סטראַטאָספֿער, ערשטע אויטאָמאָביל־ און טראַקטאָר־זאַוואָדן, ערשטע רויטע קאָלווירטישע ברויט־אָבאָזן, — אַלץ איז געווען צום ערשטן מאָל און אַלץ — אויף ניט קיין באַטראָטענע וועגן. און דער אומופֿהערלעכער מאַסן־שטראָם פֿון דער שטעטלדיקער יוגנט אויף די נײַבויונגען איז דאָך אויך געווען צום ערשטן מאָל און איבעראַשנדיק נײַ.

גאָלדענבערג פֿלעגט זאָגן:

— מיר דאַרפֿן זײַן ווי ווײַט מעגלעך נעענטער צו די, וואָס מישן דעם בעטאָן, לייגן די ציגל, צוימען די טײַכן, נעמען אַראָפּ די גערעטעניש, — צווישן זיי איז דאָס אָרט פֿונעם זשורנאַליסט און פֿון דער צײַטונג.

און ער אָרגאַניזירט אַרויספֿאָר־רעדאַקציעס אויפֿן דניעפּראָבוי און אויפֿן כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד, טרעט אַרויס אין דער צײַטונג אַלס איניציאַטאָר פֿון אַ סאָציאַליסטישן געוועט צווישן די קאָלווירטן פֿון קאַלינינדאָרפֿער, סטאַלינדאָרפֿער און נײַזלאַטאָפּאָליער ראַיאָנען — מיט אַן איבערגעייענדיקער רויטער פֿאָן פֿון דער צײַטונג פֿאַר דעם זיגער אין געוועט.

בוזי גאָלדענבערג האָט פֿאַרמאָגט די ווונדערלעכע פֿײַיקײַט צו באַגײַסטערן די מיטאַרבעטער פֿון דער צײַטונג מיט דער אָדער אַנדערער אידיי און אָפּזוכן פֿאַר יעדן איינציקן דאָס סאַמע פּאַסיקסטע אָרט אויף צו אַנטפּלעקן זײַנע פֿײַקײַטן.

דערנאָך, ווען אַלץ איז שוין דורכגעטראַכט און אָרגאַניזירט, וועט בוזי גאָלדענבערג אַרויספֿאָרן אויפֿן דניעפּראָבוי און אײַנעם מיטן דיכטער און זשורנאַליסט צאָדעק טוזמאַנען, וועלכער איז געווען באַשטימט אַלס אַרויספֿאָר־רעדאַקטאָר, קנעטן די געדיכטע בלאָטעס, שפּאַנען פֿון איין קאָטלאָוואַן צום צווייטן, פֿון איין בעטאָן־בריגאַדע צו דער אַנדערער, פֿון די אַרמאַטורשטשיקעס צו די עלעקטראָשווייסער, באַזוכן די גאָרקיך, די צוזאַמענוווינונגען, און שפּעט אָפּדערנאַכט וועט מען זיצן אין הילצערנעם בײַדל פֿון דער אַרויספֿאָר־רעדאַקציע און אַרומריידן די ווײַטערדיקע פּלענער פֿון דעם מיני־„שטערן". טאַקע אַ קליין צײַטונגל געווען, אָבער מיט וואָס פֿאַר אַן אינטערעס האָט מען עס געלייענט אויף דער ריזיקער בויונג!

גאָלדענבערגן וועט מען אויך זען אין אַ סאָף־זומערדיקן פֿרימאָרגן אײנעם אַליין שפּאַנען איבער אַ קאָלווירטיש פֿעלד פֿון נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן, און אָפּדערנאַכט וועט ער אַרויסטרעטן מיט אַ לײַדנשאַפֿטלעכער רעדע, און מענטשן וועלן זיך כידעשן: ווי קומט עס צו אים אַזאַ באַהאַוונטקײַט, אַזוי גוט וויסן פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אין די קאָלווירטן פֿונעם ראַיאָן. דערנאָך וועט ער איבערגעבן דעם ראַיאָן די איבערגעייענדיקע רויטע פֿאָן פֿון דעם „שטערן" פֿאַר די דערפֿאָלגן אין דער שניט־קאַמפּאַניע.

אַ צײַטונגס־טוער, וואָס האָט זיך געכאָוועט אויף די טראַדיציעס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע, האָט בוזי גאָלדענבערג אַ סך צײַט און מי געשענקט אויף צו באַהעפֿטן אַרום דעם „שטערן" אַן אַקטיוו פֿון אַרבעטער־ און דאָרפֿישע קאָרעספּאָנדענטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרף מען די „קאָרן" (ווי ער פֿלעגט זיך אויסדריקן) לערנען. לויט זײַן איניציאַטיוו ווערט געשאַפֿן בײַ דער צײַטונג אַן אַרבדאָרפֿקאָרישער סעמינאַר, ער לייענט אַליין לעקציעס און ציט צו אָנגעזעענע ליטעראַטן, שפּראַך־קענער. די דערפֿאַרנסטע „שטערן"־טוער צאָדעק טוזמאַן, ליאָניע לייבמאַן, שלוימע שנייפּאַל, הערשל זאַליעסקי, בינאָמין מייעראָוויטש פֿירן דורך מיט די אַרבדאָרפֿקאָרן פּראַקטישע לימודים, באַווײַזן ווי אַזוי אָנשרײַבן אַ נאָטיץ, אַרויסלאָזן אויף דער אונטערנעמונג אַ וואַנטצײַטונג.

ס'איז שוין אָנגעזאַמלט אַ רײַכע דערפֿאַרונג, קאָן מען און מע דאַרף זי ווי ס'געהער צו זײַן באַזיניקן. אין 1930 שרײַבט בוזי גאָלדענבערג אַן אַ בוך „צו הילף די אַרבדאָרפֿקוסטקאָרן". דאָס איז געווען אַן אוניקאַלע אַרבעט, אַ האַנטבוך פֿאַר אַ גאַנצן דאָר אַרבעטער און דאָרפֿישע קאָרעספּאָנדענטן.

קימאַט דעם גאַנצן ווינטער און דעם פֿרילינג פֿון 1934 איז געגאַנגען אַ העפֿטיקע צוגרייטונג צו אַן אַלוקראַינישער ייִדישער שפּראַך־באַראַטונג. די צײַטונג „דער שטערן" איז געוואָרן די טריבונע פֿאַר אַ דיסקוסיע אַרום די פּראָבלעמען פֿון דער ווײַטערדיקער שפּראַך־בויונג.

וואָס נעענטער צו דער באַראַטונג, אַלץ שאַרפֿער איז געוואָרן די פּאָלעמיק, אַלץ מער האָבן זיך דערווײַטערט די פּאָזיציעס פֿון די שטרײַטנדיקע און אַלץ לײַדנשאַפֿטלעכער איז געוואָרן דער וויקועך.

און צדאָדים אײנעם שטרײַט זײַנען געווען געגנוג. מיטאַמאָל זײַנען אַלע געוואָרן שפּראַך־מעווינים, און ווער נאָר עס האָט זיך ניט געפֿילט, האָט געשריבן טעזיסן און קאָנטרטעזיסן.

בערל קאמענשטיין — אין יענער צײַט דער פארוואלטער פונעם ייִדישן אָפטייל פון דעם אוקראַיִנישן נאַצמינדפארלאג — האָט געוואָרפן אין כּיירעם אלע דײַטשמעריזמען, ווײַל... אין דײַטשלאנד האָט פארכאפט די מאכט דער פאשיזם. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט די העברעיִזמען, אָן אונטערשייד צי דאָס זײַנען אזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין לאנג אסימילירט אין דעם ייִדישן לאָשן און פילן זיך דאָרטן היימלעך, צי, פארקערט, דאָס זײַנען ארכאַיִשע ווערטער און באגריפן, וואָס רופן ארויס אסאָציִאציעס מיטן פארגאנגענעם שטייגער, מיט רעליגיע און מיסטיק.

איציק פעפער וועט שפעטער, שוין אַף דער באראטונג, דערציילן, וויִאזוי קאמענשטיין האָט אים פאָרגעלייגט ארויסוואַרפן פון זײַנער א ליד דאָס וואָרט „פּאָנעם", ווײַל... עס שטאמט פון העברעיִש. דער זאַל האָט געלאכט, און קאָמענשטיין גופא האָט אויך געשמייכלט, צוגלעטנדיק דערבײַ דאָס קורץ־געשוירענע בלאָנדע, אויסגעכאָליעטע בערדל.

דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, די „רעכטע" זײַט פון דער מאטבייע. די „לינקע" זײַט האָט אויסגעזען אזוי: דער זעלבער קאמענשטיין האָט געמאָנט אומבאגרענעצטע בירגער־רעכט אין דער ייִדישער שפראך פאר אזעלכע סלאווישע ווערטער ווי „פריגאָוואָר", „סודיא", „דאָקלאד", „אודארניק", „אוקלאָניסט", „כאָזײַסטוועניק", „אָבעזליטשקע" אדגל.

נאָר אויב קאמענשטיין האָט דערווײַל בלויז פראָזשעקטירט, איז דער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „אָדעסער ארבעטער" שאָלעם אליק אריבערגעגאנגען פון וואָרט צו טאט. די צײַטונג האָט אָנגעהויבן שרײַבן: „פארט־יאטשייקע", „אודארני סליאָט", „זיך אָפאראָסיעט", „סאָבראניע" אדגל.

דער רעדאקטאָר פון דער פילטיראזשקע „די שטאָלענע נאָדל" אַף דער כארקאָווער טיניאַקאָוו־פאבריק וועלטמאן קומט אין איינעם א טאָג צו גאָלדענבערגן און לייגט אוועק אפן טיש א „בריוו פון די ארבקאָרן", אויך וועגן דער זעלבער פראגע — וועגן ייִדיש לאָשן. „בייזוויליקע הענט, — איז געווען געזאָגט אין דעם בריוו, — פארמיסטיקן דאָס לאָשן מיט אזעלכע ווערטער ווי „קאָמיוג", „קאָלווירט", „ראט", „שעטעך", „טקופע", „מוסטערהאפט", „דראָונגען" — ווערטער, וואָס די ארבעטער־מאסע פארשטייט זיי ניט"...

געבראכט דעם בריוו, איז וועלטמאן געווען קימאט זיכער, אז „דער שטערן" וועט קיין אָרט פאר אים ניט געבן. עס האָט אים דעריבער איבערראשט, ווען גאָלדענבערג האָט געזאָגט:

— גוט, מיר וועלן עס אָפדרוקן. אין דער סאמע נאָענטער צײַט, נאָר איר וועט, גלייב איך, אונדז דערלויבן אײַך ענטפערן — אין דער צײַטונג, פארשטייט זיך...

שטענדיק אין מאָמענטן ווען „דער שטערן" האָט געמאכט ערנסטע באמיִונגען, פלעגט גאָלדענבערגן אזויווי צוקומען פרישע קויכעס, ער איז געווען פול מיט ענערגיע און מיט שעפערישע אײַנפאלן. ווען די רעדאקציע־מיטארבעטער וועלן זיך שוין פאנאנדערגיין אהיים, וועט גאָלדענבערג זיך ערשט צוזעצן צום שרײַבטיש. ארום און ארום איז שטיל, בלויז אין א זײַטיק צימערל קלאפט מאָנאָטאָן די דעזשורנע שרײַבמאשינקע, לעבן וועלכער דער באנאכטיקער רעדאקטאָר דיקטירט די טעלעגראמעס פון טאסס און ראטאו. גאָלדענבערג שרײַבט דעם ענטפער די „טיניאקאָווצעס". זײַן מויעך ארבעט אָנגעשטרענגט: וויִאזוי קלערט מען זיי בעסער אויף זייער טאָעס, וויִאזוי דערווײַזט מען זיי, אז עס גייט ניט אין דעם אָדער יענעם וואָרט, אז דער איניען איז פיל קאָמפליצירטער, עס האנדלט זיך אין טענדענצן, וואָס אויב זיי ניט באקעמפן, קאָנען זיי דערפירן צו א יערידע פון דער שפראך...

ווען ער פארענדיקט שרײַבן, איז אינדרויסן שוין טיפע נאכט. ער האָט שוין אָנגעקלונגען דער פרוי און זי געוואָרנט, אז ער האָט א דרינגענדיקע ארבעט, און זי זאָל אַף אים אזוי גיך ניט ווארטן. זי האָט אים אומצופרידן געענטפערט: — „און ווען איז בא דיר ניט דרינגענדיק?" וואָס קאָן ער איר זאָגן? זי איז אוודע גערעכט. נאָר גיין אהיים איז איצט פאָרט שוין שפעט. וועט ער זיך צושפארן אַף דעם רעדאקציע־דיוואן און כאפן א דרעמל.

אפן אנדערן טאָג האָט גאָלדענבערג פארבעטן צו זיך עטלעכע מיטארבעטער פון רעדאקציע — ער וויל פארן אָפשיקן דעם ענטפער אין זאץ אויסהערן זייער מיינונג. עטלעכע מאָל האָט ער געפרעגט בא זיי, צי ס'איז אין דעם ענטפער ניטאָ עפעס אזעלכס, וואָס קאָן באליידיקן די כאוויירים פון דער „שטאָלענער נאָדל".

די שוועריקײַט איז באשטאנען אין דעם, וואָס דער דרײַלינג — קאמענשטיין, אליק, וועלטמאן — האָט זיך פארופן אפן באוווסטן שפראכקענער א. זארעצקי, וועלכער האָט באהויפטעט, אז „מיר שטייען, קען זײַן, פאר אן אָנהייב פון א נײַער ייִדישער שפראך — א ייִדיש־רוסישער..." (זײַן ארגומענטאציע: „מע האלט, אשטייגער, אז ס'איז שענער זאָגן „איך עפן די פארזאמלונג", איידער „איך אָטקריוואיע די סאָבראניע", כאָטש מע קאָן די מיינונג מיט גאָרנישט ניט שטיצן... אָביעקטיוו גערעדט, איז „איך עפן די פארזאמלונג" און „איך אָטקריוואיע די סאָבראניע" צוויי גלײַכדײַטיקע פראזעס פון פארשיידענע שפראכן — לאָמיר זאָגן — ליטעראריש־ייִדיש און ייִדיש־רוסיש").

א. זארעצקי האָט צו דער צײַט, וועגן וועלכער עס גייט דאָ א רייד, שוין ניט איין מאָל, מינדלעך און שריפטלעך, זיך אָפגעזאָגט פון זײַן פעלערהאפטער קאָנצעפציע. נאָר דער דרײַלינג האָט פארגעזעצט זיך פארופן אַף אים.

א געוויסע צײַט האָבן די שפראך־„נאָוואטאָרס" פארטיידיקט זייער טעזיס. ווען מע האָט אָבער אַף דער באראטונג זיי געזאָגט מיטן פולן מויל: „דאָס לאָשן פון א פאָלק איז אן איידעלער און אן ערנסטער אינסטרומענט, מיט

װעלכן מע דאַרף בויען אַ קולטור״,— האָבן זײ צוביסלעכװײַז אָנגעהויבן זיך אויסניכטערן, און צום סאָף פון דער באַראַטונג האָט װעלטמאַן זיך מודיע געװען: „דער בריװ, װעלכן מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין „שטערן״, פאַרמאָגט ערנסטע פעלערן; זײ נעמען זיך פון אַמעראַצעס...״

ענדלעך איז געזאָגט געװאָרן דאָס פּאַסיקע װאָרט — אַמעראַצעס. בוזי גאָלדענבערג האָט װעגן דעם קלאָר געזאָגט אין זײַן אַרטיקל אין „שטערן״, נאָך ערעװ דער באַראַטונג און אין זײַן רעדע אויף דער באַראַטונג. װען די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ סאַכאַקל־אַרטיקל. איך װעל דאָ ברענגען אַ פּאָר שטעלן פון דעם דאָזיקן אַרטיקל, װײַל איך קלער, אַז זײ קלינגען אויך הײַנט אַקטועל: „מיר דאַרפן האָבן אין זינען, אַז די שפּראַך־בויונג איז אַ טײל פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בויונג, זי װערט פון איר באַװירקט, און פון איר זײַט באַװירקט זי אויך דאָס גאַנצע״.

אַ צװײטער געדאַנק: „װען מיר טרעטן אַרויס קעגן העברעיִזמען, מײנען מיר ניט סתּם העברעיִזמען, נאָר די אָפּגעלעבטע העברעיִזמען, װאָס אַסאָציִירן זיך מיטן אַלטן פאַרשימלטן אָפּשטאַרבנדיקן נעכטן״. און: „װערטער, װאָס דאַרפן אויסדריקן אַסאָציאַציעס פון העראָיִשע באַריקאַדע־שלאַכטן און קאַמף, װערן בײַ אונדז אין דער ליטעראַטור אָפט פאַרביטן אויף װערטער, װאָס רופן אַרויס אַסאָציאַציעס פון מאַרק, קלויז, מיקווה, העקדעש. אָט קעגן דעם דאַרף מען קעמפן...״

מע האָט געקאָנט הערן װעגן גאָלדענבערגן לאַכלוטן קעגנזעצלעכע מײנונגען:

— אַ האַרבער פאַרשוין...

— אַ מילד האַרץ, און האָט אָפּשײַ פאַרן מענטשן...

— אַ ביסל אַ גאַדלעסדיקער...

— אַ באַשײדענער, ביז שעמעװדיקײַט... און װעגן זיך טראַכט ער װײניקער פון אַלץ...

װאָס זאָל עס געװען באַטײַטן? צי איז זײַן כאַראַקטער טאַקע בעעמעס געװען אַ װידערשפּרעכלעכער? נײן, ניט אין דעם גײט עס.

בוזי גאָלדענבערג איז געװען אַן אָרגאַניזירטע, צילגעװענדטע פערזענלעכקײַט, און ער האָט פון טיפן האַרצן געװאָלט, אַז אַלע מענטשן, אַמװײניקסטנס — די, װאָס זײַנען טאָגטעגלעך געקומען מיט אים אין באַריר, זאָלן אין זײער אַרבעט און אין זײער לעבן אויך זײַן אָרגאַניזירטע און צילגעװענדטע. גאָלדענבערגס שאַרפע קעגנערשאַפט צו אַלץ, װאָס איז געװען דער הײפּעך פון אָט די מײַלעס, האָבן אײניקע געװאָלט אויסטײַטשן װי האַרבקײַט, איבעריקע שטרענגקײַט.

אַלע האָבן געװוּסט: גאָלדענבערג איז אַ שטאָלצער מענטש, װאָס פאַראַכטעט יעטװידע פאַלשקײַט, צבֿיעות, אײַנגנוציקײַט, גענאַרערײַ, פאַכדאָנעס. ער האָט געװאָלט, אַז אַלע מענטשן,

ב. גאָלדענבערג (לינקס) און עמ. קאַזאַקעװיטש אין רעדאַקציע פון „ביראָבידזשאַנער שטערן״

לעכאַלהאַפּאַכעס די, װאָס רינגלען אים אַרום, זאָלן זײַן פרײַ פון אָט די טנועס. נאַטירלעך, ניט יעדן איז עס געװען צום האַרצן.

און דערװײַל האָבן צו דעם „האַרבן״ און „גאַדלעסדיקן״ גאָלדענבערגן זיך געצויגן מענטשן — פיל מער און פיל אָפטער, אײדער צו אַן אַנדערן אין רעדאַקציע. אויך בריװ פלעגן אויף זײַן נאָמען אָנקומען אָן אַ שיר. אַלע בריװ פלעגט ער איבערלײענען, אויף יעדן פערזענלעך ענטפערן. יונגע, און ניט נאָר יונגע, ליטעראַרישע טאַלאַנטן האָבן געשעצט זײַן אָביעקטיװ און באַהאַװנט אָפּשאַצן זײערע װערק.

גאָלדענבערג האָט ניט אויסבאַהאַלטן פאַר זײַנע נאָענטע פרײַנט דעם טרוים װעגן ביראָבידזשאַן. ער איז לויט זײַן גאַנצן מהות געװען אַ ראָמאַנטיקער. ראָמאַנטישקײַט האָט בײַ אים באַטײַט נײַע װעגן, נײַע מענטשן, נײַע אָנשטרענגונגען, נײַע אויפטוען, און דאָס אַלץ, פאַרשטײט זיך, צוליב צילן, װאָס זײַנען לעטויװעס דעם מענטשן.

יאָ, װעגן זײַן טרוים האָבן מיר געװוּסט, און פונדעסטװעגן, װען ס'איז בײַ אים ענדגילטיק רײַף געװאָרן דער באַשלוס אויף שטענדיק אַריבערצופאָרן קײן ביראָבידזשאַן, איז עס פאַר אונדז פאָרט געװען אומדערװאַרט. אַפּאָנעם דערפאַר, װאָס מיר האָבן זײער ניט געװאָלט זיך שײדן מיט אים.

ער איז אַװעקגעפאָרן פון כאַרקאָװ אָנהײב זומער *1936*, און פון דעמלט אָן האָבן שוין בלויז בריװעלעך געצויגן װײַטער דעם פאָדעם פון פרײַנטשאַפט. זײַנע בריװ — אַמאָל אויספירלעכע, אַמאָל לאַקאָנישע — האָבן דערצײלט װעגן דער שײנקײַט פון דער ביראָבידזשאַנער נאַטור, װעגן די נײַ־בויונגען אין דעם יונגן קאַנט, װעגן די איבערװאַנדערער. דאָס זײַנען

געוועזן בריוו פון א מענטשן, וועלכער האָט זיך אפן סאמע נאָטירלעכסטן אויפן אײַנגעגלידערט אין די נײַע פאר אים לעבנס־באַדינגונגען און וואָס פילט זיך אין ביראָבידזשאַן היימיש. ער האָט זייער גיך זיך באַפרײַנדעט מיט די מענטשן אין דער רעדאקציע פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן", זיך געטראָפן מיט אלטע פרײַנט און דערוואָרבן א סאך נײַע. זײַענדיק דער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג, האָט ער געטרײַ, מיט האַרץ און נעשאָמע געאַרבעט, אָנווענדנדיק די רײַכע דערפאַרונג, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמלט ביז אהער. די ביראָבידזשאַנצעס האָבן אים אינגיכן ליב געקראָגן און הויך אים געשעצט.

אזוי זײַנען אדורך עטלעכע יאָר, ביז ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיטן דײַטשישן פאַשיזם. גאָלדענבערג גייט אוועק באַשיצן זײַן היימלאַנד.

מיר האָבן זיך באַגעגנט ערשט אין אכט יאָר ארום. טאַקע וועגן אָט דער באַגעגעניש אין טשערנאָוויץ האָבן מיר זיך עס דערמאָנט בא די מייעראָוויטשעס אין יענעם אָפּדערנאַכט, נאָכן באַקומען די ביטערע בסורע...

ווען איך האָב געבלעטערט בוזי גאָלדענבערגס נאָטיץ־ביכל, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן איינע א קורצע פאַרנאָטירונג, וואָס ער האָט געמאַכט, לייענענדיק טשעכאָוון: „מע דאַרף האָבן א לויטערן סייכל, זײַן גײַסטיק ריין און פיזיש ציכטיק".

אָט אזא געדענקען מיר בוזי גאָלדענבערגן, אזא איז ער פאַרבליבן אין אונדזער זיקאָרן.

■ ■ ■

יאשע רוביאַן

מײַן ברודער מאָטל גרוביאַן

— פעטער, דערציייל נאָכאַמאָל וועגן אזרילעקן, — בעט דער זעקסיאָריקער מאָטעלע.

— כ'האָב נאָך אזא נײַגעריקן ניט באַגעגנט, אלץ וויל ער וויסן, אף אלע פראַגן ענטפער אים, — בורטשעט דער פעטער. — נו, מיילע, אז דו בעטסט, וועל איך דערציילן.

— אזרילעק האָט געאַרבעט אף א זאַוואָד, טאַקע דאָ אין אָדעס, אף דער מאָלדאוואַנקע. אין די אָוונטן זיך געלערנט, פאַשעט געשלונגען ביכער, וועלכע ער פלעגט טראָגן הינטער דער פאָלע, ווי עפּעס א געגאַנווּעטע זאַך.

אין איינעם א שאבעס פאַרנאַכט, — דערציילט ווײַטער דער פעטער, — איז אזרילעק ארײַן אין שטוב, א וואָרף געטאָן צו אונדז זיך קושן און גלײַך אוועק. מיר איז דאָס קושן ניט געפעלן געוואָרן, נאָר דער מומען האָב איך גאָרנישט ניט געזאָגט. וועהאָרײַע, ווי נאָר ס'איז פינצטער געוואָרן, רײַסן זיך ארײַן אין שטוב א כאָפּטע גאָראָדאָוואָיען און מאַכן א פּאָגראָם. געשלײַדערט פון בעט די קישנס, ארויסגעוואָרפן די קליידער פון שאַפע, גענישטערט אין די ביכער. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? וואָס זוכן זיי? ערשט ווען מ'האָט שוין איבערגעקערט די שטוב מיטן קאָפּ אראָפּ און גאָרניט ניט געפונען, האָט דער אָקאָלאָדאָטשנע מיר אָפּגעגעבן די בסורע, אז אזרילעק זיצט. ווײַטער האָב איך זיך שוין אליין דערוווסט, אז ער האָט אויסגעפילט דעם אורטייל פון זײַן געהיימער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און דערשאָסן דעם שוואַרצמייעדיקן דירעקטאָר פון דער „דאָרעם־רוסישער געזעלשאַפט". אזרילעקן האָט מען פאַרמישפּעט צום טויט...

מאָטעלע האָט אופגעהויבן דאָס קעפל, אָנגעשטעלט זײַן בליק אף אזרילעקס פאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אף דער וואַנט, און פון זײַנע אויגן האָבן א פלייץ געטאָן טרערן.

אונדזער טאַטע מיכל, א ניט הויכער מענטש מיט א רויט שיטער שפּיצעכיק בערדל, איז געווען א הײַנטוועלטיקער, געטראָגן א הוט, א מאַנישקע און א ווײַסן זשילעט. ער האָט געהאַט א זעלטענע האַנטשריפט, גוט געקענט ייִדיש, רוסיש, געלייענט טאָלסטאָיען, טורגעניעוון, גאָרקין. ער איז געווען א פּריוואַטער לערער, ליב געהאַט זינגען, איז געווען א מייוון אף נעגינע און אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געשריבן לידער, דערציילונגען, פּיעסן, נאָר אינערגעץ זיי ניט געדרוקט. ער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט פּערעץ הירשביינען, מענדעלען, ביאַליקן, שאָלעם־אליייכעמען, ספּעקטאָרן.

אין פּאָליטיק האָט דער טאַטע ניט ליב געהאַט זיך צו מישן.

— איך בין ניט מילכיק און ניט פליישיק, —

פלעגט ער זאָגן, — נאָר לייגן דעם קאָפּ פאר ניקאָלקען וויל איך ניט.

דעריבער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, פלעגט ער דורך די נעכט קוקן אין א צוועלפער לאָמפּ, טרינקען עסיק, קעדיי זיך קאַליע מאכן די אויגן און אָפּשוואַכן דאָס הארץ, אבי ניט גיין דינען פאר א סאָלדאט. אינגיכן האָט ער, קעדיי אויסמײַדן דעם פריזיוו, פארלאָזט אָדעס און גענומען וואָגלען פון אָרט צו אָרט.

די מאמע כאנע־דוואָירע איז געווען א הויכע, א שלאנקע, א שיינע פרוי, געקענט אָן א שיר לידער — יידישע, רוסישע, אוקראַאינישע. זי האָט זייער ליב געהאט אויסנייען. איר גאנץ לעבן האָט זי אָפּגעגעבן די פינף קינדער. נאָך דעם, ווי דער טאטע איז אוועקגעפאָרן פון אָדעס, איז זי מיט די קינדער אריבערגעפאָרן צום זיידן אין שטעטל סאָקאָליווקע.

דער זיידע שלוימע, א מענטש פון דער אלטער וועלט, האָט אָפּגעלעבט נײַנציק יאָר און איז קיין איין מאָל מיט דער באן ניט געפאָרן. ער האָט געדענקט גוט די פויערשע אומרוען אין 1861 יאָר, געקענט אָן א שיר ציקאַווע געשיכטעס. ער איז געווען א גלעזער און ניט נאָר געקענט ארײַנשטעלן א שויב, נאָר אויך מאכן ראַמען און פענצטער, אָפּגיסן שפּיגלען, מאכן פון הערנער ראָזשיקלעך פאר טאבעק.

אָפט פלעגט דער זיידע נעמען מיט זיך מאָטעלען אין די נאָענטסטע דערפער. ווינטער, דער הימל איז לויטער, די זון שײַנט און דער פראָסט ברענט. דער זיידע טראָגט דאָס קעסטל גלאָז אפן אקסל, לעבן אים לויפט נאָך מאָטעלע מיט א טאָרבעלע קיט און שרײַט:

— היי, א גלעזער ווער באדארף?

מאָטל פארגעדענקט דעם אראָמאט פון דער אוקראַאינישער נאטור, באזונדערס די זומער־פארנאכטן, ווען דער הימל צינדט זיך אָן מיט העליש פײַער.

קיין עמעסע קינדהײַט האָט מאָטל ניט געהאט. ס'זײַנען געווען די יאָרן פון בירגערקריג. אפן שטעטל פאלן אָן פארשיידענע באנדעס. דער מוטער מיט די פינף קליינע קינדער גיט זיך איַין אנטלויפן קיין זשאשקאָוו, און אהין קומט אפן צווייטן טאָג אויך דער טאטע. די גאנצע פאמיליע ווערט קראנק אף טיף. סאָף פעווראל 1919 האָט די מאמע פלוצעם פון הייץ אָנגעהויבן זינגען און אזוי, זינגענדיק, אויסגעגאנגען. אפן טאטנס פראגע: „וואָס וועל איך טאָן מיט פינף פיצלעך קינדער, טאָמער, כאָלילע, שטארבסטו?" באוויַיזט די מאמע ענטפערן: „קיין קליינע קינדער וועל איך דיר ניט לאָזן..." און ווירקלעך, שוין אפן צווייטן טאָג שטארבט א ברודערל פון צוויי יאָר, און נאָך אין א פאָר טעג ארום — אונדזער פיריאָריק שוועסטערל: זי האָט געבעטן עסן און א הונגעריקע אנשלאָפן געוואָרן אף אייביק.

די מאמע איז אפן גאנצן לעבן פארבליבן בא מאָטלען אין זיקאָרן. אינעם ערשטן בוך זײַנעם „פון קעלער אף דער זון" איז די בעסטע ליד געווידמעט איר.

אין 1920 פאָרט דער טאטע אריבער קיין אומאן, און אין שטוב באווײַזט זיך א שטיפמאמע. מאָטלען קומט אויס זוכן ארבעט, אויך די שוועסטער גייט אוועק פון דער היים. פון לערנען האָט אפילע קיין רייד ניט געקענט זײַן. נאָר מאָטל האָט אליין אויסגעלערנט זיך לייענען. ער שפּירט מיט גרויס אינטערעס נאָך די געשעענישן, וואָס קומען פאָר ארום אים. ער ווערט א לערן־ייִנגל בא א שטעפער. ער איז א גרויסער ליבהאָבער פון טעאטראלער זעלבסטעטיקײַט. צוזאמען מיט זײַנע כאווײרים שאפט ער א דראמקרײַז. זיי שטעלן שאָלעם־אלייכעמס „דער געט", „אגענטן", פערעץ הירשביינס „די נעווײלע". איינצײַטיק טרעט מאָטל ארויס מיט קינסטלערישע פאָרלעזונגען, באזוכט דאָס יונקאָרן־קרײַזל, הייבט אָן צו שרײַבן סאטירישע בופאָנאדעס און פילט זיי טאקע אליין אויס אף דער זעלבסטעטיקער בינע.

קיין אומאן קומט אראָפּ אף געציילטע טעג דער מאָסקווער גאָסעט. קריגן בילעטן איז ניט אזוי לײַכט, נאָר מאָטל געפינט אָן אויסוועג. שפעט באנאכט קערט ער זיך לוסטיק אום אהיים, און אינעם נידעריקן שטיבל אונטערן בארג דערהערט זיך זײַן געזאנג: „קויפט, קויפט, קוינים" — דאָס איז אים אזוי טיף ארײַן אין הארצן „די קישעפמאכערן".

מאָטל פאָרט אוועק קיין כארקאָוו. געקומען אהין באנאכט, זיצט ער אָפּ ביז אינדערפרי אפן וואָקזאל, און שוין אין דעם זעלבן טאָג הייבט ער אָן ארבעטן אין א שוך־פאבריק.

פונעם 1930 יאָר דרוקט מאָטל לידער און פארצייכענונגען אין די צײַטונגען „יונגע גווארדיע" און „זײַ גרייט". ער פאָרט אוועק זיך לערנען אפן ארבפאק באם אָדעסער פעדאָגאָגישן אינסטיטוט, באקאנט זיך מיט די אָדעסער שרײַבער נאָטע לוריע, כאָנע ווײַנערמאן, איַיזיק הובערמאן. מיט אים צוזאמען לערנען זיך אף דעם ארבפאק פײַוול סיטאָ, שלוימע לאָפאטע. די יונגע שרײַבער האָבן אין דער צוזאמענוווינונג אף דער קאָמסאָמאָלסקע־גאס נומ. 59 געהאט זייער צימער נומ. 258. דאָ האָבן זיך געפירט הייסע שטרײַטן וועגן ליטעראטור און קונסט, וועגן שרײַבער און ווערק. די אײַנוווינער פון אָט דעם צימער האָבן ארויסגעלאָזט א וואנטצייטונג „אפן שפּיץ פען". דאָס קעפל האָט געמאָלט כאָנע ווײַנערמאן און די איבעריקע האָבן געגעבן מאטעריאל.

מאָטלען האָט מען אין דער וואנטצײַטונג צוגעטיילט אָן אָרט פאר זײַן קינדער־ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „זײַ גרייט":

פּי־פּן־פּא —
בלאָזט א ווינטעלע אזא,
און ס'שיט א פרישער שניי...

פארענדיקט דעם ארבפאק, פאָרט מאָטל אריבער קיין מינסק און קומט אָן זיך לערנען

אינעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער דרוקט זיך אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער“.

ווען אין מאָסקווע קומט פֿאַר די ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די ייִדישע שרײַבער, נעמט אויך מאָטל אין איר אָנטייל. אין אַ צײַט אַרום האָט מיר פֿיניקבערג געזאָגט אין אָדעס:

— מיט אַזאַ ברודער מעגט איר זיך גרויסן...

אין 1935 איז אין מינסק דערשינען זײַן ערשט ביכל לידער „פֿון קעלער אַף דער זון“.

מאָטל אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פֿונעם ייִדישן אָפּטייל באַם ווײַסרוסישן מעלוכישן ראַדיאָקאָמיטעט, ער באַקאַנט זיך מיט די באַוווּסטע ווײַסרוסישע שרײַבער יאַנקאַ קופּאַלאַ און יאַקוב קאָלאַס. אַנטאָן בעלעוויטש זעצט איבער זײַנע לידער אַף ווײַסרוסיש. שפּעטער דערשײַנט אין מינסק זײַן לידער־זאַמלונג „ליריק“, אין וועלכער ער אַנטפּלעקט זיך אַלס מײַסטער פֿון דער קורצער ליד.

אין אָנהייב פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע גייט מאָטל פֿרײַוויליק אַוועק אַפֿן פֿראָנט. אין די שלאַכטן פֿאַר סטאַלינגראַד ווערט ער שווער פֿאַרווונדעט, מע דעמאָביליזירט אים פֿון דער אַרמיי, און ער קומט קיין מאָסקווע.

די מאָסקווער שרײַבער האָבן זייער וואַרעם אויפֿגענומען דעם דיכטער — שלאַכטמאַן, אײַנגעאָרדנט זײַנעם אַ שעפּערישן אָוונט. פּערעץ מאַרקיש שענקט אים אַ בוך מיט אַן אויפֿשריפֿט: „מיר גרויסן זיך מיט אײַך, ווי מיט אַ שלאַכטמאַן און אַ דיכטער“. די מילכאָמע־טעמע איז אָפּגעשפּיגלט אין גרוביאַנס בוך „געזאַנג וועגן מוט“, וועלכער איז דערשינען אין 1947.

דעם דיכטערס האַרץ איז פֿול מיט וויי. אין 1941 זײַנען אין מינסק אומגעקומען זײַן פֿרוי און קינד, און אין בערשאַדער געטאָ — דער טאַטע און דרײַ שוועסטער. זייער אָנדענק ווידמעט ער פֿיל לידער — „זיבן טרעפּ“, „די זעג“, „שלאָף, מײַן זונעלע“, „מײַן שוועסטער“. שפּעטער קומען צו די לידער „דער טאַטע“, „אייכאָ“, „וואַגאָנען“. ניט געקוקט אַף די שווערע איבערלעבונגען אין צײַט פֿון דער מילכאָמע, האָט מאָטל שטענדיק געגלייבט אין אונדזער זיג איבערן סוינע.

פֿון ליד צו ליד ווערט דעם דיכטערס טאַלאַנט אַלץ רײַפֿער און טיפֿער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער טרוימט אָנשרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן. אין די לעצטע יאָרן פֿאָרט ער זייער פֿיל אַרום איבערן לאַנד, באַזוכט סיביר, דעם ווײַטן מיזרעך, גרוזיע און אַנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן, און די רײַכע אײַנדרוקן פֿון אָט די רײַזעס ווערן אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק.

אין 1970 יאָר דערשײַנט זײַן סאַכאַקל־בוך „אומרויִקער ווינט“, וועלכער שליסט אײַן די בעסטע מוסטערן פֿון זײַן דיכטונג.

מאָטל באַציט זיך שטרענג צו דער אייגענער שאַפֿונג און צו די ווערק פֿון אַנדערע שרײַבער. ער פֿלעגט זאָגן:

— אַ שרײַבער מוז קלאָר וויסן, וואָס ער וויל זאָגן, און זאָגן דאַרף דער שרײַבער אַזוינס, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געזאָגט. יעדעס ווערק מוז האָבן אַ ראָזשינקע. אָט דאָס איז דער סאָד פֿון שרײַבן. מע מוז, ברודערקע, האָרעווען, רײַסן פֿון זיך שטיקער...

און ער אַליין איז געווען אַ מוסטער פֿון אַ ליטעראַרישן האָרעפּאַשניק. אַפֿילע שוין ליגנדיק אין שפּיטאָל נאָך אַן אינפֿאַרקט, לייענט ער פֿיל און שרײַבט.

— אוי, ווי עס ווילט זיך לעבן, — פֿלעגט ער אין יענע טעג אָפֿט איבערכאַזערן, — איך האָב נאָך אַזויפֿיל צו זאָגן, קיינמאָל בין איך נאָך ניט געווען מיט אַזויפֿיל לידער, ווי אַצינד.

אין איינער פֿון זײַנע לעצטע לידער שרײַבט ער:

אַלע טאָג זיך ענדיקן
און זיך ניט ענדיקן,
כ׳קען זיך איינמאָל ניין
מיטן טויט פֿאַרשטענדיקן.
לאָז מיך כאָטש מײַן ליד פֿאַרענדיקן
אין ווינטער־טאָג דעם בלענדיקן.

מאָטל קערט זיך אום פֿונעם שפּיטאָל, אָבער זײַן צושטאַנד איז שוין אַ שווערער. ווי נאָר עס לאָזט אים עטוואָס אָפּ, ווערט ער ווידער לוסטיק און האָפֿערדיק. ווען עס קומען צו אים געסט, האָט ער ליב זיי מעכאַבעד זײַן מיט אייגענע מײַכאָלים. איינמאָל, בייס ער האָט דערלאַנגט צום טיש געפֿילטע פֿיש, וואָס ער האָט אַליין צוגעגרייט, האָב איך אים געפֿרעגט:

— מאָטל, ווי קומט עס, אַז באַ דיר האָבן זיך צעקאָכט די פֿיש?

איז ער געוואָרן אַ ביסל כמורנע, נאָר געענטפֿערט מיט אַ שפּאַס:

— פֿאַרשטייסט, ברודערקע, אין אַן ענלעכן פֿאַל האָט דאָוויד בערגעלסאָן אַזוי געזאָגט: „אויב דו ווּעסט זאָגן, אַז איך שרײַב שלעכט, אַרט מיך ניט — די וועלט קען מיך שוין, נאָר טאָמער זאָגסטו, אַז איך קאָך שלעכט, וועלן מיר זיך קריגן...“

דעם 4־טן פֿעוראַל פֿירן מיר אים אָפּ אין קאַרדיאָלאָגישן אינסטיטוט. אַלץ אָפֿטער ווערן די האַרץ־אַטאַקעס.

די לעצטע ליד האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע שאָ פֿאַרן טויט. די שורעס — קרומע, די אויסיעס — געבראָכענע. דעם 8־טן פֿעוראַל, דינסטיק באַנאַכט, איז אים געוואָרן שלעכט, ער פֿאַרלירט דעם באַוווּסטזײַן. זײַן גרויס האַרץ האָט אַף אייביק זיך אָפּגעשטעלט...

איך קוק אַף זײַן פּאָרטרעט, און אַלעמאָל קומט ער אויף פֿאַר מײַנע אויגן אַ לעבעדיקער, אַ פֿריילעכער, מיט אַ קלוגן ווייכן בליק, מיט אַ ליבן שמייכל...

כראָניק

טעאטער און עסטראדע

האַרציקע מעלאָדיעס

פאר דער לעצטער צײַט האָבן די ווילנער קאָלעקטיוון פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, צוזאמען מיטן ייִדישן פאָלקס־טעאטער באם קולטור־פאלאץ פון די ליטווישע פראָפאריינען, אופגעפירט א נײַע קאָנצערט־פראָגראם — „האַרציקע מעלאָדיעס“.

דער ערשטער טייל פון דער פראָגראם (רעזשי פון באָריס לאנדאו), אין וועלכער עס באטייליקן זיך עטלעכע און דרײַסיק יונגע ארטיסטן, איז געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פון דער באפרײַונג פון דער ליטווישער רעפובליק פון די היטלערישע אָקופאנטן. עס ווערן אויסגעפילט לידער און באלאדעס פון פערעץ מארקיש, שמועל האלקין, ארן ווערגעליס, הירש גליק, איבערזעצונגען אף ייִדיש פון דער ליטווישער דיכטונג (לידער פון יוסטאס פאלעצקיס, עדוארד מעזשעלײַטיס אא.).

אינעם אינהאלטסרײַכן ליטעראריש־מוזיקאלישן מאָנטאזש זײַנען באזונדערס אײַנדרוקספול די ארויסטרעטונגען פון דער עלטערער פלעיאדע ארטיסטן—ב. צווירזאָן, יו. קאץ, פ. גאָרעליק, כ. לעווינע, וו. שאלקינסקי. עס נעמען אויס באם צושויער די יונגע אָנטיילנעמער פון דער פראָגראם צאָדעק פראנק, יאשע לעווין, מענע גאָרנשטיין, פאָלינע פײַליס, סאָפיע גורוויטש, ווערע פריש.

די צווייטע אָפטיילונג פונעם קאָנצערט איז א טעאטראלע. אין איר ווערן באוויזן סצענעס פון די ספעקטאקלען „צוויי קונילעמלעך“ און א פראגמענט פון פערעץ הירשביינס פיעסע „גרינע פעלדער“, אין וועלכער עס טרעטן אוף די פירנדיקע ארטיסטן פונעם פאָלקס־טעאטער באָריס לאנדאו, יולי קאץ, מענע גאָרנשטיין, צאָדעק פראנק, געניע לעוו אא.

צום שלוס פונעם קאָנצערט באווײַזן זיך אף דער בינע די וואָקאלע גרופּע פונעם פאָלקס־טעאטער אונטער דער אָנפירונג פון ע. יאנאָווסקי און דער כאָרעאָגראפישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון נ. מארגאָלין. עס ווערן אויסגעפילט עטלעכע שיינע פאָלקס־טענץ, צווישן זיי דער מאסן־טאנץ „א שער“.

די נײַע ייִדישע קאָנצערט־פראָגראם אין ווילנע — דאָס איז בעעמעס א האַרציקע מעלאָדיע, וועלכע רופט ארויס פיל טײַנעג באם צושויער און וועקט בא אים נאָבעלע געפילן.

יאנקל וויניצקי, ווילנע

א נײַער ספעקטאקל אין מאָסקווער דראמאטישן אנסאמבל

דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל האָט באַרײַכערט זײַן רעפערטואר מיט א נײַעם ספעקטאקל לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־אלייכעם „דער פארקישעפטער שנײַדער“, אופגעפירט פון דעם קינסטלערישן אָנפירער פונעם אנסאמבל פעליקס בערמאן.

דעם 15 מײַ ד. י. איז אין לאָקאל פונעם מאָסקווער עסטראדע־טעאטער פאָרגעקומען דער געזעלשאפטלעכער דורכקוק פון דעם ספעקטאקל.

מיט ייִדישע לידער איבער אוקראַיִנע און מאָלדאוויע

עס האָט זיך אומגעקערט פון א גאסטראָל־רײַזע די סאָליסטקע פון דער טולער פילהארמאָניע אנע שוועליאָווע. די זינגערן איז מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן פאר די ייִדישע און ניט־ייִדישע צושויער פון ניקאָלײַעוו, זשיטאָמיר, נאָוואָגראד־וואָלינסק, לוואָוו, איוואנאָ־פראנקאָווסק, טשערנאָוויץ, כערסאָן, קעשענעוו, בענדער, טיראספאָל.

דאָס מאָל האָט אנע שוועליאָווע באנײַט איר קאָנצערט־פראָגראם מיט לידער פון די סאָוועטישע קאָמפאָזיטאָרן, צווישן זיי זינאָווי קאָמפאנייעצעס „א ליד וועגן לענינען“ (ווערטער א. ווערגעליס), לייב פולווערס „טיפע גריבער, רויטע ליים“ (ווערטער ש. האלקין), מאָטל פאָליאנסקיס „דער ווײַנשלבוים“ (ווערטער א. גאָנטאר), ריווע באָיארסקעס „באבי־יאר“ (ווערטער ש. דריז), און מיט א סעריע געזאנגען פון דער ייִדישער פאָלקס־שאפונג.

„וועגן דיכטונג“

א זאמלונג אונטער אָט דעם נאָמען איז לעצטנס דערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג אינעם מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל“. דער אווטאָר פון דעם בוך איז דער באוווסטער אוקראַיִנישער דיכטער מאקסים רילסקי, וועמענס 80־טער געבורטסטאָג עס איז ברייט אָפגעמערקט געוואָרן אין אוקראַיִנע און אין די אנדערע ברידערלעכע רעפובליקן.

אין דער זאמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן דעם דיכטערס ליטעראטור־פאָרשערישע ארטיקלען, זײַנע ארויסזאָגונגען וועגן דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ייִדישער ליטעראטורן, וועגן דער מײַסטערשאפט פון די באדײַטנדיקסטע פאָעטן פון פוילן און טשעכאָסלאָוואקיע, וועגן דעם אינטערנאציאָנאלן כאראקטער פון דער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער דיכטונג און דער קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די נאציאָנאלע קולטורן.

אינטערעסאנט זײַנען רילסקיס פארשונגען ארום די פראָבלעמען פון דער שאפונג פון דאָוויד האָפשטיין און איציק פעפער. וועגן האָפשטיינען, וועגן זײַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראטור און אין דער סאָוועטישער ליטעראטור בי־כלאל, שרײַבט מאקסים רילסקי:

„דאָוויד האָפשטיין איז ארײַן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור ווי א גרויסער און ביז גאָר אייגנארטיקער פאָעט... ווי אַן עכטער און מערקווירדיקער קינסטלער, האָט ער אָפגעשפיגלט אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט אין איר פולער פילארטיקײַט“.

אינעם ארטיקל וועגן איציק פעפערן, אין וועלכן מ. רילסקי ציטירט פיל מוסטערן פונעם דיכטערס שאפונג, שטרײַכט ער אונטער, אז „איציק פעפער איז געווען א דיכטער פון א ברייטן דיאפאזאָן... פאר זײַנע שאפונגען זײַנען אייגנטימלעך פינקטלעכקײַט, אויסדריקלעכקײַט, די פײַיִקײַט צו אופכאפן דאָס סאמע כאראקטעריסטישע“.

צום אָנדענק פון א קולטור־טוערן

אין מאָסקווע איז אין עלטער פון 89 יאָר געשטאָרבן די ייִדישע קולטור־טוערן מירע שנייערסאָן. אָן איבערגעגעבענער פרײַנט און ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראטור, איז זי די לעצטע יאָרן פון איר לעבן געווען פארבונדן מיט דער געזעלשאפטלעכער און קולטור־טעטיקײַט, ווי אויך מיט דער פארשפרייטונג פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

יעשוע ליובאָמירסקי

דער פאָלקס-אַרטיסט בּיניאָמין זוסקין

(צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג)

בּיניאָמין זוסקין איז ביז הײַנט פאַרבליבן ווי א קינסטלער, וואָס האָט מיט זײַן שעפערישן אופטו ווײַט און ברייט פאַרשפּרייט דעם רום פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער סײַ בא אונדז אין לאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. זײַן שאַפונג איז א באַדײַטנדיקער צושטײַער אין דער פאָרגעשריטענער ייִדישער קונסט־ און טעאַטער־קולטור.

די טעאַטראַלע קריטיק האָט פאַרשיידן אָפּגעשאַצט זוסקינס אַקטיאָרישע אינדיווידואַליטעט. אייניקע טעאַטער־קענער האָבן אים באַטראַכט ווי א מאָרעשכוירעדיקן מאַרשאַלעק. אַנדערע זײַנען ניספּאָעל געווען פון די ראָלן זײַנע, ווו עס האָבן זיך געפּאָרט עקסצענטריאַדע מיט ליריזם. עס זײַנען געווען אויך קריטיקער, וואָס האָבן זוסקינען געשעצט פאַר זײַן סינטעטישער קונסט, פאַר דעם טשאַפּלינישן אין זײַנע געשטאַלטן.

ס'איז מאַמעש געווען א נעס: עס קומט אַראָפּ קיין מאָסקווע אין אָנהייב־1922 עפּעס א סטודענט פון א באַרג־אינסטיטוט, קיינער קען אים ניט, און נעמט שפּילן אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן קאַמער־טעאַטער די באָבע־יאַכנע אין גאָלדפאַדענס „קאָלדוניע". און ער שפּילט אַזוי, אַז גאָר אין א קורצער צײַט אַרום ווערט ער א שעמדאָוועס און נעמט פינקלען אויפן מאָסקווער טעאַטראַלן הימל, פּונקט ווי די סאַמע העלע שטערן.

אינעם ספּעקטאַקל „צוויי הונדערט טויזנט" האָט זוסקין געשפּילט דעם שאַדכן סאָלאָווייטשיק; עס האָט דאָ צום ערשטן מאָל א קלונג געטאָן זוסקינס הויפּט־טעמע — דאָס קליינע מענטשעלע. א קאָמישע בריִע, אָבער זי איז רירנדיק און דערוועקט מיטלײַד. אָט אַזעלכע געשטאַלטן זײַנען טאַקע געוואָרן די צענטראַלע אין זוסקינס שאַפן. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו שפּילן ראָלן פון גאָר אן אַנדערער טאַנאַלקײַט — העראָיִשע! זייער גערן האָט ער געשפּילט אין דאַניעלס „פיר טעג" („יוליס")

בּיניאָמין זוסקין

דעם פּוילישן רעוואָליוציאָנער סטאַניסלאַוו, דעם סעקרעטאַר פון בּיראָבּידזשאַנער געגנטקאָם אין מאַרקישעס „מישפּאָכע אָוואַדיס", אַקיוועס אין האַלקינס העראָיִשער דראַמע „באַר־קאָכבאַ", דעם פילאָסאָף מײַמאָן אין דאַניעלס פּיעסע „שלוימע מײַמאָן". אין אָט די געשטאַלטן האָט זוסקינס באַגאַבונג זיך אַנטפּלעקט אין איר טראַגישן אַספּעקט.

דער אויטאָר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל — יעשוע ליובאָמירסקי איז אַלט געוואָרן 90 יאָר.

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", די יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד באַגריסן האַרציק דעם וועטעראַן פון אונדזער ליטעראַטור, איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע טעאַטער־פאָרשער און ליטעראַטור־קענער.

מיר ווינטשן יעשוע ליובאָמירסקין, ער זאָל נאָך פיל יאָרן לעבן און זײַן געזונט, און שטיין, ווי ביז איצט, אין דער רײ פון די שעפעריש־אַקטיווע יידישע סאָוועטישע שרײַבשטעלער.

כישן יידישן טעאַטער רעפּעטירט מען געשמאַק גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן". א מאָדנע זאַך: עס איז דאָך קימאַט ניטאָ קיין איין שטעטל, ווו מע זאָל ניט זײַן באַקאַנט מיט אָט דער פּיעסע. שוין אוואַדע פערציק יאָר, זינט די וואַנדערנדיקע טרופּעס האָבן דעם אוילעם מעהאַנגע געווען מיט אָט דעם אַנטיק. וואָס פאַר א נײַ וואָרט קאָן דער גאָסעט מיט אָט דעם ספּעקטאַקל זאָגן דעם צושויער? ביפראַט אז דער טעאַטער האָט דעם זעלבן צושויער שוין באַוויזן „אוריעל אַקאָסטאַ", „גאָט פון נעקאָמע" און שאָלעם־אַלייכעמס א רײ אײַנאַקטערס.

אין א וואָך אַרום האָט מען געוויזן די פּרעמיערע. איך בין בײַגעווען. דער ספּעקטאַקל איז געווען זייער עפעקטפול. ער האָט מיטגעריסן מיט זײַן פילפאַרביקייט און מוזיקאַלישקייט. ס'איז געווען אַן עמעסער יאָמטעוו סײַ פאַר די צושויער, סײַ פאַרן טעאַטער. ס'איז דאָ אפילע קיין זייכער ניט געווען פון דעם, וואָס כ'האָב אַמאָל אָנגעקוקט אינעם אַלטן יידישן טעאַטער. דאָרטן איז אַף אַלצדינג — אַף דער שפּיל פון די אַקטיאָרן, אַף זייער האַלבאַשע, אַף זייער אַרט ריידן, אַף זייערע מאַנירן — אַף אַלץ האָט געהויערט די וואָכעדיקייט, דער שטייגער, בײַס דאָ האָט געהערשט דאָס מײַסעדיקע. דער רעזשיסער א. גראַנאָווסקי האָט געשטעלט דעם טראָפּ אַף דער מאַסקעס־שפּיל. זוסקין האָט זיך געשפּילט מיט דער באָבע־יאַכנע־מאַסקע, מיכאָעלס — מיט דער מאַסקע פונעם וואַנדערנדיקן פּעדלער האָצמאַכן, גערטנער — מיט דער מאַסקע פון א יידישן גאַזלען (עליאָקום), שטיימאַן — מיט דער מאַסקע פון א מאַסקיל (מאַרקוס).

דער גרונט־ציל פון דער שטעלונג אינגאַנצן גענומען איז געווען: אָפּכויזעקן פונעם אָפּגעלעבטן אַלטפּרענקישן יידישן שטייגער און גלײַכצײַטיק וואָס מער פאַרגעניגן ברענגען די צושויער. דער ספּעקטאַקל איז געווען אָנגעזעטיקט מיט סאַטירע, מע האָט אויסגעלאַכט אַזעלכע דערשײַנונגען, ווי אַבערגלויבנס, שאַוויניזם.

באַזונדערס האָט פאַראינטערעסירט די צושויער די שפּיל פונעם יונגן, נאָך ווייניק באַוווּסטן אַקטיאָר ביניאָמין זוסקין. שפּילנדיק די באָבע־יאַכנע, האָט זוסקין באַנײַט די טראַדיציעס פונעם אַמאָליקן פּורימשפּילערישן קאָמיקער מאַנדריש. ער האָט זײַן שפּיל באַרײַכערט מיט די מאַנירן פון די סאָוועטישע צירק־קלאָונס, — מאַנירן, וואָס מיר האָבן געשפּירט אין דער פּראַקטיק פונעם מייערכאָלד־טעאַטער און פונעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער.

אין פולן העסקעם מיטן גראָטעסק־סטיל פונעם ספּעקטאַקל, האָט דער רעזשיסער אַקשאָנעסדיק געשטויסן זוסקינען צו פאַנטאַסטיק; עס זײַנען פאַרשוווּנדן די כאַראַקטער־שטריכן פון א קליינשטעטלדיקער יידענע, וואָס זײַנען אייגנטימלעך געווען די באָבע־יאַכנעס פונעם אַלטן יידישן טעאַטער. אַף דער בינע פונעם גאָסעט האָבן מיר דערזען א מאַכשייפע

די גאַנצע וואַרעמקייט פון זײַן האַרץ האָט זוסקין אָפּגעגעבן דעם געשטאַלט פון א פאָלקס־קינסטלער. ער האָט אין א נײַער באַלויכטונג, מיט ליבשאַפט אונדז דערלאַנגט: האָצמאַכן — אין שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזשענדע שטערן", קאַפּצנזאָנען אין דער „קאַפּריזער קאַלע", דעם באַדכן אין „פרײַלעכס".

זוסקין האָט דורכגעשפּילט א סאַך ראָלן. אָנשטאָט געבן א רעשימע פון אָט די ראָלן, איז אוואַדע גלײַכער דערציילן וועגן עטלעכע זוסקינס סצענישע שאַפונגען, ווו עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַרשיידענע זײַטן פון זײַן מערקווירדיקן טאַלאַנט.

באָבע־יאַכנע אין „די קישעפמאַכערן"

אין א פעווראַל־טאָג פון 1922 האָט מיך אַף דער הערצן־גאַס באַגעגנט איינער פון די מאָסקווער טעאַטער־קריטיקער.

— איר האָט מינאַסטאַם געהערט, — ווענדעט ער זיך צו מיר, — אַז אינעם מאָסקווער מעלו־

פונעם אלגעמיין־אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר. און קעדיי דער צושויער זאָל גלייבן, אז דאָס איז א ייִדישע מאכשייפע, האָט מען צו איר שטערן מיט א רעצוע צוגעבונדן איינע פון די טפילן. די צווייטע פון די טפילן האָט מען אָנגעטשעפּעט אף דער לינקער האנט. ריידן האָט די באָבע־יאכנע גערעדט זעלטן. ס׳איז געווען עפּעס א מין מעשונעדיק געזאנג, א מין רעטשיטאטיוו, אָנגעפילט מיט די אינטאָנאציעס, וואָס זוסקין האָט געהערט אין די סינאגאָגאלע טפילעס. די האווײַעס, די שפּרינגערײַען פון דער באָבע־יאכנע האָבן דערמאָנט אין צירקקלאָונאדע. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי אוטירט, ווי מעשונעדיק ס׳איז געווען סײַ די אינטאָנאציאָנעלע, סײַ די פּלאסטישע פּארטיטור פון דער ראָל.

מע מוז אָבער אונטערשטרײַכן, אז אף אָט דעם פאנטאסטישן פאָן פלעגן צומאָל זיך דורכרײַסן רעאליסטישע טענער. מוסטערהאפט איז אין דעם פּראט די מארק־סצענע, ווען מירעלע כאפּט זיך, אז מע האָט בא איר דאָס געלט פון קעשענע ארויסגעגאנוועט, און זי טוט מיט א ביטער געוויין זיך א וואלגער אף דער ערד. די באָבע־יאכנע (וואָס האָט אליין מירעלעס שטיפמוטער, באסיען, געגעבן די אייצע, וויאזוי מירעלען צו באאוולען) זיצט לעבן מירעלען און באדויערט זי קלוימערשט. דער צושויער זעט און הערט, אז איר מיטלײַד איז פאלש, און דאָס אינערלעכע וועזן פון דער באָבע־יאכנע ווערט גלענצנד דעמאסקירט דורך זוסקינס צווייִעסדיקע טענער, וואָס קלינגען רעאליסטיש.

עס זײַנען געווען אויך אנדערע מאָמענטן, ווען זוסקין האָט ניט געלאָזט, דאָס געשטאלט זאָל דערטרונקען ווערן אין איבערגעטריבענער פּאראָדיע. אין אזעלכע מאָמענטן פלעגט דאָס געשטאלט ווערן רײַכער, און עס האָט עמאָציאָנעל פארכאפּט דעם צושויער. אזוי איז עס, לעמאָשל, געווען אינעם ערשטן אקט, אין דער סצענע, ווען די באָבע־יאכנע פלײַסט זיך ארײַנארן מירעלען צו זיך.

די קישעפמאכערן טוט א שפּרונג אפן לייטער, ציט זיך אויס, ווי לאנג זי איז, צעשפּרייט איבער מירעלעס קאָפּ די הענט, ווי פליגל פון א רויב־פויגל: „קום, קום, קום צו מיר, קום צו מיר, טאָכטער מײַנע!״

דאָס איז געווען איינער פון די שארפסטע סצענישע מאָמענטן אין דער „קישעפמאכערן״.

ווען כ׳האָב נאָך דער פּרעמיערע זיך באגעגנט מיט זוסקינען, האָב איך אים געבעטן דערקלערן, וויאזוי דערגרייכט ער אזא וווּנדערבארע, היספּײַלעספּולע שפּיל אין דער דאָזיקער ראָל.

זוסקין האָט געענטפערט:

— מיר איז די דאָזיקע ראָל צום הארצן, איך האָב דאָ די פולע מעגלעכקײַט אויסלאכן דעם אָפּגעשטאנענעם שטייגער פונעם שטעטל, די סינאגאָגאלע באטלאָנים. עס האָט מיך אויך געצויגן צו איראָניזירן איבער דעם אמאָליקן ייִדישן טעאטער. — און ער האָט פארגעזעצט:

— עס האָט אײַך אוודע געכידעשט, וואָס אין מײַן באָבע־יאכנע לאָז איך אין גאנג בורפאָנאדע. ס׳איז קלאָר, אז מיר אלע — די אקטיאָרן פון גאָסעט — האָבן ניט געקאָנט ניט מיטגעריסן ווערן מיט דער נאָוואטאָרישקײַט פון די יונגע סאָוועטישע טעאטערן, וואָס זײַנען פארכאפּט פון רעוואָליוציאָנערער סאטירע. און טאקע דאָס האָט געבראכט צו בופאָנאדע, צו גראָטעסק. מיר, די אקטיאָרן פונעם נײַעם ייִדישן טעאטער, זײַנען דאָך ניט אָפּגעגרענעצט מיט א כינעזישער וואנט פון אנדערע נאציאָנאלע סאָוועטישע טעאטערן, און פּונקט ווי זיי האָבן מיר אופגעהויבן די פאָן פון קאמף קעגן אָפּגעלעבטן און פארשימלטן נעכטן.

אי מיטלײַד האָבן, אי אויסלאכן

איך וועל ניט באשרײַבן, וויאזוי דער ספּעקטאקל „צוויי הונדערט טויזנט״ האָט מיך אופגערודערט פונעם ערשטן מאָמענט, ווי נאָר דער פאָרהאנג האָט זיך געעפנט.

זוסקינס ערשטער ארופקום אף דער בינע אין דער ראָל פון סאָלאָווייטשיקן האָט איבערראשט ניט נאָר מיך. דער אקטיאָר איז, האלטנדיק א רויטן זאָנטיק, אראָפּגעפלויגן פון אויבן אף דער בינע.

צוערשט האָב איך א טראכט געטאָן: דאָס איז מיסטאם א קונץ פונעם רעזשיסער. נאָר גלײַך זיך אליין געענטפערט: ניין, ס׳איז ניט גלאט אזוי זיך א האמצאָע צוליב פארווײַלן דעם עולעם. אין מײַן זיקאָרן איז אופגעשוווּמען שאגאלס א בילד: א לופט־מענטש, וואָס פליט איבער די דעכער פון זײַן שטעטל. מאשמאָעס, אז סאָלאָווייטשיקס אראָפּפלי איז א מין רעמעז אף זײַן סאָציאלן וועזן: ער איז דאָך אויך א לופט־מענטש. דער רעזשיסער האָט מיט דעם זיך ניט באנוגנט: אין עטלעכע מינוט ארום טוט זוסקין א בליצארטיקן שפּרונג אף א הויך ביידל, וואָס שטייט לינקס אף דער בינע. פונדאנען זאָגט סאָלאָווייטשיק אָן אלע אָנוועזנדע א וואזשנע בסורע: ער לייגט פאָר א שידעך — שימעלע סאָראָקערס טאָכטער ביילקע זאָל ווערן א קאלע. דער כאָסן אירער זאָל זײַן קאָלטון — דער אופּראוווליאיושטשע פונעם היגן גוויר פּײַן. ווען סאָלאָווייטשיק נעמט דערציילן וועגן סאָראָקערס גרויסן געווינס, טוען צו אים זיך א לאָז אלע זײַנע קרעדיטאָרן: דער קאצעוו, דער באקאליי־קרעמער, די מיטשניטשקע, אלע בלײַבן שטיין איינער הינטערן צווייטן.

נאָר אָט טוט סאָלאָווייטשיק א מאך מיט דער האנט, און די גאנצע שערענגע (סאָראָקער מיט עטי־מענין אינדערמיטן) טוט א פאל, פּונקט ווי זאנגען, וואָס מע האָט זיי מיט א קאָסע אונטערגעשניטן.

ב. זוסקין אין דער ראָל פון סאָלאָווייטשיקן אין שאָלעם־אַלייכעמס „200.000"

סאָלאָווייטשיק ווערט אזוי ארום פארוואנדלט אין א בופאָן־שפּילער.

גאָר אין אן אנדער באלויכטונג דערזעען מיר אָט דאָס געשטאלט אינעם דריטן אקט. דאָ שפּראָצן שוין ארויס סאָלאָווייטשיקס רעאליסטישע כאראקטער־שטריכן. און דער איקער — די לירישקייט, וועלכע האָט דאָ אזוי באדייטנדיק זיך אנטפּלעקט אין זוסקינס באגאבונג.

אומפארגעסלעך איז די סצענע אין פייגס גאסטצימער (אינעם דריטן אקט), אפילע אויסערלעך זעט דאָ סאָלאָווייטשיק אויס אנדערש, ווי אין די ערשטע צוויי אקטן. דאָרט האָבן מיר אים געזען א־פלינקן, א קוועקזילבערדיק סימכע־דריידל. אפילע די האלבאָשע האָט אים באכיינט. עס האָט ניט געקאָנט קומען אפן זינען, אז דאָס איז א שלימאזל. גאָר אנדערש איז עס אינעם דריטן אקט: קורצינקע ברייטע הויזן, א שווארצער לעפּישער סורדוט; א פארשטויבטער צעקנייטשטער שווארצער קאפּעליוש. און דעריקער — דאָס כניפּעדיקע, מאיאָפּעסדיקע שמייכעלע. דאָס אלץ האָט אונטערגעשטראָכן סאָלאָווייטשיקס איינזאמקייט אפן באל באם גוויר פייגן.

סאָלאָווייטשיק האלט אין איין בייגן זיך פאר די אדוינים — אף רעכטס און אף לינקס. אָבער קיינער לייגט דאָ ניט קיין אכט אף אים. ניט די מעיוכאָסים, די פייגס, ניט זיין געוועזענער יעדיד, שימעלע סאָראָקער. דאָרט, בא די סאָראָקערס, האָט סאָלאָווייטשיק כאָטש געהאט די האָפענונג צונויפשאדכענען סאָראָקערס טאָכטער ביילקע מיט קאָלטונען. כוץ אלעמען, האָט ער דאָרט זיך געפילט, ווי בא א „נאש בראט".

האגאם סאָראָקער איז שוין געוואָרן אויס שימעלע דער שניידער, נאָר סעמיאָן מאקאראָוויטש, אָבער פאָרט — אמכאָ. אָבער דאָ, בא די פייגס אין גאָסטינע... אלע ארום אים טאנצן, מע איז זיך מעסאמייעך. און ער? וואָס איז ער, ווער איז ער? קיין איין דאמע וועט ניט גיין מיט אים צום טאנץ. כאפּט ער א שטול — עלעהיי א דאמע, און לאָזט זיך אין קרייז טאנצן. אָט אזוי האָט די בורזשואזע סוויווע פארוואנדלט א מענטשן אין א „מענטשן". אויס פאנטאסטיק, אויס גראָטעסק. רעאליזם איז איצט דער נוסעך פונעם אקטיאָר. זיין העלד איז פארדייגעט. אָט דאָ האָט א גלאנץ געטאָן זוסקינס באליבטע טעמע — די טעמע פון א קליין מענטשעלע, וואָס איז דערשלאָגן מאכמעס סאָציאלער אומגלייכהייט. און דאָס איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון זוסקינס שאפן.

אָט דער איבערגאנג אין מינאָר, אָט דער מאָמענט, ווען דעם צושויער האָט געריסן דאָס הארץ, פלעגט ניט לאנג דויערן — דער אקטיאָר האָט דאָך אין טאָך כויזעק געמאכט פון זיין פערסאָנאזש. אין זוסקינען האָט דאָך געבושעוועט דער דראנג אויסצולאכן דאָס אלטע לעבן.

ווען עס האָט זיך געענדיקט דער דריטער אקט, האָט מיך א צי געטאָן זיך זען מיט זוסקינען, ווי מע זאָגט, אף דער הייסער מינוט, איך בין אוועק הינטער די קוליסן.

— מיך האָט פארכידעשט דער קאָנטראסט צווישן אייער שפּיל אין די ערשטע צוויי אקטן און דער שפּיל־מאניר אינעם דריטן אקט. וואָס באטייט עס?

— כ'וואָלט אייך גערן געענטפערט, — זאָגט זוסקין, — אָבער איר פארשטייט דאָך, אז איך בין איצט נאָך אינגאנצן אופגערודערט. מיר איז שווער קאָנצענטרירן די געדאנקען. נעמט זיך אָן מיט געדולד — כ'וועל אייך אינגיכן שריפטלעך ענטפערן.

זוסקין האָט זיין צוזאָג אויסגעפילט. אין א וואָך ארום קריג איך פון אים א בריוו. אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„ריכטיק פארשטיין און באנעמען שאָלעם־אלייכעמען האָט מיך אויסגעלערנט דער גאָסעט. אונדזער טעאטער האָט דער ערשטער אנטפּלעקט אף דער בינע די סאָציאלע וואָרצלען פון שאָלעם־אלייכעמס שאפונג. שאָלעם־אלייכעמס געלעכטער איז א געלעכטער דורך טרערן. ער איז ווייטעקדיק. דאָס קאָמישע, וואָס עס אנטהאלט אין זיך שאָלעם־אלייכעמס שאפונג, איז בלויז א מאסקע, וואָס פארשלייערט דעם שרייבערס ליידן, שאָלעם־אלייכעם איזדיעקעוועט זיך ניט איבער זיינע קליינע מענטשעלעך מיט זייערע קליינע האסאָגעס, זיין כויזעק איז טרויעריק, ווייל ער האָט זיי ליב; זיין נעשאָמע ווייטעקט, ווען ער באטראכט אָט די קאָרבאָנעס פון סאָציאלן אומרעכט. דאָס טראגישע באווייזט ער דורך דעם קאָמישן. דאָס קאָמישע און דאָס טראגישע, דאָס געלעכטער און די טרערן, זיינען אזוי צוזאמענגע־

בונדן, אז איינס דרינגט ארויס פון דעם צווייטן. איינס שטרײַכט אונטער דאָס צווייטע.

אָט האָט איר אײַך אן ענטפער אף אײַער פראגע, פארוואָס שפירט זיך אזא קאָנטראסט אין מײַנע שפּיל־מאנירן אין פארשיידענע אקטן פון אָט דעם ספעקטאקל".

איך האָב דעם דאָזיקן בריוו געוויזן בא א געלעגנהײַט דעם טעאטראלן קריטיקער מ. זאַגאָרסקי, ער האָט באמערקט: „זוסקין שפּילט אויסגעצייכנט סאָלאָווייטשיקן, אָבער ס'איז דאָך ווידעראמאָל א וואריאנט אף דער טעמע — לופט־מענטש. האָט דאָך מיכאָעלס, שפּילנדיק אין שאָלעם־אלייכעמס „אגענטן", געשאפן אזא מוסטער פון א באָדנלאָזן טיפּ, אז בעסער קאָן שוין ניט זײַן".

— אוואדע, — האָב איך געזאָגט, — פאר די, וואָס האָבן געזען מיכאָעלסן אין דער מענאַכעם־מענדל־ראָל, איז קיין סאָפעק ניט, אז דער אקטיאָר האָט זיך דערהויבן צו גרויסע פאראלגעמיינערונגען. דאָך איז יעדער פון אָט די צוויי אקטיאָרן גאנץ אייגנארטיק. זוסקין איז מער גענייגט אופאסן און פאר אונדז אופדעקן דאָס קאָמישע אינעם מענטשן, בעשאס מיכאָעלס האָט פריִער פאר אלץ דערזען און עפּשער טאקע געזוכט דאָס טראגישע. דאָס דערקלערט זיך, זעלבסטפארשטענדלעך, מיט זייער פארשיידענעם סוביעקטיוון אופאסן סאָציִאלע דערשײַנונגען. אכוץ דעם סוביעקטיוון מאָמענט, קאָנען מיר געפינען די אָביעקטיווע סיבע פון דער אייגנארטיקײַט אין זייער אויסטײַטשן די פערסאָנאזשן.

דאָס טראגישע, וואָס כאראקטעריזירט מענאַכעם־מענדלען, איז בא שאָלעם־אלייכעמען גופע טיפער, ברייטער, פילזײַטיקער. דעריבער קלינגט אין מיכאָעלסעס מענאכעם־מענדל דאָס טראגישע שטארקער, ווי אין זוסקינס סאָלאָווייטשיק. באטראכטנדיק מענאכעם־מענדלען אין מיכאָעלסעס פארקערפערונג, דערשפירט איר אין אים א בענקעניש נאָכן רויִקן, געלאַסענעם לעבנס־טעמפּ פונעם קליינעם שטעטל, וואָס איז נאָך לעסאטע ניט גאָר שטארק צעבויטעט.

אָט אין דעם פארבאָרגענעם געראנגל צווישן דעם פארשיקערנדיקן הו־הא פון דער גרויסער שטאָט און דער בענקעניש נאָכן קליינעם שטעטל שטעקט מענאכעם־מענדלס טראגישקײַט.

דאקעגן איז פאר סאָלאָווייטשיקן די גרויסע שטאָט — א נאטירלעכע סטיכיִע. ער פילט זיך דאָ, ווי א פיש אין וואסער. ארומלויפן, האווען, זיך דולן א קאָפּ — דאָס איז סאָלאָווייטשיקס צווייטע נאטור. פּרוּווט אים אוועקשטעלן אין אנדערע באדינגונגען, ער זאָל פארשפּאָרן ארומיאָגן, טומלען, וועט ער זיך דערפילן אָפּגעהענטיק. פאר אים איז אָנגעמאָסטן דער פיבערהאפטער טעמפּ פון דער מאָדערנער גרויסער שטאָט. אָט פארוואָס ס'איז ניט שײַעך צו באטראכטן זוסקינס סאָלאָווייטשיק, ווי אן איבערכאזערונג פון איינעם און דעם זעלבן מאָטיוו אף דער בינע פונעם גאָסעט. זוסקינס סאָלאָווייטשיק פארנעמט מיט רעכט זײַן באזונדערן פלאץ באנאנד מיט מיכאָעלסעס מענאַכעם־מענדל.

א סצענע פון „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי".
ביניאָמין — מיכאָעלס (רעכטס) און סענדערל
די יידענע — זוסקין

סענדערל די יידענע

אף אן אָוונט אינעם מאָסקווער אקטיאָרן־קלוב האָב איך צופעליק זיך באקאנט מיט צוויי סטודענטן פון דער טעאטראלער שול אף שטשוקינס נאָמען. אין יענע טעג האָט מען אין מאָסקווער קינאָ־טעאטערן דעמאָנסטרירט דעם פילם „דאָן־קיכאָט". די צוויי סטודענטן האָבן גערעדט וועגן אָט דעם פילם. איינער פון זיי האָט מיך געפרעגט:

— מיט וואָס וועט איר דערקלערן אזא דערשײַנונג: אין קינאָ האָבן מיר שוין עטלעכע פּרוּוון צו עקראניזירן דעם סוזשעט פון דאָן־קיכאָט. אין די מוזיקאלישע טעאטערן איז שוין פון לאנג דאָ אן אָפּערע און א באלעט אף אָט דעם סוזשעט, בייס אין די מאָסקווער טעאטערן איז נאָך אזא ספעקטאקל ניט אופגעפירט.

איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם ספעקטאקל „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי", אז דאָס איז א אינסצענירונג פון א דערציילונג פונעם יידישן קלאסיקער מענדעלע מויכער־ספאָרים: א געשיכטע וועגן די טראגיקאָמישע פּאסירונגען פון א קליינשטעטלדיקן יידן א טרוימער,

וואָס רײַסט זיך וואנדערן — אזוי האָבן אַף אים געווירקט די באשרײַבונגען, די זיכרוינעס פון צוויי וואנדערער (ביניאָמין דער ערשטער און ביניאָמין דער צווייטער), וואָס ער האָט איבערגעלייענט. אין אָט דער ריזיקאלער און קינדעריש־נאיִווער אונטערנעמונג ציט ביניאָמין ארײַן זײַן יעדיד סענדער (אין שטעטל רופט מען אים סענדערל די ייִדענע), וועלכער שמאכט נעבעך אונטערן יאָך פון זײַן בייזער פלוינעסטע. נאָך א ריי יעסורים און פּלאָגן, וואָס אָט די צוויי רײַזנדער איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין זייער וועג, קערן זיי זיך אום צוריק אין זייער שטעטל טונעיאדעווקע.

— עפשער וועט איר זײַן אזוי גוט און צוזאמען מיט אונדז באזוכן אָט דעם ספעקטאקל. די ייִדישע שפראך איז אונדז אומבאקאנט — וועלן אײַערע דערקלערונגען אונדז העלפן זיך פאנאנדערקלײַבן אין דעם, וואָס מיר וועלן דערזען אַף דער בינע.

— איך וועל גערן אײַך צוהילף קומען, מאכמעס איך גופע וויל נאָכאמאָל זען דעם ספעקטאקל.

מיך פערזענלעך האָט מער פון אלץ אינטערעסירט זוסקין אין דער ראָל פון סענדערל. די צוויי יונגעלײַט האָבן שוין וועגן דעם געוווסט, זיי האָבן אויך געוווסט, אז זוסקין איז איינער פון די אָנגעזעענסטע אקטיאָרן פונעם גאָסעט.

...ווי נאָר סענדערל די ייִדענע האָט זיך באוויזן אַף די בינע־ברעטער, האָט ער מיטאמאָל צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאמקײַט פון די צושויער.

א פארסאָפּעטער לויפט סענדערל ארויס אַף דער בינע, א פארקוטעטער אין א ווײַבערשער פאטשיילע, וויגנדיק זיך, ווי א קאטשקע. א גאנצע כאָפטע קינדער לויפט אים נאָך מיט א גרויס געפילדער, ווי דער שטייגער איז געווען אין די קליינע שטעטלעך. די ווײַסכעווורעניקעס האָבן דערפון שטארק האנאָע. די דערוואקסענע פרווון צוימען דאָס העפקערדיקע ליארעמען פון די קינדער. סענדערל נעמט זיך ניט צום הארצן, א ליב שמייכעלע באשײַנט זײַן פּאָנעם, ער ווענדט זיך צו די ייִדן:

— נישקאָשע, נישקאָשע, וואָס ארט עס מיך, וואָס פאר א דײַגע איך האָב...

אָט די ווערטער גיבן גלײַך א פאָרשטעלונג וועגן סענדערלס פאסיווקײַט און האכנאָעדיקײַט. ער זאָגט דאָך ביניאָמינען אלע מאָל:

— דו ווילסט אזוי, זאָל זײַן אזוי.

דער אײַנדרוק איז געווען איבערראשנדיק אדאנק דעם שארפן קאָנטראסט צווישן ביניאָמין — מיכאָעלס און זוסקין — סענדערל.

מיכאָעלס פלעגט אונטערשטרײַכן דעם אימפעט, די פארכושטקײַט פון זײַן ביניאָמין, אין וועמעס אויגן עס האָט שעמערירט דאָס היספּײַלעס־פײַערל. ער איז געווען אַף אזויפיל צעקאָכט און פארכושט, אז זײַן שטים האָט געקלונגען הייזעריקלעך, און זײַן טאָן — אומגעדולדיק־שטרענג, דאקעגן סענדערל איז אלעמאָל צארט און ווייניק רירעוודיק.

אָט גרייטן זיי זיך אין וועג. ביניאָמינס שטים קלינגט באפעלעריש. וויפל פײַערלעכקײַט, מאיעסטעטישקײַט פילט זיך אין זײַן באפעל: „מיט דער רעכטער פוס!”

סענדערל טוט א פינטל מיט די קינדערש־נאיִווע אויגן און באָמקעט צו אזוי ניכנעדיק: „מיט דער רעכטער פוס!” אין דער זעלבער צײַט שפירט איר אין זײַן פריהלושעטער שטים עפּעס א מין אומרו, א מין מוירע.

ביניאָמין רײַסט זיך אלץ פאָרויס, פאָרויס. סענדערל קריכט אים נאָכגיביק נאָך.

בא ביניאָמין — מיכאָעלסן איז דער קאָפּ עטוואָס פארוואָרפן אַף צוריק, די אויגן געריכטעט אין דער ווײַטער ווײַט, דער וואנדער־שטעקן איז פעסט פארדריקט אין זײַן רעכטער האנט, די גאנצע פיגור — אָנגעצויגן, ווי א סטרונע.

בא סענדערל די ייִדענע — אויך א שטעקן אין דער רעכטער האנט. דער קאָפּ אראָפּגעלאָזט. ער שלעפּט די קרומע פיס און באמיט זיך ניט אָפּשטיין פון זײַן מיטגייער.

ביניאָמין איז פארשיקערט פונעם דראנג פאָרויס, פונעם אופרײַסערישן אימפעט. זײַן פאנטאזיע האָט אים פארוואָרפן אין די ווײַטע סוידעספולע ראכוועסן.

סענדערל די ייִדענע פילט בלויז דעם יאָך און די אכזאָריעס פון די סאמע נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע אים קומט אויס טאָגטעגלעך זיך צוזאמענטרעפן, און פריִער פאר אלץ — דעם יאָך פון זײַן בייזער ייִדענע.

ביניאָמינען לאָזט ניט צורו די פארקריפּלטקײַט אין וועלט־מאסשטאב. עס לאָזן אים ניט צורו די אוולעס און די בייזוויליקײַט, וואָס אין זיי טרינקט זיך און פארכלינעט זיך די גאנצע מענטשהײַט.

אינעם פינאל פון דער מארק־סצענע, נאָך דעם, ווי א שווינדלער האָט זיי באגאנוועט, און דערצו נאָך איז אַף זיי אָנגעפאלן א בארויגעזע ייִדענע, זאָגט ביניאָמין:

— דאָס אלעס איז די ירושע פונעם דוירהאפלאָגע מיט זײַן טומל, גנייווע, גזיילע און רעציכע.

ווען דער ספעקטאקל האָט זיך פארענדיקט, האָבן די סטודענטן, וואָס האָבן מיך באגלייט, גענומען זיך טיילן מיט זייערע אײַנדרוקן.

איינער האָט באמערקט:

— זוסקין האָט גענוג זיך באמיט, אז זײַן העלד זאָל מאכן דעם אײַנדרוק פון א קריפּל, אַף אונטערצושטרײַכן: — נאט, זעט, וואָס פאר א קריפּל כ׳בין: ניט קיין מאנצבל, ניט קיין פרוי, ניט קיין דערוואקסענער, ניט קיין קינד. און דאָך, ניט געקוקט אפן פארברודיקטן פּאָנעם, אַף די עקלהאפטע בראָדעוועס, אַף די ראכיטישע פיס, ווערט אײַך סענדערל אײַנגעבאקן אין הארצן.

— אין וואָס זשע פאָרט שטעקט דער סאָד פון סענדערלס צוציִונגס־קראפט? — פרעגט דער צווייטער.

— אין אָט דעם נעבעכדיקן נעפעשל, — ענטפער איך אים, — זײַנען פארבאָרגן איידעלע

געפילן. זוסקין האָט טיף באַנומען אין סענדערלען דאָס קינדעריש־נאַיִווע.

— און אָט אַזעלכן האָט טאַקע דער אוטאָר אים פאַרטראַכט? — אינטערעסירט זיך ווײַטער דער סטודענט.

— בעסער פון אַלעמען וועט ענטפערן אָף דער דאָזיקער פראַגע זוסקין גופא, איך מיין, אַז ער וועט מאַסקים זײַן זיך טרעפן מיט אונדז.

ס'איז אוועק אַנדערהאַלבן כאָדאָשים, ביז זוסקין האָט געקראָגן די מעגלעכקײַט אַ שמועס טאָן מיט אָט די סטודענטן. איך בין אויך בײַגעווען.

— איר פרעגט, — זאָגט זוסקין, — צי שטימט די סצענישע פאַרקערפּערונג פון אָט דעם ווערק מיט דעם, וואָס דער אוטאָר האָט פאַרטראַכט? ענטפערן אָף דעם איז קלאָל ניט אַזוי איינפאַך.

דער אוטאָר פון „מאַסאָעס בינִיאָמין האַשלישי", מענדעלע מויכער־ספאָרים, האָט אין זײַן ווערק געצילט צו באַווײַזן, אַז בינִיאָמינס טרוימען וועגן די לעגענדאַרע רויטע יִדעלעך זײַנען אַ פּויעל־יויצע פונעם באַדנלאָזן אַרט לעבן פון די טונעיאַדעווקער טוישווים, פון דער אָפּגעשטאַנענקײַט פונעם אַלטפּרענקישן שטייגער. בינִיאָמין און סענדערל זײַנען אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון טונעיאַדעווקע.

אונדזער טעאַטער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אופמערקזאַם דורכלייענען דעם טעקסט פון אָט דעם ווערק. מיר האָבן אַ היפּש ביסל דורכגעלייענט צווישן די שורעס. אונטער דעם סאַרקאַזם פונעם גרויסן שרײַבער, אונטער זײַן כויזעקמאַכערײַ האָבן געפינקלט מיטלײַד, סימפּאַטיע צו די בינִיאָמינס און סענדערס.

מענדעלע מויכער־ספאָרימס גיפטיקע סאַטירע איז בײַ אונדז אין טעאַטער מעגולגל געוואָרן אין גוטמוטיקער איראָניע, אין אַ ווונדערבאַר מײַסעלע, וואָס שטרײַכט נאָך מער אונטער די אָפּשטויסנדיקע ווירקלעכקײַט.

אונדז האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַסטיק, די פאָלקלאָר־אויצרעס, וואָס אַסאָציִרן זיך מיטן אינהאַלט פון „מאַסאָעס בינִיאָמין האַשלישי". און דער זעלבער בינִיאָמין, וואָס מענדעלע האָט אים אויסגעמאָלט אַזאַ נעבעכדיקן, אַזאַ שלימאַזלדיקן טונעיאַדעווקער כײַוועקײַעם, באַקומט אין מיכאָעלסעס פאַרקערפּערונג דעם אָנבליק פון אַ באַגײַסטערטן מענטשן. צײַטנווײַז פאַרגעסט אַפילע דער צושויער, אַז דאָס איז אַ קאָמישער נעפעש. פאַרקערט: קאָלזמאַן מיכאָעלס איז אָף דער בינע, הערט איר ניט אויף צו שפּירן דעם טראַגיזם פון אָט דעם טרוימער.

— צי האָט אַ גרונט די באַהויפּטונג, אַז „מאַסאָעס בינִיאָמין האַשלישי" איז אַ ספּעקטאַקל אָף דער דאָן־קיכאָט־טעמע? — פרעגט איינער פון די סטודענטן. — און וואָס באַשטייט די קרויוועשאַפט פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט" מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימס „מאַסאָעס בינִיאָמין האַשלישי"?

— יאָ, עמעס טאַקע, — האָט זוסקין געענטפערט, — סאַנטשאָ־פאַנסאָ פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט" האָט געהאַט אַ געוויסע האַשפּאָע אָפן אויסבילדן מײַן סענדערל. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער לעבנסשטייגער פון די פערסאָנאַזשן בִּיכלאַל, די גאַנצע קולטור־היסטאָרישע אומגעבונג, וואָס איז אין אָט די צוויי ווערק געשילדערט, זײַנען זייער און זייער פאַרשיידן. דאָך קאָן מען דאָ אַנטפּלעקן אַ געוויסע אַנאַלאָגיע. טאַקע אין דער טעמע גופא. איןביידע ווערק איז די פײַל געצילט קעגן דעם פעאָדאַלן לעבנסשטייגער, קעגן דער אָפּגעשטאַנענקײַט. און ניט בלויז אין דעם באַשטייט די אַנאַלאָגיע. מיר אַלע ווייסן, אַז דאָן־קיכאָט איז אַ נאַיִווער פאַנטאַזיאָר, אַ טרוימער און אַז סאַנטשאָ־פאַנסאָ איז נאַיִוו־רעאַליסטיש און פּראַקטיש. דער קאָמיזם פון דער פרײַנטשאַפט פון אָט די נעפאַשעס איבעראַשט אונדז אַזוי, ווײַל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צווייערליי מינים אָפּגעשטאַנענקײַט: איינער איז טאַקע אַ „געבילדעטער" און אין דער זעלבער צײַט איז ער אַ נאַיִוו־טרוימערישער פאַרשוין; דער צווייטער איז אַ פּאָשעטער כײַוועקײַעם און נאַיִוו־פּראַקטיש.

עטוואָס ענלעכעס זעען מיר אין „מאַסאָעס בינִיאָמין האַשלישי". בינִיאָמין איז דאָ דער פאָרשטייער פון דער נאַיִוו־טרוימערישער, פון דער, אַזוי צו זאָגן, „לאַמדאָנישער" אָפּגעשטאַנענקײַט, בעשאַס סענדערל איז דער פאָרשטייער פון דער נאַיִוו־האַמוינישער אָפּגעשטאַנענקײַט.

סײַ פאַר סאַנטשאָ־פאַנסאָ, סײַ פאַר סענדערלען איז אייגנטימלעך די רעאַלע עמפינדונג. סענדערל איז מער „ערדיש", מער כוימערדיק, ווי בינִיאָמין. — זוסקין האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך פאָרגעזעצט:

— צוריק שמועסנדיק, האָב איך, שילדערנדיק סענדערלען, ניט באַטאָנט זײַן פּראַקטישקײַט. מיך האָט מער מיטגעריסן דאָס קינדערשע אין אָט דעם געשטאַלט. און איך האָב זיך באמת דאָס אויסדריקן אויך אין סענדערלס אויסערלעכן אויסזען. מיר איז אַפילע אויסגעקומען זיך אַמפּערן מיטן קינסטלער. ווען מע האָט מיר געבראַכט אַן עסקיז, ווו סענדערל איז געווען אויסגעמאָלט אַ באַוואַקסענער מיט אַ גרויסער באָרד, האָב איך געזאָגט דעם קינסטלער, אַז איך שטעל מיך פאָר סענדערלען אָן אַ באָרד, אָבער דערפאַר — מיט צוויי בראָדעווקעס.

צי האָב איך געהאַט פאַר זיך אין לעבן אַ פּראָטאָטיפּ פון דעם סענדערל־געשטאַלט? יאָ, אַזאַ פאַרשוין איז געווען אין מײַן געבורטשטאָט פּאַניעוועזש, ווו איך האָב פאַרבראַכט מײַן קינדהײַט און מײַן יוגנט. רעב אויזערל דער היטלמאַכער, אַ קאַפּצן אין זיבן פאָלעס. ער איז געווען אַ קליינינק, דאַרינק באַשעפעניש, אַ פאַרזעעניש. סײַ ווינטער, סײַ זומער האָט ער געטראָגן אַ קויטיק־גרוי רעקל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אַ שמויסנעם ספּאָדעק, אַ שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועטן. אַ ווײַב האָט ער געהאַט — אַ וואַגאָן־יִדענע, וואָס

אין דער ראָל פונעם לעץ אין שעקספּירס „קיניג ליר“

פלעגט אָפט אים אַרײַנשיטן א היפּש ביסל בורכענצעס. אויזערלען האָבן אלע געקענט, געוווּסט וועגן זײַן ביטערער דאָליע און טאקע ראכמאָנעס געהאַט אף אים.

אייניקע כאראקטער־שטריכן פאר מײַן סענדערל האָב איך אנטלײַען בא אויזערל דעם היטלמאכער.

וואָס האָט זוסקין דערשפּירט אינעם לעץ

איך האָב געהאַט מײַן פערזענלעכע פאָרשטעלונג וועגן דעם לעץ אין „קיניג ליר“. מיר האָט זיך געדאכט, אז פאר אָט דעם געשטאלט איז דאָס סאמע כאראקטעריסטישע — זײַן בײַסנדיקער, פארביטערטער סייכל־האַיאָשאָר. ווער עס האָט אופמערקזאם נאָכגעשפּירט נאָך זוסקינס שפּיל־מאניר, דער האָט געוווּסט: דער אקטיאָר פלעגט אָפט מיטגעריסן ווערן פון דער סאטירע־סטיכיי. אָט די אייגנשאפט זוסקינס האָט זיך בוילעט אנטפּלעקט קימאַט אין אלע ראָלן, וואָס ער האָט אויסגעפּילט.

איך בין געווען זיכער, אז די כויזעקמאכערישע קראפט פון זוסקינס באגאבונג וועט אין דער ראָל פונעם לעץ אזוי א גלאנץ טאָן, אז אין איר בלענדנדיקן שימער וועלן באָטל ווערן די איבעריקע כאראקטער־שטריכן פון אָט דער פערזאָן. אָט אזא באלויכטונג פונעם לעץ־געשטאלט האָב איך זיך געריכט דערזען אינעם ספּעקטאקל „קיניג ליר“ אין דעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער.

די ערשטע סצענע פונעם ערשטן אקט האָט קלוימערשט בארעכטיקט מײַנע האַשאָרעס. און ווירקלעך, ווי נאָר דער פאָרהאנג האָט זיך אופגעהויבן, האָבן די צושויער דערזען דעם קיניגלעכן אופנעם־פּאלאץ. סאמע אין דער מיט — דעם קיסיי־האמאלכוס (דעם טראָן). עס לויפט אַרײַן דער לעץ. איין שפּרונג, און ער זיצט שוין אף דעם קיניגס טראָן. די פּיס אונטער זיך. אָבער דאָס איז דאָך אַן עכטע כוצפּע. ס'איז דאָך א כויזעקמאכערײַ פונעם שטאָלצן מוישל.

האָב איך באשלאָסן, אז די דאָזיקע סצענע גיט דעם טאָן פון דעם לעצס האלטונג בעמעשעך פונעם גאנצן ספּעקטאקל. איך האָב, זעלבסטפארשטענדלעך, זייער אופמערקזאם צוגעקוקט די שפּיל פון ביניאָמין זוסקין.

אָבער ווען עס וויקלען זיך פאנאנדער די געשעענישן אינעם צווייטן טייל פונעם ערשטן אקט, זעען מיר דעם לעץ א שווײַגנדיקן. בלויז מיט מימיק רעאגירט ער אף אלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר. זײַן מימיק, זײַן פּלאסטיק גיבן איבער זייער אויסדריקלעך די איבערלעבונגען פונעם לעץ, זײַנע באטראכטונגען, זײַן באציִונג צום ארום.

ווען האָנערילִיע און רעגאנע כאנפענען לירן, פארשטאָפּט דער לעץ די אויערן, און מיר דערזען אף זײַן פּאָנעם אַן איראָנישן שמייכל. בעשאַס ער זיצט בא לירן צופוסנס, גלעט ער פון צײַט צו צײַט לירס האנט, ווי ער וואָלט אויסדריקן דעם קיניג זײַן מיטגעפיל, זײַן באדויערונג, וואָס יענער האָט אזעלכע פארדאָרבענע טעכטער.

און אָט האָט איר די סצענע, ווען קאָרדעליא שמועסט מיט לירן: דעם לעצס אופמערקזאמקײַט איז באדײַטונגספול. דערהערנדיק, וואָס קאָרדעליא זאָגט, איז ליר אויסער זיך, און דער לעץ נעמט עס פײַנלעך אוף. ווען ליר טוט א זאָג: „איך שווער בא מײַן לעבן, אז מײַן באשלוס וועל איך ניט ענדערן“, טוט זיך דער לעץ א כאפּ באם קאָפּ.

מיט א באזונדערער עקספּרעסיע צייכנט זיך אויס דאָס רעאגירן פונעם לעץ אין דער סצענע, ווען ליר טרײַבט ארויס זײַן בעסטן פרײַנט קענט. א שפּרונג געטאָן פון דיל, ווו ער איז געזעסן, טוט דער לעץ זיך א ריס פאָרויס, די גאנצע פיגור — ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. אויסגעצויגן די רעכטע האנט אין דער הייך, באגריסט ער דעם ארויסגעטריבענעם קענט. גלײַך טוט ער זיך א וואָרף אפן דיל און וויינט שטילערהייט.

עס קומט אַרײַן דער בורגונדישער הערצאָג. ער וויל א שידעך טאָן מיט קאָרדעליא. אפן פּאָנעם פונעם לעץ באווײַזט זיך א גרימאסע. ווײַזט אויס, אף אזא מין אויפן דריקט ער אויס זײַן פאראכטונג צו אָט דעם טרוקענעם, געפּיללאָזן קאריעריסט. נאָר אָט קריגט דער בורגונדישער הערצאָג דעם געהעריקן אָפּשניט פון

דער אופגעבראכטער קאָרדעליאַ. דער לעץ איז צופרידן, זײַן פּאָנעם שײַנט. פּלוצעם גידערט דער לעץ פונעם אײבערשטן בינע־פּלאַץ, ווו דער קיניג זיצט אַף זײַן טראָן, און באַלד דערזעען מיר אים לעבן קאָרדעליאַ, וועלכע שטייט אינעם רעכטן ווינקל פון דער אוואַנסצענע. ער איז צוגעפאַלן צו אירע פיס און קושט דעם זוים פון איר קלייד.

נאָכן ספּעקטאַקל האָב איך גענומען פאַרגלײַכן דעם טעקסט פון דער פּיעסע מיט דעם, וואָס איך האָב געזען אַף דער בינע. איך האָב באַמערקט, אַז לויט שעקספּירס טעקסט איז אין דער ערשטער סצענע פונעם ערשטן אַקט דער לעץ ביכלאַל ניטאָ, מאַשמאָעס, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אַף דער בינע אינעם ערשטן אַקט, איז אַן אײַנפאַל פון די שעפער פונעם ספּעקטאַקל.

איך האָב באַ אַ געלעגנהײַט געפרעגט וועגן דעם באַ בינאַמין זוסקינען.

ער האָט מיר געענטפערט:

— אייניקע אונדזערע צושויער באַטראַכטן די דאָזיקע סצענע פון גאָר אַן אויסטערלישן שטאַנדפּונקט: זיי מיינען, אַז מײַן באַזעצן זיך אַפן קיניגלעכן טראָן איז אַ רעמעז, אַז ליר איז שוין אויוועקבאָטל און ער איז שוין גאָרנישט קיין קיניג, נאָר בלויז אַ לעץ אַפן טראָן, און זיי קומען צום אויספיר, אַז דאָס דערשײַנען פונעם לעץ אַפן טראָן איז ניט מער ווי אַ סימבאָל.

די אָנהענגער פון אַזאַ מין שטאַנדפּונקט רוקן אַרויס אַפן ערשטן בליק גענוג וואָגיקע באַווײַזן. פריִער פאַר אַלץ דאָס, וואָס דער קיניג האָט אײַנמיטנדערינען צעטיילט זײַן קיניגרײַך. נאָך אַ גרעסערער באַווײַז איז דער פאַקט, וואָס ער האָט פאַרטריבן פון זיך די סאַמע נאָענטע און געטרײַע — קאָרדעליאַ און קענט...

אָבער אינדערעמעסן איז אַזאַ באַטראַכטונג פון דעם לעצס האַלטונג אין דער ערשטער סצענע פּאָשעט פעלערהאַפט. גאָר אַנדערע זײַנען געווען אונדזערע מאָטיוון. מיר האָבן געוואָלט, אַז אין סאַמע אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל זאָל דער צושויער קריגן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, וואָסערע פרײַנטלעכע, האַרציקע צווישן־באַציִונגען עס זײַנען געווען צווישן לירן און דעם לעץ. ווען ליר קומט אַרײַן אינעם קיניגלעכן פּאַלאַץ און באַמערקט, ווי דער לעץ האָט אַזעסדיק זיך צעלייגט, טוט אים אַ נעם באַם אויער און שלעפּט אים אַראָפּ פונעם טראָן, איז עס אַ שפּיל, ניט מער ווי אַ קאַטאָוועס. אין מעשעך פון אַלע דרײַ אַקטן פון דער טראַגעדיע גיט דער לעץ אָנצוהערן לירן וועגן דער בײזווילִיקײַט פון זײַנע הויף־לײַט, ער טראָגט אים אונטער דעם עמעס, ווי ביטער ער זאָל ניט זײַן.

איך וואָלט אָבער ניט געווען באַפרידיקט, ווען איך באַגרענעץ מײַן אַקטיאָרישע אופגאַבע בלויז מיט דעמאַסקירן די הויף־לײַט און מיט אַרויסברענגען פון מײַן מויל שטעכווערטלעך בענעגייע לירן. איך האָב געשטרעבט צו אַנטפּלעקן אינעם לעץ זײַנע גרויסע און ליכטיקע געפילן, זײַן האַרציקײַט. און איך האָב עס מיט דער הילף פון מימיק געשילדערט אינעם ערשטן אַקט. דעריבער באַדאַרפן די שפּעטערדיקע סאַטירישע אָנצוהערענישן פונעם לעץ בענעגייע דעם קיניג ניט וווּנדערן דעם צושויער.

דער לעץ, וועלכן איך האָב אויסגעמאָלט, איז בעשום־אויפן ניט נעבעכדיק. האַגאַם ער שטייט אויס גרויסע יעסורים, אָבער ס'איז אַ שטאָלצער מענטש, אַ קעמפער פאַרן עמעס.

זוסקין האָט געשאַפן אַ רײַכע גאַלעריי טיפּן און געשטאַלטן. ווען איר זעט און באַטראַכט אָט די פאַרשיידנאַרטיקע, רײַכע געשטאַלטן־גאַלעריי, איז דער ערשטער געדאַנק אײַערער: סאַראַ ברייטער דיִאַפּאַזאָן! סאַראַ פילזײַטיקער טאַלאַנט! און בעעמעס — אַ מין ווײַטער מעהאַלעך עס איז פון סאָלאָווייטשיקן — ביז רעב אַקיווען און שלוימע מײַמאָן!

זוסקינס קונסט איז איבערצײַגעוודיק, זי רעגט אונדז; דעם סאָד דערפון איז גרינג צו דערשפּירן. זוסקין האָט זיך דערצויגן אין די סאַמע טיפעניש פונעם פאָלק, אין דער סוויווע פון האָרעפּאַשניקעס, פון סאָציִאַל־אונטערדריקטע שיכטן. זייערע פריידן, זייערע ליידן זײַנען אים געווען נאָענט, ער האָט פון קינדווײַז אָן אין זיך אײַנגעזאַפּט די פאָלקס־שפּראַך, דאָס פאָלקס־לידל, דעם פאָלקס־וויץ, ביכלאַל דעם ייִדישן פאָלקלאָר.

„אַליין פון די סאַמע טיפענישן פון פאָלק, אַ זון פון אַ ייִדישן באַלמעלאָכע, — האָט וועגן אים געזאָגט דער פאָלקס־אַרטיסט שלוימע מיכאָעלס, — האָט זוסקין אַרופגעבראַכט אַף דער בינע אַ רײַכע גאַלעריי געשטאַלטן פון פאָלקס־מענטשן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די אומיטלבאַרע גרויסקײַט פונעם פאָלק, זײַן אָפּטימיזם".

דער קיעך פון עמעס

מישע לעוו איז געקומען אין דער ליטעראַטור נאָך דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. זײַן ערשטער בוך, וואָס איז אַרויס מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט געהייסן „פּאַרטיזאַנישע וועגן". דאָרט האָט ער געשילדערט די העלדישקײַט פון יענע, וואָס זײַנען אין אַ גרויזאַמער צײַט אַוועק אין וואַלד, קעדיי קעמפן קעגן דעם פאַשיסטישן אָקופּאַנט.

מ. לעוו'ס העלד האָט ביזן קומען צו די פּאַרטיזאַנער דורכגעמאַכט אַ ביז גאָר שווערן וועג. ער איז געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט כאַווײרים דורך טויט־לאַגערס און ביז צום זיג איבערן סוינע. וועגן אָט דעם וועג איז די גרויסע דערציילונג „ווען ניט די פּרײַנט מײַנע", וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און איצט האָט מ. לעוו זי אײַנגעשלאָסן אין זײַן צווייטן בוך, וועגן וועלכן איך וויל דאָ רעדן געניו.

כראָנאָלאָגיש הייבט זיך אָן אַ קאַמפּס־געשיכטע פון מ. לעוו'ס העלד אין זײַן דאָקומענטאַלער דערציילונג „אַזוי איז געווען", וואָס איר ערשטער טייל הייסט „קורסאַנטן".

ס'איז אַ געשיכטע, וואָס דערשיטערט מיט איר סאָלדאַטישער עמעסדיקײַט, אַ געשיכטע וועגן די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן, וועלכע זײַנען אַליאַרמירט געוואָרן אינעם שווערסטן אָקטיאַבער־טאָג פון 1941, אין דער ביטערסטער שאָ, ווען די היטלערישע כאַיאָלעס האָבן אַ פלייץ געטאָן צו מאָסקווע און עס האָט דעם סוינע זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט רײַסט ער זיך אַרײַן אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט. דעמלט האָבן די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן אויף די פעלדער לעם מאָסקווע מיט לײַב און לעבן פאַרטיידיקט די שטאָט.

„קורסאַנטן" איז אַ ליכטיקער רעקוויעם די נײַנצן־צוואַנציקיאָריקע קריגסלײַט, וואָס האָבן אַפילע ניט באַוויזן פאַרענדיקן די מיליטערישע שול; קימאַט אַלע, כוץ די קאָמאַנדירן, זײַנען זיי דאָס ערשטע מאָל געקומען אויפן שלאַכטפעלד, און אין העלדישן געראַנגל געבליבן דאָרט, ניט אָפּגעטראָטן קיין שפּאַן. אַ ליכטיקער איז אָט דער רעקוויעם דערפאַר, ווײַל ער איז באַלויכטן פונעם הײַנט: עטלעכע געוועזענע קורסאַנטן, וואָס זײַנען מיט ניסים געבליבן לעבן, צווישן זיי מישע לעוו און זײַן פרײַנט באָריס טאַרקאָוו, קומען אויפן שלאַכטפעלד לעבן מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, ווו עס זײַנען געפאַלן זייערע כאַווײרים, מע קומט צום ברודער־קייווער אויף אַן אָנדענק־מיטינג, אויף וועלכן עס קלײַבט זיך צונויף די יוגנט פון עטלעכע אַרומיקע ראַיאָנען. אַלע שלאַכט־עפּיזאָדן, וואָס לעבן דאָ אויף פאַרן אַווטאָרס אויגן, זײַנען דורכגעוועבט מיט דער שײַן פון בערעזעס, וואָס זײַנען נאָך אַמאָל, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, צעלע־כערט געווען פון שפּליטערס, פון קוילן, נאָר זיי זײַנען אויסגעשטאַנען. זיי לעבן. דער אַווטאָר זעט די קאַמפּס־בילדער דורכן געפינקל פונעם ערשטן שניי, וועלכער לייגט זיך אויפן פאַרשטילטן פעלד, ער זעט זיי דורך דער גוטער שײַן, וואָס עס שטראַלן אויס יונגע פּנעמער...

דאָ, אויפן שלאַכטפעלד, איז געבוירן געוואָרן די פרײַנטשאַפט, וועלכע פאַרברידערט, און וואָס לעוו זאָגט מיט רעכט וועגן איר: „ווען ניט די פרײַנט מײַנע"... ווען ניט די פרײַנט זײַנע, וואָלט ער, און ניט בלויז ער איינער, ניט געלעבט איצט.

מישע לעוו גיט אָט דאָס געפיל איבער אַזוי, ווי ער האָט עס דערשפּירט דעמלט, נאָך דער ערשטער שלאַכט: „פאַרטויבטע פון די אויפרײַסן, וואָס האָבן געדונערט אַ גאַנצן טאָג, פאַרמאַטערטע, מיט קיין גליד ניט צו רירן, האָבן מיר געשלעפּט אין די שווערע שטיוול איבערן שלאַכטפעלד, וואָס האָט איצט געשוויגן, אין דאָרף אַרײַן, ערגעץ אין אַ שטוב; און כאָטש קיינער האָט מיסטאַמע ניט גע־קלערט וועגן דעם, — געפילט, ווי מיר זײַנען הײַנט אויף טאָמיד פאַרברידערט געוואָרן" (זײַט 18).

און עס לעבט אויף אין זײַן זיקאָרן אַ שמועס צווישן אים און זײַנע צוויי כאַווײרים, וואָס האָבן שפּעטער, אין לאַגער, אײַנשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, ניט איין מאָל געראַטעוועט אים, אַ ייִדן, פון טויט. ניקאָלײַ סערגייעוו זאָגט:

„— עך, כעוורע, ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אויף די, וואָס וועלן טרײַבן דעם דײַטש אויף צוריק!"

און צו פעדיע פּימענאָוו, אַ לערער:

„— איך וויל, זאָלסט יעדעס נײַ לערניאָר אָנהייבן פון דעם, וואָס דו וועסט דערציילן דײַנע שילער, ווי־אַזוי מע האָט איבער דעם וואַרשעווער שאָסיי גע־טריבן אויף צוריק די היטלעראָווצעס. און דערציילן זאָלסטו דעם ריינעם עמעס, ניט נאָר וועגן גליק־לעכן סאָף, נאָר אויך וועגן ביטערן אָנהייב" (זײַט 19).

מ. לעוו, „קימאַט אַ לעגענדע". פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1973, 408 זײַטן.

א גאנצע גאלעריי מענטשן גייט דורך פאר אונדז, יעדעס זײַטל פונעם בוך איז פול מיט לעבן, מיט טאט. זייער טרעפלעך און שפאָרעוודיק באשרײַבט לעוו די כאראקטערן פון פארשיידענע מענטשן, אופכאפנדיק דערבײַ די דינסטע נעשאָמע־ניואנסן. מיט א פעסטער האנט צייכנט ער פּאָרטרעטן, דראמאטיש־שארף זײַנען די סיטואציעס, עמעסדיק איז די לייזונג פון יעדן שווערן צוזאמענשטויס, אָנגעשטרענגט, דינאמיש זײַנען די דיִאלאָגן.

שילדערנדיק עכטע מענטשן אין זײַן בוך, האלט לעוו זיך שטרענג באם עמעס און ער באווײַזט אויך אזעלכע, וואָס זײַנען געווען אָדער געוואָרן קריפּלען, פארעטער, ער באווײַזט די, וואָס האָבן פארלוירן דעם מוט, און דאָס ווערט געטאָן פסיכאָלאָגיש דין, מע זעט — דער אווטאָר קען גוט די מענטשן, וואָס ער באשרײַבט, און ער קען ביכלאל מענטשן.

אין זײַן שאפן איז מישע לעוו דאָקומענטאל, דאָס הייסט, אלץ, וואָס ער באשרײַבט, באזירט זיך אף עמעסע געשעענישן. ס'איז וואָר, נאָר אין דער זעלבער צײַט איז עס קינסטלערישע פּראָזע, געשריבן אין לעווס אייגענער מאניר — קלאָר, פּינקטלעך, די אינטאָנאציע א לירישע.

אינעם בוך זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן צוויי דערציילונגען ניט פון לעווס אייגענער דערפארונג, אָבער פולשטענדיק דאָקומענטאלע: „קימאט א לעגענדע“ — א באשרײַבונג פונעם העלדישן אופשטאנד אין טויטלאגער סאָביבאָר, און „די יוגנט־יאָרן פון זשאק אלבראָ“ — די לעבנס־געשיכטע פונעם צירק־ארטיסט דאָוויד גאָלדפארב, וועלכער איז זײַנערצײַט געווען פארבונדן מיטן באוווּסטן העלד פון בירגערקריג אין קרים דאָוויד קארײַעוון. די דאָזיקע ווערק ברייטערן אויס מישע לעווס שעפערישע האָריזאָנטן.

דער ייִדישער לייענער האָט באקומען א קרעפטיק בוך.

יעכיעל פאליקמאן

■ ■ ■

דער אָריגינאל און די איבערזעצונג

דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ גיט אלע יאָר ארויס עטלעכע לידער־זאמלונגען, איבערגעזעצטע פון ייִדיש אף רוסיש. לעצטנס איז דערשינען דאָס ערשטע ביכל לידער פון דאָוויד בראָמבערגן.

געבוירן געוואָרן אין 1915, האָט בראָמבערג באוויזן צו נעמען אן אָנטייל אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, פארזוכן דעם עמעסן טאם פון שיידונג און באגעגעניש, פון פארלוסט און ניצאָכן.

איינע פון די וויכטיקסטע מײַלעס פון בראָמבערגס שאפונג איז זײַן בירגערלעכע פּאָזיציע, זײַן טרײַהײַט דעם לאנד, וואָס האָט אים געבוירן. די זאמלונג „גראָווע שטיינער“ איז א מין דינוועכעזשבן פאר די דורכגעלעבטע קנאפע זעכציק יאָר. מיר דאכט, אז פאר בראָמבערגן איז כאראקטעריסטיש דער פאָלקסטימלעכער גאנג אין דער ליטעראטור, אייניקע לידער זײַנע איז ביז גאָר שווער איבערצוזעצן, און גראָד זיי וואָלטן באוויזן, אז אין אונדזער דיכטונג איז צוגעקומען א נײַער נאָמען, א פּאָעט, וואָס האָט זײַן אייגענעם פּאָנעם, זײַן אייגענע שטים.

„גראָווע שטיינער“ האָט איבערגעזעצט דער רוסישער דיכטער וולאדימיר ציבין, וועמעס שאפונג איז גאָר נאָענט צו בראָמבערגס. דערפאר האָבן מיר באקומען א בוך, אף וועלכן עס ליגט דער שטעמפל פון אכרײַעס, געקייפלט אף א טיפן באנעמען דעם עצעם פונעם אָריגינאל.

בראָמבערג האָט זײַן באליבטע טעמע, צו וועלכער ער קומט אלע מאָל מיט א נײַער בילדערישער פארקערפערונג. דאָס איז די טעמע וועגן דער מוטער.

וולאדימיר ציבין האָט זייער טרעפלעך איבערגעגעבן דאָס ליבע־געפיל פון א מענטשן, וועלכער פארגעסט ניט אף קיין רגע וועגן דער מאמען, וועגן אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט, וועגן איר שמייכל, וועגן איר ווארטן און גלויבן.

אין בראָמבערגס לידער טרעפן מיר אָפּטמאָל אָן אף דער איבערגעגעבנקײַט צו זײַנע שוועסטער און צו אלע די, וואָס האָבן אים באגלייט אין זײַן וועג.

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דעם, אז דאָוויד בראָמבערג הערט זיך גוט צו צו דעם דויפעק פון דער צײַט. בא אים אינעם ביכל זײַנען פאראן א היפשע צאָל לידער אף אקטועלע טעמעס. אים אינטערעסירט דער הײַנטצײַטיקער מענטש, זײַן מאָראל, זײַן אויפן פון דענקען. אין דער מערהײַט לידער פילט זיך, אז דאָס שטעטעלע הײַסין האָט זיך אף אייביק פארקריצט באם דיכטער אין זיקאָרן. דער דיכטער סטארעט זיך אָבער ניט שלעפן זײַנע העלדן צוריק אין שטעטל. ער איז ניט קיין קליינשטעטלדיקער, ווי עס טרעפט מיט אייניקע אונדזערע מעכאברים, וועלכע קאָנען זיך ניט צעשיידן מיטן אָוואר. בראָמבערג לעבט מיט די אלגעמיינע זאָרגן פונעם סאָוועטישן פאָלק.

איין ליד הייסט טאקע אזוי — „זאָרגן“. דער דיכטער זאָגט, אז ער לעבט מיט די טאָגטעגלעכע זאָרגן און ער זאמלט זיי, ווי א בין קלײַבט האָניק. און ער פארענדיקט די ליד מיט די ווערטער: „לעבן זאָלן די זאָרגן!“

אין דער שיינער ליד „געפרעגט האָט מיך אנומלטן א ייִנגעלע“ קומט פאָר א געשפּרעך פון א קינד מיטן מעכאבער. דאָס קינד פרעגט: פונוואנען הייבט

Д. Бромберг. Седые камни. Перевод с еврейского В. Цыбина. «Советский писатель», Москва, 1973.

זיך אָן די ערד? וואָס באַטײַט דער אויסדרוק: די גאַנצע וועלט? בראַמבערג ענטפערט אים, אויסנוצנ־דיק די דערפאַרונג פון אַ סאָלדאַט. די דערינערונגען וועגן דער מילכאָמע־צײַט זײַנען טיף אָרגאַניש פאַר בראַמבערגן.

דעם איבערזעצער האָט זיך אײַנגעגעבן צו דער־פירן צום רוסישן לייענער די לידער וועגן סאָוועט־טישן פּאַטריאָטיזם, וועגן דעם מאָסקווער קרעמל, וועגן דעם כאַווער לענין.

בראַמבערג איז אין גרונט אַן אָפּטימיסט, ער מײַדט אָבער ניט אויס דעם מאָטיוו פון טרויער און אָר־מעט. עס נאָגט אונדז דאָס האַרץ, ווען מיר לייענען די באַלאַדע וועגן דער שטוב, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעבויט, און מע זעט זי צווישן אַנדערע אויף אַ מײַל, נאָר אַליין האָט דער טאַטע ניט דערלעבט צו פרייען זיך אין זײַן שטוב, ווען עס קומט די מאַזלדיקע שאָ. טרויעריק איז די ליד וועגן דער מאַמעס קלייד...

עס איז שוין פון לאַנג באַוווּסט, אַז עמעסע קונסט פון איבערזעצונג האָט ניט קיין שײַכעס מיט דעם אַזױגערופענעם „בוקוואַליזם“. עס זײַנען פאַראַן ווערק, וואָס פאַרלירן אַ סאַך פון אַ ניטגעלונגענער איבערזעצונג. עס זײַנען אָבער פאַראַן פאַלן, ווען אין די הענט פון אַ גוטן מײַסטער ווערט אַפילע אַ שוואַכע ליד פאַרוואַנדלט אין אַ גוט ווערק.

איך האָב דורכגעבלעטערט אַ ריי נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, די זאַמלונג „האָריזאָנטן“, זיך גוט אַרײַנגעלייענט אין בראַמבערגס לידער און בין געקומען צום אויספיר, אַז וולאַדימיר ציבין איז אין אייניקע פאַלן שוין צו פרײַ זיך באַגאַנגען מיטן אָריגינאַל.

איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס די ריטמיק און דער געבוי פונעם פערז פון דער איבערזעצונג אַנט־שפּרעכט אָפּט ניט דער ריטמיק און דעם גאַנצן געבוי פון בראַמבערגס ליד. ציבין שאַפט נײַע ביל־דער, אַליין פאַר זיך ניט קיין שלעכטע, נאָר זיי זײַנען ניט בראַמבערגס. און דאָס איז שוין ניט קיין מײַלע. אַ פּאָר בײַשפּילן.

אָט איז די שיינע ליד „דער ערשטער שניי“.

דער ערשטער שניי, דער ערשטער שניי,
דו אײַל זיך ניט און ניט צעגיי.
און שיט אַפּסנײַ, און שיט באַנײַס,
און קוק ניט, וואָס מײַן קאָפּ איז ווײַס.

אין וולאַדימיר ציבינס איבערזעצונג לייענען מיר:

Первые снежинки, первые снежинки
с облаков слетают.
Не спешите таять, первые снежинки,
не спешите таять!
Помашите крылышками, первые
снежинки, помашите.
Ничего, что в волосы, первые снежинки,
ваши нити!

פונוואַנען האָבן זיך גענומען די „קרילישקעס“ און די „ניטי“?

ווײַטער „דערגאַנצט“ דער איבערזעצער די ליד מיט שנייעלעך, וואָס זעצן זיך אויף דעם דיכטערס הענט ווי טויבן... מיט איין וואָרט: אַ גאַנצע נעץ בילדער, וואָס זײַנען לאַכלוטן ניט בראַמבערגס.

און די ליד, פאַרשטייט זיך, ווערט אָן איר קלינ־געוודיקײַט, איר זינגעוודיקײַט, איר פּאַשטעס. אין דער ליד איז פאַראַן אַ זון, וואָס רופט דעם טאַטן, אין דער איבערזעצונג — עמעצער אַ קלייניקער, וואָס זײַן קאָל איז ווי אַן עכאָ...

איבערזעצן הייסט ניט „פאַרבעסערן“. איבערזעצן הייסט איבערגעבן אויף אַן אַנדער שפּראַך די ברייטע גאַמע פון געפילן פונעם פּאָעט, דערין זײַנע דיכ־טערישע מיטלען, די בילדער־גאַלעריי, פאַרגלײַכן, עפּיטעטן אאַוו.

נאָך אַ בײַשפּיל: די קורצע ליד „צײַט“. אין ייִדיש — אַכט שורעס, אין רוסיש — פופצן...

זעלבסטפאַרשטענדלעך: מע קאָן ניט איבערזעצן שורעסווײַז. אָבער צוליב שיינקײַט טאָר מען ניט ענדערן דעם אָטעם, דעם פּאָרטראַכט פון דער ליד.

מיט די דאָזיקע קריטישע באַמערקונגען וויל איך ניט פאַרמינערן די ווערט פון דער איבערזעצונג פון בראַמבערגס בעעמעס פרישע, גראָטענע לי־דער. דאָס ביכל לייענט זיך מיט אינטערעס און באַווײַזט, ווי עס וואַקסט אַ דיכטער, ווי ברייט עס איז זײַן טעמאַטישער קרײַז.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

קינסטלער
שלוימע ווערכאָווסקי

(מאָסקווע)



מאָזאַיִק פון יאם-שטיינדלעך

א פּאָרטרעט

צוגאסט באם זיידן

יעדי׳עס פון פעטראָגראד. 1918

לייזער ראַן (מינסק)

צום אָנדענק פון די אומגעקומענע אין מינסקער געטאָ

ראַדאָשקאָוויטשי — דאָס שטעטל פון יאַנקאַ קופּאַלאַס קינדער־יאָרן

קינסטלער שלוימע ווערכאָווסקי. צוויי פּאָרטרעטן

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

די סאָוועטישע אַרמיי האָט געראַטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון פאַרניכטונג

דעם 9 מײַ ד. י. האָבן די פעלקער אף אלע קאָנטינענטן און אין אלע לענדער פון דער וועלט אָפּגעמערקט די היסטאָרישע דאטע פונעם זיג איבערן פאשיזם אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דעם 22 יון ווערט 33 יאָר, זינט היטלערס האָרדעס האָבן אָנגעהויבן זייער „דראנג נאָך אָסטען". מיט באזונדערער דאנקבארקײַט טראכטן אין אָט די טעג די מענטשן פון גוטן ווילן וועגן סאָוועטנפארבאנד, וועגן דער העלדנמוטיקער סאָוועטישער ארמיי.

ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמע צו זאָגן, אז אויב עס לעבן איצט אין דער וועלט קימאט שוין 15 מיליאָן ייִדן, איז עס אדאנק דעם, וואָס מיט דרײַ צענדליק יאָר צוריק האָט דער סאָוועטישער סאָלדאט ניט דערלאָזט, אז דער פאשיסטישער טאליען זאָל „ענדגילטיק לייזן" די ייִדן־פראגע. און ס'איז טאקע פארשטענדלעך, פארוואָס עס זײַנען אזוי פארביטערט אלע די, ווער עס האָט ניט פארלאָרן דעם זיקאָרן, ווען עס נעמט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל ווילדעווען דער אנטיסאָוועטיזם אף דער ייִדישער גאס. צי דען איז מעגלעך פארגעסן, אז, לעמאָשל, בײַס די היטלער־האָרדעס זײַנען אָנגעפאלן אף פוילן, איז דער סאָוועטנפארבאנד געווען דאָס איינציקע לאנד, וואָס האָט ברייט געעפנט די גרענעצן פאר די ייִדישע פליטים. העכער 300 טויזנט פוילישע ייִדן האָבן זיך דאן געראטעוועט פון פארניכטונג, און אויב די צאָל ניצל געוואָרענע איז ניט געווען קיין גרעסערע, מעגן עס די אנטיסאָוועטישע פאָליטיקער פון יענע יאָרן נעמען אף זייער געוויסן. דאָס האָבן זיי פארסאמט די מויכעס בא א געוויסן טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך, אײַנרעדנדיק די פליטים, אז דער פאשיזם איז „ניט שרעקלעך". טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן זיך שוין געהאט געראטעוועט, אריבערגייענדיק אף דער סאָוועטישער זײַט, האָבן — דעזאָריִענטירטע מיצאד דער אנטיסאָוועטישער פראָפאגאנדע — זיך צוריקגעקערט און ארײַנגעפאלן אין די הענט פון די הענקער.

אין סאָוועטנפארבאנד גופע איז דער קאמף פאר ראטעווען די ייִדישע באפעלקערונג פון דער פאשיסטישער פעסט געווען א באשטאנדטייל פונעם אלגעמיינעם קאמף פון אלע סאָוועטישע פעלקער, אײַנגעשלאָסן דאָס ייִדישע, קעגן דעם נאצי־פאשיזם. די סאָוועטישע ייִדן האָבן באקומען געווער אין די הענט, קעדיי צו באשיצן זייער היימלאנד אין די שלאכט־רייען פון דער רויטער ארמיי. אין הינטערלאנד האָבן זיי געהאט די פולע מעגלעכקײַט צו מיִען זיך לעטויוועס דעם זיג איבערן סוינע. ס'איז אויך באוווסט, אז אף דער אָקופּירטער טעריטאָריע האָבן די סאָוועטישע פארטיזאנער געטאָן אלץ וואָס מעגלעך אף צו באשיצן פון פארניכטונג די ייִדישע באפעלקערונג. עס איז פארבליבן ווי א סימבאָל פון באפרײַונג דער סאָלדאט מיטן רויטן שטערנדל אף דער פילאָטקע, וועלכער פראלט אויף די טויערן פון טויט־לאגערן און געטאָס, ברענגענדיק די אסירים אויסלייזונג.

דער איינציקער קויעך, וועלכער האָט געראטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון פארניכטונג, איז, אזויארום, געווען דער סאָוועטנפארבאנד, זײַנע רומפולע באוואָפנטע קרעפטן.

ס'איז קעדײַ בא דער געלעגנהײַט דערמאָנען דעם מאָמענט, ווען אין אָנהייב יול 1942 איז די ענגלישע ארמיי אין אפריקע צעקלאפט געוואָרן און געקליבן זיך פארלאָזן אויך דעם נאָענטן מיזרעך; מע האָט דערווארט, אז דער פאשיסטישער גענעראל ראָמעל, וועלכער איז דאן געשטאנען מיט זײַנע כאיאָלעס אין אל־אלאמיין, וועט אָקופירן ערעץ־ייִסראָעל. אָט וואָס עס דערציילט וועגן דער סיטואציע אין יענער צײַט דער ייִסראָעל־זשורנאליסט כאוויוו קענאאן: „וואָס ערגער עס ווערט די לאגע אפן פראָנט, הערט מען צווישן די אָנפירער פונעם ייִשעוו (געמיינט: צווישן די ציִעניסטישע קלאל־טוער אין פאלעסטינע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") אלץ מער פארצווייפלטע שטימען. צווישן די פארצווייפלטע זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס פריידיקן, אז דער ייִשעוו דארף ניט מילכאָמע האלטן מיט ראָמעלן און אפילע ניט פרווון אים זיך קעגנשטעלן. עס

זײַנען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז מע קאָן דורכקומען מיט די אָקופּאַנטן, אַז מיט דער הילף פון איבערצײַגונגען וועט זיך אײַנגעבן צו ווירקן אַף די פאַשיסטן, זיי זאָלן ניט טשעפּען די ערעץ־יִשׂראָעל־ייִדן: בעסער זיי אײַנשפּאַנען אין דער אַרבעט פאַר דער קריגס־אָנשטרענגונג פונעם רײַך". צו דעם, וואָס קעסטנער שרײַבט אין זײַן בוך, דאַרף מען צוגעבן, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, בעשאַס די סאָוועטישע רעגירונג האָט אופגעהויבן אַן אַליאַרעם איבער דער וועלט וועגן דעם, אַז די פאַשיסטן זײַנען צוגעטראָטן פּראַקטיש צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, אַז זיי דערשטיקן אין די דושעגובקעס און קרעמאַטאָריעס, צעשיסן אין די גריבער און יאַרן, ברענגען אום אין די אַרבעטס־לאַגערן און געטאָס מיליאָנען ייִדן. אין ערעץ־יִשׂראָעל האָבן די ציוניסטישע קלאַל־טוער געטײַנעט, אַז דאָס איז „קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע"...

איצט איז קלאָר אַלעמען, אַז דער ייִדישער יִשעוו אויך אין ערעץ־יִשׂראָעל האָט צו פאַרדאַנקען פאַר זײַן רעטונג די סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָבן צו יענער צײַט שוין אָפּגעהאַלטן דעם זיג בײַ סטאַלינגראַד, צווינגענדיק די היטלער־אַרמייען צו אָפּקײַקלען זיך צוריק אַהין, פונוואַנען זיי זײַנען געקומען.

די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַהאַלט אויס בעקיוון די אויבנדערמאָנטע פאַקטן פון דער ניט ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. די אַנטיסאָוועטישע העצע, וועלכע זי פירט, שטעלט זיך אַ ציל צו אָפּשוואַכן דעם זיכּאָרן און פאַרטונקלען דעם געדאַנק בײַ די ייִדישע מאַסן, זיי זאָלן פאַרגעסן, ווער עס האָט אין אַ גורלדיקער שאָ זיי פאַראַטן, און ווער — געראַטעוועט.

וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אַזעלכע מעטאָדן פון אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע אַף דער ייִדישער גאַס? דער פּאָשעטער פאָלקס־מענטש וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז די סאָוועטישע אַרמיי, דאָס גרויסע סאָוועטישע פאָלק האָט געראַטעוועט די ייִדן פון פאַרניכטונג, און אָט דער געפיל פון דאַנקבאַרקײַט וועט זיכער ניט דערלאָזן, אַז די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל האָבן אַ קיִעם אויך אַף ווײַטער.

אַרום די געשעענישן אין טשילע

די טראַגעדיע פון טשילע נאָכן פּוטש אין סענטיאַבער 1973 האָט אַרויסגערופן אַן אופבּרויז פון צאָרן און פּראָטעסט אין דער גאַנצער וועלט. דער כאַראַקטער פון די געשעענישן איז אַזאַ, אַז בלויז אָפענע סאָנים פון נעם פּראָגרעס וואַגן איצט רייניקוואַשן די מיליטערישע כונטע. ס'איז קלאָר פאַר אַלעמען: אין טשילע ווילדעוועט אַ פאַשיסטישע קליקע. אַף וויפל אויך אַף דער אַזויגערופענער ייִדישער גאַס האָט זיך ניט געלאָזט הערן אַזאַ שטים, וואָס זאָל אָפּפרעגן די אָפּשאַצונג פון די פּאָליטישע פּאָגראָמען אין טשילע אַלס פאַשיזם, וואָלט, קאָן זײַן, ביכלאַל געווען איבעריק צו פאַנאַנדערקוקן אָט די פראַגע „פונעם ייִדישן שטאַנדפּונקט". די זאַך באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס צו די הײַנטצײַטיקע עקסטרעמע אַנטפּלעקונגען פון פּאָליטישער טעטיקײַט, וועלכע ווערן מיצאַד די פעלקער אופגענומען ווי פאַשיסטישע, איז בײַ פאַרשיידענע עלעמענטן אַף דער ייִדישער גאַס די באַציִונג אַ פאַרשיידענע, און דאָס מוז אומבאַדינגט אָפּגעמערקט ווערן.

די ייִדישע בירגערלעכע פּרעסע טיילט מיט די נעמען פון פיל ייִדן — קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, ליבעראַלן, — וועלכע זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן מיצאַד דער כונטע אָדער זיי ווערן געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין די לאַגערן און טורמעס. אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", פּאַריזשער „אונדזער וואָרט", טעל־אָוויווער „לעצטע נײַעס" א. אנד. קאָן מען שוין גאָר זעלטן געפינען אַ דערמאָנונג וועגן דעם דערמאָרדעטן פּרעזידענט אַליענדע, און אַוואַדע אָרט ווייניק־וואָס אָט די בלעטער דאָס העפקייִרעסדיקע פאַרפאָלגן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון טשילע קאָרוואַלאַן. אַליענדע, קאָרוואַלאַן, ווי אויך די צענדליקער טויזנטער אַנדערע העלדישע פּאַטריאָטן פון טשילע — קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם — זיי זײַנען דאָך ניט קיין ייִדן...

די ייִדישע טעלעגראַפן־אַגענטור — איטאַ — האָט מיטגעטיילט, אַז אונטער די רעדיפעס זײַנען אַרונטערגעפאַלן „ייִדן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער אַדמיניסטראַציע פון אַליענדע". עס זײַנען אָנגערופן געוואָרן דער אַגריקולטור־מיניסטער זשאַק שאָנשאָל, דער מער פון סאַנטיאַגאָ כײַמע פּײַוואָוויטש, דער שעף פון דער פּרעסע־דינסט פרידאַ מאָדאַק, דער דירעקטאָר פון עלעקטריפיציר־דעפּאַרטאַמענט כײַמע שאַץ, דער דירעקטאָר פון אַ קאָרפּער־גרופּ דאַוויד זילבערמאַן, דער דירעקטאָר פונעם זשורנאַל „לאַ נאַסיאָן" אָסקאַר ווײַסבאַנד, דער פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי פון פאָלקס־אײנהײַט בינימין טעפּליסקי, דער דירעקטאָר פונעם טעכנישן אוניווערסיטעט ענריקע קירבערג, דער פאָרזיצער פונעם פּאַרטיידיקונגס־ראַט ענריקאַ טעסאַ און פיל אַנדערע. די צײַטונג „פאָרווערטס", וועלכע האָט מאַמעש אָנגעקוואָלן פון נאַכעס, בײַם די מאַכט אין

טשיליע איז אוזורפירט געוואָרן פון דער כונטע, מײַדט איצט ניט אויס צו אָנרופן די נעמען פון אָט די גערוידעפטע „מארקסיסטישע עלעמענטן", באמערקנדיק דערבײַ, אז עס ווערן פארפאָלגט „אויך א סאך אומשולדיקע בירגער"... אין א רעדאקציאָנעל ארטיקל וועגן דעם איניען שליסט זיך דער „פאָרווערטס" אָן צו דער מיינונג פון איינעם פון די גענעראלן פון דער כונטע: „רעגירן מיט א שטארקער האנט — דאָס יאָ, אָבער מיט גערעכטיקײַט"...

ניט לאנג צוריק האָט אין לאָנדאָנער „דזשויִש קראָניקל" זיך באוויזן אן ארטיקל פונעם לייבאָריסטישן דעפוטאט סטענלי דייוויס, וועלכער אליארמירט וועגן די ווילדקײַטן פון דער כונטע, ארײַנגערעכנט די רעדיפעס אף ייִדן. די פאריזשער ציִוניסטישע צײַטונג „אונדזער וואָרט" האָט געפונען פאר נייטיק גלײַך אָפשוואכן דעם אײַנדרוק פון אָט דער ארויסטרעטונג. „ס'איז אומעגלעך צו אורטיילן, ווער ס'איז גערעכט בענעגייע דעם רעאלן מאצעוו פון די ייִדן אין טשיליע", — האָט „אונדזער וואָרט" געשריבן דעם 9 פעווראל ד. י., ווײַל: „דער אווטאָר פון דעם ארטיקל (אין „דזשויִש קראָניקל". — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") איז א ביטערער קעגנער פונעם רעזשים (פון דעם פאשיסטישן רעזשים פון דער כונטע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"), א דעמאָקראט און סאָציִאליסט". און די ציִוניסטישע צײַטונג עפנט אוף אירע קאָרטן: „אין דעם דאָזיקן פאראדאָקסאלן קאָנטינענט (ד.ה. אין דאָרעם־אמעריקע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו מיליטערישע רעזשימען, ווו ייִדן לעבט זיך גאָר נישט שלעכט"... „אונדזער וואָרט" שטעלט ארויס די געהעריקע אײַדעס אף צו ריינוואשן דעם פאשיזם אין טשיליע: „דער הויפט־ראבינער פון טשיליע האָט דערקלערט, אז עס איז ניטאָ קיין שום אָפיציִעלער אויסדרוק פון אנטיסעמיטיזם. דאָס איז אויך באשטעטיקט געוואָרן דורך ייִדישע ביזנעס־לײַט, וועלכע האָבן באזוכט דאָס לאנד..."

און אָט איז א מיטיילונג פון נאָך איין ציִוניסטישער בלאט — „אווסטראליער ייִדישע נײַעס": „סאנטיאגאָ, טשיליע. גענעראל האסע בערדיטשעווסקי, קאָמאנדיר פון טשיליעס קריגס־פלאָט און מיטגליד פון קאבינעט, האָט באזוכט יאָמקיפער די היגע הויפט־סינאגאָגע... ווי ס'גיט איבער דר. מיגעל מאָלדאווסקי, פרעזידענט פון דער ציִוניסטישער פעדעראציע, האָט די מיליטערישע איבערקערעניש ניט געהאט קיין שום נעגאטיווע האשפאָע אף די ייִדן אין טשיליע"...

די געשיכטע ווייסט וועגן פיל פאקטן פון מיטארבעט פונעם ציִוניזם מיט פאשיסטישע רעזשימען. ווען מע דערמאָנט וועגן דעם, געפינען זיך אזעלכע מענטשן, וואָס גלייבן ניט. דעריבער דארף אלעמען באקאנט ווערן דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אף דער ייִדישער גאס ארום די געשעענישן אין טשיליע.

א קניפ אין באק, די פארב זאָל שטיין

די ציִוניסטישע רעדלפירער האָבן ליב „וועלט־אסיפעס". אויב איר וועט פרעגן וועמען־עס־איז פון זיי, אפילע פון די דריבנע אונטערבאָמקער, איז ער גרייט טייקעף־אומיִיאד, אפן כעזשבן פון א „וועלט־פארטיי", אָדער „וועלט־אָרגאניזאציע", אָדער סטאם פון א „וועלט־פאָנד", אף זייערע הויצאָעס, ארויספאָרן וווהין מע וועט אים הייסן, קעדיי דאָרט אָפהאלטן א „וועלט־אסיפע" — פארשטייט זיך, וועגן די סאָוועטישע ייִדן, אָדער וועגן „פראגן פון מילכאָמע־סטראטעגיע" בעשײַכעס און אפן רוקן פון די ייִסראָעל־ייִדן. און ווײַל מע מוז פון צײַט צו צײַט מיט עפעס בארעכטיקן די עקזיסטענץ פון די „וועלט־פארטייען" און „וועלט־אָרגאניזאציעס", באווײַזט ניט די אזוי־גערופענע ייִדישע גאס זיך אָפצורוען פון איין „וועלט"־סקאנדאל, ווי עס ווערט שוין פלאנירט א צווייטער.

ווער געדענקט ניט די ביזע־ביזאָיענדיקע „וועלט־קאָנפערענץ" וועגן די סאָוועטישע ייִדן אין בריסעל — א באלאגאן, וואָס האָט שוין, כלעבן, געמעגט אָנלערנען די אָרגאניזאטאָרן און אָנטיילנעמער, זיי זאָלן מער ניט ארויסשטעלן זיך אף לײַטיש געלעכטער. די נייגונג אָבער צו דעמאָנסטראטיווע פלוידערײַ־מערק האָט זיך אזוי אײַנגעקאָרעניעט בא געוויסע ייִדישע בורזשואזע קלאל־טוער, אז זי איז גורעם אלץ נײַע און נײַע ביזיוינעס.

א פרישער בײַשפיל — די קאָמיטראגישע געשיכטע מיטן „וועלט־צוזאמענפאָר" פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

אין איין שיינעם טאָג האָט לויט א ספעציִעלן ווונק זיך צעטומלט און צעראשט די בירגערלעכע ייִדישע פרעסע: מע וועט זיך ווידער צונויפקומען פון אלע עקן וועלט! ס'וועט זײַן א צוזאמענפאָר פון אלע צוזאמענפאָרן! 500 דעלעגאטן פון קאָל טפוצעס ייִסראָעל! עס וועלן זיך צונויפזאמלען וועלט־ייִדן פון 62 לענדער!

„דאָס וועט זײַן דער פארלאמענט פונעם ייִדישן פאָלק!" — האָט אויסגערופן די דײַטשיש־געדרוקטע צײַטשריפט פון דער אינגאנצן שוין אסימילירטער ייִדישער געמיינדע אין ווין. „איינער פון די גרעסטע און רעפרעזענטאטיווסטע קאָנגרעסן, וואָס איז ווען־עס־איז

צונויפגערופן געוואָרן" — האָט זיך פאַרמאָסטן אין מעליצע די מאַפּאַמישע בלאַט „ייִסראָעל־שטימע". מיט א רוף צו פאַרוואַנדלען דעם צוזאמענפאָר אין א „שטאַרקער און אײַנדרוקס־פולער דעמאָנסטראציע פאַר ייִדישער אכדעס" איז ארויסגעטראָטן אליין דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דר. נאָכעם גאָלדמאַן, וועלכער האָט פאָרויסגעזען, אז „דער וועלט־צוזאמענפאָר וועט דאַרפן אָננעמען באַשלוסן פון א לעבנס־וויכטיקער באַדײַטונג פאַר דער צוקונפט". ניט אָף קיין האָר ווײַניקער...

האקלאל, א וועלט־געשעעניש. ווו זשע וועט זי פאָרקומען און ווען? וועלכע לעבנס־פּראָבלעמען וועט מען לײזן?

מיטן געהעריקן טראַסק איז געמאָלדן געוואָרן, אז „דער גרעסטער ייִדישער וועלט־צוזאמענפאָר" וועט פאָרקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון האָלאַנד האאג — אלס אנערקענונג פאַר האָלאַנדס פּראָ־ייִסראָעל־פּאָזיציע בעשאַס דער לעצטער מילכאָמע פון אָקטיאַבער פאָריקן יאָר, וועלכע האָט באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט דעם דורכפאַל פון די צ׳יעניסטיש־עקסטרעמיסטישע פּלענער אָפן נאָענטן מיזרעך. ס׳איז שוין באַשטימט געוואָרן די דאַטע פאַרן צוזאמענפאָר (23 אפּרעל — 6 מײַ 1974) און דער טאָג־סיידער (אכוץ די גרונט־פאָרטראָגן פונעם פּרעזידענט און פונעם גענעראל־סעקרעטאַר פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס — א רעליגיעזער סימפּאָזיום מיטן אָנטייל פון א קאַטוילישן קאַרדינאַל און פון א פּראָטעסטאנטישן גאַלעך, און אָף פאַרבײַסעכץ די באַוווסטע „פּראַגע וועגן ייִדן אין רוסלאַנד").

וואָס ווײַטער, איז געוואָרן אַלץ גרעסער דער אזשיאָטאַזש ארום דעם „פּאַרלאַמענט פונעם ייִדישן פאָלק". די פּאַריזשער צײַטונג „אונדזער וואָרט" האָט מיטגעטיילט, אז „האָלענדישע שטאָט־פאַרוואַלטונגען שטעלן אוועק פּושקעס און זאַמלען געלטער פאַר ייִסראָעל", און זי האָט פײַערלעך געמאָלדן: „דער האָלענדישער פּרעמיער־מיניסטער און דער הויפּט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון האאג האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקײַט דעם גענעראל־סעקרעטאַר פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס פאַר דעם באַשלוס צו רופן דעם צוזאמענפאָר אין דער הויפּטשטאָט פון האָלאַנד". ס׳האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן אפילע די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכע האָט גלייבלעך איבערגעכאַזערט די האַוטאָכעס וועגן דעם, אז „דער פּרעמיער פון האָלאַנד וועט באַגריסן דעם צוזאמענפאָר פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס" און „בא דער דערעפענונגס־זיצונג וועלן אויך באַגריסן דער מעיאָר פון האאג און דער ייִסראָעל־אמבאסאדאָר"...

און אינמיטנדערינען, בייס ס׳איז נאָך געווען אָף טיש און אָף בענק און די געדולע האָט זיך געטראָגן אזש ביזן הימל, האָט זיך פון דער שיינער אידיליע אויסגעלאָזט א טײַך... די צײַטונגען האָבן פאַרלאָרן זייער ספּריטנע אויסזען און גענומען שטאַמלען אין פאַרלוירנקײַט: „האָלענדישע רעגירונג זאָל זײַן קעגן דורכפירן דעם צוזאמענפאָר פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס", „ייִדישער וועלט־קאָנגרעס קלערט אוף, פאַרוואָס דער צוזאמענפאָר אין האאג איז אָפּגערופן געוואָרן", אדג.

דאָס ווערטל „א קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטיין" איז איצט פּונקט אָנגעמאָסטן פאַר דער צ׳יעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אדעראַבע, פאַרוואָס טאַקע האָט דער וואָגן זיך אָפּגעשטעלט, ניט דערפאָרנדיק צום יאַריד? די צ׳יעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע דערקלערט איר דורכפאַל מיט דעם, וואָס „די אומדערוואַרט גרויסע צאָל דעלעגאַטן האָט ארויסגערופן ערנסטע פּראַקטישע פּראָבלעמען", „די דעלעגאַטן וואָלטן זיך געדאַרפט צעשפּרייטן איבער א סאַך האָטעלן ניט בלויז אין האאג, נאָר אויך אין ראָטערדאַם", „עס וואָלט ניט געווען מעגלעך צו באַזאָרגן די געהעריקע שוץ פאַר אזא צוזאמענפאָר", און אנדערע אזעלכע טערוצים. דער עמעס אָבער איז גאָר אין עפּעס אנדערש, נעמלעך אין דעם, וואָס עס איז שוין איצט, ווײַזט אויס, ניט די צײַט פאַר „וועלט"־סקאַנדאַלן. פאַראַן א האַשאָרע, אז זעענדיק, ווי עס פאַרקאָכט זיך א קאַשע מיטן „פּאַרלאַמענט פונעם ייִדישן פאָלק" אין האאג, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פון האָלאַנד געייצעט די מענאַכעם־מענדלס אָף דער ייִדישער פּאָליטישער גאַס, זיי זאָלן בעסער בלײַבן זיצן אין דער היים, און אויב זיי האָבן ניט וווּהין אהינצוטאָן זייער ענערגיע, איז זאָלן זיי זי אָנווענדן אָף מער נוצלעכע זאַכן.

צי האָבן עס שוין פאַרשטאַנען די אָנפירער פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס?

אונדזער מיטיילונגען

דער גרויסער הומאַניסט און פעלקער־פריינט

175 יאָר זײַנען אַוועק זינט עס איז געבוירן געוואָרן אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין, וועמען בעלינסקי האָט אין די 30־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אָנגערופן „דער גרויסער דיכטער פון אַלע צײַטן און פעלקער".

פּושקינס טיפער אינטערעס צום לעבן פון די פאַרשיידענע פעלקער פון רוסלאַנד, זײַנע פאָרשונגען פונעם קינסטלערישן שאַפן פון די שרײַבער פון אייראָפּע און אַזיע, — די דאָזיקע פּראָבלעם איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט און דערלערנט געוואָרן ערשט אין די סאָוועטישע יאָרן.

אין 1919, אין ברען פונעם בירגערקריג, איז אין מאָסקווע דערשינען אַ זאַמלבוך: „א. ס. פּושקין. געזאַנגען און לידער פון פאַרשיידענע פעלקער. געזאַמלט אונטער דער רעדאַקציע פון וואַלערי בריוסאָוו". פּושקין, ווי באַוווּסט, האָט געשריבן בלויז אָף רוסיש, און פּלוצעם — אַ בוך מיטן נאָמען „לידער פון פאַרשיידענע פעלקער". דאָס האָט געקלונגען ווי אַ סענסאַציע. די פּושקין־פאָרשער האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווּסט וועגן דעם אינטערעס פונעם דיכטער צום פאָלקלאָר פון די מיזרעך־פעלקער, צו דער געשיכטע פון די לענדער פון אַזיע, צום כאַראַקטער פון זייערע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן מיט רוסלאַנד, אָבער דעם מאַסן־לייענער, פאַר וועמען עס איז באַשטימט געווען דאָס אָנגערופענע בוך, איז עס ווייניק געווען באַקאַנט. איצט האָט ער דערזען פּושקינס געני אין אַ נײַער שײַן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דערנעענטערט פּושקינען צום מאַסן־לייענער.

בריוסאָוו האָט סיסטעמאַטיזירט פּושקינס לידער לויט די לענדער און פעלקער און צו יעדן אָפּטייל אָנגעשריבן אַ קאָמענטאַר. צווישן די אָפּטיילן זײַנען געווען אויך אַזעלכע, ווי „די אוראַלטע ייִדן", „די וועלט פון איסלאַם", „אַראַביע און פּערסיע", „טערקײַ", „קרים און קאַווקאַז" און פיל אַנדערע. די ליבע צום היימלאַנד, דער אינטערעס צו דער געשיכטע און צו דער צוקונפט פונעם רוסישן פאָלק האָבן ניט געשטערט פּושקינען צו ליב האָבן אַנדערע פעלקער און שפּראַכן. וו. בריוסאָוו האָט געהאַט אַ פולן גרונט צו שאַפן אַ זאַמלבוך פון פּושקינס „געזאַנגען און לידער פון פאַרשיידענע פעלקער".

פּושקינס קינסטלערישער אינטערנאַציאָנאַליזם איז געבוירן געוואָרן ניט פּלוצעם. דער יונגער דיכטער האָט אַ לאַנגע צײַט זיך געפונען אונטערן אײַנפלוס פון די אידייען פונעם פּראָגרעסיוון רוסישן פילאָסאָף פּיאָטער טשאַאַדאַיעוו, וועלכער האָט מיט אים געפירט לאַנגע שמועסן וועגן דעם גורל פון מיזרעך און מײַרעוו. מיט אָט די שמועסן איז פאַרבונדן פּושקינס וואַרעמע באַציִונג צום ייִדישן פאָלק, זײַן מיטגעפיל און אויפמערקזאַמקײַט צו די ייִדן, וועלכע דער צאַריזם האָט אונטערדריקט און אָן אויפהער גערוידעפט.

טשאַאַדאַיעוו פלעגט אָפט דערמאָנען די ביבלישע פערסאָנאַזשן. דער לעגענדאַרער קיניג דאָוויד איז פאַר אים געווען „אַ מוסטער פונעם סאַמע דערהויבענעם העראָיזם". דער יונגער פּושקין האָט געשריבן:

> Певец Давид был ростом мал,
> Но повалил же Голиафа [1]

דאָס איז געווען פּושקינס ערשטער פּרוּוו צו שילדערן מיט דער הילף פונעם ביבל־סוזשעט דאָס געשטאַלט פון אַ דיכטער אַלס אַ פאָלקס־העלד. אין דעם קיניג דאָוויד האָט פּושקין געוואָלט זען קוידעמקאָל דעם פּאָעט. אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן האָט ער געשריבן צו טשאַאַדאַיעוון: „דאָוויד האַמעלעכס שירים פון תהילים — אויב נאָר דאָס זײַנען טאַקע זײַנע שירים, — פאַרגעטער איך".

פּושקין האָט געשעצט דעם פאַרצײַטיקן ייִדישן פאָלקלאָר און זיך אָפט צו אים געווענדט. אין זײַנע מאַנוסקריפּטן טרעפן זיך אַזעלכע קעגנשטעלונגען: „די ביבל און שעקספּיר", „די ביבל און וואַלטער סקאָט", „די איליאַדע און די ביבל". דאָס באַווײַזט, אַז נאָך אין די פריִע יאָרן האָט ער אָנערקענט די גרויסע קינסטלערישע ווערט פון דער ביבל.

ביז דער פאַרשיקונג אויפן דאָרעם זײַנען דער מאָקער פון פּושקינס באַקאַנטשאַפט מיטן ייִדישן פאָלק געווען דורכויס די ביבל־לעגענדעס און די קינסטלערישע ווערק אָף ביבל־מאָטיוון. אין זײַנע ווערק האָט ער העכער 150 מאָל אויסגענוצט די ביבלישע לעגענדעס, זייערע געשטאַלטן און אָפאָריזמען. דערציילנדיק, לעמאָשל, וועגן די טראַגישע געשעענישן, וועלכע עס האָט איבערגעלעבט אין די קינדער־יאָרן

[1] דער זינגער דאָוויד, כאָטש געווען איז ער קליין אין וווּקס, האָט אומגעשלײַדערט דאָך גאָליאַט האַפּלישטין.

דער אביסינער איבראהים האניבאל (ער איז געווען א ליבלינג בא זײַן פּאָטער און געדארפט יארשענען די קרוין, נאָר די קרויווים האָבן פון קינע פּארפירט אים קיין טערקײַ און פארקויפט אלס שקלאַף), דערמאָנט פושקין די ביבלישע לעגענדע וועגן יויסעף האצאדיק, וועלכער איז געווען דער באליבטער זון בא דעם פּאטריארך יאנקעוו און וועמען די עלטערע ברידער האָבן פארקויפט אלס שקלאַף. מיטן גוירל פון יויסעף האצאדיק פלעגט פושקין אָפּט פארגלײַכן דעם גוירל פון איבראהים האניבאל, וואָס האָט, ווי באוווסט, געפונען אין רוסלאנד זײַן צווייטע היים.

אין מײַ 1820 האָט פושקין, לויט דעם צארס אוקאז, זיך אוועקגעלאָזט קיין קאטערינאָסלאוו. פאקטיש איז דאָס געווען זײַן פארשיקונג, כאָטש אָפיציעל איז דאָס וואָרט „פארשיקונג" אין אוקאז ניט דערמאָנט געוואָרן. דער צאר האָט זיך צערעכנט מיטן דיכטער פאר זײַנע פרײַדענקערישע לידער, פאר דעם טרוים צו זען אין רוסלאנד „סײַ די יערידע פון דער שקלאפערײַ, סײַ די יערידע פונעם צאר".

דער טראקט, מיט וועלכן עס איז געפאָרן פושקין, האָט דורכגעשניטן די וויטעבסקער, מאָהילעווער, טשערניגאָווער און פּאָלטאווער גובערניעס, דאָס הייסט — דעם טכום־האמוישעוו. פושקין איז דורכגעפאָרן דורך די שמאָלע געסעלעך פון ייִדישע שטעטלעך, פארבײַ די אָרעמע הײַזקעס און בידנע קרעמלעך. ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אין די קרעטשמעס און ריידן מיט די ייִדן.

געקומען קיין קאטערינאָסלאוו (אין יענע צײַטן א שטילער און פארוואָרפענער העק), האָט דער דיכטער זיך ארײַנגעקליבן אין א ייִדיש הויז און אָפּגעווינט דאָרט א פּאָר וואָכן, ביז עס האָט אים באזוכט דער בארימטער העלד פון דער מילכאָמע פון 1812 גענעראל ראיעווסקי און אים אָפּגעפירט קיין קאווקאז.

פושקין האָט מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צום לעבן פון דער ייִדישער באפעלקערונג. אין קעשענעוו האָט ער געזען ניט בלויז זקיינים, וועלכע האָבן פון פינצטער ביז פינצטער געשאָקלט זיך איבער די געמאָרעס און מעדראָשים, ער האָט באגעגנט דאָרט אויך יונגעלײַט, אומצופרידענע מיט די ארומיקע פּאָראָנדקעס. אזא איז, לעמאָשל, דער ייִד „מיט די שווארצע לאָקנס" אין דער פּאָעמע „די ברידער גאזלאָנים".

אין יענע יאָרן, אין פארשיקונג, האָט דער פּאָעט אָפּט גענומען זיך צום איבערזעצן אין לידער באזונדערע שטעלן פון דער ביבל. אים האָט שטארק פארינטערעסירט „שיר־השירים".

דער לעבנס־אויפן פון דער ייִדישער באפעלקערונג, מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפן אין מאָלדאוויע אָדער אוקראַינע, האָט אים אונטערגעזאָגט רעאליסטישע דעטאלן, וועלכע ער האָט ארײַנגעשריבן אין דער פּאָעמע „גאווריליאַדע", האגאם די האנדלונג פון דער פּאָעמע קומט פאָר, ווי באוווסט, „אין דער שטילקײַט פון די פעלדער, ווײַט פון יערושאָלאַיִם".

מע דארף אויך דערמאָנען די לידער „דער שפרייטער פון פרײַהײַט אין מידבער", „צו דער ייִדישער פרוי". צו א קאָנקרעט ייִדיש מיידל ווענדט זיך דער דיכטער מיט די ווערטער „מײַן רעוועקא".

אין פושקינס טאָגבוך טרעפן זיך קורצע נאָטיצן וועגן דעם לעבנסשטייגער פון די קעשענעווער ייִדן. מעגלעך, אז מיט די דאָזיקע נאָטיצן איז פארבונדן די ניט פארענדיקטע ליד „אין א ייִדיש שטיבל ברענט א לעמפל", ווו עס ווערט געשילדערט דאָס שווערע שטילשווײַגעניש פון א ייִדיש געזינד, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אן אומגליק. אין שטיבל קומט ארײַן א צופעליקער מענטש פון גאס און זעט, ווי די יונגע מאמע וויינט איבערן פוסט געוואָרענעם וויגעלע, זאָגט ער צו איר: „וויין ניט, שוידערלעך איז ניט דער טויט, נאָר דאָס לעבן".

אזוי הייבט זיך אָן פושקינס ניט פארענדיקטע פּאָעמע וועגן אגאספערן. די לעגענדע וועגן „אייביקן זשיד" האָט דער דיכטער אויסגענוצט אַף צו שילדערן די פינצטערע אטמאָספער פונעם ניקאָלײַ־רעזשים אין רוסלאנד. און כאָטש די פּאָעמע איז פארבליבן ניט געענדיקט, האָט זי אָבער באוויזן, אז דער אינטערעס פונעם גרויסן רוסישן דיכטער צום לעבנס־שטייגער און צו דער קולטור פונעם ייִדישן פּאָלק ווערט ניט אָפּגעשוואכט.

דער אָנגעזעענער רוסישער פילאָסאָף וול. סאָלאָוויאָוו האָט געשריבן וועגן פושקינס ליד „דער נאָווי", אז אין איר פיגורירט דאָס ביבלישע געשטאלט פון סעראפימען מיט זעקס פליגלען און אז די לעצטע סטראָפע פון דער ליד „און ער האָט מיר די ברוסט צעשפּאָלטן און דאָס צאפלדיקע הארץ ארויסגענומען, מיט א פײַערדיקער קויל אין ברוסט א לאָך אויסגעבויערט" קומט אויך פון דער ביבל. סאָלאָוויאָוו האלט, אז דער „אלגעמיינער טאָן פון דער ליד איז א ביבלישער" און אז אין איר איז „וווּנדערלעך אויסגעהאלטן" דאָס גראמאטישע געבוי פון דער העברעיִשער שפּראַך...

אינטערעסאנט צו באמערקן, אז נ. וו. גאָגאָל, וואָס האָט ליב געהאט פושקינס ליד „דער נאָווי", פלעגט אָפּט זאָגן, אז ער זעט אין איר אײַן אזוינס, וואָס איז נאָענט צו דער ביבל.

פונעם סאמע אָנהייב פון די 30־ער יאָרן האָט פושקין גענומען דעם אקטיווסטן אָנטייל אינעם ארויסגעבן די „ליטעראטורנאיא גאזעטא". ער האָט דאָרט אָפּגעדרוקט א גרויס ארטיקל פון זײַן אלטן באקאנטן פּ. קאטענין „וועגן דער העברעיִשער פּאָעזיע". אין אָט דער רוסישער צײַטונג, וואָס איז געווען די סאמע פּראָגרעסיווע אין יענער צײַט, האָט מען געקאָנט לייענען ניט ווייניק מאטעריאלן, פולע מיט מיטגעפיל צום שווערן גוירל פון די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן בייס דער מיטלאלטערלעכער אינקוויזיציע.

אין הארבסט 1830 האָט פושקין אָנגעשריבן זײַן גרעסערע דערציילונג „די געשיכטע פונעם דאָרף גאָריוכינאָ". אין אָט דעם ווערק וועגן דעם טרויעריקן לעבן פון די רוסישע פויערים האָט ער געשאַפן אויך א געשטאלט פון אן אומגליקלעכן ייִדן א באלעגאָלע. ער באשרײַבט דעם באלעגאָלעס פארמאכטן פאעטאָן, אין וועלכן עס זײַנען אײַנגעשפּאנט „צוויי קליאטשעס, האלבע פּגירעס". דער דיכטער פארורטיילט די כויזעק־אויסרופן, וועלכע שיטן זיך אַפן ייִדן, די באליידיקנדיקע געשרייען.

מאָלנדיק אין זײַנע ווערק מענטשן מיט אָפשטויסנדיקע כאַראַקטער־שטריכן, האָט פושקין דערבײַ אָפגעמערקט זייער שלעכטע באציִונג צו ייִדן. אזא איז, לעמאָשל, דער ראָטמיסטער איוואַן זורין פון „קאַפיטאַנסקאיא דאָטשקא", וועלכער האָט דעם טאָך פון דער ארמיי־דינסט אײַנגעזען אין „שלאָגן די זשידעס".

צווישן פושקינס סימפאַטישע העלדן זײַנען קיין אַנטיסעמיטן ניטאָ.

די 30־ער יאָרן פונעם XIX יאָרהונדערט זײַנען געווען יענער עטאַפ אין פושקינס ביִאָגראַפיע און אין זײַן שאַפונג, ווען דער טאַלאַנט זײַנער האָט דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע. ווען מע לייענט זײַנע ווערק פון אָט דעם פעריִאָד, די לידער און די פּראָזע, פילט מען זײַן גרענעצלאָזן מיטגעפיל צו אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט.

אין אָט די יאָרן האָט פושקין זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די גײַסטיקע אוצרות פון די מיזרעך־פעלקער, ער האָט שטודירט אויסלענדישע שפּראַכן. פאַראַן אויך ידיִעס, אַז ער האָט שטודירט העברעיִש. אין זײַן נאָטיץ־ביכל פון פרילינג 1832 איז פאַרשריבן דער ייִדישער אַלעפבייס. אין האַרבסט 1832 האָט איינער פון פושקינס מאָסקווער פרײַנט — פ. קירעיעווסקי — מיטגעטיילט: „פושקין לערנט העברעיִש, ער קלײַבט זיך איבערזעצן „איִעוו". דער דיכטער האָט דעמלט אײַנגעקויפט כ. הורוויטשעס לערנבוך, אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין 1829.

אין די סאָוועטישע יאָרן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פושקינס טרוים, אַז „אין גאַנץ רוסלאַנד" וועט מען זײַנע לידער לייענען „אָף אַלע שפּראַכן פונעם לאַנד". אין סאָוועטנפאַרבאַנד לייענט פושקינען קליין און גרויס, אָף אַלע שפּראַכן. בײַ אים לערנט מען זיך ליב האָבן רוסלאַנד — דאָס פאָטערלאַנד פון אַלע סאָוועטישע פעלקער.

די איבערזעצונג פון פושקינס לידער אין ייִדיש האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די 60־ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. אין 1861 איז אין דער ווילנער וואָכנשריפט „הכרמל" איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש די ליד «Брожу я вдоль улиц шумных». אין די 90־ער יאָרן, ווען עס האָט זיך דערנענטערט פושקינס 100־ער געבורטסטאָג, האָט זיך פאַרמערט די צאָל ייִדישע און העברעיִשע איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק. אָבער גרינטלעך האָבן די ייִדישע לייענער זיך באַקאַנט אין דער ייִדישער שפּראַך מיט פושקינען ערשט אין די סאָוועטישע יאָרן, ווען זײַנע ווערק זײַנען דערשינען אין דער איבערזעצונג פון אַזעלכע פאָעטן, ווי דאָוויד האָפשטיין, מוישע כאַשטשעוואַצקי, ליפע רעזניק, שמועל האַלקין, זעליק אַקסעלראָד.

דער איבערוף פונעם גענִיאַלן רוסישן פּאָעט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַ נאַטירלעכער — ער דרינגט אַרויס, אין דער ערשטער ריי, פון די דעמאָקראַטישע און אינטערנאַציִאָנאַליסטישע יעסוידעס, וועלכע האָבן אַרײַנגעפירט פושקינס ווערק אינעם אוצער פון די ליטעראַטורן פון אַלע ברידערלעכע פעלקער.

דאָוויד בעלקין

כראָניק

פאָלקס־טאַלאַנטן

פיר טעג נאָכאַנאַנד איז אינעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ פאָרגעקומען דער שטאָטישער דורכקוק פון די קאָלעקטיוון פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

דער דורכקוק, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע זעלבסטעטיקע אַרטיסטן פון די אונטערנעמונגען און לערן־אַנשטאַלטן פון שטאָט, האָט דאָס מאָל באַזונדערס אויסגענומען מיט דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די זשאַנרען, מיטן רײַכן קאָלאָריט פון די נאַציִאָנאַלע קליידער, און ער איז אַזויאַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאָמטעוו פון פאָלקס־טאַלאַנטן.

דאָס ערשטע אָרט האָט די זשורי צוגעמישפּעט דעם קאָלעקטיוו פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש". דאָ האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט דער כאָר, וועלכער האָט טעמפּעראַמענטפול אויסגעפילט די לידער „מײַן היימלאַנד" און „די גוואַרדיע פון מי". מיט דערפאָלג זײַנען אַרויסגעטראָטן דער וואָקאַליש־מוזיקאַלער אַנסאַמבל פון דער אונטערנעמונג (סאָליסטן ד. טרובמאַן, אי. קוואַק און אַ. פאָפּאָווא) און די זעלבסטעטיקע אַרויספאָר־בריגאַדע, וועלכע האָט צוגעגרייט אַ ספּעציִעלע יובילעי־פּראָגראַם. אינטערעסאַנט זײַנען געווען די הומאָריסטישע אַרויסטרעטונגען פון ל. גאָרעליק און ס. סיריצקי.

מיט אַ רײַכער פּראָגראַם איז געווען פאָרגעשטעלט דער קאָלעקטיוו פון זעלבסטעטיקער קונסט פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט, און דער קאָלעקטיוו פון דער זאָקן־טריקאָטאַזש־פאַבריק, וועמען די זשורי האָט צוגעמישפּעט די דריטע פּרעמיע.

אַנדערע קאָלעקטיוון זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט דיפּלאָמען און ערן־גראַמאָטעס.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

א ביבליאָטעק אַף דער דלאָניע

ס׳איז באַוווּסט, אַז אויך ביכער פאַרמאָגן זייערע הוליווערן און ליליפוטן. א סאַך ביבליאָפילן קאָלעקציאָנירן מיניאַטורע ביכלעך. און אין דער הינזיכט איז דער גאָרלאָווקער אינזשעניער וו. א. ראַזומאָוו ניט קיין אויסנאַם. אָבער זײַנע דערפאָלגן אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע קאָלעקציאָנערן זײַנען אויסער יעטווידן צווייפל. זײַן מיקראָביבליאָטעק באַשטייט פון העכער טויזנט ביכלעך. דאָס איז איינע פון די גרעסטע קאָלעקציעס אין לאַנד.

אין דער ביבליאָטעק זײַנען פאַראַן די ווערק פון די סאַמע באַוווּסטע שרײַבער און דיכטער פון דער וועלט, ווערטערביכער. דאָ געפינט זיך אויך דאָס סאַמע קלענסטע ביכל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בא אונדז אין לאַנד, — פראַגמענטן פון וו. מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמע „וולאַדימיר איליטש לענין". די גאַבאַריטן פונעם ביכעלע זײַנען 18 אַף 18 מילימעטער.

דאָ ניט לאַנג האָט וו. ראַזומאָוו געקראָגן אַן אוניקאַל ביכעלע אַף דער אַלטסלאַווישער שפּראַך, געשריבן פון האַנט. דער „עלטער" פונעם ביכעלע, לויט דער מיינונג פון ספּעציאַליסטן, איז העכער דרײַ הונדערט יאָר.

נ. ליסאָווענקאָ („איזוועסטיאַ").

נאָכאַמאָל פאַרגראָבן אין דער ערד

לעבן דעם ענגלישן שטעטל וווּדטשעסטער, אַף דער טעריטאָריע פון א פאַרוואָרפענעם קלויסטער־בעסוילעם, האָט מען נאָך מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געפונען א מאָזאַיִק־דיל, וואָס געהערט צו די צײַטן פון דער רוימישער הערשאַפט. אין מעשעך פון פאַריקן יאָר האָבן בא 140 טויזנט טוריסטן באַזוכט דאָס דאָזיקע אָרט.

דאָ ניט לאַנג איז אָט דאָס קונסטווערק, וואָס איז אַלט צוויי טויזנט יאָר, נאָכאַמאָל פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד. ניט פאַרמאָגנדיק קיין מיטלען אַף צו פאַרהיטן דעם דיל פון די אַטמאָספערווירקונגען, האָט די אָרטיקע מאַכט באַשטימט, אַז די מאָזאַיִק וועט בעסער פון אַלץ אײַנגעהיט ווערן אונטער א שיכט ערד. דער דיל וועט אָפּגעגראָבן ווערן בלויז אין אַכט יאָר אַרום, ווען ס׳וועט צונויפגעזאַמלט ווערן א גענוגנדיקע סומע אַף דורכצופירן די נייטיקע רעסטאַווראַציע־אַרבעטן.

פּערל פון ביכער־קאָלעקציעס

דער מאָסקווער מעלוכישער ליטעראַטור־מוזיי האָט פאַר דער לעצטער צײַט אײַנגעשאַפט אוניקאַלע ביכער: קרילאָווס א מעשאָלים־זאַמלונג, וואָס דער באַרימטער ביכער־פאַרלעגער א. פ. סמירדין האָט אַרויסגעגעבן אין 1834 יאָר, און דרײַ ביכער (אײַנגעבונדענע אין איין באַנד) פון די רוסישע היסטאָריקער.

די דאָזיקע אויפלאַגע פון קרילאָווס מעשאָלים איז פאַררעכנט אַלס די בעסטע צווישן די, וואָס סמירדין האָט ווען־עס־איז אַרויסגעגעבן. דער ניט גרויסער טיראַזש פונעם בוך — צוויי טויזנט עקזעמפּליאַרן — איז אָפּגעדרוקט אַף א באַזונדער מין פּאַפּיר.

דאָס בוך האָט איליוסטרירט א. פ. סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס כאָטש ער איז ניט געווען קיין מאָלער, האָט ער זיך שוין געהאַט פאַרעקאָמענדירט אַלס גוטער צייכענער און גראַווער.

א גרויסער שעצער פון קרילאָווס טאַלאַנט, האָט סאַפּאָזשניקאָוו זײַן גאַנצע ליבע צום מעשאָלים־שרײַבער אַרײַנגעלייגט אין דער אַרבעט אַף איליוסטרירן די זאַמלונג. ער האָט אַפילע אײַנגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן „רעקאָרד" — געמאַכט צום בוך 93 געמעלן. אַלע זײַנען זיי אויסגעפּילט אַף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ. אַף גאָר א קליינעם טייל פונעם טיראַזש זײַנען די גראַווירן שוין נאָכן אָפּדרוקן זיי אויסגעפאַרבט געוואָרן פון דער האַנט. פאַר די ביבליאָפילן זײַנען אַזעלכע עקזעמפּליאַרן געוואָרן אַן עמעסער טרוים. אַזאַ עקזעמפּליאַר האָט אָפּגעגליקט צו קריגן דעם מעלוכישן ליטעראַטור־מוזיי.

אַפן אײַנבונד פון די דרײַ ביכער איבער געשיכטע האָבן די אויפמערקזאַמקײַט פון די מיטאַרבעטער פונעם מוזיי צוגעצויגן די איניציאַלן פ. יע. מיט אָט די איניציאַלן האָט באַצייכנט זײַנע ביכער דער באַוווּסטער רוסישער ליטעראַטור־פאָרשער און ביבליאָגראַף פּיאָטער אַלעקסאַנדראָוויטש יעפרעמאָוו, וועלכער האָט אין סאָף פאַריקן יאָרהונדערט צונויפגעזאַמלט אַן אוניקאַלע ביבליאָטעק איבער פאָטערלענדישער ליטעראַטור און געשיכטע.

אין דערמאָנטן באַנד גייען אַרײַן די ווערק פונעם באַרימטן היסטאָריקער און עקאָנאָמיסט וו. ווּעשניאַקאָוו „וועגן די סיבעס פון דער דערהייבונג פונעם מאָסקווער פירשטנטום", פ. פּאָלעטײַעווס א היסטאָרישער עטיוד „דאָס מאָסקווער פירשטנטום" און נ. קאָסטאָמאַראָווס איבערזיכט: „די מאָסקווער מעלוכע אין XVI און XVII יאָרהונדערטן".

אַפן טיטל פונעם בוך קאָן מען אויך פאַנאַנדערקלײַבן א קוים באַמערקבאַרע אויפשריפט — יודין.

נאָך יעפרעמאָוון איז דאָס בוך אַרײַנגעפאַלן צום באַרימטן סיבירער ביכער־ליבהאָבער ג. וו. יודינען, אין וועמענס ביבליאָטעק ס׳האָט פרילינג 1897 יאָר געאַרבעט וו. אי. לענין.

לויט א. סוועטלאָווס נאָטיץ אין „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ".

די פּרײַז
איז ניט קיין צוטריטלעכע

נאָך לאַנג פאַר דעם, איידער ס'האָט אופגעפלאַמט דער פאַקל אף דער גרויסער ספּאָרט־ארענע, האָט מען אין מינכען געמאָלדן וועגן דעם פאָרשטייענדיקן אויספאַרקויף פון דעם אָלימפּישן דאָרף. די באַלעבאַטים פון דער שטאָט האָבן ניט געקאַרגט קיין געלט אף רעקלאַמירן די מײַלעס פונעם נײַעם וווין־קוואַרטאַל. אָבער טראָץ זייערע דערוואַרטונגען, האָט זיך קיין גרויסער כאַנוקאַס־האַבאַ?ס ניט באַקומען. ביז סענטיאַבער 1973 האָט מען פון דרײַ טויזנט קוואַרטירעס פאַרקויפט בלויז 900. מע קאָן ניט זאָגן, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין פּרעטענדענטן אף די קוואַרטירעס, וואָס פּוסטעווען. די סיבע איז א גאַנץ פּראָסטע: די וווינונגען זײַנען צו טײַער פאַרן פּראָסטן אוילעם. די סאַמע וואָלוועלע איינצימערדיקע קוואַרטירע קאָסט 67 טויזנט מאַרקעס.

עס פּוסטעוועט אויך דער ספּאָרטיווער קאָמפּלעקס. אפן בעסטן אין דער וועלט פערד־מאַנעזש האָט פאַר דער צײַט, וואָס עס איז אוועק נאָך דער אָלימפּיאַדע, זיך אײַנגעגעבן צו אָרגאַניזירן בלויז אן אויסשטעלונג פון שאָפּהינט. עס זשאַווערט דער דאַך איבער דער קליינער ספּאָרטיווער ארענע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט 200 מיליאָן מאַרקעס. „די ירושע פון דער אָלימפּיאַדע־72 אין מינכען ווערט רויִנירט און פאַרוואַנדלט אין ברוך", — אנערקענט מיט פאַרביטערונג דער זשורנאַל „שטערן".

א דיכטער
א
גאַנגסטער

דער געריכט פונעם פראַנצויזישן דעפּאַרטאַמענט בײַיאַמישע סענע האָט פאַרורטיילט דעם 28־יאָריקן רענאַלד ראַפּעניאָ צו זיבן יאָר טורמע פאַר צוויי באַוואָפנטע אָנפאַלן אין 1972 יאָר אף איין און דעם זעלבן באַנק אין דער שטאָט רואַן. מעגלעך, אַז אָט דער פאַקט וואָלט געבליבן אומבאַמערקט, ווײַל פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז די צאָל באַרויבטע באַנקן אין פראַנקרײַך שטאַרק געשטיגן. דער געגעבענער פאַל איז אָבער אן אויסשליסלעכער.

ראַפּעניאָ האָט צוויי מאָל באַרויבט דעם רואַנער באַנק, קעדיי אַרויסבאַקומען די סומע, וואָס איז אים נייטיק געווען אף... אַרויסגעבן זײַן ערשטע זאַמלונג לידער און פּאָעמעס אפן אייגענעם כעזשבן, אף וויפל קיינער פון די פאַרלעגער האָט קיינמאָל אפילע ניט איבערגעלייענט זײַנע שריפטן ביזן סאָף. און ווען די נייטיקע סומע איז ענדלעך געווען „צונויפגעזאַמלט", האָט דער גאַנגסטער־דיכטער זיך גענומען ענדגילטיק צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט. בא אָט דער אַרבעט האָט אים געטראָפן די פּאָליציי.

בלעטלעך
פון ליטעראַרישער
געשיכטע

דער ליטעראַרישער מוזיי אין קיראָוו (געוועזענע וויאַטקע) געפינט זיך אינעם הויז, ווו ס'האָט געוווינט בײַם דער פאַרשיקונג מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין.

נאָר ניט בלויז וועגן אים דערציילן די מוזיי־עקספּאָנאַטן. אַלעקסאַנדער גערצען האָט בײַם דער עפענונג פון א מאַסן־ביבליאָטעק אין וויאַטקע אין 1837 יאָר געהאַלטן א גלענצנדיקע רעדע — א הימען דעם בוך. דאָ האָט וו. ג. קאָראָלענקאָ זיך געטראָפן מיט דער העלדן פון זײַן קינפּטיקער דערציילונג „א מאָדנע מענטש". יאַן רײַניס און וואַצלאַוו וואָראָווסקי האָבן דאָ אָנגעשריבן ניט ווייניק באַגײַסטערטע שורעס.

ניט לאַנג צוריק זײַנען פעסטגעשטעלט נײַע פאַקטים וועגן די פאַרבינדונגען, וואָס עס האָבן געהאַט מיט וויאַטקע א. ס. פּושקין, וו. א. זשוקאָווסקי, נ. א. דאָבראָליובאָוו, נ. ג. טשערנישעווסקי, נ. א. נעקראַסאָוו, אי. ס. טורגעניעוו, ל. נ. טאָלסטאָי, א. אי. קופּרין, א. מ. גאָרקי, וו .וו. מאַיאַקאָווסקי...

ר. דאַנילאָוו („איזוועסטיאַ")

די שטימען פון באַרימטע אַרטיסטן

דער מאָסקווער טעאַטראַלער מוזיי אף באַכרושינס נאָמען פאַרמאָגט א סאַך פאַרשריבענע אף טאַשמעס שטימען פון באַרימטע אַרטיסטן, ווי פ. שאַליאַפּין, א. נעזשדאַנאָוואַ, א. ווערטינסקי, מ. לענץ, מ. דעל מאָנאַקאָ. דער מוזיי פאַרמאָגט אויך פאַרנאָטירונגען פון גאַנצע ספּעקטאַקלען. אן אוניקאַלע פאַרנאָטירונג איז דער ספּעקטאַקל פון מכאַט „אַנאַ קאַרענינאַ", וועלכן ס'האָט געשטעלט וול. אי. נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ אין 1937 יאָר. די פאַרנאָטירונג איז באַזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס אין איר זײַנען פאַרשריבן די שטימען פון די ערשטע אויספירער: א. טאַראַסאָוואַ (אַנאַ), נ. כמעליאָוו (קאַרענין), מ. פּרודקין (וראָנסקי).

קיין אַנדערע פאַרנאָטירונגען פון כמעליאָווס שטים, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין טעאַטער, זײַנען ניט פאַראַן. די ראָל פון קאַרענינען איז געווען איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטע אין זײַן שאַפונג.

אינעם מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל פונעם מוזיי איז פאַראַן א. טאַראַסאָוועס אווטאָגראַף, וואָס זי האָט איבערגעגעבן דעם מוזיי מיט עטלעכע יאָר צוריק. „דאָס איז געווען מײַן ערשטע טראַגישע ראָל, — שרײַבט די אַרטיסטקע. — אין משך פון קימאַט א יאָר, וואָס איך האָב מיט גרויס אינטערעס געאַרבעט איבער דער ראָל, פלעג איך זיך ניט שיידן מיטן ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ".

טאָלסטאָי איז פאַר מיר געווען דער הויפּט־רעזשיסער. איך האָב פאַרטראַכט ניט שפּילן די ראָל, נאָר דורכלעבן אף דער סצענע דעם טראַגישן גוירל פון מײַן אַנען. טראַכטנדיק וועגן אָט דער פאַרכאַפּנדיקער אַרבעט, קאָן מען נישט ניט דערמאָנען מײַן פּאַרטניאָר, דעם פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר נ. פּ. כמעליאָוון. ער פלעגט דערגרייכן אף דער סצענע עכטע איבערשטאַלטונג".

ביבליאָגראַפיע

א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין ייִדיש

מיר ברענגען דאָ אין א כראָנאָלאָגישן סיידער ניט קיין פולע רעשימע פון א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין ייִדיש אין א בוכפאָרם.

פּאָלטאַווע. **פּאָעמע. ייִדיש — א. י. גראָדזענסקי. כארקאָוו, פארלאג „ייִדיש", 1918, 66 ז.**

דער פישער און דאָס גאָלדענע פישעלע. **ייִדיש י. גיי־ליגיטש. קיִעוו, „קיִעווער פארלאג", 1918, 15 ז.**

יעווגעני אָניעגין. **ראָמאן אין פערזן. ייִדיש א. י. גראָדזענסקי, יעקאטערינאָסלאוו, פארלאג „וויסנשאפט", 1919, 178 ז. (מיט אן אריַינפיר פונעם איבערזעצער).**

איבערזעצונגען פון דאָוויד האָפשטיין

דובראָווסקי. **מ., „עמעס", 1935, 142 ז.**

בעלקינס דערציילונגען. **מ., „עמעס", 1935, 142 ז. (אינהאלט: פונעם ארויסגעבער. — א שאָס. — א זאַווערוכע. — דער טרונעמאכער. — דער סטאנציע־אופזעער. — די פריַילן — די פויערטע).**

דער קארגער ריטער. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינד־פארלאג, 1937.**

די זאווערוכע. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1937, 24 ז.**

די פריַילן — די פויערטע. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1937.**

א מיַיסע וועגן דעם צאר סאלטאן, וועגן זיַין באַרימטן און מעכטיקן זון דעם פירשט גווידאָן סאלטאנאָוויטש און וועגן דער פרינצעסן דעם שוואן. **מ., „עמעס", 1937, 50 ז.**

דער שטיינערנער גאסט. **מ., „דער עמעס", 1939, 56 ז.**

דער שאָס. **מ., „דער עמעס", 1939, 26 ז.**

דער טרונעמאכער. **מ., „דער עמעס", 1939, 24 ז.**

דובראָווסקי. **מ., „דער עמעס", 1939, 134 ז.**

די רוסאלקע. **מ., „דער עמעס", 1939, 38 ז.**

איבערזעצונגען פון דאָוויד האָפשטיין און עזרא פיניננבערג

לידער. **כארקאָוו, מעלוכישער ליטערארישער פארלאג פון אוססר. 1936.**

איבערזעצונגען פון ליפע רעזניק און דאָוויד האָפשטיין

דראמאטישע ווערק. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג. 1937.**

איבערזעצונגען פון עזרא פיניננבערג

מיַיסעס. **קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג. 1936. 92 ז.**

א מיַיסע וועגן א גאלעך און זיַין ארבעטער באלדא. **מינסק, מעלוכע־פארלאג פון ווססר, 1939. 16 ז.**

מיַיסעס. **מ., „דער עמעס", 1940. 76 ז.**

איבערזעצונגען פון שמועל האלקין

דער קארגער ריטער. **מ., „עמעס", 1937. 32 ז.**

דער מאָלציַיט אין דער ציַיט פון פעסט. **מ., „דער עמעס", 1939. 15 ז.**

מאָצארט און סאליערי. **מ., „דער עמעס", 1939. 24 ז.**

איבערזעצונגען פון מוישע כאשטשעוואצקי

דער קופערנער ריַיטער. **מ., „עמעס", 1937. 50 ז.**

איבערזעצונגען פון א. ס. פּושקינס ווערק אין דער ייִדישער פערִיאָדישער פרעסע

זשורנאל „פארמעסט", 1935, נומ. 4. — דער קארגער ריטער. **ייִדיש — ד. האָפשטיין.**

זשורנאל „פארמעסט", 1936, נומ. 3 — די רוסאלקע. **ייִדיש — ד. האָפשטיין.**

זשורנאל „שטערן", 1936, נומ. 9. דער קופערנער ריַיטער. **ייִדיש — מ. כאשטשעוואצקי.**

אלמאנאך „סאָוועטיש". 1937. נומ. 4. מאָצארט און סאליערי. **ייִדיש — ש. האלקין.** ציַיטונג „דער עמעס", 1937. 4־טער יאנוואר. דער קופערנער ריַיטער. **ייִדיש — ע. פיניננבערג.**

אבע פינקעלשטיין

מיט 175 יאָר צוריק איז אין דער פראַנצויזישער שטאָט טור געבוירן געוואָרן אָנאָרע דע באַלזאַק.

באַלזאַקס ערשטער רעאַליסטישער ראָמאַן „שואַן" אָדער „ברעטאָן אין 1799" (דערשינען אין 1834) מאָלט איינעם פון די היסטאָרישע עפּיזאָדן פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין סאָף XVIII יאָרהונדערט. באַלזאַקס סעריע ווערק פון 90 ראָמאַנען און נאָוועלן, די אַזויגערופענע „מענטשלעכע קאָמעדיע", באַשטייט פון דרײַ אָפּטיילן: 1) „עטיודן וועגן זיטן", 2) „פילאָסאָפישע עטיודן", 3) „אַנאַליטישע עטיודן". מיט דער דאָזיקער סעריע האָט דער שרײַבער זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שילדערן די בורזשואַזע געזעלשאַפט פון זײַן צײַט. אינעם ווערק „שאַגרענעווע פעל" מאָלט באַלזאַק אַ פערסאָנאַזש, וואָס יאָגט זיך נאָך רײַכקײַט און באַפרידיקונג פון די טײַוועס. דערגרייכנדיק דאָס, ווערט ער גײַסטיק פוסט, מאַטעריעל איבערגעזעטיקט און גלײַכגילטיק צום לעבן.

אין באַלזאַקס ווערק זײַנען געשאַפן געשטאַלטן פון די מאַכטהאָבער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט — וווכערניקעס און באַנקירן („גאָבסעק" — 1830, „יעווגעניע גראַנדע"—1833). אינעם ראָמאַן „דער פאָטער גאָריאָ" (1834—1835) באַווײַזט דער שרײַבער די טעכטער, פאַר וועלכע דער פאָטער האָט מאַקריוו געווען זײַן גאַנצן פאַרמעגן, נאָר זיי פאַרלאָזן אים אין עלנטן און אומבאַהאָלפענעם. אין די יאָרן 1837—1843 דערשײַנט באַלזאַקס ראָמאַן „פאַרלאָרענע איליוזיעס", ווו עס ווערט באַוויזן די קאָרופּציע פון דער בורזשואַזער פרעסע, דער אומקום פון אַ טאַלאַנטפולן דיכטער.

אין אַ ריי ווערק שילדערט באַלזאַק דעם אַדל, וואָס איז געבליבן טרײַ דעם פּרינציפּ פון „ערע" („מוזיי פון אַלטערטימלעכקײַטן" — 1838, „דער פּראָצעס וועגן אַפּעטראָפּסעס" — 1836). ער באַווײַזט אָבער, ווי אומבאַהאָלפן און באַגרענעצט עס איז דער אַדל. מיט באַגײַסטערונג רעדט באַלזאַק וועגן די רעפּובליקאַנער (מישעל קרעטיען אינעם ראָמאַן „פאַרלאָרענע איליוזיעס", דער אַלטער יאַקאָבינער אינעם ראָמאַן „פויערים" — 1844).

באַלזאַקס שאַפונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ פון קריטישן רעאַליזם אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פון XIX יה. ק. מאַרקס און פ. ענגעלס האָבן הויך געשאַצט באַלזאַקס ווערק.

אָנאָרע דע באַלזאַק איז געשטאָרבן אין 1850 אין פּאַריז.

מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק, דעם 5 יוני 1854, איז אין נאָווע־אַלעקסאַנדראָווסק (אַ שטעטל אין קאָוונער גוב.) געבוירן געוואָרן דער קינסטלער יעהודע פען.

קינדווײַז האָט יעהודע פען פיל איבערגעלעבט פון דעם, וואָס זײַנע עלטערן האָבן ניט געוואָלט, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאָלערײַ. מיט גרויס מאַטערנישן האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָנצוקומען אין דער פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע. געענדיקט די אַקאַדעמיע, האָט ער אין 1891 זיך באַזעצט אין וויטעבסק, ווו ער האָט געגרינדעט די ערשטע אין ווײַסרוסלאַנד קונסט־סטודיע. אין דער דאָזיקער סטודיע האָבן זיך געלערנט עטלעכע הונדערט ייִדישע באָכערים און מיידלעך.

יעהודע פען האָט געהערט צו דער רעאַליסטישער שול. באַזונדערס גרויסע דערפאָלגן האָט ער דערגרייכט אינעם פּאָרטרעטן־זשאַנער. דער קינסטלער איז געווען גוט באַקאַנט מיטן ייִדישן לעבנסשטייגער פון יענער צײַט און האָט אים טיף פאַרשטאַנען. ברייט באַקאַנט זײַנען דעמלט געווען פענס ווערק: „אַ האַרבער איניען", „דער אַלטער ראָוו", „באַם טײַטש־כומעש", „באַם שאַלעסודעס", „דער געט", „אַ בריוו פון אַמעריקע", „דער אַלטער סאָלדאַט", „נאָכן שטרײַק", „דער שאַדכן", „די שנײַדערקע", „דער בעקער", „דער אַלטער שנײַדער", „אווטאָפּאָרטרעט", „דער קינסטלער שאַגאַל" אאַ.

אַן עכט קלאַסיש ווערק איז זײַן בילד „דער געט".

פענס טאַלמידים זײַנען מאַרק שאַגאַל, ס. יודאָווין, ל. לייטמאַן און אַנדערע באַרימטע קינסטלער.

יעהודע פען איז געשטאָרבן דעם 1 מאַרט 1937 אין וויטעבסק.



צי ווייניק כ'וויל, צי כ'וויל א סאך

ווערטער פון ארן ווערגעלים

מוזיק פון סערגיי טשטשאבאטאריאוו



לויט דער צײַטונג

פאָלקס־שטימע

קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע וואָכנשריפט

„הערשעלע אָסטראָפּאָליער" אין וואַרשע

אין וואַרשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" — א מוזיקאַלישע פאָלקס־קאָמעדיע אין דרײַ אַקטן (סצענאַרי און רעזשי פון י. זאָנשײַן און י. ראָטבאום).

דער נײַער ספּעקטאַקל האָט צוגעצויגן א גרויסן אוילעם ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער. צווישן די צושויער זײַנען אָף דער פּרעמיערע בײַגעווען פיל געסט פון אויסלאַנד, צווישן זיי די אַמבאַסאַדאָרן פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אונגאַרן, עסטרײַך, ענגלאַנד, דענעמאַרק.

די שפּיל פון די אַקטיאָרן (מ. שווײַליך — אין דער הויפּטראָל), די קאָלאָריטפולע דעקאָראַציעס און די פאָלקסטימלעכע מוזיק האָבן אַרויסגערופן הייסע אַפּלאָדיסמענטן פון די צושויער.

די וואַרשעווער פּרעסע מערקט אָפּ די נײַע שטעלונג אַלס א באַדײַטנדיקע קינסטלערישע דערגרייכונג פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אין היסטאָרישן אינסטיטוט

איבער וועלכע פּראָבלעמען אַרבעט דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן בא הײַנטיקן טאָג? וויאַזוי ווערן אויסגענוצט די אוצרעס פון די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, די צאָלרײַכע דאָקומענטן, וועלכע דער אינסטיטוט האָט אָנגעזאַמלט נאָך דער מילכאָמע?

וועגן אָט די פראַגן איז ניט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט.

אין דער געבײַדע פון דעם אַנשטאַלט, וועלכע פאַרמאָגט דרײַ גרויסע זאַלן, געפינט זיך א מוזיי מיט צוויי אָפּטיילונגען: א באַשטענדיקע אויסשטעלונג, געווידמעט דער ייִדישער ווידערשטאַנדבאַוועגונג אין די יאָרן פון דער היטלער־הערשאַפט, און א בילדער־גאַלעריי. בלויז אין 1973 האָט די צאָל באַזוכער פונעם מוזיי באַטראָפן 4000 פּערזאָן.

צווישן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג־אַרבעטן, וועלכע דער אינסטיטוט וועט פאַרעפנטלעכן אין 1974 און טיילווײַז אין 1975, זײַנען אָף דער פאַרזאַמלונג אָנגערופן געוואָרן: דר. מאוריציאַרן — „ייִדן אין מיזרעך־גאַליציע ביזן 1648"; דאָצענט מאַריאַן פוקס — „די געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע, אָנהייבנדיק פונעם 19־טן יאָרהונדערט ביזן יאָר 1945"; אַנאַטאָל לעשטשינסקי — „ייִדן אין די דאָרעם־ביאַליסטאָקער שטעטלעך", די דאָקטאָר־דיסערטאַציע פון רוטא פּופּס־סאָקאָווסקאַ „דער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ".

צום אָנדענק פון עמאַנועל רינגעלבלום

אין די טראַגישע טעג פון מאַרט 1944 האָבן די היטלעריסטישע הענקער אומגעבראַכט אין וואַרשע דעם היסטאָריקער דר. עמאַנועל רינגעלבלום, וועלכער איז באַוווּסט ווי דער פּינקעסשרײַבער פון וואַרשעווער געטאָ און דער שעפער פונעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, א טייל פון וועלכן עס איז נאָך דער באַפרײַונג פון וואַרשע געפונען געוואָרן אונטער די כורוועס.

ווי באַקאַנט, זײַנען אייניקע מאַטעריאַלן פון דעם אַרכיוו שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן, צווישן זיי רינגעלבלומס „נאָטיצן פון געטאָ" און צוויי גרויסע בענדער „קסאָווים".

א היסטאָרישע סעסיע אין בעלגראַד

אין בעלגראַד איז פאָרגעקומען א סעסיע, געווידמעט דער מאַרטיראָלאָגיע פון די פעלקער פון יוגאָסלאַוויע בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די סעסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן אָרטיקן היסטאָרישן אינסטיטוט מיטן אָנטייל פון א ריי געלערנטע פון יוגאָסלאַוויע און אַנדערע לענדער.

מיט א רעפעראַט וועגן דעם טראַגישן גוירל פון די ייִדן אין די היטלעריסטישע לאַגערן זײַנען אַרויסגעטראָטן דער היסטאָריקער דר. יאַשאַ ראָמאַנאָ און דער פּאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די ייִדישע געמיינדעס אין יוגאָסלאַוויע דר. לאַוואָסלאַוו קאַדעלבורג.

פון די רעפעראַטן דערוויסן מיר זיך, אַז 75 טויזנט ייִדן האָבן ביזן 1940 געלעבט אין יוגאָסלאַוויע, די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט 80 פּראָצענט פון זיי.

צוגאַסט אין רעדאַקציע

אין די טעג פון די מײַ־יאָמטויווים האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד געווײַלט פילצאָליקע דעלעגאַציעס און טוריסטישע גרופּעס פון פאַרשיידענע לענדער. א ריי געסט האָבן באַזוכט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

דעם 5 מײַ זײַנען אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע אופגענומען געוואָרן צוויי גרויסע גרופּעס ייִדישע פאָלקס־מענטשן פון פּשא און אַרגענטינע. צווישן די געסט זײַנען געווען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אָף די באַגעגענישן האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס געענטפערט אָף פראַגן בעשײַכעס דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור.

צווישן די אויסלענדישע געסט זײַנען געווען פיל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען זיך אָפּגעשטעלט אָף די ווערק, וואָס דער זשורנאַל האָט אין די לעצטע נומערן פאַרעפנטלעכט.

צי ווייניק כ׳וויל, צי כ׳וויל א סאַך,
ווען מאַקריוו זײַן איך וויל די רו,
מײַן אָפּרו און מײַן שלאָף ביסטו
אין ערד־שטיבל, אין טכילעס נאַכט.

כאָטש ס׳האָט די שלאַכט אונדז שוין פאַרקנאַסט,
נאָר ביסט קיין ווײַב מיר ניט אַצינד,
דאָס וואָלט געווען א לײַכטער שפּאַס,
דאָס וואָלט געווען א שווערע זינד.

אין אונדזער ליבע וויפל כיין,
און וויפל מוט, און וויפל וויי,
איך ווייס: אָף ניט באַרירטן שניי
א כיעס און א שאָד צו גיין...

ווערבן מיט צוגאָבן[1]

ווערבן קומען אָפט מיט אקצענטי׳רטע צוגאָבן (קאָנווערבן). לעמאָשל:

צוגאָבן	אינפיניטיוו	
אהי׳נ־	אהינטאָן[2]	אהינקומען[3]
אונטער־	אונטערבעטן[4]	אונטערהאלטן[5]
ארונ׳טער־	ארונטערפירן[6]	ארונטערציִען[7]
אווע׳ק־	אוועקשיקן[8]	אוועקפליִען[9]
אנטקע׳גנ־	אנטקעגנשטיין[10]	אנטקעגנשטעלן[11]
אני׳דער־	אנידערלייגן[12]	אנידערזעצן[13]
אָנ־	אָנהייבן[14]	אָנשרײַבן[15]
אומ־	אומפאלן[16]	אומקומען[17]
ארו׳מ־	ארומלויפן[18]	ארומפײַלן[19]
אופ־	אופהייבן[20]	אופקומען[21]
ארו׳ף־	ארופלויפן[22]	ארופשלעפן[23]
אויס־	אויסזעגן[24]	אויסמעסטן[25]
ארוי׳ס־	ארויספאָרן[26]	ארויספליִען[27]
איבער־	איבערגעבן[28]	איבערזעצן[29]
ארי׳בער־	אריבערווארפן[30]	אריבערשלעפן[31]
אײַנ־	אײַנהייצן[32]	אײַנבירגערן[33]
ארײַ׳נ־	ארײַנשלעפן[34]	ארײַנווארפן[35]
אָפ־	אָפפירן[36]	אָפקומען[37]
ארא׳פ־	אראָפזעצן[38]	אראָפווארפן[39]
אפי׳ר־	אפירקוקן[40]	אפירשפרינגען[41]
בײַ־	בײַזײַן[42]	בײַקומען[43]
דורכ־	דורכקוקן[44]	דורכרייניקן[45]
מיט־	מיטנעמען[46]	מיטארבעטן[47]
נאָכ־	נאָכמאכן[48]	נאָכיאָגן[49]
פאנאנ׳דער־	פאנאנדערנעמען[50]	פאנאנדערשנײַדן[51]
פארבײַ׳־	פארבײַלויפן[52]	פארבײַפירן[53]
פאָר־	פאָרלייגן[54]	פאָרשטעלן[55]
פאָרוי׳ס־	פאָרויסזאָגן[56]	פאָרויסזען[57]
פיר־	פירגעבן[58]	פירהאלטן[59]
צו־	צובינדן[60]	צוּווארפן[61]
צוזא׳מענ־	צוזאמענשטעלן[62]	צוזאמענרופן[63]
צונוי׳פ־	צונויפלייגן[64]	צונויפנייען[65]
צורי׳ק־	צוריקטרעטן[66]	צוריקשפרינגען[67]

אייניקע צוגאָבן זײַנען סינאָ׳נימיש[68]. לעמאָשל: צוזאמענרופן־צונויפרופן; צוזאמענשטעלן־צונויפשטעלן. סינאָנימיש זײַנען אויך דער צוגאָב „פאנאנדער־״ און דער פרעפיקס „צע־״: פאנאנדערנעמען־צענעמען; פאנאנדערשנײַדן־צעשנײַדן. א צוגאָב איז אָבער מיט אן אקצענט, א פרעפיקס איז אָן[69].

און אייניקע צוגאָבן זײַנען אנטאָ׳נימיש (קאָנטראַסטן). לעמאָשל: ארופלויפן — אראָפלויפן; אריבערווארפן — ארונטערווארפן; ארײַנגיין — ארויסגיין; אָפפירן — צופירן; פאנאנדערנעמען — צונויפנעמען.

צוגאָבן זײַנען טיילמאָל פאראן אויך בא סובסטאנטיוון[70]. לעמאָשל: אויסגעשריי[71], אויסלאנד[72]; אָפגאָט[73], אָפגרונט[74].

בא פארטיציפן פון ווערבן מיט צוגאָבן איז דער פרעפיקס „גע־״ צווישן[75] דעם צוגאָב און דער ווערבא׳לער באזע. לעמאָשל: אהינ־גע־טאָן, אהינ־גע־קומען, אונטער־גע־בעט. בא א פארטיציפ פון א ווערב, וואָס האָט א צוגאָב און א פרעפיקס, איז דער „גע־״ צווישן דעם צוגאָב און דעם פרעפיקס. לעמאָשל: אויס־גע־פאר־קויפט, אויס־גע־דער־ציילט. אָפט קומט א פארטיציפ פון אזא׳ ווערב אָן דעם „גע־״ אויך: אויספארקויפט, אויסדערציילט.

Перевод: 1) ударяемые глагольные «добавления» (конвербы), выражающие главным образом пространственные отношения и служащие при инфинитиве, партиципе и герундиве (деепричастие) приставками, а при личных глаголах как бы наречием (см. ниже); 2) де(ва)ть; 3) де(ва)ться; 4) подстилать; 5) поддерж(ив)ать; 6) сво-

дить (вниз); 7) стаскивать (вниз); 8) отсылать, усылать; 9) улетать; 10) противостоять; 11) противопоставлять; 12) положить; 13) посадить; 14) начинать; 15) написать; 16) свалиться; 17) погибать; 18) обежать; 19) обтачивать; 20) поднимать; 21) возникать, появляться; 22) взбежать; 23) втаскивать (наверх); 24) выпиливать; 25) вымерять, измерять; 26) выезжать; 27) вылетать; 28) переда(ва)ть; 29) пересаж(ив)ать; переводить (на другой язык); перенабирать (типографский текст); 30) перебрасывать; 31) перетаскивать; 32) затапливать (печь); 33) внедрять, вкоренять; 34) втягивать, втаскивать; 35) вбрасывать; 36) отвозить, отводить; 37) убавляться; отделаться (от чего-нибудь); 38) ссаживать, снижать, смещать; 39) сбрасывать, низвергать; 40) выглядывать (из-под); 41) выскакивать (из-под); 42) присутствовать; 43) преодоле(ва)ть, осили(ва)ть; 44) просматривать; 45) прочищать; 46) брать с собой; 47) сотрудничать; 48) подражать, поддел(ыв)ать; 49) преследовать; 50) разбирать, разнимать; 51) разрез(ыв)ать; 52) пробежать (мимо); 53) провозить (мимо), проводить (мимо); 54) предлагать; 55) представлять; 56) предсказ(ыв)ать; 57) предвидеть; 58) предлагать; 59) упрекать; 60) привяз(ыв)ать; 61) подбрасывать; 62) составлять; 63) соз(ы)вать; 64) складывать; 65) сши(ва)ть; 66) отступать; 67) отскакивать (обратно); 68) синонимичны — одинаковы по смыслу; 69) без; 70) существительные; 71) восклицание; 72) заграница; 73) идол; 74) бездна, пропасть; 75) между.

(בוזי האָט געוויינט)

בוזי האָט געוויינט. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט[1]. אירע פּלייצעס האָבן אופגעציטערט[2]. און זי האָט געוויינט אַלע מאָל שטאַרקער[3] און שטאַרקער.

אַזוי[4] וויינט אַ קליין קינד[5], וואָס דערפילט[6], אַז עס האָט פאַרלוירן טאַטע־מאַ׳מע[7].

אַזוי וויינט אַ געטרײַ׳ע מוטער[8] אף איר קינד, וואָס מע האָט דאָס בײַ איר צוגענומען.

אַזוי וויינט אַ יונגפרוי[9], וואָס באַקלאָגט איר געליבטן[10], וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון איר[11].

אַזוי וויינט אַ מענטש, וואָס באַקלאָגט זײַן אייגענע וועלט[12], וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פיס[13] (ש אָ ל ע ם ־ א ל ײ כ ע ם. „שיר־השירים”).

שרײַבט אַרויס די ווערבן (מיט די הילפווערבן) פונעם פאָריקן פראַגמע׳נט[14].

Перевод: 1) спрятала лицо в руках; 2) плечи её вздрагивали; 3) всё сильнее; 4) так; 5) малое дитя; 6) когда (которое) почувствует; 7) что потеряла отца и мать; 8) преданная мать; 9) девушка; 10) оплакивающая своего возлюбленного; 11) отвернувшегося от нее; 12) над своей жизнью; 13) выскользнувшей из-под его ног; 14) отрывок.

צ ו ג אָ ב ן ב ײַ פ ע ר ז אָ ׳ נ י ק ע ו ו ע ר ב ן

בײַ פערזאָניקע ווערבן (אין קעגנוואַרט) קומען די צוגאָבן נ אָ ך[1] די ווערבן און בײַ־זונ׳דער[2]. פאַרגלײַכט[3] לעמאָשל:

צ ו ק ו נ פ ט: מיר וועלן הײַנט אָנהייבן די אַרבעט אין שול.

פ אַ ר ג אַ נ ׳ ג ע נ ה ײַ ט: מיר האָבן הײַנט אָנגעהויבן די אַרבעט אין שול.

ק ע ג נ וו אַ ר ט: מיר ה ײ ב ן הײַנט אָ ן די אַרבעט אין שול.

צווישן די פערזאָניקע ווערבן און די צוגאָבן קאָנען זײַן אַלערלײ׳[4] זאַצגלידער. זעט לע־מאָשל:

פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה ײַ ט: מיר זײַנען די לעצטע טעג[5] זייער פרי אופגעשטאַנען[6].

ק ע ג נ וו אַ ר ט: מיר ש ט ײ ע ן זייער פרי א ו ף די לעצטע טעג; מיר ש ט ײ ע ן די לעצטע טעג זייער פרי א ו ף.

דאָס וואָרט „ניט” בײַ אַ פערזאָניקן ווערב מיט אַ צוגאָב קומט פאַר דעם צוגאָב. לעמאָשל: מיר הייבן די אַרבעט נ י ט אָ ן אָן[7] דעם בריגאַדיר. איך גיב אײַך די ביכער נאָך נ י ט א וו ע ק: איך דאַרף זיי צו דער אַרבעט.

אַזוי איז אויך בײַ דער ב אַ פ ע ל ־ פ אָ ר מ ע: שטיי(ט) אוף און הייב(ט) אָן די אַרבעט. גיב (גיט) די ביכער נאָך ניט אוועק.

טרעט אָן אף אַ קאָטשערע[8], וועט זי אויך אָפּשפּרינגען[9].

לייג ניט אָפּ[10] אף מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן[11].

קוקט זיך צו צום סיידער[12] פון די ווערטער און צו זייערע פאָרמעס אין די ווײַטערדיקע זאַצן פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל”[13].

מײַן ברודער עליע פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן כיידער[14]... (דער טאַטע) לייגט אַרוף[15] אף מײַן פּאָנעם אַ הייסע[16] האַנט מיט ביינעריקע פינגער[17]... דער דאָקטער נעמט אים אָן בײַ דער טרוקענער[18] הייסער האַנט... דאָבציע (דעם כאַזנס מיידעלע)[19] כאַפּט מיך אַרום[20] מיט אירע דאַרע הענטלעך[21] און טשעפּעט זיך אָן[22] מיט די דינע פינגערלעך[23]. צווישן די קלעצער[24] וואַקסן שטעכלקעס מיט קריגעלעך[25]. די שטעכלקעס זײַנען גוט אף צו שטעכן, און די קריי־געלעך בלאָזט מען אָן[26] און מע טוט זיי אַ קנאַק[27] אָן שטערן[28] — פּלאַצן[29] זיי.

שרײַבט אָן די פאָריקע זאַצן אין צוקונפט. דאָס וואָרט „אָנעמען” (אָנ+נעמען) איז אין סאָוועטישן יידיש מיט איין „נ”. „מע טוט זיי אַ קנאַק” וועט אין צוקונפט זײַן: מע וועט זיי אַ קנאַק טאָן.

Перевод: 1) после; 2) отдельно; 3) сравните; 4) разные члены предложения; 5) последние дни; 6) очень рано встали; 7) без; 8) наступи на кочергу; 9) отскочит; 10) не откладывай; 11) обеспечить; 12) порядок; 13) «Мальчик Мотл» (кантора Пейси); 14) комната; 15) кладет; 16) горячая; 17) костлявые пальцы; 18) сухая; 19) девочка кантора; 20) обхватывает; 21) тощие ручки; 22) уцепляется; 23) тонкие пальчики; 24) бревна; 25) колючки с кувшинчиками; 26) надувают; 27) хлопают; 28) по лбу; 29) лопаются.

צוגאָבן קומען טיילמאָל אָן די גרונטווערבן[1]. לעמאָשל: הײַנט זײַנען די קראָמען[2] צ ו (=צוגעמאכט)[3]. דער דאָקטער בייזערט זיך[4], פּאַרוואָ'ס מע האַלט דאָס פענצטער[5] צ ו.

זעט אויך אין די ווײַטערדיקע זאצן פון „מאָטל פייסי דעם כאזנס יינגל".

דער גאָרטן[6] איז ניט א ר י ב ע ר צו רוון דעם עפּל־ייִד[7]... מיט א ווונק[8] האָט מיר די מאמע באוויזן, איך זאָל א ר ו ף אפן טיש[9]... איינמאָל אין א שיינעם פרימאָר'גן[10] זײַנען אלע זײַנע בעקערס[11] אופגעשטאנען, צונויפגענומען די קלומקעס[12] און זײַנען א ו ו ע ק[13]... איך הייב אוף די אויגן[14] — אָן אײַנגעלויף בא אונדז אין שטוב[15]... ייִדן און ווײַבער... דער א ר ו י ס, דער א ר ײַ ן[16]...

אין די דאָזיקע זאצן זײַנען די צוגאָבן „אריבער, ארוף, אוועק, ארויס, ארײַן" — אָנשטאָט[17] די ווערבן „אריבערגעגאנגען, ארופגיין, אוועקגעגאנגען, גייט ארויס, גייט ארײַן".

צוגאָבן דארף מען ניט מישן מיט פ ר ע פ א ז י צ י ע ס. לעמאָשל: אינעם זאץ „דער טאַטע רופט מיך צו צו זיך" איז דער ערשטער[18] „צו" א צוגאָב („רופט צו"), דער צווייטער[19] — א פרעפאָזיציע. מע קאָן דעם ערשטן „צו" אוועקשטעלן צום סאָף[20] — דער טאַטע רופט מיך צו זיך צו — אלצײַ'נס[21] וועט דער דאָזיקער „צו" זײַן א צוגאָב.

Перевод: 1) без основных глаголов; 2) лавки, магазины; 3) закрыты; 4) злится, сердится; 5) окно; 6) сад; 7) не перешел к яблочнику Рувину; 8) кивок; 9) чтобы я влез на стол; 10) однажды в одно прекрасное утро; 11) пекаря; 12) котомки; 13) ушли; 14) подымаю глаза; 15) стечение, тревога у нас в доме; 16) этот выходит, тот входит; 17) вместо; 18) первый; 19) второй; 20) в конце; 21) всё равно.

[איך און בוזי]

איך קאָן נישט לײַדן[1], אז בוזי זיצט פארזאָר'גט[2]. איך זעץ מיך אווע'ק נעבן איר אף די קלעצער[3] און וויל איר צעשלאָ'גן די געדאנ'קען[4].

איך האַלט די הענט אין די קעשענעס[5], קלינג מיט די ניס[6] און זאָג צו איר:

— טרעף, וואָס קאָן איך טאָן[7], אז איך וויל?

— וואָס קאָנסטו טאָן?

— אז איך וויל, גייען אי'בער[8] אלע דײַנע ניס צו מיר.

— וועסט זיי בא מיר אָפּ'געווינען?[9]

— ניין, מיר וועלן אפי'לע נישט אָנהייבן שפּילן[10].

— וואָס זשע, וועסט זיי בא מיר אוועק'נעמען מיט גוואַלד?[11]

— ניין, זיי גייען אליי'ן ארי'בער צו מיר[12].

זי הייבט או'ף אירע שיינע אויגן אף מיר[13]. אירע שיינע בלויע שיר־האשי'רים־אויגן[14].

איך זאָג צו איר:

— דו מיינסט אפּאָ'נעם[15], אז איך טרײַב קאַטאָ'וועס?[16] איך האָב, נארעלע, אזא' שפּרוך[17]... איך זאָג א פּאָסעק[18]... •

זי עפנט או'ף די אויגן נאָך שטאַרקער[19]. איך פיל מיך גרויס[20]. איך גיב איר צו פאַרשטיי'ן[21], ווי א גרויסער, ווי א העלד[22]:

— מיר, ייִנגלעך, קאָנען אלצדי'נג[23] (ש א ל ע ם־א ל יי'כ ע ם. „שיר־השי'רים").

Перевод: 1) я не переношу (не могу терпеть); 2) когда Бузя грустна (озабочена); 3) я сажусь около нее на бревнах; 4) рассеять (разбить) её мысли; 5) я держу руки в карманах; 6) громыхаю орехами; 7) угадай, что я могу сделать; 8) перейдут; 9) ты их выиграешь у меня?; 10) нет, мы даже не начнем играть; 11) что же, ты их у меня силой отберешь? 12) они сами ко мне перейдут (переходят); 13) она поднимает на меня свои красивые глаза; 14) свои красивые голубые (синие) глаза из «Песни песней»; 15) ты, вероятно (возможно), думаешь; 16) что я шучу; 17) у меня есть, глупенькая, такой заговор; 18) скажу слово (изречение) такое; 19) она еще шире раскрывает глаза; 20) я чувствую себя великим; 21) я даю ей понять; 22) как большой, как герой; 23) мы, мальчики, всё умеем.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

ט י ק ן־ט א ע ס

אין נומ. 4 פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1974 דארף אונטערן ארטיקל „דער נײַער „ביראָבידזשאנער שטערן" (ז. 171) זײַן אָפּגעמערקט, אז צום ערשטן מאָל איז דאָס ארטיקל געדרוקט געווען אין דער בוענאָס־אײַרעסער פּראָגרעסיווער צײַטונג „אונדזער לעבן" און דער מעכאבער איז צאַלעל בליץ.

טײַערע לײענער!

אויב איר האָט אויסגעשריבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ בלויז אויף 6 כאַדאָשים, פאַרגעסט ניט באַצײַטנס באַנײַען די אַבאָנירונג אויפן צווייטן האַלבן יאָר.

אונטערשרײַבן זיך אויפן זשורנאַל (אינדעקס 70821) קאָנט איר אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט“ און אין אַלע פּאָטשט־אָפּטיילונגען.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 223-96-07

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/V 1974 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1324.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

©Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 6

1 9 7 4

■

В НОМЕРЕ:

175 лет со дня рождения А. С. Пушкина. Стихи поэта в переводе Д. Гофштейна.

И. Фаликман. Огонь и пепел (роман. Продолжение).

Стихи А. Вергелиса, М. Грубиана, А. Кацева.

По следам событий. Очерки Х. Заена, Я. Шварцмана, Л. Вертлиба, Я. Крочека, Ш. Грузберга.

Рассказы Г. Добина, Т. Гена.

Публицистика

Борьба против идеологии и практики сионизма — жизненная необходимость для народа Израиля, для всех прогрессивных сил (документ XVII съезда Коммунистической партии Израиля).

Люди, их время и судьбы. Очерки И. Чичельницкого и Я. Рубияна.

И. Любомирский. К 75-летию народного артиста РСФСР В. Зускина.

Краткие рецензии. Наши сообщения. Библиография произведений А. С. Пушкина, изданных на еврейском языке. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation